STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10284

SOTSYALE DENKER UN KEMFER

David Shub

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאָציאַלע דענקער און קעמפער

אין צוויי בענד

דוד שוב

סאָציאַלע דענקער און קעמפֿער

צווייטער באַנד

אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג
שלמה מענדעלסאָן-פֿאָנד
ביי דער געזעלשאַפֿט „קולטור און הילף“
מעקסיקע, ד. פֿ. 1968

Social Thinkers and Fighters for Freedom and Justice

V o l u m e   I I

Copyright by
M O N A   S H U B

Published by

FARLAG MENDELSON FOND OF THE SOCIETY
FOR CULTURE AND ASSISTANCE.

Printed in Mexico

PENSADORES Y LUCHADORES SOCIALES

V o l u m e n   I I

Editado por

EL FONDO MENDELSON, DE LA SOCIEDAD
PRO-CULTURA Y AYUDA

Impreso en México, por:
"IMPRENTA MODERNA PINTEL", S. A.
Dr. Garciadiego No. 28
México 7, D. F.
1968

א י נ ה אַ ל ט

ז י י ט

פּיאָטר קראָפּאָטקין — — — — — — — — — — — — — — — — 9
יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ — — — — — — — — — — — — — — 65
אהרן זונדעלעוויטש — — — — — — — — — — — — — — — — — 83
ווערא פֿיגנער — — — — — — — — — — — — — — — 115
הערמאַן לאָפּאַטין — — — — — — — — — — — — — — — — — 129
סערגיי סטעפּניאַק־קראַווטשינסקי — — — — — — — — — — — — — 171
געאָרגי פּלעכאַנאָוו — — — — — — — — — — — — — — — — — 201
זשאַן זשאָרעס — — — — — — — — — — — — — — — — 269
עדואַרד בערנשטיין — — — — — — — — — — — — — — — — — 305
קאַרל קאַוטסקי — — — — — — — — — — — — — — — — — 347
וויקטאָר טשערנאָוו — — — — — — — — — — — — — — — — — 385
ביבליאָגראַפֿיע — — — — — — — — — — — — — — — — 399



פּיאָטר קראַפּאָטקין

(1921 — 1842)

פיאָטר קראָפּאָטקין

(1921 — 1842)

1

ווען עס זיינען צוערשט ארויס אין ענגליש פּיאָטר קראָפּאָטקינס „מעמוארן פון א רעוואָלוציאָנער", האָט דער באַרימטער אייראָפּעאישער ליטעראַטור־קריטיקער געאָרג בראַנדעס געשריבן אין דעם פאָרוואָרט צו די דאָזיקע מעמוארן:

„היינט־צו־טאָג זיינען פאַראַן נאָר צוויי גרויסע רוסן, וועלכע דענקען פאַרן רוסישן פאָלק און וועמענס געדאַנק עס געהערט דער מענטשהייט: לעוו טאָלסטאָי און פּיאָטר קראָפּאָטקין. הגם די צוויי מענטשן אונטערשיידן זיך ראַדיקאַל איינער פון צווייטן, קען מען דאָך אָנמערקן א פּאַראַלעל אין זייער לעבן און אין זייער אויפפאַסונג פון לעבן. טאָלסטאָי איז א קינסטלער, קראָפּאָטקין — א געלערנטער. אָבער אין דעם לעבן פון דעם און פון יענעם איז געווען א מאָמענט, ווען זיי האָבן ניט געקענט מער געפינען קיין באַרואיקונג אין זייער ארבעט, אין וועלכער יעדער פון זיי האָט אריינגעטראָגן זיינע גרויסע געבוירענע פעאיקייטן. טאָלסטאָין האָבן געצוווּנגען ארונטערצוגיין פון דעם וועג, אויף וועלכן ער איז ביז דאַן געגאַנגען, רעליגיעזע באַטראַכטונגען, קראָפּאָטקינען — סאָציאַלע באַטראַכטונגען. ביידע האָבן ליב די מענטשהייט און ביידע פאַראורטיילן שטרענג די גלייכגילטיקייט, די געדאַנקען־אָרעמקייט, די גראָבקייט און גרויזאַמקייט פון די העכערע קלאַסן. זיי ביידן ציט צו די „דערנידעריקטע און באַליידיקטע".

מיט א פיר־פינף יאָר שפּעטער האָט טאָלסטאָי געשריבן צו זיין פריינט וולאַדימיר טשערטקאָוו: „ווען מען ליגט קראַנק, דענקט זיך גוט... אין פאַרלויף פון דער איצטיקער קראַנקהייט האָבן מיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט דעראינערונגען. (מיטגעהאָלפן אין דעם האָט דאָס לייענען פון קראָפּאָטקינס פּרעכטיקע מעמוארן). און אין א מאָנאַט ארום האָט טאָלסטאָי

ווידער געשריבן צו טשערטקאָוון, וועלכער האָט דאַן געלעבט אין לאָנדאָן און ער פֿלעגט זיך דאָרט אָפֿט באַגעגענען מיט קראַפּאָטקינען: „גיט איבער אין מיין נאָמען מער ווי אַ גרוס קראַפּאָטקינען. איך האָב ניט לאַנג צוריק געלייענט זיינע מעמוארן און האָב זיך זייער דערנענטערט מיט אים".

זייער ווייניק מענטשן, האָט בראַנדעס געשריבן, זיינען אַזוי גוט באַקאַנט מיטן לעבן פֿון אַלע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט, ווי קראַפּאָטקין. דאָס איז דערפֿאַר וואָס ער האָט געלעבט צווישן זיי. ער איז געבוירן געוואָרן אַ פֿירשט. ער האָט געפֿירט אַ לעבן פֿון אַן אַריסטאָקראַט און פֿון אַ האָרעפּאַשניק. ער איז געווען אַ קאַמערפּאַזש פֿון דעם רוסישן צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן. ער איז געווען אַ סטודענט, אַן אָפֿיצער, אַ געלערנטער, אַן אויספֿאָרשער פֿון אומבאַקאַנטע לענדער, אַ הויכער-רעגירונגס-באַאַמטער און אַ רעוואָלוציאָנער. שפּעטער אין גלות איז אים אָפֿט אויסגעקומען צו לעבן ווי אַ רוסישער פּויער אויף ברויט מיט טיי. די צאַרישע פּאָליציי האָט אים איבעראַל נאָכגעשפּיאָנירט. מען האָט אים געוואָלט דערמאָרדן, פּונקט ווי מען האָט דערמאָרדעט דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. זייער ווייניק מענטשן אויף דער וועלט האָבן אַזוי פֿיל איבערגעלעבט, ווי ער.

„קראַפּאָטקין, האָט בראַנדעס געשריבן, זאָגט אויף זיך אַליין, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער און דאָס איז דורכאויס אמת. אָבער עס זיינען זעלטן פֿאַראַן אַזוינע הומאַניטאַרע און ווייך-הערציקע רעוואָלוציאָנערן, ווי ער... ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין נקמה-זוכער, נאָר איז אַלעמאָל געווען אַ מאַרטירער. ער האָט ניט געפֿאָדערט קיין זעלבסט-אויפֿאָפּפֿערונג פֿון אַנדערע. ער האָט דאָס שטענדיק איבערגעלאָזט פֿאַר זיך. דעם גאַנצן לעבן האָט ער אַזוי געהאַנדלט".

קראַפּאָטקין האָט, נאָכדעם ווי בראַנדעס האָט וועגן אים געשריבן די דאָזיקע ווערטער, נאָך געלעבט מיט אַ פֿולן לעבן עטלעכע-און-צוואַנציק יאָר. דורך דער צייט האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ רייע נייע וויכטיקע ווערק. ער האָט דערלעבט צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן ווי אַזוי די זון פֿון פֿרייהייט איז ענדלעך אויפֿגעגאַנגען אין זיין היים-געליבטן פֿאָטערלאַנד און ווי אַזוי זי איז נאָכדעם אויסגעלאָשן געוואָרן אין דעם בלוטיקן בירגערקריג. וועלטן האָבן זיך אין אָט די עטלעכע און צוואַנציק יאָר איבערגעקערט, קראַפּאָטקין אָבער איז ביזן טויט פֿאַרבליבן דער זעלבער ריטער פֿון פֿרייהייט, דער זעלבער גרויסער אידעאַליסט און גרויסער הומאַניטאַריער, וואָס ער איז געווען פֿון זיין פֿריסטער יוגנט אָן.

פּיאָטר קראָפּאָטקין איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע אין יאָר 1842. זיין טאַטע־מאַמע האָבן ביידע געשטאַמט פון דער העכסטער רוסישער אַריס־טאָקראַטיע. קראָפּאָטקינס טאַטע איז געווען ניט סתם אַ פּירשט און אַ גע־נעראַל, נאָר איינער, וואָס האָט דירעקט אָפּגעשטאַמט פון דעם ערשטן הער־שער פון רוסלאַנד, פּירשט ריוריק. אין רוסלאַנד פלעגט אַרומגיין אַ ווערטל, אַז קראָפּאָטקין, האָט מער רעכט אויפן רוסישן טראָן, ווי די מיטגלידער פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, מחמת די ראָמאַנאָווס האָבן ניט געשטאַמט פון ריוריקן, און די לעצטע רוסישע קייסאָרים האָבן אין זיך געהאַט מער דייט־שיש בלוט, ווי רוסישן.

קראָפּאָטקינס אור־עלטערן זיינען געווען צווישן די יעניקע רוסישע פירשטן און קריגס־פירער, וועלכע האָבן אויפגעבויט די רוסישע מלוכה, און קראָפּאָטקינס טאַטע האָט שטאַרק שטאָלצירט מיט זיין גרויסן יחוס.

קראָפּאָטקינס מאַמע איז אויך געווען אַ טאָכטער פון אַ גענעראַל. זי איז פאַר איר צייט געווען אַ מערקווירדיקע פרוי. זי איז געווען זייער אַ שיינע, אַ געבילדעטע, אַ פרייליכע און האָט פאַרמאָגט אַן אַרטיסטישע נאַ־טור. זי איז נאָך קיין דרייסיק יאָר ניט אַלט געווען, ווען זי האָט זיך איינ־מאָל אויף אַ באַל פאַרקילט, האָט געקראָגן אַ לונגן־ענטצינדונג און איז אינגיכן געשטאָרבן פון שווינדזוכט. פּיאָטר קראָפּאָטקין איז דעמאָלט אַלט געווען דריי און אַ האַלב יאָר. אַ חוץ אים זיינען געווען נאָך דריי קינדער, צוויי ייִנגלעך און אַ מיידל. פּיאָטר, אָדער פּעטיאַ, ווי מען האָט אים גערופן, איז געווען דער מיזיניק. דער צווייטער ברודערל זיינער, אַלעקסאַנדער, איז אַלט געווען פינף יאָר. קראָפּאָטקין האָט גוט געדענקט זיין מאַמען. ער דער־ציילט אין זיינע מעמואַרן ווי אַזוי מען האָט אין דעם טאָג, ווען זי איז געשטאָרבן, אים מיטן עלטערן ברודערל אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער גע־ביידע אויפן הויף, ווי אַזוי ביי די ניאַנקעס זייערע זיינען די פּנימער געווען נאַס פון טרערן, ווי אַזוי מ'האָט אים מיטן ברודער אַוועקגעלייגט שלאָפן, נאָר זיי האָבן עפּעס לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן און זיינען ענדלעך אויפגעשפּרונגען פון זייערע בעטלעך און געפרעגט: „ווו איז די מאַמע?" ווו איז די מאַמע?" ער געדענקט ווי אַזוי די פרויען האָבן אָנגעהויבן וויינען אויפן קול און גלעטן זייערע געקרויזטע קעפּעלעך און ווי ענדלעך האָט איינע פון די פרויען ניט אויסגעהאַלטן און האָט זיי געזאָגט: „אייער מאַמע איז אַוועקגעפלויגן אַהין, אין הימל אריין צו די מלאכים".

וואָס דאָס מיינט האָבן די קינדערשע מחלעך דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען.

אין פיל יאָרן אַרום, נאָך דער מאַמעס טויט, דערציילט קראָפּאָטקין, האָט ער אין זייער דאָרפישן מאַיאָנטעק געפונען אין אַ באַהאַלטענעם ווינקל אַ סך פּאַפּירן, וואָס זיינען געווען פאַרשריבן מיט איר פעסטער און

שיינער האַנטשריפֿט. דאָס איז געווען איר טאָג־בוך, אין וועלכן זי האָט באַשריבן איר רייזע איבער דייטשלאַנד, די שיינקייט פֿון דער נאַטור אין דייטשלאַנד, און האָט דערציילט וועגן אירע זאָרגן און וועגן איר דורשט נאָך גליק. דאָרט זיינען אויך געווען העפֿטן מיט פֿאַרבאָטענע רוסישע געדיכטן, צווישן זיי אויך די לידער פֿון דעם דיכטער רילעיעוו, וועלכער איז הינגע־ריכטעט געוואָרן פֿאַר זיין אָנטייל אין דעם ערשטן רעוואָלוציאָנערן אויפֿ־שטאַנד אין רוסלאַנד אין יאָר 1825. אין אַנדערע העפֿטן זיינען געווען פֿאַרשידענע נאָטן, ווי אויך פֿראַנצויזישע דראַמען און באַיראָנס פּאָעמעס. קראַפּאָטקין האָט דאָרט אויך געפֿונען אַ סך אַקוואַרעלן (וואַסער־קאָלירן), וואָס זיין מאַמע האָט אַליין געמאָלן.

אין יענע צייטן האָט אין רוסלאַנד נאָך געהערשט לייב־אייגנטום אָדער „פּאָנסטשיזנע", ווי די יידן פֿלעגן עס רופֿן. די פּויערים זיינען געווען דער אייגנטום פֿון די פּריצים. כמעט יעדער פּריץ האָט פֿאַרמאָגט אַ געוויסע צאָל פּויערים־שקלאַפֿן, וועלכע מען פֿלעגט קויפֿן און פֿאַרקויפֿן ווי פֿי. קראַפּאָטקינס טאַטע האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ פּאָר טויזנט שקלאַפֿן. די פּויערים האָבן געוויינלעך געהאַסט זייערע פּריצים, וועלכע פֿלעגן זיי אָפֿט באַהאַנדלען אַ סך ערגער ווי פֿי. קראַפּאָטקינס מאַמען אָבער האָבן אויך די פּויערים שטאַרק ליב געהאַט, ווייל זי איז געווען אַ זעלטן גוט־האַרציקער מענטש. די הויז־באַדינער און דינסטן האָבן איר איינפֿאַך פֿאַר־געטערט, און צוליב איר אָנדענק האָבן זיי אויך שטאַרק ליב געהאַט אירע קינדער.

קראַפּאָטקין דערציילט ווי אַזוי איינע פֿון די דינסטן פֿלעגט אין אָוונט פֿאַרן שלאָף זיי איבערצלמען און פֿלעגט אָפֿט זאָגן: „אָרעמע יתומימלעך, איצט קוקט אייער מאַמעלע פֿון הימל אַרונטער אויף אייך און זי וויינט נאָך אייך".

זייער אָפֿט פֿלעגט אַ פּויערטע, באַגעגנדיק זיי ערגעץ אויפֿן פֿעלד, פֿרעגן ביי זיי: „וועט איר אויסוואַקסן אַזוינע גוטע מענטשן, ווי אייער מאַמע איז געווען? זי האָט אויף אונדז רחמנות געהאַט, וועט איר אויך אויף אונדז רחמנות האָבן?..."

„אונדז" האָט געמיינט די פּויערים, די שקלאַפֿן.

„איך ווייס ניט", שרייבט קראַפּאָטקין, „וואָס עס וואָלט פֿון אונדז גע־וואָרן, ווען מיר וואָלטן ניט געפֿונען אין אונדזער הויז צווישן אונדזערע באַדינער יענע אַטמאָספֿערע פֿון ליבע, מיט וועלכער קינדער דאַרפֿן זיין אַרומגערינגלט. מיר זיינען געווען די קינדער פֿון אונדזער מאַמען, מיר זיי־נען געווען ענלעך אויף איר און דערפֿאַר האָבן די פּויערים־שקלאַפֿן אַרויס־געוויזן צו אונדז אַזוי פֿיל ליבע".

„מענטשן דורשטן נאָך אומשטערבלעכקייט. זיי באַמערקן אָבער אָפּט ניט דעם פאַקט, אַז די דעראַינערונג וועגן אמת־גוטע מענטשן לעבט אייביק. זי, די דעראינערונג, שטעמפּלט זיך אָפּ אויפן צווייטן דור און גיט זיך דערנאָך ווידער איבער בירושה צו די קינדער".

פון זיין מאַמען האָט קראָפּאָטקין געירשנט ניט נאָר זיין שיינעם פּנים, נאָר אויך זיינע פעאיקייטן, זיין אויסערגעוויינלעך דעליקאַטע נאַטור און זיין גילדענע נשמה.

אין צוויי יאָר אַרום נאָך דער מאַמעס טויט, האָט קראָפּאָטקינס טאַטע געהייראַט אַ צווייטן מאָל. די צוויי יינגערע זין זיינע, פּיאָטר און אַלעקסאַנדער, האָבן באַקומען אַ זייער גוטע דערציאונג. צו פינף יאָר האָט שוין פּיאָטר געקאָנט לייענען און שרייבן. מען האָט פאַר זיי געהאַלטן עטלעכע לערער. אין די זונטיקס פלעגן זיי אָפּט פאָרן צו־גאַסט צו זייערע אַריסטאָקראַטישע קרובים.

פּיאָטר אין נאָך קיין אַכט יאָר ניט אַלט געווען, ווען מען האָט אים איין מאָל גענומען צו אַ מאַסקאַראַד־באַל, וואָס די מאָסקווער אַריסטאָקראַטיע האָט פאַראַנשטאַלטעט לכבוד דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן. ניקאָלאַי אַליין איז דאָרט אַנוועזנד געווען און פּעטיאַס זיידע, דער פירשט גאַגאַרין, האָט דעם שיינעם אייניקל אויפגעהויבן אויף די הענט און אוועקגעשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרמע, וווּ דער קייסער איז געזעסן. דאָרט איז אויך געזעסן דער נאַסליעדניק, דעם קייסערס עלטסטער זון אַלעקסאַנדער צוזאַמען מיט זיין פרוי מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. זי האָט דעמאָלט געשוואַנגערט מיטן דריטן קינד. אירע ערשטע צוויי קינדער זיינען געווען מיידלעך. ניקאָלאַי וועלכער האָט ליב געהאַט פאַרשידענע סאָלדאַטסקע חכמות, האָט אָנגענומען פאַרן האַנט דעם קליינינקן פּעטיאַן, האָט אים צוגעפירט צו דער שנור און האָט מעשה סאָלדאַט אַ זאָג געטאָן: „אָט אַזוינע חברהלייט דאַרף איך האָבן!"...

דער צאַר האָט אים דערנאָך טראַקטירט מיט בייגעלעך און די איידעלע און גוטע מאַריאַ פיאָדאָראָוונאַ האָט אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויף אַ שטול. פּעטיאַ איז אינגיכן איינגעשלאָפן, אַוועקלענענדיק דעם קאָפּ ביי איר אין שויס, און זי איז די גאַנצע צייט פון באַל ניט אויפגעשטאַנען פון פּלאַץ, כדי אים ניט אויפצואוועקן. דעם זעלבן אָוונט האָט דער קייסער באַפוילן צו פאַרשרייבן פּעטיאַן פאַר אַ קאַנדידאַט אינם פּאַזשען־קאָרפּוס, וווּ עס האָבן זיך געלערנט די מיטגלידער פון דער קייזערלעכער משפּחה.

צו 15 יאָר איז קראָפּאָטקין טאַקע אָנגעקומען לערנען זיך אין פּאַזשען־קאָרפּוס און אין יאָר 1861 איז ער פון דעם נייעם קיסר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן באַשטימט געוואָרן אַלס קאַמער־פּאַזש.

דוד שוב

אין יאָר 1862 איז קראַפּאָטקין ווי אַ אָפיצער אַריינגעטראָטן אין אַ קאָזאַקן־רעגימענט, וועלכער האָט זיך געפונען אין וויטן־מזרח, דאָרט איז ער אָפּגעווען פינף יאָר.

נאָך אַלס קינד האָט ער אַ סך געליינט. אין פּאַזשען־קאָרפּוס האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַ גרויסער אינטערעס צו וויסנשאַפט. דער פּאַזשען־קאָרפּוס האָט זיך געפונען אין פּעטערבורג, און אין פּעטערבורג האָט גע־לעבט קראַפּאָטקינס שוועסטער. זי איז געווען פאַרהייראַט און איר מאַן האָט פאַרמאָגט אַ רייכע ביבליאָטעק, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די בעסטע ווערק פון די פראַנצויזישע געלערטע און פילאָזאָפן. אַ סך פון די דאָזיקע ביכער זיינען דאַן געווען פאַרבאָטן אין רוסלאַנד. קראַפּאָטקין פלעגט יעדן שבת אָוונט קומען צו דער שוועסטער און פלעגט ביז שפּעט אין דער נאַכט לייענען די דאָזיקע ווערק. ער האָט אויך שטאַרק ליב גע־האַט פּאָעזיע. זיינע באַליבטסטע קעגנשטאַנדן זיינען דעמאָלט געווען מאַטע־מאַטיק, פיזיק און אַסטראָנאָמיע. אָבער מער פון אַלץ האָט אים שוין אויך דעמאָלט אינטערעסירט דער לעבעדיקער מענטש מיט זיינע ליידן און פריידן.

קראַפּאָטקין דערציילט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט איינמאָל איינער פון זייערע הויז־דינער זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט, האָט קראַפּאָטקינס טאַטע באַפוילן, אַז מען זאָל אים געבן דרייסיק הונדערט שמיץ. דאָס איז דאַן געווען אַ געוויינלעכע שטראָף, אָבער אויף דעם קליי־נעם פּעטיאַן האָט עס געמאַכט אַן דערשיטערנדיקן איינדרוק, און ווען מען האָט זיך דערנאָך געזעצט צום טיש מיטאָג עסן, זיינען ער און זיין ברו־דערל אַלעקסאַנדער געזעסן פאַראומערטע און האָבן זיך ניט געוואָלט צורירן צום עסן. ענדלעך האָט מען אַריינגערופן דעם געשמיסענעם הויז־דינער. ער איז אַריינגעקומען אַ בלאַסער, מיט אַ פאַרקרימט פּנים, אַ דער־נידעריקטער און מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגן.

„טרערן האָבן מיך געשטיקט״, דערציילט קראַפּאָטקין. „נאָכן מיטאָג בין איך אַרויסגעלאָפן, האָב אָנגעיאָגט מאַקאַרן (דעם הויז־דינער) אין פינסטערן קאָרידאָר און האָב געוואָלט אַ קוש־טאָן זיין האַנט, אָבער ער האָט זי אַרויסגעריסן און אַ זאָג־געטאָן: „לאָז מיך אָפּ, ווען דו וועסט אויסוואַקסן, וועסטו דאָך אויך זיין אַזאַ, ווי דיין טאַטע?״

„ניין, ניין, קיינמאָל ניט!״ — האָט פּעטיאַ אים פאַרזיכערט. און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

2

ווי אַן אָפּיצער האָט קראָפּאָטקין אַ סך אַרומגערייזט איבער סיביר, מאַנדזשוריע און צפון־כינע.

אין יאָר 1867 האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין פּעטערבורג און איז אָנגעקומען שטודירן אין דאָרטיקן אוניווערזיטעט אויפן פיזיק־מאַטעמאַטישן פאַקולטעט. אין אוניווערזיטעט האָט ער זיך באַזונדערס פאַרנומען מיט געאָגראַפיע און געאָלאָגיע. אין אַ יאָר אַרום איז ער אינגאַנצן אַרויסגעטראָטן פון דער אַרמיי און איז אָנגעקומען אַרבעטן אין צענטראַלן סטאַטיסטישן קאָמיטעט פון דער רעגירונג. אין דער זעלבער צייט איז ער אויך דערוויילט געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון דער קייזערלעכער געאָגראַפישער געזעלשאַפט און איז געוואָרן איר סעקרעטאַר. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ ראַדיקאַל.

אין יאָר 1872 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט געלעבט אין דער שווייץ און אין בעלגיע. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט די מיטגלידער פון דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און ער איז צוגעשטאַנען צו דעם אַנאַרכיסטישן פליגל פון אינטערנאַציאָנאַל פון וועלכן מיכאַאיל באַקונין איז געווען דער פירער.

מיט אייניקע מאָנאַטן שפּעטער, ווען קראָפּאָטקין האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּעטערבורג, איז ער גלייך אַרייַנגעטראָטן אין דעם געהיימען רעוואָלוציאָנערן קרייזל, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם יידישן רעוואָלוציאָנער מאַרק נאַטאַנסאָן און וועלכער האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען דער „טשאַיקאָווסקי קרייזל". (איינער פון די גרינדער און הויפּט־טוער פון יענעם קרייזל איז געווען דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער רעוואָלוציאָנער ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי).

„קיין מאָל שפּעטער", שרייבט קראָפּאָטקין אין זיינע מעמואַרן, „האָב איך ניט באַגעגנט אַזאַ גרופּע פון אידעאַל־ריינע און מאָראַליש־הויכע פּערזענלעכקייטן, ווי די צוואַנציק מענטשן, וועלכע איך האָב באַגעגנט אויף דער ערשטער זיצונג פון דעם טשאַיקאָווסקי־קרייזל. איך שטאָלציר עד היום, וואָס מען האָט מיך אַרייַנגענומען אין דער דאָזיקער משפּחה".

צו יענער צייט זיינען צווישן די מיטגלידער פון קרייזל פאָרגעקומען היציקע דעבאַטן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ ריכטונג זיי זאָלן געבן זייער טעטיקייט. אַ טייל זיינען געווען דערפאַר, אַז מען זאָל ווייטער פאָרזעצן די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער שטודירנדער יוגנט. אַנדערע האָבן געדענקט, אַז דער איינציקער ציל פון קרייזל דאַרף זיין צוצוגרייטן מענטשן, וועלכע זאָלן זיין גרייט אויפצואוועקן די אַרבעטנדע מאַסן און

דעריבער דאַרף די הויפּט־טעטיקייט זיין צווישן די אַרבעטער פֿון די שטעט און צווישן די פּויערים פֿון די דערפֿער. די זעלבע דיסקוסיעס זיינען דע־מאָלט אָנגעגאַנגען אויך אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פֿון אַנדערע שטעט און אומעטום האָט די צווייטע ריכטונג ביסלעכווייז גענומען די אויבערהאַנט.

די מיטגלידער פֿונם טשאַיקאָווסקי־קרייזל האָבן באַלד איינגעזען די נויטווענדיקייט פֿון פּאָליטישער פֿרייהייט פֿאַרן לאַנד. די פֿראַגע פֿון אַגי־טירן פֿאַר אַ קאָנסטיטוציע אין לאַנד פֿלעגט שטענדיק אויפֿגעהויבן ווערן אין דעם טשאַיקאָווסקי־קרייזל און קראָפּאָטקין האָט פֿאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל באַשליסן די פֿראַגע אַהין אָדער אַהער.

„אויב איר וועט באַשליסן צו אַרבעטן פֿאַר אַ קאָנסטיטוציע", האָט קראָפּאָטקין זיך געווענדט צו זיינע חברים, „איז מיין פּלאַן אַזאַ: איך וועל זיך לפּנים וועגן אָפּזאָגן פֿון אייך. וועל שטייען אין פֿאַרבינדונג בלויז מיט איין מיטגליד פֿון קרייזל, לאָמיר זאָגן, מיט טשאַיקאָווסקין, וועלכער וועט מיך אינפֿאָרמירן וועגן אייער אַרבעט, און איך פֿון מיין זייט וועל אים איבערגעבן אין אַלגעמיין וואָס איך טו. מיין אַרבעט וועט זיין צווישן די מענטשן פֿון קייזערלעכן הויף און צווישן די הויכע רעגירונגס־באַאַמטע. איך האָב שוין צווישן זיי אַ סך באַקאַנטע און איך קאָן פֿיל, וואָס זיינען אומצופֿרידן מיט די עקזיסטירנדע צושטאַנדן. איך וועל זיי אַלעמען צו־זאַמענברענגען און, אויב מעגלעך, פֿאַראייניקן אין אַ מין אָרגאַניזאַציע און מיט דער צייט וועט זיך זיכער מאַכן אַ געלעגנהייט אויסצונוצן אָט־די אַלע כחות אויף צו צווינגען דעם קיסר, אַז ער זאָל געבן אַ קאָנסטיטוציע. עס וועט זיכער קומען אַ צייט, ווען אָט־די אַלע מענטשן, פֿילנדיק, אַז זיי זיינען קאָמפּראָמעטירט, וועלן אין זייערע אייגענע אינטערעסן זיין געצ־וווּנגען צו מאַכן אַן אַנטשיידענעם שריט. אויב נויטיק קענען אייניקע פֿון אונדז, וועלכע זיינען געוועזענע אָפֿיצערן, באַהילפֿיק זיין אין פֿאַרשפּרייטן די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אָפֿיצערן אין דער אַרמיי. אָבער די דאָזיקע טעטיקייט מוז אינגאַנצן זיין אָפּגעזונדערט פֿון אייערער, הגם ביידע טע־טיקייטן פֿירן צו איין־און־דעם זעלבן ציל. איך האָב ערשט נאָכגעדענקט וועגן דעם. איך ווייס וואָסערע פֿאַרבינדונגען איך האָב און אויף וועמען מען קען זיך פֿאַרלאָזן, און איך גלויב, אַז אייניקע אומצופֿרידענע קוקן שוין אויף מיר ווי אויף אַ מעגלעכן מיטלפּונקט פֿאַר אַזאַ טעטיקייט. דעם דאָזיקן שריט וויל איך אַליין ניט מאַכן. אָבער אויב איר דענקט, אַז דאָס איז דאָס בעסטע, וועל איך זיך איבערגעבן צו דעם מיט לייב און לעבן".

דער טשאַיקאָווסקי־קרייזל האָט דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג ניט אָנגענומען, און קראָפּאָטקין האָט זיין גאַנצע טעטיקייט געווידמעט דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּעטערבורגער אַרבעטער.

אויף דעם אויפֿטראָג פֿון דעם קרייזל האָט קראָפּאָטקין אָנגעשריבן אַ בראָשור אונטערן נאָמען „צי דאַרפֿן מיר זיך פֿאַרנעמען מיט באַטראַכטן דעם אידעאַל פֿון דער צוקונפֿטיקער אָרדנונג?" די דאָזיקע בראָשור איז געווען אַ מין פּראָגראַם פֿון טעטיקייט ניט נאָר פֿאַר די מיטגלידער פֿון דעם פּעטערבורגער קרייזל, נאָר אויך פֿאַר די רעוואָלוציאָנערן פֿון די אַנדערע שטעט. קראָפּאָטקין האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן די בראָשור. ער האָט פּערזענלעך אויך אָנגעפֿירט אַן ענערגישע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער, הויפּטזעכלעך צווישן די פּעטערבורגער וועבער. ער האָט אויך געלייענט פֿאַר די אַרבעטער לעק־ציעס איבער דער געשיכטע פֿון דער אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג. די אַלע פֿאַרזאַמלונגען זיינען, פֿאַרשטייט זיך, פֿאָרגעקומען אויף געהיימע אָדער „קאָנספּיראַטיווע", ווי מען האָט דאָס גערופֿן, קוואַרטירן, ווייל אַפֿילו האַלטן אַן אומשולדיקע לעקציע פֿאַר אַרבעטער וועגן דער געשיכטע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַנדערע לענדער איז אין יענע יאָרן אין צאַרישן רוסלאַנד געווען שטרענג פֿאַרבאָטן און ווען די פּאָליציי פֿלעגט אַנטדעקן אַזאַ פֿאַרזאַמלונג, פֿלעגט מען אַרעסטירן ניט נאָר דעם לעקטאָר, נאָר אויך זיינע צוהערער, און זייער אָפּט פֿלעגט מען זיי אַן אַ משפּט פֿאַר אָט דעם „שרעקלעכן פֿאַרברעכן" פֿאַרשיקן קיין סיביר.

וועגן דער ערשטער אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג אין פּעטערבורג, וואָס קראָ־פּאָטקין האָט אין יאָר 1873 באַזוכט, האָט ער שפּעטער דערציילט אין זיינע מעמואַרן:

„די פֿאַרזאַמלונג איז פֿאָרגעקומען אין אַ קעלער, אין אַ פֿינסטערן ציי־מער. איך בין געווען אָנגעטאָן ווי אַ פּויער און האָב זיך פֿאַרלאָרן אין דער מאַסע פֿון די איבעריקע שעפּסענע פּעלצן. מיין חבר, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט די אַרבעטער, האָט מיך פֿאָרגעשטעלט איינפֿאַך: „באָ־ראָדין, אַ פֿריינט". „דערצייל אונדז, באָראָדין — האָט ער געזאָגט — וואָס דו האָסט געזען אין אויסלאַנד".

„באָראָדין" (קראָפּאָטקין) האָט זיי דערציילט וועגן דער אַרבעטער־באַ־וועגונג אין מערב־אייראָפּע, וועגן אירע קאַמפֿן, שוועריקייטן און האָפֿע־נונגען. דער עולם, וואָס איז באַשטאַנען מערסטנס פֿון מיטליאָריקע אַרבע־טער, איז געווען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס ער האָט זיי דערציילט, און זיי האָבן אים פֿאַרוואָרפֿן מיט פֿראַגן וועגן די אַלע איינצל־

הייטן פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג אין אייראָפּע און אויך וועגן דעם וואָס מען קען טאָן אין רוסלאַנד.

„איך האָב קיין מאָל ניט פֿאַרמינערט די געפֿאַר פֿון אונדזער אַרבעט", שרייבט קראָפּאָטקין, „און האָב אָפּגעהאַרציק געזאָגט, וואָס איך האָב גע־דענקט, אַז אונדז וועט מען וואַרשיינלעך פֿאַרשיקן קיין סיביר אין איינעם פֿון די טעג און אויך — אַ טייל פֿון אייך — וועט מען אָפּהאַלטן מאָנאַטן לאַנג אין טורמע דערפֿאַר וואָס איר הערט זיך צו צו אונדז". אָבער דאָס האָט די אַרבעטער ניט אָפּגעשראָקן. „נאָך אַלעמען זיינען דאָך אין סיביר אויך פֿאַראַן מענטשן, ניט נאָר בערן". „ווו מענטשן לעבן, קענען אַנדערע אויך לעבן". „דער טייוול איז ניט אַזוי שוואַרץ ווי מען מאָלט אים". „ווען מען האָט מורא פֿאַר וועלף, גייט מען ניט אין וואַלד", — אָט די באַמער־קונגען האָבן זיך געהערט, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די אַרבעטער. שפּעטער, ווען מערערע פֿון זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרן, האָבן זיי כמעט אַלע זיך געהאַלטן מוטיק, באַשיצנדיק אונדז און ניט פֿאַרראַטנדיק קיינעם".

דעם 23טן מערץ, 1874, איז קראָפּאָטקין אַרעסטירט געוואָרן אויפֿן גאַס. אויפֿן פּערזענלעכן באַפֿעל פֿון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט מען אים איינגעשפּאַרט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג אין אַן איינצלנער קאַמער.

אַרעסטירט געוואָרן איז ער צוליב דעם, וואָס ביי איינעם פֿון די רעוואָ־לוציאָנערן האָט די זשאַנדאַרמעריע געמאַכט אַ רעוויזיע און געפֿונען ביי אים דעם מאַנוסקריפּט פֿון קראָפּאָטקינס אויבנדערמאָנטער בראָשור, וועל־כע די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אָפּגעדרוקט. די זשאַנ־דאַרן האָבן אויסגעפֿונען, אַז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דער בראָשור איז קראָ־פּאָטקין. ביי קראָפּאָטקין אַליין האָט מען בעתן אַרעסט געפֿונען אַ „פּראָג־ראַם פֿון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע". די זשאַנדאַרמעריע האָט פֿאַר־דעכטיקט, אַז ער אַליין איז טאַקע דער פֿאַרפֿאַסער אויך פֿון דער דאָזיקער פּראָגראַם.

איינמאָל, ווען מען האָט דעם אַרעסטירטן קראָפּאָטקינען גענומען אויף אַ פֿאַרהער, האָט דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק, וואָס האָט אים אויסגע־פֿרעגט, מיט גרויס געפֿיל פֿאַרגעלייענט פֿאַר אים הויך אויפֿן קול זיין בראָשור און ער, קראָפּאָטקין, האָט נאָכגעפֿאָלגט נאָכן מאַנוסקריפּט וואָרט פֿאַר וואָרט. פּלוצלונג האָט דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק זיך אָפּ־געשטעלט און האָט זיך געווענדעט צו אים מיט אַזאַ פֿראַגע:

„צי דענקט איר טאַקע, פֿירשט, אַז דאָס קען פֿאַרווירקלעכט ווערן פֿריער ווי אין צוויי הונדערט יאָר אַרום? שיין, אויסגעצייכנט, אָבער

פֿריער ווי אין צוויי הונדערט יאָר אַרום וועט דאָס וואָס איר שילדערט ניט זיין"...

„און דערווייל, זייט מוחל, הייסט עס, פֿוילט אין טורמע, ניט אַזוי?" — האָט קראָפּאָטקין סאַרקאַסטיש באַמערקט, — „דערפֿאַר וואָס איך האָב פֿאָרויסגעזען מיט צוויי הונדערט יאָר פֿריער?..."

דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק האָט גאָרניט געענטפֿערט, נאָר ער האָט פֿאָרגעלייגט קראָפּאָטקינען אַ פּאַפּיראָס.

איינמאָל, ווען קראָפּאָטקין איז אַזוי געזעסן אין זיין האַלב־פֿינצטערער קאַמער אין פעסטונג, האָט זיך די טיר פֿון דער קאַמער פּלוצלונג האַסטיק אָפּגעטאָן און עס איז אַריינגעקומען דער גרויספֿירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס ברודער. ער איז אַריינגעקומען אין דער באַגלייטונג בלויז פֿון זיין אַדיוטאַנט און די טיר האָט זיך גלייך פֿאַרשלאָסן הינטער זיי. דער גרויספֿירשט איז שנעל צוגעקומען צו קראָפּאָטקינען, מיט וועמען ער איז געווען זייער גוט באַקאַנט, האָט אים באַגריסט מיט אַ פֿריינטלעכן „גוט מאָרגן, קראָפּאָטקין!" און האָט באַלד זיך צו אים געווענדעט ווי צו אַ גוטן באַקאַנטן מיט אַ פֿראַגע: „ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, קראָפּאָטקין, אַז איר, אַ קאַמער־פּאַזש, אַ וואַך־מייסטער פֿון פּאַזשען־קאָרפּוס, זאָלט זיין פֿאַרמישט אין אַזוינע זאַכן, און זאָלט זיך איצט געפֿינען אין אָט דעם שרעקלעכן קאַזעמאַט?"

„יעדער איינער האָט זיך זיינע אייגענע איבערצייגונגען", האָט קראָפּאָטקין קאַלטבלוטיק געענטפֿערט.

דער גרויספֿירשט האָט ניט אַנדערש געוואָלט דערגיין ביי קראָפּאָטקינען ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. קראָפּאָטקין האָט אויף אַלע זיינע פֿראַגן געענטפֿערט:

„איך בין אַלעמאָל געווען דער זעלבער".

„וואָס הייסט!" — האָט דער גרויספֿירשט מיט שרעק אויסגערופֿן, — „זייט איר שוין געווען אַזעלכער אויך אין פּאַזשען־קאָרפּוס?".

„אין פּאַזשען־קאָרפּוס בין איך געווען נאָך אַ יינגל, און דאָס וואָס עס איז נאָך אומקלאָר, ווען מען איז אַ יינגל, ווערט קלאָר, ווען מען ווערט אַ מאַן".

דער גרויספֿירשט האָט אים געשטעלט נאָך אַ פּאָר פֿראַגן און ווען קראָפּאָטקין האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין גרויס חשק מיט אים אַריינצולאָזן זיך אין אַ וויכוח וועגן זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, האָט דער גרויספֿירשט אַן אַנטוישטער פֿאַרלאָזן די קאַמער.

ערשט אין דעצעמבער 1874 האָט מען קראָפּאָטקינען דערלויבט צו זען זיך אין דער פֿעסטונג מיט זיין שוועסטער און מיטן ברודער אַלעקסאַנדער.

אינגיכן האָט מען דעם ברודער אויך אַרעסטירט. אַלעקסאַנדער איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער. ער האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט וויסנשאַפֿט. ער איז געווען באַפֿריינט מיט דעם באַרימטן סאָציאַליסטישן דענקער פּיאָטר לאַווראָוו, וועלכער האָט דעמאָלט געלעבט אין לאָנדאָן און האָט דאָרט אַרויסגעגעבן אַ רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל. באַלד נאָכדעם ווי אַלעקסאַנדער האָט באַזוכט דעם ברודער אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג, האָט ער אָנגעשריבן לאַווראָוון אַ בריוו. אין דעם בריוו האָט ער אויסגעדריקט זיין זאָרג וועגן זיין ברודערס געזונט־צושטאַנד. ער האָט אויך דערציילט וועגן די פֿיל אַרעסטן, וואָס קומען פֿאָר אין פּעטערבורג און אין אַנדערע שטעט, און האָט אָפֿן אַרויסגעזאָגט זיין האַס צום רוסישן דעספּאָטיזם. דער בריוו איז אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער געהיים־פּאָליציי. און אינגיכן האָט אַ גאַנצע כאַפּטע זשאַנדאַרן און פּאָליציאַנטן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ זשאַנדאַרמסקן אָפֿיצער און פֿון פּראָקוראָר זיך אין מיטן נאַכט אַריינגעריסן צו אַלעקסאַנדערן אין הויז און גענומען זוכן און נישטערן דאָרט געווער אָדער פֿאַרבאָטענע ליטעראַטור. זיי האָבן, פֿאַרשטייט זיך, גאָרניט געפֿונען. אַלעקסאַנדער קראַפּאָטקין אָבער איז געווען שטאַרק ענטריסטעט פֿונם אופֿן ווי אַזוי די רעוויזיע איז דורכגעפֿירט געוואָרן און ער האָט מיט זיין געוויינלעכער אָפֿנהאַרציקייט זיך געווענדעט צום זשאַנדאַרמסקן אָפֿיצער: „קענן אייך, קאַפּיטאַן, קען איך ניט זיין אויפֿגעבראַכט. איר האָט באַקומען אַזאַ נישטיקע בילדונג, אַז איר פֿאַרשטייט קוים וואָס איר טוט. אָבער איר, הער — האָט ער זיך געווענדעט צום פּראָקוראָר און געזאָגט, — איר ווייסט דאָך וואָס פֿאַרא ראָלע איר שפּילט אין דעם אַלעם. איר האָט דאָך באַקומען אַן אוניווערזיטעט־בילדונג. איר קאָנט דאָך דעם געזעץ און ווייסט, אַז איר אַליין טרעט מיט די פֿיס דעם געזעץ און איר דעקט־צו מיט אייער אָנוועזנהייט די געזעצלאָזיקייט פֿון אָט די מענטשן. איר, גנעדיקער הער, זייט איינפֿאַך אַ לומפּ“.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אים באַלד אַרעסטירט. מ'האָט אים אייניקע מאָנאַטן געהאַלטן אין טורמע און דערנאָך פֿאַרשיקט קיין סיביר. קראַפּאָטקינס שוועסטער האָט זיך געווענדעט מיט אַ ביטע צום קיסר, אַז מען זאָל אַלעקסאַנדערן באַפֿרייען, ווייל ער איז ווירקלעך געווען אומשולדיק. איר ביטע האָט דערלאַנגט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אין האַנט אַריין זייער קאָזין, דער פֿירשט דמיטרי קראַפּאָטקין, וועלכער איז דעמאָלט געווען כאַרקאָווער גענעראַל־גובערנאַטאָר און דעם קיסרס אַ ליבלינג. דער צאַר האָט איבערגעלייענט די ביטע און האָט אָנגעשריבן אויף איר: „זאָל ער ווייטער זיצן“.

אַלעקסאַנדער קראַפּאָטקין האָט פֿאַרבראַכט אין סיביר צוועלף יאָר. ער איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסער אַסטראָנאָם. ער האָט אָבער ניט געקענט איבערטראָגן די איינזאַמקייט און דעם אומעט, האָט ער זיין פֿרוי און קינדער אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע און אַליין איז ער באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד. (דאָס איז געשען שוין מיט יאָרן שפּעטער, ווען פּיאָטר קראַפּאָטקין האָט שוין געלעבט אין אויסלאַנד).

3

די גאַנצע צייט, וואָס פּיאָטר קראַפּאָטקין איז געזעסן אין פּעטראָפּאַוו־לאָווסקער פֿעסטונג, האָבן זיינע חברים אין פּעטערבורג ניט אויפֿגעהערט צו טראַכטן ווי אַזוי באַפֿרייט מען אים פֿון דאָרט. נאָכדעם ווי ער איז אָפּגע־זעסן אין דער פֿעסטונג באַלד צוויי יאָר, איז ער קראַנק געוואָרן און די קרו־בים זיינע האָבן אויסגעווירקט ביי דער רעגירונג, אַז מען זאָל אים איבער־פֿירן אין אַ שפּיטאָל. מען האָט אים דאַן איבערגעפֿירט אין דער אַרעס־טאַנטן־אָפּטיילונג פֿון אַ פּעטערבורגער מיליטערישן שפּיטאָל.

יעדן טאָג, אַרום פֿיר אַ זייגער נאָכמיטאָג, פֿלעגט מען אים אַרויספֿירן אויפֿן הויף אויף אַ שפּאַציר פֿאַר אַ שעה צייט. דער הויף איז געווען ביי אַ דריי הונדערט טריט די לענג און מער ווי צוויי הונדערט טריט אין דער ברייט און איז געווען אין גאַנצן באַדעקט מיט גראָז. דער טויער פֿון הויף איז אָפֿט געווען אָפֿן. אין עק פֿון הויף איז געשטאַנען די טורמע. אויף דער אַנטקעגנדיקער זייט פֿון הויף האָבן פּויערים דעמאָלט גראָד געהאַלטן אין אויסלאָדן פֿון וועגענער האָלץ אויף צו הייצן. דער הויף איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּאַרקן פֿון דיקע ברעטער. דער טויער איז שטענדיק לאַנג געשטאַנען אָפֿן, כדי אַריינצולאָזן און אַרויסצולאָזן די וועגענער.

גלייך דעם ערשטן טאָג, ווען מ'האָט קראַפּאָטקינען אַרויסגעפֿירט אויפֿן שפּאַציר, האָט ער באַשלאָסן ביי זיך, אַז דאָ האָט ער אַ געלעגנהייט צו אַנטלויפֿן. ער האָט אויסגעאַרבעט דעם פֿאָלגנדן פּלאַן, וועלכן ער האָט איבערגעשיקט אין אַ פֿאַרשטעלטער שפּראַך צו זיינע חברים אויף דער פֿריי: אַ דאַמע זאָל צופֿאָרן אין אַן אָפֿענער קאַרעטע צום טויער פֿון טורמע, זי זאָל אַרויס פֿון דער קאַרעטע און די קאַרעטע זאָל בלייבן וואַרטן אויף איר אויף דער גאַס, ביי אַ פֿופֿצן טריט פֿון טורמע. ווען מען וועט אים, פֿיר אַ זייגער בייטאָג, אַרויספֿירן אויפֿן הויף שפּאַצירן, וועט ער אַ געוויסע צייט האַלטן זיין הוט אין האַנט. דערמיט וועט ער געבן אַ סיגנאַל דעם רעוואָלו־

ציאָנער, וואָס וועט פֿאַרבייגיין דעם טויער, אַז אַלץ איז אין טורמע איז אין אָרדענונג. די חברים פֿון דרויסן זאָלן אים דאַן ענטפֿערן מיט אַ סיגנאַל אַז די גאַס איז פֿריי און אַז ער קען לויפֿן. ער וועט אַרויסלויפֿן פֿון טויער, וועט אַרויפֿשפּרינגען אויף דער קאַרעטע און זיי וועלן דאַן שנעל אַנטלויפֿן.

„עס זיינען געמאַכט געוואָרן אויך אַ פּאָר אַנדערע פֿאָרשלאָגן", שרייבט קראַפּאָטקין, „אָבער ענדלעך האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אָט אויף דעם פּראָיעקט. אונדזער קרייזל האָט זיך גענומען פֿאַר דער זאַך. מענטשן, וועלכע האָבן מיך קיינמאָל ניט געקענט, האָבן אָנטיילגענומען אין דעם, פּונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ברודער, וועלכער איז זיי טייער".

איינער פֿון די רעוואָלוציאָנערן האָט זיך באַלד באַזעצט אין אַ הויז, די פֿענסטער פֿון וועלכעס עס זיינען אַרויסגעקומען פּונקט אַנטקעגן דעם טורמע־שפּיטאָל. פֿון די פֿענסטער פֿון דער וווינונג האָט מען גוט געזען דעם הויף, אויף וועלכן קראָפּאָטקין פֿלעגט שפּאַצירן. איינער פֿון קראַ־פּאָטקינס פֿריינט האָט פֿאַר צוויי טויזנט מיט פֿינף הונדערט רובל גע־קויפֿט אַ פֿערד, וואָס האָט ערשט מיט אַ קורצער צייט פֿריער געוווּנען דעם ערשטן פּרייז אויף די פֿערד־געיעגן אין פּעטערבורג. ער האָט אויך געקויפֿט אַ גוטע באַקוועמע קאַרעטע. פֿאַר אָט דעם טייערן פֿערד האָט מען אויך גע־דאַרפֿט האָבן אַ זייער געניטן קוטשער, איבערהויפּט דאַן, ווען אים וועט אויסקומען אַוועקצופֿירן דעם אַנטלאָפֿענעם. און אַ געניטער „קוטשער" האָט זיך באַלד געפֿונען צווישן די רעוואָלוציאָנערן. אַ חוץ דעם האָט מען אויך געמוזט האָבן אַ „פּאַסאַזשיר", וועלכער זאָל העלפֿן דעם אַרעסטאַנט אַרויפֿ־שפּרינגען אויף דער קאַרעטע און דערנאָך אים העלפֿן שנעל איבערצוטאָן זיך. די דאָזיקע ראָלע האָט אויף זיך גענומען דער אייגנטימער פֿון דעם פֿערד. כדי אָבער קראָפּאָטקין זאָל קענען אומגעשטערט אַרויסלויפֿן אויפֿן גאַס, איז נויטיק געווען אַוועקצופֿירן אין אַ זייט דעם וועכטער, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ ביקס אין דרויסן, ניט ווייט פֿון טורמע. דאָס האָט גענו־מען אויף זיך איינער פֿון די רעוואָלוציאָנערן, וועלכער איז געווען אַ מייס־טער צו פֿאַרשטעלן זיך פֿאַר אַ נאַאיוון פּראָסטן נייגעריקן מענטשן, וועל־כער איז אַ ביסל אונטערגעשנאַשקעט. מען האָט אויך געמוזט זען אַוועק־פֿירן פֿון זיין פּאָסטן דעם פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גאַס ניט ווייט פֿון שפּיטאָל. איינער פֿון די רעוואָלוציאָנערן האָט אויסגעפֿונען, אַז ביי אָט דעם פּאָליציאַנט איז פֿאַראַן אַ צימער צו פֿאַרדינגען. האָט ער אין דער שעה, וואָס קראָפּאָטקין האָט געמוזט אַנטלויפֿן, פֿאַרפֿירט מיטן פּאָליציאַנט וועגן דעם אַ געשפּרעך און ער האָט אים איינגערעדט אַריבערצוגיין מיט אים שנעל אַהיים און וויזן אים דאָס צימער. אַן אַנדער רעוואָלוציאָנער האָט זיך אויפֿן עק גאַס אוועקגעזעצט אויף אַ קלעצל מיט

א היטל פול מיט קארשן אין די הענט. ער האָט געזען אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף די גאַסן און האָט פון דאָרט געגעבן סיגנאַלן צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אַנטקעגן אויף דער קוואַרטיר קעגנאיבער דעם טורמע־שפּיטאָל. ער האָט געוואָרפן די קארשן אין מויל אריין, ווען ער האָט אויף דער גאַס ניט געזען קיין שטערונגען. אַזוי שנעל אָבער ווי ער פלעגט באַמערקן אַ וועלכע־ניט־איז געפאַר, פלעגט ער גלייך אויפהערן וואַרפן די קאַרשן אין מויל אַריין.

אַן אַנדער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז געווען אַ גוטער פידל־שפּילער, האָט געזאָלט, לויט די צייכנס פון דעם וואָס איז געזעסן אויפן גאַס און האָט געשלונגען די קאַרשן, געבן די סיגנאַלן צו קראַפּאָטקינען. ער האָט געזאָלט שפּילן אויפן פידל „ווען די גאַס איז פריי" און אויפהערן, ווען עס איז געווען עפּעס אַ געפאַר אָדער אַ שטערונג.

אין דער באַשטימטער שעה איז צום טויער פון שפּיטאָל צוגעפאָרן קראַפּאָטקינס פריינט, אַנגעטאָן אין אַ היטל פון אַ נאָבעלמאַן מיט אַ רויטן באַנד און מיט אַ קאָקאַרדע. געקומען איז ער אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגער דאַמע, וועלכע איז אין אויסזען געווען ענלעך צו אַ סטודענטין פון די מעדיצינישע קורסן, וואָס האָבן זיך געפונען ביים שפּיטאָל. די דאַמע איז אַראָפּ פון דער קאַרעטע און איז צוגעקומען צום טויער. איר באַגלייטער איז אַוועקגעפאָרן אַ ביסל אָן אַ זייט, אַזוי ווי ער וואָלט געבליבן וואַרטן אויף איר צוריקקומען.

קראַפּאָטקינס פריינט האָבן פריער צוגעגרייט אַ מאַנטל און צוויי צו־זאַמענגעלעגטע צילינדער־הוט, כדי ווען קראַפּאָטקין וועט אַרויפשפּרינגען אויף דער קאַרעטע, זאָלן זיי ביידע קענען זיך איבערטאָן שנעל און מען זאָל זיי ניט קענען דערקענען.

אַלץ איז געשען אַזוי ווי מען האָט פריער אויסגערעכנט. אין דער באַשטימטער שעה איז קראַפּאָטקין אַרויס אויפן הויף שפּאַצירן און ווען די פידל האָט אָנגעהויבן שפּילן, איז ער שנעל אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס.

„צו מיין שרעק", האָט מען יאָרן שפּעטער דערציילט קראַפּאָטקין, „האָב איך באַמערקט, אַז אין דער קאַרעטע איז געזעסן אַ ציווילער מענטש, וועל־כער האָט געטראָגן אַ מיליטערישע היטל. ער איז געזעסן, ניט אומקערנדיק דעם קאָפּ צו מיר. „פאַררעטער!" איז געווען מיין ערשטער געדאַנק. די חברים האָבן אין זייער לעצטן בריוו געשריבן: „איינמאָל וועסטו שוין זיין אויפן גאַס, גיב זיך ניט אונטער. עס וועלן דאָרט זיין פריינט דיך צו פאַרטיי־דיקן, אויב עס וועט נויטיק זיין", און איך האָב ניט געוואָלט אַריינשפּרינ־גען אין דער קאַרעטע".

ווען קראַפּאַטקין איז אָבער צוגעקומען נענטער צו דער קאַרעטע האָט ער באַמערקט, אַז דער מאַן, וואָס איז דאָרט געזעסן, האָט געהאַט רויטע באַקנבאָרדן און ער האָט אויסגעזען ווי זיינער אַ פֿריינט. דער דאָזיקער פֿריינט איז אַליין ניט געווען קיין מיטגליד פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן קרייזל. ער איז אָבער געווען זייער אַ מוטיקער מענטש און האָט סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

„ווי קומט ער אַהער? איז דאָס מעגלעך?" — האָט קראַפּאָטקין אַ טראַכט געטאָן און ער האָט געוואָלט אויסשרייען זיין נאָמען. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, און לויפֿנדיק האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, כדי צוציען צו זיך זיין אויפֿמערקזאַמקייט. דער מאַן האָט אומגעקערט דעם קאָפּ צו קראַפּאָטקינען און קראַפּאָטקין האָט אים גלייך דערקענט.

„שפּרינגט אַריין געשווינד, געשווינד!" — האָט ער געשריען מיט אַ שרעקלעכן קול, האַלטנדיק אַ רעוואָלווער אין האַנט, און ווען קראַפּאָטקין איז ענדלעך אַרויפֿגעשפּרונגען, האָט ער גענומען שרייען צום „קוטשער": „גאַלאָפּ, גאַלאָפּ. איך וועל דיר טויטן!"

אין איין רגע איז דאָס פֿערד, געטריבן פֿון דעם געניטן קוטשער, אוועקגעפֿלויגן פֿון שפּיטאָל. אויפֿן וועג האָט קראַפּאָטקין אָנגעטאָן דעם מאַנטל און דעם צילינדער־הוט. אויך זיין פֿריינט האָט אַרונטערגענומען זיין מיליטעריש־היטל און אָנגעטאָן אַ צילינדער־הוט. איצט האָט זיי שוין קיינער ניט געקענט דערקענען. זיי זיינען צוגעפֿאָרן צו אַ געוויסער הויז. דאָרט זיינען זיי אַראָפּ פֿון דער קאַרעטע און זיינען אוועק צופֿוס צו אַן אַנדער הויז. ביי יענער הויז האָט שוין אויף זיי געוואַרט אַן אַנדער קאַרעטע, וואָס האָט זיי אוועקגעפֿירט אין אַ הויז, וווּ עס האָט אויף זיי געוואַרט קראַפּאָטקינס שוועגערין, אַלעקסאַנדערס פֿרוי. קראַפּאָטקין האָט זיך דאָרט איבערגעטאָן אין אַנדערע קליידער, האָט אָפּגעשוירן די באָרד. דערנאָך האָט ער צוזאַמען מיט זיין פֿריינט גענומען אַ דראָשקע און איז אוועקגעפֿאָרן אויף אַן אינדזל, וווּהין די פּעטערבורגער אַריסטאָקראַטיע פֿלעגט זיך פֿאַרזאַמלען אין די שיינע טעג צו באַאָבאַכטן דעם זון־אונטערגאַנג. אויפֿן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פֿריזירער אָפּצוראַזירן זיך. זיי זיינען אוועקגעפֿאָרן אין איינעם פֿון די אַריסטאָקראַטישסטע פּעטערבורגער רעסטאָראַנען.

„קיינעם וועט ניט איינפֿאַלן דיך דאָ צו זוכן", האָט קראַפּאָטקינס פֿריינט באַמערקט. „זיי וועלן דיך אַרומזוכן אומעטום, אָבער ניט דאָ, און מיר וועלן דערווייל אָפּעסן מיטאָג און טאַקע אויסטרינקען אויך לכבוד דעם דערפֿאָלג פֿון דיין אַנטלויפֿן".

קראַפּאָטקין האָט מיט אים איינגעשטימט און זיי זיינען טאַקע גלייך אַוועקגעפֿאָרן אין יענעם רעסטאָראַן, האָבן גענומען דאָרט אַ באַזונדערן צימער און האָבן דאָרט פֿאַרבראַכט דעם גאַנצן אָוונט. דערנאָך זיינען זיי אַוועקגעפֿאָרן אין אַ הויז, ווו אייניקע פֿון זייערע חברים האָבן שוין אויף זיי געוואַרט.

דאָס איז געשען אין יולי 1876. דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געווען ווילד פֿאַר כעס, וואָס אַזאַ אַנטלויפֿן האָט געקענט פֿאָרקומען אין זיין הויפּט־שטאָט און נאָך אין מיטן העלן טאָג. ער האָט געגעבן אַ באַפֿעל, אַז „מען מוז אים כאַפּן". די גאַנצע פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע פֿון פּעטערבורג איז געשטעלט געוואָרן אויף די פֿיס. בלייבן אין פּעטערבורג איז פֿאַר קראַפּאָטקינען געווען אוממעגלעך. האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אויף די דאַטשעס, אין די אַרומיקע דערפֿער. ענדלעך האָבן קראַפּאָטקינס חברים באַשלאָסן, אַז ער מוז אַוועקפֿאָרן קיין אויסלאַנד. אין דער באַגלייטונג פֿון אַ חבר האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין פֿינלאַנד און פֿון דאָרט איז ער מיט אַ שיף אַוועקגעפֿאָרן קיין שוועדן. דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז באַלד נאָך זיין אַוועקפֿאָרן פֿון פּעטערבורג האָט די פּאָליציי אַרעסטירט זיין שוועסטער און אויך די שוועסטער פֿון זיין שוועגערין. קראַפּאָטקינס שוועסטער האָט אין דער אמתן קיין אנונג ניט געהאַט וועגן די פֿאַרבאַרייטונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן צו העלפֿן אים אַנטלויפֿן פֿון טורמע. זי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם שוין נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפֿן. דאָך האָט מען זי געהאַלטן צוויי וואָכן אין טורמע און דערנאָך באַפֿרייט. דער שוועגערינס שוועסטער האָט יאָ געוווּסט, אַז מען קלייבט זיך אים צו באַפֿרייען, זי האָט אָבער קיין שום אָנטייל ניט גענומען אין דעם. ווען איר מאַן, אַ באַוווּסטער אַדוואָקאַט, איז געקומען פֿאָדערן, אַז מען זאָל זי באַפֿרייען, האָט דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק אים אָפֿנהאַרציק געזאָגט:

„מיר ווייסן שוין איצט, אַז זי האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט קראַפּאָטקינס אַנטלויפֿן, אָבער מיר האָבן באַריכטעט, דעם קייסער, ווען מיר האָבן זי אַרעסטירט, אַז די פּערזאָן, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם אַנטלויפֿן, איז אַנטדעקט געוואָרן און איז אַרעסטירט. איצט איז נויטיק אַ געוויסע צייט צוצוגרייטן דעם קייסער צום געדאַנק, אַז מען האָט אַרעסטירט ניט דעם אמתן שולדיקן".

מען האָט זי געהאַלטן אין טורמע איבער צוויי מאָנאַטן און דערנאָך באַפֿרייט.

קראַפּאָטקין איז פֿון שוועדן אַוועקגעפֿאָרן קיין נאָרוועגן, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט עטלעכע טעג און דערנאָך איז ער אָפּגעפֿאָרן קיין ענגלאַנד.

„איך האָב געפֿילט", שרייבט קראָפּאָטקין, „אַז איך קען דאָ, אין מערב־אייראָפּע, זיין מער נוצלעך ווי אין רוסלאַנד. אין רוסלאַנד האָט מען מיך צו־גוט געקאָנט, אַז איך זאָל קענען פֿירן אַן אָפֿענע פּראָפּאַגאַנדע, איבער־הויפּט צווישן די אַרבעטער און פּויערים. שפּעטער, ווען די רוסישע רעוואָלו־ציאָנערע באַוועגונג איז געוואָרן אַ פֿאַרשווערונג און האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ באַוואָפֿנטן קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג, איז יעדער געדאַנק וועגן אַ פֿאָלקס־באַוועגונג אין גאַנצן אויפֿגעגעבן געוואָרן. מיינע סימ־פּאַטיעס אָבער האָבן מיך אַלץ מער און מער געצווּנגען צו דעם, אַז איך זאָל מיין שיקזאַל פֿאַרבינדן מיט די אַרבעטנדע מאַסן".

4

אָנקומענדיק קיין ענגלאַנד, האָט קראָפּאָטקין זיך צוערשט באַזעצט אין עדינבורג, הויפּט־שטאָט פֿון סקאָטלאַנד. די ענגלישע שפּראַך האָט קראָפּאָטקין נאָך אויסגעלערנט זיך אין רוסלאַנד. נאָך מיט יאָרן פֿריער האָט ער צוזאַמען מיט זיין ברודער אַלעקסאַנדער איבערגעזעצט אויף רוסיש צוויי ווּיסנשאַפֿטלעכע ווערק פֿון ענגליש. אָבער אַזוי ווי ער האָט די שפּראַך זיך אויסגעלערנט פֿון ביכער, פֿלעגט ער די ענגלישע ווערטער אַרויסריידן אַזוי, אַז די ענגלישע באַלעבאָסטע, ביי וועלכער ער האָט געוווינט, האָט אים כּמעט ניט פֿאַרשטאַנען. דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך פֿון רוסלאַנד, איז באַלד אויסגעגאַנגען. און אַזוי ווי זיינע בריוו קיין רוסלאַנד פֿלעגן איבערגעכאַפּט ווערן פֿון דער צאַרישער געהיים־פּאָ־ליציי, האָט ער ניט געקענט לאָזן וויסן זיינע קרובים זיין אַדרעס. ער איז דעריבער געצווּנגען געווען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אַוועקצופֿאָרן קיין לאָנדאָן זוכן אַרבעט. ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון דעם ווּיסנשאַפֿט־לעכן זשורנאַל „נעיטשור" און פֿון לאָנדאָנער „טאַימס", וווּ ער פֿלעגט פֿון צייט־צו־צייט פֿאַרעפֿנטלעכן קורצע אַרטיקלען וועגן פֿאַרשיידענע רוסישע ווּיסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציעס. עס זיינען אָבער געווען וואָכן, ווען ער האָט ניט געקענט געפֿינען אין די רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן קיין מאַטעריאַל, וואָס זאָל קענען אינטערעסירן די ענגלישע זשורנאַלן, און דאַן האָט ער, ווי ער דערציילט, „וואָכן־לאַנג געמוזט זיך באַגנוגענען מיט טיי און ברויט".

איינמאָל, ווען ער איז געקומען אין דער רעדאַקציע פֿון דעם זשורנאַל „נעיטשור", האָט אים דער רעדאַקטאָר דערלאַנגט עטלעכע נייע רוסישע בי־כער, וואָס ער האָט נאָר־וואָס באַקומען פֿון פּעטערבורג און געבעטן אים, אַז

ער זאָל אָנשרייבן וועגן זיי אַ רעצענזיע פאַרן זשורנאַל. צו זיין גרויסער איבעראַשונג האָט קראָפּאָטקין דערזען, אַז די דאָזיקע ביכער זיינען זיינע אייגענע צוויי וויסנשאַפטלעכע ווערק וועגן אַזיע, וואָס זיינען אַרויס אין רוסלאַנד שוין נאָך זיין אַנטלויפן פון טורמע און וועלכע זיין ברודער אַלעקסאַנדער האָט צוגעשיקט צום רעדאַקטאָר פון „נעיטשור".

די ברידער קראָפּאָטקין זיינען געווען שטענדיקע אַבאָנענטן פון דעם דאָזיקן זשורנאַל פאַר יאָרן לאַנג. קראָפּאָטקין איז געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. „לויבן די ביכער קען איך דאָך ניט", האָט ער זיך געטראַכט, „זידלען, ווידער, דעם פאַרפאַסער קען איך אויך ניט, ווייל איך בין דאָך איינשטימיק מיט זיינע אָנזיכטן". האָט ער באַשלאָסן אויף מאָרגן צוריק אָוועקצוטראָגן די ביכער און דערקלערן דעם רעדאַקטאָר, אַז כאָטש ער האָט אים פריער געזאָגט, אַז זיין נאָמען איז לעוואַשאָוו, איז ער אין דער אמתן דער פאַרפאַסער פון די ביכער און דער־פאַר קען ער וועגן זיי ניט שרייבן קיין רעצענזיע. דער רעדאַקטאָר פון „נעיטשור" האָט שוין געהאַט געלייענט אין די צייטונגען וועגן קראָ־פּאָטקינס אַנטלויפן פון טורמע און ער איז איצט געווען העכסט צופרידן אויסצוגעפינען, אַז ער, קראָפּאָטקין, געפינט זיך שוין אין דער פרייער ענגלאַנד. און וואָס איז שייך קראָפּאָטקינס ספקות וועגן זיינע ביכער, האָט ער אים דערקלערט, אַז ער דאַרף דעם פאַרפאַסער פון די ביכער ניט לויבן און ניט אַרונטעררייסן, נאָר איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דיביידע ווערק. פון דעמאָלט אָן איז קראָפּאָטקין אויפן גאַנצן לעבן באַפריינדט געוואָרן מיטן רעדאַקטאָר און איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון זיין זשורנאַל, אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ רייע פון זיינע וויסנ־שאַפטלעכע ווערק.

אין לאָנדאָן איז אָבער קראָפּאָטקין יענעם מאָל לאַנג ניט פאַרבליבן. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין שווייץ. דאָרט האָט ער זיך פאַרנומען מיט זיינע וויסנשאַפטלעכע געאָגראַפישע אַרבעטן און אין דער זעלבער צייט איז ער געוואָרן טעטיק אין דער „פעדעראַציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבע־טער־פאַרבאַנד", אַרום וועלכן עס האָבן זיך גרופּירט די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן אָדער אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פון וועלכן קאַרל מאַרקס איז געווען דער הויפּט־פירער.

„דער אינטערנאַציאָנאַל" האָט, ווי קראָפּאָטקין שרייבט, זיך געשטעלט די אויפגאַבע „צוצוגרייטן אַ ריזיקע איבערקערעניש, פריער אין די מוחות און דערנאָך אין לעבן גופא. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט געזאָלט אין דער צוקונפט דורכפירן אַ רעוואָלוציע, וועלכע וואָלט געעפנט פאַר דער

מענטשהייט אַ נייע עפּאָכע פֿון פּראָגרעס, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף אַלגעמיינער סאָלידאַריטעט. אָט דאָס איז געווען דער אידעאַל, וואָס האָט אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף מיליאָנען אייראָפּעאישע אַרבעטער און האָט צו־געצויגן צו אים די בעסטע גייסטיקע קרעפֿטן פֿון יענער צייט".

אינגיכן אָבער איז פֿאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין אינטערנאַציאָנאַל. דער אָנפֿירער פֿון דעם אַנאַרכיסטישן פֿליגל איז געווען מיכאַאיל באַקונין. ווען קראָפּאָטקין איז געקומען אין דער שווייץ, איז באַקונין שוין געווען טויט (ער איז געשטאָרבן דעם 1טן יולי, 1876), און קראָפּאָטקין איז באַלד געוואָרן דער אָנפֿירער פֿון דער אַנאַרכיסטישער אינטערנאַציאָנאַלער פֿעדעראַציע.

אין הערבסט 1877 זיינען אין בעלגיע פֿאָרגעקומען צוויי אינטערנאַ־ציאָנאַלע קאָנגרעסן, איינער פֿון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און דער צווייטער פֿון דער אַנאַרכיסטישער אינטערנאַציאָנאַלער אַסאָסיאַ־ציע. קראָפּאָטקין איז אַוועקגעפֿאָרן קיין בעלגיע אונטערן נאָמען לעוואַשאָוו. אין אַ דריי־פֿיר טעג אַרום ווי דער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן, האָט די בעלגישע פּאָליציי זיך דערוווּסט ווער עס איז דער דאָ־זיקער לעוואַשאָוו און זי האָט באַקומען אַ באַפֿעל אים צו אַרעסטירן דער־פֿאַר, וואָס ער האָט זיך אין האָטעל פֿאַרשריבן אויף אַ פֿאַלשן נאָמען. קראָ־פּאָטקינס חברים אָבער האָבן אים אין צייט געלאָזט וויסן וועגן דעם און ער איז אַוועקגעפֿאָרן צוריק קיין ענגלאַנד.

אויך יענעם מאָל איז ער לאַנג ניט פֿאַרבליבן אין ענגלאַנד. ער האָט דאָרט אין בריטישן מוזעאום גענומען שטודירן די געשיכטע פֿון דער גרוי־סער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. אָבער אין גיכן איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז, ווּ ער האָט צוזאַמען מיטן איטאַליענער קאָסטאַ און מיטן שפּעטער באַרימט־געוואָרענעם פֿירער פֿון די פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן זשול געד אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די ערשטע סאָציאַליסטישע גרופּעס אין פֿראַנקרייך נאָך דער אונטערדריקונג פֿון דער פּאַריזער קאָמונע. אין אַפּריל 1878, האָט די פּאָליציי אַרעסטירט קאָסטאַן צוזאַמען מיט אַ פֿראַנצויזישן אַנאַרכיסט און דער פֿראַנצויזישער געריכט האָט זיי ביידע פֿאַראורטיילט צו אַנדער־האַלבן יאָר טורמע פֿאַר געהערן צום אינטערנאַציאָנאַל. קראָפּאָטקין איז דעמאָלט ניט אַרעסטירט געוואָרן בלויז דורך אַ צופֿאַל. ער האָט דעמאָלט אין פּאַריז זיך פֿאַרשריבן אונטער זיין אמתן נאָמען. די פּאָליציי אָבער האָט אַרומגעזוכט לעוואַשאָוון. אין אַ מאָנאַט אַרום אָבער איז קראָפּאָטקין אַוועקגעפֿאָרן אין דער שווייץ. דאָרט האָט ער צוזאַמען מיט זיינע צוויי פֿריינט געגרינדעט אין זשענעווע אַ צוויי־וואָכנטלעכע אַנאַרכיסטישע צייטונג, „לע רעוואָלט". דער קאַפּיטאַל, מיט וועלכן זיי האָבן געגרינדעט

די צייטונג, איז באַשטאַנען פון 23 פראַנק. אָבער נאָכדעם ווי דער ערשטער נומער איז אַרויס, האָבן זיי אָנגעהויבן זאַמלען געלט צווישן די סימפּאַטיקער. דער ערשטער נומער איז אויספאַרקויפט געוואָרן אין פאַרלויף פון אַ פּאָר טעג צייט, און די צייטונג האָט עקזיסטירט עטלעכע יאָר (זי איז שפּעטער אונטער אַן אַנדערן נאָמען אַרויסגעגאַנגען אין פּאַריז). דעם ערשטן יאָר איז קראָפּאָטקין געווען דער איינציקער וויכטיקער מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צייטונג. אָבער ביסלעכווייז האָט זיך מיט דער צייטונג פאַראינטערעסירט דער באַרימטער פראַנצויזישער געאָגראַף עליזע רעקליו און ער איז געוואָרן אירער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. רעקליו האָט איינגעלאַדן קראָפּאָטקינען, אַז ער זאָל אים העלפן צוזאַמענשטעלן דעם באַנד פון זיין גרויסער געאָגראַפיע, וואָס איז געווידמעט אַזיאַטישער רוסלאַנד. רעקליו האָט זיך אַליין אויסגעלערנט די רוסישע שפּראַך, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז אַזוי ווי קראָפּאָטקין האָט יאָרן־לאַנג פאַרבראַכט אין סיביר, קען ער אים אַ סך אַרויסהעלפן ביים צוזאַמענשטעלן די געאָגראַפיע פון אַזיאַטישן רוסלאַנד.

קראָפּאָטקין איז שוין דעמאָלט געווען פאַרהייראַט. זיין פרוי, סאָפיע גריגאָריעוונאַ, איז געווען אַ יידישע. זי האָט געשטאַמט פון סיביר. זי האָט אויך שטודירט נאַטור־וויסנשאַפט און האָט אים פיל אַרויסגעהאָלפן אין זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. אין יאָר 1880 איז זי קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן איר געראַטן צו פאַרלאָזן זשענעוואַ. זיינען זיי אַריבערגעפאָרן קיין קלאַראַן, וווּ רעקליו האָט דעמאָלט געוווינט. „דאָרט, — שרייבט קראָפּאָטקין, — מיט דער הילף פון מיין פרוי, מיט וועלכער איך פלעג אַרומריידן יעדע וויכטיקע פּאַסירונג און יעדן אַרטיקל, וועלכן איך האָב זיך געקליבן צו שרייבן און וועלכע איז געווען אַ שטרענגער קריטיקער פון מיינע ווערק, האָב איך אָנגעשריבן די בעסטע אַרטיקלען מיינע פאַר דער צייטונג „רעוואָלט", צווישן זיי אויך דעם רוף „צום יונגן דור", וואָס איז זיך צוגאַנגען אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. אין גרונד־גענומען האָב איך דאָרט אויסגעאַרבעט דעם פונדאַמענט פון אַלץ דעם, וואָס איך האָב אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויפגעשריבן".

דעם 1טן מערץ, 1881 (דעם 12טן מערץ לויט דער נייער צייט־רעכענונג), האָבן די רעוואָלוציאָנערן אין פּעטערבורג דערהרגעט דעם קיסר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. דער צאַרישער געריכט האָט שפּעטער זעקס פון די הויפּט־אָנטיילנעמער אין דעם טעראָריסטישן אַקט פאַראורטיילט צום טויט. צווישן די פאַראורטיילטע זיינען געווען די צוויי פרויען סאָפיע פעראָווסקאַיאַ און העסיע העלפמאַן. דאָס איז געווען דעם ערשטן מאָל,

וואָס אַ פֿרוי איז אין רוסלאַנד פֿאַראורטיילט געוואָרן צו טויט־שטראָף. קראַפּאָטקין האָט אויפֿגעהויבן אין דער אייראָפּעאישער פּרעסע אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פֿאַר דעם, אַז מען זאָל די צוויי פֿאַראורטיילטע פֿרויען ניט הינריכטן. און ווען די איינפֿלוסרייכסטע שווייצאַרישע צייטונג „זשורנאַל דע־זשענעוואַ" האָט אָפּגעדרוקט אַ שענדלעכן אַרטיקל וועגן די צוויי רוסישע רעוואָלוציאָנערקעס, איז קראַפּאָטקין אַוועק אין דער רעדאַקציע און האָט געגעבן דעם רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג אַזאַ גאָב, אַז די צייטונג האָט אויף מאָרגן זיך אַנטשולדיקט פֿאַרוואָס זי האָט אָפּגעדרוקט דעם שענדלעכן אַרטיקל.

אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום אָבער האָט די שווייצאַרישע רעגירונג, אונטער דעם דרוק פֿון דער רוסישער רעגירונג, געצוווּנגען קראַפּאָטקינען צו פֿאַרלאָזן די שווייץ. ער האָט זיך דאַן ווידער באַזעצט אין לאָנדאָן. דאָרט האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס אַ רוסישע דאַמע מיטן נאָמען נאָוויקאָוואַ. זי האָט פֿאַרבראַכט אין די קרייזן פֿון דער לאָנדאָנער אַריסטאָקראַטיע און איז געווען אַ געהיימער דיפּלאָמאַטישער אַגענט פֿון דער רוסישער רעגירונג. זי איז געווען זייער אַ שיינע, אַן אויסערגעוויינלעך קלוגע און פּעאיקע פֿרוי, און איז געווען נאָענט באַפֿריינט מיט גלאַדסטאָנען, דעם באַרימטן ליבעראַלן פּרעמיער־מיניסטער. זי האָט, פֿאַרשטייט זיך, געטאָן אַלץ צו שאַפֿן דער צאַרישער רעגירונג אַ גוטן נאָמען אין ענגלאַנד. פֿאַר די קעגנער פֿון צאַרישן רעזשים איז די ענגלישע פּרעסע דעמאָלט געווען כמעט אין גאַנצן פֿאַרשלאָסן. קראַפּאָטקין, איז אין גיכן באַקאַנט געוואָרן מיטן פֿירער פֿון די דעמאָלסטיקע ראַדיקאַלן אין פּאַרלאַמענט, דזשאָזעף קאָון, וועלכער איז געווען דער אַרויסגעבער פֿון דער צייטונג „וויקלי קראָניקל". קאָון האָט איינגעלאַדן קראַפּאָטקינען צו שרייבן רעגלמעסיק אין זיין צייטונג און באַקענען דעם ענגלישן פּובליקום מיט דעם וואָס עס קומט פֿאָר אין רוסלאַנד. קראַפּאָטקין האָט, פֿאַרשטייט זיך, מיט פֿאַרגעניגן אָנגענומען די איינלאַדונג און ער האָט אין דער צייטונג פֿאַרעפֿנטלעכט אַ רייע אַרטיקלען. קאָון האָט קראַפּאָטקינען אויך באַקאַנט געמאַכט מיטן באַרימטן לאָרד דזשאָן מאָרלעי, וועלכער איז געווען גלאַדסטאָנס אַ פֿריינט, און ווען די מאַדאַם נאָוויקאָוואַ האָט ווי אַן ענטפֿער אויף קראַפּאָטקינס אַרטיקלען אָנגעהויבן שרייבן אַ סעריע אַרטיקלען אין דער לאָנדאָנער „טאַימס", האָט לאָרד מאָרלעי געבעטן קראַפּאָטקינען צו ענטפֿערן אויף אירע אַרטיקלען. דער רעזולטאַט פֿון קראַפּאָטקינס אַרטיקלען איז געווען, אַז גלאַדסטאָן האָט באַזייטיקט די מאַדאַם נאָוויקאָוואַ און זי האָט אין גיכן פֿאַרלאָזן לאָנדאָן. נאָך דעם האָט מען פֿון אַלע זייטן זיך גענומען ווענדן צו קראַפּאָטקינען, אַז ער זאָל שרייבן וועגן רוסלאַנד.

ער האָט אָרגאַניזירט אַ רייע מיטינגען און לעקציעס וועגן רוסלאַנד מיטן צוועק צו זאַמלען געלט פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע און פאַרשיקטע אין רוסלאַנד. אין לאָנדאָן האָט דאַן געלעבט זיין יוגנט־חבר ניקאָלאַי טשאַי־קאָווסקי און זיי האָבן צוזאַמען אָנגעפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ענגלישע אַרבעטער, ווי אויך צווישן דער אינטעליגענץ.

קראָפּאָטקין האָט אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן דעם שלעכטן לאָנדאָנער קלימאַט. אַ חוץ דעם איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין ענגלאַנד דעמאָלט געווען כמעט טויט.

„איך און מיין פרוי", שרייבט קראָפּאָטקין, „האָבן זיך דעמאָלט גע־פילט אַזוי איינזאַם אין לאָנדאָן און אונדזערע באַמיאונגען אויפצולעבן אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין ענגלאַנד האָבן אונדז געשיינט צו זיין אַזוי האָפנונגסלאָז, אַז מיר האָבן אין הערבסט 1882 באַשלאָסן ווידער צו באַזעצן זיך אין פראַנקרייך. איך בין געווען זיכער, אַז מען וועט מיך דאָרט אין גיכן אַרעסטירן, אָבער מיר פלעגן אָפט זאָגן איינע די אַנדערע: „בעסער אַ פראַנצויזישע טורמע, איידער אָט דער קבר".

5

קראָפּאָטקין האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין פראַנקרייך. ער האָט דאָרט, ווי פריער, רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „רעוואָלט" און האָט אויך געשריבן אַרטיקלען פאַר דער „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ" און פאַר דער ענגלישער „קראָניקעל". אָבער אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום האָט די פראַנצויזישע פּאָליציי אים אַרעסטירט. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האָט געהאַט אַ האַנט אין די באָמבן־אַטענטאַטן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן פון אייניקע אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין אַ רייע שטעטלעך אַרום ליאָן. אין דער אמתן האָט קראָפּאָטקין קיין שום שייכות ניט געהאַט צו דעם. אָבער אַזוי ווי מען האָט ביי איינעם פון די אַרעסטירטע אַנאַרכיסטן געפונען אַ מאַ־נוסקריפּט פון אַן אַרטיקל, וועלכער איז געווען קאָרעגירט פון קראָפּאָטקי־נען, האָט מען קראָפּאָטקינען אויך צוגעצויגן צום פּראָצעס צוזאַמען מיט 52 אַנדערע אַנאַרכיסטן. דער ליאָנער געריכט האָט קראָפּאָטקינען פאַראורטיילט צו פינף יאָר טורמע. די רוסישע רעגירונג האָט נאָכן אורטייל דערפאַר צוגעשיקט אַ מעדאַל דעם פּראָקוראָר און אויך דעם פאָרזיצער פון געריכט. אַ באַדייטנדע צאָל ענגלישע געלערטע און שריפטשטעלער האָבן זיך געווענ־דעט מיט אַ פּעטיציע צו דער פראַנצויזישער רעגירונג, אַז מען זאָל קראָפּאָטקינען באַפרייען. צווישן די, וואָס האָבן אונטערגעשריבן די פּעטי־

ציע, זיינען געווען הערבערט ספענסער און פיל מיטאַרבעטער פון דער „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ", ווי אויך דער באַרימטער ענגלישער פּאָעט סווינבורן און דער גרעסטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער פון יענער ציט וויקטאָר הוגאָ. באַפּרייט האָט מען אים ניט, אָבער מען האָט אין טורמע אים זייער גוט באַהאַנדלט און געגעבן די מעגלעכקייט פאָרטצו־זעצן זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. ווען קראָפּאָטקינס פרוי האָט אין פּאַריז דערציילט, אַז איר מאַן נויטיקט זיך אין ביכער, האָט די פראַנצוי־זישע וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע אים גלייך געלאָזט וויסן, אַז ער קען זיך באַנוצן מיט איר ביבליאָטעק. אויך דער באַרימטער פראַנצויזישער היסטאָריקער ערנעסט רענאַן האָט צוגעשיקט קראָפּאָטקינען אַ בריוו און אים פאָרגעלעגט, אַז ער קען זיך באַנוצן מיט זיינע ביכער.

קראָפּאָטקין האָט אין טורמע איינגעאָרדנט אַן אמתן אוניווערזיטעט. אין פאַרלויף פון דריי יאָר ציט האָט ער פאַר די חברים, וואָס זיינען גע־זעסן צוזאַמען מיט אים אין טורמע, געלייענט לעקציעס איבער געאָגראַפיע, פיזיק, קאָסמאָגראַפיע און ער האָט זיי אויך אַרויסגעהאָלפן צו שטודירן פרעמדע שפּראַכן. קראָפּאָטקין אַליין האָט געלייענט כמעט אויף אַלע איי־ראָפּעאישע שפּראַכן.

קראָפּאָטקין איז שוין דעמאָלט געווען באַרימט ווי אַן אַלזייטיקער געלערנטער. ער איז געווען אַ געאָגראַף, אַ געאָלאָג, אַ ביאָלאָג, אַ היסטאָ־ריקער און שפּעטער איז ער אויך באַרימט געוואָרן ווי אַ גלענצנדער שריפט־שטעלער און ליטעראַטור־קריטיקער. ער איז, אַגב, אויך געווען אַ טאַלאַנט־פולער מוזיקער און צייכענער.

דריי יאָר איז ער אָפּגעזעסן אין דער פראַנצויזישער טורמע און איז באַפרייט געוואָרן לויט אַן אַמנעסטיע. נאָכן אַרויסגיין פון טורמע, האָט ער מיט דער פרוי זיך באַזעצט אין פּאַריז. די פראַנצויזישע פּרעסע, וועלכע איז דעמאָלט געווען פריינטלעך צו דער צאַרישער רעגירונג, האָט באַלד אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע, אַז מען זאָל קראָפּאָטקינען אַרויסשיקן פון פראַנקרייך. דעם מאָל האָט קראָפּאָטקין ניט געוואַרט ביז מען וועט אים אַרעסטירן. ער איז אַליין צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד און האָט זיך באַזעצט אין אַ שטעטל לעבן לאָנדאָן.

דעמאָלט, אין יאָר 1886, האָט קראָפּאָטקין שוין געטראָפן אין ענגלאַנד אַ גאַנץ באַדייטנדע סאָציאַליסטישע באַוועגונג און ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער באַוועגונג. ער איז אין גיכן אויך געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם באַרימטן ענגלישן זשורנאַל „ניינטינט סענטשורי", וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען וועלכע זיינען דערנאָך אַרויס אין באַזונדערע ביכער.

ווען קיין מערב־אייראָפּע זיינען דערגאַנגען די ידיעות וועגן דעם שרעק־לעכן רעזשים, וואָס האָט געהערשט אין דער שליסלבורגער פֿעסטונג, ווי עס זיינען געווען איינגעשפּאַרט פֿיל פֿון די באַרימטע העלדן און מאַרטירער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליא", האָט קראָפּאָט־קין פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער לאָנדאָנער „טאַימס" אַן אַרטיקל וועגן דער לאַגע פֿון די געפֿאַנגענע אין שליסלבורגער פֿעסטונג. דער אַרטיקל האָט געמאַכט אַזאַ טיפֿן איינדרוק, אַז ווען די קעניגין וויקטאָריאַ האָט איבער־געלייענט דעם אַרטיקל, האָט זי דעם אַרטיקל גלייך אַוועקגעשיקט צו איר אייניקל, דעם דעמאָלסטיקן יורש פֿון דעם דענישן טראָן, און אין זיין נאָמען האָט מען געלאָזט וויסן קראָפּאָטקינען, אַז ער זאָל אַלץ וואָס ער האָט צו דערציילן וועגן די גרויזאַמקייטן, וואָס קומען פֿאָר אין די רוסישע טורמעס, תיכף אים צושיקן און ער וועט עס איבערגעבן דעם צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן (ניקאָלאַיס מאַמע איז געווען אַ דענישע פּרינצעסין). אין אַ קור־צער צייט אַרום האָט מען קראָפּאָטקינען געלאָזט וויסן, אַז די אַרעסטאַנטן פֿון שליסעלבורגער פֿעסטונג איז דערלויבט געוואָרן דורכצושרייבן זיך מיט זייערע נאָענטסטע קרובים. דאָס איז געווען אין יאָר 1896.

ווען עס האָבן אין 1901 אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד די סטודענטישע אומרוען און די צאַרישע רעגירונג האָט געשלאָסן די אוניווערזיטעטן און האָט פֿיל סטודענטן אָפּגעגעבן פֿאַר סאָלדאַטן, האָט קראָפּאָטקין פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם דעמאָלט באַרימטן אַמעריקאַנער זשורנאַל „נאָרט אַמעריקען רעוויו" אַן אַרטיקל וועגן דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פֿון דער צאַרישער רעגירונג אויפֿן געביט פֿון פֿאָלקס־בילדונג. דער אַרטיקל האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד, אַז ניט קיין אַנדערער ווי דעם צאַרס דעמאָלסטיקער הויפּט־ראַטגעבער, דער אָבער־פּראָקוראָר פֿון הייליקן סינאָד, פּאָבעדאָנאָסצעוו, האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק צו ענטפֿערן אין דעם זעלבן זשורנאַל אויף קראָפּאָטקינס אַרטיקל. פּאָבע־דאָנאָסצעוו האָט אין זיין ענטפֿער געשריבן, אַז קראָפּאָטקין וווינט שוין לאַנג אין אויסלאַנד און ער האָט פֿאַרגעסן די באַדינגונגען פֿון רוסישן לעבן. קראָפּאָטקין האָט אים דעמאָלט געענטפֿערט און האָט צוקלאַפּט אַלע זיינע אַרגומענטן.

קראָפּאָטקין איז צוויי מאָל געווען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. איין מאָל אין יאָר 1896 און דעם צווייטן מאָל אין 1901. ביידע מאָל איז ער אַרויסגעטראָטן אין ניו יאָרק און אין אַנדערע שטעט אויף גרויסע פֿאַר־זאַמלונגען און ער איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם פֿון די אַמעריקאַנער, אַזוי גוט ווי פֿון די רוסיש־יידישע ראַדיקאַלן.

נאָך זיין אָפּפאָרן פֿון רוסלאַנד האָט קראָפּאָטקין ווי אַ רעוואָלוציאָנערער שרייבער געשריבן ניט פֿאַר רוסלאַנד, נאָר פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. זיינע ביכער, סיי די ריין־וויסנשאַפֿטלעכע און סיי די רעוואָלוציאָנערע, ווי „ברויט און פֿרייהייט", „פֿעלדער, פֿאַבריקן און ווערקשטאַטן", „רעדעס פֿון אַ בונטאַר" און אַנדערע, זיינען געשריבן געוואָרן פֿאַר אַלע פֿעלקער פֿון אַלע לענדער.

קראָפּאָטקין פֿלעגט זאָגן, אַז ער איז אַן אַנאַרכיסט־קאָמוניסט אָדער אַ פֿרייהייטלעכער סאָציאַליסט. די גרונד־געדאַנקען פֿון זיין לערע זיינען אין קורצן ווי פֿאָלגט: די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט באַשטייט פֿון איינצלנע מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך פֿאַראייניקט, כּדי אַמבעסטן צו קענען באַ־פֿרידיקן זייערע באַדערפֿענישן. צוגלייך מיט דעם געזעץ פֿון „קאַמף פֿאַר עקזיסטענץ" ווירקט אין דער געזעלשאַפֿט אויך דער געזעץ פֿון „קעגנזייטי־קער הילף", דאָס הייסט די סאָלידאַריטעט פֿון מענטשן. אַ דאַנק אָט דער „קעגנזייטיקער הילף" איז מעגלעך די עקזיסטענץ פֿון אַ פֿעסטער געזעל־שאַפֿטלעכער סיסטעם. דער מענטש איז, לויט קראָפּאָטקינען, פֿון נאַטור גוט און אויב עס וואָלט זיך אים נאָר איינגעגעבן צו באַפֿרייען זיך פֿון דער געוואַלט פֿון שטאַט, וואָלט ער זיך אויפֿן בעסטן אופֿן איינגעאָרדנט.

קראָפּאָטקין האָט אָנגעשריבן פֿיל ווערק, אין וועלכע ער האָט באַגרינ־דעט דעם אַזוי גערופֿענעם פֿילאָזאָפֿישן אַנאַרכיזם. אין זיינע ווערק האָט ער זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג איז מעגלעך נאָר אויפֿן באָדן פֿון אַ פֿרייער אָרגאַניזאַציע, פֿון אַ קאָאָפּעראַטיווער אַר־בעט וואָס זאָל זיין פֿריי פֿון יעדער אַריינמישונג מצד דער מלוכה. קראָפּאָט־קינס אידעאַל איז געווען: אַזאַ געזעלשאַפֿטלעכע אָרדנונג, וואָס זאָל זיין געבויט אויף פֿרייהייט, גערעכטיקייט און דער סאָלידאַריטעט פֿון אַלע מענטשן און ווו דער שטאַט זאָל מיט דער צייט אין גאַנצן פֿאַרשווינדן.

ווי דעם הויפּט־ציל פֿון זיין לעבן האָט קראָפּאָטקין זיך געשטעלט די פֿאַרשפּרייטונג פֿון די אידעען פֿון שטאַטנלאָזן סאָציאַליזם און די אויס־אַרבעטונג פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן פֿונדאַמענט פֿאַר דער אַנאַרכיסטישער וועלט־אָנשויאונג. ער האָט געוואָלט באַווייזן דער מענטשהייט, אַז אַנאַרכיע מיינט ניט אומאָרדנונג און כאַאָס, נאָר פֿאַרקערט, אַז דאָס איז די אידעאַלסטע געזעלשאַפֿטלעכע אָרדנונג, וואָס איז אין איינקלאַנג מיט די אויספֿירן פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט, אַז דאָס איז „גאָטס קעניגרייך" אויף דער ערד, ווו עס וועלן ניט זיין קיין אָרעמע, ניט קיין דערנידעריקטע און עקספּלואַטירטע.

קראָפּאָטקין האָט זיך אין פֿיל הינזיכטן אונטערשיידט פֿון באַקונינען. ביי באַקונינען האָבן מאָראַלישע פֿראַגן ניט געשפּילט קיין שום ראָלע. אין

קענגנטייל, ער האָט אָפּט זיך געהאַלטן ביי דעם כלל, אַז דער צוועק הייליקט די מיטלען, דאָס הייסט, אַז אַ רעוואָלוציאָנער מעג אָנווענדן אירגענד וועל־כע מיטלען, אַבי נאָר צו דערגרייכן זיין ציל. קראָפּאָטקין, דאַקעגן, איז געווען אַ טיף־מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט דערפאַר, וואָס ער איז געקומען צום שלוס, אַז ער האָט ניט קיין מאָראַלע רעכט צו פאַרנעמען אַ הויכן אָרט אין דער געזעלשאַפט און לעבן אין לוק־סוס, בעת אַרום אים איז פאַראַן אַזוי פיל אָרעמקייט און עס גייט אָן אַזאַ ביטערער קאַמף פאַר אַ טרוקן שטיקל ברויט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו ווידמענען זיך דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט פון די קייטן פון עקאָנאָמישער און פּאָליטישער שקלאַפעריי.

קראָפּאָטקין איז געווען איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטן, וועלכער האָט נאָך אין די זיבעציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געפּרעדיקט די אידעע, אַז סאָציאַליזם קען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך די געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פון די אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענץ. ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטן, וואָס האָט כסדר אונ־טערשטראָכן, אַז סאָציאַליזם מוז זיין פאַרבונדן מיט מאָראַל. ער אַליין איז געווען אַ העכסט מאָראַלישע פּערזענלעכקייט און ער האָט געפאָדערט אויך פון די אַנדערע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן, אַז זיי זאָלן מיט לייב און לעבן דינען דער סאָציאַליסטישער אידעע. „מיר אַלע דאַרפן לעבן פאַר דער גרויסער זאַך פון דעם טריומף פון דער גערעכטיקייט און פריי־הייט, האָט ער געשריבן, אָבער פאַר דעם זיינען נויטיק מוטיקע און מאָראַ־לישע פּערזענלעכקייטן".

אויך צום אַנאַרכיזם איז קראָפּאָטקין צוגעגאַנגען אַנדערש ווי באַקונין. פאַר באַקונינען איז דאָס וויכטיקסטע אין אַנאַרכיזם געווען זיין נעגאַטיווע צעשטערערישע זייט. וועגן דער צוקונפטיקער בויאונג האָט ער זיך ווייניק געקימערט. קראָפּאָטקין אָבער האָט זייער פיל אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער צוקונפטיקער שעפערישער אַרבעט, דער פרייער מיטאַרבעטערשאַפט פון די מענטשן אין דער געזעלשאַפט, וואָס וועט באַפרייט ווערן פון דער רעגירונגס־מאַכט. עלעמענטן פון אַט דער פרייער מיטאַרבעטערשאַפט האָט קראָפּאָטקין געזען שוין אין דער איצטיקער געזעלשאַפט. ער האָט געמיינט, אַז דער הויפּט־געזעץ פון דער געזעלשאַפט איז ניט דער קאַמף צווישן זיינע טיילן, נאָר זייער מיטאַרבעטערשאַפט און ער האָט געהאַלטן אין איין אויפ־ווייזן, אַז אַט דער געזעץ פון קעגנזייטיקער הילף און מיטאַרבעטערשאַפט עקזיסטירט אַפילו אויך ביי חיות.

קראָפּאָטקין איז געווען איינער פון די סאָציאַלע דענקער, וואָס האָט, נאָך מיט פיל צענדליקער יאָרן פאַר דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש

אין רוסלאַנד, איינגעזען די געפֿאַר פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור. אין איינעם פֿון זיינע אַרטיקלען האָט ער געשריבן:

„יעדער רעוואָלוציאָנער טרוימט וועגן אַ דיקטאַטור, צי דאָס וועט זיין אַ „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט", דאָס הייסט פֿון די פֿירער, ווי מאַרקס האָט געזאָגט, אָדער אַ דיקטאַטור פֿון רעוואָלוציאָנערן שטאַב, ווי עס באַהויפּטן די בלאַנקיסטן. אין אַלגעמיין איז דאָס די זעלבע זאַך. אַלע טרוימען וועגן אַ רעוואָלוציע, ווי וועגן אַ מעגלעכקייט אויף אַ געזעצלעכן וועג צו פֿאַרניכטן זייערע פֿיינט מיט דער הילף פֿון רעוואָלוציאָנערע טריבונאַלן, פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן פּראָקוראָר, פֿון אַ גילאָטינע און פֿון אירע דינער — דעם הענקער און דעם טורמע-שומר אַלע טרוימען וועגן דעראָבערן די מאַכט, וועגן שאַפֿן אַ שטאַרקע, אַלמעכטיקע און טאָטאַליטאַרע מלוכה, וועלכע באַגייט זיך מיטן פֿאָלק ווי מיט אַן אונטערטאַן, און הערשט איבער אים מיט דער הילף פֿון טויזנטער און מיליאָנען פֿאַרשיידענע טשינאָווניקעס, וועלכע ווערן אויסגעהאַלטן פֿון דער מלוכה... אַלע רעוואָלוציאָנערן פּרעדיקן אַבסאָלוטע אונטערוואָרפֿנקייט אונטער די געזעצן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון דער דיקטאַטאָרישער מאַכט. אַלע רעוואָלוציאָנערן טרוימען וועגן אַ „קאָמיטעט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער רעטונג", וואָס זיין צוועק איז צו באַזייטיקן יעדן איינעם, וועלכער וועט וואַגן צו דענקען ניט אַזוי, ווי עס דענקען די פּערזאָנען, וועלכע שטייען אין שפּיץ פֿון דער רעגירונג. דער רעוואָלוציאָנער, וואָס וועט וואַגן צו דענקען און האַנדלען אַנדערש, ווי די רעוואָלוציאָנערע מאַכט. — דאַרף אומגעבראַכט ווערן... דענקען, — זאָגן פֿיל רעוואָלוציאָנערן, — דאָס איז אַ קונסט און אַ וויסנשאַפֿט, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן ניט פֿאַרן פּראָסטן פֿאָלק. און אויב שפּעטער, אויפֿן צווייטן טאָג פֿון דער רעוואָלוציע, וועט דעם פֿאָלק געגעבן ווערן אַ מעגלעכקייט אויסצודריקן זיין ווילן, וועט עס געגעבן ווערן נאָר כדי דאָס פֿאָלק זאָל דערוווילן זיינע פֿירער, וועלכע וועלן טראַכטן פֿאַרן פֿאָלק און מאַכן די געזעצן אין זיין נאָמען".

„אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע", האָט קראָפּאָטקין געשריבן אין אַן אַנדער ווערק, „קען ניט געפֿירט ווערן פֿון איין פּערזאָן אָדער פֿון אַ גרופּקע פֿון עטלעכע מענטשן... נאָר די פֿרייע איניציאַטיוו פֿון פֿאָלק קען שאַפֿן עטוואָס גוטעס און דויערהאַפֿטעס".

קראָפּאָטקין האָט אין זיינע ווערק מיט ציפֿערן און פֿאַקטן אויפֿגעוויזן, אַז ביי דעם איצטיקן צושטאַנד פֿון דער וויסנשאַפֿט און פֿון דער טעכניק איז דורכויס מעגלעך צו פֿאַרזיכערן מיט אַן אָנשטענדיקן לעבן יעדן איינציקן — דאָס איז דער ערשטער שריט אויפֿן וועג צום סאָציאַליסטישן אידעאַל. זיין פֿאַרווירקלעכונג איז אָפּהענגיק נאָר פֿון דער זעלבסטטעטיקייט

און פון דער אָנשטרענגונג פון דעם ווילן פון די ארבעטנדע מאסן. אין זיין בוך „ברויט און פרייהייט" האט קראָפּאָטקין אנטוויקלט דעם געדאנק, אז די מאָדערנע טעכניק קען ביי א געהעריקער אָרגאַניזאַציע פון די אַר־בעטנדיקע אַזוי פאַרלייכטערן די ארבעט פון יעדן איינעם, אז עס וועט בלייבן א סך פרייע צייט אויף צו באַפרידיקן די קולטורעלע, אינטעלעק־טועלע און עסטעטישע באַדערפעניש פון דעם מענטשן. ווי אַן אַנטשיידע־נער קעגנער פון יעדער רעגירונגס־מאַכט האט קראָפּאָטקין געפּרעדיקט, אז די נייטיקע באַדינגונגען פון דער נייער סאָציאַלער אָרדנונג דאַרף זיין די אומבאַגרענעצטע פרייהייט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און פון די מאַסן, זייער זעלבסטבאַשטימונג איון זעלבסטבאַגרענעצונג, זייער זעלבסט־טעטיקייט, אָן שום שטערונגען און באַגרענעצונגען, ער האט געגלויבט קודם כל אין גלייכהייט. אָן גלייכהייט, האט ער געהאַלטן, איז ניטאָ קיין גערעכטיקייט. אָבער גערעכטיקייט אַליין איז א טויטע זאַך, ווען זי איז ניט באַלויכטן מיט יענער טיפער מענטשן־ליבע, וואָס איז געווען איינער פון די הויפּט־שטריכן פון זיין אייגענעם כאַראַקטער.

.6

קראָפּאָטקין האט אויך צו דער יידן־פראַגע און צום יידישן נאַציאָנאַ־ליזם געהאט אַן אַנדער באַציונג ווי די מערסטע ניט־יידישע סאָציאַליסטן און אנאַרכיסטן פון זיין דור.

אין די ערשטע פאַר צענדליק יאָר, וואָס קראָפּאָטקין האט געלעבט אין אייראָפּע, איז ער געשטאַנען אָן א זייט פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אים איז ניט געווען סימפּאַטיש די ריכטונג, וואָס די באַוועגונג האט אין יענע יאָרן אָנגענומען. ער האט זייער הויך געשעצט די קעמפער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און מיט אייניקע פון זיי איז ער געווען אינטים באַפריינדעט. ער האט אָבער ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון א רעוואָלוציע פאַרן פאָלק אָן דעם פאָלק. ער איז געווען איבערצייגט, אז קיין גרופּע פון די סאַמע איבערגעגעבנסטע רעוואָלוציאָנערן און קיין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קען ניט גליקלעך מאכן דעם פאָלק און אויפבויען א נייע פרייע אָרדענונג אָן דער איניציאַטיווע פון דעם פאָלק גופא. ער האט אויך ניט געגלויבט, אז מען קען פאַרניכטן די צאַרישע זעלבסטהער־שונג דורך א פאַרשווערונג פון א הייפל העלדישע רעוואָלוציאָנערן. קראָ־פּאָטקין איז געווען איבערצייגט, אז דער צאַריזם קען און וועט געשטירצט ווערן נאָר דורך א פאָלקס־אויפשטאַנד, און אַז די קומענדיקע רעוואָלוציע

אין רוסלאַנד וועט זיין ניט נאָר אַ פּאָליטישע, נאָר אויך מיט אַ סאָציאַ־ליסטישן אונטערשלאַק.

נאָך וויניקער סימפּאַטיש איז אים געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג, וועלכע איז שפּעטער אַנטשטאַנען אין רוסלאַנד. קראָפּאָטקין איז קודם־כל געווען אַ פאַנאַטישער קעגנער פון דער מאַרקסיסטישער לערע. ער האָט אויך ניט געקענט מוחל זיין די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זיי האָבן איגנאָרירט די אינטערעסן פון די פּויערים, דאָס הייסט, פון דער ריזיקער מערהייט פון רוסישן פאָלק, און אויך וואָס זייער אידעאַל איז געווען אַ צענטראַליזירטע מלוכה. קראָפּאָטקין איז געווען אַן איבער־ציינגטער פעדעראַליסט. ער האָט געהאַלטן, אַז רוסלאַנד דאַרף איבערגע־בויט ווערן אויף פעדעראַטיווע יסודות.

ווען אין זשענעווע האָט אין יאָר 1902 אָנגעהויבן אַרויסגיין די ערשטע רוסישע אַנאַרכיסטישע צייטונג, „כליעב אי וואָליאַ" (ברויט און פריי־הייט), איז קראָפּאָטקין געוואָרן אירער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. ער האָט אָבער אָנגעהאַלטן די פריינדלעכסטע באַציונגען מיט די פירער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און האָט געשעצט יעדן איינעם, וואָס האָט געקעמפט קעגן דעם צאַרישן דעספּאָטיזם, פאַר דער איינפירונג פון אַ פרייער קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג אין רוסלאַנד.

ווען דער געוועזענער מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער פּיאָטר סטרוווע האָט אין יאָר 1902 אָנגעהויבן אין אויסלאַנד אַרויסצוגעבן פאַר רוסלאַנד דעם זשורנאַל „אָסוואָבאָזשדעניע" (באַפרייונג), וואָס איז געווען דער אָרגאַן פון די רוסישע ליבעראַלן, האָט קראָפּאָטקין אים צוגעשיקט אַן עקזעמפּלאַר פון זיין בוך „מעמוארן פון אַ רעוואָלוציאָנער" מיט אַ זייער פריינדלעכער אויפשריפט, אין וועלכער ער האָט געווונטשן דעם ליבעראַלן זשורנאַל דערפאָלג.

איינער פון קראָפּאָטקינס אַמאָליקע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, איוואַן קניזשניק־וועטראָוו, האָט נאָך קראָפּאָטקינס טויט געשריבן: „אין יענער צייט האָט די „אָסוואָבאָזשדעניע" געקעמפט קעגן דער זעלבסטהערשונג און קראָפּאָטקין, ווייסנדיק ווי שטאַרק עס איז דער שונא, האָט געשעצט יעדן קעמפער קעגן אים. ניט אַזוי האָבן זיך באַצויגן צו סטרווון און צו דער „אָסוואָבאָזשדעניע" די פירער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָ־ציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. זייערע צייטונגען האָבן אין יעדן נומער גע־קעמפט קעגן דער „אָסוואָבאָזשדעניע". עס איז אוממעגלעך פאַרצושטעלן זיך, אַז לענין וואָלט געקענט שיקן סטרווון זיינעם אַ בוך מיט אַ פריינד־לעכער אויפשריפט. קראָפּאָטקין אָבער האָט עס יע געטאָן. פאַר לענינען איז סטרווע געווען אַ „קלאַסן־פיינט", פאַר קראָפּאָטקינען — אַ רעוואָלו־

ציאָנערער קעמפער, ווי שטאַרק עס האָבן זיך ניט אונטערשיידט די צילן און מיטלען פון קאַמף פון איינעם אין דעם צווייטן".

ווען עס איז אין דעצעמבער 1904 פאָרגעקומען אין לאָנדאָן אַ קליינער צוזאַמענפאָר פון רוסישע אַנאַרכיסטן און אייניקע פון די יונגע דעלעגאַטן האָבן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די אַנאַרכיסטן דאַרפן זיך באַציען פיינטלעך צו יעדער ריין־פּאָליטישער אַגיטאַציע, וואָס גייט ניט ווייטער ווי פון אַרונטערוואַרפן די זעלבסטהערשונג, האָט קראָפּאָטקין דערקלערט, אַז דאָס איז אַ פאַלשער אין שעדלעכער שטאַנדפּונקט.

„זאָלן די ליבעראַלן", האָט ער געזאָגט, „אַנגיין מיט זייער אַרבעט. מיר קענען ניט זיין קעגן זיי. אונדזער זאַך איז ניט צו קעמפן קעגן זיי, נאָר אַריינטראָגן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אונדזער אידעע, אויס־ברייטן די געשטעלטע פאָדערונגען, פירן די באַוועגונג ווייטער פון דעם ציל, וועלכן עס שטעלן זיך די אַנדערע פּאַרטייען".

קראָפּאָטקין איז אויף יענעם צוזאַמענפאָר אויך אַרויסגעטראָטן זייער שאַרף קעגן די אַזוי־גערופענע „עקספּראָפּריאַציעס" (באַוואָפנטע האָלד־אָפּס), וועלכע די אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין רוסלאַנד האָבן פּראַקטיצירט.

„קראָפּאָטקין, — דערציילט די באַוווּסטע אַנאַרכיסטישע טוערין מ. גאָלדסמיט־קאָרן, — האָט פאַרשוואָרן די יוגנט אָפּצוזאָגן זיך פון אָט דעם געפערלעכן וועג, אַנווייזנדיק אויף אַ רייעביישפּילן וואָס פאַר אַ שעדלעכע ווירקונג די טאַקטיק פון „עקספּראָפּריאַציעס" האָט געהאַט אויף דער באַ־וועגונג אין די אַנדערע לענדער. און זיין פייערדיקע רעדע איז געווען אַזוי איבערצייגנדיק, אַז איינער פון די חברים, וואָס איז געקומען צופאָרן פון רוסלאַנד, האָט זיך צעוויינט".

ווען עס האָט אין אָקטאָבער 1905 אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָט קראָפּאָטקין זיך גענומען קלייבן פאָרן קיין רוסלאַנד. ער האָט געטרוימט צו גרינדן דאָרט אַ גרויסע ציימונג פאַר די ברייטע מאַסן פון פאָלק. אָבער די רעוואָלוציע איז איינגיכן אונטערדריקט געוואָרן און קראָפּאָטקין איז פאַרבליבן אין ענגלאַנד.

קראָפּאָטקין איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט אין ברייטסטן זין פון וואָרט. דאָס האָט אים אָבער ניט געשטערט ליב צו האָבן זיין אייגן פאָלק און זיין אייגן לאַנד. ער האָט זייער געליטן פון דעם, וואָס די צאַרישע רעגירונג אונטערדריקט די אַנדערע ניט־רוסישע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע וווינען אין רוסלאַנד, און שטערט זייער קולטורעלע אַנטוויקלונג. ווי אַ פריינד און פאַרטיידיקער פון אַלע אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער, האָט קראָפּאָטקין אויך געהאַט אַ וואַרעמע באַציִונג צו דעם פיל־ליידנדן יידישן פאָלק. ווי אַן אַנאַרכיסט און קעגנער פון יעדער רעגירונג האָט ער

ניט געגלויבט, אַז די ישועה פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק קען קומען פֿון דעם, וואָס יידן וועלן האָבן אַן אייגענע מלוכה אין פּאַלעסטינע אָדער ערגעץ אַנדערשוואו. ער איז דעריבער געווען אַ קעגנער פֿון ציוניזם און טעריטאָריאַליזם. ער האָט זיך אָבער באַצויגן מיט דער טיפֿסטער סימפּאַטיע צו דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

ווען אייניקע אַנאַרכיסטן האָבן אין יאָר 1909 זיך באַקלאָגט פֿאַר אים, אַז אַ סך יידישע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן זיינען געוואָרן יידישע נאַציאָנאַליסטן, האָט קראָפּאָטקין זיי געענטפֿערט, אַז זיי דאַרפֿן ניט באַדויערן, נאָר, פֿאַרקערט, באַגריסן דעם פֿאַקט, וואָס די אַסימילירטע און האַלב־אַסימילירטע יידישע אינטעליגענץ קערט זיך צוריק אום צום יידישן פֿאָלק.

„מיר באַגריסן עס", האָט קראָפּאָטקין געשריבן אין דער „פֿרייע אַרבייטער שטימע" פֿון 2טן אָקטאָבער, 1909, „ווייל מיר ווייסן, אַז אמתע פֿאַראייניקונג איז מעגלעך נאָר צווישן אומפּאָפּהענגיקע גרופּעס, וועלכע לעבן און אַנטוויקלען זיך יעדערע לויט איר אייגענע און נאַטירלעכע קרעפֿטן, סיי אין איר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, סיי אין בילדונג און אין דער אַנטוויקלונג פֿון אַלע אירע פֿעיקייטן. אין יעדער פֿולקאָם פֿרייער אַנטוויקלונג פֿון וועלכער־ניט־איז נאַציאָנאַליטעט זעען מיר אויך אַ נויטווענדיקן שריט, וואָס ברענגט אונדז נענטער צו דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאַראייניקונג פֿון די אַרבעטנדיקע פֿון אַלע לענדער.

„מיר באַגריסן יעדע נאַציאָן, ווי קליין זי זאָל ניט זיין, אין איר שטרעבונג צו באַפֿרייען זיך פֿונם צענטראַלן שטאַטס־יאָך אָדער אַפֿילו בלויז פֿון אינטעלעקטועלן יאָך פֿון וועלכער ניט איז אַנדערער נאַציאָן.

„יעדע נאַציאָנאַליטעט ברענגט אַריין אינם געמיינזאַמען אוצר פֿון דער מענטשהייט אירע אייגענע עלעמענטן, וואָס געהערן אויסשליסלעך נאָר איר אַליין, און אָט־די עלעמענטן זיינען דעריבער טייער, ווייל זיי ברענגען אַריין פֿאַרשיידנאַרטיקייט, נייע לעבנס־קראַפֿט אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשהייט".

און קראָפּאָטקין האָט גערופֿן די יידישע אינטעליגענץ אומצוקערן זיך צוריק צום יידישן פֿאָלק, „צו לעבן מיטן זיין לעבן, אויסדריקן זיינע ליידן, זיינע אידעאַלן" און „העלפֿן דער אַנטוויקלונג פֿון די עלעמענטן פֿון דעם פֿאָלקס־גייסט — העלפֿן דער אַנטוויקלונג פֿון זיינע לידער, זיין מוזיק, זיין פֿילאָזאָפֿיע און זיין סאָציאָלאָגישן שאַפֿונגס־גייסט, כדי דאָס פֿאָלק זאָל ענדלעך קענען דערגרייכן די העכערע אידעאַלן פֿון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג".

נאָך אין 1906, אויף דער אַנאַרכיסטישער קאָנפֿערענץ אין לאָנדאָן, האָט קראָפּאָטקין פֿאָרויסגעזאָגט, אַז עס איז מעגלעך, אַז דייטשלאַנד זאָל אינגיכן אָנהייבן אַ מלחמה קעגן רוסלאַנד. דעם דייטשן קייזער ווילהעלם דעם צווייטן האָט ער אָנגערופֿן „דער געקרוינטער זשאַנדאַרם", און ער דאָט מיט גרויס האַס געגעדט וועגן ווילהעלמס טייוולשע פּלענער. דערביי האָט ער אַרויסגעזאָגט אַזאַ פֿראַזע: „אויב עס וואָלט זיך אָנגעהייבן אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, וואָלט איך אויף מיינע אַלטע פּלייצעס גענומען אַ ביקס און וואָלט געגאַנגען שלאָגן זיך קעגן די דייטשן". קראָפּאָטקין האָט געהאַלטן די רוסישע דייטשן פֿאַר די הויפּט־שולדיקע פֿון דעם שרעקלעכן פּאָליטישן רעזשים אין רוסלאַנד. פֿאַר די מיטגלידער פֿון דעם צאַרס משפּחה, די ראָמאַנאָווס, האָט ער ניט געהאַט קיין אַנדער נאָמען ווי „די האָלשטיין־גאָטאָרפּס", און ווילהעלם דעם צווייטן און די גאַנצע אָפֿיציעלע דייטשלאַנד האָט ער באַטראַכט פּאַר די הויפּט־זיילן פֿון דער אייראָפּעישער רעאַקציע. טיילוויים צוליב דעם און טיילוויים דערפֿאַר, וואָס די דייטשן קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס האָבן אַזוי שטאַרק באַקעמפֿט באַקונינען אין דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָט קראָפּאָטקין אויך באַצווינגן זיך פֿיינטלעך צו די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, פֿאַר די מאַרקסיסטן, פֿלעגט ער זאָגן, איז קאַרל מאַרקס' „קאַפּיטאַל" דאָס זעלבע וואָס דער תּלמוד פֿאַר פֿרומע ייִדן. זיי שטודירן אים און טייטשן אים אויף אַלערליי אופֿנים. אין דער אמתן איז דער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר אין דער מענטשלעכער געשיכטע די אומוויסנהייט פֿון די פֿאָלקס־מאַסן. נאָר צוליב דעם זיינען אַלערליי אַוואַנטיוריסטן, קייסאָרים און גלחים אימשטאַנד זיי צו פֿירן פֿאַרן נאָז. כּדי צו באַפֿרייען די מענטשהייט פֿון עקספּלואַטאַציע, דאַרף מען פּרעדיקן ניט קלאַסן־קאַמף, נאָר אַ פֿאַראייניקונג פֿון אַלע ערלעכע מענטשן, צו וועלכן קלאַס זיי זאָלן ניט געהערן.

אין יענע יאָרן (1917־1906) האָט קראָפּאָטקין געוווינט אין בראָמלעי, אַ שטעטל ניט ווייט פֿון לאָנדאָן. קראָפּאָטקין האָט געליטן פֿון האַריץ־קראַנקייט. זיין הויז, פֿריער אין לאָנדאָן, דערנאָך אין בראַיטאָן און אין בראָמלעי, איז געווען אָפֿן פֿאַר יעדן איינעם, וואָס האָט אים געוואָלט זען. די באַרימטע רעוואָלוציאָנערקע ווערא פֿיגנער דערציילט, אַז ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל באַזוכט אין בראָמלעי אין יאָר 1908, איז קראָפּאָטקין שוין געווען אין די ווייטע זעכציקער, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ שלאַנקע פֿיגור און איז געווען זייער רירעוודיק, ווי אין דער יוגנט. זיינע בלויע אויגן האָבן געקוקט קלאָר און צערטלעך און די גרויע באָרד האָט ווי אַ פֿעכער זיך אַרונטערגעלאָזן אויף זיין ברוסט. ער איז דאַן

שוין געווען באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט. זיינע ביכער זיינען גע־לייענט געוואָרן פֿון מיליאָנען מענטשן אין אַלע וועלט־טיילן.

„ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט אים און מיט זיין פֿאַמיליע", שרייבט פֿיגנער, „איז זייער מאַטעריעלע לאַגע געווען אַ צופֿרידנשטעלנדע, אָבער ניט מער. קיין שום לוקסוס האָבן זיי זיך ניט געקענט דערלויבן. עס איז אָבער געווען אַ צייט, די ערשטע יאָרן נאָכדעם ווי זיי זיינען אַריבערגעפֿאָרן קיין ענגלאַנד פֿון דער שווייץ, ווען זיי האָבן געלעבט אין נויט. סאָפֿיע גריגאָריעוונאַ (קראָפּאָטקינס פֿרוי.—ד. ש.) האָט מיר דערציילט, אַז זי פֿלעגט קוים מיט צרות קענען קויפֿן איינמאָל אין וואָך אַ שטיקל פֿלייש פֿאַרן מאַן. מען האָט באַדאַרפֿט אַרבעטן, אָן אָן אויפֿהער אַרבעטן אום צו קענען מאַכן אַ לעבן פֿון ליטעראַרישער אַרבעט — וואָס איז פֿאַר קראָ־פּאָטקינען דעם גאַנצן לעבן געווען דער איינציקער קוואַל פֿון עקזיסטענץ".

.7

ווען עס האָט אין זומער 1914 אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, האָט קראָפּאָטקין דערקלערט, אַז עס איז די אויפֿגאַבע פֿון אַלע פֿרייהייטס־ליבנ־דע מענטשן צו שטעלן זיך אויף דער זייט פֿון די עלאַים און העלפֿן זיי פֿאַרניכטן דעם דייטשן מיליטאַריזם. דער צענטער פֿון דער אייראָפּעישער רעאַקציע, האָט ער געזאָגט, איז דייטשלאַנד, ווייל איר מיליטאַריסטישער רעזשים איז דער שטאַרקסטער, דער בעסט־אָרגאַניזירטער און שטאַנד־האַפֿטיקסטער פֿון אַלע אַנדערע מיליטאַריזמען. ווען דער דייטשער מי־ליטאַריזם וועט באַזיגט ווערן, וועט עס נאָך ניט מיינען די באַפֿרייונג פֿון דער מענטשהייט, אָבער די מענטשהייט וועט דורך דעם זיך ראַטעווען פֿון דער נאָנטסטער געפֿאַר.

פּונקט ווי דער פֿאָטער פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גאָרג פּלעכאַנאָוו, האָט אויך דער אַנאַרכיסט קראָפּאָטקין, אַפּעלירט צו די אַר־בעטער און פֿרייהייטס־ליבנדע מענטשן פֿון דער גאַנצער וועלט, אַז זיי זאָלן העלפֿן אין דער מלחמה די עלאַים. קראָפּאָטקין איז געווען איבערצייגט, אַז אַ זיג פֿון די דייטשע מיליטאַריסטן וואָלט געווען דער גרעס־טער אומגליק פֿאַר דער גאַנצער וועלט. דייטשלאַנד, האָט קראָ־פּאָטקין באַהויפּטעט, איז, ניט געקוקט אויף דער מעכטיקער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי מיט אירע מיליאָנען אָנהענגער, נאָך אַלץ אַ רעאַקציאָנערע מאָנאַרכיסטישע מלוכה. פּונקט ווי באַקונין, האָט אויך קראָפּאָטקין ניט געהאַט קיין צוטרוי צו די דייטשע מאַסן, וועלכע זיינען

דערצויגן געוואָרן אין מיליטאַריסטישן און אימפּעריאַליסטישן גייסט. באַקונין האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז „יעדער דייטש טראָגט אין זיין נשמה זיין אייגענעם זשאַנדאַרם".

אין די יאָרן צווישן די צוויי רוסישע רעוואָלוציעס איז קראָפּאָטקין געווען באַרימט און שטאַרק געאַכטעט אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. אין ענגלאַנד איז זיין איינפֿלוס געווען זייער גרויס. צו זיין וואָרט האָבן זיך צוגעהערט אַפֿילו ענגלישע מיניסטאָרן. געוווינט האָט ער שטענדיק ניט אין לאָנדאָן, נאָר פֿריער אין בריטאָן, דערנאָך אין בראָמלעי און צוריק ווידער אין בריטאָן. און פֿון דער רוסישער קאָלאָניע אין לאָנדאָן האָט ער זיך געהאַלטן אַ ביסל אָפּגעזונדערט. נאָר זעלטן פֿלעגט ער קומען צו די פֿאַרזאַמלונגען פֿון דעם הערצען־קרייזל, וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אין לאָנדאָן. אין סאָציאַל־פּאָליטישע פֿראַגן האָבן אַ סך פֿון די דעמאָלטיקע רוסישע עמיגראַנטן אין לאָנדאָן מיט אים ניט מסכים געווען. אָבער אַלע האָבן איינשטימיק אָנערקענט, אַז ער איז אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער. דורך אהרן זונדעלעוויטשן, דעם אַלטן מיטגליד פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" איז דער יונגער מענשעוויק, איוואַן מאַיסקי, דער שפּעטערדיקער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַט, באַקאַנט געוואָרן מיט קראָפּאָטקינען, און ער איז אַ פּאָר מאָל געווען ביי אים אין בריטאָן. מאַיסקי האָט נאָך דעם זיג פֿון דער רעאַקציע אין רוסלאַנד נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע געלעבט פֿריער עטלעכע יאָר אין דייטשלאַנד, דערנאָך האָט ער זיך באַזעצט אין לאָנדאָן. קראָפּאָטקין האָט אין בריטאָן געוווינט אין אַ גרויסער הויז און ער האָט פֿלייסיק געאַרבעט אין זיין קאַבינעט, וועלכער איז געווען פֿאַרוואַלגערט מיט ביכער. מיט יאָרן שפּעטער האָט מאַיסקי דערציילט, אַז קראָפּאָטקינס הויז אין בריטאָן איז געווען ענלעך אויף אַן אמתער נחס תיבה. ווער איז דאָרט ניט געווען? — אַ רעוואָלוציאָנערער אימיגראַנט פֿון רוסלאַנד, אַ שפּאַנישער אַנאַרכיסט פֿון דרום־אַמעריקע, אַן ענגלישער פֿאַרמער פֿון אויסטראַליע, אַ ראַדיקאַלער דעפּוטאַט פֿון ענגלישן פּאַרלאַמענט, אַ פּראָגרעסיווער גלח פֿון סקאָטלאַנד, אַ באַרימטער געלערנטער פֿון דייטשלאַנד, אַ ליבעראַלער דעפּוטאַט פֿון דער רוסישער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ, אַפֿילו אַ גענעראַל פֿון דער צאַרישער אַרמיי. אַלע פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען אין קראָפּאָטקינס הויז יעדן זונטיק, כדי אויסצודריקן זייער אַכטונג צום באַלעבאָס און טוישן זיך מיט אים מיט די מיינונגען וועגן פֿאַרשידענע פֿראַגן.

„קראָפּאָטקין, — האָט געשריבן מאַיסקי — שוין מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר נאָך קראָפּאָטקינס טויט — „איז פֿון איין זייט מיר שטאַרק געפֿעלן געווען. מיך האָט שטאַרק אימפּאָנירט זיין גרויסער וויסן, זיינע פֿאַרשידנאַרטיקע טאַלאַנטן, זיין אַלוועלטלעכע באַרימטקייט, זיין מוט, זיין

נאַבעלער כאַראַקטער, די גאַנצע גרויסאַרטיקע געשיכטע פֿון זיין לעבן. איך האָב באַזונדער שטאַרק ליב געהאַט צו קוקן אויף קראָפּאָטקינען, ווען ער האָט גערעדט. מיר איז ניט אויסגעקומען אים צו הערן אויף גרויסע פֿאַרזאַמלונגען. איך האָב נאָר פֿון אַנדערע מענטשן געהערט ווי אויסער־געוויינלעך שטאַרק עס פֿלעגן אין אַזוינע פֿאַלן קלינגען זיינע ווערטער. אויף גרויסע פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגט קראָפּאָטקין ממש פֿאַרשיכורן דעם עולם און פֿלעגט צוגעבן אַן אויסערגעוויינלעכן גלאַנץ זיין רעדע. אַליין איז מיר אויסגעקומען צו זען קראָפּאָטקינען נאָר אין אַ באַשיידענער אַטמאָס־פֿערע, ביי אים אין הויז, ביים טיי־טיש אָדער אין זאַל ביי אַ ברענענדיקן קאַמין. אַפֿילו דאָ איז קראָפּאָטקינס רעדע געווען אַנגענעם און האָט געמאַכט אַ טיפֿן איינדרוק. הערנדיק קראָפּאָטקינען אין ברייטאָן, האָב איך גוט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס זיינע לעקציעס אויף די אומלעגאַלע פֿאַר־זאַמלונגען פֿון די פּעטערבורגער אַרבעטער אין די זיבעציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט האָבן געהאַט אַזאַ ריזיקן דערפֿאָלג ביי די אַרבעטער".

פֿון דער אַנדער זייט האָט אָבער מאַיסקי זיך ניט געקענט באַפֿרייען פֿון אַ געוויסן אומצוטרוי צו קראָפּאָטקינען, דערפֿאַר ווייל קראָפּאָטקין איז געווען אַן אַנאַרכיסט, אַ קעגנער פֿון מאַרקסיזם און מאַיסקי איז געווען אַ מאַרקסיסט, אַ קעגנער פֿון אַנאַרכיזם.

„איך געדענק — שרייבט מאַיסקי, — ווען איך בין געקומען צו קראָ־פּאָטקינען צוזאַמען מיט זונדעלעוויטשן האָב איך אים געטראָפֿן זיצנדיק אויף אַ שטול ביים קאַמין, אַרומגערינגלט מיט אַ קליינער גרופּע ענגלישע און רוסישע געסט, און ער האָט אוי ווי אַ נביא געהאַלטן אין דערקלערן זיי דעם תמצית פֿון זיין לערע. איך האָב זיך צוגעזעצט נעענטער צו אים. קראָפּאָטקינס געדאַנקען־גאַנג איז געווען אַ טיפּיש אַנאַרכיסטישער, און זיין גאַנצע לעקציע איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שאַרף־נעגאַטיווער באַציִונג צום מאַרקסיזם. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיין שאַרפֿער טאָן האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. ווען ער האָט מיך באַמערקט צווישן זיינע צוהערער. נאָכדעם ווי ער האָט פֿאַרענדיקט די רעדע האָט ער, ווענדנדיק זיך צו מיר מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן: „נו, איר וועט פאַרשטייט זיך, אָנהויבן גלייך צו אַטאַקירן מיך?".

איך האָב זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן און האָב מיט אַ קלאָפּנדיק האַרץ אָנגעהויבן ענטפֿערן קראָפּאָטקינען. אַ פּאָר מינוט האָט קראָפּאָטקין מיר אויסגעהערט שווייגנדיק. דערנאָך אָבער האָבן מיינע ווערטער אים קענטיק אָנגעהויבן אויפֿרעגן. איבער קראָפּאָטקינס פּנים איז אַריבער עפּעס אַ שאָטן, און אונטערברעכנדיק מיך אויף אַ ניט זייער איידעלן אופֿן, האָט ער אויסגערופֿן: „נו, קומט, לאָמיר טרינקען אַ גלעזל טיי"!

מייסקי דערציילט, אַז אין זומער 1916 איז ער, צוזאַמען מיט געאָרגי טשיטשערינען, דעם שפּעטערדיקן סאָוויעטישן קאָמיסאַר פון אויסלענדישע ענינים, געקומען צו קראָפּאָטקינען אין בריטאַן וועגן די ענינים פון דעם הילפס־קאָמיטעט פאַר די פּאָליטישע קאַטאָרזשניקעס און פאַרשיקטע אין רוסלאַנד. דער קאָמיטעט האָט געוואָלט אַריינציען אין זיינע רייען עמ־לעבע אַנגעזעענע ענגלענדער און האָט געבעטן קראָפּאָטקינען אַז ער זאָל זיך ווענדן מיט אַ בריוו צו זיי. קראָפּאָטקין האָט גערן צוגעשטימט צו דעם, אָבער ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט מען קראָפּאָטקינען דערלאַנגט אַ צייטונג מיט די לעצטע נייעס. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער צייטונג און האָט פּלוצלונג הויך זיך שטאַרק אויס־געזידלט.

„וואָס איז געשען״? האָבן מיר ביי אים אַ פרעג געטאָן.

„אָט, וויטערע נידערלאַגעס אויפן רוסישן פראָנט״.

טשיטשערין, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַן „אינטערנאַציאָנאַ־ליסט״ פון מאַרטאָווס און טראָצקיס חדר, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט אַ פרעג געטאָן ביים אים:

— „צי דען ווילט איר טאַקע אַ זיג פאַרן צאַריזם״?

— „וואָס הייסט פאַרן רוסישן צאַריזם? — האָט קראָפּאָטקין, אַ שטאַרק אויפגערעגטער, געזאָגט: — „עס האַנדלט זיך ניט וועגן דעם גורל פון דעם צאַריזם, נאָר וועגן דעם גורל פון דער מענטשהייט. מיר זיינען גוט באַקאַנט די אַלע געשווירן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, און איך האָב, דאַכט זיך, גענוג געטאָן זיי אויפצודעקן... אויב אָבער דער דייטשער אימפּעריאַליזם וועט זיגן, וועט דער וועג צו דער באַפרייונג פון דער מענטשהייט פון די קאַפּיטאַליסטישע איבלען זיך שטאַרק פאַר־לענגערן. דערפאַר בין איך פאַר אַ זיג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, ניט געקוקט אויף דעם וואָס זייער פאַרבינדעטע איז דער צאַריזם״.

טשיטשערין האָט אָנגעהויבן אויפווייזן קראָפּאָטקינען, אַז אַן אמתער סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער דאַרף פירן אַ קאַמף קעגן דעם דייטשישן אימפּעריאַליזם און פּונקט אַזוי אויך קעגן דעם ענגליש־פראַנצויזישן אימ־פּעריאַליזם. דער ויכוח צווישן טשיטשערינען און קראָפּאָטקינען איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ שאַרפער. ביידנס פּנימער זיינען געוואָרן רויט, זיי האָבן גערעדט אַלץ העכער, און אין ביידנס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פיינטלעכע פייערלעך. ביים געזעגענען זיך האָב איך אים געזאָגט: „דער פּראָלעטאַריאַט איז ניט פאַראינטערעסירט, נישט אין אַ דייטשישן זיג, נישט אין אַן ענגליש־פראַנצויזישן זיג. דער פּראָלעטאַריאַט איז פאַראינטערעסירט אין זיין אייגענעם זיג. דאָס דאַרף מען שטענדיק האָבן אין זינען ביים

באַשטימען די טאַקטיק". קראָפּאָטקין איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער און ווענדנדיק זיך צו מאַיסקין, האָט ער געזאָגט:

„איך אַלע זייט קראַנק אויפן מאַרקסיסטישן דאָגמאַטיזם. דער פּראָלעטאַריאַט איז געווים פאַראינטערעסירט אין זיין זיג, אָבער פאַר דעם איז פריער נייטיק אַ זיג פון ענגלאַנד און פראַנקרייך איבער דייטשלאַנד. דאָס איז אַ נויטווענדיקע און אומפאַרמיידלעכע שטופע. דעריבער בין איך פאַר אַ מלחמה ביזן סוף: ביז דער פאַרניכטונג פון דייטשן מיליטאַריזם".

טשיטשערין און מאַיסקי האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע פּלעצער, זיך קאַלט געזעגנט מיט אים און זיינען אַוועק.

קראָפּאָטקין האָט געהאַלטן, אַז יעדע נאַציע דאַרף האָבן דאָס רעכט פריי צו אַנטוויקלען זיך ווי אַזוי זי וויל, און אַז זי האָט אַ רעכט צו רעוואָלטירן קעגן די יעניקע, וואָס זאָגן איר אָפּ אין דעם דאָזיקן רעכט, און אַז עס איז די פליכט פון די אַרבעטנדע מאַסן פון אַלע לענדער צו פאַראייניקן זיך און שטעלן זיך קעגן יעדן פאַרזוך פון איין נאַציע צו אונטערדריקן אַ צווייטע.

אין אַ בריוו צו ש. יאַנאָווסקין, דאַטירט דעם 10טן סעפּטעמבער, 1914, האָט קראָפּאָטקין געשריבן:

„פּונקט ווי אין 1870-1871 האָבן באַקונין, גאַריבאַלדי, דער אַלטער ליבקנעכט, בעבעל און אַלע דענקענדע מענטשן פאַרשטאַנען, אַז אויב פראַנקרייך זאָל באַזיגט ווערן, וועט עס מיינען אַ האַלבער יאָרהונדערט רעאַקציע, מיליטאַריזם, דער טריומף פון דער געלטזיכטיקער בורזשואַזיע און פון רעגרעס אין דעם גאַנצן אינטעלעקטועלן לעבן פון אייראָפּע — אַזוי דאַרפן מיר אויך איצט ווערן די פאַרקעמפער פאַר אָט די אמתן און רופן זיי צו פאַרטיידיקן פראַנקרייך און בעלגיע. גאַריבאַלדיס דריי איינזיקלעך האָבן אַן שום פראַזן גענומען ביקסן און צוזאַמען מיט דריי טויזנט אַנדערע איטאַליענער, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם איטאַליענישן לעגיאָן, קעמפן זיי איצט אויף די שלאַכטפעלדער פאַר דעם רעכט פון די פעלקער ניט אונטערדריקט צו ווערן פון די באַרבאַרן־דעראָבערער. אויב ניט מיינע אַלטע יאָרן און די צעפוילטע לונגען, וואָלט איך איצט דאָ ניט געזעסן! זאָגט עס די גענאָסן"...

ווען מען האָט קראָפּאָטקינען אָנגעוויזן, אַז אַ זיג פון די עלאַיס אין דער מלחמה מיינט דאָך אויך אַ זיג פון דער צאַרישער רוסלאַנד, האָט ער אויף דעם געענטפערט, אַז ער איז איבערצייגט, אַז די צאַרישע זעלבסטהערשונג וועט איינגיכן פאַלן און אַז אין רוסלאַנד וועט איינגעפירט ווערן אַ פרייע פּאָליטישע אָרדענונג.

ווען מען פלעגט ביי אים פרעגן: „פאַרוואָס זייט איר אַזוי זיכער, אַז אין רוסלאַנד וועט איינגיכן פאַרקומען אַ רעוואָלוציע”? פלעגט ער ענטפערן: „שוין הערפאַר אַליין, וואָס אַלע אין רוסלאַנד וואַרטן אויף אַ רעוואָלוציע”.

8

די רעוואָלוציע איז געקומען פריער, ווי מען האָט געדענקט. קראָפּאָטקין איז געווען אויסער זיך פאַר פרייד. שוין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע האָט ער אָנגעהויבן באַקומען פון רוסלאַנד טעלעגראַמעס, אַז ער זאָל וואָס שנעלער קומען אַהין, און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט האָט ער גלייך פאַרלאָזן די ברעגן פון דער גאַסטפריינדלעכער ענגלאַנד, וו ער האָט אָפּגעלעבט אַ העלפט פון זיין לעבן, און איז אַוועקגעפאָרן מיט זיין פרוי און טאָכטער קיין רוסלאַנד.

ער איז געפאָרן מיט דער שיף דורך שטאָקהאָלם און אין פּעטראָגראַד איז ער אָנגעקומען דעם 30סטן מאַי (12טן יוני לויט דער נייער צייטרעכענונג) פון 1917.

אויפן פּעטערבורגער וואָקזאַל האָט אַן עולם פון 60 טויזנט מענטשן געוואַרט אים צו באַגריסן. אויף דער פּלאַטפאָרמע פון וואָקזאַל איז געווען אויסגעשטעלט אַן ערן־וואַך פון דעם באַרימטן סעמיאָנאָווסקער גוואַרדיע־רעגימענט. עטלעכע מיליטערישע אָרקעסטערס האָבן אויפגעשפּילט די „מאַרסעליעזע”, ווען קראָפּאָטקין און זיין פרוי זיינען אַרויסגעשטיגן פון צוג און די סאָלדאַטן האָבן אים באַגריסט מיט הילכיקע הורא־געשרייען. אין אויפנאַם־צימער פון וואָקזאַל האָבן אויף אים געוואַרט קערענסקי, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער יוסטיץ־מיניסטער פון דער צייטווייליקער רעגירונג, און פיל אַלטע קראָפּאָטקינס פריינט, צווישן זיי אויך טשאַיקאָווסקי. קערענסקי האָט די קראָפּאָטקינס באַגריסט אין נאָמען פון דער צייטווייליקער רעגירונג. זיי זיינען אויך באַגריסט געוואָרן פון די פאָרטרעטער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך פון אַ פאָרטרעטער פון דער קליינער גרופּע אַנאַרכיסטן, וואָס איז געווען איינשטימיק מיט קראָפּאָטקינס שטעלונג צו דער מלחמה און צו דער רעוואָלוציע. די מערסטע רוסישע אַנאַרכיסטן זיינען דעמאָלט געווען קעגן קראָפּאָטקינען. זיי האָבן געהאַלטן מיט די באָלשעוויקעס און זיי זיינען ניט געקומען מקבל פּנים זיין זייער אַלטן גרויסן לערער.

קראָפּאָטקין איז שוין דעמאָלט געווען אַן אַלטער מאַן. ער האָט אָבער ניט פֿאַרלאָרן זיין יוגנטלעכן ענטוזיאַזם און די רעוואָלוציאָנערע באַגייסטע־רונג. פּונקט ווי אַלע זיינע אַמאָליקע חברים, די פּיאָנערן פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון די 70טער און 80טער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, האָט אויך קראָפּאָטקין געשטיצט די ציטווייליקע רעגירונג און איז געווען אַ ביטערער קעגנער פֿון די באָלשעוויקעס.

ווי אַן אַנאַרכיסט איז קראָפּאָטקין, פֿאַרשטייט זיך, ניט צוגעשטאַנען צו קיין פּאַרטיי. אָבער זיינע סימפּאַטיעס זיינען געווען אויף דער זייט פֿון די רעכטע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און פֿאָלקס־סאָציאַליסטן, צו וועלכע עס האָבן געהערט כמעט אַלע זיינע אַמאָליקע אַלטע פֿריינט פֿון דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג פֿון די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן.

קערענסקי האָט קראָפּאָטקינען פֿאָרגעשלאָגן צו פֿאַרנעמען אירגענד־וועלכן פּאָסטן אין דער רעגירונג, וואָס ער וועט אויסקלייבן, אָבער קראָ־פּאָטקין האָט זיך אָנטזאָגט.

„איך האָב אים דערקלערט, האָט קראָפּאָטקין דערציילט, אַז איך האָב מיין גאַנץ לעבן געקעמפֿט קעגן רעגירונג און איך האָב קיינמאָל ניט בדעה געהאַט צו באַטייליקן זיך אין אַ רעגירונג".

ער האָט זיך אויך אָנטזאָגט צו נעמען אַ פּענסיע פֿון דער רעגירונג און צו באַזעצן זיך אין ווינטער־פּאַלאַץ. ער האָט אָבער מאָראַליש געשטיצט די קערענסקי־רעגירונג. אין אַ בריוו צו זיין פֿריינט טורין אין לאָנדאָן האָט ער געשריבן:

„איר ווייסט שוין געוויס פֿון די ציטונגען וועגן דעם פֿאַרשלאָג, וואָס איז מיר געמאַכט געוואָרן. איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, אים תיכף צוריק־געוויזן, אָבער איך וועל מיט אַלע מיינע כוחות העלפֿן די מענטשן (די מיטגלידער פֿון דער ציטווייליקער רעגירונג — ד. ש.) צו אייניקן זיך אויף אַ פּראָגראַם און אָנצווענדן זייער גאַנצע קראַפֿט אויף איבערצור־בויען דעם אינערלעכן לעבן פֿון לאַנד, וועלכער גייט צו אַ גרויסער קאַ־טאַסטראָפֿע".

דער יולי־אויפֿשטאַנד אין פּעטערבורג, ווען די באָלשעוויקעס האָבן געמאַכט דעם ערשטן פֿאַרזוך צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט, האָט קראָפּאָטקינען פֿאַרשאַפֿט גרויס עגמת נפש. די קראָפּאָטקינס האָבן דעמאָלט געוווינט אין אַ דאָרף לעבן פּעטערבורג. באַלד נאָך דעם יולי־אויפֿשטאַנד האָט פֿירשט געאָרגי לוואָוו, דער ערשטער פּרעמיער־מיניסטער פֿון דער ציטווייליקער רעגירונג, רעזיגנירט פֿון דער רעגירונג. לוואָוו איז געווען אַ ליבעראַל און אַ גרויסער אידעאַליסט, אַ נאָבעלע פּערזענלעכקייט. קראָפּאָטקין האָט שטאַרק באַדויערט לוואָווס רעזיגנאַציע, און איידער לוואָוו איז אַוועקגעפֿאָרן קיין

מאָסקווע, איז ער געקומען צו קראָפּאָטקינען אין דאָרף מיט אים זיך געזעגענען און „מיר האָבן צוזאַמען געוויינט", האָט קראָפּאָטקין שפּעטער דערציילט.

די מיליטערישע לאַגע אויפֿן פֿראָנט איז געוואָרן אַלץ ערגער. קראָפּאָטקין האָט דערקלערט, אַז אויב ער וואָלט געווען געזינטער, וואָלט ער שוין לאַנג אוועק צום פֿראָנט. פֿריינט האָבן אים געראָטן, אַז ער זאָל זיך אַריבערקלייבן קיין מאָסקווע, וווּ די אַטמאָספֿערע איז דעמאָלט געווען אַ בעסערע ווי אין פּעטערבורג. ער האָט אַ לאַנגע צייט זיך געקווענקלט. „איך פֿיל, האָט ער געשריבן, אַז דאָ קען איך זיין נוצלעך אין דעם קריטישן מאָמענט".

אָבער אין אויגוסט מאָנאַט איז ער דאָך אַוועקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע, וווּ ער האָט פֿון אָנהייב זיך געפֿילט גליקלעכער ווי אין פּעטראָגראַד. ער פֿלעגט דאָרט אָפֿט אַרויסטרעטן אויף פֿאַרזאַמלונגען, אויפֿפֿאָדערנדיק די מאַסן צו שטיצן די מלחמה און די נייע אָרדנונג. אויף איין גרויסער פֿאַר־זאַמלונג איז ער אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט זיינע אַלטע פֿריינט נאָך פֿון די זיבעציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, די „באַבושקאַ" ברעשקאָווס־קאַיאַ און ווערע זאַסוליטש.

איין טאָג האָט ער אויך באַזוכט דאָס הויז אין מאָסקווע, וווּ ער האָט פֿאַרבראַכט זיין קינדהייט. די באַלעבאַטים פֿון הויז זיינען דעמאָלט געווען אַוועקגעפֿאָרן אויף „דאַטשע", האָט אַ דינער אים אַרומגעפֿירט איבער אַלע צימערן. ער האָט ספּעציעל געוואָלט נאָך אַמאָל אָנקוקן דעם צימער, וווּ זיין מאַמע איז געשטאָרבן.

סוף אויגוסט איז אין מאָסקווע פֿאָרגעקומען די גרויסע מלוכה־באַראַ־טונג, וואָס די קערענסקי־רעגירונג האָט פֿאַררופֿן און אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט די פֿאַרטרעטער פֿון אַלע פּאַרטייען און געזעלשאַפֿט־לעכע און מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס פֿון לאַנד, ווי אויך די געוועזענע מיט־גלידער פֿון די דומאַס, דער מיניסטאָרן־קאַבינעט און די פֿירער פֿון דער אַרמיי. קראָפּאָטקין איז געווען איינער פֿון די דריי אַלטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו אַדרעסירן די קאָנפֿערענץ. (די אַנדערע צוויי זיינען געווען פּלעכאַנאָוו, דער פֿאָטער פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און ברעשקאָווסקאַיאַ, די גרינדערין פֿון דער פּאַרטיי סאָ־ציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן).

קראָפּאָטקין האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע, אין וועלכער ער האָט גערופֿן די רוסישע סאָציאַליסטן און די רוסישע אַרבעטער און פּויערים „צו שטעלן זיך אַלע צוזאַמען ווי אַ שטאַרקע וואַנד צו פֿאַרטיידיקן אונדזער פֿאָטערלאַנד און אונדזער רעוואָלוציע".

אויב די דייטשן וועלן זיגן, האָט ער פּאָרויסגעזאָגט, וועט רוסלאַנד צוריסן ווערן אויף שטיקער. די דייטשן וועלן אַרויפלייגן אויף רוסלאַנד אַ ריזיקע קאָנטריבוציע און רוסלאַנד וועט אין די קומענדיקע 25־30 יאָר אַזוי פאַראָרעמט ווערן, פּונקט ווי פראַנקרייך איז פאַראָרעמט געוואָרן אין די ערשטע 15 יאָר נאָך איר נידערלאַגע אין 1871.

„אָבער זייט וויסן, חברים", האָט קראָפּאָטקין אויסגערופן, „אַז עס איז פאַראַן עטוואָס אַזוינס, וואָס איז נאָך ערגער, ווי דאָס אַלץ: דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון אַ באַזיגט לאַנד. די פּסיכאָלאָגיע פון אַ באַזיגט לאַנד האָב איך אַליין איבערגעלעבט אין פראַנקרייך. איך בין ניט קיין פראַנצויז, אָבער איך האָב זיך מיט זיי שטאַרק איינגעלעבט און מיין האַרץ האָט מיר געבלוטיקט, ווען איך האָב געזען ווי אַזוי פראַנקרייך האָט זיך דערנידעריקט פאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן און ניקאָלאַי דעם צווייטן, ווי אַזוי די רעפּובליק, האָט זיך דערנידעריקט פאַרן גענעראַל בולאַנזשע. די רעפּובליקאַנישע פראַנקרייך האָט זיך אַזוי שטאַרק געפילט אַלס אַ באַזיגט לאַנד, אַז זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַלע מיטלען, אַבי נאָר צו באַפרייען זיך פון דעם יאָך פון דער נידערלאַגע. ניט שווין־זשע איז אויך אונדז באַשערט איבערצולעבן דאָס זעלבע? דאָס טאָר בשום אופן ניט געשען!".

קראָפּאָטקין האָט גערופן צו נאַציאָנאַלער איינהייט, צו אַ פאַראייניקונג פון אַלע כחות פון רוסישן פאָלק. ווענדענדיק זיך צו די פאַרטרעטער פון די באַזיצנדע קלאַסן, האָט קראָפּאָטקין אויסגערופן: „מיר (די פאַרשטייער פון די דעמאָקראַטישע עלעמענטן) וויסן ניט אַ סך זאַכן, מיר דאַרפן זיך נאָך אַ סך לערנען, אָבער איר, מיינע הערן, פאַרמאָגט ניט נאָר קאַפּיטאַלן, איר האָט אויך דאָס וואָס איז וויכטיקער פאַר קאַפּיטאַל: איר קענט דאָס לעבן, איר זייט געניט אין האַנדל, אין דער פּראָדוקציע און אין טויש. אַפּעליר איך צו אייך: גיט אַוועק אַלע אייערע קענטעניש און וויסן דער אַלגעמיינער בוי־אַרבעט. פאַראייניקט זיי מיט דער ענערגיע פון די דעמאָקראַטישע קאָמיטעטן און סאָוועטן, און העלפט בויען דאָס נייע לעבן, וואָס איז פאַר אונדז נויטיק".

צום סוף האָט ער אַפּעלירט, אַז רוסלאַנד זאָל תיכף פּראָקלאַמירט ווערן ווי אַ פעדעראַטיווע רעפּובליק, „ניט אויף דעם דייטשן שטייגער, נאָר ווי די פעדעראַטיווע רעפּובליק, וועלכע מיר זעען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וווּ כאָטש יעדער שטאַט האָט אַן אייגענעם פּאַרלאַמענט און דער דאָזיקער פּאַרלאַמענט פירט אָן מיט די אַלע אינערלעכע ענינים פון דעם שטאַט, איז אָבער אין די אַלע ענינים, וווּ עס פאָדערט זיך די צושטימונג פון עטלעכע שטאַטן, טרעטן זיי דאָרט אַרויס ווי אַן ענגער פאַרבאַנד, ווי אַן אמתע פעדעראַציע".

„דאָס לעצטע וואָרט״, האָט קראָפּאָטקין געזאָגט, „וועט אין דער פראַגע נאַטירלעך האָבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אָבער ווען מיר וועלן דאָ אויסדריקן אונדזער ווונטש, אַז רוסלאַנד זאָל פּראָקלאַמירט ווערן פאַר אַ רעפּובליק, וועלן מיר דערמיט נאָר פאַרלייכטערן די אַרבעט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, און אַלע אַנדערע פעלקער פון אייראָפּע און פון אַמע־ריקע וועלן אונדז דאַנקבאַר זיין. טאָ לאָמיר צוזאָגן איינע די אַנדערע, אַז מיר וועלן זיך מער ניט טיילן אויף דער לינקער טייל פון דער פאַרזאַמלונג און אויף דער רעכטער טייל. מיר האָבן דאָך איין פאָטערלאַנד און פאַר איר דאַרפן מיר שטיין און אַוועקלייגן אונדזערע קעפּ, אויב נויטיק, מיר אַלע, סיי די רעכטע און סיי די לינקע״...

(זע דעם מאָסקווער זאַמלבוך „גאָסודאַרסטווענאַיע סאָוויעסטשאַניע״, מאָסקווע־לענינגראַד 1930, זייטן 228־229).

אין דער צייט פון דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד האָט קראָפּאָטקין געוווינט אין מאָסקווע. און ווען ער האָט דערהערט דעם ערשטן קאַנאָנען־שאָס, האָט ער אין דער אָנווועזנהייט פון עטלעכע פון זיינע פריינט, אויס־געדופן: „דאָס באַגראָבט מען די רוסישע רעוואָלוציע!״

קראָפּאָטקין איז אַקטיוו ניט אַרויסגעטראָטן קעגן דער באָלשעוויסטישער מאַכט. אָבער ער האָט שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס די רעוואָלוציע איז אַוועק אויפן וועג פון דיקטאַטור. די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט זיך צו אים באַצויגן מיט רעספּעקט, אָבער ער האָט זיך אַנטזאָגט אָנצונעמען וועלכע ס׳איז שטיצע פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג און האָט ניט געוואָלט האָבן קיין שום מגע־ומשא מיט די באָלשעוויקעס. ווען מ׳האָט זיך צו אים געווענדעט, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין ביי דער מאַכט, אַז מען זאָל דערלויבן ווייטער אַרויסגיין דעם אַנאַרכיסטישן זשורנאַל, וועלכער איז צוגעמאַכט געוואָרן פון דער רעגירונג, האָט קראָפּאָטקין געענטפערט:

„ווי אַזוי קען איך זיך משתדל זיין נאָר פאַר אייך? און וואָס איז מיט די אַנדערע, יענע ווילן דען אויך ניט אַרויסזאָגן זיך?״

„די אַנדערע״ — דאָס האָט ער געמיינט די אַנטי־באָלשעוויסטישע פּאַר־טייען, אָן אונטערשייד פון ריכטונג. און אַזוי ווי די באָלשעוויקעס וואָלטן בשום אופן ניט צוגעשטימט צוריק איינצופירן פרייע פּרעסע פאַר אַלעמען, האָט קראָפּאָטקין זיך אַנטזאָגט צו פאָדערן פרייע פּרעסע פאַר אַנאַרכיסטן.

אין פרילינג פון 1918 האָט עדגאַר סימאָן, פּרעזידענט ווילסאָנס דע־מאָלסטיקער פאַרטרעטער אין רוסלאַנד באַזוכט קראָפּאָטקינען אין מאָסקווע און געהאַט מיט אים אַ לענגערן געשפּרעך. קראָפּאָטקין האָט אָנגערופן די באָלשעוויקעס „פיינד פון רוסלאַנד, רויבער און גענסטערס, וואָס פאַר־נעמען זיך מיט רויב און צעשטערונג״.

„לענינען, האָט ער געזאָגט, קען מען ניט פֿאַרגלייכן מיט וועלכער־עס־איז אַנדערע רעוואָלוציאָנערער פֿיגור אין דער געשיכטע. רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאַט אידעאַלן; לענין האָט נייט קיין אידעאַל. ער איז אַ ווילדער פֿאַנאַטיקער, וואָס איז מקריב קרבנות און וויל נאָר ברענען און קוי־לענען. ער מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן גוטע טאַטן און אַזוינע, וואָס ווערן פֿון אַלעמען באַטראַכט ווי פֿאַרבראַכנע טאַטן. ער איז וויליק צו פֿאַרראַטן רוסלאַנד ווי אַן עקספּערימענט".

פֿאַרענדיקט האָט קראָפּאָטקין מיט דעם, אַז ער דערוואַרט ניט צו דער־לעבן צו זען אַ בעסערע צוקונפֿט.

אין אַ בריוו צו זיין פֿריינט געאָרג בראַנדעס, דאַטירט סוף אַפּריל, 1919, האָט קראָפּאָטקין צווישן אַנדערס געשריבן:

„די באָלשעוויקעס באַמיען זיך דורכצופֿירן דורך אַ דיקטאַטור פֿון אַ פֿראַקציע פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי די סאָציאַליזאַציע פֿון דער ערד, פֿון דער אינדוסטריע און פֿון האַנדל. די ענדערונג, וואָס זיי זוכן איצט צו דערגרייכן, איז דער פֿונדאַמענטאַלער פּרינציפּ פֿון סאָציאַ־ליזם. אומגליקלעכערהייט אָבער, זיינען די מעטאָדן, דורך וועלכע זיי זוכן אַרויפֿצוצווינגען אַ קאָמוניזם ענלעך צו באַבעלס אין אַ שטרענג צענטראַלי־זירטן שטאַט; אַזוינע, וואָס פּאַראַליזירן די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט פֿון פֿאָלק, און דאָס מאַכט אַבסאָלוט אוממעגלעך, אַז זייער אַרבעט זאָל געקרוינט ווערן מיט דערפֿאָלג. זיי גרייטן צו פֿאַר אונדז אַ שרעקלעכע רעאַקציע"...

די באַרימטע אַנאַרכיסטקע עמאַ גאָלדמאַן, וועלכע האָט אין די ערשטע יאָרן פֿון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געלעבט אין רוסלאַנד און האָט פֿיל מאָל באַזוכט קראָפּאָטקינען, האָט נאָך זיין טויט געשריבן:

„קראָפּאָטקין האָט די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן שרעקלעך געליטן ניט אַזוי צוליב דער מאַטעריעלער נויט און ניט צוליב דעם גייסטיקן הונגער, וואָס ער האָט געפֿילט, נאָר פֿון דעם, וואָס אים האָט שטאַרק וויי־געטאָן דאָס האַרץ פֿאַר דעם טראַגישן גורל פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע ער האָט באַטראַכט פֿאַר אַ פֿיל באַדייטנדיק, ווי די פֿראַנצויזישע רעוואָלו־ציע, און די אורזאַך פֿון דעם איז געווען דער טעראָר, דער האַרצלאָזער גרוילזאַמער טעראָר און דאָס ליידן פֿון פֿאָלק".

די לעצטע פּאָר יאָר פֿאַר זיין טויט האָט קראָפּאָטקין צוזאַמען מיט דער פֿרוי געלעבט אין דעם שטעטל דמיטראָוו, ניט ווייט פֿון מאָסקווע. אין אַ קליינער הייזקע, אין וועלכער עס האָט שטענדיק געבלאָזן אַ ווינט. אָפֿט איז ניט געווען קיין האָלץ מיט וואָס צו באַהייצן דאָס הויז. קראָפּאָטקינס באַ־ליבסטער צייט־פֿאַרטרייב איז געווען צו שפּילן פּיאַנאָ. אָבער אָפֿט איז אין דעם צימער, ווו די פּיאַנאָ איז געשטאַנען, געווען אַזוי קאַלט, אַז ער

פּלענט ניט קענען שפּילן. ווען קראָפּאָטקין האָט געלעבט אין אויסלאַנד, פּלעגט ער באַקומען ציַיטונגען און זשורנאַלן פון דער גאַנצער וועלט אויף אַלע שפּראַכן. אין דמיטראָוו אָבער אונטערן באָלשעוויזם איז ער געצ־וווּנגען געווען צו באַגנוגענען זיך בלויז מיט דער מאָסקווער „איזוועסטיאַ", וועלכע ער האָט אויך ניט באַקומען צוגעשיקט אַהיים, נאָר פּלעגט אַליין דאַרפן יעדן טאָג גיין אין דער דמיטראָווער מלוכה־קראָם זי קויפן. ער האָט שרעקלעך געבענקט נאָך דער אייראָפּעאישער פּרעסע. זעלטן ווען אים פלעגט זיך איינגעבן צו קריגן אַ פראַנצויזישע אָדער ענגלישע ציַיטונג. די ציַיטונגען, וועלכע זיינע פריינט פלעגן אים צושיקן פון אויס־לאַנד, פלעגן קיינמאָל ניט דערגיין צו אים. דערנערט האָט זיך קראָפּאָטקין דאַן, ווי אַלע סאָוועטישע בירגער, מערסטנס מיט קאַרטאָפל און קאַשע, דאָך האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען הילף פון דער רעגירונג. די קראָפּאָטקינס האָבן געהאַט אַ קליינעם גאָרטן, וועלכן זיי האָבן אַליין באַאַרבעט, און אויך אַן אייגענע קו, אָבער די מילך האָבן זיי אָפט געמוזט פאַרקויפן, כדי צו קענען קויפן אַמאָל אַן איי אָדער אַ שטיקל פלייש.

אין אַנדערטהאַלבן יאָר אַרום נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקע־רעניש האָט קראָפּאָטקין זיך געטראָפן מיט לענינען און זיי האָבן געהאַט אַ לענגערן געשפּרעך וועגן דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע און דער צוקונפט פון רוסלאַנד. אָבער די איינצלהייטן וועגן אָט דער היסטאָרישער באַגעגעניש צווישן דעם באָלשעוויסטישן דיקטאַטאָר מיט דעם אַלטן פרייהייטס־קעמפער און גרויסן מענטשן־פריינט זיינען ערשט מיט יאָרן שפּעטער באַקאַנט געוואָרן.

די דאָזיקע באַגעגעניש צווישן לענינען און קראָפּאָטקינען איז פאָרגע־קומען דעם 8טן אָדער דעם 10טן מאַי, 1919, אין קרעמל, ביי באָנטש־ברויעוויטשן אין הויז.

וולאַדימיר באָנטש־ברויעוויטש איז געווען אַן אַלטער רוסישער זשורנאַ־ליסט, אַ באָלשעוויק, וואָס איז צוגעשטאַנען צו לענינען באַלד ווי עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. ער איז געווען לענינס אַ נאָענטער פריינט און די ערשטע יאָרן נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלו־ציע איז ער געווען דער הויפּט־סעקרעטאַר פון דעם באָלשעוויסטישן מיניס־טאָרן־קאַבינעט. שפּעטער איז ער אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון פיל סאָוועטישע אויסגאַבן. מיט קראָפּאָטקינען איז ער געווען נאָענט באַקאַנט נאָך פון די אַמאָליקע יאָרן אין לאָנדאָן איידער ער איז געוואָרן אַ באָלשע־וויק. ער איז פריער געווען אַ טאָלסטאָיאַנער.

דעם 13טן פֿעברואַר, 1922, אויף אַ פֿאַרזאַמלונג אין דמיטראָוו צום ערשטן יאָרצייט נאָך קראָפּאָטקינען האָט דר. אַלעקסאַנדער אַטאַבעקיאַן, קראָפּאָטקינס אַ תּלמיד און לאַנג־יאָריקער אינטימער פֿרײַנט דערציילט, אַז אין מאַי 1919, ווען קראָפּאָטקין איז געקומען פֿון דמיטראָוו קיין מאָסקווע, איז ער, אַטאַביעקיאַן, געקומען אים באַזוכן. אַזוי שנעל ווי ער איז נאָר אַרײַנגעקומען און קראָפּאָטקין האָט אים דערזען, האָט ער אים גלייך אַרײַנגעפֿירט אין אַ צווייטן צימער. קראָפּאָטקין איז געווען שטאַרק צעטראָגן, און ער האָט אָן שום דערקלערונגען אים געשטעלט די פֿראַגע, צי טאַדלט ער אים ניט דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך באַגעגנט מיט לענינען? קראָפּאָטקין האָט אים דערציילט, אַז די אורזאַך פֿון אָט דער באַגעגעניש מיט לענינען, זײַנען געווען די דערשיסונגען פֿון „לעבעדיקע משכנות". אויפֿן צעטל פֿון די דאָזיקע „לעבעדיקע משכנות" האָט זיך געפֿונען אויך קראָפּאָטקינס אַן אַלטער פֿרײַנט, אַ געוועזענער פּאָליטישער עמיגראַנט. ער איז געווען דער זעקסטער אָדער דער זיבעטער אין דער רייע. פֿאַר אים האָט מען שוין דערשאָסן עטלעכע גרויס־פּירשטן. קראָפּאָטקין האָט פֿאַרלאַנגט פֿון דר. אַטאַבעקיאַנען, אַז ער זאָל אים, ווי אַ חבר, אַרויסזאָגן אָפֿן זײַן מיינונג, צי האָט ער ריכטיק געהאַנדלט, וואָס ער איז געגאַנגען רעדן מיט לענינען. דר. אַטאַביעקיאַן האָט אים געענטפֿערט, אַז כּדי צו ראַטעווען דעם לעבן פֿון מענטשן, וואָס זײַנען פֿאַראורטיילט צום טויט, וואָלט ער גוטגעהייסן אַפֿילו אַ ווענדונג צום צאַר.

„הייסט עס, אַז איר טאַדלט מיך ניט?" האָט קראָפּאָטקין אויסגערופֿן מיט אויפֿריכטיקער פֿרייד און האָט דעם דאָקטער שטאַרק געדריקט די האַנט.

פֿון דעם ווייטערדיקן געשפּרעך האָט דר. אַטאַבעקיאַן זיך דערוווּסט, אַז קראָפּאָטקין האָט געטאָן מער ווי משתדל זײַן זיך פֿאַר זײַן פֿרײַנד. ער האָט זיך באַמיט צו באַאײַנפֿלוסן לענינען, אַז די סאָוועט־רעגירונג זאָל אָפּשאַפֿן די סיסטעם פֿון נעמען „לעבעדיקע משכנות" און פֿון דערשיסן מענטשן. ער האָט דערמאָנט לענינען די געשיכטע פֿון דעם „קאָמיטעט פֿון געזעל־שאַפֿטלעכער רעטונג" אין דער צייט פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רע־וואָלוציע וועלכער האָט אומגעבראַכט אַזוי פֿיל אָנגעזעענע טוער פֿון דער רעוואָלוציע. און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט געזעסן אַ ריכטער פֿון דעם אַלטן רעזשים.

„איך האָב זיי אַביסל אָנגעשראָקן", האָט קראָפּאָטקין באַמערקט מיט אַ שמייכל.

שפּעטער זײַנען באַקאַנט געוואָרן די אַלע איינצלהייטן פֿון דער באַגעגע־ניש צווישן קראָפּאָטקינען און לענינען.

ווען קראָפּאָטקין איז געקומען צו באָנטש־ברויעוויטשן אין הויז, איז לענין שוין דאָרט געווען. לענין האָט אים אַרויסגעצייגט גרויס אויפמערקזאַמקייט און רעספּעקט. זיי האָבן געשמועסט וועגן דעם גאַנג און דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן די רעגירונגס־מעטאָדן פון די באָלשעוויקעס, וועגן דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און וועגן דער אַנטוויקלונג פון ביוראָקראַטיזם אין דער סאָוויעטישער מלוכה. לענין האָט מיט היץ אַנטוויקלט זיין פּלאַן פון דער רעוואָלוציע. קראָפּאָטקין האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט און דערנאָך האָט ער אים געזאָגט:

„איך מיט אייך שטייען אויף פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן. אונדזערע צילן זיינען די זעלבע, אָבער בנוגע אַ גאַנצער רייע פראַגן וועגן מיטלען, האַנדלונגען און אָרגאַניזאַציע גייען מיר זיך מיט אייך שטאַרק פאַנאַנדער... ניט איך און ניט קיינער פון מיינע פריינט וועט זיך אָפּזאָגן צו העלפן אייך און אייערע חברים מיט אַלץ וואָס נאָר מעגלעך, אָבער אונדזער הילף וועט מער פון אַלץ באַשטיין אין דעם, וואָס מיר וועלן אייך מעלדן וועגן אַלע אומגערעכטיקייטן, וואָס קומען פאָר איבעראַל און אומעטום און פון וועלכע דאָס פאָלק קרעכצט שטאַרק".

לענין האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן קראָפּאָטקינס פאָרשלאַג און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים שטענדיק געבן די נייטיקע אָנווייזונגען, וועלכע וועלן גענומען ווערן אין אַכט.

דעם 4טן מערץ, 1920, האָט קראָפּאָטקין געשיקט לענינען אַ לענגערן בריוו, אין וועלכן ער האָט צווישן אַנדערס געשריבן:

„לעבנדיק אין אַ גרויסן צענטער, אין מאָסקווע, קען מען ניט וויסן די אמתע לאַגע אין לאַנד. מען דאַרף לעבן אין דער פּראָווינץ, אין נאָענטן קאָנטאַקט מיטן טאָג־טעגלעכן לעבן, מיט זיינע נויטן און אומגליקן, מיט די הונגעריקע דערוואַקסענע מענטשן און קינדער, מיט דער אַרומלויפעניש איבער די קאַנצעלאַריעס (רעגירונגס־ביוראָס), כדי צו באַקומען אַ דער־לויבעניש אויף צו קויפן אַ גראָשנדיקן קעראָסין לעמפּל אאַז״וו, און צו דערוויסן זיך דעם אמת וועגן די איצטיקע איבערלעבונגען.

„דער איינציקער אויספיר איז, אַז מען מוז זיך צואיילן מיטן אַריבער־גיין צו מער נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען. לאַנג קען אַזוי ניט אָנהאַלטן. מיר גייען צו אַ בלוטיקער קאַטאַסטראָפע. קיינע לאָקאָמאָטיוון פון אויס־לאַנד, קיינע עקספּאָרטן פון רוסישע תבואה, פלאַקס, פעל און אַנדערע רוי־שטאָפן, וועלכע זיינען נייטיק פאַר אונדז אַליין, וועלן ניט העלפן דער באַפעלקערונג.

„איין זאַך איז אָן צווייפל: אַפילו ווען די דיקטאַטור פון אַ פּאַרטיי וואָלט געווען דער פּאַסנדער מיטל אויף צו געבן אַ טויט־קלאַפּ דער קאַ־

פּיטאַליסטישער אָרדנונג (אין וואָס איך צווייפל שטאַרק), איז זי פאַר דער שאַפונג פון אַ נייער, סאָציאַליסטישער אָרדענונג אָן שום צווייפל שעדלעך. עס איז נייטיק צו בויען אַלץ אויף אַן אָרט דורך אָרטיקע קרעפטן און דאָס זעט מען ניט. אַנשטאָט דעם באַגיין די מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געקענט דעם אמתן לעבן, די ערגסטע פעלערן, פאַר וועלכע עס קומט אויס צו באַצאָלן מיט טויזנטער מענטשלעכע לעבנס און מיט דער צעשטערונג פון גאַנצע געגנטן... אָן דער באַטייליקונג פון די אָרטיקע קרעפטן, אָן דער בוי־אַרבעט פון אונטן, פון די פּויערים און אַרבעטער אַליין, איז אוממעגלעך אויפצובויען אַ נייעם לעבן... רוסלאַנד איז געוואָרן אַ סאָוויעטן־רעפּובליק נאָר אין נאָמען... איצט רעגירן אין רוסלאַנד ניט די סאָוויעטן, נאָר די פּאַרטיי־קאָמיטעטן...

„אויב די איצטיקע לאַגע זאָל לענגער אָנהאַלטן, וועט דאָס וואָרט „סאָציאַליזם" ווערן אַ קללה, ווי דאָס איז געשען אין פראַנקרייך מיטן באַגריף „גלייכהייט" אויף פערציק יאָר צייט נאָך דער הערשאַפט פון די יאַקאָבינער" (די באָלשעוויקעס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.—ד. ש.).

יענעם בריוו צו לענינען האָט קראָפּאָטקין נאָך פאַרענדיקט מיט די ווערטער „מיט חברשן גרוס. דעם צווייטן בריוו האָט ער געשריבן ענדע דעצעמבער, 1920. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם באַשלוס פון דער סאָוויעט־רעגירונג מכוח די „לעבעדיקע משכנות". דער בריוו האָט געלויטעט: „געערטער וולאַדימיר איליטש"!

„אין דער „איזוועסטיאַ" און אין דער „פּראַוודאַ" איז אָפּגעדרוקט אַן אָפיציעלע מעלדונג, אַז די סאָוויעט־רעגירונג האָט באַשלאָסן צו נעמען אַלס לעבעדיקע משכנות די עס־ערן פון סאַווינקאָווס און טשערנאָווס גרופּעס, די ווייס־גוואַרדיער פון נאַציאָנאַלן און טאַקטישן צענטער און די געוועזענע אָפיצערן פון וורַאַנגעלס אַרמיי און אין פאַל פון אַן אַטענטאַט אויף אימיצן פון די סאָוויעטישע פירער, איז באַשלאָסן געוואָרן „אומברחמנותדיק אויסצוראָטן אָט די לעבעדיקע משכנות".

„איך קען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז אַרום אייך האָט זיך ניט געפונען קיין איין איינציקער מענטש צו זאָגן אייך, אַז אַזעלכע מיטלען שטעלן מיט זיך פאַר אַ צוריקקער צו די פינסטערסטע צייטן פון מיטלאַלטער און פון די קרייץ־צוגן. וולאַדימיר איליטש, אייערע קאָנקרעטע מעשים זיינען דורכאויס ניט ווירדיק פאַר די אידעען, וועלכע איר פּרעטענדירט צו האָבן, איז עס מעגלעך, אַז איר ווייסט ניט וואָס עס איז אַ לעבעדיקער משכון?

„אַ לעבעדיקער משכון איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין טורמע ניט דערפאַר, וואָס ער איז באַגאַנגען אַ וועלכן עס איז פאַרברעכן; אים האַלט די

רעגירונג, כדי צו סטראַשען מיט זיין טויט אירע קענגער. „דערהרגעט איי־מעצן פֿון אונדזערע און מיר וועלן טויטן אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל פֿון אייערע". אָבער איז דאָס ניט דאָס זעלבע, ווי אַרויספֿירן אַ מענטשן יעדן פֿרימאָרגן צו הינריכטן אים אין צוריקברענגען אים אין טורמע, זאָגנדיק: „וואַרט אויס... ניט היינט, די הינריכטונג איז אָפּגעלעגט געוואָרן אויף מאָרגן". אויב איר דערלאָזט אַזוינע מעטאָדן, קען מען פֿאָרויסזען, אַז אין איין פֿרימאָרגן וועט איר אויך אָנהייבן פּראַקטיצירן פּייניקונגען, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן אין מיטל־אַלטער.

„איך האָף, אַז איר וועט מיר ניט ענטפֿערן, אַז מאַכט איז פֿאַר פּאָליטישע מענטשן אַ פּראָפֿעסיאָנעלע פֿליכט און אַז יעדע אַטאַקע אויף דער מאַכט מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ געפֿאַר, וועלכע מוז פֿאַרמיטן ווערן פֿאַר יעדן פּרייז. אַפֿילו קעניגן זיינען איצט שוין מער ניט מיט אָט דער מיינונג. די הערשער פֿון לענדער, וווּ עס עקזיסטירט נאָך אַ מאָנאַרכיע, האָבן שוין לאַנג אויפֿגעגעבן די מעטאָדן פֿון זעלבסטבאַשיצונג, וועלכע זיינען איצט איינגעפֿירט געוואָרן אין רוסלאַנד מיט דעם נעמען פֿון לעבעדיקע משכנות.

„ווי אַזוי קענט איר, וולאַדימיר איליטש, איר וועלכער ווילט זיין דער אַפּאָסטאָל פֿון נייע אמתן און דער בויער פֿון אַ נייער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג, געבן אייער צושטימונג צו באַנוצן אַזוינע אָפּשטויסנדיקע, דורכויס אומאָננעמבאַרע מעטאָדן?

„נאָר פֿילייכט זייט איר מיט נעמען לעבעדיקע משכנות אויסן צו ראַטעווען שוין ניט אייער אַרבעט, נאָר בלויז אייער אייגענעם לעבן? זייט איר אַזוי בלינד און אויף אַזוי פֿיל אַ געפֿאַנגענער פֿון אייערע אויטאָריטאַרע אידעען, אַז איר זעט ניט, אַז אַלס דער קאָפּ פֿון אייראָפּעאישן קאָמוניזם האָט איר ניט קיין רעכט צו באַפֿלעקן די אידעען, וועלכע איר פֿאַרטיידיקט מיט שענדלעכע מעטאָדן, מעטאָדן וועלכע זיינען אַ באַווייז ניט נאָר פֿון אַ מוראדיקן טעות, נאָר אויך פֿון אַ מורא פֿאַר אייער אייגענעם לעבן, וואָס קען ניט רעכטפֿערטיקט ווערן?

„וואָס קען זיין די צוקונפֿט פֿון קאָמוניזם, ווען איינער פֿון זיינע וויכטיקסטע פֿאַרטיידיקער טרעט אַזוי מיט די פֿיס יעדן ערלעכן געפֿיל?

„איך גלויב, אַז די בעסטע פֿון אייך איז די צוקונפֿט פֿון קאָמוניזם טייערער ווי דער אייגענער לעבן און דער געדאַנק וועגן אָט דער צוקונפֿט דאַרף אייך צווינגען אָפּצוזאָגן זיך פֿון אַזוינע מיטלען"...

לענין און זיינע חברים האָבן, פֿאַרשטייט זיך, ניט צוגעהערט זיך צו קראָפּאָטקינען, פּונקט ווי זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו די וואָרנונגען פֿון אַ צווייטן, גרויסן רוסישן מענטשן־פֿריינט, דעם שריפֿטשטעלער וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, וועלכער האָט אין דער זעלבער צייט פֿון פּאָלטאַווע

געשריבן וועגן דעם צו די סאָוויעטישע פּירער אין מאָסקווע. ביידע האָבן גלייך ביים אָנהויב פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פאָרויסגעזען מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן.

ניט אַלע בריוו, וואָס קראָפּאָטקין האָט געשריבן צו לענינען, זיינען ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. וואָס מען ווייסט נאָר איז, אַז די לעצטע בריוו, קראָפּאָטקינס, האָבן לענינען אויפגערעגט, און ער האָט אין אַ געשפּרעך מיט זיינעם אַ פריינט, ד״ר וולאַדימיר אָבוך (אַן אַלטער באָלשעוויק) געזאָגט: „דער אַלטער עובר־בטל האָט מיר דערעסן. ער פאַרשטייט גאָרנישט אין פּאָליטיק און רוקט זיך מיט זיינע עצות, מערסטנטיילס זייער נאַרישע".

ווי די באַוווּסטע רוסישע פּובליציסטין און כלל־טוערין יעקאַטערינאַ קוסקאָוואַ, וועלכע איז געווען באַפריינדעט מיט קראָפּאָטקינען און פלעגט זיך אָפט מיט אים טרעפן אין מאָסקווע, האָט אין אַ בריוו צו דעם שרייבער פון די צייל[ן] דערציילט, זיינען קראָפּאָטקינס „נאַרישע עצות" באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געראָטן לעניען, אַז ער זאָל געפינען אַ זעקס־זיבן פּעאיקע מענטשן אַזוינע, וואָס זיינען פאַר דער רעוואָלוציע, און ער זאָל פון זיי צוזאַמענשטעלן אַ רעגירונג. אָבער די הויפּט־ווערט פון קראָפּאָטקינס בריוו איז באַשטאַנען ניט אין די פּראַקטישע עצות, וואָס ער האָט לענינען געגעבן, נאָר אין דער קריטיק פון דעם באָלשעוויסטישן טעראָר. קראָפּאָטקין האָט באַהויפּטעט, אַז ער פאַרשטייט זייער גוט די נויטווענדיקייט צו פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע פון אירע פיינט, אָבער ניט דורך טעראָר. דער טעראָר, האָט ער געשריבן, „שענדעט די רעוואָלוציע" און וועט פירן צו אַ רעאַקציאָנערער דיקטאַטור.

די באָלשעוויקעס האָבן שטאַרק געוואָלט אויסנוצן קראָפּאָטקינס פּאָפּולאַריטעט אין אויסלאַנד פאַר זייערע פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן.

לונאַטשאַרסקי, דער דעמאָלסטיקער קאָמיסאַר פון פאָלקס־בילדונג, האָט, מיט לענינס צושטימונג, פאַרשטייט זיך, פאָרגעשלאָגן קראָפּאָטקינען צו באַצאָלן אים 250 טויזנט רובל פאַר זיינע געזאַמלטע ווערק, וואָס דער מלוכה־פאַרלאַג וועט אַרויסגעבן. קראָפּאָטקין האָט דעם פאָרשלאַג צוריקגעוויזן, ער האָט דערקלערט, אַז אַזוי ווי די באָלשעוויקעס האָבן עקספּראָפּריאירט אַנדערע מענטשן, קענען זיי עס אויך טאָן מיט זיינע ווערק. ער וועט אָבער קיינמאָל ניט געבן זיין צושטימונג אויף דעם.

.9

אין דמיטראָוו פֿלעגט קראָפּאָטקין אָפֿט באַזוכן די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די דאָרטיקע קאָאָפּעראַטיווע פֿאַריינען און ער פֿלעגט אָפֿט שמועסן מיט די טוער. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זיינע יונגע יאָרן און וועגן זיין לעבן אין אויסלאַנד. ווי עס האָט באַלד נאָך זיין טויט דערציילט אין דעם היסטאָרישן זשורנאַל „בילאָיע״ דער קאָאָפּעראַטאָר וו. ריזשאָוו, האָט קראָפּאָטקין ניט איינמאָל זיך אויסגעדריקט פֿאַר אים און זיינע פֿריינט, אַז עס איז מעגלעך, אַז אין מאַנכע הינזיכטן האָט ער „אַ טעות געהאַט״. „עס איז ניט גענוג״, פֿלעגט ער זאָגן, „צו שרייבן ביכלעך, כדי ריכטיק אויפֿצובויען דאָס לעבן. מען דאַרף טיפֿער קענען דאָס לעבן גופֿא און עס איז נייטיק, אַז אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון לאַנד זאָלן אָנטיילנעמען פּראַקטישע מענטשן, וואָס קענען דאָס לעבן״.

קראָפּאָטקין האָט ליב געהאַט ניט נאָר מענטשן. נאָר אויך היות און עופֿות, און ער פֿלעגט צו זיי ריידן, ווי צו מענטשן, און זיי לאַסטשענען. ער איז געווען אַ זעלטענער דזשענטעלמאַן. ביי זיך אין הויז פֿלעגט ער יעדן איינעם, וואָס פֿלעגט אַריינקומען צו אים, באַגריסן מיט אַ ליבלעכן האַרציקן שמייכל, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. ער פֿלעגט שפּאַסן און לאַכן, ווי אַ קינד. קינדער האָבן אים זייער ליב געהאַט. אין דמיטראָוו פֿלעגן צו אים אָפֿט אַריינקומען צוויי פּויערישע יינגלעך, קלוגע, לעבעדיקע, וועלכע האָבן זיך אינטערעסירט מיט ערנסטע פּראַגן. קראָפּאָטקין פּלעגט מיט זיי גערן שמועסן, פֿלעגט זיי געבן עצות און פֿלעגט זיי אָנווייזן וועלכע ביכער זיי זאָלן לייענען.

אין זיין בריוו צו די מערב־אייראָפּעאישע אַרבעטער האָט קראָפּאָטקין אין צוויי און אַ האַלב יאָר אַרום נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געשריבן, אַז די אידעע פון אַרבעטער און פּויערים־סאָוויעטן איז אַ גרויסע אידעע, אָבער אויף אַזוי פֿיל אויף וויפֿל רוסלאַנד ווערט רעגירט פֿון אַ פּאַרטיי־דיקטאַטור, פֿאַרלירן די סאָוויעטן פֿון אַרבעטער און פּויערים זייער אמתע באַדייטונג; אַן אַרבעטער־סאָוויעט הערט אויף צו זיין אַ פֿרייער און נוצלעכער, אויב עס עקזיסטירט מער ניט קיין פּרעסע־פֿרייהייט. ער האָט געהאַלטן, אַז די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור איז דער גרעסטער אומגליק פֿאַר דעם רוסישן פֿאָלק און פֿאַר דער רוסישער רעוואָלוציע.

קוסקאָוואַ האָט שפּעטער דערציילט וועגן די געשפּרעכן, וואָס זי האָט אין יאָר 1919 געהאַט מיט קראָפּאָטקינען וועגן באָלשעוויזם. קראָפּאָטקין האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז די קאָמוניסטן זאָלן ניט באַקומען די אויבערהאַנט אויך אין מערב־אייראָפּע. ווען קוסקאָוואַ האָט אים אָנגע־

וויזן, אַז אין רוסלאַנד האָט דער באָלשעוויזם געזיגט נאָר דערפֿאַר, וואָס די רוסישע מאַסן זיינען זייער אומקולטורעל און אַז אין מערב־איירֹאָפּע איז אַזאַ זאַך ניט מעגלעך, האָט קראָפּאָטקין געענטפֿערט:

„יע, געוויס האָט מען זיך זייער ווייניק געזאָרגט פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דעם רוסישן פֿאָלק אָבער איך בין גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע אין מערב־אייראָפּע און איך פֿאַרזיכער אייך, אַז ווען דאָרט וואָלט פֿאָרגעקומען אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע, וואָלט געווען דאָס זעלבע וואָס ביי אונדז. די מאַכט פֿון די קאָמוניסטן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי שטיצן זיך אויפֿן „מאָב”, אויף די אומאָרגאַניזירטע, מערסטנס ניט־קוואַליפֿיצירטע און שלעכט־באַצאָלטע אַרבעטער. אָט ווער עס איז זייער שטיצע. און אַזוינע עלעמענטן זיינען אויך אין מערב־אייראָפּע פֿאַראַן אַ סך. אויב זיי זאָלן באַקומען די אויבערהאַנט, וועט דאָרט זיין דאָס זעלבע וואָס אין רוסלאַנד” . . .

„אָבער די פֿראַגע איז דאָך”, האָט קוסקאָווא באַמערקט, „צי קענען אַזוינע עלעמענטן באַקומען די אויבערהאַנט אין מערב־אייראָפּע? צי וועלן זיי אימער און באַצייטנס ניט פּאַראַליזירט ווערן פֿון דער מאַכט פֿון די אַנדערע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג?”

„די וועלט איז צעטרייסלט” . . . האָט געענטפֿערט קראָפּאָטקין, „די וועלט איז צעטרייסלט פֿון דער מלחמה און די מענטשן האָבן אין פייער פֿון דער מלחמה־משוגעת פֿאַרלאָרן דעם שׂכל הישר, דעם „קאָמאָן סענס”. אַלץ קען פּאַסירן... אַלץ קען געשען... און דאַן וועט עס גיין לויטן רוסישן מוסטער. ניט אַנדערש. דער „מאָב” איז אומעטום גרויזאַם, אומערליך און מיט נייגונגען פֿון אמתע ווילדע חיות” . . .

„דער אַלטער רעוואָלוציאָנער”. שרייבט קוסקאָווא, „האָט צוגעשאָקלט מיט זיין זילבערנעם קאָפּ און האָט אַ צייט געשוויגן, פּונקט ווי ער וואָלט געזען פֿאַר זיינע אויגן אָט דאָס בילד: די ווילדע חיות, וואָס לויפֿן אַרום איבער אייראָפּע.

פֿריינט האָבן קראָפּאָטקינען געראָטן, אַז ער זאָל פֿאַרלאָזן רוסלאַנד. „ניין, האָט ער געזאָגט, נאָך פערציק יאָר גלות־לעבן האָב איך ניט קיין אַנדערן ווונטש ווי שטאַרבן אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב אַזוי ליב און ווו איך גלויב, אַז עס איז מיין פֿליכט צו העלפֿן אין אַלע פֿאַזן פֿון דער רעוואָלוציע”.

מיט אַ האַלב יאָר פֿאַר זיין טויט האָט קראָפּאָטקין געשריבן, אַז ער גלויבט טיף אין דער צוקונפֿט און אַז די וויכטיקסטע ראָלע אין איבער־בויען די געזעלשאַפֿט אויף גערעכטע יסודות וועלן שפּילן די פֿרייע טרעיד יוניאָנס און קאָאָפּעראַטיוון. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז פֿאַר דעם איז

נויטיק צו דערציען די מאַסן אין דעם גייסט פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט. „אָן גלייכהייט", האָט ער געשריבן אין זיין לעצט ווערק, די „עטיק", „איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט און אָן גערעכטיקייט איז נישטאָ קיין מאָראַל".

קראָפּאָטקין, שרייבט דער דערמאָנטער ריזשאָוו, „האָט איבערגעלאָזן אין מיין נשמה אַ טיפֿן שפּור. ער האָט אויף אונדז אַלעמען געווירקט ניט בלויז ווי אַ געלערנטער און קולטור־טוער, נאָר אויך ווי אַ טיף־מאָראַלישער און קרישטאָל־ריינער מענטש. ער האָט מיט זיין גאַנצן וועזן געוועקט אין דעם מענטשן דעם מענטש. אָט וואָס עס האָט אים אויפֿגעהויבן אויף אַזאַ גרויסער מאָראַלישער הויך".

דעם לעצטן יאָר פֿון זיין לעבן איז ער געלעגן קראַנק. די אַרומיקע האָבן געפֿילט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע. דעם 7טן פֿעברואַר, 1921, 12 אַ זייגער ביינאַכט, דערציילט באָרים לעבעדיעוו, איז ער אַרויס פֿון קראָפּאָטקינס הויז צוזאַמען מיט זיין פֿרוי (קראָפּאָטקינס טאָכטער) צו כאַפּן אַ ביסל פֿרישע לופֿט נאָך אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט.

„פּלוצלונג", שרייבט ער, „זיינען מיר דערשטוינט געוואָרן פֿון אַן אויסערגעוויינלעכן בילד: אויפֿן פֿינסטערן הימל האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן אַ ריזיקער מעטעאָר (פֿאַלנדער שטערן), מיט אַ גרויסן עק און האָט מיט אַ העלן גרינעם ליכט באַלויכטן דעם הימל און די ערד. ער איז לאַנגזאַם אַרונטערגעפֿאַלן און איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן נידעריק אונטערן האָריזאָנט. קיין מאָל אין מיין לעבן האָב איך עטוואָס אַזוינס ניט געזען. מיר זיינען געשטאַנען ווי צוגעשמידטע. עס האָט זיך געדוכט, אַז עס איז פֿאַראַן עפּעס אַ געהיימניספֿולע פֿאַרבינדונג צווישן דעם אַרונטערגעפֿאַלענעם שטערן מיטן שטאַרבנדיקן רעוואָלוציאָנער... צען מינוט נאָך דריי איז אויסגעגאַנגען דער דאָזיקער גרויסער רעוואָלוציאָנער, גרויסער הומאַניסט און גרויסער מענטש"...

פֿאַרן טויט האָט קראָפּאָטקין אָנגעזאָגט, אַז אויף זיין לויה זאָל מען ניט שפּילן און ניט זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל", וועלכער דערמאָנט אים, לויט זיין אויסדרוק, „דאָס וואָיען פֿון הונגעריקע הינט" און זיינע פֿריינט און תּלמידים האָבן אָט דעם ווונטש זיינעם דערפֿילט.

ד"ר פֿרענק ראָזענבלאַט (בן־יקיר), וועלכער איז אין יענע יאָרן געווען דער פֿאַרטרעטער פֿון דעם „דזשאָינט" אין מאָסקווע, האָט פֿיל מאָל באַזוכט קראָפּאָטקינען אין דמיטראָוו און האָט אַ סך מיט אים געשמועסט וועגן דער רעוואָלוציע און וועגן סאָציאַליזם. האָט, קומענדיק פֿון רוסלאַנד, מיר דערציילט, אַז מיט אַ קורצער צייט, איידער קראָפּאָטקין איז געשטאָרבן, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער באַדויערט שטאַרק, וואָס ער קען ניט איבער־

שרייבן אויף דאָס ניי זיין „געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע". ער זעט איצט אַ סך זאַכן אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט ווי אַמאָל. דער באָלשעוויזם, האָט ער געזאָגט, האָט געציינט ווי אַזוי מען דאַרף ניט מאַכן קיין רעוואָלוציע. ער האָט זיך אָבער ניט אַנטוישט אין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. ער איז ביזן טויט פֿאַרבליבן דער זעלבער גרויסער מענטשן־פֿריינט און גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט, דער אַפּאָסטאָל פֿון אַ נייער געזעלשאַפֿט געבויט אויף פֿרייהייט, גערעכטיקייט און מענטשלעכער סאָלידאַריטעט.

יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ

(1934 — 1844)

יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ

(1934 — 1844)

יעקאַטערינע ברעשקאָווסקאַיאַ, די „באָבע" פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1844 אין טשערניגאָווער גובערניע. אירע עלטערן האָבן ביידע געשטאַמט פֿון אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליעס. איר פֿאָטערס נאָמען איז געווען קאָנסטאַנטין ווערינאָ. איר מוטערס פֿאַמיליען־נאָמען איז געווען גאָרעמיקין. ביידע זיינען געווען געבילדעטע מענטשן. איר פֿאָטער איז דערצויגן געוואָרן אויף דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ זייער רייכע ביבליאָטעק פֿון פֿראַנצויזישע און דייטשע ביכער און האָט זיינע קינדער געגעבן אַ גוטע דערציונג. אין הויז ביי זיי האָט מען גערעדט נאָר פֿראַנצויזיש. די מוטער איז געווען אַ רעליגיעזע פֿרוי. זי פֿלעגט אָפֿט פֿאַרלייענען פֿאַר אירע קינדער פֿאַרשידענע רעליגיעזע ביכער. ברעשקאָווסקאַיאַ דערציילט אין אירע זכרונות, אַז אויף איר קינדערשער פֿאַנטאַזיע האָט אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק געמאַכט די לעבנס־באַשרייבונג פֿון דער הייליקער קריסטלעכער מאַרטירערין, באַרבאַראַ. אין דעם ביכל איז געווען באַשריבן ווי אַזוי די מאַרטירערין איז געטויט געוואָרן פֿון די געצנדינער, דערפֿאַר ווייל זי איז געווען אַ קריסטין, ווי אַזוי זי איז רואיק און שווייגנדיק געגאַנגען צום עשאַפֿאָט, ווי אַזוי זי האָט מיט די הענט פֿאַרלייגט אירע לאַנגע האָר און אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפֿן שטיין מען זאָל אים אָפּהאַקן. די דאָזיקע געשיכטע האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער קליינער יעקאַטערינאַ, אַז דאָס געשטאַלט פֿון אָט דער קריסטלעכער מאַרטירערין פֿלעגט שפּעטער, ווען זי איז שוין געווען אַ רעוואָלוציאָנערקע, אַרויסשווימען פֿאַר אירע אויגן יעדעס מאָל, ווען איר פֿלעגט ווערן שווער אַריבערצוטראָגן די שרעקלעכע יסורים, וואָס זי איז אין איר לעבן אויסגעשטאַנען. צו ניינצן יאָר איז יעקאַטערינאַ אָדער קאַטיאַ, ווי די עלטערן פֿלעגן זי רופֿן, אַוועקגעפֿאָרן צוזאַמען מיט איר עלטערער שוועסטער קיין פּעטערבורג שטודירן מוזיק און מאָלעריי. אויפֿן וועג האָבן זיי

זיך באַקאַנט מיט אַ יונגן שיינעם אָפיצער, מיט וועמען זיי זיינען געפאָרן אין איין וואַגאָן. דער דאָזיקער אָפיצער איז געווען פּיאָטר קראַפּאָטקין.

אַנשטאָט מוזיק און מאָלעריי האָבן זיך ביידע שוועסטער אַ וואָרף געטאָן לייענען די „שעדלעכע" ביכער און אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן זיי געלאָזט וויסן דער מאַמען, אַז זיי ווילן מער ניט לעבן ווי פּאַראַזיטן, אַז זיי ווילן בעסער ארבעטן און פאַרדינען פון זייער ארבעט אויף צום לעבן. ביידע שוועסטער האָבן זיך אָנגעדונגען אויף שטעלעס אַלס גוווערנאַנטקעס אָדער קינדער־דערציערינס אין פאַרשידענע שטעט. די מוטער האָט זיי געפּרוווט אָפּצוריידן פון דעם, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. דער־מאָלט איז די מוטער געפאַלן אויף פאָלגנדיקן פּלאַן: זי האָט געעפנט ביי זיך אין דאָרף אַ פּאַנסיאָן פאַר מיידלעך. די אַרומיקע פּריצים האָבן גערן געשיקט אַהין זייערע טעכטער. האָט די מוטער דעמאָלט אַרויסגערופן אירע צוויי טעכטער צו לערנען מיט די מיידלעך שפּראַכן און אַנדערע קענגשטאַנדן.

ווען קאַטיאַ האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט זי איינגערעדט אירע עלטערן צו עפענען אַ שולע אויך פאַר די קינדער פון די פּויערים און זי אַליין איז דאָרט געוואָרן אַ לערערין. צו פיר און צוואַנציק יאָר האָט קאַטיאַ חתונה געהאַט מיט אַ יונגן פּריץ, אַ סטודענט ניקאָליי ברעשקאָווסקי, און צוזאַמען מיט אים האָט זי מיט לייב און לעבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן בילדונג און אויפקלערונג צווישן די פּויערים. זי האָט געעפנט נאָך אַ שולע, האָט איינגעאָרדנט אין דאָרף אַ ביבליאָטעק און אַ שפּאָר־קאַסע. איר פאָטער און איר קינדהייט־פריינט, דער שפּעטערדיקער רעוואָלוציאָנער סערגעי קאָוואַליק, זיינען באַשטימט געוואָרן אַלס ריכטער אין דעם זעלבן קרייז. ביסלעכוויז האָבן זיי אַריינגעצויגן אין קרייז פון זייער ווירקונג אַ רייע פון די אַרומיקע מער ליבעראַלע פּריצים. די רעאַקציאָנערן האָט עס, פאַרשטייט זיך, שטאַרק ניט געשמעקט, האָבן זיי פאַרמסרט די גאַנצע משפחה פאַר דער רעגירונג און באַלד טאַקע זיינען יעקאַטערינאַס פאָטער און סערגעי קאָוואַליק אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זייערע שטעלעס אַלס ריכטער. די שולן, די ביבליאָטעק און די שפּאָר־קאַסע האָט מען גלייך פאַרמאַכט. און קאַטיאַ אַליין און איר מאַן זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער פּאָליציי־אויפזיכט.

„איך האָב דעמאָלט קלאָר געזען" האָט ברעשקאָווסקאַיאַ שפּעטער גע־שריבן, "אַז די רעגירונג פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָט נאָר געזוכט צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז זי וויל פאַרבעסערן די לאַגע פון פאָלק. אין דער אמתן האָט זי שטאַרק פאַרפאָלגט יעדן איינעם וואָס האָט געמאַכט דעם קלענסטן פאַרזוך צו העלפן דעם ארבעטנדיקן פאָלק אַרויסצוקריכן פון

דער פּינצטערניש צו ליכט, באַקומען בילדונג און קעמפֿן פֿאַר זײַנע רעכט. עס איז פֿאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז ניט נאָר אין אונדזערע געגנטן, נאָר אין גאַנץ רוסלאַנד האָט די רעגירונג מורא, אַז דאָס פֿאָלק זאָל ניט ווערן באַוווּסטזיניק, און זי האָט זיך באַמיט צו האַלטן אים אין שקלאַפֿישער רעכטלאָזיקייט. דאָס האָט מיך געצוווּנגען צו זוכן אַנדערע וועגן, אַן אַנדערן אופֿן ווי אַזוי צו אַרבעטן פֿאַרן וווילזײַן פֿון פֿאָלק, וואָס איז מיר אַזוי טײַער געווען".

דעמאָלט, דאָס איז געווען אין יאָר 1871, האָט זיך נאָר וואָס געהאַט פֿאַרענדיקט אין פּעטערבורג דער פּראָצעס פֿון די „נעטשאַיעווצעס" (די מיטגלידער פֿון דער רעוואָלוציאָנער אָרגאַניזאַציע, וועלכע דער רעוואָלוציאָנער, סערגעי נעטשאַיעוו האָט געהאַט געשאַפֿן) די אויספֿירלעכע באַריכטן פֿון דעם פּראָצעס האָבן זיך געדרוקט אין דער פּעטערבורגער רעגירונגס־צײַטונג, און די שטודירנדיקע יוגנט האָט מיט גרויס אינטערעס געלייענט די דאָזיקע באַריכטן. ברעשקאָווסקאַיאַ אַליין האָט נעטשאַיעוון קיין מאָל ניט באַגעגנט. זי האָט אים געהאַסט פֿאַר זײַנע אַוואַנטיורעס. „ער איז געווען אַ גראָבער יונג", האָט זי שפּעטער געשריבן, „וועלכער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיינע מיטלען צו דערגרייכן זײַן ציל. ער האָט בכיוון געצוווּנגען אוספּענסקין און קוזנעצאָוון די צוויי מיטגלידער פֿון זײַן אָרגאַניזאַציע, צו דערהרגענען דעם אומשולדיקן סטודענט איוואַנאָוו, אָבער די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט פֿאַר דעם וווילזײַן פֿון פֿאָלק פֿון די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער ניעטשאַיעוו־אָרגאַניזאַציע — זייער קאַמף פֿאַר זייערע איבערצײַגונגען און זייער גרייטקייט צו גיין אין טורמע, אויף קאַטאָרגע און אַפֿילו אויף דער תליה, האָט צו איר שטאַרק אַפּעלירט. „ביזטו גרייט אויף דעם אַלעם"? האָט ברעשקאָווסקאַיאַ זיך אַליין געפֿרעגט — און וואָס טוט מען? און וואָס האָט געטאָן די מאַרטירערין באַרבאַראַ? — האָט זי כסדר געטראַכט.

דער גורל האָט איר צוגעשפּילט. פּונקט דאַן איז אין קיעוו קראַנק געוואָרן איר שוועסטערס מאַן. איז זי אַוועקגעפֿאָרן קיין קיעוו אַרויסהעלפֿן איר שוועסטער. זי האָט אויסגענוצט די צײַט וואָס זי איז געווען אין קיעוו צו שליסן באַקאַנטשאַפֿט מיט סטודענטן פֿון קיעווער אוניווערזיטעט. זי האָט זיך דעמאָלט פֿאָרגעשטעלט, אַז אַלע סטודענטן און אַלע אָנשטענדיקע לײַט בכלל מוזן דאָך איצט זײַן רעוואָלוציאָנערן. זי האָט מער ניט געגלויבט, אַז מען קען פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון פֿאָלק בלויז דורך קולטור־אַרבעט, און אין געשפּרעכן מיט סטודענטן האָט זי אָפֿן אַרויסגעזאָגט אירע איבערצײַגונגען. זי האָט אָבער לאַנג ניט געקענט פֿאַרבלײַבן אין קיעוו, ווײַל זי האָט אין גיכן געדאַרפֿט געבוירן אַ קינד, איז זי אַוועק־

געפֿאָרן צו אירע עלטערן. זי האָט געבוירן אַ יינגעלע. זי האָט אָבער ניט געענדערט איר באַשלוס אָפּצוגעבן זיך אין גאַנצן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זי איז אַוועקגעפֿאָרן צו איר מאַן און האָט אים אָפֿן געפֿרעגט: „ביזטו גרייט ווייטער צו גיין מיט מיר צוזאַמען? ביזטו אויך גרייט צו גיין אין טורמע, אויף קאַטאָרגע אויב עס וועט נייטיק זיין”? ער האָט איר אָפֿנהאַרציק געזאָגט, אַז אים טוט עס שטאַרק וויי, אָבער ער קען איר ניט נאָכפֿאָלגן, ער האָט ניט די נייטיקע כוחות פֿאַר דעם. זיי האָבן לאַנג ניט דיסקוטירט, זיי האָבן איינע די אַנדערע צו גוט געקענט, האָבן זיי זיך געשיידט אויף אייביק. זי האָט אָבער געהאַט דאָס קינד וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען דריי מאָנאַטן — וואָס טוט מען מיט אים? — האָט זי געטראַכט, איז זי אַוועקגעפֿאָרן קיין מינסק צו איר ברודער, וועלכער איז דאָרט געווען אַ רעגירונגס־באַאַמטער. זיין פֿרוי איז געווען זייער אַ גוטע און אַן איידעלע. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט. קאַטיאַן האָט די שוועגערין שטאַרק ליב געהאַט. האָט קאַטיאַ איר פֿאָרגעשלאָגן, אַז זי זאָל נעמען דאָס יינגעלע און אים דערציען ווי אַן אייגן קינד. די שוועגערין האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם. זיי האָבן אָפּגעמאַכט, אַז קאַטיאַ זאָל אין אַלע אירע בריוו צו זיי אָנרופֿן דעם קינד איר „פּלימעניקל”. אַ לאַנגע צייט, ווען דאָס יינגל איז שוין אויפֿגעוואַקסן האָט ער גערופֿן דער טאַנטן „מאַמע” און דעם אָנקל „פּאַפּאַ” און זיין אייגענער מאַמען האָט ער גערופֿן „טאַנטע”. שפּעטער אָבער האָבן זיי אויפֿגעהערט צו קאָרעספּאָנדירן איינע מיט די אַנדערע, און קאַטיאַ האָט איר זון צום ערשטן מאָל דערזען ערשט אין פֿערציק יאָר אַרום, אין יאָר 1910, ווען ער איז געקומען אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג אין פּעטערבורג צו זען זיך מיט איר.

.2

אין זומער 1872 איז ברעשקאָווסקאַיאַ געווען אין פּאָלטאַווע. דאָרט האָט זי געטראָפֿן איר אַלטן פֿריינט, סערגעי קאָוואַליקן. ער האָט זיך דעמאָלט געקליבן פֿאָרן אין אַמעריקע צו גרינדן דאָרט קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, האָט ער איר גערופֿן מיטצופֿאָרן מיט אים קיין אַמעריקע, אָבער זי האָט אַנטשידן פּראָטעסטירט קעגן פֿאַרלאָזן דעם אייגענעם פֿאָלק און דאָס אייגן לאַנד. זי האָט זיך צוריקגעקערט קיין קיעוו.

איר שוועסטער אָלגאַ איז שוין דעמאָלט געווען אַן אלמנה. דורך דער שוועסטער איז זי באַקאַנט געוואָרן מיט אַ צווייטער רעוואָלוציאָנער געשטימטער מיידל, מאַריאַ קאַלענקינאַ, מיט וועמען זי איז באַפֿריינדט געוואָרן

אויפֿן גאַנצן לעבן. זיי אַלע דריי האָבן געוואוינט אויף איין קוואַרטיר. צו זיי פֿלעגן אַריינקומען פֿיל ראַדיקאַל־געשטימטע סטודענטן, און מען האָט זייער קוואַרטיר אין שפּאַס אַ נאָמען געגעבן „די קאָמונע". דעם ווינטער פֿון 1873־1874 האָט יעקאַטערינאַ פֿאַרבראַכט אין פּעטערבורג. דאָרט איז דעמאָלט אויך געווען קאָוואליק און פֿיל אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, מיט וועלכע זי איז שפּעטער געזעסן צוזאַמען אין די טורמעס, אויף קאַטאָרגע און אין סיביר. אין פּעטערבורג האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די באַוועגונג פֿון „גיין אין פֿאָלק". אין פֿרילינג, 1874 האָט יעקאַטערינאַ זיך צוריקגעקערט קיין קיעוו, ווי אַן איבערצייגטע אָנהענגערין פֿון מיכאַאיל באַקונין, אַ „בונטאַרקע". דאָרט איז זי באַקאַנט געוואָרן מיט דעם שפּעטער באַרימטן געוועזענעם רעוואָלוציאָנער, יאַקאָוו סטעפּאַנאָוויטש, אַ זון פֿון אַ פּראַוואָסלאַוונעם גלח. זי איז אויך באַקאַנט געוואָרן מיט דעם יידישן רעוואָלוציאָנער, פּאַוועל אַקסעלראָד. „ער איז אין מיר איינפֿאַך געווען פֿאַרליבט", האָט ברעשקאָווסקאַיאַ שפּעטער וועגן אים געשריבן — „אידייאיש פֿאַרליבט, ווייל איך בין געווען אַזאַ „ברען". ער אַליין איז געווען אַן אָנהענגער פֿון פּיאָטר לאַוראָוו און ער האָט מיך איינמאָל איינגעלאַדן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון די „לאַווריסטן" (נאָכפֿאָלגער פֿון לאַוראָוון). דאָרט האָב איך אויך געזען אַנדרע זשעליאַבאָוון (דעם שפּעטערדיקן פֿירער פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ"), וועלכער איז אין אַפּריל 1881 אויפֿגעהאָנגען געוואָרן פֿאַר אָרגאַניזירן די דערמאָרדונג פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. זשעליאַבאָוו איז דעמאָלט אין קיעוו געווען אַ „לאַוריסט".

אין זומער פֿון יאָר 1874, האָבן הונדערטער רעוואָלוציאָנערע יונגע בחורים און מיידלעך זיך אַוועקגעלאָזט גיין „אין פֿאָלק", ד. ה. אין דאָרף אַריין, מיטן צוועק צו בילדען די פּויערים, אויפֿהויבן זיי אויף אַ העכערער מדרגה, לערנען זיי און אַליין אויך לערנען זיך פֿון זיי. אַזוי ווי אויף אַן אינטעליגענט האָבן די רוסישע פּויערים דעמאָלט געקוקט ווי אויף אַ פּריץ און זיי האָבן זיך דעריבער באַצויגן צו אים מיט פֿאַרדאַכט, אויב ניט מיט אָפֿענער שנאה, האָבן די רעוואָלוציאָנערן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר פּויערים, אָדער האָבן זיך גאָר אויסגעלערנט עפּעס אַ מלאכה, כדי צו קענען קומען אין דאָרף ווי פּראָסטע אַרבעטער. דאָס איז געווען אַ מעכטיקע באַוועגונג, נאָר אָן קלאָרע צילן, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט טויזנטער יונגעלייט.

אין פֿרילינג פֿון יאָר 1874 האָט ברעשקאָווסקאַיאַ צוזאַמען מיט אַ פּאָר פֿון אירע חברטעס זיך אַוועקגעלאָזט איבער די דערפֿער אויף פּראָפּאַגאַנדע. אין יענער צייט האָבן ברעשקאָווסקאַיאַ און אירע חברים געגלויבט, אַז די רוסישע פּויערים זיינען געבוירענע קאָמוניסטן און אַז ס'איז גענוג נאָר

אַ ביסל אונטערצוּוואַרעמען זיי דורך אַגיטאַציע און זיי וועלן גלייך מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן צאַר און קעגן די פריצים און וועלן איינפירן אַ גערעכטע סאָציאַלע אָרדענונג.

איינמאָל זיינען סטעפאַנאָוויטש צוזאַמען מיט ברעשקאָווסקאַיאַ אַוועק אין אַ דאָרף פון דער רעליגיעזער סעקטע „שטונדיסטן", וועלכע האָבן זיך דאַן גענומען פאַרשפּרייטן אין אייניקע רוסישע גובערניעס. די הויפּט־פּראָפּאַגאַנדע צווישן די „שטונדיסטן" האָט אָנגעפירט איינער אַ קלוגער פּויער. סטעפאַנאָוויטש און ברעשקאָווסקאַיאַ זיינען געקומען פאַרשטעלט אַלס פּשוטע פּויערים. זיי האָבן זיך שטאַרק דערפרייט ווען זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַזאַ סעקטע, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּראַוואָסלאַוונער קירך. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ נייעס. עס האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן וויכוחים וועגן דעם, מיט וואָס די די סעקטע איז בעסער פון דער פּראַוואָסלאַוונער רעליגיע. סטעפאַנאָוויטש און ברעשקאָווסקאַיאַ האָבן גענומען באַווייזן די „שטונדיסטן" מיט פּסוקים פון עוואַנגעליום און פון דער ביבל, אַז ביידע רעליגיעס זיינען ניט אין איינקלאַנג מיט די ווירקלעכע אידעאַלן פון קריסטנטום. ווען דער פּויער האָט אָנגעהויבן מיט זיי צו דעבאַטירן, האָט ער גלייך דערקענט, וואָס פאַר אַ סאָרט מענטשן ער האָט דאָ פאַר זיך. ער האָט געבעטן דעם יונגן סטעפאַנאָוויטש צו דערקלערן אין דער אָנוועזנהייט פון די פּויערים, אין וואָס איינגעטלעך זיין גלויבן באַשטייט. ווען סטעפאַנאָוויטש האָט אין קורצן איבערגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט שוין ניט איינמאָל דערציילט פאַר פיל פון די „שטונדיסטן", האָט דער פּויער אויסגעשריגן: „אַזוי גאָר, אַזאַ חברה־מאַן ביסטו? איך וואָלט דיך באַדאַרפט פאַרדרייען די הענט אַהינטער, זיי בינדן און אַוועקשלעפּן דיך אין דער פּאָליציי. איך וועל עס אָבער ניט טאָן, ווייל ערשטנס, ביסטו נאָך זייער יונג און דערצו וויל איך עס ניט טאָן צוליב מיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען". ער האָט אָבער זיי געהייסן אָפּטראָגן זיך פון דאָרטן וואָס שנעלער און סטעפאַנאָוויטש און ברעשקאָסקאַיאַ האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי אים צו פאָלגן.

פון יולי ביז סוף סעפּטעמבער 1874 האָט ברעשקאָווסקאַיאַ צוזאַמען מיט מאַריאַ קאַלענקינאַ און סטעפאַנאָוויטשן געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף. זיי האָבן געהאַט ביי זיך פאַלשע פּאַספּאָרטן. סטעפאַנאָוויטש האָט זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַ שוסטער און קאַטיאַ, פאַר זיינער אַ טאַנטע. ברעשקאָווסקאַיאַ האָט שפּעטער דערציילט: „איך האָב זיך אָנגעטאָן אין פּויערישע קליידער, האָב מיטגענומען מיט זיך אַ טאָרבע און מיט אַ שטעקן אין האַנט בין איך אַוועק וואַנדערן. איך האָב אַזוי געוואַנדערט נאָר איין זומער, אָבער איך בין געווען אין אַ סך דערפער און האָב אין ערגעץ זיך

ניט אָנגעשטויסן אויף אומצוטרוי צו מיר מצד די פויערים. די פויערים האָבן זיך גערן צוגעהערט צו מיינע ווערטער און צו די ווערטער פון מיינע חברים. מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז די ערד דאַרף זיך ניט געפינען אין די הענט פון באַזונדערע מענטשן, נאָר מען דאַרף דערקלערן, אַז די ערד געהערט צום גאַנצן פאָלק, צו אַלע די וואָס ווילן אויף איר אַרבעטן. עס טאָר ניט זיין אַזאַ זאַך ווי קויפן און פאַרקויפן ערד, אַז אייניקע זאָלן פאַרמאָגן טויזנטער אַקער ערד און אַנדערע זאָלן הונגערן דערפאַר ווייל זיי האָבן ניט וווּ צו אַרבעטן. די פויערים האָבן מסכים געווען מיט אונדז און האָבן אויך געזאָגט אַז די ערד דאַרף געהערן צו די וואָס באַאַרבעטן זי. זיי האָבן אויך געזאָגט, אַז די פריצים אונטערדריקן דאָס פאָלק. זיי האָבן אַריינגענומען אין זייערע הענט די גאַנצע מלוכה. די טשינאָווניקעס האַלטן מיט די פריצים און דערלאָזן ניט דעם פאָלק צו לעבן אַ פרייען לעבן. אויך אין דער פראַגע זיינען די פויערים געווען איינשטימיק מיט אונדז, נאָר וועגן דעם צאַר איז געווען שווער צו ריידן מיט זיי. מיר האָבן זיך באמיט זיי צו דערקלערן, אַז דער צאַר איז מיט די פריצים און טשינאָווניקעס, אָבער די פויערים האָבן דאָס ניט געוואָלט גלויבן. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז דער קיסר איז דער גוטער באַלעבאָס פון גאַנצן לאַנד און ער האַלט אויף אַן אַרמיי צו באַשיצן זיי פון פיינד.

זיי האָבן געדענקט, אַז דער צאַר האָט ליב דעם פאָלק, און אויב זײַנער אַ טשינאָווניק אונטערדריקט אַ מאָל דעם פאָלק, איז עס אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס ער האָט אָפּגענאַרט דעם קיסר. ווען דער קיסר וועט זיך דערוויסן דעם גאַנצן אמת, וועט ער אַרויסטרייבן די שלעכטע טשינאָווניקעס און וועט ווידער זיין פאַרן פאָלק ווי אַן אמתער טאַטע.

„איך בין געגאַנגען איבער די דערפער ניט אַליין". האָט ברעשקאָווסקאַיאַ שפּעטער געשריבן. — „דריי טויזנט יונגע מענער און פרויען זיינען אין יענער צייט געגאַנגען 'אין פאָלק', און מיר אַלע האָבן גערעדט צום פאָלק וועגן איין און דער זעלבער זאַך. מיר האָבן זיך באַמיט אויפצואוועקן דאָס פאָלק צו אַ גוטן, פרייען לעבן. אָבער די רעגירונג האָט זיך שנעל דערוווּסט וועגן אונדזער טעטיקייט און האָט פיל פון אונדז אָנגעהויבן צו אַרעסטירן און איינשפּאַרן אין די טורמעס".

זי אַליין איז אַרעסטירט געוואָרן אין דעם דאָרף טולטשין, פּאָדאָליער גובערניע. מען האָט איר געפירט מיטן עטאַפּ איבער פאַרשידענע שטעטלעך און אין אַ מאָנאַט אַרום האָט מען איר געבראַכט אין קיעווער טורמע. דערנאָך האָט מען איר פון קיעוו אַוועקגעפירט אין אַ מאָסקווער טורמע און פון מאָסקווע האָט מען איר צוזאַמען מיט דריי הונדערט אַנדערע אַזוינע ווי זי געבראַכט קיין פּעטערבורג און איינגעשפּאַרט אין דער פּע־

טראַפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג, ווו זי איז אָפּגעזעסן פֿיר יאָר אין אַן איינצל־קאַמער פֿאַר זיך אַליין ביזן משפּט. פֿון די אַרעסטירטע דריי הונדערט זיי־נען אין פֿאַרלויף פֿון די פֿיר יאָר מער ווי אַ הונדערט אויסגעשטאָרבן אין די טורמעס. 193, צווישן זיי, 57 פֿרויען, האָט מען געמשפּט און פֿאַרשיקט קיין סיביר, אייניקע אויף קאַטאָרגע. ברעשקאָווסקאַיאַ וועלכע האָט זיך די גאַנצע צייט אַנטשיידן אָפּגעזאָגט צו געבן די אויספֿאָרשער וועלכע ניט איז דערקלערונגען וועגן איר טעטיקייט, האָט מען פֿאַראורטיילט אויף פֿינף יאָר קאַטאָרגע. זי איז געווען די ערשטע פֿרוי רעוואָלוציאָנערקע וועלכע די רעגירונג האָט פֿאַרשיקט אויף קאַטאָרגע.

3

אין 1879 האָט מען זי באַפֿרייט פֿון קאַטאָרגע און פֿאַרשיקט אין אַ קליין פֿאַרוואָרפֿן דערפֿל אין סיביר. דאָרט האָט זי אין 1881 צוזאַמען מיט אירע דריי חברים, אויך פֿאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן, געמאַכט אַ פֿאַרזוך צו אַנטלויפֿן. אַ מאָנאַט צייט האָבן זיי אומגעוואַנדערט איבער די פֿינס־טערע, געדיכטע סיבירער וועלדער, ביז מען האָט זיי געכאַפּט און איבער־געגעבן צום געריכט. פֿאַר דעם פֿאַרזוך צו אַנטלויפֿן איז זי אין 1882 פֿאַר־אורטיילט געוואָרן צו נייע פֿיר יאָר קאַטאָרגע און צו פֿערציק שמיץ. זי האָט געפֿאָדערט אַז מען זאָל דורכפֿירן דעם אורטייל, אָבער מען האָט זי ניט געשמיסן. מען האָט, ניט געקוקט אויף אירע פּראָטעסטן, דערקלערט, אַז זי איז קראַנק, דעריבער קען מען זי ניט שמייסן.

אין פֿרילינג 1885 האָט זיך געענדיקט איר טערמין פֿון קאַטאָרגע און מען האָט זי ווידער פֿאַרשיקט אין דער טויטער שטעטל סעלענגינסק, ניט ווייט פֿון דעם כינעזישן גרענעץ. אין האַרבסט פֿון זעלבן יאָר האָט אַן אַמעריקאַנער רייזנדער, דער באַוווּסטער זשורנאַליסט דזשאָרדזש קענען אין זיין באַזוך אין סעלענגינסק געטראָפֿן דאָרט ברעשקאָווסקאַיאַן און ער האָט עס באַשריבן אין זיין באַרימט־געוואָרענעם בוך, „די סייביריען עקזייל סיסטעם".

אַכט לאַנגע יאָר האָט ברעשקאָווסקאַיאַ אָפּגעפֿינסטערט אין דער פֿאַר־וואָרפֿענער שטעטעלע ביי דער כינעזישער גרענעץ. ערשט אין 1892 האָט זי באַקומען דאָס רעכט פֿריי אַרומצופֿאָרן איבער סיביר. זי האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין אירקוטסק, ווו זי האָט געלעבט ביזן יאָר 1895. אין אַ יאָר אַרום האָט זי באַקומען אַן דערלויבעניש אומצוקערן זיך אין איי־ראָפּעאישן רוסלאַנד. נאָר איין מאָנאַט צייט האָט זי פֿאַרבראַכט מיט אירע

שוועסטער און ברודער און באַלד נאָכדעם האָט זי זיך ווייטער מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפֿן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַזוי ווי די פּאָליציי האָט נאָכגעשפּיאָנירט איר יעדן טראָט, האָט זי זיך באַזאָרגט מיט אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט און האָט זיך ווידער געלאָזט וואַנדערן איבער די שטעט און דערפֿער פֿון גרויסן רוסלאַנד, אָרגאַניזירנדיק איבעראַל רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך. אין פֿאַרלויף פֿון אַ פּאָר יאָר צייט איז איר געלונגען צוריק אַריינצוציען אין דער באַוועגונג פֿיל פֿון די אַלטע רעוואָלוציאָנערע טוער, ווי אויך אַ ריי יונגע קרעפֿטן. איינער פֿון די דאָזיקע נייע מענטשן, וועמען ברעשקאָווסקאַיאַ האָט צוגעצויגן צו דער באַוועגונג איז געווען גריגאָרי געֿרשוני. מיט גערשונין, האָט ברעשקאָווסקאַיאַ מיט פֿיל יאָרן שפּעטער געשריבן, — האָב איך זיך באַקענט, ווען ער איז נאָך ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער. ער האָט כסדר געוואָלט וויסן וואָס איך דענק וועגן טעראָר. איך בין דאַן געווען אַן אָנהענגערין פֿון טעראָר. די צייט איז געווען אַזאַ, און צווישן די דינער פֿון צאַריזם זיינען געווען צופֿיל קרימינעלע מענטשן.

ברעשקאָווסקאַיאַ איז געווען איינע פֿון די גרינדער פֿון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. זי האָט די אַלע יאָרן געלעבט אומלעגאַל אין רוסלאַנד. דער צאַרישער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט דורך זיינע פּראָוואָקאַטאָרן, נאַטירלעך, גוט געוווּסט, וואָס פֿאַר אַ גוואַלדיקע ראָלע ברעשקאָווסקאַיאַ, וועלכע איז שוין געווען דאַן באַוווּסט אונטערן נאָמען „באַבושקאַ", שפּילט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די פּאָליציי האָט דעריבער זי אַרומגעזוכט ווי מיט ליכט איבערן גאַנצן לאַנד. אָבער אין פּאַרלויף פֿון יאָרן איז דער „אָכראַנע" (פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי) ניט געלונגען צו כאַפּן די געפֿערלעכע רעוואָלוציאָנערקע. אין יאָר 1903 איז ברעשקאָווסקאַיאַ געקומען קיין אויסלאַנד, ווו זי האָט פֿאָרטגעזעצט איר רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. זי האָט אַריבערגעשיקט ליטעראַטור און געווער קיין רוסלאַנד און איז אויך געווען אַ דעלעגאַטקע פֿון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם אין 1904. דעם זעלבן יאָר איז זי געקומען קיין אַמעריקע, ווו זי איז מיט גרויס באַגייסטערונג אויפֿגענומען געוואָרן פֿון דער גאַנצער ליבעראַלער און ראַדיקאַלער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ און פֿון די באַוווּסטזיניקע יידישע אַרבעטער־מאַסן. זי האָט באַזוכט פֿיל אַמעריקאַנער שטעט און אומעטום זיינען טויזנטער מענטשן געקומען זי באַגריסן און אויסדריקן אין זייער סימפּאַטיע צו דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד.

אין מאַי פֿון יאָר 1905 האָט זיך די „באַבושקאַ" אומלעגאַל ווידער אומגעקערט קיין רוסלאַנד. ווען דער צאַר האָט אין אָקטאָבער 1905 אַרויס־געגעבן דעם מאַניפֿעסט וועגן דער קאָנסטיטוציע, איז ברעשקאָווסקאַיאַ געווען אין רוסלאַנד. זי האָט אָבער ניט געגלויבט אין דער אויפֿריכטיקייט פֿון צאַר, האָט זי דעריבער באַשלאָסן אויך נאָכן מאַניפֿעסט צו לעבן ניט אונטער איר אייגענעם נאָמען, נאָר אויף אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט. העכער פֿון דריי יאָר צייט איז די „באַבושקאַ" אַזוי אַרומגעפֿאָרן איבער רוסלאַנד, אָנפֿירנדיק די אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי, אין יאָר 1908 אָבער האָט דער פּראָוואָקאַטאָר אַזעף איר אַרויסגעגעבן צו דער פּאָליציי און זי איז ווידער אַמאָל אַרעסטירט געוואָרן און ווידער אַמאָל איינגעשפּאַרט געוואָרן אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג. צוזאַמען מיט איר איז אויך אַרעס־טירט געוואָרן איר אַלטער חבר, ניקאָלאַי טשייקאָווסקי, וועלכער האָט זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט אומגעקערט קיין רוסלאַנד.

אין יאָר 1910 איז אין פּעטערבורגער געריכט פֿאָרגעקומען דער משפּט איבער די צוויי אַלטע רעוואָלוציאָנערן, ברעשקאָווסקאַיאַ און טשייקאָווסקי. טשייקאָווסקין האָט דאָס געריכט פֿרייגעשפּראָכן. ער האָט פֿיל יאָרן פֿאַר דעם געלעבט אין ענגלאַנד און איז געווען דאָרט גאַנץ פּאָפּולער. האָט די צאַרישע רעגירונג ניט געוואָלט איינרייסן זיך מיט דער ענגלישער געזעל־שאַפֿטלעכער מיינונג, וואָס האָט געפֿאָדערט זיין באַפֿרייאונג. אגב, האָט טשייקאָווסקי אויפֿן געריכט דערקלערט, אַז ער גלויבט מער ניט אין טע־ראָר. די „באַבושקאַ" אָבער האָט דערקלערט, אַז זי איז דורכאויס איינ־שטימיק מיט דער פּראָגראַם און טאַקטיק פֿון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

אויף דער פֿראַגע פֿון הויפּט־ריכטער: „וואָס איז אייער באַשעפֿטיקונג?" האָט זי געענטפֿערט: איך האָב מיין גאַנץ לעבן זיך באַשעפֿטיקט מיט פֿאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע אידייען".

דאָס צאַרישע געריכט האָט די פֿאַראורטיילט צו פֿאַרשיקן ווידער קיין סיביר. דאָס מאָל שוין „אויף אייביק".

4

עס האָט זיך פֿאַר איר אָנגעהויבן אַ סדרה פֿון נייע צרות און פּיין. איצט איז זי שוין געווען אַן אַלטע פֿרוי, נאָענט פֿון זיבעציק יאָר. נאָך אַ לאַנגער, שווערער רייזע מיטן עטאַפּ איז זי אין אויגוסט, 1910, ענדלעך אָנגעקומען אין דעם שטעטל קירענסק, וואָס געפינט זיך אַרום זיבן הונ־

דערט מייל פֿון אירקוטסק. דאָרט איז זי שטענדיק געווען באַוואַכט פֿון זעקס וועכטער, וועלכע זיינען פֿון איר ניט אָפּגעטראָטן טאָג און נאַכט. די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט אָבער באַשלאָסן אונטער אַלע אומשטענדן זי צו באַפרייען פֿון דאָרט. צוויי פּרווון זיינען ספּעציעל אַראָפּגעקומען פֿאַר דעם צוועק קיין קירענסק פֿון אויסלאַנד. עס איז אויך אַרויסגעפֿאָרן קיין קורענסק דער דאַמאָלדיקער פֿירער פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּאַרטיי, וועלכער האָט געזאָלט אַרויספֿירן די „באַבושקאַ" פֿון דער שטאָט. אָבער דער פּאַרזוך זי צו באַפרייען האָט זיך ניט איינגעגעבן. ערשט אין יאָר 1913 האָט מען אין דעם הויז וווּ זי האָט געוווינט איבערגעלאָזט אַן איבערגעטאָגענעם רעוואָלוציאָנער און די „באַבושקאַ", אַנגעטאָן ווי אַן אַלטער סיבירער סוחר, איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון קירענסק. מען האָט איבערגעשניטן די טעלעגראַף־דראָטן, כּדי די פּאָליציי זאָל ניט קענען טעלעגראַפֿירן וועגן איר אַנטלויפֿן. אָבער ווען די „באַבושקאַ" איז שוין געווען נאָענט פֿון אירקוטסק, האָט מען זי געכאַפּט און ווידער אַריינגעזעצט אין טורמע. במשך צוויי יאָר צייט איז זי אַזוי אָפּגעזעסן אין אירקוטסקער טורמע. דערנאָך האָט מען זי ערשט פֿאַרשיקט אין אַ דערפֿל אַזש ביי דעם אייז־ים. אין אַמעריקע האָט זיך אָבער דעמאָלט אָנגעהויבן אַ שטאַרקע פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דעם, באַרימטע אַמעריקאַנער האָבן געפּלאַנעוועט דערלאַנגען אַ פּעטיציע צו דער צאַרישער רעגירונג אַז מען זאָל ברעשקאָווסקאַיאַן דערלויבן אַרויסצופֿאָרן קיין אַמעריקע. די דאָזיקע אַמעריקאַנער פֿריינט אירע האָבן איר צוגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכן זיי האָבן געבעטן איר דערלויבעניש משתדל צו זיין זיך ביי דעם דעמאָלטיקן רוסישן פּרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין אַז ער זאָל איר איבערגעבן צו דער אַמעריקאַנער רעגירונג און זי זאָל קענען לעבן פֿריי אין אַמעריקע. די „באַבושקאַ" האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן איר דערלויבעניש אויף דעם. „וואָס וואָלט איר געזאָגט", האָט זי געשריבן אירע אַמעריקאַנער פֿריינט „וועגן אַ מאַמע וואָס וואָלט צוליב אירע פּערזענלעכע אינטערעסן אַוועקגעוואָרפֿן אירע קינדער? איך האָב מיין גאַנצן לעבן פֿאַרבראַכט אין קאַמף און איצט אויף דער עלטער זאָל איך אַוועקוואַרפֿן אַלץ און אַוועקפֿאָרן? ניין, איך וועל בעסער שטאַרבן מיט זיי צוזאַמען, אָבער ניט אַוועקוואַרפֿן אַט די קינדער וואָס זיינען דאָ פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן".

אין דער זעלבער צייט האָבן די ראַדיקאַלע דעפּוטאַטן פֿון דער דומאַ געזוכט צו פּועלן ביי דער רעגירונג, אַז מען זאָל דער גרייז־גראָער פֿרייהייטס־קעמפֿערין אַריבערפֿירן אין אַ וואַרעמערן געגנט. ערשט סוף יאָר 1915 האָט מען איר דערלויבט אַריבערצופֿאָרן אין דער סיבירער שטאָט מינוסינסק.

נאָך אין 1915, ווען די „באַבושקאַ" איז געווען אין אירקוטסק, איז צו דעם הויז, וווּ זי האָט געוווינט ביי אירע פריינד, און וווּ ביים אריינגאַנג איז טאָג און נאַכט געשטאַנען אַ פּאָליציסט, צוגעפאָרן אַ קאַרעטע און פון דער קאַרעטע זיינען אַרויס צוויי הויך־געשטעלטע געסט אין פּאַראַדנע מונדירן. אַריינקומענדיק אין הויז אַריין, האָבן זיי אין פּאָדער־צימער אַרונטערגענומען זייער מונדירן און אַריין אין צימער, וווּ די „באַבושקאַ" איז געזעסן און איינער פון זיי האָט פייערלעך אויסגערופן: „איך בין ביעלעצקי דער דירעקטאָר פון דעם פּעטערבורגער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. מאַדאַם ברעשקאָווסקאַיאַ, ווי פילט איר אייך געזונט"?

ניט אויפשטייענדיק פון איר פּלאַץ און קוקנדיק אויף די באַזוכער פון איבער אירע ברילן, האָט די „באַבושקאַ" געפרעגט: „וואָס עפּעס באַאומרו־איקט איר זיך פלוצלונג וועגן מיין געזונט? פאַרוואָס האָט איר זיך פריער ניט באַאומרואיקט, ווען איך האָב אַ קראַנקע, אַלטע פרוי פאַרשיקט קיין קירענסק? וועגן מיין געזונט וואָלט איר געקענט אויסגעפינען פון אייער פּאָליציסט וואָס שטייט ביים אַריינגאַנג פון הויז און ניט באַדאַרפט אַריינ־קומען אַהער".

ביעלעצקי האָט זיך שטאַרק פאַרלוירן, ער האָט זיך פאַרנויגט און איז אַוועק.

5

דער צאַריזם איז געפאַלן. די רעוואָלוציע האָט געזיגט און רוסלאַנד איז געוואָרן דאָס פרייסטע לאַנד אין דער וועלט. די טויערן פון די רוסישע באַסטיליעס האָבן זיך ברייט געעפנט, און די פּאָליטישע געפאַנגענע, וואָס האָבן דאָרט יאָרנלאַנג געשמאַכטעט, זיינען באַפרייט געוואָרן.

די 73 יאָריקע יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ האָט זיך אין אָנהייב 1917 געפונען אין דער שטאָט מינוסינסק, אין וויטן סיביר וווּהין די צאַרי־שער רעגירונג האָט זי מיט אַ יאָר פריער צום דריטן מאָל פאַרשיקט אויף אייביק. דעם 15טן מערץ, 1917 האָט זי באַקומען אַ טעלעגראַמע פון פּעטערבורג, אין וועלכער מען האָט איר אָנגעזאָגט די פרייליכע בשורה, אַז די רעוואָלוציע האָט געזיגט. גלייכצייטיק מיט דעם איז אויך געקומען אַ באַפעל פון דעם יוסטיץ־מיניסטער פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער רעגי־רונג, אַלעקסאַנדער קערענסקי, אַז מען זאָל זי תיכף באַפרייען און אין אַ ספּעציעלן עקספּרעס־צוג ברענגען קיין פּעטערבורג.

ברעשקאָווסקאַיאַ איז פאַר די אַכט מאָנאַטן, וואָס די צייטווייליקע רעגירונג איז געווען ביי דער מאַכט, געווען פאַרנומען אַרומפאָרנדיק טאָג

און נאַכט איבערן לאַנד, אַדרעסירנדיק פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן, אָרגאַניזירנדיק אומעטום נייע סאָציאַליסטישע צייטונגען און פאַרלאַגן.

זי האָט אַ קורצע צייט געוווינט ביי קערענסקין אין ווינטער־פּאַלאַץ. קערענסקי האָט נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, ווען ער איז געווען אַ דומאַ־דעפּוטאַט, זי באַזוכט אין קירענסק. ער האָט זי ממש פאַרגעטערט און זי אים האָט אויך זייער הויך געשעצט ווי אַן אמתן נאָבעלן אידעאַליסט. זי איז מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן דער צייטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. זי האָט פריער, ווי פיל אַנדערע רוסישע סאָציאַליסטן, געזען די אַנקומענדיקע באָלשעוויסטישע געפאַר. מיט יאָרן שפּעטער נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט זי געשריבן: „וויפל מאָל האָב איך אין 1917 געזאָגט קערענסקין; „אַרעסטיר לענינען!" אָבער ער האָט ניט געוואָלט. ער האָט געוואָלט, אַז אַלץ זאָל זיין לויטן געזעץ, אָבער דאָס איז דען מעגלעך געווען דעמאָלט? און קען מען דען מען אַזוי רעגירן איבער מענטשן? אָט וואַקסן שוועמלעך, זיינען פאַראַן צווישן זיי גוטע און עס זיינען דאָ פּאַסקודנע. די פּאַסקודנע דאַרף מען אַרויסוואַרפן. און זיינען דען ניטאָ קיין פּאַסקודנע־שלעכטע מענטשן? זיי זיינען ווי ווילדע חיות, ווי שלאַנגען, זיי מעג מען און מוז מען פאַרניכטן. דאָס איז אַ שרעקלעכע זאַך, אָבער אַ נויטיקע און אומפאַרמיידלעכע".

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש איז זי ווידער געצוווּנגען געווען צו ווערן „אומלעגאַל". פּונקט ווי די אַלע איבעריקע אַלטע רעוואָלוציאָנערן און פרייהייטס־קעמפער, איז ברעשקאָווסקאַיאַ געווען אַ ביטערע קעגנערין פון באָלשעוויזם. די באָלשעוויקעס האָבן זי געזוכט צו אַרעסטירן, האָט זי זיך פאַרשטעלט פאַר אַן איינפאַכער פּויערטע און האָט אַזוי דורכגערייזט גאַנץ רוסלאַנד, פון פּעטערבורג ביז וולאַדיוואָסטאָק.

נאָך דער קאָלטשאַק־איבערקערעניש אין סיביר אין נאָוועמבער, 1918 איז זי געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און זי איז צוזאַמען מיט אירע נאָענטסטע חברים, די פירער פון די רעכטע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, ניקאָלאַי אוקסיענטיעוו, וולאַדימיר זענזינאָוו און אַנדרעי אַרגונאָוו, אין אָנהייב 1919 געקומען קיין אַמעריקע כדי פון ניו־יאָרק צו פאָרן קיין פּאַריז. זי האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן דעמאָלט פאַרבראַכט נאָר אַ פּאָר וואָכן. אַ טייל פון אירע אַמאָליקע פאַרערער, וועלכע זיינען דורך דער צייט געוואָרן אָנהענגער פון לענינען און טראָצקין, האָבן פון דער „באַבושקאַ" זיך שוין אָפּגעקערט, אָבער דאָס האָט זי ניט אַנטמוטיקט. אין פּאַריז, און שפּעטער אין טשעכאָסלאָוואַקיע, האָט זי פאָרגעזעצט איר טעטיקייט. זי האָט געשריבן אַרטיקלען אין די צייטונגען און זשורנאַלן וואָס די סאָציאַ־

ליסטן־רעוואָלוציאָנערן און קערענסקי האָבן אַרויסגעגעבן. אין 1934, ווען די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן געפּייערט איר 80טן געבורטסטאָג, האָט עמיל וואַנדערוועלדע דער פירער פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי און געוועזענער פּאָרזיצער פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, צוגעשיקט צו קערענסקים צייטונג דעם פאָלגנדיקן בריוו:

„מיטן גאַנצן האַרצן געפין איך זיך אין דעם קרייז פון די רוסישע סאָ־ציאַליסטן, וועלכע פייערן דעם 80טן געבורטסטאָג פון יעקאַטערינאַ ברעש־קאָווסקאַיאַ. זי איז ניט נאָר זייער אַלעמענס באָבע אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי און סעקטע, זי געהערט אויך אונדז, וועלכע באַגריסן אין איר פּערזאָן איינע פון די סאַמע נאָבלסטע פיגורן פון דער רוסישער רעוואָלו־ציע, כמעט די איינציקע פון די לעבן־פּאַרבליבענע פּאָרשטייער פון יענעם דור פון די אומדערמידלעכע רעוואָלוציאָנערן, צו וועלכע ס׳האָבן געהערט פּיאָטר לאַוורָאָוו, הערמאַן לאָפּאַטין, פּיאָטר קראָפּאָטקין, געאָרג פּלעכאַנאָוו, וועראַ זאַסוליטש, מאַרטאָוו און אַזוי פיל אַנדערע. זי האָט געהאַט דאָס גרויסע גליק אָנצוועזנד צו זיין מיט איר נשמה, מיט איר גייסט ביי אַלע פאַזן פון דער גראַנדיעזער דראַמע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַלעקסאַנדער הערצענס „קאָלאָקאָל" און זיך געענדיקט מיטן פאַלן פון דער פּאַרהאַסטער זעלבסטהערשונג. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם ערשטן איינדרוק וואָס זי האָט געמאַכט אויף אונדז אין אַפּריל, 1917 אין פּעטערבורג. מיר זיינען דעמאָלט געקומען — דע־ברוקער, דע־מאַן און איך — פון מערב־אייראָפּע צו ברענגען דעם רוסישן פאָלק די באַגריסונגען פון בלעגישן אַרבעטער־קלאַס און פון די סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן דעמאָלט געשמאַכ־טעט אין די נעגל פון דייטשישן קייזער.

„ווען זי האָט זיך דערוווּסט ווער מיר זיינען, און צוליב וואָס מיר זיינען געקומען צו פאָרן, האָט די „באַבושקאַ" זיך פאַרנויגט פאַר אונדז און האָט יעדערן פון אונדז אַ קוש געטאָן מיט דער אומענדלעכער מוטערלעכער איידלקייט. היינט איז אונדזער ריי, ווייט פון איר היימלאַנד, אָבער נאָך אַלץ אָן איבערגעגעבענע אין טיפן עלטער צו די אידייען פון אויפקלערונג און אונטערשטיצונג פון די ליידנדיקע מאַסן זאַמלט יעקאַטערינע ברעשקאָווס־קאַיאַ אַרום זיך די יעניקע וואָס האָבן זי ליב און זיינען אַנציקט פון איר. אין נאָמען פון אירע פריינט אין בעלגיע, בעט איך מיט דער טיפס־טער אויפריכטיקייט ביי איר די דערלויבעניש איר שטאַרק אַ קוש צו טאָן.

עמיל וואַנדערוועלדע

די „באַבושקאַ" האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף אירע ליידן. „די וועלט, האָט זי מיט אַ פּאָר יאָר פאַר איר טויט געזאָגט צו איר נאָענטסטן

פּריינט, וולאַדמיר זענזינאָוו, — איז ניט אַזוי שלעכט ווי פּיל אַנדערע מיינען. ניט געקוקט אויפֿן פֿראָסט, גלויב איך אין פֿרילינג און זומער און איך וואַרט געדולדיק אויף זייער צוריקקומען. אומעטום פֿילט זיך גאָטס אָטעם, און ווען דו פֿילסט אים, געפֿינט ער דיך".

„דער באַבושקאַיאַס רעליגיע", האָט זענזינאָוו געשריבן, „איז געווען צו דינען מיט אַלע כוחות דעם אמת, און דער אמת איז פֿאַר איר געווען — ליבע צו מענטשן. אָט אין דעם זין האָט זי די קריסטלעכע לערע געשטעלט אומפֿאַרגלייכלעך העכער פֿון דער סאָציאַליסטישער. דער באַבושקאַס סאָציאַליזם איז געווען ניט אַזוי פֿיל אַן אויסגעהאַלטן לאָגיש־פֿאַרענדיקטע טעאָריע, נאָר אַ סיסטעם, ווי די לערע פֿון גוטס און פֿון ליבע צו מענטשן דרינגט דורך טאָג־טעגלעך אין אַלע קלייניקייטן פֿון לעבן. דינען דעם מענטשן — דאָס איז געווען דער זין פֿון איר לעבן, דער זין פֿון איר גאַנצער סאָציאַליסטישער און רעליגיעזער וועלט־אַנשויאונג.

6

ברעשקאָווסקאַיאַ האָט דערלעבט ביז 90 יאָר. די לעצטע 15 יאָר האָט זי געוווינט אין טשעכאָסלאָוואַקיע ביי אירן אַ פֿריינט אויף אַ פֿאַרם, לעבן פּראַג. ביז מיט אַ דריי־פֿיר יאָר פֿאַרן טויט האָט זי זיך דאָרט פֿאַרנומען הויפּטזעכלעך מיט קולטורעלער טעטיקייט. זי האָט אָרגאַניזירט שולן פֿאַר די רוסישע יתומים, ווי אויך פֿאַר די קינדער פֿון די רוסישע אימיגראַנטן. זי האָט אויך געשריבן אירע מעמואַרן און פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זי אויך שרייבן אַרטיקלען אין דער פּרעסע פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. די אַלע יאָרן האָט זי פֿאַרגעזעצט מיט דער זעלבער יוגנטלעכער ענערגיע די אַרבעט, וואָס זי האָט אָנגעהויבן מיט זיבעציק יאָר פֿריער. די טרייבקראַפֿט פֿון איר לעבנסלענגלעכער טעטיקייט איז שטענדיק געווען די אומענדלעכע ליבע צו אַלע דערנידעריקטע און באַליידיקטע און דער פֿעסטער גלויבן אין דעם ענדגילטיקן זיג פֿון דעם אמת און דער גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

מיט אַ פּאָר טעג פֿאַר איר ניינציק־יאָריקן געבורטסטאָג האָט זי אין אַ בריוו צו אירן אַ פֿריינט געשריבן. „איך קוק אין דער ווייט און איך זע און הער רוסלאַנדס ווונדן, אירע קרעכצן, איר בלוט, וואָס רינט אָן אויפֿהער. איך טראָג דאָס אַלץ אין האַרצן און איך שלאָף איין מיט אַ געבעט וועגן אַ רעטונג פֿאַר דעם רוסישן פֿאָלק. צי וועל איך דאָס דערלעבן? אָבער איך גלויב אין דער אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון אַ ווידערגעבורט פֿאַר רוסלאַנד"...

דוד שוב

„...די טעג ווער איך ניינציק יאָר אַלט", — האָט זי געשריבן אין אַ צווייטן בריוו, — „כאָטש איך בין שוואַך, אָבער איך פֿיל מיך בעסער ...די ראיה איז, דוכט זיך, אויך אַ ביסל בעסער, אָבער אַליין טאָן עפּעס קען איך ניט, איך קען נאָר ניט באַפֿרייען פֿון זיך די פּריינט מיינע.

„מיר לעבן זיך דאָ רואיק און אויף דער וועלט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזוי פֿיל ברען־שטאָף און אַט וועט עמיצער אָנצינדן אַ שריפֿה. ווער ווייסט, ווער עס וועט עס טאָן דער ערשטער? איך פֿאָלג נאָך היטלערן און וואַרט אויפֿן טאָג פֿון זיין אונטערגאַנג. איך קען שוין ניט אַרומפֿליען איבער דער וועלט, מוז איך זיצן אויף אַן אָרט און פֿון דער ווייטנס קוקן אויף דער וועלט און נאָכפֿאָלגן די באַריכטן אין די צייטונגען".

דעם 12טן סעפּטעמבער, 1934 איז ברעשקאָווסקאַיאַ געשטאָרבן.

אהרן זונדעלעוויטש

(1923 — 1852)

אהרן זונדעלעוויטש

(1923 — 1852)

1

אהרן זונדעלעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע דעם 16טן יולי (דעם 4טן יולי לויטן אַלטן סטיל) 1852. זיינע עלטערן זיינען געווען אָרעמע באַלעבאַטים. אַ חוץ אהרנען זיינען געווען נאָך אכט קינדער. דער פֿאָטער האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט וואָס נאָר עס האָט זיך געמאַכט: ער האָט אין פֿאַרשיידענע צייטן געהאַט אַ ביר־ברויז, אַ לעדער־געשעפֿט, געפּרובירט עפֿענען אַ שוך־פֿאַבריק, אָבער די געשעפֿטן זיינען אים שלעכט געגאַנגען. די הויפּט־פֿאַרדינערקע איז מערסטנס געווען די מוטער, וועלכע האָט אַ געוויסע צייט געהאַלטן אַ שענק אויף דייטשע גאַס. די פֿאַמיליע האָט אָפֿט געליטן שרעקלעכע נויט. די מוטער איז געווען אַ קלוגע פּראַקטישע פֿרוי מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. דער פֿאָטער אַ ייד אַ למדן אָבער ניט קיין גרויסער פּרומאַק. שטילינקערהייט, ווען קיינער פֿלעגט ניט זען, פֿלעגט ער אַפּילו רויכערן אין שבת. ער איז געווען אָנגעשטעקט פון דער השכלה און אַ אידעאַליסט. אהרנען אָבער האָט ער געגעבן אַ ריין־רעליגיעזע דערציאונג.

אהרן איז געווען זייער אַ פֿעאיקער און פֿלייסיקער ייִנגל און זייער אַ פֿרומער. אַזוי צ. ב. ווען די מאַמע פֿלעגט ביים פֿאַרקנעטן די טייג אויף שבת פֿאַרגעסן „חלה נעמען”, פֿלעגט דער קליינער פֿרומער ייִנגל זיך אַנט־זאַגן צו עסן נאָך דעם די חלה. זייער אָפֿט פֿלעגט ער מיטן טאַטן זיך קריגן צוליב דעם, וואָס דער טאַטע האָט ניט איבעריקס געהאַלטן פֿון זיין פֿרומ־קייט. אהרן האָט געחלומט צו ווערן אַ רב. ער האָט געלערנט אין פֿאַר־שיידענע ישיבות אין ווילנע. צו 13 יאָר איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין סמאַרגאָן אין דער ישיבה פֿון דעם דאָרטיקן רב, וועלכער איז געווען זיינער אַ קרוב. צוויי יאָר האָט ער אָפּגעלערנט אין דער סמאַרגאָנער ישיבה. דערנאָך איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין מינסק. ווען ער איז אָנגעקומען אַהין, זיינען שוין אַלע „טעג”, ווו די קלויזניקעס פֿלעגן עסן, געווען פֿאַרנומען, און אהרן איז

געווען אין גרויס פֿאַרצווייפֿלונג. ענדלעך אָבער האָבן אַ פּאָר באַלעבאַטים זיך אויף אים דערבאַרעמט און זיי האָבן אים באַזאָרגט מיט צוועלף פּונט ברויט אַ וואָך און שבתים. שפּעטער האָט ער געקראָגן אַן „אוראַק" (לעקציע) פֿאַר צען קאָפּיקעס אַ וואָך און אָט מיט דעם האָט ער עס גערדאַפּט זיך דורכלעבן. שלאָפֿן פֿלעגט ער אין בית מדרש.

דער יונגער אהרן האָט געהאַט אַ שם פֿאַר אַ וווּיל־לערנער און ער האָט זיך געגרייט צו ווערן אַ רב. אָבער די „נייע ווינטן", וואָס האָבן דאַן אָנגעהויבן בלאָזן אין רוסלאַנד, האָבן אַריינגעדרונגען אויך אין דער מינסקער ישיבה. דער פֿרומער אהרן האָט אָנגעהויבן פֿלייסיק לייענען פֿאַרשיידענע העברעאישע ביכלעך, וואָס זיינען דאַן אַרויס אין רוסלאַנד. אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק האָבן אויף אים געמאַכט די שירים פֿון דעם העברעאישן פּאָעט יצחק בער לעווענזאָן. אונטער דער ווירקונג פֿון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור איז אהרן ביסלעכוויים געוואָרן אַן אַפּיקורס און האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אָנקומען אין ווילנער ראַבינער־שול. פֿאַרווירקלעכן אָבער דעם פּלאַן איז געווען ניט אַזוי לייכט. אין ווילנע האָבן געוווינט זיינע עלטערן. דאָרט וואָלט ער זיך געקענט לייכט צוגרייטן צום ערשטן קלאַס ראַבינער־שול. אָבער ווי קומט מען פֿון מינסק קיין ווילנע, ווען זיין גאַנצער פֿאַרמעגן איז באַשטאַנען פֿון פֿינף קאָפּיקעס? האָט ער געטראַכט און געטראַכט און באַשלאָסן אַוועקצוגיין צופֿוס קיין ווילנע. ער איז דאַן אַלט געווען זיבעצן יאָר.

אין איין שיינעם פֿרימאָרגן האָט זונדעלעוויטש מיט אַ פּעקל אויפֿן פּלייצע זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג. די פֿינף קאָפּיקעס האָט ער באַצאָלט אַ בעל־עגלה, אַז ער זאָל אים אונטערפֿירן אין אַ דערבייאיקער שטעטל און פֿון דאָרט איז ער שוין געגאַנגען צופֿוס אַ הונגעריקער. נעכטיקן פֿלעגט ער אין די קרעטשמעס. אַמאָל פֿלעגט ער דאָרט אויך קריגן עפּעס וואָס אָפּצועסן. זייער אָפֿט אָבער פֿלעגט אים אויסקומען צו לייגן זיך שלאָפֿן אַ הונגעריקער. אַזוי איז ער געגאַנגען ביז מאָלאָדעטשנע. דאָרט האָט ער שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן דעם הונגער. איז ער אַוועק איבער די הייזער בעטן נדבות. ער האָט אַזוי אויפֿגעקליבן אַ טאָרבע ברויט, אוגערקעס און אַנדערע עסנוואַרג און דאָס האָט אים שוין געקלעקט ביז סמאָרגאָן, ווו ער האָט אויסער דעם רב אויך געהאַט אַנדערע קרובים. זיי האָבן פֿאַר אים צונויפֿגעקליבן זעכציק קאָפּיקעס און אָט מיט דעם קאַפּיטאַל האָט ער זיך דערשלעפּט ביז ווילנע.

לייענען רוסיש האָט זונדעלעוויטש אַ ביסל געקענט נאָך פֿון קינדווייז אָן. איצט האָט ער זיך מיט גרויס פֿלייס אַ נעם געטאָן לערנען די רוסישע שפּראַך און אַנדערע קענטשטאַנדן און אין איין יאָר צייט האָט ער אָן דער הילף פֿון אַ לערער זיך צוגעגרייט צום ערשטן קלאַס ראַבינער־שול. גוט רו־

סיש האָט ער אָבער נאָך אַלץ ניט געקענט. ער האָט גערעדט מיט אַ סך גרייזן. ערשט ווען ער איז אָפּגעווען אַ יאָר אין דער ראַבינער־שול, האָט ער זיך גוט אויסגעלערנט די שפּראַך און איז געוואָרן דער בעסטער שילער אין אַלע קעגנשטאַנדן, וואָס מען האָט דאָרט געלערנט. זונדעלעוויטשעס טרוים איז געווען, ווען ער וועט ענדיקן די ראַבינער־שול, אָנצוקומען אין פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. אָבער פּלוצלונג האָט די רעגי־רונג די ראַבינער־שול פאַרוואַנדלט אין אַ לערער־אינסטיטוט. זונדעלעוויטש און נאָך אַ פּאָר פון זיינע חברים, וואָס האָבן ניט געוואָלט ווערן קיין לערער, האָבן דעריבער פאַרלאָזן די שול.

שוין אין דער ראַבינער־שול האָט זונדעלעוויטש געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף זיינע חברים. ער איז געשטאַנען פיל העכער פון זיי סיי אין פעאיקייטן און סיי אין אַנטוויקלונג. שוין אין דריטן קלאַס פון דער ראַבינער־שול האָט זונדעלעוויטש אָרגאַניזירט אַ קרייזל פאַר זעלבסט־אַנט־וויקלונג. אין רוסלאַנד האָט זיך דאַן אָנגעהויבן די באַרימטע באַוועגונג פון „גיין אין פאָלק". דאָס איז געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און וווּנדערבאַרסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דעם אַלוועלטלעכן פריי־הייטס־קאַמף. רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען הויפּטזאַכלעך אַ פּויערים־לאַנד. דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אין יאָר 1861 באַפרייט די פּויערים פון פאַנסטשיזנע (לייב־אייגנטום). די באַפרייטע פּויערים אָבער האָבן באַקומען צו ווייניק ערד און דערצו האָבן זיי נאָך געמוזט זייער גאַנצן לעבן צאָלן די פּריצים פאַר די ערד, וואָס זיי האָבן געקראָגן. די פּויערים זיינען געווען אומצופרידן, פלעגט מען זיי שמייסן, שלאָגן, אַרעס־טירן און אַפילו פאַרשיקן קיין סיביר. די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון סימפּאַטיע פאַר די פּויערים. הער־צען, טשערנישעווסקי, לאַווראָוו, באַקונין און די אַנדערע דעמאָלטסטיקע וואָרט־פירער פון דער רוסישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ האָבן אין זייערע ווערק ניט אויפגעהערט צו רופן די קינדער פון די פּריצים, אַז זיי זאָלן אָפּצאָלן דעם פאָלק דעם „חוב", וואָס אים קומט. דער אָרעמער האָרע־פאַשנער פאָלק, האָבן זיי געפּרעדיקט, האָט דורות לאַנג ביטער געשקלאַפט און איז אויסגעשטאַנען די שרעקלעכסטע יסורים אום צו שפּייזן און אויסהאַלטן מיט כל טוב די פּריצים. ווען ניט די האָרעוואַניע און שקלאַפע־ריי פון די פּויערים, וואָלטן די פּריצים ניט געהאַט קיין רייכטום און קיין בילדונג. דעריבער איז די פליכט פון די „קריטיש־דענקנדע" מענטשן פון רוסלאַנד צו עפענען די אויגן דעם פאָלק און העלפן אים אויף אַן אמת באַפרייען זיך פון דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און גייסטיקער שקלאַ־פעריי אונטער וועלכער ער לעבט.

דוד שוב

די יונגע אידעאַליסטישע קינדער פֿון די רוסישע פּריצים האָבן זיך אָנגעהויבן פֿילן ווי גנבים, וואָס האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט און געלעבט אַ גוטן טאָג אויפֿן חשבון פֿון דעם פֿאַרשקלאַפֿטן און אונטערדריקטן פּויער און עס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אַ רוף: „אין פֿאָלק אַריין". דאָס הייסט, לאָמיר אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם אַריסטאָקראַטיזם, אָפּזאָגן זיך פֿון אַלע באַקוועמלעכקייטן פֿון לעבן און גיין אין פֿאָלק, לעבן מיט אים צוזאַמען און רופֿן אים צום קאַמף פֿאַר אַ בעסערער און גערעכטערער אָרדנונג, וואָס וועט ברענגען גליק פֿאַר אַלעמען.

אַ חוץ אָט דער באַוועגונג פֿון „גיין אין פֿאָלק" איז צווישן דער אידעאַליסטישער שטודירנדער יוגנט פֿון רוסלאַנד דאַן אויך געווען פּאָפּולער די אידעע פֿון פֿאָרן קיין אַמעריקע און גרינדן דאָרט קאָמוניסטישע קאָלאָניעס. די אָנהענגער פֿון אָט דער אידעע האָבן זיך גערופֿן „אַמעריקאַנצעס". „לאָמיר פֿאָרן קיין אַמעריקע", האָבן די דאָזיקע „אַמעריקאַנצעס" געפּרעדיקט, „און ווייזן, אַז מען קען לעבן ניט פֿון פֿרעמדער האָרעוואַניע, אַרבעטן מיט די אייגענע צען פֿינגער און דאָך בלייבן געבילדעטע מענטשן". אַ גרויסע צאָל יונגע רוסישע ראַדיקאַלן זיינען טאַקע אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע און געגרינדעט דאָרט קאָמוניסטישע קאָלאָניעס.

זונדעלעוויטש און נאָך עטלעכע געוועזענע תּלמידים פֿון דער ראַבינער־שול האָבן אויך באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. זונדעלעוויטש און זיינע חברים האָבן וועגן בויען קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע ניט געטראַכט. זיי האָבן פּשוט געוואָלט לעבן פֿריי, ניט ווערן אונטערדריקט און ניט ווערן אויף יעדן שריט און טריט באַליידיקט ווי יידן. צוויי פֿון זונדעלעוויטשעס חברים, די ברידער גאָרפֿיין, זיינען טאַקע באַלד אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. זונדעלעוויטש האָט געזאָלט פֿאָרן נאָך זיי אין אַ קורצער צייט אַרום. אַזוי ווי די גאָרפֿיינס האָבן קיין פּאַספּאָרטן ניט געהאַט און זיי האָבן געדאַרפֿט „גנבענען די גרענעץ", האָט זונדעלעוויטש דערווייל געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט די קאָנטראַבאַנדיסטן און צוקוקן זיך גוט, ווי אַזוי זיי שמוגלען אַריבער די גרענעץ. שפּעטער איז עס אים זייער שטאַרק צוניץ געקומען.

ווען זונדעלעוויטש איז נאָך געווען אין די ערשטע קלאַסן פֿון ראַבינער־שול האָט ער אָנגעהויבן צו געבן לעקציעס. ער האָט שנעל באַקומען אַ נאָמען אין ווילנע ווי אַ גוטער לערער און אַ סך טאַטע־מאַמעס פֿלעגן אים אָנפֿאַרטרויען צוצוגרייטן זייערע קינדער אין גימנאַזיע אָדער אין אַנדערע שולעס. קיין גרויסן פֿאַרמעגן האָט ער פֿון די דאָזיקע לעקציעס ניט געקענט אָנקלייבן. אָפֿט פֿלעגט ער פֿאַר אַן אורעאָק נעמען ניט מער ווי 75 קאָפּיקעס אַ מאָנאַט און דערפֿאַר האָט אים געמוזט נעמען אַ היבשע צייט ביז וואַנען ער האָט געקענט אָפּשפּאָרן גענוג אויף צו פֿאָרן קיין אַמעריקע. זונדעלע־

וויטשן איז אָבער ניט באַשערט געווען צו ווערן אַן אַמעריקאַנער. ער איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד און איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער.

2

נאָך איידער זונדעלעוויטש האָט געהאַט אַ וועלכן עס איז שייכות צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט זיינע אַ וויטע קרובה, אַנאַ עפשטיין, געענדיקט די ווילנער פרויען־גימנאַזיע און איז אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג און אָנגעקומען דאָרט אויף די מעדיצינישע קורסן פאַר פרויען. אין פּעטערבורג האָט זי זיך איינגיכן באַקענט מיט די מיטגלידער פון דעם באַרימטן רעוואָלוציאָנערן קרייזל פון די „טשייקאָווצעס", צו וועלכן עס האָבן געהערט פּיאָטר קראָפּאָטקין, ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי, סאָפיא פּעראָווסקאַיאַ און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דער דאָזיקער קרוזשאָק האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן סאָציאַליסטישע געדאַנקען צווישן דער שטודירנדער יוגנט און די אַרבעטער. אַנאַ, אָדער חנה עפּשטיין, איז געוואָרן זייער אַ טעטיקער מיטגליד פון דעם טשייקאָווסקי־קרייזל. זי איז געווען די ערשטע סאָציאַליסטקע אין ווילנע.

איינמאָל, ווען זי איז פון פּעטערבורג געקומען קיין ווילנע, האָט זי איינגעלאַדן זונדעלעוויטשן צו לערנען מיט איר ייִנגערן ברודער. איינגיכן האָט זי באַקומען אַ גרויסן איינפלוס אויף זונדעלעוויטשן און אויף אַלע זיינע חברים. דאָס וואָס זי האָט דערציילט וועגן פּעטערבורג און וועגן דעם טשייקאָווסקי־קרייזל האָט געקלונגען פאַר זיי ווי אַ ווונדערבאַרע אַנטדעקונג. ווען זי האָט דערהערט, אַז זיי קלייבן זיך צו פאָרן קיין אַמעריקע, האָט זי זיי גענומען שטאַרק אָפּריידן פון דעם, זי האָט אַזוי לאַנג מיט זיי אַריינגעטענהט ביז זיי האָבן באַשלאָסן אויפצוגעבן דעם פּלאַן צו פאָרן קיין אַמעריקע און אַנשטאָט דעם זיך אָנשליסן אָן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאַן גענומען שטאַרק פאַרשפּרייטן אין רוסלאַנד.

אין גיכן האָט זיך אין ווילנע געגרינדעט אַ רעוואָלוציאָנערער קרייזל, צו וועלכן עס האָבן געהערט זונדעלעוויטש, זיין חבר וולאַדימיר יאָכעלסאָן. אויך אַ געוועזענער שילער פון ראַבינער־שול, אהרן ליבערמאַן, באַרעל א. א. אינגאַנצן האָבן צו דעם קרייזל געהערט ביי אַ צען מענטשן. דערצו זיינען נאָך געווען אַ 12-10 מענטשן, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די אידעען פון קרייזל. די מיטגלידער פון קרייזל פלעגן זיך צונויפקומען לייענען צוזאַמען אומלעגאַלע ביכער, שמועסן וועגן דעם ווי אַזוי צו פּראָפּאַגאַנדירן די אידעען פון סאָציאַליזם און פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור. כאָטש

אַלע מיטגלידער פֿון קרייזל זיינען געווען יידן, האָט בלויז איין ליבערמאַן געהאַלטן, אַז מען דאַרף פּרעדיקן דעם סאָציאַליזם אויך צווישן די יידישע מאַסן אויף העברעאיש אָדער אויף יידיש. זונדעלעוויטש אָבער און אַלע איבעריקע מיטגלידער פֿון קרייזל האָבן געטענהט, אַז העברעאיש איז אַ טויטע שפּראַך און דער זשאַרגאָן וועט פֿאַרשווינדן אַזוי שנעל, ווי יידן וועלן דערוועררבן אייראָפּעאישע בילדונג און וועלן זיך אויסלערנען רוסיש. יידן, האָבן זיי געהאַלטן, זיינען ניט קיין באַזונדער נאַציע. זיי האָבן ניט קיין אייגן לאַנד און זייער שפּראַך איז קיין שפּראַך ניט. יידן זיינען ניט מער ווי אַ רעליגיעזע גרופּע, אָבער אַזוי ווי צו רעליגיע בכלל און צו דער יידישער רעליגיע בפּרט האָבן די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן זיך באַצויגן פֿיינדלעך, האָבן זיי דעריבער געהאַלטן, אַז די יידן ווי אַ נאַציע האָבן ניט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

וולאַדימיר יאָכעלסאָן שרייבט אין זיינע מעמוארן:

„מיר האָבן גערעכנט, אַז די באַפֿרייאונג פֿון רוסישן פֿאָלק פֿון דער הערשאַפֿט פֿון דעספּאָטיזם און פֿון דרוק פֿון די הערשנדע קלאַסן וועט אויך ברענגען צו דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַפֿרייאונג פֿון אַלע פֿעלקער פֿון רוסלאַנד, דעם יידישן פֿאָלק אַריינגערעכנט. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז די רוסישע ליטעראַטור, וועלכע האָט ביי אונדז איינגעפֿלאַנצט אַ ליבע צו בילדונג און צום רוסישן פֿויער, האָט ביי אונדז אין אַ געוויסער מאָס אויך איינגעפֿלאַנצט אַ פֿאַרשטעלונג וועגן יידנטום, ניט ווי וועגן אַ פֿאָלק, נאָר ווי וועגן אַ קלאַס פֿון פּאַראַזיטן. אַזוינע מיינונגען האָבן ניט זעלטן אַרויסגעזאָגט אויך די ראַדיקאַלע רוסישע שרייבער, און דאָס איז געווען איינע פֿון די אורזאַכן פֿון דעם, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעקערט פֿון דעם יידישן פֿאָלק".

אַנאַ עפּשטיין האָט געהאַט אין ווילנע פֿאַרבינדונגען מיט קאָנטראַבאַנדיסטן. דורך זיי פֿלעגט זי באַקומען אומלעגאַלע ליטעראַטור פֿון אויסלאַנד. פֿאַרן אַוועקפֿאָרן פֿון ווילנע האָט זי צוגעצויגן זונדעלעוויטשן צו דער אַרבעט. מיט איניקע אַנדערע קאָנטראַבאַנדיסטן איז זונדעלעוויטש געווען פֿון פֿריער גוט באַקאַנט. איצט האָט ער זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט די רעוואָלוציאָנערן אין אויסלאַנד און האָט אַוועקגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט פֿון אומלעגאַלע ליטעראַטור אויף אַ ברייטן פֿאַרנעם. ער פֿלעגט אויך פֿון צייט צו צייט אַריבערפֿירן רעוואָלוציאָנערן איבער דער גרענעץ. פֿון איינעם אַ קאָנטראַבאַנדיסט, מיט וועלכן ער האָט געפֿירט פֿאַרשידענע אונטערהאַנדלונגען, האָט ער זיך דערוווסט, אַז אין אַ געוויסן האָטעל אין ווילנע געפֿינט זיך אַ מאַן, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען פֿון פּעטערבורג און ער ליגט אים פֿאַר, אַז ער זאָל נעמען אויף זיך צו טראַנספּאָרטירן ביכער. זונדעלעוויטש האָט שטאַרק אויסגערעדט דעם קאָנטראַבאַנדיסט

פאַר וואָס ער האָט אויסגעזאָגט א פאַרעמדן סוד. אַליין אָבער איז ער גלייך אוועק אין האָטעל און האָט אויפגעזוכט דעם גאַסט פון פעטערבורג און נאָך א קורצן שמועס האָבןביידע זיך איבערצייגט, אז זיי זיינען פון איין לאַגער. דער גאַסט איז געווען א מיטגליד פון די לאַווריסטן (אָנהענגער פון דעם באַרימטן סאָציאַליסטישן דענקער און געלערטן פיאָטר לאַווראָוו). ער האָט זונדעלעוויטשן געגעבן פאַרבינדונגען מיט אַט דעם קרייזל און האָט אים פאַרגעלייגט צו אָרגאַניזירן פאַר זיי דעם טראַנספּאָרט פון אומלעגאַלע ליטעראַטור. זונדעלעוויטש האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען און ווילנע איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן דער הויפּט־צענטער, דורך וועלכן עס זיינען אָנגעגאַנגען די פאַרבינדונגען צווישן די רעוואָלוציאָנערן פון פעטערבורג און מאָסקווע מיט אויסלאַנד. פון ווילנע פלעגן די רעוואָלוציאָנערן פון פעטערבורג און מאָסקווע באַקומען די אומלעגאַלע ביכער און זשורנאַלן פון אויסלאַנד און דורך ווילנע פלעגט מען אויך איבערשיקן אין אויסלאַנד די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד אָדער אַזוינע וואָס זיינען געפאָרן אין אויסלאַנד זיך זען מיט די פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע. אַזוי ווי זונדעלעוויטש איז געשטאַנען אין שפּיץ פון אַט דער אַרבעט, איז אים אויסגעקומען א פּאָר מאָל צו זיין אין קעניגסבערג. דער פאַרטרעטער פון די אויסלענדישע רעוואָלוציאָנערע פאַרלאַגן איז דעמאָלט געווען א סטודענט מיטן נאָמען א. פינקעלשטיין, וועלכער איז אַנטלאָפן פון ווילנע נאָך מיט צוויי יאָר פריער, איידער זונדעלעוויטשעס קרייזל האָט זיך געגרינדעט, צוליב דעם, וואָס מען האָט אין ראַבינער־שול אַנדעקט אומלעגאַלע ביכער. זינט דאַן האָט פינקעלשטיין זיך געפונען אין קעניגסבערג און מיט אים איז עס זונדעלעוויטש געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג.

אין דער זעלבער צייט האָבן זונדעלעוויטש און די אַנדערע מיטגלידער פון רעוואָלוציאָנערן קרייזל זיך געגרייט צו „גיין אין פאָלק". אַזוי ווי אויף א אינטעליגענט האָבן די רוסישע פּויערים דאַן געקוקט ווי אויף א פריץ און זיי האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט פאַרדאַכט, אויב ניט מיט פיינדשאַפט, האָבן די רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט זיך אָדער פאַרשטעלט פאַר פּויערים אָדער זיי האָבן זיך אויסגעלערנט עפּעס א מלאכה, כדי צו קענען קומען אין דאָרף ווי פּראָסטע אַרבעטער. אין זומער פון 1875 האָבן זונדעלעוויטש צוזאַמען מיט זיין חבר יאָכעלסאָן געדונגען א קליינע כאַלופּקע אויף דער „זשעליעזנאַיאַ כאַטקע" און האָבן דאָרט געפונען א שוסטער־וואַרשטאַט. זיי האָבן געדונגען א יידישן שוסטער, אז ער זאָל זיי אויסלערנען די מלאכה. די לעדער האָבן זונדעלעוויטש און יאָכעלסאָן אַליין געקויפט פאַר זייער אייגענעם געלט און די פאַרטיקע אַרבעט האָבן זיי אוועקגעגעבן דעם לערער אומזיסט. געלערנט האָבן זיך פיר מענטשן. אין פאַר־

לויט פון 3־2 מאנאטן האט דער לערער שוין אנגעהויבן פארקויפן אויפן מארק די שטיוול, וואס זיי האבן אויפגעניית. אבער איידער זונדעלעוויטש און זיינע חברים האבן געענדיקט דעם קורס אין שוסטעריי, זיינען זיי געצוווּנגען געווען צו אנטלויפן פון ווילנע.

אין יולי פון 1875 איז אין ווילנער לערער־אינסטיטוט פארגעקומען אן אביסק (הויז־זוכונג) און ביי אייניקע שילער האט מען געפונען אומלעגאלע ליטעראטור. מען האט גענומען פאדערן ביי זיי, אז זיי זאלן אויסזאגן, וווּ זיי האבן גענומען די דאזיקע ליטעראטור. מען האט זיי געסטראשעט. איין שילער האט ניט אויסגעהאלטן, האט זיך אויף א מינוט פארלארן און האט אנגעוויזן אויף זונדעלעוויטשן. ער האט באלד חרטה געקראגן און נאך איידער די זשאנדארמען האבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, האט ער אליין אנגעזאגט זונדעלעוויטשן וועגן דער געשיכטע, אזוי אז זונדעלעוויטש און זיינע חברים האבן באוויזן אין צייט צו אנטלויפן. די פאליציי האט געמאכט אן אביסק ביי זונדעלעוויטשן אויפן קווארטיר, אבער דארט האט מען גע־פונען נאר שוסטער־געצייג. מען האט געזוכט יאכעלסאנען, אבער ער איז שוין אויך געווען אנטלאפן. די זשאנדארן האבן ארעסטירט זונדעלעוויט־שעס עלטערן און זיינעם א ברודערל, א יינגל פון א יאר 15. מען האט פון זיי געפאדערט, אז זיי זאלן אויסזאגן, ווּוּ אהרן געפינט זיך. דער קליינער יינגל האט זיך געהאלטן בראוו. ער האט זיך אבער אויסגערעדט, אז אהרן איז געווען באקאנט מיט ליבערמאנען. האט מען שוין ביי ליבערמאנען אויך געמאכט אן אביסק, אבער אויך ליבערמאן איז שוין נאך פריער אנטלאפן פון ווילנע.

די ווילנער פאליציי איז געווען שרעקלעך אויפגערייצט פון דעם וואס די רעוואלוציאנערן זיינען אנטלאפן. דער פאליציי־מייסטער האט פאררופן צו זיך די פארשטייער פון דער קהילה און האט זיי געמוסרט און געסטרא־שעט. „ביז אהער, האט ער געזאגט, האבן מיר אייך, יידן, געהאלטן נאר פאר שווינדלער. איצט וועלן מיר אייך האלטן פאר בונטאוושטשיקעס אויך". און ער האט געפאדערט, אז די פירער פון דער קהילה זאלן ווירקן אויף דער יידישער יוגנט. אין אלע שולן און קלויזן האט מען טאקע באלד איבערגעלייענט פון בימה א דרשה פון ווילנער שטאט־מגיד, אין וועלכער ער האט מיט פסוקים פון דער תורה באוויזן, אז די רעוואלוציאנערן זיינען אפיקורסים, פארברעכער און שונאי ישראל, און אז עס איז דעריבער די פליכט פון יעדן יידן, וואס האט נאר גאט אין הארצן, ארויסצוגעבן דער פאליציי די פארשפרייטער פון די טריפה ביכלעך.

זונדעלעוויטשעס עלטערן און ברודער האט מען באלד באפרייט. זונ־דעלעוויטש אליין איז אוועקגעפארן קיין קאוונע און פון דארט קיין דייטש־לאנד. ער האט זיך באזעצט אין קעניגסבערג.

3

אין קעניגסבערג האָט זונדעלעוויטש זיך פֿאַרנומען ניט נאָר מיט טראַנספּאָרטירן אומלעגאַלע ליטעראַטור קיין רוסלאַנד, נאָר ער האָט אויך געפֿירט אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע צווישן די דייטשע אַרבעטער. איינ־מאָל אָבער האָט פּאַסירט, אַז אַ דייטשער פּאָסט־בעאַמטער האָט געעפֿנט אַ פּאַקעט, וואָס איז געשיקט געוואָרן אויף זונדעלעוויטשעס נאָמען. פֿון דעם פּעקל האָט זיך די דייטשע פּאָליציי דערוווּסט פֿון זיין טעטיקייט און ער האָט געמוזט פֿון דאָרט אַנטלויפֿן. נאָך איידער אָבער ער האָט פֿאַרלאָזן קעניגסבערג האָט ער זיך דאָרט געטראָפֿן מיט דעם באַוווּסטן רעוואָלוציאָ־נער נאַטאַנסאָן. מאַרק נאַטאַנסאָן איז נאָך אין סוף פֿון די 60ער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט געווען באַרימט ווי אַ זעלטענער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַטאָר. ער האָט עס פֿריער געגרינדעט דעם טשייקאָווסקי־קרייזל, וועלכער האָט ער געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אינגיכן נאָך דעם ווי ער האָט אָרגאַניזירט דעם קרייזל, איז ער אַרעסטירט געוואָרן. אין יאָר 1871 איז ער פֿאַרשיקט געוואָרן אויף 5 יאָר קיין סיביר. אין יאָר 1876, ווען ער האָט זיך צוריק אומגעקערט פֿון סיביר, האָט ער אויסגעפֿונען אַז פֿון זיין רעוואָלוציאָ־נערער אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן אַ תּל. די מערסטע מיטגלידער זיינען געווען אַרעסטירט אָדער פֿאַרשיקט. אַ טייל זיינען געווען אין אויסלאַנד אָדער האָבן געלעבט ערגעץ „אומלעגאַל", ד. ה. אויף אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט ערגעץ אין רוסלאַנד. נאַטאַנסאָן האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע ווידער אויפֿצושטעלן די אָרגאַניזאַציע. ער איז אַרומגעפֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט, האָט אויפֿגע־זוכט די נויטיקע מענטשן און האָט זיי ווידער פֿאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע. אַ דאַנק נאַטאַנסאָנס באַמיונגען איז אין זומער פֿון יאָר 1876 שוין אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ באַדייטנדע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע. די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע האָבן פֿון אָנהייב זיך גערופֿן „טרי־גלאָדיטן", דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי קונציק אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן אויסבאַהאַלטן פֿון דער פּאָליציי אין פֿאַרבאָרגענע פּלעצער, פּונקט ווי די „טריגלאָדיטן", די אוראַלטע איינוואוינער פֿון די הייל פּלעגן מיט טויזנטער יאָרן צוריק זיך אויסבאַהאַלטן פֿון די ווילדע חיות. מיט זונדע־לעוויטשן איז נאַטאַנסאָן דאַן פּערזענלעך ניט געווען באַקאַנט. ער האָט אָבער געהערט וועגן אים פֿון אייניקע רעוואָלוציאָנערן אין פּעטערבורג. האָט ער באַשלאָסן אומבאַדינגט אים צוציען צו דער נייער אָרגאַניזאַציע און ער איז דעריבער געקומען קיין קעניגסבערג כדי פּערזענלעך איבער־צוריידן מיט אים וועגן דעם.

זונדעלעוויטש איז גלייך צוגעשטאַנען צו דער נייער אָרגאַניזאַציע און איז געוואָרן איינער פֿון אירע וויכטיקסטע טוער. ער איז געוואָרן דער הויפּט פֿון דעם „געהיים־דעפּאַרטאַמענט" אָדער, ווי די רעוואָלוציאָנערן פֿלעגן אים רופֿן, דער „מיניסטער פֿון אויסערן" פֿון דער רעוואָלוציאָנערע־אָרגאַניזאַציע. ניט איין צענדליק רעוואָלוציאָנערן, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט ווי מיט ליכט אַרומגעזוכט, האָט זונדעלעוויטש אַריבערגעפֿירט איבערן גרענעץ. ער האָט אין יענער צייט אויך אַריינגעשמוגלט מאַסן אומלעגאַלע ליטעראַטור און פֿאַרשידענע מאַטעריאַלן פֿאַר געהיימע דרוקערייען. אַ חוץ דעם האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין אַלע אַנדערע ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. אַזוי צום ביישפּיל, האָט ער דעם זעלבן יאָר, וואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן נאַטאַנסאָנס אָרגאַניזאַציע, זיך באַטייליקט אין דער באַפֿרייאונג פֿון דעם באַרימטן רעוואָלוציאָנער פּיאָטר קראַפּאָטקין פֿון פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג. דערנאָך האָט ער אָנטייל גענומען אין דער דערמאָרדונג פֿון דעם צאַרס ליבלינג, דעם שעף פֿון די זשאַנדאַרן גענעראַל מעזענצאָוו. זונדעלעוויטש האָט אויך אָנטייל גענומען אין דעם פֿאַרזוך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צו טויטן מעזענצאָווס נאָכפֿאָלגער, דעם גענעראַל דרענטעל.

אין יאָר 1878, ווען די רעוואָלוציאָנערן האָבן אין פּעטערבורג געגרינדעט דעם רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל „זעמליאַ אי וואָליאַ" (ערד און פֿרייהייט), האָט די אָרגאַניזאַציע פֿון די „טריגלאָדיטן" באַקומען דעם נאָמען „זעמליאַ אי וואָליאַ". אין דער „זעמליאַ אי וואָליאַ" איז זונדעלעוויטש געווען באַוווּסט אונטערן נאָמען „מוישע". די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פֿון „מוישען". דער באַרימטער רעוואָלוציאָנער לעוו דייטש דערציילט אין זיינע דעראינערונגען, אַז ווען ער איז אין יאָר 1878 געקומען קיין פּעטערבורג און ער האָט זיך געטראָפֿן מיט די דאָרטיקע רעוואָלוציאָנערן, פֿלעגט ער פֿון זיי אויף שריט און טריט הערן: „מען דאַרף פֿרעגן ביי מוישען", „לאָמיר אָקאָרשט הערן, וואָס מוישע האָט וועגן דעם צו זאָגן", „עס איז אינטערעסאַנט צו הערן פֿריער מוישעס מיינונג וועגן דעם", אַ. אַז. וו.

„איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט, שרייבט דייטש, אַז „מוישע" מוז זיין אַ ייד אַ ריז. איך בין דעריבער איבעראַשט געוואָרן, ווען איך האָב דערזען זונדעלעוויטשן. איך האָב פֿאַר זיך דערזען אַ יידישן יונגנמאַנטשיק, אַ קליין־געוויקסיקן. דער יונגערמאַנטשיק האָט אָבער אויף מיר געמאַכט אַ גאַנץ גוטן איינדרוק. דאָס איז געווען אַ שיינער יונגערמאַן, מיט אַ פֿרישן קאָליר אויפֿן געזיכט, וועלכער איז געווען ווי איינגעפּאַסט אין אַ ראָם, אַרומגערינגלט מיט אַ טונקעלע בערדל. פֿון אונטערן שטערן האָבן גע־

פֿינקלט אַ פּאָר ליבלעכע אויגן און אויף די ליפּן האָט געשפּילט אַ סימפּאַטישער שמייכל".

שוין מיט יאָרן פֿריער האָבן אייניקע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך געפּראָבירט גרינדן אין דער אָדער יענער שטאָט פֿון רוסלאַנד אַ געהיימע דרוקעריי אויף צו דרוקן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. אָבער די אַלע דרוקערייען זיינען געווען זייער ניט פֿאָלקאָמענע. און זיי האָבן זיך געוויינלעך געהאַלטן אַ גאַנץ קורצע צייט. די פּאָליציי פֿלעגט שנעל אויסשפּיאָנירן די דרוקעריי און אַרויסשיקן די מענטשן, וואָס האָבן אין זיי געאַרבעט. דעריבער זיינען די מערסטע רעוואָלוציאָנערן געקומען צום שלום, אַז עס האָט קיין זינען ניט צו פּרובירן אוועקשטעלן נייע געהיימע דרוקערייען אין רוסלאַנד, ווייל קיין גרויס נוצן קען מען פֿון דעם סיי ווי סיי ניט האָבן. מען פֿאַרלירט בלויז דורך דעם אַ סך מענטשן. די נויטווענדיקייט אין רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור איז אָבער געוואַקסן מיט יעדן טאָג. זונדעלעוויטש האָט דעם אויסלענדישן טראַנספּאָרט אוועקגעשטעלט זייער גוט. אָבער די ליטעראַטור וואָס מען האָט געבראַכט פֿון אויסלאַנד איז געווען ניט מער ווי אַ טראָפּן אין ים. „מוישע" איז דעריבער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען מוז זען שאַפֿן אַן אייגענע געהיימע דרוקעריי אין פּעטערבורג, וווּ מען זאָל קענען דרוקן ניט נאָר פּראָקלאַמאַציעס, נאָר אויך בראָשורן. די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער „זעמליא אי וואָליאַ" האָבען פֿון אָנהויב חוזק געמאַכט פֿון זיינע פּלענער. אָבער דאָס האָט אים ניט אַנטמוטיקט. ער האָט אין אויסלאַנד זיך אויסגעלערנט זעצן, האָט אַליין געבראַכט צו פֿירן אַלץ, וואָס איז נויטיק פֿאַר אַ דרוקעריי, האָט אויסגעלערנט אַ פּאָר אַנדערע חברים זעצן און האָט אינגיכן אָנגעהויבן דרוקן בראָשורן און שפּעטער אויך אַ צייטונג. אַ געוויסע צייט האָט אין יענער געהיימער דרוקעריי געאַרבעט אויך די שפּעטער באַרימטגעוואָרענע רעוואָלוציאָנערקע ווערא זאַסוליטש. פֿיר יאָר נאָכאַנאַנד האָט די פּאָליציי איבערגעקערט גאַנץ פּעטערבורג, זוכנדיק די געהיימע דרוקעריי און האָט זי ניט געקענט געפֿינען. אַנטדעקט געוואָרן איז די דרוקעריי דורך אַ נאַרישן צופֿאַל.

זונדעלעוויטש האָט שפּעטער אַרויסגעפֿירט פֿון רוסלאַנד ווערא זאַסוליטש, ווען די זשאַנדאַרן האָבן זי געוואָלט אַרעסטירן, נאָכדעם ווי דער געריכט האָט זי באַפֿרייט פֿאַר מאַכן אַ פּאַרזוך צו טויטן דעם דעמאָלסטדיקן פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק גענעראַל טרעפּאָוו. ער האָט אויך אַרויסגעפֿירט דייטשן און זיינע חברים סטעפֿאַנאָוויטשן און באָכאַנאָווסקין, וועלכע זיינען אויף אַ קונציקן אופֿן אַנטלאָפֿן פֿון קיעווער טורמע, וווּ זיי זיינען געזעסן וואַרטנדיק אויפֿן משפּט. דער געריכט וואָלט זיכער זיי פֿאַראורטיילט אויף לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע. צוליב זיין אַרט אַרבעט האָט

זונדעלעוויטש שטענדיק געהאַלטן אין אַרומפֿאָרן. דער יידישער רעוואָלוציאָנער אָסיפּ אַפּטעקמאַן דערציילט אין זיינע דעראינערונגען, אַז ווען אַ מיטגליד פֿון דער אָרגאַניזאַציע האָט אַמאָל געפֿרעגט: ווו ווינט זונדעלעוויטש? האָט מען אים געענטפֿערט: „אין וואַגאָן פֿון דריטן קלאַס".

יאָכעלסאָן, וועלכער האָט אַרויסגעהאָלפֿן זונדעלעוויטשן אין דער אַרבעט, דערציילט, אַז די מערסטע קאָנטראַבאַנדיסטן האָבן זיך געפֿונען אין דעם שטעטל שירווינט, סואוואַלקער גובערניע. כדי צו קומען אַהין, האָט מען באַדאַרפֿט אַראָפּגיין פֿון צוג מיט אַ פּאָר סטאַנציעס פֿאַר ווערזשבאָלאָוואַ און פֿון דאָרטן צופֿאָרן מיט אַ פֿור. דאָרט פֿלעגט מען זיך טרעפֿן מיט די קאָנטראַבאַנדיסטן. דער הויפּט פֿון די קאָנטראַבאַנדיסטן איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען זלמן. זלמנס גאַנצע פֿאַמיליע האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט קאָנטראַבאַנד. נאָכדעם ווי אַ פּאָר באַרימטע רעוואָלוציאָנערן זיינען אין יאָר 1880 אַרעסטירט געוואָרן אויפֿן גרענעץ, איז זלמן אַנטלאָפֿן אין אַמעריקע. זיין זון, וועלכער האָט געאַרבעט מיט אים צוזאַמען, האָט נאָך פֿריער געמוזט אַנטלויפֿן. זלמן האָט גוט געוווּסט, אַז די פֿאַרבאָטענע ביכלעך זיינען זייער אַ געפֿערלעכע סחורה. דאָך פֿלעגט ער זיי אַריבערפֿירן איבער דער גרענעץ און ער האָט אַפֿילו אַליין אַ פּאָר מאָל זיי אָפּגעפֿירט קיין ווילנע און אַפֿילו קיין פּעטערבורג. מיט זיין הילף האָט עס זונדעלעוויטש געבראַכט קיין רוסלאַנד צוויי דרוקערייען און שפּעטער אַפֿילו דינאַמיט.

זונדעלעוויטש פֿלעגט אַליין פֿאָרן אָפֿט קיין שירווינט. וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זייער לאַגע איז געווען געפֿערלעך, פֿלעגט זונדעלעוויטש אויך באַגלייטן איבערן גרענעץ. ער פֿלעגט אויך קומען איבערנעמען די וויכטיקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס פֿלעגן קומען פֿון רוסלאַנד. זונדעלעוויטש האָט די קאָנטראַבאַנדיסטן געצאָלט אַ קלענערן פּרייז, ווי זיי פֿלעגן פֿריער באַקומען, אָבער זיי זיינען געווען צופֿרידן פֿון אים, ווייל ער האָט זיי צוגעשאַרט אַ סך אַרבעט. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן זייער אָרעם און האָט אויסגעזען ווי אַן איינפֿאַכער אָרעמער ייד. ער האָט בכיון געהאַלטן ביי זיך אין טשעמאָדאַן אַ פּאָר תּפֿילין. קיינער פֿון די קאָנטראַבאַנדיסטן האָט ניט געוווּסט זיין אמתן נאָמען. די קאָנטראַבאַנדיסטן האָבן ניט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס ער באַשעפֿטיקט זיך מיט אַזאַ געפֿערלעכער אַרבעט. „ער מוז אַ סך פֿאַרדינען דערביי?" האָט זלמן אַמאָל געפֿרעגט יאָכעלסאָנען. זונדעלעוויטש איז פֿאַר זיי געווען אַ רעטעניש, אָבער זיי האָבן געהאַט צו אים דעם גרעסטן רעספּעקט און צוטרוי.

זונדעלעוויטש פֿלעגט, ווי געזאָגט, זיך באַטייליקן אין די ריזיקאַלישסטע רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונגען. ער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פֿאַר קאַטאָרגע און אַפֿילו ניט פֿאַר טויט־שטראָף. ער פֿלעגט ניט נאָר שטענדיק

געבן פּראַקטישע עצות, נאָר ער פּלעגט אויך דער ערשטער גיין אין פייער. דערביי פלעגט ער זיך ניט קאָכן, ניט אויפרעגן. ער פּלעגט אַלץ טאָן קאַלטבלוטיק און מיט אַ זיכערקייט, פּונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן געוויינלעכע זאַכן, וואָס זיינען ניט פאַרבונדן מיט קיין געפאַר.

4

אין יענע יאָרן האָבן די רוסישע סאָציאַליסטן געהאַלטן פאַר זייער הויפּט־אויפגאַבע צו פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן די פּויערים מיטן צוועק אַרויסצורופן אַן אויפשטאַנד און צו פאַרווירקלעכן די „וווּנטשן פון פאָלק". זיי האָבן זיך דעריבער גערופן „נאַראָדניקעס" (פון דעם וואָרט „נאַראָד", פאָלק). די מיטגלידער פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ", צו וועלכער זונדעלעוויטש האָט געהערט, זיינען אַלע געווען „נאַראָדניקעס" אָדער „פאָלקסטימלער". זיי האָבן געגלויבט, אַז דער רוסישער פּויער האָט אַ געבאָרענע נייגונג צום סאָציאַליזם און עס איז גענוג נאָר צו עפענען אים די אויגן און ער וועט גלייך מאַכן אַן אויפשטאַנד, וועט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון אַלע זיינע אונטערדריקער און וועט גלייך איינפירן אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. די מערסטע מיטגלידער פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ" האָבן אַרומגעוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף און פּרובירט פירן צווישן די פּויערים אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. די פּראָפּאַגאַנדע אָבער איז געפאַלן אויף אַ שטיינערנעם באָדן. זונדעלעוויטש איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט איינגעזען, אַז די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּויערים איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט און זי וועט צו קיין גוטס ניט פירן. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס מען פאַרלירט אומזיסט אַזוי פיל מענטשן. אין היפּוך צו אַלע אַנדערע פירער און אַקטיווע טוער פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ" האָט זונדעלעוויטש ניט נאָר ניט אַרויסגעוויזן קיין שום באַגייסטערונג פאַרן רוסישן פּויער, נאָר ער האָט נאָך, פאַרקערט, אין געשפּרעכן מיט די נאָענטע חברים שטענדיק באַטאָנט, אַז דער רוסישער פּויער איז שרעקלעך פּראָסט און אומוויסנד, אַז ער האָט ניט קיין שום נייגונג ניט צום סאָציאַליזם און ניט צו רעוואָלוציע.

די דעמאָלסדיקע „נאַראָדניקעס" זיינען געווען אָנהענגער פון מיכאַאיל באַקונין, און ווי אַזעלכע האָבן זיי ניט נאָר ניט געהאַלטן פאַר נויטיק אויסצוקעמפן פּאָליטישע פרייהייט פאַר רוסלאַנד, נאָר זיי זיינען, אין טעאָריע ווייניקסטנס, אפילו געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל קעמפן פאַר אַ „בורזשואַזער קאָנסטיטוציע", דערפאַר ווייל דאָס קען שטערן דעם קאַמף פאַר „אמתער פרייהייט", פאַרן סאָציאַליזם.

דייטש דערציילט, אַז ער און זיינע חברים זיינען דעריבער שטאַרק אַנטוישט געוואָרן, ווען זיי האָבן אין יאָר 1878 צום ערשטן מאָל דערהערט פֿון „מוישן“, אַז אַ בורזשואַזע קאָנסטיטוציע איז גאָר ניט אַזוי שלעכט און אַז די רוסישע רעוואָלוציאָנערן דאַרפֿן אויפֿגעבן די אַרבעט צווישן די פּויערים און אָנפֿאַנגען אַ דירעקטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דער רעגירונג מיטן צוועק צו דערשלאָגן זיך אַ קאָנסטיטוציע פֿאַר רוסלאַנד.

נאָך מער דערשטוינט זיינען זיי געוואָרן, ווען „מוישע“ האָט זיי דערקלערט, אַז ער איז אַן אָנהענגער פֿון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

אַזוי ווי זונדעלעוויטשן איז אויסגעקומען זייער אָפֿט צו פֿאַרברענגען אין דייטשלאַנד, פֿלעגט ער דאָרט באַזוכן סאָציאַליסטישע פֿאַרזאַמלונגען, פֿלעגט לעזן די סאָציאַליסטישע ציימונגען און זשורנאַלן און טרעפֿן זיך אָפֿט מיט פֿאַרשידענע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אַ דאַנק דעם איז ער גוט באַקאַנט געוואָרן מיט דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג און איז געוואָרן אירער אַ באַגייסטערטער פֿאַרערער.

אין זומער פֿון יאָר 1878 איז זונדעלעוויטש שוין געווען איינער פֿון די ערשטע „זעמלעוואָלצעס“, וואָס האָט אָפֿן אָנגעהויבן פּרעדיקן, אַז די רעוואָלוציאָנערן זאָלן אָנפֿאַנגען אַן ענערגישן קאַמף פֿאַר פּאָליטישע פֿריי־הייט. און פּאָליטישער קאַמף האָט אונטער די דאַמאָלסטיקע באַדינגונגען אין רוסלאַנד פֿאַר זונדעלעוויטשן און זיינע חברים ניט געקענט מיינען קיין אַנדער זאַך ווי טעראָר. זונדעלעוויטש איז געווען איינער פֿון די ערשטע אָנהענגער פֿון „טעראָריסטישער טעטיקייט“ ווי אַ מיטל צו דער־שלאָגן זיך פּאָליטישע פֿרייהייט אין רוסלאַנד. אויפֿן פּויער האָט ער ניט געלייגט קיין שום האָפֿנונגען. ער האָט ניט געגלויבט, אַז דער פּויער איז אַן איינגעבוירענער סאָציאַליסט און אויך ניט, אַז דער פּויער קען אויס־קעמפֿן פּאָליטישע פֿרייהייט אין רוסלאַנד. דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס, ווידער, איז דעמאָלט נאָך געווען קליין אין צאָל און פּונקט אַזוי אומ־וויסנד ווי דער פּויער. זונדעלעוויטש האָט דעריבער געהאַלטן אַז נאָר דורך טעראָריסטישע אַקטן קעגן די העכערע פֿאַרשטייער פֿון דער מאַכט קען מען צווינגען דעם צאַר, אַז ער זאָל געבן פּאָליטישע פֿרייהייט דעם פֿאָלק.

„קוקנדיק אויף „מוישעס“ גוט־מוטיקן פּנים, — שרייבט דייטש, — מיט די ווייכע געזיכטסציגן און די קלוגע אויגן, וואָלט אַ זייטיקער מענטש גאָר ניט געקענט זיך פֿאָרשטעלן אַז ער האָט דאָ פֿאַר זיך אַ מאַן מיט אַ זעלטענעם מוט, אַ געוואַגטן רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט דערקלערט אַ בלוט־טיקע מלחמה דעם מעכטיקסטן זעלבסטהערשער, וועלכער האָט אונטער זיך מיליאָנען סאָלדאַטן, פּאָליציי, זשאַנדאַרן א״אַ“.

אין זומער פֿון 1878 האָט שוין זונדעלעוויטש געהאַט איייניקע אָנהענגער צווישן די זעמלעוואָלצעס. די מערהייט אָבער מיט געאָרגי פּלעכאַנאָוו אין

דער שפּיץ האָט, ווי פֿריער, גערופֿן די רעוואָלוציאָנערן צו „גיין אין פֿאָלק”, ד"ה, פּראָפּאַגאַנדירן די אידעען פֿון אַן אויפֿשטאַנד צווישן די פּויערים און די שטאָטישע אַרבעטער.

אין גיכן איז קיין פּעטערבורג אָנגעקומען פֿון סאַראַטאָוו אַ רעוואָלוציאָנער מיטן נאָמען סאָלאָוויאָוו, וועלכער האָט מיט אַ יאָר פֿריער זיך אָוועקגעלאָזט צוזאַמען מיט וועראַ פֿיגנער, ניקאָלאַי מאָראָזאָוו און אַנדערע זעמלעוואָלצעס צו פֿירן אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אין דאָרף. פּונקט ווי ווי זונדעלעוויטש און אַנדערע, האָט אויך סאָלאָוויאָוו זיך ווי איבערצייגט, אַז אונטער די עקזיסטירנדיקע אומשטענדן איז קיין שום פֿרידלעכע פּראָפּאַגאַנדע צווישן פֿאָלק ניט מעגלעך. קיין פּעטערבורג איז ער געקומען מיטן געדאַנק צו דערשיסן דעם קיסר. זונדעלעוויטש, מאָראָזאָוו און אייניקע אַנדערע רעוואָלוציאָנערן זיינען געווען איינשטימיק מיט סאָלאָוויאָוון, פּלעכאַנאָוו אָבער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פּלאַן. דעם 2טן אַפּריל 1879 האָט סאָלאָוויאָוו געשאָסן אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, ווען דער לעצטער איז אַרוים פֿון פּאַלאַץ. די קויל האָט אָבער דעם קיסר ניט געטראָפֿן. נאָך סאָלאָוויאָווס אַטענטאַט האָבן זיך די מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן אין דער „זעמליא אי וואָליא” נאָך מער פֿאַרשטאַרקט. זונדעלעוויטש, אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוו, קוויאַטקאָווסקי, ניקאָלאַי מאָראָזאָוו, אָסינסקי און אַ פּאָר אַנדערע האָבן אָרגאַניזירט אַן אייגענע געהיימע אָרגאַניזאַציע אין דער פּאַרטיי, פֿון וועלכער די איבעריקע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי האָבן ניט געוווּסט. זיי האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „איספּאָלניטעלני קאָמיטעט” (אויספֿיר־קאָמיטעט). זיי האָבן געהאַלטן, אַז אָן פּאָליטישער פֿרייהייט איז קיין שום סאָציאַליסטישע טעטיקייט צווישן פֿאָלק ניט מעגלעך. דעריבער האָבן זיי זיך געשטעלט ווי זייער אויפֿגאַבע פֿריער פֿון אַלץ דורך טעראָר צו צווינגען דעם קיסר איינצופֿירן אַ פֿרייע קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדנונג אין לאַנד. פּלעכאַנאָוו אָבער און די אַנדערע פֿאָרשטייער פֿון דער קאָנסערוואַטיווערער ריכטונג האָבן געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פֿון „אַ פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד, וואָס זאָל גלייכצייטיק מיט דעם עקאָנאָמישן יאָך אויך צעברעכן די אַלטע פּאָליטישע פּאַרמען”. זונדעלעוויטש און זיינע חברים האָבן געשטרעבט צו קאָנצענטרירן אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות אין די גרויסע שטעט. פּלעכאַנאָוו, ווידער, און זיינען אָנהענגער האָבן גערופֿן צוריק אין דאָרף.

זונדעלעוויטש און זיין גרופּע האָבן געוווּסט, אַז אין פֿאַרשיידענע ווינקלען פֿון לאַנד זיינען פֿאַראַן מערערע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע אָנערקענען די נויטווענדיקייט פֿון פּאָליטישן טעראָר ווי אַ מיטל צו דעראָבערן פּאָליטישע פֿרייהייט אין לאַנד. האָבן זיי באַשלאָסן איינצורופֿן אַ געהיימען צוזאַמענפֿאָר פֿון אָט די אַלע רעוואָלוציאָנערן מיטן צוועק אויסצואַרבעטן

א פּלאַן פֿון סיסטעמאַטישן טעראָר. אַזאַ צוזאַמענפֿאָר איז טאַקע אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין זומער פֿון 1879 אין דער שטאָט ליפּעצק, טאַמבאָווער גובערניע. דאָרט זײַנען אויך געווען אײניקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן ניט באַלאַנגט צו דער „זעמליאַ אי וואָליאַ", ווי אַנדרעי זשעליאַבאָוו, וועראַ פֿיגנער, ניקאָלאַי קאָלאָדקעוויטש, גריגאָרי גאָלדענבערג א״אַ.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט באַשלאָסן אָנצוגיין ווײַטער מיט דער פֿאַר־ברייטונג פֿון אַן אַטענטאַט אויפֿן קיסר, אַפֿילו אויב די מאַיאָריטעט פֿון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ" וועט זײַן קעגן דעם.

זונדעלעוויטש האָט זיך אונטערגענומען צו ברענגען פֿאַר דעם צוועק דינאַמיט פֿון אויסלאַנד און ער האָט טאַקע דעם דינאַמיט געקראָגן. עס איז אים אָבער געווען שווער אַריבערצופֿירן דעם דינאַמיט איבערן גרענעץ. בײַ דער קלענסטער אומפֿאָרזיכטיקייט האָט דער דינאַמיט געקענט אויפֿ־רייסן. האָבן די רעוואָלוציאָנערן שפּעטער באַשלאָסן צו פּראָדוצירן דעם דינאַמיט אין רוסלאַנד גופֿא. צווישן די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע זײַנען געווען אַ פּאָר גוטע כעמיקער — ווי קיבאַלטשיטש, לעוו זלאַטאָ־פּאָלסקי, איסאַיעוו. האָט מען זיך גענומען אויף די קאָנספּיראַטיווע קוואַר־טירן פֿון פּעטערבורג פּראָדוצירן דינאַמיט. דאָס איז אויך געווען געפֿערלעך און אַ פּאָר מאָל האָבן טאַקע פּאַסירט קלײנע אויפֿרײַסן, בײַ וועלכע עס זײַנען לײַכט פֿאַרוווּנדעט געוואָרן די טעכניקער.

די איבעריקע מיטגלידער פֿון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ", וואָס זײַנען ניט געווען אײנשטימיק מיט דער טעראָריסטישער טאַקטיק, האָבן פּראָטעס־טירט קעגן דעם, וואָס זונדעלעוויטש און זײַנע חברים גרײטן צו אַ נײַעם אַטענטאַט אויפֿן קיסר. **כדי צו שליכטן אײנמאָל פֿאַר אַלע מאָל די שטרײַט־פֿראַגן**, איז גערופֿן געוואָרן אַ צווייטער צוזאַמענפֿאָר אין דער שטאָט וואָראָניעזש פֿון אַלע טעטיקע מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע. אויף יענעם צוזאַמענפֿאָר איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּשרה־רעזאָלוציע, וועלכע האָט דערקלערט, אַז די הויפּט־אַרבעט פֿון דער פּאַרטיי דאַרף זײַן די אַגיטאַ־ציע צווישן די פּויערים. צו דער זעלבער צײַט אָבער איז אויך דערלויבט ווײַטער אָנצוגיין מיט דער פֿאַרברייטונג צום אַטענטאַט אויפֿן קיסר.

די רעזאָלוציע האָט בײדע צדדים ניט צופֿרידנגעשטעלט. עס איז באַלד קלאָר געוואָרן אַז די בײדע ריכטונגען קענען ווײַטער ניט גײן צוזאַמען און אַז אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי איז אומפֿאַרמײַדלעך. זונדעלעוויטש איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פֿאָרגעלעגט, אַז אַזוי ווי בײדע צדדים קענען זיך ניט אײניקן, זאָלן זיי זיך צושײדן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדער צד זאָל אויסקלײַבן פֿון זיך דרײַ פֿאָרשטײער און די זעקס זאָלן באַטראַכטן די גאַנצע לאַגע. דערבײַ איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז ווי אַזוי די זעקס וועלן באַשליסן, אַזוי וועט עס בלײַבן. פֿון די טעראָריסטן זײַנען

אויסגעקליבן געוואָרן זונדעלעוויטש, לעוו מיכאָמיראָוו און אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוו, פֿון דעם אַנדערן צד — סטעפּאַנאָוויטיש, פּאָפּאָוו און פּרעאָבראַזשענסקי. די זעקס האָבן זיך בארעטן און האָבן אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן זיך געאייניקט, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל זיך שפּאַלטן אין צוויי אָרגאַניזאַציעס: אין „טשאָרני פּערזעדיעל” און „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ”. אין דער ערשטער זיינען פֿאַרבליבן פּלעכאַנאָוו, דייטש, סטעפּאַנאָוויטש, ווערא זאַסוליטש א"אַ. צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ” זיינען צוגעשטאַנען זונדעלעוויטש, טיכאָמיראָוו, מיכאַילאָוו, מאָראָזאָוו, ווערא פֿיגנער, סאָפֿיע פּעראָווסקאַיאַ און אַ רייע אַנדערע טעראָריסטן, ווי זשעליאַבאָוו, פֿראָלענקאָ, קאָלאָדקעוויטש און אַנדערע, וואָס האָבן פֿריער צו דער „זעמליאַ אי וואָליאַ” ניט געהערט.

5.

די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ” האָט זיך געשטעלט ווי איר הויפּט־אויפֿגאַבע דורך דער דערמאָרדונג פֿון איין צאַר נאָכן צווייטן צו דערשלאָגן זיך אַ קאָנסטיטוציע אין רוסלאַנד.

דער העראָישער קאַמף, וואָס די מיטגלידער פֿון „איספּאָלניטעלני קאָמיטעט” פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ” האָבן אין פֿאַרלויף פֿון צוויי יאָר צייט געפֿירט קעגן דעם צאַרישן רעזשים, האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע. די קליינע גרופּע ענטוזיאַסטישע רעוואָלוציאָנערן און אידעאַליסטן, וואָס האָבן באַשלאָסן צו אָפּפּערן מיט זייערע לעבנס פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון רוסישן פֿאָלק, האָבן מיט זייערע ביישפּילאָזע העלדנטאַטן אויפֿגערודערט די גאַנצע וועלט און האָבן אָנגעיאָגט אַ טויט־שרעק אויף אַלע טיראַנען פֿון דער וועלט.

זונדעלעוויטש איז געווען איינער פֿון די סאַמע אַקטיווסטע מיטגלידער פֿון „איספּאָלניטעלני קאָמיטעט”. ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע געפֿערלעכסטע אונטערנעמונגען פֿון דער פּאַרטיי. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומפֿאָרן איבער רוסלאַנד און פֿון רוסלאַנד קיין אויסלאַנד און צוריק. אַזוי ווי ער האָט זיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט אין דער פֿראַגע וועגן צענטראַליזירטע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, האָט ער אָנגעהויבן אָפּט צו באַזוכן די פּעטערבורגער עפֿנטלעכע ביבליאָטעק כדי צו שטודירן די דאָזיקע פֿראַגע פֿון פֿאַרשידענע ביכער. איינמאָל, ווען ער האָט געענדיקט לייענען און איז אַרויס אין קאָרידאָר אָנטאָן דעם מאַנטל, האָט דער שווייצאַר איינגעלאַדן אים אַריינצוקומען אין אַ געוויסן צימער. ווען ער איז אַריינגעקומען אַהין, האָט ער דערזען דאָרט פּאָליציי, וועלכע האָט אים

באַזוכט. און אַזוי ווי מען האָט ביי אים אין מאַנטל געפֿונען אַ פּאָר אומלעגאַלע אויסגאַבן, האָט מען אים גלייך אַרעסטירט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז געזוכט האָט די פּאָליציי גאָר ניט אים, נאָר עמיצן אַנדערש. מיט אַ פּאָר טעג פֿריער האָט איינער פֿון די באַזוכער פֿון ביבליאָטעק אויסגעלייגט דאָרט אויף די טישן אַ פּראָקלאַמאַציע. מען האָט וועגן דעם גלייך געגעבן צו וויסן דער פּאָליציי און די פּאָליציי האָט געהייסן די שווייצאַרן פֿון דער ביבליאָטעק אַרומזוכן די קעשענעס פֿון די מאַנטלען פֿון אַלע באַזוכער. זונדעלעוויטש, וועלכער איז שטענדיק געווען אַזוי פֿאָרזיכטיק, האָט דעם מאָל צום אומגליק פֿאַרגעסן וועגן דער „טריפֿה־ער" ליטעראַטור, וואָס האָט זיך צופֿעליק פֿאַרוואַלגערט ביי אים אין מאַנ־טל־קעשענע. פֿאַר פֿאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור האָט מען אין יענע יאָרן זייער שטרענג באַשטראָפֿט. מען האָט אים באַלד אַריבערגעפֿירט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג. אָבער זונדעלעוויטש איז געווען אויפֿן זיבעטן הימל, וואָס מ'באַשולדיקט אים אין אַזאַ „נישטיקן" פֿאַרברעכן און נישט אין באַטייליקן זיך אין דער טעראָריסטישער אַרבעט, פֿאַר וועלכער עס האָט געקומט טויט־שטראָף. ער איז געווען זיכער, אַז די פּאָליציי האָט קיין אַנונג ניט וועגן זיין אמתער ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַ־וועגונג. און ער וואָלט ווירקלעך אָפּגעקומען מיט אַ לייכטער שטראָף, ווען ער וואָלט ניט געוואָרן אַ קרבן פֿון פֿאַרראַט.

צווישן די אַקטיווע מיטגלידער פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" איז געווען אַ יידישער רעוואָלוציאָנער פֿון קיעוו מיטן נאָמען גריגאָרי גאָלדענ־בערג. דער גאָלדענבערג האָט מיט אַ קורצער צייט פֿריער דערהרגעט דעם כאַרקאָווער גובערנאַטאָר פֿירשט קראָפּאָטקין. אין אַ קורצער צייט אַרום איז גאָלדענבערג אַרעסטירט געוואָרן. זיצנדיק אין טורמע האָט ער אַ סך נאָכגעטראַכט און איז געקומען צום שלום, אַז דער פּאָליטישער טעראָר איז שעדלעך און אַז דורך טעראָר וועט מען קיין פּאָליטישע פֿרייהייט ניט אויסקעמפֿן. די כיטרע זשאַנדאַרן האָבן אים גענומען באַאַרבעטן, אַז ער זאָל דערציילן אַלץ, וואָס ער ווייס וועגן דער טעטיקייט פֿון דער רעוואָלו־ציאָנערער אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן אים פֿאַרזיכערט, אַז זיינע חברים וועלן דערביי ניט ליידן. גאָלדענבערג האָט זיך געלאָזט איינריידן און האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן „וידוי", אין וועלכן ער האָט אַרויסגעגעבן אַלע סודות פֿון דער אָרגאַניזאַציע. גאָלדענבערג האָט אין זיין „וידוי" זייער פֿיל פּלאַץ אָפּגעגעבן זונדעלעוויטשן. ער האָט אים געלויבט אין הימל אַריין און דערציילט וועגן זיין פֿילזייטיקער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. די זשאַנדאַרן, וועלכע האָבן פֿריער קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן זונדעלע־וויטשס ראָלע אין דער באַוועגונג, האָבן זיך איצט אַלץ דערוווּסט. איצט

איז שוין זונדעלעוויטש אַליין און אויך זיינע פריינט געווען זיכער, אַז מען וועט אים אויפהענגען.

ווען זונדעלעוויטש איז געזעסן אין פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, וואַרטנדיק אויפן משפט, זיינען צו אים איינמאָל געקומען דער פּראָקוראָר דאַבזשינסקי, וועלכער האָט עס אַריינגעפּלאָנטערט גאָלדענבערגן אין דער פּאָליציייאישער נעץ, און פּאָן־פּלעווע, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער הויפּט פון דער פּאָליטישער געהיים־פּאָליציי, און האָבן דערקלערט, אַז גאָלדענבערג וויל ניט אַנדערש זען זיך מיט דעם אַרעסטירטן קוויאַטקאָווסקין אָדער מיט אים, מיט זונדעלעוויטשן. זיי ווילן דעריבער וויסן, צי זונדעלעוויטש וועט זיך וועלן באַגעגענען מיט גאָלדענבערגן, אויב מען זאָל גאָלדענבערגס פאַרלאַנג באַוויליקן. זונדעלעוויטש האָט איינגעוויליקט צו טרעפן זיך מיט גאָלדענבערגן. אָט וואָס זונדעלעוויטש אַליין האָט אין אַ בריוו צו דייטשן שפּעטער דערציילט וועגן אָט דער באַגעגעניש:

„מיר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס וועט זיין צוועקמעסיק צוליב דעם, וואָס איך וועל קענען אַריינטראָגן אייניקע ענדערונגען אין גאָלדענבערגס אויסזאָגונגען. אָבער אַזוי ווי עס איז אַריבער אַ פּאָר מאָנאַטן און איך האָב מער גאָרנישט געהערט וועגן דער פראַגע, האָב איך באַשלאָסן, אַז זי איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון טאָג־אָרדנונג. ווען מען האָט מיר געבראַכט אין צימער אויף אַ פאַרהער און איך האָב דאָרט דערזען גאָלדענבערגן, איז עס געווען פאַר מיר אומדערוואַרטעט. דער צימער איז געווען זייער אַ גרויסער און ווען מיר זיינען געשטאַנען אין איין ווינקל, האָבן מיר גע־קענט ריידן אַזוי, אַז דאַבזשינסקי און פּלעווע, וועלכע זיינען אַרומגע־גאַנגען איבערן צימער, זאָלן ניט הערן אונדזער געשפּרעך, ווען זיי האָבן זיך געפונען אין צווייטן ווינקל פון צימער.

„גאָלדענבערג האָט מיר געזאָגט, אַז דאַבזשינסקי האָט אים אומגליק־לעך געמאַכט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד און אַז ער האָט אויסגעאַרבעט פאַר דעם אַ באַשטימטן פּלאַן. איך האָב אים גע־ראָטן יעדנפאַלס פאַרן משפּט דאָס ניט צו טאָן, ווייל אויפן משפּט וועט ער קענען ענדערן אָדער צוריקציען דעם אָדער יענעם טייל פון זיינע אויס־זאָגונגען. עס האָט מיר אויסגעקוקט, אַז ער שטימט איין מיט מיר, און איך בין שפּעטער געווען איבערראַשט, ווען איך האָב אין באַשולדיקונגס־אַקט דערזען, אַז גאָלדענבערגן רופט מען ניט אַרויס אויפן געריכט דערפאַר, וואָס ער איז שוין טויט"...

קוויאַטקאָווסקי האָט זיך אויך געזען מיט גאָלדענבערגן. קוויאַטקאָוו־סקין אַליין האָט מען אויפגעהאַנגען. פאַרן טויט האָט ער געבעטן איבער־געבן אויף דער פריי, אַז מען זאָל גאָלדענבערגן ניט האַלטן פאַר קיין בייזוויליקן פאַררעטער. גאָלדענבערג איז געווען ניט נאָרמאַל און די

זשאַנדאַרן האָבן אים פּשוט אַריינגענאַרט אין זאַק. ווען ער האָט דערזען, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, איז ער טאַקע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין טורמע־קאַמער.

זונדעלעוויטש וואָלט זיכער אויך אויפגעהאַנגגען געוואָרן. נאָר עס האָט גראָד פּאַסירט, אַז נאָכדעם ווי די רעוואָלוציאָנערן האָבן אין נאָוועמבער 1879 און אין פעברואַר 1880 געמאַכט צוויי אַטענטאַטן אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן (דעם ערשטן מאָל איז אויפגעריסן געוואָרן דעם קיסרס צוג לעבן מאָסקווע און דעם צווייטן מאָל דער ווינטער־פּאַלאַץ, ווו דער צאַר מיט דער פאַמיליע האָבן זיך געפונען), האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער באַשטימט דעם „ליבעראַלן" מיניסטער גראַף לאָריס־מעליקאָוו אַלס דיקטאַטאָר. דאָס איז גראָד אויסגעפאַלן דאַן, ווען עס איז פאָרגעקומען דער משפט איבער זונדעלעוויטשן און 15 אַנדערע רעוואָלוציאָנערן. לאָריס־מעליקאָוו האָט ניט געוואָלט פייערן זיין אַריינטריט אין מאַכט דורך מאַסן־הינריכטונגען. האָט מען דעריבער נאָר צוויי פון די אָנגעקלאָגטע — קאַוויאַטקאָווסקין און פּרעסניאַקאָוון — פאַרמשפּט צום טויט (דעם ערשטן דערפאַר, וואָס ער האָט זיך באַטייליקט אין אויפרייסן דעם ווינטער־פּאַלאַץ, ווו עס זיינען אומגעקומען אַ סך סאָלדאַטן און דעם צווייטן דערפאַר, וואָס ער האָט ביים אַרעסט דערהרגעט אַ פּאָליציימאַן). זונדעלעוויטשן אָבער, וועלכער האָט פּערזענלעך זיך ניט באַטייליקט אין קיין מאָרד, האָט מען פאַראורטיילט צו לעבנסלענגלעכער קאַטאָרגע.

נאָכדעם ווי ער איז נאָכן משפט אָפּגעזעסן אַ יאָר אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג שוין ווי אַ קאַטאָרזשניק, האָט מען אים אַוועקגעשיקט אויפן ווייטן סיבירישן האַלב־אינדזל קאַרא, ווו עס האָט זיך געפונען איינע פון די שרעקלעכסטע קאַטאָרזשנע טורמעס.

6.

אין פיר יאָר אַרום האָט מען דייטשן אויך פאַרשיקט אַהין אויף קאַטאָרגע. ווען דייטש האָט אָנקומענדיק קיין קאַרא געטראָפן דאָרט זונדעלעוויטשן, האָט ער אים קוים דערקענט, אַזוי שטאַרק האָט זיך זונדעלעוויטש געענדערט פאַר די זעקס יאָר צייט, וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען. די פאַרב פון זיין פּנים איז פאַרשוווּנדן. ער איז געווען בלאַס און אויסגעצערט. עס איז שוין ניט געווען די פריערדיקע לעבעדיקייט אין זיינע באַוועגונגען און איבערהויפּט אין די אויגן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אַ טיפן אומעט. „אינערלעך, גייסטיק איז דאָס אָבער געווען דער זעלבער אַמאָליקער זונדעלעוויטש, — שרייבט דייטש, — דער זעלטן־גוטער זונ־

דרעלעוויטש, וואָס איז געווען גרייט יעדן איינעם צו העלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. ער איז געווען דער ליבלינג פון דער גאַנצער טורמע און אַלע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אָן אונטערשייד פון פּאָליטישע מיינונגען האָבן זיך צו אים באַצויגן מיטן גרעסטן רעספּעקט, אַלע חברים האָבן זיך מיט זיין מיינונג שטאַרק גערעכנט און יעדעס מאָל ווען מען פלעגט דאַרפן אימעצן רערוויילן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער נאַטשאַל־סטווא פלעגט מען זונדעלעוויטש דערוויילן פאַר דעם. אָבער צוליב זיין באַשיידנקייט פלעגט זונדעלעוויטש זיך שטענדיק אָפּזאָגן פון דעם כבוד. דערפאַר אָבער פלעגט ער זיך קיין מאָל ניט אָפּזאָגן צו טאָן די שווערסטע אַרבעט, וואָס איז נייטיק געווען. ער האָט אַלץ געטאָן סיסטעמאַטיש, גרינדלעך און געוויסנהאַפט. ער איז געווען אַ גוטער קוכער, אַ זייף־מאַ־כער, אַ גערטנער, אַן איינבינדער און אַזוי ווייטער, און קיינער האָט פון אים קיינמאָל ניט געהערט אַז ער זאָל זיך באַקלאָגן אויף זיין גורל. ער האָט זיך קיינמאָל אויך ניט איבערגעוואָרפן מיט קיין שלעכט וואָרט מיט קיינעם פון די אַרעסטאַנטן".

ווען מאַנכע פון די אַרעסטאַנטן פלעגן אָנהויבן באַקלאָגן זיך אויף זייער ביטערן שיקזאַל, וואָס זיי דאַרפן זייער גאַנצן לעבן אָפּפּינצטערן אין דער שרעקלעכער טורמע, פלעגט זונדעלעוויטש געוויינלעך זאָגן: „קינ־דערלעך, קלאָגט ניט, עס האָט דאָך געקענט זיין נאָך ערגער. עס איז דאָך אַלץ בעסער ווי די תליה".

ער פערזענלעך האָט פאַרן טויט ניט מורא געהאַט. ניט איין מאָל פלעגט ער פילאָזאָפירן פאַר די חברים: „טויט־שטראָף איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך. וואָס איז דער אונטערשייד? פריער אָדער שפּעטער מוז דאָך אַ מענטש שטאַרבן".

אויך אויף קאַטאָרגע, — דערציילט דייטש, — האָט זיך זונדעלעוויטש געהאַלטן פאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. ער האָט אָבער ניט אָנערקענט די מאַטעריאַליסטישע לערע פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. ער איז בלויז איינפאַרשטאַנען געווען מיט דער פרידלעכער טאַקטיק פון די דייַ־טשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. וואָס אָנבאַלאַנגט רוסלאַנד, האָט ער געטענהט, איז פאַר איר נאָך ניט געקומען די צייט, אַז די דאָזיקע טאַקטיק זאָל דאָ קענען אָנגעווענדט ווערן. אין רוסלאַנד מוז פריער אויסגעקעמפט ווערן פּאָליטישע פרייהייט און אויסקעמפן פּאָליטישע פרייהייט פאַר רוסלאַנד האָט מען, לויט זיין מיינונג געקענט נאָר דורך טעראָר. אין קיין מאַסן־באַוועגונג פון פּויערים און אַרבעטער האָט ער ניט געגלויבט. ער פלעגט שטענדיק דעבאַטירן וועגן דעם מיט די אַנדערע חברים. זונדעלע־וויטש האָט נאָך פאַר עדואַרד בערנשטיינען אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף לייגן אַלע זיינע האָפענונגען ניט אויף אַ

סאָציאַלער רעוואָלוציע, נאָר אויף שטענדיקע רעפאָרמען. ער דאַרף זוכן אַרויסצורייסן וואָס מער און וואָס גרעסערע רעפאָרמען פון די עקזיס־טירנדע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, און דאָס קען מען דערגרייכן נאָר דורך געזעצלעכע און פרידלעכע אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטנדע מאַסן.

אין יאָר 1890 איז אין זונדעלעוויטשעס לאַגע פאָרגעקומען אַן ענדערונג צום שלעכטן. צוזאַמען מיט צוועלף אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָט מען אים פאַרשיקט אין דער אַקאַטויער טורמע, ווו די באַדינגונגען זיינען געווען אַ סך ערגער ווי אין דער קאַרער טורמע. אין אַקאַטוי האָט מען אים אַריינגעזעצט אין איין קאַמער מיט קרימינעלע פאַרברעכער, מיט רויבער, גזלנים און אַנדערע, ביי וועמען אַ מענטשנס לעבן האָט קיין שום באַטרעף ניט און וועלכע קענען פאַר דער קלענסטער זאַך דערמאָרדן זייערע נאָנטסטע מענטשן. אחוץ דעם האָט מען נאָך די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן דאָרט ספּעציעל גראָב באַהאַנדלט. די נאַטשאַלסטוואָ פלעגט יעדן איינעם „דוצן" און פלעגט פון זיי פאָדערן, אַז זיי זאָלן שטרענג אויספאָלגן די דיסציפּלין און די רעגלען, אונטער וועלכע די קרימינעלע אַרעסטאַנטן זיינען געווען אונטערוואָרפן. אַזוי, צום ביישפּיל, פלעגט יעדער פּאָליטי־שער אַרעסטאַנט מוזן זיך אויפשטעלן צוזאַמען מיט די קרימינעלע אַרעס־טאַנטן, ווען אין קאַמער פלעגט אַריינקומען אַ באַאַמטער. טאָמער פלעגט ער דאָס ניט טאָן, פלעגט מען אים גלייך פאַרשפּאַרן אין קאַרצער, אין אַ פינסטערן שמוציקן קעמערל פול מיט מייז און מען פלעגט אים געבן צו עסן בלויז ברויט מיט וואַסער. אין אַקאַטויער טורמע האָט מען איבער־הויפּט זייער שלעכט געגעבן עסן די אַרעסטאַנטן. די שפּייז איז געווען אַזאַ, אַז עס פלעגט פשוט עקלען פון איר.

„ניט ווייניק צרות", האָט זונדעלעוויטש שפּעטער דערציילט, „פלעגן מיר אויסשטיין פון די קרימינעלע אַרעסטאַנטן, איבערהויפּט נאָך דאַן ווען פאַר אַ פאַרברעכן פון אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט פלעגט די נאַטשאַל־סטוואָ באַשטראָפן די גאַנצע טורמע. די קרימינעלע אַרעסטאַנטן פלעגן זיך דאַן מיט די פויסטן אַרויפוואַרפן אויף אונדזער הייפעלע פּאָליטישע מיט געשרייען און זידלערייען: „איר אַזעלכע און אַזעלכע וואָס איר זייט, צוליב אייך דאַרפן מיר דאָס ליידן". די נאַטשאַלסטוואָ גופא פלעגט אויפ־רייצן קעגן אונדז די קרימינעלע אַרעסטאַנטן. זי פלעגט אין אַלגעמיין זיך סטאַרען אַנצומאַכן אַ בייז לעבן צווישן די פּאָליטישע און קרימינעלע אום וואָס מער צו פאַרביטערן אונדז דאָס לעבן. צום גליק פלעגן אָבער די דאָזיקע פּלענער איר ניט אַלע מאָל זיך איינגעבן. מיט דער צייט האָבן זיך זאָגאַר די קרימינעלע פאַרברעכער גענומען באַציִען צו אונדז מיט רעספּעקט און די קעגנזייטיקע באַציִונגען זיינען געוואָרן פיל בעסער.

מיר פֿלעגן זיי לערנען לייענען און שרייבן און זיי פֿלעגן העלפֿן די שוואַ־כערע פֿון אונדז צו טאָן די קאַטאָרזשנע אַרבעט.

„אין אַקאַטוי פֿלעגט מען אונדז יעדן טאָג פֿירן אין די זילבער־גרובן, ביי אַ צוויי ווייאָרסט פֿון טורמע, גראָבן זילבער. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. דאָך האָב איך ליב געהאַט די אַרבעט, ווייל דאָס איז געווען אַ סך אָנגענעמער ווי זיצן אין טורמע. איך פֿלעג דאָרטן שלעפּן אַ טאַטשקע (אַזאַ וועגעלע אויף איין ראָד) פֿול מיט זילבער־ערד, וואָס אַנדערע פֿלעגן אויסגראָבן, אויף אַ שטרעקע פֿון זעכציק־אַכציק קלאַפֿטער. איך פֿלעג זיך דערביי אָפּגיסן מיט שוויס, אָבער דערפֿאַר פֿלעגט מיר נאָכדעם די אַרעס־טאַנטסקע שפּייז שמעקן ווי עפּעס רעכטס".

זונדעלעוויטש האָט אויף קאַטאָרגע אַרום און אַרום פֿאַרבראַכט עלף יאָר (אַריינרעכענענדיק די צייט ווען ער איז געזעסן אין פּעטראָפּאַוולאָווער לאָווסקער פֿעסטונג נאָכן משפּט). דערנאָך האָט מען אים אַריבערגעפֿירט אין דער „וואָלנאַיאַ קאָמאַנדאַ", וועלכע האָט זיך געפֿונען ביי קאַרא לעבן דער קאַרער טורמע. דאָרט האָט ער זיך ווידער געטראָפֿן מיט דייטשן און פֿאַרבראַכט מיט אים נאָך עטלעכע יאָר.

נאָך איידער ער איז אַוועק אין אַקאַטויער טורמע האָט זונדעלעוויטש באַדייטנד געענדערט זיין שטאַנדפּונקט וועגן טעראָר. ער האָט שוין דאַן באַקענט זיך מיט די ווערק פֿון די ערשטע רוסישע סאָציאַלדעמאָקראַטן, וועלכע פֿלעגן זיך רעגעלמעסיק דורך באַהאַלטענע וועגן באַקומען אין טורמע. ער האָט דאַן שוין מער ניט באַצויגן זיך אַזוי קריטיש צום מאַרקסיזם. ערשט אין 1896 איז דורך אַ מאַניפֿעסט פֿון צאַר זונדעלעוויטשעס טערמין פֿון קאַטאָרגע פֿאַרקירצט געוואָרן ביז צוואַנציק יאָר, און אין זעלבן יאָר האָט מען אים דערלויבט צו באַזעצן זיך אין דער שטאָט טשיטאַ. אויך אין טשיטאַ האָט ער זיך, ווי פֿריער, באַשעפֿטיקט הויפּטזעכלעך מיט פֿי־זישער אַרבעט. געאַרבעט האָט ער אויפֿן אייזנבאַן און אַ געוויסע צייט האָט ער געלעבט צוזאַמען מיט די אַרבעטער אין אַ באַראַק. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעדונגען אין טשיטאַ צוצושטעלן וואַסער אויפֿן וואָקזאַל און פֿאַר דעם צוועק האָט ער איינגעהאַנדלט אַ פֿערד און וואָגן און אַ פֿאַס. אַזוי האָט ער דאָרט געאַרבעט ביז דער רעוואָלוציע פֿון יאָר 1905. נאָך 26 יאָר, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין די טורמעס און אין סיביר, האָט ער נאָך דער רעוואָלוציע ענדלעך באַקומען אַ מעגלעכקייט אומצוקערן זיך אַהיים אין אייראָפּעאישן רוסלאַנד. די רעוואָלוציע גופֿא פֿון יאָר 1905 האָט ער דורכגעמאַכט אין סיביר. אין 1906 איז ער אָנגעקומען קיין פּע־טערבורג. ער איז אָבער פֿאַרבליבן דאָרט ווייניקער ווי אַ יאָר און איז אין גיכן אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן. דאָרט איז ער שוין פֿאַרבליבן אויף שטענדיק.

7.

אין הערבסט פון יאר 1907 האב איך זיך מיט זונדעלעוויטשן באקאנט אויף א לעקציע אין דעם לאנדאנער סאציאליסטישן פאלקס־הויז. אין פארלויף פון די עטלעכע מאנאטן וואס איך האב פארבראכט אין לאנדאן, פלעג איך זיך מיט אים זייער אפט טרעפן אין דעם אזוי גערופענעם „קאמוניסטן־קלוב", וועלכער איז געגרינדעט געווארן נאך פון קארל מארקסן, און איך האב פילע מאל מיט אים געשמועסט וועגן באוועגונגס־ענינים. איין מאל האב איך אויך באזוכט זיין קווארטיר, וועלכע איז באשטאנען פון א קליינעם צימערל אין דעם הויז פון אן אלטער ענגלענדעריז. אין צימערל האט זיך געפונען א בעט, א שטול און א קליינער טישל. ער פלעגט אליין קאכן ניט נאר טיי, נאר אויך אנדערע מאכלים. ער האט געפירט זייער אן איינפאכן לעבן. איך בין אנגעקומען אין לאנדאן אין א פאר מאנאטן ארום, נאך דעם בארימטן לאנדאנער צוזאמענפאר פון דער רוסלענדער סאציאל־דעמאקראטיע. איך האב געוווסט, אז זונדעלעוויטש האט בייגעוווינט ווי א גאסט די מערסטע זיצונגען פון צוזאמענפאר און איך האב אים פאנאנדערגעפרעגט וועגן די אלע איינצלהייטן פון צוזאמענפאר. כאטש ער האט זיך געהאלטן פאר א סאציאל־דעמאקראט, האט ער אבער זיך באמיט מיר צו איבערצייגן, אז די טאקטיק פון די רוסישע סאציאל־דעמאקראטן איז א פאלשע. ער האט קריטיקירט ניט נאר לענינען, נאר אויך די פירער פון די מענשעוויקעס, פלעכאנאוון און אקסעלראדן.

זונדעלעוויטש האט געקענט יידיש. ער פלעגט אמאל לייענען א יידישע צייטונג און פלעגט אפט באזוכן יידישע סאציאליסטישע פארזאמלונגען. ער פלעגט אבער קיינמאל ניט נעמען קיין ווארט. קוקנדיק אויף אים, וואלט קיינעם גאר ניט איינגעפאלן צו דענקען, אז אט דער באשיידענער שטילער מענטש איז אן אריגינעלער דענקער, וועלכער פארשטייט גרינטלעך ניט נאר די באוועגונג נאר אויך מענטשן. געלעבט האט ער פון אנהויב אין לאנדאן פון דאס ביסל געלט, וואס ער האט אפגעשפארט פון זיין שווערער ארבעט אין סיביר. שפעטער, ווי איך האב געהערט, האט ער געהאט עפעס א שטעלע אין א געוויסער ארגאניזאציע אין לאנדאן.

זונדעלעוויטש איז צוגעשטאנען צו דער רעוואלוציאנערער באוועגונג ווען פאר איינעם צו זיין א סאציאליסט האט געמיינט ניט נאר אפגעזאגנען זיך אויף אייביק מיט זיין משפחה און מיט זיינע פריינט, נאר זייער אפט מיטן לעבן. הונדערטער פון זונדעלעוויטשעס חברים זיינען אומגעקומען אויפן עשאפאט אדער האבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אטעם אין די פינסטערע קאזעמאטן, אויף קאטארגע און אין סיביר. זונדעלעוויטש

אַליין האָט אָפּגעשמאַכט 26 יאָר אויף קאַטאָרגע און אין סיביר. זיין נאָ־מען איז געווען פאַרהייליקט ביי אַלע רעוואָלוציאָנערן. אַרום זיין נאָמען זיינען געשאַפן געוואָרן אַ סך לעגענדעס, הגם ער איז פון נאַטור געווען זייער אַ באַשיידענער מענטש, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געשטופּט אין דער עפנטלעכקייט און וואָס האָט ניט ליב געהאַט צו רעדן פון זיך.

די אַלע ליידן וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אויף קאַטאָרגע און אין סיביר האָבן זיין גייסט ניט צובראָכן. ער איז ביזן טויט פאַרבליבן אַ רע־וואָלוציאָנער און אַ סאָציאַליסט, אַ זעלטענער אידעאַליסט, וועמעס האַרץ האָט געשלאָגן מיט סימפּאַטיע פאַר אַלע אונטערדריקטע און פאַרשקלאַפטע. זונדעלעוויטש איז ניט געווען קיין טעאָרעטיקער. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ שאַרפן פּאָליטישן חוש. נאָך זייענדיק אויף קאַטאָרגע האָט ער אין גע־שפּרעכן מיט פריינט און חברים געהאַלטן אין איין טענהן, אַז דער סאָציאַ־ליזם קען ניט איינגעפירט ווערן דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד מיט איין קלאַפּ. שפּעטער אין לאָנדאָן פלעגט ער שטענדיק טענהן, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אינם זין ווי לענין אָדער אפילו ווי די רוסישע מענשעוויקעס האָבן געפּרעדיקט, וואָלט געווען דער גרעסטער אומגליק פאַר דער וועלט. שוין דעמאָלט (אין יאָר 1907) איז ער געווען ניט איינשטימיק מיט דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ער האָט געגלויבט אַז די רוסישע סאָציאַליסטן דאַרפן אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די רוסישע ליבעראַלן צו דערשלאָגן זיך קודם כל פּאָליטישע פרייהייט און קעמפן נאָר פאַר אַזוינע סאָציאַלע רעפאָרמען, וועלכע קענען דורכגעפירט ווערן אָן דעם, אַז דאָס לאַנד זאָל דערביי רואינירט ווערן.

אין זיין בליק אויף דער רעוואָלוציע פון 1917 איז ער געווען נאָענט צו פּלעכאַנאָוו, ריכטיקער געזאָגט, פּלעכאַנאָוו האָט זיך אין יאָר 1917 דערנענטערט צו אים, ווייל זונדעלעוויטש האָט נאָך מיט צען יאָר פאַר דער רעוואָלוציע אַרויסגעזאָגט אַ סך פון די אפּיקורסישע געדאַנקען, וועלכע פּלעכאַנאָוו האָט אין 1917 געפּרעדיקט. ווי יעדער אמתער רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט האָט זונדעלעוויטש געהאַסט דעם באָלשעוויסטישן טעראָר און דיקטאַטור ניט ווייניקער ווי דעם צאַריזם. אַ ביטערער קעגנער פון יעדער סאָרט טיראַניע, האָט ער נאָך די באָלשעוויקעס ספּעציעל ניט גע־קענט מוחל זיין דאָס, וואָס זיי האָבן אַזוי געשענדעט די הייליקע אידעאַלן פון פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט, פאַר וועלכע גאַנצע דורות רעוואָלוציאָנערן האָבן מקריב געווען זייערע לעבנס.

8

שטיל און באַשיידן ווי ער האָט געלעבט די לעצטע פֿופֿצן יאָר אין לאָנדאָן, אַזוי איז ער אויך געשטאָרבן. די צייטונגען האָבן וועגן זיין טויט ניט געשריבן. אין אַמעריקע האָט מען זיך דערוווּסט פֿון זונדעלעוויטשעס טויט ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום פֿון אַ בריוו, וואָס אייניקע פּאָליטישע פֿריינט זיינע האָבן דערהאַלטן פֿון די לאָנדאָנער רוסישע סאָציאַליסטן, ביי וועמען זונדעלעוויטש איז געווען זייער באַליבט און געאַכטעט. וועגן די לעצטע מינוטן פֿון זיין לעבן האָט זיין ברודער איליאַ געשריבן אין אַ בריוו צו לעוו דייטשן:

„געשטאָרבן איז דער ברודער פּלוצלונג, דאָנערשטיק דעם 30טן אויגוסט (1923), עטלעכע מינוטן נאָך האַלבע נאַכט, ביי מיר אין הויז. יענע טעג בין איך גראָד געווען אין הויז איינער אַליין. יענעם אומגליקלעכן דאָנערשטיק אַרום האַלב נאָך ניין אין אָוונט איז אהרן געקומען צו מיר. ער האָט זיך געזעצט און מיר האָבן געשמועסט. ער האָט גערויכערט זיינע אייגענע געמאַכטע סיגאַרעטלעך. די לעצטע צייט, מען קען זאָגן פֿאַר די לעצטע אָנדערהאַלבן־צוויי יאָר, האָט ער שטאַרק געהוסט. איבערהויפּט פֿלעגט ער זיך פֿאַרהוסטן פֿון זיין פּאַפּיראָסל, וועלכער איז באַשטאַנען פֿון אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ ביסל ביליקן טאַבאַק. אָט דער רויכערן פֿלעגט אַזוי אויפֿרעגן זיין אָטעם־סיסטעם און פֿלעגט אַרויסרופֿן אַזאַ הוסט, אַז ניט ווילנדיק פֿלעגט מען אים מוזן מאַכן אַ פֿאָרוואורף, וואָס ער רויכערט. אָבער דאָס פֿלעגט אים נאָר אויפֿרעגן. יענעם אָוונט האָט ער באַזונדערס שטאַרק געהוסט. „וואָס הוסטו אַזוי? — האָב איך אים געפֿרעגט, — האָסט זיך פֿאַרקילט?" „יאָ", האָט ער געענטפֿערט. „דער נעכטיקער אָוונט האָט אויף מיר זייער שלעכט געווירקט", מיט אַ טאָג פֿריער איז געווען אַ שרעקלעכער וועטער, אַ גאַנצן טאָג איז געווען אַ רעגן, אַ ווינט און אַ קעלט און ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן שטאָט.

מיט אַ טאָג פֿריער זיינען מיר געווען מיט אים צוזאַמען אויפֿן וואָקזאַל. דינסטיק ביי טאָג האָט ער אויסגעקוקט ווי אַלע מאָל מונטער און האָט געשפּאַסט. מיטוואָך האָב איך אים ניט געזען. איך בין שוין געווינט געווען צו זיינע פֿאַרקילונגען, וועלכע ער פֿלעגט לייכט אַריבערטראָגן און ניט שענקען זיי קיין אויפֿמערקזאַמקייט. אויך איצט האָב איך ניט געדענקט, אַז די זאַך איז ערנסט. מיר האָבן געטרונקען טיי, האָבן געשמועסט, ווי געוויינלעך זי דגעאַמפּערט וועגן עפּעס אַ פֿראַגע. אַרום עלף אַזייגער האָב איך באַמערקט, אַז ער אָטעמט עפּעס שווערער ווי אַלע מאָל. איך האָב אים גענומען איינרעדן, אַז מען דאַרף פֿון דעסטוועגן רופֿן אַ דאָקטער. אַ דאָקטער וועט טאַקע ניט אויסהיילן זיין הוסט, אָבער דאָך וועט ער אים געבן

עפּעס וואָס זאָל פאַרלייכטערן דעם הוסט. ער פּלעגט קיינמאָל ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו מיינע באַמערקונגען וועגן דעם, און אַזוי האָט ער אויך איצט מיר ניט געוואָלט הערן. ער האָט זיך שוין געקליבן אַוועקגיין. איך האָב אים גענומען איינריידן, אַז ער זאָל בלייבן נעכטיקן ביי מיר. ער האָט זיך קאַטעגאָריש ענטזאָגט און האָט דערקלערט אַז ער פּילט זיך בעסער אין זיין אייגענער בעט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל. איך בין אַרויס אַוועקצוזעצן אים אויפן טראַמוויי. מיר האָבן געדאַרפט גיין בלויז אַ פּאָר מינוט. דערזעענדיק, אַז דער אָטעם ווערט ביי אים ערגער, האָב איך דערקלערט, אַז איך וועל אים ניט אָפּלאָזן אַליין און וועל גיין מיט אים צוזאַמען. מיר זיינען געשטאַנען און געוואַרט אויפן טראַמוויי. איך האָב דערזען, אַז אים ווערט אַלץ ערגער און אַז ער קען ניט איינשטיין אויף די פּיס. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ קלעצל. האָב איך דעמאָלט אָנגעהויבן ווידער אַריינטענהן מיט אים, אַז עס איז אָן אומזין פּאָר אים צו פאָרן אַהיים, ווען ער קען בלייבן נעכטיקן ביי מיר. „נו, מילא", האָט ער געזאָגט, „קום צוריק". מיר זיינען אַוועק צוריק צו מיר אַהיים. ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צום הויז. אין אַ פיר־פינף מינוט זיינען מיר שוין געווען אין הויז. אין קאָרידאָר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געבעטן, מען זאָל אים אַרויסטראָגן אַ שטול. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט. דער אָטעם איז געווען זייער שווער. „אַזוי פּאַסקודנע האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געפּילט", האָט ער באַמערקט. איך בין אַוועק אויבן, האָב אויסגעבעטן די בעט און געהאָלפן אים אַרויפגיין. ער האָט אָנגעהויבן אויסטאָן זיך. איך האָב אים געבראַכט וואַסער און געזאָגט, אַז איך וועל גיין רופן אַ דאָקטער.

„מילא, פּרוביר", האָט ער געזאָגט. „איך צווייפל אָבער צי דו וועסט איצט געפינען אַ דאָקטער".

דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער, וואָס איך האָב פון אים געהערט.

„איך בין געווען איינער אַליין און הגם איך האָב ניט גערעכנט אַז דער סוף איז אַזוי נאָענט, האָב איך דאָך געהאַלטן, אַז מען מוז רופן אַ דאָקטער. איך האָב אים געמוזט איבערלאָזן אַליין און פון דער נאָענטער טעלעפאָן־ביידל האָב איך אָנגעהויבן טעלעפאָנירן צו באַקאַנטע דאָקטוירים. דער טעלעפאָן אַרבעט ביינאַכט אין לאָנדאָן זייער שלעכט. פון אומעטום דאַרף מען לאַנג וואַרטן אויף אַן ענטפער. יעדע מינוט האָט מיר אויסגעקוקט ווי אַן אייביקייט. קיינער פון די דאָקטוירים איז ניט געווען אין הויז. איך הגב געמוזט גיין צוריק אַהיים. אין גאַנצן בין איך אַפּוועזנד געווען אַ מינוט דרייסיק, פינף־און־דרייסיק, העכסטנס פערציק, און ווען איך בין אַריין אין צימער האָב איך געפונען, אַז אהרן איז שוין טויט.

„אופֿן טיש לעבן בעטל איז געלעגן אַ האַלב צוזאַמענגעדרייטער פּאַפּיראָסל. זיין געזיכט איז געווען טיף רואיק, ווי ביי איינעם וואָס שלאָפֿט. דער פּולס האָט ניט געקלאַפּט. איך האָב אים אָנגעהויבן רופֿן, רייבן אים דאָס האַרץ, די הענט, אָבער אַלץ איז געווען נוצלאָז. שפּעטער, ווען דער דאָקטער איז אָנגעקומען, האָט ער קאָנסטאַטירט, אַז ער איז טויט.

„איך און איניקע פֿריינט אונדזערע האָבן געקוקט אויף אים אין פֿאַרלויף פֿון אַנדערהאַלבן מעת־לעת ווען ער איז געלעגן אויפֿן בעט און האָבן אונדזערע אויגן ניט געגלויבט: אַזאַ קלאָרע רואיקייט אויפֿן פּנים, אַלע זיינע שטריכן זיינען געבליבן ניט פֿאַרענדערט. דער געוויינלעכער רואיקער אויסדרוק פֿון זיין פּנים איז אויף אַ האָר ניט פֿאַרשוווּנדן, אַזוי אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז ער אָטעמט, שלאָפֿט און וועט אָט־אָט זיך אויפֿכאַפּן, אויפֿשטייען פֿון בעט און אָנהויבן רעדן. ער האָט זיך אָבער ניט אויפֿגעכאַפּט. די לויה זיינע איז געווען דעם פֿערטן סעפּטעמבער אין קרעמאַטאָריום, עס איז אָנוועזנד געווען אַ פֿאַרשיידנאַרטיקער עולם און עס זיינען אויך געהאַלטן געוואָרן קורצע רעדעס.

די לעצטע טעג זיינע האָבן זיך מיט קיין זאַך ניט אונטערשיידט פֿון אַלע אַנדערע טעג פֿון זיין לעבן דאָ. דעם לעצטן טאָג האָט ער זיך געפֿילט שלעכט. ער האָט געוואָלט פֿאָרן אָנקוקן דעם קאַטעדזש, וואָס אונדזערע אַ פֿריינדין האָט געדונגען פֿאַר זיך און פֿאַר איר שוועסטער. ער איז צוגעגאַנגען צום טראַמוויי כדי צו פֿאָרן צום וואַקזאַל, נאָר ער האָט דערפֿילט מיט אַמאָל אַ שטאַרקן ווייטאָק אין האַרצן און ער האָט זיך געמוזט אומקערן צוריק אַהיים. אַ פּאָר שטונדן איז ער געלעגן אויפֿן בעט און דער ווייטאָק איז פֿאַרשוווּנדן. דעם זעלבן טאָג, אַרום פֿינף אַזייגער, האָט אַ באַקאַנטער סטודענט, אַ מעדיצינער, אים געזען אין אַן אָפֿיס אין שטאָט, וווּ ער איז געקומען משתדל זיין זיך צו קריגן מיטלען טאַקע פֿאַר אָט דעם סטודענט. דעם סטודענט איז אהרנס אויסזען זייער ניט געפֿעלן געווען און ער האָט אים געזאָגט: „ציינט אַקאָרשט אייער פּולס". אהרן, וועלכער פֿלעגט אין אַזוינע פֿאַלן געוויינלעך אָפּקומען מיט אַ שפּאַס און מיט אַ קיבעץ אויפֿן רעכענונג פֿון דער מעדיצינישער וויסנשאַפֿט, האָט דעם מאָל גראָד אים געגעבן אַ טאַפּ טאָן דעם פּולס. דער סטודענט האָט גלייך דערזען אַז ער איז זייער קראַנק. אהרן האָט אָבער ניט געוואָלט גיין אָפּרוען. ער האָט דערקלערט אַז ער האָט אַ סך אַרבעט צו טאָן. עפּעס אַנדערש אין דעם פֿאַל איז געווען אוממעגלעך, ווייל אהרן פֿלעגט אין אַזוינע פֿאַלן אַרויסציינן אַ שטאַרקע עקשנות, און אָט אַזוי ווי איר זעט האָט זיך דאָס אַלץ געענדיקט".

זונדעלעוויטש איז פֿון דער נאַטור געווען אַ זייער קאָמפּליצירטע און אַ זייער באַגאַבטע פּערזענלעכקייט. די פֿאַרשאָלטענע רוסישע באַדינגונגען

האָבן אים ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיינע גרויסע און פֿאַרשיידנאַרטיקע טאַלאַנטן. אין דער געשיכטע אָבער פֿון דעם אַלוועלטלעכן פֿרייהייטס־קאַמף וועט דער נאָמען פֿון אהרן זונדעלעוויטש, דעם העלדישן רעוואָלוציאָנערן מאַרטירער, דעם מוטיקן סאָציאַליסטישן קעמפֿער און דעם זעלטענעם אידעאַליסט און מענטשן־פֿריינט, וואָס איז זיין גאַנצן לעבן געבליבן טריי די אידעאַלן פֿון פֿרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט, אייביק לעבן.

ווערא פיגנער

(1942 — 1852)

ווערא פֿיגנער

(1942 — 1852)

ווערא פֿיגנער איז אין פֿאַרלויף פֿון אַ סך צענדליקער יאָרן געווען די פֿאַרקערפּערונג פֿון העכסטן אידעאַליזם, פֿון אויסערגעוויינלעכער העלדישקייט און מאַרטירערטום. אין פֿאַרלויף פֿון צענדליקער יאָרן איז זי פּשוט פֿאַרגעטערט געוואָרן פֿון דער גאַנצער פֿרייהייט־ליבנדער רוסישער אינטעליגענץ און פֿון די רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטן פֿון אַלע ריכטונגען. דער באַוווּסטער רוסישער שריפֿטשטעלער, גלעב אוספּענסקי, וועלכער איז געווען אַ נאָבעלע פּערזענלעכקייט, האָט אין די אַכציקער יאָרן פֿון פֿריערדיקן יאָרהונדערט, ווען פֿיגנער איז געווען אַרעסטירט, געשריבן וועגן איר: „די דאָזיקע יונגע פֿרוי האָב איך געזען נאָר אַ ווײַלע פֿון דער זײַט. זי האָט אָבער איבערגעלאָזן אַזאַ הערלעכן, ליכטיקן אײַנדרוק, ווײַל דער טיפֿער אומעט אויף איר געזיכט איז ניט קיין אומעט פֿון אירע אייגענע לײַדן, פֿון אירע אייגענע צרות, ניט קיין פּערזענלעכע... עס איז גענוג נאָר צו וואַרפֿן איין בליק אויף איר און יעדע פּײַן און לײַדן פֿאַרשווינדן און אויפֿן האַרצן ווערט אַזוי אײַנפֿאַך־לײַכט און דער עיקר לעבעדיק, און אַנשטאָט די ווערטער „ווי שרעקלעך!", האָט איר געמוזט אויסרופֿן: „ווי גוט, ווי שיין"!

פֿיגנער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1852 אין אַ פֿאַרמעגלעכער, פּריצישער הויז. אירע עלטערן האָבן איר געגעבן אַ גוטע דערציאונג. זי איז געווען אַ זעלטענע שיינקייט און די נאַטור האָט איר אויך באַשאָנקען מיט אַ סך אַנדערע מעלות. זי האָט געקענט אָפּלעבן אַ לעבן אין וואוילטאָג און אין גליק. זי האָט אָבער נאָך אין איר פֿריסטער יוגנט באַוווּסטזיניק אויסגעקליבן פֿאַר זיך דעם דערנער־וועג פֿון אַ קעמפֿערין־מאַרטירערין פֿאַר די אידעאַלן פֿון גלײַכקייט, פֿרייהייט און מענטשלעכקייט, און זי איז ביז דעם לעצטן טאָג פֿון איר לעבן ניט אַרונטער פֿון דעם דאָזיקן וועג.

פֿיגנער דערציילט אין אירע מעמואַרן, אַז ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע, פֿלעגט איר מוטער פֿאָרלייענען פֿאַר די קינדער פֿאַרשיידענע מעשהלעך וואָס האָבן געהאַט אַ היסטאָרישן אינהאַלט. איינמאָל האָט זי

איבערגעלייענט פֿאַר זיי אַ מעשׂהלע ווי אַזוי איינער פֿון די ערשטע רוסישע קיסרים האָט זיך אויסגעקליבן אַ כּלה. ווען עס איז געקומען די צייט פֿאַר אים חתונה צו האָבן, האָט מען איבערן גאַנצן לאַנד אויסגערופֿן, אַז די הויכע לייט זאָלן ברענגען זייערע דערוואַקסענע טעכטער קיין מאָסקווע. דאָרט האָט מען ביים קיסרס פּאַלאַץ אויסגעשטעלט אַלע מיידלעך און דער קיסר האָט די שענסטע פֿון זיי אויסגעקליבן פֿאַר אַ ווייב.

„ביי מיר זיינען דעמאָלט אַלע צייטן געווען גלייך" שרייבט ווערא פֿיגנער, „קיין אונטערשייד צווישן „אמאָל" און „היינט", און דעריבער איז געווען רעכט, אַז עס זאָל מיר איינפֿאַלן אַזאַ געדאַנק: ווען דער קיסר וועט ווערן חתונה האָבן, וועט מען דאָך מיך זיכער אויך אָוועקפֿירן קיין מאָסקווע, און עס קען דאָך זייער זיין אַז איך זאָל אים געפֿעלן מער ווי אַלע מיידלעך און ער זאָל מיך נעמען פֿאַר אַ ווייב. דעמאָלט וועל איך ווערן די קייזערין. דאָס וועט זיין גוט! די ניאַניע וועל איך אָנטאָן אין גאָלד און זילבער און זיך אַליין אין דימענטן און בריליאַנטן"!

ווען זי איז אַלט געוואָרן 17 יאָר און האָט פֿאַרענדיקט דעם פּרויען־אינסטיטוט אין דער שטאָט קאַזאַן, איז זי געווען אַ לוסטיקע, פֿריילעכע און שטיפֿערישע מיידל. זי האָט זיך דעמאָלט באַפֿריינדט מיט אַ יונגן אויס־פֿאָרשונג־ריכטער. זיי פֿלעגן גיין צוזאַמען אין טעאַטער, אויף בעלער, אין קלוב און פֿלעגן צוזאַמען אויך לייענען ביכער. אין יאָר 1870 האָבן זיי חתו־נה געהאַט. ווערא איז דעמאָלט אַלט געווען 18 יאָר. „שוין דעמאָלט בין איך געווען איבערצייגט", — שרייבט פֿיגנער — „אַז פֿאַרברעכנס זיינען אַ רעזולטאַט פֿון אָרעמקייט און גראָבקייט, און דערפֿאַר איז מיר ניט געפֿעלן געווען די ראָלע פֿון אַן אויספֿאָרשונג־ריכטער. ניט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן ווי ער נעמט אויף אַ פֿאַרהער אַן אָנגעקלאָגטן און הייבט אים אָן שטעלן אַזוינע פֿראַגן, אַז ער זאָל זיך פֿאַרפּלאָנטערן און אַריינפֿאַלן, און דאָס האָט מיר שטאַרק געקרענקט און געערגערט. בין איך צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל בעסער אָנהייבן שטודירן מעדיצין אָדער אַן אַנדער פּראָפֿעסיע, אַבי ער זאָל מער ניט זיין אַן אויספֿאָרשונג־ריכטער".

2

אין יאָר 1871 איז ווערא מיט איר מאַן, צוזאַמען מיט איר עלטערער שוועסטער, אָוועקגעפֿאָרן שטודירן אין דער שווייץ. אַלע דריי זיינען זיי אָנגעקומען אין ציריכער אוניווערזיטעט און זיך געלערנט אויפֿן מעדי־צינישן פֿאַקולטעט. ציריך איז דעמאָלט געווען דער צענטער פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אימיגראַציע. ווערא פֿיגנער, איר מאַן און

איר שוועסטער פֿלעגן אַלע דריי באַזוכן די פֿאַרשידענע פֿאַרזאַמלונגען ווּ עס פֿלעגן אַרויסטרעטן סיי די רוסישע אימיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן, סיי די שווייצאַרישע און דייטשע סאָציאַליסטן וואָס האָבן דעמאָלט געוווינט דאָרטן.

ווערא פֿיגנערס שוועסטער איז באַלד צוגעשטאַנען צו דעם געהיימען רעוואָלוציאָנערן קרייזל, וועמעס מיטגלידער האָבן זיך געגרייט צוריקצופֿאָרן קיין רוסלאַנד און אָנפֿירן דאָרט סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער. ווערא אָבער האָט דערפֿון ניט געוווּסט, ווייל זי איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענע רעוואָלוציאָנערקע. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער, ווען זי האָט איינמאָל אין אַ זומערדיקן אָוונט שפּאַצירט צוזאַמען מיט איר שוועסטער אין ציריך, האָט די שוועסטער אין מיטן דערינען איר אַ פֿרעג געטאָן: „זאָג מיר, ווערא, וואָלסטו געקענט באַשליסן אַוועקצוגעבן אַלע דיינע כחות דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג? וואָלסטו געקענט, ווען עס וואָלט נאָר נייטיק געווען, איבעררייסן אַלע דיינע באַציאונגען מיט דיין מאַן? וואָלסטו געקענט אויפֿגעבן דאָס לערנען זיך, די וויסנשאַפֿט, די קאַריערע, אַלץ צוליב דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג? — יאָ, — האָט ווערא געענטפֿערט. — „מיטן גאַנצן האַרצן".

באַלד נאָכדעם האָט מען איר מיטגעטיילט, אַז עס האָט זיך געגרינדעט אַ רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפֿט וואָס גרייט זיך אָנצוהייבן אַרבעטן אין רוסלאַנד. מען האָט איר איבערגעלייענט די קאָנסטיטוציע און די פּראָגראַם פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט, און נאָכדעם ווי זי האָט איינגעשטימט מיט אַלע פּונקטן, האָט מען זי אַריינגענומען אַלס מיטגליד. זי איז דעמאָלט אַלט געווען 21 יאָר. וועראַס שוועסטער האָט באַלד אויפֿגעגעבן דעם אוניווערזיטעט און איז צוזאַמען מיט נאָך אייניקע רעוואָלוציאָנערן און רעוואָלוציאָנערקעס אַוועקגעפֿאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. ווערא אַליין אָבער איז פֿאַרבליבן ענדיקן דעם אוניווערזיטעט. אַזוי ווי איר מאַן האָט ניט איינגעשטימט מיט אירע רעוואָלוציאָנערע אָנזיכטן, איז זי זיך מיט אים צעגאַנגען.

„אין אָנהייב דעצעמבער, 1875" — שרייבט פֿיגנער — „בין איך אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער שווייץ קיין רוסלאַנד, מיטנעמענדיק מיט זיך די ליכטיקע דערינערונגען פֿון די יאָרן וואָס עס האָבן מיר געגעבן וויסנשאַפֿט, פֿריינד און דער עיקר אַ ציל, אַ גרויסן הייליקן ציל אין לעבן"!

אָט דעם גרויסן הייליקן ציל האָט ווערא פֿיגנער געדינט איר גאַנצן לעבן. פּונקט ווי די מערסטע אַנדערע סאָציאַליסטן פֿון יענער עפּאָכע האָט ווערא פֿיגנער אָנגעהויבן איר קאַריערע מיט „גיין אין פֿאָלק". זי האָט זיך באַזעצט אין אַ דאָרף, האָט געאַרבעט דאָרט אַלס פֿעלדשערין און און האָט אין דער זעלבער צייט געפֿירט אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע

צווישן די פּויערים. ווען עס האָט זיך געגרינדעט די באַוווּסטע פּאַרטיי, „זעמלאַ אי וואָליאַ" („ערד און פרייהייט"), איז פיגנער געוואָרן איינע פון אירע אַקטיווסטע מיטגלידער. זי איז געווען אויף דעם געהיימען צוזאַמענ־פאָר פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ" וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין יוני, 1879 אין דער שטאָט וואָראָניעזש, און נאָך דער שפּאַלטונג פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ", איז זי צוגעשטאַנען צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און איז געווילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט.

אַ מיטגליד פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט זיך געמוזט פאַרפליכטן אָוועקצוגעבן אַלע זיינע (אָדער אירע) כוחות דער רעוואָלוציע, פאַרגעסן אָן די קרובים און פריינד, ניט האָבן קיין פריי־וואַט־אייגנטום און ניט פאַרמאָגן קיין זאַך, וואָס זאָל ניט אין דער זעלבער צייט זיין דאָס אייגנטום פון דער אָרגאַניזאַציע, און אָפּפערן מיטן אייגענעם לעבן, ווען דאָס איז נייטיק, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיין זאַך.

די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט זיך געשטעלט ווי איר אויפגאַבע אַרויס־צורייסן די מאַכט ביי דער צארישער רעגירונג און איבערגעבן זי אין די הענט פון פאָלק. די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט אָנגעפירט אַן ענערגישע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער, צווישן דער שטודירנדער יוגנט און אויך צווישן די אָפיצירן פון דער אַרמיי, אָבער דאָס הויפּט אָרט אין איר טעטיקייט האָט פאַרנומען דער פּאָליטישער טעראָר. די פירער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָבן געהאַלטן דורך דעם טעראָריסטישן קאַמף קעגן די טיראַנישע מיניסטאָרן און אַנדערע הויכע באַאַמטע פון דער צארישער רעגירונג אונטערצוגראָבן די אויטאָ־ריטעט פון צאַר, צעטרייסלען דעם גלויבן פון פאָלק אין דער מאַכט פון דער רעגירונג, וויַיזן אַז עס איז מעגלעך צו פירן אַן אָרגאַניזירטן קאַמף, אַרויסרופן ביים פאָלק אַן אַקטיוון גייסט און אַ גלויבן אין דעם דערפאָלג פון קאַמף און אַזוי אַרום צווינגען דעם צאַר צו געבן פרייהייט דעם פאָלק.

3

איך וועל דאָ ניט איבערגעבן די געשיכטע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און די ראָלע וואָס פיגנער האָט געשפּילט אין דער פּאַרטיי, וועלכע האָט מיט אירע אויסערגעוויינלעכע העלדן־טאַטן אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר צייט איבערראַשט די גאַנצע וועלט. די וואָס אינטערעסירן זיך מיט דעם קענען געפינען אַלע איינצלהייטן אין ווערא פיגנערס מעמוארן, ווי אויך אין מיינע צוויי בענד, העלדן און מאַרטירער, די געשיכטע פון די אַמאָליקע גרויסע רעוואָלוציאָנערן און פון זייער קאַמף פאַר פרייהייט". דאָ וויל איך

בלויז דערמאָנען, אַז פֿיגנער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין צוגרייטן די אַלע אַטענטאַטן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויפֿן צאַר אַליין און אויף אַ ריי פֿון זיינע הויכע באַאַמטע, וועלכע זיינען געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די אומציילִיקע הינריכטונגען און פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון די רעוואָלוציאָנערן. זי איז אויך געווען די באַלעבאָסטע פֿון דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר אין פּעטערבורג, וווּ עס פֿלעגן פֿאָרקומען די זיצונגען פֿון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ”. אין דער נאַכט פֿון דעם 28טן פֿעברואַר אויפֿן 1טן מערץ, 1881 (לויט דער אַלטער רוסישער צייט־רעכענונג), האָט מען אין פֿיגנערס קוואַרטיר צוגעגרייט די באָמבעס מיט וועלכע דער צאַר איז אויף מאָרגן דערהרגעט געוואָרן. פֿיגנער האָט אַליין געהאָלפֿן מאַכן יענע באָמבעס. בלויז דורך אַ נס איז זי דעמאָלסט גלייך ניט אַרעסטירט געוואָרן און ניט הינגעריכטעט געוואָרן צוזאַמען מיט אירע טייערסטע חברים, סאָפֿיע פּעראָווסקאַיאַ, אַנדרע זשעליאַבאָוו, ניקאָלאַי קיבאַלטשיטש און די אַנדערע. אָבער די צאַרישע רעגירונג האָט גוט געוווּסט די ראָלע וואָס פֿיגנער שפּילט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אין דער פּאַרטיי, און זי האָט זי אַרומגעזוכט מיט ליכט. אין דעם טאָג, ווען מען האָט זשעליאַבאָוון און פּעראָווסקאַיאַן אויפֿגעהאָנגען, איז פֿיגנער נאָך געווען אין פּעטערבורג. „יענער טאָג” — האָט פֿיגנער שפּעטער דערציילט — „איז גראָד ווי אויף להכעיס געווען זייער אַ שיינער, אַ קלאָרער הימל האָט זיך צעשפּרייט איבערן קאָפּ און די זון האָט געשיינט העל און ליכטיק. איך בין אַריין אין אַ טראַמוויי און זיך אַוועקגעזעצט. וווּהין איך פֿאָר האָב איך אַליין ניט געוווּסט. מיר איז געווען אַלץ איינס. אין טראַמוויי זיינען געפֿאָרן מענטשן פֿון דעם פּלאַץ, וווּ מען האָט אויפֿגעהאָנגען מיינע חברים. איך האָב זיך אַרומגעקוקט. אויף זייערע פּנימער האָב איך ניט באַמערקט קיין שום אויסדרוק פֿון טרויער, און דאָס האָט מיר אַזוי וויי געטאָן, אַז עס איז גאָר אוממעגלעך דאָס איבערצוגעבן מיט ווערטער”.

ערגער פֿון אַלץ איז אָבער געווען, וואָס נאָך דער דערמאָרדונג פֿון צאַר איז די פּאַרטיי אַזוי גוט ווי פֿאַרניכטעט געוואָרן. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט שוין מער ניט געקענט שפּילן די ראָלע, וואָס ער האָט פֿריער געשפּילט. די רעגירונג האָט אָבער וועגן דעם ניט געוווּסט, און דער נייער צאַר, אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט די ערשטע פּאָר יאָר פֿון זיין הערשאַפֿט נאָך אַלץ געלעבט אין טויט־שרעק. ער האָט שטענדיק מורא געהאַט אַז אָט־אָט וועלן די רעוואָלוציאָנערן אים דערהרגענען, פּונקט ווי זיי האָבן מיט אַ באָמבע צעריסן אויף שטיקער זיין טאַטן. נאָך דער דערמאָרדונג פֿון אַלעקסאַנדער דעם 2טן, האָט ווערא פֿיגנער זיך אויסבאַהאַלטן אין אַנדערע שטעט. אירע פֿריינד האָבן זיך געבעטן ביי איר אַז זי זאָל אַוועקפֿאָרן אויף

א געוויסער צייט קיין אויסלאנד, אבער זי האט זיך אפגעזאגט דאס צו טאן. זי האט זיך באמיט אריינצוציען נייע קרעפטן אין דער ארגאניזאציע און צוריק אויפלעבן די פארטיי. זי איז א לאנגע צייט געווען פאקטיש דער איינציקער מיטגליד פון דעם עקזעקוטיוו־קאמיטעט וואס איז פארבליבן אויף דער פריי אין רוסלאנד. איינער פון די רעוואלוציאנערן, וועמען פיגנער האט אין 1882 אריינגעצויגן אין דער נייער צענטראלער רעוואלוציאנערער ארגאניזאציע איז געווען סערגעי דעגאיעוו, און ער האט שפעטער זי ארויסגעגעבן דער פאליציי.

דעם 10טן פעברואר, 1883 איז פיגנער ארעסטירט געווארן אויף א גאס אין כארקאוו און מען האט אויף מארגן פרי גלייך זי אוועקגעפירט קיין פעטערבורג. ווען מען האט דעם קיסר אנגעזאגט די בשורה, אז פיגנער זיצט שוין הינטער אייזערנע גראטעס, האט ער אויסגערופן הויך אויפן קול: „דאנקען גאט וואס די שרעקלעכע פרוי איז ארעסטירט"! און ער האט געהייסן באשטעלן ביים פאטאגראפער א ספעציעלן פארטרעט פון איר. פיגנער האט נית געוווסט, אז דעגאיעוו האט זי פארראטן, זי האט געהאט צו אים דעם פולסטן צוטרוי.

מער ווי א יאר צייט איז זי אפגעזעסן אין אן איינצעלנער קאמער אין פעטראפאוולאווסקער פעסטונג און האט געווארט אויף איר פראצעס. ווען זי האט זיך ערב דעם משפט דערוווסט וועגן דעגאיעווס פארראט, האט זי געפילט ווי זי וואלט פון זינען ארונטער. „אין יענעם מאמענט" — דערציילט פיגנער, „האב איך איבערגעלעבט איינעם פון די גרעסטע אומגליקן. מיר האט זיך געדוכט אז מען האט ביי מיר צוגענומען אלץ, די גייסטיקע שיינקייט פון מענטשן, די שיינקייט פון דער רעוואלוציע און פון דעם גאנצן לעבן. פון דער אידעאלער הויכקייט האט מען מיך פלוצלונג אריינגעשלייַדערט אין א שמוציקן זומפ".

מען האט ווערא פיגנער געמשפט אין א קריגס־געריכט און פאראורטיילט צום טויט דורך אויפהענגען. א וואך צייט האט יעדע מינוט זי דערווארט אז מען זאל זי אויפהענגען. אויפן אכטן טאג פאר נאכט, איז אריינגעקומען צו איר אין צעל דער קאמאנדאנט פון פעסטונג און האט איר איבערגעלייענט א באפעל פון קיסר, לויט וועלכן די טויט־שטראף איז איר פארביטן געווארן אויף אייביקער קאטארגע. „איך בין זיכער", האט פיגנער מיט עטלעכע און צוואנציק יאר שפעטער געשריבן, אז ווען מען וואלט מיך אויפגעהאנגען, ווי מען האט מיט דריי יאר פריער אויפגעהאנגען סאפיע פעראווסקאיא, וואלט איך געגאנגען צו דער תליה שטאלץ און מוטיק. איך וואלט זיך אויף קיין מינוט נית פארלארן. איך בין געווען גרייט דערצו. קיין באגייסטערונג וואלט איך דערביי נית געהאט, ווייל די כחות זיינען מיר אויסגעגאנגען און איך בין געווען שרעקלעך אפגעשוואכט.

עס וואָלט מיר פּשוט געווען אַ סך אָנגענעמער, ווען מען וואָלט מיר אויפֿגע־האַנגען און פֿאַרטיק. אַ סך בעסער איידער שטאַרבן לאַנגזאַם און אָוועקגעבן דעם מלאך־המות דאָס לעבן ביסלעכווייז".

4

אין אָקטאָבער 1884 האָט מען זי פּלוצלונג אַרויסגענומען פֿון פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פֿעסטונג און אַוועקגעפֿירט אין דער שרעקלעכער שליסל־בורגער פֿעסטונג און דאָרט איינגעמויערט אין איינעם פֿון די פֿינסטערע שטיינערנע קברים. די צאַרישע רעגירונג האָט געטאָן אַלץ אין דער וועלט צו באַגראָבן די געפֿאַנגענע אין שליסלבורג. אַפֿילו די דערינערונגען פֿון זייערע נעמען האָבן געדאַרפֿט אָפּשטאַרבן. ווען פֿיגנערס מאַמע האָט זיך איין מאָל געווענדט צום געהילפֿס־מיניסטער פֿון אינערן מיט אַ בקשה אַז ער זאָל איר זאָגן וווּ ווערע געפֿינט זיך און וואָס זי מאַכט, האָט ער איר געענט־פֿערטפֿערט: „איר וועט זיך דערוויסן וועגן אייער טאָכטער ווען זי וועט ליגן אין דער טרונע".

אַ האָפֿנונגסלאָזער און אַ שרעקלעכער אומעט האָט אָנגעפֿילט דאָס האַרץ פֿון יעדן געפֿאַנגענעם אין שליסלבורגער פֿעסטונג. פֿיגנער איז געווען איינע פֿון די געציילטע וואָס האָט אויך דאָרט ניט פֿאַרלאָרן דעם מוט. ווען דער באַרימטער רעוואָלוציאָנער, הערמאַן לאָפּאַטין, וועלכער איז צו־זאַמען מיט ווערע פֿיגנער געזעסן אין שליסלבורג, האָט איין מאָל פֿאַרפֿאַסט אַ געדיכט אין וועלכן ער האָט פֿאַרשאָלטן דעם טאָג ווען ער איז געבוירן געוואָרן, האָט פֿיגנער זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס לאָפּאַטין איז אַריינגעפֿאַלן אין אַזאַ פּעסימיסטישער שטימונג, און זי האָט געענט־פֿערט לאָפּאַטינען מיט דעם פֿאָלגנדיקן געדיכט, וואָס איך גיב דאָ איבער אין אַ פֿרייער איבערזעצונג.

באַשערט איז אונדז געווען דאָס גליק:
די כוחות די בעסטע
דעם קאַמף פֿאַר דער פֿרייהייט צו שענקען.
איצט זיינען מיר גרייט
ביז דער שעה פֿון טויט
צו ליידן און דולדן
פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון פֿאָלק.
ליידן אָן פֿאַרוואורף
ליידן אָן קללות,
נאָר רואיק און באַשיידן

ד ו ד   ש ו ב

> אין דער שטילקייט פֿאַרגיין,
> און מיט אונדזער שטילן ליידן
> **רופֿן די ייִנגערע ברידער**
> **צו קעמפֿן פֿאַר פֿרייהייט**
> און גליַיכקייט נאָך אונדז.

לאַפּאַטין אַליין האָט שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט געוויינט, ווען ער האָט עס געלייענט.

צוואַנציק יאָר האָט ווערא פֿיגנער אָפּגעשמאַכט אין דעם שרעקלעכן שליסלבורגער גיהנום. זי איז געווען די איינציקע פֿרוי וואָס איז נאָך צוואַנציק יאָר אַרויס אַ לעבעדיקע פֿון שליסלבורג. אין 1902 האָט געהאַלטן גאָר נאָענט דערביַי, אַז פֿיגנער זאָל הינגעריכט ווערן אין שליסלבורג. עס איז איר אָבער באַשערט געווען ניט נאָר אַרויסצוקומען אַ לעבעדיקע, נאָר אויך דערלעבן די רעוואָלוציע און נאָך איבערלעבן אַלע אירע חברים. פֿון שליסלבורג איז פֿיגנער באַפֿריַיט געוואָרן אין סעפּטעמבער, 1904. אַ קורצע צייט איז זי נאָך געווען פֿאַרשיקט אין וויַיטן צפֿון. אין גיכן אָבער איז זי אין גאַנצן באַפֿריַיט געוואָרן. אין 1907, ווען די רעאַקציע האָט געזיגט אין רוסלאַנד, איז זי אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד און איז געווען טעטיק אין דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אויך אין אויסלאַנד האָט זי זיך באַמיט צו העלפֿן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קליַיבנדיק געלט און זאָכן פֿאַר די אַרעסטירטע און פֿאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד. אין 1907 איז זי איין מאָל געקומען קיין לאָנדאָן מיט דעם צוועק. די פֿריַינד אירע האָבן דאָרט אָרגאַניזירט פֿאַר איר אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס זייַנען געקומען אויך אַ סך פֿון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע אָנצוקוקן די באַרימטע רעוואָלוציאָנערקע. נאָך איר לעקציע, אין וועלכער זי האָט דערציילט וועגן דער לאַגע אין צאַרישן רוסלאַנד, איז צו איר צוגעקומען לאָרד מילנער, דער שפּעטערדיקער קריגס־מיניסטער פֿון ענגלאַנד, און האָט ביי איר געפֿרעגט: „זאָגט מיר, מרס. פֿיגנער, איר האָט דאָך געהערט צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן?״ — „יאָ, חשובער לאָרד״, האָט זי געענטפֿערט. — „טאָ זאָגט מיר, דאָס איז דאָך געווען אַ פּאַרטיי פֿון טעראָר, האָט איר אויך אָנטייל גענומען אין די טעראָריסטישע אַקטן אָדער איר האָט נאָר דורכגעפֿירט די באַפֿעלן פֿון דער פּאַרטיי, און אין די פֿיזישע אַקטן זיך נישט באַטייליקט?״ פֿיגנער האָט אַרונטערגעלאָזן די אויגן און געענטפֿערט: „ניין, פֿיזיש האָב איך אין די טעראָריסטישע אַקטן ניט אָנטייל גענומען״.

נאָך דער פֿאַרזאַמלונג האָט זי געזאָגט אירע פֿריַינד: „דאָס איז געווען דער שענדלעכסטער ענטפֿער אין מיַין גאַנצן לעבן. איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געוויינט פֿון שאַנדע פֿאַר מיַין ליגן. די ענגלענדער האָבן „פֿיזישן״

קאַמף אין פּאָליטיק. איך האָב געוואָלט ראַטעווען דעם אָוונט און ניט פאַר־לירן דעם מיטגעפיל פון אַזוינע מענטשן ווי לאָרד מילנער, אָבער ווי שרעקלעך עס האָט מיך געפּלאָגט דאָס געוויסן. עס איז דאָך געווען גענוג צו זיין אַ מיטגליד פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", צו טראָגן די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר דער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי. אַלץ איינס צו אָנטייל נעמען פיזיש אָדער ניט צי נאָר העלפן".

אין יאָר 1907 האָט פיגנער זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און שפּעטער איז זי געווען איינע פון די דריי ריכטער וואָס האָט געמשפּט דעם פּראָוואָקאַטאָר, יונה אַזעף. (די אַנדערע צוויי ריכטער זיינען געווען פּיאָטר קראָפּאָטקין און הערמאַן לאָ־פּאַטין). ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין 1914, האָט פיגנער זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד. אויף דער גרענעץ איז זי אַרעסטירט געוואָרן און ווידער איינגעשפּאַרט געוואָרן אין טורמע, אָבער מען האָט זי אינ־גיכן באַפרייט. זי האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם פּאָליטישן „רויטן קרייץ", וואָס האָט געהאָלפן אַרעסטירטע און פאַרשיקטע רעוואָ־לוציאָנערן, און זי האָט אָנגעשריבן עטלעכע בענד פון אירע מעמואַרן.

5

ווען עס האָט אין פעברואַר 1917 אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, איז פיגנער געווען אין פּעטערבורג. זי האָט זיך באַטייליקט אין די גאַסן־דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבעטער און סטודענטן און האָט מיט אירע אייגענע אויגן געזען, ווי אַזוי די קאָזאַקן און סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגע־זאָגט צו שיסן אין די דעמאָנסטראַנטן און זיינען אַריבער אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערן. דעם 7טן אַפּריל, 1917 איז אין דעם גרעסטן פּע־טערבורגער טעאַטער פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזע פאַרזאַמלונג און קאָנצערט צו פייערן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע. דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט. אין די לאָזשעס פון טעאַטער זיינען געזעסן די דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער פון אַלע רעגירונגען. אַלעמענס אויגן זיינען אָבער געווענדט געווען אויף דער גרויסער קייזערלעכער לאָזשע אַנטקעגן דער בינע. אין דער דאָזיקער לאָזשע זיינען געווען דרייסיק אַלטע מענער און פרויען מיט אויסדרוקס־פולע, צאַרטע פּנימער. דאָרט זיינען געווען די אַלטע רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן צענדליקער יאָרן פאַרבראַכט אויף קאַטאָרגע, אין שליסלבורג און סיביר. צווישן זיי איז געווען אויך וועראַ פיגנער. דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער „מאַרסילעזע", דער גאַנצער טעאַטער האָט געשטו־רעמט פון אַפּלאָדיסמענטן און אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די רעוואָלוציע"!

דערנאָך האָט אַלעקסאַנדער קערענסקי, דער נייער יוסטיץ־מיניסטער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, געהאַלטן אַ באַגײַסטערטע רעדע. בעתן אַנטראַקט זיינען די אַמבאַסאַדאָרן פֿון פֿראַנקרייך, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער אַריינגעקומען אין דער לאָזשע פֿון די אַלטע רעוואָלוציאָנערן, זיי שטאַרק געדריקט די הענט, באַגריסנדיק זיי מיטן זיג פֿון דער רעוואָלוציע. נאָכן אַנטראַקט איז מיט אַמאָל געוואָרן זייער שטיל. אַ ציטער איז אַדורך איבערן גאַנצן זאַל, און אין אַ רגע אַרום איז אויסגעבראָכן אַ שטורעמ־דיקע אָוואַציע. לעבן דער בינע, אויפֿן פּלאַץ פֿון דיריגענט האָט זיך באַוויזן אַן עלטערע פֿרוי מיט גלאַט־פֿאַרקעמטע גרויע האָר, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ וואָלן קלייד מיט אַ ווייס שאַלכל אַרום האַלדז. דאָס איז געווען ווערע פֿיגנער. מיט אַ רואיקן טאָן, אָן וועלכן עס איז שאַרפֿן אויסדרוק אָדער אָנגעבלאָזנקייט האָט זי מזכיר געווען די אומציילִיקע אַרמיי פֿון די קעמפֿער און מאַרטירער וועלכע האָבן מקריב זייערע לעבנס אַז די רעוואָלוציע זאָל זיגן און אַז רוסלאַנד זאָל ווערן אַ פֿריי לאַנד, — די טויזנטער מענער און פֿרויען, וועלכע זיינען אומגעקומען אויף די עשאַפֿאָטן, אין די טורמעס, אויף קאַטאָרגע און אין סיביר.

דער געוועזענער פֿראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר אין פּעטערבורג, מאָריס פּאַלעאָלאָג וועלכער איז אָנוועזנד געווען אויף יענער פֿאַרזאַמלונג, שרייבט אין זיינע מעמואַרן אַז פֿיגנערס רעדע האָט אויף אַלעמען געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק. „אין אירע לעצטע פֿראַזן" — שרייבט ער — „האָט זיך געפֿילט אַזוי פֿיל אומעט, געהאָרכזאַמקייט און רחמנות וואָס איז גאָר אוממעגלעך איבערצוגעבן מיט ווערטער. דער טרויער־מאַרש וועלכן דער אָרקעסטער האָט אויפֿגעשפּילט גלייך נאָך דער רעדע איז געווען אַזוי ווי אַ פֿאָרזעצונג פֿון דער רעדע. די מערהייט פֿון די אָנוועזנדע האָבן געוויינט. עס איז געווען אַ זעלטענער מאָמענט".

6

אין קערענסקיס צייטן איז פֿיגנער געווען טעטיק אין דער פּאַרטיי סאָ־ציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, און זי איז אויך געוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פֿון דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן צעטריבן. נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט פֿיגנער זיך צוריקגעצויגן פֿון אַקטיווער פּאָליטישער טעטיקייט, זי איז אָבער געבליבן געטריי די איַ־דעאַלן פֿון דעם פֿרייהייטלעכן סאָציאַליזם. אין יאָר 1919, ווען די באָלשעווי־קעס האָבן אָרגאַניזירט די „געזעלשאַפֿט פֿון געוועזענע פּאָליטישע אַרעסטיר־טע און קאַטאָרזשניקעס" איז, פֿאַרשטייט זיך, צווישן די אַנדערע אַלטע

רעוואָלוציאָנערן אויך געווען ווערא פיגנער. די ערשטע פאַרזאַמלונג פון דער נייער געזעלשאַפט איז געווען געפּאַקט מיט אַ גרויסער מערהייט פון באָלשעוויקעס און לינקע עס־ערן. און זיי האָבן, דערוויילט אַלס פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט פעליקס דזערזשינסקין דעם הויפּט פון דער בלוטיקער „טשעקא", וועלכער איז פאַר דער רעוואָלוציע געווען אויף קאַטאָרגע. דזשערזשינסקי איז ביי יענער פאַרזאַמלונג ניט געווען. דעם פאָרזיץ האָט געפירט אַ געוועזענע לינקע עס־ערקע, וואָס האָט אויכעט מיטגעאַרבעט מיט די באָלשעוויקעס. איינער פון די אַלטע רעוואָלוציאָנערן האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אָן אַ דערלויבעניש פון דער פאָרזיצערין, זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע און געזאָגט: „חברים, איך שלאָג פאָר אַז מען זאָל שיקן אַ דעלעגאַציע צום חבר דזשערזשינסקי, אַז ער זאָל אַרויסלאָזן פון טורמע אונדזערע חברים וועלכע זיינען פריער געזעסן אין די צאַרישע טורמעס. זיי הונגערן דאָרט איצט. די געוועזענע קאַטאָרזשניקעס זיצן ווייטער אין די טורמעס".

מען האָט דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער ניט געלאָזט ריידן. פון אַלע זייטן האָט מען געשריען: „גענוג, גענוג"! דער אַלטער מאַן איז פאַרשוווּנדן אומבאַמערקט פון זאַל פונקט אַזוי ווי ער איז געקומען. די באַרימטע רוסישע פּובליציסטין און געזעלשאַפטלעכע טוערין, יעקאַטערינאַ קוסקאָוואַ, אַן אַלטע סאָציאַליסטקע וועלכע איז געווען באַפריינדעט מיט ווערא פיגנער און איז אויך אָנוועזנד געווען אויף יענער פאַרזאַמלונג, האָט שפּעטער געשריבן: „איך האָב אַ קוק געטאָן אויף ווערא פיגנער, זי איז געווען בלייך ווי דער טויט, האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזן איר קאָפּ. אין פאַרלויף פון דער פאַרזאַמלונג האָט זי גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט, אַז זי באַגריסט די נייע געזעלשאַפט מיט דער פולער און שטאַרקער זיכערקייט, אַז זי וועט שטיין ניט נאָר אויף דער וואַך פון דער רעוואָלוציע, נאָר אויך אויף דער וואַך פון יענע אידעאַלן פאַר וועלכע מיר האָבן געקעמפט אונטערן צאַרישן רעזשים".

די אָרגאַנזשירער פון דער פאַרזאַמלונג האָבן געמאָלדן, אַז די סאָוועטרעגירונג האָט פאַר דעם אָוונט־ברויט פון די געוועזענע פאַרשיקטע און קאַטערזשניקעס צוגעשיקט אַ סך טייערע פּראָדוקטן. קוסקאָוואַ איז אָבער אוועק פון אונדזערע פאַרציעס אוועקשיקן אין די טורמעס. דאָס איזעיאַאַטש אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ און האָט געזאָגט: „חברים, לאָמיר אַ טייל פון אונדזערע פּאָרציעס אוועקשיקן אין די טורמעס. דאָס איז נייטיק". די פאָרזיצערין פון דער פאַרזאַמלונג האָט איר איבערגעריסן און געזאָגט: „חברים דער הויפּט פון די טורמעס איז איצט אונדזער טייערער חבר דזשערזשינסקי און מיר דאַרפן אים ניט העלפן שפּייזן די אַרעסטירטע. פיגנער האָט זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ און געבעטן איר שכן דורכלאָזן איר גיין אהיים. עסן דאָרט האָט זי ניט געוואָלט....

ווען אב. קאהאן, דער רעדאקטאר פון „פאָרווערטס" איז אין 1927 געווען אין רוסלאנד און האָט באזוכט ווערא פיגנער אין דער היים פאר די אלטע רעוואָלוציאָנערן, האָט זי איינגעלאדן צו זיך אין צימער א פּאר פון אירע אַלטע חברים־נאַראָדאָוואָלצעס, און פאַרשטעלנדיק זיי פאר קאהאנען, האָט זי באמערקט: „ער איז איינער פון אונדזערע", און געגעבן דערמיט אָנצוהערן, אז פאר אים מעג מען ריידן אָפן וועגן אלץ.

אין יאָר 1934, ווען פיגנערס אלטער חבר פון דער „נאראָדנאיא וואָליא" און פון שליסלבורג, ניקאָלאַי מאָראָזאָוו, איז געוואָרן 80 יאָר, האָט זי וועגן אים געשריבן:

„דער ציל פון מאראָזאָווס לעבן, סיי אין דער וויסנשאפט, סיי אין פּאָליטיק, איז געווען צו זוכן דעם אמת און פריייהייט, די באפרייאונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט פון די קייטן פון דער נאטור, פון גוואלד, פון דעספּאָטיזם און עקספּלאָטאציע".

דאָס איז אויך געווען דער ציל פון ווערא פיגנערס גאנצן לעבן. די גרויסע פריייהייטס־קעמפערין און מארטירערין האָט ניט דערלעבט צו זען איר לעבנס־ציל פאַרווירקלעכט, אָבער איר נאָמען איז אויף אייביק איינגעקריצט אין דער געשיכטע צוזאמען מיט די נאָבלסטע אידעאליסטן און העלדישסטע קעמפער פאר פרייהייט, גלייכקייט, ברידערלעכקייט און מענטשלעכקייט.

הערמאַן לאָפּאַטין

(1919 — 1845)

הערמאַן לאָפּאַטין

(1919 — 1845)

1

אין אַ גראָען האַרבסטיקן נאָכמיטאָג איז אין דער אַמאָליקער רוסישער הויפּטשטאָט, אין פּעטערבורג, פֿאָרגעקומען אַ פּאַסירונג, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד. אויף דעם קאַזאַנער בריק האָבן צוויי שפּיאָנען זיך פּלוצלונג אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אַ שיינעם מאַן מיט אַ זייער אינטעליגענטן אויסזען, וועלכער איז נאָר־וואָס אַרויסגעקומען פֿון אַ דערבייאיקער באַנק און זיי האָבן אים אַרעסטירט. דער אַרעסטירטער האָט געהאַט ביי זיך עטלעכע בלעטלעך פֿון דינעם פּאַפּיר מיט פֿאַרשידענע אַדרעסן און נאָטיצן, וועלכע ער האָט ניט געוואָלט אַז זיי זאָלן אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי. האָט ער צוויי מאָל געמאַכט אַ פּרוּוו אַרויסצורייסן זיך פֿון די שפּיאָנען, כדי אַרונטערצושלינגען די בלעטלעך פּאַפּיר. דאָס איז אים אָבער ביידע מאָל ניט געלונגען. די שפּיאָנען האָבן אים פֿעסט געהאַלטן אין זייערע הענט. זיי האָבן אים שנעל אַרויפֿגעזעצט אויף אַ דראָזשקע און אַוועקגעפֿירט אין דער זשאַנדערמעריע. דאָרט האָט דער אַרעסטירטער נאָכאַמאָל זיך אַרויסגעריסן, האָט שנעל אַרויסגענומען פֿון קעשענע די בלעטלעך מיט די אַדרעסן און זיי אַריינגעלייגט אין מויל, כדי זיי אַרונטערצושלינגען. די שפּיאָנען און זשאַנדאַרן, וואָס זיינען דערביי געווען האָבן אים אָבער אַזוי צוזאַמענגעדריקט דעם האַלדז, אַז ער האָט פֿאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין און די בלעטלעך מיט די אַדרעסן זיינען אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי.

דאָס איז געשען דעם 6טן (18טן) אָקטאָבער פֿון יאָר 1884.

אין פֿאַרלויף פֿון אַ פּאָר וואָכן צייט האָבן די זשאַנדאַרן לויט די פֿאַרכאַפּטע אַדרעסן אַרעסטירט אין די פֿאַרשידענע טיילן פֿון רוסלאַנד נאָענט צו 500 פּערזאָן.

די אַרעסטירטע זיינען אָפּגעזעסן חדשים־לאַנג אין די טורמעס. אַ גרויסער טייל פֿון זיי איז דערנאָך פֿאַרשיקט געוואָרן אויף פֿיל יאָרן קיין סיביר און אייניקע אויף קאַטאָרגע.

דער מאַן, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אויפֿן בריק אין פּעטערבורג און ביי וועמען מען האָט אָט די אַלע אַדרעסן געפֿונען, איז געווען דער רעוואָלוציאָנער הערמאַן לאָפּאַטין, איינער פֿון די גרעסטע העלדן און מערקווירדיקסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פֿון אַלע לענדער האָט פֿון זיך ווען אַרויסגעגעבן.

לאָפּאַטינס אַרעסט אין פּעטערבורג האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע סענסאַציע ניט נאָר אין די אינטעליגענטע קרייזן פֿון רוסלאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. ווייל אַ חוץ דעם, וואָס לאָפּאַטין איז דעמאָלט געווען דער הויפּט־פֿירער פֿון דער באַרימטער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, מיט וועלכער עס האָט דאַן געקלונגען די גאַנצע וועלט, האָט ער נאָך פֿון פֿריער געהאַט געשלאָגן אַ רייכן רעוואָלוציאָנערן רעקאָרד פֿון געוואַגטע טאַטן, העלדישע אונטערנעמונגען, וואָס יעדע פֿון זיי קלינגט ווי אַ מעשה פֿון טויזנט און איין נאַכט.

הערמאַן, אָדער ווי די רוסן זאָגן, גערמאַן אַלעקסאַנדראָוויטש לאָפּאַטין, איז געבוירן געוואָרן דעם 13טן יאַנואַר, 1845 אין דער שטאָט ניזשני־נאָווגאָראָד אין אַ פֿאַמיליע פֿון רייכע רוסישע אַדעליקע. זיין טאַטע־מאַמע זיינען געווען געבילדעטע מענטשן און הערמאַן האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן צו זיי באַצויגן זייער גוט. מיט דער מאַמען פֿלעגט ער זיך רעגלמעסיק דורכשרייבן אַפֿילו דאַן, ווען ער איז שוין געווען אַן אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנער און האָט געוווינט אין רוסלאַנד אויף אַ פֿרעמדן פּאַספּאָרט. כדי די מאַמע זאָל זיך ניט אָפּעסן דאָס האַרץ און ניט ציטערן כסדר, אַז אָט־אָט וועט מען אים אַרעסטירן, פֿלעגט לאָפּאַטין, אַפֿילו זייענדיק אין רוסלאַנד, זיינע בריוו צו דער מאַמען פֿריער שיקן צו זיינעם אַ פֿריינד אין פּאַריז און יענער פֿלעגט עס איר איבערשיקן אין רוסלאַנד, אַזוי אַז זי איז געווען זיכער אַז הערמאַן געפֿינט זיך אין פּאַריז.

ווען לאָפּאַטין איז אַלט געוואָרן פֿינף יאָר, האָבן זיך זיינע עלטערן אַריבערגעצויגן פֿון נישזני־נאָווגאָראָד קיין סטאַוורָאָפּאָל, אויף קאַווקאַז, ווו זיין פֿאָטער האָט באַקומען אַ הויכע רעגירונגס־שטעלע. לאָפּאַטין האָט זיך געלערנט אין דער דאָרטיקער גימנאַזיע. אין יאָר 1862 האָט ער געענדיקט די גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל און איז אָנגעקומען אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט אויפֿן נאַטור־וויסנשאַפֿטלעכן פֿאַקולטעט. אין פּעטערבורגער אוניווערזיטעט האָט לאָפּאַטין זיך באַפֿריינדט מיט אַ סטודענט, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פֿון אַ רעוואָלוציאָנערן קרייזל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פֿון איינעם אישוטין. אישוטין האָט זיך באַמיט אַריינצוציען לאָפּאַ־

טינען אין זיין קרייזל. די מיטגלידער פון דעם קרייזל האָבן געפּלאַנעוועט צו דערהרגענען דעם קיסר.

לאָפּאַטין האָט זיין פריינד דערקלערט, אַז אַזוי ווי אין רוסלאַנד איז קיין שטאַרקע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי ניטאָ, וועט קיין גוטס ניט אַרויס־קומען פון דעם, וואָס מען וועט דערמאָרדן דעם קיסר. דאָס וועט בלויז נאָך מער פאַרשטאַרקן די רעאַקציע אין לאַנד. און ער האָט זיך דעריבער אָפּגע־זאָגט אַריינצוטרעטן אין דעם רעוואָלוציאָנערן קרייזל. ער איז אָבער געווען באַפריינדט מיט די מערסטע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע און האָט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן זיי געהאָלפן מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט.

צוליב זיין פריילעכן כאַראַקטער און זיין שטענדיקן וויצלען זיך איבער אַלץ און אַלעמען, האָבן די פירער פון דעם רעוואָלוציאָנערן קרייזל לאָפּאַטי־נען געהאַלטן פאַר אַ „לייכטזיניקן”. זיי האָבן דעריבער אויסגעמיטן צו ריידן מיט אים וועגן די איינצלהייטן פון זייערע פּלענער צו דערהרגענען דעם קיסר. ער האָט אָבער געוווּסט וועגן זיי.

דעם 13טן מאַי, 1866 האָט מען לאָפּאַטינען אויך אַרעסטירט און איינגע־שפּאַרט אין דער פּעטראָפּאַוולאָסקער פעסטונג. מען האָט אים באַשולדיקט אין דעם, אַז ער האָט געפירט באַקאַנטשאַפט מיט אייניקע מיטגלידער פון רע־וואָלוציאָנערן קרייזל. לאָפּאַטין האָט זיך אָבער אַזוי קונציק געהאַלטן ביים פאַרהער, אַז די זשאַנדאַרן האָבן פון אים גאָרניט געקענט אויספאָרשן.

אַרויסגייענדיק פון טורמע, האָט לאָפּאַטין זיך גענומען פליסיק שטודירן און אין יאָר 1866 האָט ער געענדיקט דעם אוניווערזיטעט מיט אויסצייכע־נונגען. מען האָט אים פאָרגעלייגט צו פאַרבלייבן ביים אוניווערזיטעט און ווערן מיט דער צייט אַ פּראָפעסאָר. די קאַריערע פון אַ קאַבינעט־מענטש האָט אָבער צו אים ניט אַפּעלירט און ער האָט דעריבער דעם פאָרשלאָג ניט אָנגענומען.

אין יאָר 1867 האָט לאָפּאַטין איבערגעלייענט אין אַ צייטונג אַ טעלע־גראַמע, אַז דער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנערער גענעראַל דזשוזעפּע גאַ־ריבאַלדי איז אַנטלאָפן פון דעם אינדזל קאַפּרי, וווּהין די איטאַליענישע רע־גירונג האָט אים אויף דער פאָדערונג פון דעם רוימישן פּויפּסט פאַרשיקט און אַז ער זאַמלט זיינע אָנהענגער און קלייבט זיך מיט זיי צו מאַרשירן אויף רוים. ווען לאָפּאַטין האָט אין פּעטערבורג איבערגעלייענט די דאָזיקע נייעס איז ער דעם זעלבן טאָג, אָן אַ פּאַספּאָרט, אַוועקגעפלויגן קיין איטאַליע. באַטייליקן זיך אָבער אין די שלאַכטן איז אים ניט באַשערט געווען. נאָך איידער ער איז אָנגעקומען קיין איטאַליע, איז גאַריבאַלדי מיט זיין אַרמיי באַזיגט געוואָרן פון די פראַנצויזישע סאָלדאַטן און אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן די סאָלדאַטן פון דער איטאַליענישער רעגירונג אַנטוואָפנט גאַ־

ריבאַלדיס גאַנצע אַרמיי און אים אַליין האָבן זיי גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט און פֿאַרשפּאַרט אין אַ פֿעסטונג.

דאָס איז געשען דעם 11טן נאָוועמבער, 1867. מיט אַ שווערן געמיט איז לאַפּאַטין, אַ מידער און אַ הונגעריקער, אַריינגעפֿאַלן אין אַן איטאַליעניש שענק אין אַ דערפֿל ניט ווייט פֿון ניצא. קיין געלט האָט ער ביי זיך שוין מער ניט געהאַט. געקליידט איז ער אויך געווען זייער אָרעם. האָט די באַלעבאָסטע פֿון שענק זיך אָפּגעזאָגט צו לאָזן אים דאָרט איבערנעכטיקן. זי האָט אים אָבער דערלויבט אָפּצורוען זיך און צוביסן. אַרום אַלע טישן אין שענק זיינען געזעסן איטאַליענער און האָבן געשמועסט וועגן גאַריבאַלדין. ער איז שוין דאַן געווען אַן אַרעסטאַנט. האָבן די אָנהענגער פֿון דער רעגירונג געמאַכט פֿון אים אַש און בלאָטע. גאַריבאַלדיס פֿאַרערער זיינען געזעסן פֿאַראומערטע און האָבן מערסטנס געשוויגן. לאַפּאַטין האָט ניט אויסגעהאַלטן און האָט אויף אַ געבראָכענעם איטאַליעניש, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט פֿראַנצויזישע און לאַטיינישע פֿראַזן, געהאַלטן אַ פֿלאַמענדיקע רעדע, אין וועלכער ער האָט שטאַרק פֿאַרטיידיקט דעם רעוואָלוציאָנערן גענעראַל. די רעדע איז אונטער די דעמאָלטיקע אומשטענדן געווען זייער ניט קיין דיפּלאָמאַטישע. ער האָט ריזיקירט גלייך אַרעסטירט צו ווערן פֿאַר דער רעדע. ער האָט זיך אָבער פֿאַר דעם ניט אָפּגעשראָקן. און די רעדע האָט געהאַט אַ ווירקונג: גאַריבאַלדיס קעגנער זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. די איטאַליענישע פּאַטריאָטן, גאַריבאַלדיס פֿאַרערער, האָבן אויך געשוויגן. זייערע אויגן אָבער האָבן געפֿינקלט פֿאַר פֿרייד. ווען דער עולם האָט זיך שפּעט אין אָוונט גענומען פֿאַנאַנדערגיין, איז די באַלעבאָסטע פֿון שענק צוגעקומען צו לאַפּאַטינען און האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

„עס איז שוין שפּעט, אויסלענדער, איר קאָנט דאָ בלייבן נעכטיקן, דאָס וועט אונדז ניט שטערן".

לאַפּאַטין האָט איבערגענעכטיקט אין שענק, איז אויף מאָרגן אינדערפֿרי אַוועק קיין ניצא און פֿון דאָרט האָט ער זיך אינגיכן צוריק אומגעקערט קיין פּעטערבורג. זיין מערקווירדיקע רעוואָלוציאָנערע קאַריערע הייבט זיך ערשט אָן.

2

אין פּעטערבורג האָט לאַפּאַטין, באַלד נאָך זיין צוריקקומען פֿון איטאַליע, צוזאַמען מיט אַ צווייטן שפּעטער באַרימט געוואָרענעם רעוואָלוציאָנער, פֿעליקס וואָלכאָווסקי, געגרינדעט אַ נייע אָרגאַניזאַציע, וואָס איר אָפֿיציעלער צוועק איז געווען צו פֿאַראייניקן די געבילדעטע יונגעלייט, וועלכע ווילן לערנען די קינדער פֿון די פּויערים לייענען און שרייבן. לאַ-

פּאַטין האָט געפּילט, אַז די רעוואָלוציאָנערע יוגנט איז אייגנטלעך זייער ווייניק באַקאַנט מיטן רוסישן לעבן און אַז די פֿאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע טעאָריעס, וואָס האָבן דעמאָלט באַהערשט די מוחות פֿון דעם ראַדיקאַלן יונגן דור, זיינען זייער ווייט פֿון דעםווירקלעכן לעבן. די יונגע ענטוזיאַסטן האָבן געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף וועגן דעם פֿאָלק, וואָס האָט פֿאַרנומען דאָס הויפּטאָרט אין זייערע פּלענער וועגן איבערבויען דאָס רוסישע לעבן אויף נייע יסודות. דעריבער האָט לאָפּאַטין זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע צו אָרגאַניזירן אַזאַ גרופּע מענטשן, וואָס זאָל שטודירן און אויספֿאָרשן דאָס לעבן פֿון רוסישן פֿאָלק ניט בלויז דורך ביכער, נאָר דורך קומען אין טאָג־טעגלעכער באַרירונג מיט די פּויערים־מאַסן.

די מיטגלידער פֿון דער ניי־געגרינדעטער אָרגאַניזאַציע האָבן געזאָלט ווערן וואַנדערנדיקע דאָרף־לערער. זייער הויפּטאַרבעט איז געווען צו לערנען די קינדער פֿון די פּויערים לייענען און שרייבן. אין דער פֿרייער צייט אָבער האָבן זיי געזאָלט שמועסן מיט די דערוואַקסענע פּויערים וועגן פֿאַרשידענע היסטאָרישע און פּאָליטישע פֿראַגן און געבן זיי צו לייענען לעגאַלע ביכער, געשריבן אין אַ פּאָפּולערער שפּראַך, וואָס זאָלן ספּעציעל אַרויסגעגעבן ווערן פֿאַר דעם צוועק פֿון דער אָרגאַניזאַציע.

פֿאַר איין וועגס האָבן די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע שוין געזאָלט אויך אויספֿאָרשן די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע פֿון די פּויערים אין די פֿאַרשידענע טיילן פֿון לאַנד.

דער פּלאַן איז געווען זייער אַ גוטער. לאָפּאַטין און וואָלכאָווסקי האָבן אָבער ניט גענומען אין אַכט ווי אַזוי די רעגירונג וועט קוקן אויף דעם. לאָפּאַטין איז געווען איבערצייגט, אַז אַזאַ סאָרט אַרבעט איז אייגנטלעך גאָר ניט שעדלעך פֿאַר דער רעגירונג, דעריבער וועט די פּאָליציי ניט מאַכן קיין שום שטערונגען די וואַנדערנדיקע לערער צו פֿאַרשפּרייטן אייניקע בילדונג און אויפֿקלערונג צווישן די פּויערים. ער האָט אָבער אַ גרויסן טעות געמאַכט.

אין פֿרילינג פֿון יאָר 1868 האָט די רעגירונג איבערגעכאַפּט לאָפּאַטינס בריוו צו וואָלכאָווסקין. פֿון דעם בריוו האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פֿון דער „געפּערלעכער" געזעלשאַפֿט און זי האָט אַרעסטירט לאָפּאַטינען צוזאַמען מיט אַנדערע מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע. מען האָט אים ווידער פֿאַרשפּאַרט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג. דאָס מאָל איז ער שוין אָפּגעזעסן גאַנצע 8 מאָנאַטן. דערנאָך האָט מען אים אַרויסגעשיקט קיין סטאַווראָפּאָל אויף קאַווקאַז ווו זיין טאַטע האָט דעמאָלט פֿאַרנומען אַ הויכע רעגירונגס־שטעלע. מען האָט אים אָבער ניט סתם פֿאַרשיקט, נאָר באַשטימט אַלס באַאַמטן אין רשות פֿון דעם

דאָרטיקן גובערנאַטאָר אָן געהאַלט, ביז וואַנען עס וועט זיך „עפֿענען אַ וואַקאַנסיע מיט געהאַלט". (אַזוי האָט געלויטעט דער אורטייל פֿון דעם מיניסטער).

אַ יאָר צייט איז לאָפּאַטין געווען אַ טשינאָווניק (אַ מלוכה באַאַמטער) ביים סטאַווראָפּאָלער גובערנאַטאָר און דאָס האָט אים שפּעטער ביי פֿאַר־שידענע אַרעסטן און פּאָליציי־פֿאַרהערן געגעבן די מעגלעכקייט צו רופֿן זיך מיטן אָפֿיציעלן טיטול, וואָס ער האָט באַקומען אַלס טשינאָווניק אין סטאַווראָפּאָל.

אין אַ בריוו צו אַ פֿריינד אין פּעטערבורג האָט לאָפּאַטין זיך באַקלאָגט, אַז ער ווערט אין סטאַווראָפּאָל איינפֿאַך דערשטיקט. און ער האָט פֿאַר דעם פֿריינד אויסגעלייגט דעם גאַנצן פּלאַן, ווי אַזוי ער קלייבט זיך אין אַ קורצער צייט אַרום צו אַנטלויפֿן פֿון סטאַווראָפּאָל.

אין נאָוועמבער 1869 האָט מען זיין פֿריינד אין פּעטערבורג אַרעס־טירט, און צווישן די פּאַפּירן, וואָס מען האָט ביי אים געפֿונען, איז אויך געווען לאָפּאַטינס בריוו, וואָס זיין פֿריינד האָט ניט באַוויזן צו פֿאַרניכטן. די באַרימטע „דריטע אָפּטיילונג" פֿון דער געהיים־פּאָליציי, וועלכע איז שפּעטער רעאָרגאַניזירט געוואָרן אַלס „אָכראַנע", האָט טעלעגראַפֿירט קיין סטאַווראָפּאָל, אַז מען זאָל ביי לאָפּאַטינען גלייך מאַכן אַ שטרענגע רעוויזיע און אים אַרעסטירן.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט מען לאָפּאַטינען אַרעסטירט און אַריינגע־זעצט אויף דער סטאַווראָפּאָלער הויפּט־וואַכט (אַ טורמע אַזאַ פֿאַר טשינאָוו־ניקעס און אָפֿיצערן). דעם ערשטן יאַנואַר, 1870 האָט מען לאָפּאַטינען גענומען אויף אַ פֿאַרהער. ער האָט זיך געהאַלטן מיט גרויס טאַקט און ווירדע. היטן די אַרעסטירטע אויף דער הויפּט־וואַכט פֿלעגן אָפֿיצערן, וואָס האָבן זיך יעדן טאָג געביטן. אַנטלויפֿן פֿון דער הויפּט־וואַכט איז געווען ניט שווער. לאָפּאַטין אָבער האָט געוווּסט אַז ווען ער זאָל אַנטלויפֿן, וועט דערפֿון ליידן פֿריער פֿאַר אַלץ דער אָפֿיצער וואָס וועט זיך דעם טאָג געפֿינען אויף דער וואַך. און ער האָט בשום אופֿן ניט געוואָלט אַז דורך אים זאָל אַן אומשולדיקער מענטש ליידן. האָט ער דעריבער אָפּגעוואַרט ביז וואַנען דער נאַטשאַלניק פֿון דער וואַך איז געווען דער ערגסטער אָפֿיצער, וועלכער איז פֿון אַלעמען געווען פֿאַרהאַסט, און יענעם טאָג איז ער אַנטלאָפֿן. מיט גרויסע שוועריקייטן איז לאָפּאַטין דעם 6טן יאַנואַר, 1870 ענדלעך אָנ־געקומען קיין פּעטערבורג. זיין פּלאַן איז געווען צו קריגן אין פּעטערבורג אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט אויף אַ פֿאַלשן נאָמען און פֿון דאָרט וואָס שנעלער אַוועקפֿאָרן קיין אויסלאַנד. אָבער אין פּעטערבורג האָט ער זיך פֿון זיינעם אַ פֿריינדס פֿרוי דערוווּסט, אַז איר פֿאָטער, אַ באַוווּסטער פּראָ־פֿעסאָר פֿון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, וועלכער איז פֿאַר געהערן צו

ס אָ צ י אַ ל ע ד ע נ ק ע ר א ו ן ק ע מ פּ ע ר

איינעם פון די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פאַרשיקט געוואָרן אין אַ פאַר־וואָרפן שטעטל אין ווייטן קאַלטן צפון־רוסלאַנד, איז גרייט פון דאָרט צו אַנטלויפן, נאָר ער קען עס איינער אַליין ניט דורכפירן דערפאַר, וואָס ער איז זייער אַ קורצזיכטיקער, האָט לאָפּאַטין גלייך באַשלאָסן צו פאָרן העלפן אַנטלויפן דעם פאַרשיקטן פּראָפעסאָר. דער דאָזיקער פּראָפעסאָר איז געווען דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער גרויסער סאָציאַליסטישער דענקער און פרייהייט־קעמפער, פּיאָטר לאַווראָוו.

ווען לאָפּאַטין איז אַנטלאָפן פון סטאַווראָפּאָל קיין פּעטערבורג און ער האָט זיך דערוווּסט, אַז שוין מער ווי אַ יאָר צייט ווי לאַווראָוו קלייבט זיך צו אַנטלויפן פון פאַרשיקונג, נאָר ער קען עס אַליין ניט טאָן, האָט ער גלייך באַשלאָסן צו פאָרן קיין קאַרניקאָוו העלפן לאַווראָוון דורכצופירן זיין פּלאַן.

דעם 27טן פעברואַר, 1870 האָט לאָפּאַטין געבראַכט לאַווראָוון קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט ער אים איבערגעגעבן דעם פאַלשן אויסלענדישן פּאַספּאָרט, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט פאַר זיך, און מיט דעם פּאַס־פּאָרט איז לאַווראָוו באַלד אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, וווּ ער האָט געטראָפן זיין פרוי, וועלכע איז שוין מיט אַ צייט פריער אַהין געקומען. באַלד נאָכדעם איז לאָפּאַטין אויך אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד.

פון רוסלאַנד איז לאָפּאַטין גלייך אַוועקגעפאָרן קיין שווייץ. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן אי מיט באַקונינען, אי מיט ניעטשאַיעוון. באַקונין האָט אויף אים, ווי אויף פיל אַנדערע, געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. מיט ניעטשאַיעוון אָבער איז די באַגעגעניש געווען אַ גאַנץ קאַלטע. לאָפּאַטין האָט ניט געהאַט קיין סימפּאַטיע פאַר אַזוינע רעוואָלוציאָנערן ביי וועמען דער צוועק הייליקט די מיטלען. פון לאָפּאַטינען האָבן באַקונין און די אַנדע־רע רעוואָלוציאָנערן־עמיגראַנטן זיך דערוווּסט דעם אמת וועגן ניעטשאַיעוון.

לאָפּאַטין איז באַלד אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז. אין פּאַריז האָט ער זיך ווידער געטראָפן מיט זיין פריינד פּיאָטר לאַווראָוו, וועלכער האָט שוין דאַן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן. אין אויסלאַנד האָט לאַווראָוו צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט דער עקאָנאָמישער לערע פון קאַרל מאַרקס און איז געוואָרן מאַרקס אַן אָנהענגער.

נאָך אין יאָר 1870 האָט לאָפּאַטין, זייענדיק אין פּאַריז, זיך אָנגעשלאָסן אין דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און איז געוואָרן אַ מיט־גליד פון איינער פון די פּאַריזער סעקציעס פון אינטערנאַציאָנאַל. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט פּאָל לאַפּאַרג, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון קאַרל מאַרקס. ווען לאָפּאַטין איז געפאָרן קיין לאָנדאָן, האָט לאַפּאַרג אים געבעטן איבערגעבן אַ געוויסן בוך דער מאַרקס־פאַמיליע. אַזוי איז לאָ־פּאַטין באַקאַנט געוואָרן מיט מאַרקסן אַליין און מיט זיין גאַנצער פאַמיליע.

שוין גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט לאָפּאַטין סיי אויף קאַרל מאַרקסן אַליין און סיי אויף זיין פרוי און זיינע טעכטער געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. אַ גאַנצן טאָג האָט לאָפּאַטין פאַרבראַכט ביי מאַרקסן אין הויז און פון דאַן אָן איז ער געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער דאָרט און איז שטאַרק באַפריינדט געוואָרן מיט דער גאַנצער פאַמיליע.

נאָך אַלס סטודענט פון פעטערבורגער אוניווערזיטעט האָט לאָפּאַטין געהערט צו אַ קרייזל, אין וועלכן מ'האָט שטודירט סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פראַגן. צום ערשטן מאָל האָט ער מאַרקסעס נאָמען געטראָפן אין פערדינאַנד לאַסאַלס אַ ביכל. לאַסאַל רופט דאָרט מאַרקסן אָן „אונדזער לערער". לאָפּאַטין און זיינע הברים האָבן דעריבער גלייך אויסגעשריבן פון דייטשלאַנד פריער קאַרל מאַרקסעס בוך „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע" און דערנאָך דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל". און ווען דער שיקזאַל האָט אין עטלעכע יאָר אַרום פאַרוואָרפן לאָפּאַטינען אין אויסלאַנד, האָט ער באַשלאָסן צו נעמען זיך צו אַט דער אַרבעט פון איבערזעצן דעם ערשטן באַנד פון מאַרקסעס „קאַפּיטאַל" אויף רוסיש.

ווען לאָפּאַטין איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו מאַרקסן אין לאָנדאָן, איז ער געווען נאָך אַ יונגער בחור פון 25 יאָר. קאַרל מאַרקס איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 52 יאָר. מאַרקס האָט אין אַלגעמיין קיין גרויס צוטרוי צו די רוסישע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן פון יענער צייט ניט געהאַט. אין אַ בריוו צו זיין פריינד קוגעלמאַן האָט מאַרקס אין יאָר 1872 געשריבן:

„די רוסישע אַריסטאָקראַטיע שטודירט אין דער יוגנט אין דייטשע אוניווערזיטעטן און אין פּאַריז. זי כאַפּט זיך שטענדיק אָן פאַר די עקסטרעמסטע אידייען, וואָס אַנטשטייען אין אייראָפּע. דאָס שטערט אָבער ניט די זעלביקע רוסן, אַזוי שנעל ווי זיי ווערן נאָר רעגירונגס־באַאַמטע, פאַרוואַנדלט צו ווערן אין לומפּן".

דער יונגער 25־יאָריקער הערמאַן לאָפּאַטין האָט אָבער גלייך ביי זיין ערשטן וויזיט געמאַכט אַ גאַנץ אַנדערן איינדרוק אויף מאַרקסן און אויף זיין גאַנצער פאַמיליע. מאַרקס אַליין האָט געזאָגט לאַווראָוון אַז ער האָט זעלטן געטראָפן אַ מענטשן מיט אַזאַ טיפן מוח ווי לאָפּאַטין און אַז קיינער האָט אַזוי גוט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער, מאַרקס, האָט געזוכט דורכצופירן אין זיין „קאַפּיטאַל", ווי לאָפּאַטין. „און מאַרקס", באַמערקט דערביי לאַוראָוו, „האָט, ווי באַוווּסט, געשטעלט זייער הויכע פאָדערונגען צו די מענטשן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך באַפריינדן"

לאָפּאַטין האָט געליינט פריי אויף פיל שפּראַכן. ריידן אָבער אויף די דאָזיקע שפּראַכן האָט ער דאַן ניט גוט געקענט, מחמת ער האָט די אַלע שפּראַכן אויסגעלערנט אין רוסלאַנד פון ביכער און האָט ניט געהאַט די

מעגלעכקייט צו פּראַקטיצירן. דעריבער האָט ער די ערשטע צייט זיך קוים געקענט ווי געהעריק איז צוזאַמענרעדן מיט מאַרקסן און די אַנדערע מיטגלידער פון זיין פאַמיליע. דאָך ניט קוקנדיק אויף דעם, איז לאַפּאַטין שטענדיק געווען אַ גוטער טייערער גאַסט ביי די יונגע מיטגלידער פון דער מאַרקס־פאַמיליע, מיט וועלכע ער פלעגט איין טאָג שמועסן איבער די סאַמע ערנסטע פּאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע פראַגן און אַ צווייטן טאָג לוסטיק מאַכן זיך און שפּאַסן אָן אַן אויפהער. זייער אָפט פלעגט קאַרל מאַרקס נעמען לאַפּאַטינען אויף אַ נאָכמיטאָג־שפּאַציר. זיי פלעגן שעהען לאַנג וואַנדערן איבער די ווייטסטע גאַסן פון לאָנדאָן און פלעגן נישט אויפהערן צו שמועסן. זיי פלעגן רעדן פון אַלץ אין דער וועלט. וועגן דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און קולטור, וועגן פּאָליטיק, און זייער אָפט פלעגט מען זיך דערציילן אַנעקדאָטן און אַמאָל טאַקע פאַרשידע־נע „פּליאָטקעס" אויך.

מאַרקס, האָט מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער דערציילט, אַז לאַפּאַטין האָט אַלץ געוווסט און ער האָט אויך געקענט גוט דערציילן. זיין באַקאַנט־שאַפט מיט די פּאַסירונגען און פּערזאָנען פון זיין אייגענער צייט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. מאַרקס האָט גוט געקענט אַרום צוואַנציק שפּראַכן. ווען לאַפּאַטין פלעגט ניט אַלעמאָל קענען אויסדריקן קלאָר זיין געדאַנק אויף דייטש, פראַנצויזיש אָדער ענגליש, פלעגט אים מאַרקס דאַן אַרויס־העלפן. איין מאָל אין אַזאַ מאָמענט האָט זיך מאַרקס אָפּגעשטעלט און ווי אַ שטאַרק צופרידענער פון דעם גליקלעכן געדאַנק וואָס אים איז איינגע־פאַלן אין קאָפּ, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— איר ווייסט וואָס, רעדט גאָר אויף לאַטייניש. — דאָס איז בעסער פון אַלץ.

באַלד נאָך זיין אָנקומען אין לאָנדאָן האָט לאַפּאַטין זיך אָנגעזעצט אַרבעטן אויף דער איבערזעצונג פון דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל". ער האָט ניט סתם איבערזעצט מאַרקסן, נאָר ער האָט אויך פאַרגליכן אַלע ציפערן און פאַקטן, וועלכע מאַרקס ברענגט, מיט די אָריגינאַלן, פון וועלכע מאַרקס האָט די דאָזיקע ציפער־ן און פאַקטן גענומען. פאַר דעם צוועק פלעגט ער אָפּזיצן גאַנצע טעג און וואָכן אין בריטישן מוזעאום, ווו ער האָט דורכגעשטודירט אַלע פאַרפאַסער, וועלכע מאַרקס ציטירט. דער ערשטן קאַפּיטל פון „קאַפּיטאַל", וואָס איז דער סאַמע שווערסטער, איז לאַפּאַטי־נען אָנגעקומען זייער שווער צו איבערזעצן אויף רוסיש. ער האָט אָנגעוויזן מאַרקסן, אַז מען דאַרף דעם קאַפּיטל אינגאַנצן איבעראַרבעטן, כדי די רוסישע לעזער זאָלן אים קענען פאַרשטיין.

עדוואַרד בערנשטיין דערציילט, אַז מאַרקס האָט דורכאויס איינגעשטימט מיט לאַפּאַטינען. ער האָט געראַטן לאַפּאַטינען אָנצוהייבן איבערזעצן פון

דעם דריטן קאַפּיטל אָן און האָט פֿאַרשפּראָכן די ערשטע צוויי קאַפּיטלען אין גאַנצן איבערצואַרבעטן. (ער האָט עס טאַקע מיט יאָרן שפּעטער געטאָן און אין דער פֿראַנצויזישער איבערזעצונג זיינען די ערשטע צוויי קאַפּיטלען איבערגעאַנדערשט געוואָרן). זייער אָפּט פֿלעגט מאַרקס אויף דעם גרונט פֿון לאַפֿאַטינס באַמערקונגען מאַכן געוויסע ענדערונגען אָדער צוגעבן נייע פֿאַקטן און ציפֿערן, וואָס זיינען ניט געווען אין דער אָריגינעלער דייטשער אויסגאַבע. ביי איניקע פֿלעצער האָט לאַפֿאַטין געמאַכט באַמערקונגען, אַז דער אָדער יענער געדאַנק איז ניט קלאָר, אַז דער אָדער יענער אויסדרוק קען פֿון די לעזער פֿאַלש אויסגעטייטשט ווערן און מאַרקס האָט אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבן געמאַכט געוויסע ענדערונגען אין די דאָזיקע פֿלעצער.

די אַרבעט אויף דער איבערזעצונג פֿון „קאַפּיטאַל" האָט נאָך מער באַפֿריינדט לאַפֿאַטינען מיט מאַרקסן. איין מאָל, דערציילט לאַפֿאַטין, האָט ער, שמועסנדיק אַזוי מיט מאַרקסן, אים אָנגעוויזן, אַז אַ געוויסע פֿראַגע וואָס מאַרקס באַרירט אין ערשטן באַנד פֿון „קאַפּיטאַל", איז ווייט ניט אויסגעשעפּט און ער האָט געשטעלט אַ ריי פֿראַגן. מאַרקס האָט אָנגעשטעלט זיין מאָנאָקל אויף דעם רעכטן אויג און האָט מיט אַ שמייכל, קוקנדיק זיין יונגן פֿריינד גלייך אין די אויגן אַריין, אַ פֿרעג געטאָן

— און ווי אַזוי דענקט איר דאַרף מען גרינטלעכער דערקלערן די דאָזיקע פֿראַגע?

לאַפֿאַטין האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

— נו, דאָס אַלץ וועט איר געפֿינען אין צווייטן באַנד... (מאַרקס האָט דאַן געהאַלטן אין שרייבן דעם צווייטן באַנד פֿון „קאַפּיטאַל").

ריידנדיק מיט לאַפֿאַטינען וועגן זיין „קאַריערע" אין דייטשלאַנד, האָט מאַרקס זיך פֿאַר אים ניט איינמאָל געקלאָגט אויף דעם, וואָס די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטן האָבן אין גאַנצן פֿאַרשוויגן זיין ווערק. — איר ווייסט וואָס פֿאַר אַ קאַפּיטאַל איך האָב אָנגעלעבט פֿון מיין „קאַפּיטאַל"? — האָט מאַרקס איינמאָל געפֿרעגט ביי לאַפֿאַטינען. — אַנו טרעפֿט!...

און ער האָט צוזאַמענגערעכנט די אַלע הכנסות פֿון ערשטן באַנד:

— פּונקט 85 מאַרק!...

צו יענער צייט האָט מאַרקס זיך שוין אויסגעלערנט די רוסישע שפּראַך. ער האָט זיך באַקענט מיט טשערנישעווסקיס ווערק און איז געוואָרן זיינער אַ פֿאַרערער. לאַפֿאַטין אַליין האָט גרינטלעך דורכגעשטודירט טשערנישעווסקיס ווערק און טעטיקייט. דער גרויסער רוסישער דענקער און סאָציאַליסט האָט דעמאָלט געשמאַכט אין אַ פֿאַרוואָרפֿן דערפֿל אין ווייטן קאַלטן סיביר, אָפּגעריסן פֿון דער גאַנצער וועלט. צווישן די רוסישע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן האָט געהערשט אַ פֿולשטענדיקער מיש־מאַש. זיי זיינען

געווען צעטיילט אין פאַרשידענע גרופּן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומרייסן איינע מיט די אַנדערע. לאַפּאַטין האָט געדענקט, אַז דער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע פעלט בלויז אַן אויטאָריטאַטיווער פירער, צו וועלכן אַלע זאָלן האָבן דעם פולסטן צוטרוי. אונטער זיין איינפלוס וועלן די אַלע רייסערייען פאַרשווינדן און די רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן וועלן קענען שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דעם רוסישן פרייהייטס־קאַמף. אַזאַ אויטאָריטאַטיווער פירער האָט דעמאָלט געקענט זיין נאָר טשערנישעווסקי, וועמען די גאַנצע רוסישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ האָט פּשוט פאַרגע־טערט. לאַפּאַטינען איז דעריבער, באַלד ווי ער איז געקומען אין אויסלאַנד און זיך באַקענט מיט דער לאַגע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער עמיגראַציע איינגעפאַלן, אַז עס וואָלט געווען אַ גליק, ווען מען קען טשערנישעווסקין באַפרייען פון סיביר און ברענגען אים אין אויסלאַנד.

אונטער דעם איינפלוס אָבער פון זיינע געשפּרעכן וועגן טשערנישעוו־סקין מיט קאַרל מאַרקסן, האָט לאַפּאַטין ביי זיך פעסט באַשלאָסן אַליין צו פאָרן קיין סיביר און אַרויספירן פון דאָרט טשערנישעווסקין, פּונקט ווי ער האָט מיט אַ יאָר פריער אַרויסגעפירט פון וואָלאָגדער גובערניע דעם פאַרשיקטן פּיאָטר לאַווראָוו.

ער האָט די איבערזעצונג פון „קאַפּיטאַל" אוועקגעוואָרפן אין מיטן. (ער האָט באַוויזן צו איבערזעצן נאָר אַ דריטל פון דעם ערשטן באַנד) און ניט דערציילנדיק קיינעם וועגן זיינע פּלענער, איז ער סוף יאָר 1870 צוריק אוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

.4

„אוועקפאָרנדיק פון לאָנדאָן", — שרייבט לאַפּאַטין — האָב איך קיינעם ניט געזאָגט וווּהין איך פאָר. בלויז פינף מענטשן אין פּעטערבורג, פון וועמען איך האָב באַקומען דאָס געלט און עליפּידין (אַ באַוווסטער רוסי־שער רעוואָלוציאָנער עמיגראַנט וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אין זשע־נעווע — ד. ש.) האָבן געוווּסט וווּהין איך פאָר. איך האָב וועגן מיין פּלאַן ניט דערציילט אַפילו מאַרקסן, ניט קוקנדיק אויף אונדזער פריינד־שאַפט און אויף מיין גאַנצע ליבע און אַכטונג צו דעם מענטשן. איך האָב עס אים ניט דערציילט דערפאַר, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט עס האַלטן פאַר אַ פּשוטער משוגעת פון מיין זייט און וועט זוכן מיר אָפּצורייסן פון דעם פּלאַן, און איך האָב ניט ליב אָפּצוזאָגן זיך פון אַן אונטערנעמונג, וואָס איך האָב איינמאָל באַשלאָסן דורכצופירן".

לאָפּאַטין איז פֿון לאָנדאָן אַוועקגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט ער באַקומען אַלץ, וואָס ער האָט נייטיק געהאַט פֿאַר דער רייזע קיין סיביר. אין לאָנדאָן האָט ער אַפֿילו ניט געוווּסט גענוי ווו טשערנישעווסקי געפֿינט זיך. ערשט אין פּעטערבורג האָט ער זיך דערוווּסט, אַז נאָכדעם ווי טשערנישעווסקי איז אָפּגעווען דעם טערמין אויף קאַטאָרגע, האָט מען אים פֿאַרשיקט אין פֿאַרוואָרפֿענעם טויטן שטעטל ווילויסק, אין צפֿון־סיביר.

סוף 1870 איז לאָפּאַטין אַרויסגעפֿאָרן פֿון פּעטערבורג קיין אירקוטסק. קיין אייזנבאַן איז אין סיביר נאָך דעמאָלט ניט געווען, איז לאָפּאַטין דעם גאַנצן לאַנגן וועג געפֿאָרן מיט אַ פֿור. געפֿאָרן איז ער מיט אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט אויפֿן נאָמען פֿון ניקאָלאַי ליובאַווין און ער האָט זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר אַ מיטגליד פֿון דער פּעטערבורגער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט. עס האָט געהייסן, אַז ער איז כּלומרשט געשיקט געוואָרן פֿון דער וויסנשאַפֿטלעכער געזעלשאַפֿט אויסצופֿאָרן דעם סיבירער געגנט. אויפֿן וועג האָט ער געהאַלטן אין איין אויספֿרעגן ביי דער דאָרטיקער באַפֿעלקערונג וועגן די באַדינגונגען פֿון די פֿאַרשידענע געגנטן פֿון סיביר און ספּעציעל פֿון יאַקוטסקער גובערניע. ער האָט אויף אַזאַ אומדירעקטן אופֿן געהאָפֿט צו באַקומען די אַלע וויכטיקסטע ידיעות וועגן טשערנישעווסקין און וועגן דער אומגעבונג אין וועלכער ער לעבט. אָן די דאָזיקע ידיעות האָט דער פּלאַן ניט געקענט דורכגעפֿירט ווערן. דעריבער פֿלעגט ער גערן פֿאַרפֿירן געשפּרעכן מיט די מענטשן, וועלכע זיינען געפֿאָרן צוזאַמען מיט אים און ער פֿלעגט זיך באַמיען אַרויסקריגן פֿון זיי אַלץ, וואָס האָט נאָר געקענט זיין נוצלעך פֿאַר אים. וואָס ווייטער ער איז געפֿאָרן אַלץ גרעסער איז געוואָרן די צאָל באַקאַנטע זיינע, וואָס האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט מיט זיינע געשפּרעכן און דערציילונגען. אייניקע פֿון זיי האָבן באַמערקט, אַז ער איז אַ פֿאַרשטעלטער רעוויזאָר, וואָס איז געשיקט געוואָרן פֿון דער רעגירונג אין פּעטערבורג צו אונטערזוכן די לאַגע אין סיביר. די נייעס וועגן דער רייזע פֿון דעם „רעוויזאָר" האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרייט איבער גאַנץ סיביר. און ווען לאָפּאַטין איז אָנגעקומען קיין אירקוטסק, האָט די גאַנצע שטאָט שוין גערעדט וועגן דעם געהיימניספֿולן רייזנדן.

ווי געזאָגט, האָט לאָפּאַטין פֿאַרטרויט דעם סוד, אַז ער פֿאָרט קיין סיביר באַפֿרייען טשערנישעווסקין, עליפּידינען. עליפּידין, וועלכער האָט געוווינט אין זשענעווע, האָט זיך פֿאַרנומען מיט דעם וואָס ער פֿלעגט אויפֿדעקן די צאַרישע שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די רעוואָלוציאָנערן. מיט איינעם אַזאַ שפּיאָן איז עליפּידין געווען שטאַרק באַפֿריינדט, ניט חושד זייענדיק, פֿאַרשטייט זיך, אַז ער איז אַ שפּיאָן. פֿאַר אָט דעם שפּיאָן האָט עליפּידין זיך אויסגערעדט, אַז אַ רע־

וואָלוציאָנער איז אַרויסגעפֿאָרן קיין סיביר באַפֿרייען טשערנישעווסקין. ווער דער רעוואָלוציאָנער איז, האָט ער נישט געזאָגט. דער שפּיאָן האָט אָבער גלייך וועגן דעם טעלעגראַפֿירט קיין פּעטערבורג, און די רעגירונג האָט תיכף פונאַנדערגעשיקט טעלעגראַמעס קיין סיביר, אַז מען זאָל גוט אַכטונג געבן אויף נייע מענטשן, וואָס קומען פֿון רוסלאַנד. אַזוי ווי „ליובאַווין" האָט אויסגעקוקט צו זיין אַ פֿאַרדעכטיקער מענטש, האָט מען, אין אַ מאָנאַט אַרום ווי ער האָט זיך באַזעצט אין אירקוטסק, אים אַרעסטירט. די „דריטע אָפּטיילונג" האָט באַלד אויסגעפֿונען, אַז ליובאַווין איז לאָפּאַטין. זי האָט אָבער ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אים. קיין באַווייזן, אַז ער איז עס דער וואָס איז געקומען באַפֿרייען טשערנישעווסקין, זיינען ניט געווען. משפּטן האָט מען אים געקענט נאָר פֿאַר דעם, וואָס ער איז אַנטלאָפֿן פֿון אַרעסט אין סטאַווראָפּאָל. פֿאַר דעם איז אים געקומען נאָר אַ קליינע שטראָף. די „דריטע אָפּטיילונג" האָט אָבער גוט געוווּסט, אַז לאָפּאַטין איז אַ געפֿערלעכער רעוואָלוציאָנער. האָט זי זיך ניט געאיילט צו שטעלן אים צום געריכט. זי האָט אים דערווייל בעסער געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט אין טורמע.

באַלד ווי לאָפּאַטין איז איינגעשפּאַרט געוואָרן אין טורמע, האָט ער באַשלאָסן פֿון דאָרט צו אַנטלויפֿן וואָס־שנעלער. פֿאַר דעם צוועק האָט ער זיך באַפֿריינדעט מיט די קרימינעלע אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען געזעסן אין דער זעלבער טורמע, און פֿון זיי האָט ער אויסגעפֿונען אַלץ, וואָס ער האָט נייטיק געהאַט וועגן די סיבירער באַדינגונגען, וועגן דעם ווי מען אַנטלויפֿט פֿון דאָרטן, אאַז"וו. ער האָט געהאָלפֿן די אַרעסטאַנטן מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט. ער פֿלעגט זיך כסדר איינשטעלן פֿאַר זיי פֿאַר דער נאַטשאַלסטווע און די קרימינעלע אַרעסטאַנטן האָבן אים דערפֿאַר שטאַרק ליב געקראָגן.

— דו ביסט אַזוי ווי קריסטוס. — האָט איין מאָל אַן אַרעסטאַנט אים געמאַכט אַ באַמערקונג — דו ראַטעוועסט אַנדערע. זיך אַליין אָבער קענסטו ניט העלפֿן...

לאָפּאַטין האָט אָבער באַשלאָסן אומבאַדינגט צו ראַטעווען אויך זיך. אינגיכן האָט מען אים אַריבערגעפֿירט אין אַ באַזונדערער צעל ביי דער זשאַנדאַרמעריע־אָפּטיילונג. אַרעסטירט געוואָרן איז לאָפּאַטין אין פֿעברואַר, 1871, און אין יוני פֿון זעלבן יאָר איז ער אַנטלאָפֿן פֿון טורמע. דער טורמע־וועכטער האָט אָבער געמאַכט אַ גוואַלד. אַכט זשאַנדאַרן האָבן זיך תיכף אַרויפֿגעכאַפּט אויף זייערע פֿערד און זיך אַוועקגעלאָזט אים כאַפּן. זיי האָבן אים שנעל דעריאָגט און שיר ניט צעהאַקט אויף טויט מיט זייערע שווערדן. לאָפּאַטינס גליק איז געווען וואָס איינער פֿון

די זשאַנדאַרן האָט אָפּגעשטעלט די צעווילדעוועטע חברים זיינע... מען האָט אים צוריקגעבראַכט אין טורמע און ווייטער פאַרשפּאַרט הינטער אייזערנע גראַטעס.

אין סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר האָט מען לאָפּאַטינען געמשפּט פאַר ווינען אויף אַ פאַלשן פּאַספּאָרט און דאָס געריכט האָט אים פאַראורטיילט בלויז צו באַצאָלן 1000 רובל שטראָף. אויף דער פאָדערונג פון דעם פּעטערבורגער הויפּט פון דעם זשאַנדאַרן־קאָרפּוס, האָט מען לאָפּאַטינען ווייטער איבערגעלאָזט זיצן אין טורמע אונטער אַ שטרענגער וואַך.

צו יענער צייט האָט לאָפּאַטין זיך באַקענט מיטן אירקוטסקער גענעראַל־גובערנאַטאָר סעלניקאָוו. לאָפּאַטין האָט אויף אים געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. אַ דאַנק דעם האָט דער פּאָליציי־מייסטער פון שטאָט דערקלערט לאָפּאַטינען, אַז מען וועט אים אַרויסלאָזן פון טורמע, אויב ער וועט אים געבן זיין ערן־וואָרט, אַז ער וועט ניט אַנטלויפן. לאָפּאַטין איז אין דער הינזיכט געווען זייער אַן אויסגעהאַלטענער פּרינציפּיעלער מענטש. אַ וואָרט איז ביי אים געווען אַ וואָרט. האָט ער דעריבער פון אָנהייב אויסגעמיטן צו געבן דעם פּאָליציי־מייסטער אַן ענטפער. דערנאָך האָט ער שריפטלעך זיך פאַרפליכט בלויז ניט אונטערצופירן דעם פּאָליציי־מייסטער.

מען האָט אים אַרויסגעלאָזן פון טורמע און ער האָט טאַקע ניט געמאַכט קיין פּרוּוו צו אַנטלויפן אַזוי לאַנג ווי דער פּאָליצמייסטער איז געווען אין אַמט. ערשט ווען אויף דעם אָרט פון דעם אַלטן פּאָליצמייסטער איז באַשטימט געוואָרן אַ נייער, האָט לאָפּאַטין באַשלאָסן, אַז איצט איז געקומען די צייט צו אַנטלויפן. לאָפּאַטין האָט אָנגעזאַמלט אויספירלעכע ידיעות וועגן דעם וועג איבער דעם טייך אַנגאַראַ, וואָס פליסט דורך איבער דער שטאָט אירקוטסק. אויף דעם וועג איז פאַר לאָפּאַטינען נאָך קיינמאָל קיינער ניט געלאָפן פון סיביר, ווייל אַלע האָבן געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער וועג איז זייער אַ געפערלעכער. אָבער טאַקע דערפאַר האָט לאָפּאַטין אויסגעקליבן אָט דעם וועג צו אַנטלויפן. ער איז געווען זיכער, אַז דאָ וועט מען אים ניט נאָכפאָלגן. האָט ער געקויפט אַ קליין שיפל, און דעם 7טן אויגוסט, 1872, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט שווימען איבער דער אַנגאַראַ. וואָכן לאַנג איז ער אַזוי אַליין געשווומען אין זיין שיפל. ער איז אַזוי אָפּגעפאָרן מיט דער שיפל העכער צוויי טויזנט מייל איבער דעם ווילדן און זייער שנעלן טייך מיט זיינע באַרימטע „אַנגאַרער שוועלן", אַן וועלכע עס זיינען פיל מאָל צעשמעטערט געוואָרן די שיפלעך פון זייער געניטע שווימער. ערטערווייז איז אים אויסגעקומען אַרומצופאָרן אַרום די דאָזיקע „שוועלן" און שלעפּן דאָס שיפל איבער דער ערד. אין אַנדערע פלעצער האָט

זיך דאָס שיפֿל אַזוי שנעל געטראָגן איבערן וואַסער, אַז ער האָט יעדע מינוט ריזיקירט דערטרונקען צו ווערן. דער ברעג פֿון טייך איז פֿון ביידע זייטן געווען באַוואַקסן מיט געדיכטן וואַלד, ווו אויסער ווילדע חיות האָט מען דאָרט קיינעם ניט געקענט זען. נאָר זעלטן ווו עס פֿלעגט זיך באַווייזן אַ דערפֿל. די דאָרטיקע איינוווינער האָבן מיט פֿאַרוווּנדערונג געקוקט אויפֿן איינזאַמען שווימער. לאָפּאַטין אָבער האָט זיך אין קיין דאָרף ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט פֿאַר די מענטשן מער מורא געהאַט, ווי פֿאַר די ווילדע חיות. מיט גרויס מאַטערניש איז ער ענדלעך דערשוווּמען צום טייך יעניסעי. דאָרט איז ער אַרויס אויפֿן ברעג און האָט זיך אַוועקגעלאָזט גיין צופֿוס איבערן געדיכטן וואַלד, אין דער ריכטונג פֿון אַטשינסק. איבער הונדערט מייל האָט ער אַזוי געשפּרייזט איבער די געדיכטע סיבירער וועלדער, אָנשטויסנדיק זיך זייער אָפֿט אויף ווילדע חיות, ביז ער איז ענדלעך דערגאַנגען צו אַ דאָרף, פֿון וואַנען ער איז אויף אַ פּויערישן פֿערד אַוועקגעפֿאָרן קיין טאָמסק. אין טאָמסק איז ער געקומען מיט אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט, אויפֿן נאָמען פֿון אַ דאָקטאָר. ער איז געווען אויסער זיך פֿאַר פֿרייד, וואָס ענדלעך איז ער אַ לעבעדיקער אַרויסגעקראָכן פֿון דער סיבירער ווילדערניש, און געפֿינט זיך שוין אויף דער פֿריי. ער האָט זיך געקליבן באַלד אָפּפֿאָרן פֿון טאָמסק קיין פּעטערבורג. אָבער אין איין שיינעם טאָג האָט אַ פּאָליציאַנט אויפֿן גאַס אים דערקענט. ער האָט אים אָפּגעשטעלט און דערקלערט, אַז ער איז לאָפּאַטין. לאָפּאַטין האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער ווייסט ניט פֿון וואָס צו זאָגן. ער האָט זיך צעשריגן אויף דעם פּאָליציאַנט און האָט געסטראַשעט צו קלאָגן זיך אויף אים פֿאַרן גובערנאַטאָר און ער איז טאַקע צוזאַמען מיטן פּאָליציאַנט גלייך אַוועק צום גובערנאַטאָר און האָט אָנגעפֿאַנגען מאָנען ביי אים, וואָס אין „זיין" שטאָט דערלויבן זיך שיכורע פּאָליציאַנטן צו אַרעסטירן בכבודיקע בירגער.

דער פּאָליציאַנט האָט דאַן אַרויסגענומען לאָפּאַטינס פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס ער האָט באַקומען צוגעשיקט פֿון דער אירקוטסקער פּאָליציי, און האָט זי געוויזן דעם גובערנאַטאָר. לאָפּאַטין האָט זיך אָבער דאָ אויך ניט פֿאַרלוירן. ער האָט גענומען אויפֿווייזן דעם גובערנאַטאָר אַז דער מאַן אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע איז ניכער ענלעך אויף אייבערהעם לינקאָלן איידער אויף אים. דער גובערנאַטאָר האָט זיך איבערצייגט, אַז לאָפּאַטין איז גערעכט. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פֿאַר לאָפּאַטינען און איז שוין געווען גרייט אים אָפּצולאָזן. אָבער, צום אומגליק, איז דער פּאָליציאַנט גראָד געווען אַ גרויסער עקשן, וועלכער איז געווען פּעאיק אַפֿילו צו שטעלן זיך קעגן דער מיינונג פֿון גובערנאַטאָר, וואָס ער האָט געטראַכט, אַז זי איז אַ פֿאַלשע. ער האָט אַריינגערוימט דעם גובערנאַטאָר אויפֿן אויער,

אַז אין טאָמסק געפֿינט זיך איצט אַ פֿאַרשיקטער פּאָליאַק, וועלכער האָט לאָפּאַטינען געקענט אין אירקוטסק, און אַז מען דאַרף דעריבער לאָפּאַטינען צונויפֿפֿירן אויג אויף אויג מיט יענעם פּאָליאַק. דער גובערנאַטאָר האָט צוגעשטימט צו דעם, און ער האָט געבעטן לאָפּאַטינען אַריבערגיין מיט דעם פּאָליציאַנט אין נאָך אַ פּלאַץ. דער פּאָליציאַנט האָט אים אַוועקגעפֿירט אין אַן אכסניה, וווּ דער פּאָליאַק איז איינגעשטאַנען. אַזוי שנעל ווי דער פּאָליאַק האָט נאָר דערזען לאָפּאַטינען, איז ער געוואָרן בלייך ווי די וואַנט. עס איז געווען קלאָר, אַז דער פּאָליאַק האָט אים דערקענט. לייקע־נען ווייטער האָט שוין קיין זין ניט געהאַט, האָט לאָפּאַטין, האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, אַ זאָג געטאָן:

— נו, וואָס קען מען זיך העלפֿן! דורכגעפֿאַלן!... ניטאָ ווּ אַהינ־צוטאָן זיך...

מען האָט לאָפּאַטינען באַלד צוריק אַוועקגעפֿירט קיין אירקוטסק. דאָס מאָל האָט מען אים שוין געהאַלטן אין אַ באַזונדערער צעל. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר סעלניקאָוו פֿלעגט אָפֿט קומען צו אים אין צעל און אָפּזיצן ביי אים שעהען לאַנג.

.5

סעלניקאָוו האָט זיך שטאַרק משתדל געווען אין פּעטערבורג ניט בלויז פֿאַר לאָפּאַטינען, נאָר אויך פֿאַר טשערנישעווסקין. לאָפּאַטין האָט פֿון סעלניקאָוון ניט באַהאַלטן דעם פֿאַקט, אַז ער איז געקומען קיין סיביר מיטן ציל אַוועקצופֿירן פֿון דאַנען טשערנישעווסקין.

סעלניקאָוו האָט געבעטן ביי דער רעגירונג אין פּעטערבורג, אַז מען זאָל לאָפּאַטינען איינגאַנצן באַפֿרייען, און טשערנישעווסקין זאָל מען דערלויבן אַריבערצופֿירן פֿון ווילױסק קיין אירקוטסק. ער האָט דערביי שטאַרק גע־לויבט לאָפּאַטינען. אַלס ענטפֿער אויף זיין שתדלנות האָט סעלניקאָוו באַקומען פֿון פּעטערבורג אַ טעלעגראַמע, פֿון וועלכער עס איז וועגן טשער־נישעווסקי קיין וואָרט ניט דערמאָנט געוואָרן. דערפֿאַר אָבער איז וועגן לאָפּאַטינען געזאָגט געוואָרן גאַנץ קלאָר, אַז „דער קיסר האָט ניט דערלויבט צו באַפֿרייען לאָפּאַטינען".

דעם 10טן יוני, 1873, האָט מען לאָפּאַטינען געבראַכט פֿון טורמע אין אירקוטסקער קרייז־געריכט, ווּ ער האָט געדאַרפֿט אויסגעפֿרעגט ווערן פֿון דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער. זיצנדיק אין געריכט, האָט ער דורכן פֿענצ־טער באַמערקט ווי עפּעס אַ רעגירונג־באַאַמטער אָדער קאָזאַק איז געקומען

צו רייטן אויף אַ פֿערד און האָט צוגעבונדן דאָס פֿערד צו אַ סלופּ אויפֿן הויף. האָט ער זיך געבעטן, מען זאָל אים דערלויבן אַרונטערצוגיין אין אָפּטרעט, וואָס האָט זי געפֿונען אויפֿן הויף. אַזוי שנעל ווי ער איז אין דער באַגלייטונג פֿון אַן אויפֿזעער אַרויס אויפֿן הויף, איז ער צוגעלאָפֿן צום סלופּ, האָט שנעל אַראָפּגעריסן די לייצעס, האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן פֿערד און איז אַנטלאָפֿן. ביז וואַנען די וועכטער האָבן זיך אַרומגעזען און אַוועקגעלאָזט זיך אים נאָכיאָגן, איז לאָפּאַטין שוין געווען אויסערן שטאָט אויפֿן וועג, וואָס פֿירט צו אירקוטסק.

לויפֿנדיק אַזוי, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אין וואַלד ווינט זיינער אַ באַקאַנטער פּויער. איז ער אַוועקגעפֿלויגן אַהין. דאָרט האָט מען גלייך אים אָפּגעשוירן די באָרד און די האָר פֿון קאָפּ, אַרונטערגענומען די ברילן, אָנגעטאָן אים אין פּויערישע קליידער, אַרויפֿגעזעצט אים אויף אַן אַנדער פֿערד און לאָפּאַטין איז אַוועקגעפֿאָרן צוריק קיין אירקוטסק. אויפֿן וועג האָט ער זיך באַגעגנט מיט די פּאָליציאַנטן, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט אים נאָכיאָגן. זיי האָבן אים אָנגעהויבן אויספֿרעגן צי ער האָט ניט געזען אַ רייטער.

— איך וויס, ווייניק מענטשן האָב איך באַגעגנט — האָט לאָפּאַטין זיך געמאַכט טאַמעוואַטע.

— האָסטו געזען אַזאַ, וואָס איז געריטן שנעל?

— איך וויס ניט וואָס איר ווילט פֿון מיר. — האָט לאָפּאַטין געענטפֿערט. — איך האָב באַגעגנט אַזוינע, וואָס זיינען געפֿאָרן שנעל און אַזוינע, וואָס זיינען געפֿאָרן פּאַמעלעך...

די פּאָליציאַנטן האָבן אים צורו געלאָזט און ער איז שנעל אַוועקגעפֿאָרן ווייטער. ניט ווייט פֿון שטאָט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט באַהאַלטן דאָס פֿערד אין וואַלד, האָט אים לייכט צוגעבונדן צו אַ בוים, אַז ער זאָל זיך קענען דערנאָך אַליין אָפּרייסן און קומען צוריק אַהיים, און אַליין האָט ער זיך צופֿוס אַוועקגעלאָזט גיין אין שטאָט אַריין. ער איז אַוועק צו דער פֿרוי פֿון אַ הויכן רעגירונגס־באַאַמטן, מיט וועלכער ער איז געווען באַקאַנט פֿאַר זיין אַרעסט. זי האָט אים באַהאַלטן אין שייער און פֿלעגט אים אַליין טראָגן עסן. איר מאַן האָט זי וועגן דעם קיין וואָרט ניט דערציילט. דערנאָך האָט לאָפּאַטין זיך שטילערהייט אַריבערגעקליבן אין אַ מער זיכערן פּלאַץ. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך לאָפּאַטין פֿאַרקלידט ווי אַ פּויער און האָט אויף אַן אייגענעם פֿערד און וואָגן זיך אַוועקגעלאָזט צוזאַמען מיט אַנדערע פּויערים קיין טאָמסק. דעם גאַנצן לאַנגן וועג האָט ער זיך געהאַלטן אַזוי, אַז קיינעם האָט גאָרניט געקענט איינפֿאַלן, אַז ער

איז ניט אַן איינפאַכער פויער. אייניקע פויערים האָבן זיך בלויז געוווּנדערט, וואָס ער איז קורצזיכטיק, צווישן פויערים באַגעגנט מען עס זייער זעלטן.

צווישן די רעוואָלוציאָנערן, מיט וועלכע לאַפּאַטין האָט זיך אין יאָר 1873 געטראָפן אין פעטערבורג, זיינען שוין דאַן געווען פיל אָנהענגער פון דעם אַנאַרכיסט מיכאַאיל באַקונין, וועלכער האָט געפּרעדיקט אַז די רעוואָלוציאָנערן דאַרפן פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די פויערים מיטן צוועק אַרויסצורופן אַן אויפשטאַנד, כדי צו פאַרווירקלעכן „די ווונטשן פון פאָלק”. צו באַקונינען פערזענלעך האָט לאַפּאַטין זיך שטענדיק גוט באַצויגן, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער, לאַפּאַטין, איז געווען באַפריינדט מיט קאַרל מאַרקסן און וואָס מאַרקס איז דעמאָלט מיט באַקונינען שוין געווען אויף מעסערס. די „באַקוניסטן”, פּונקט ווי די „טשייקאָווצעס”, האָבן געזוכט אַריבערצוגעווינען אויף זייער זייט לאַפּאַטינען. לאַפּאַטין איז אָבער צו קיינעם ניט צוגעשטאַנען, דערפאַר, וואָס ער איז מיט ביידע אָרגאַניזאַציעס ניט מסכים געווען. ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד.

אַזוי שנעל ווי ער איז נאָר אַריבער די גרענעץ, האָט ער תיכף מודיע געווען וועגן זיך קאַרל מאַרקסן אין לאָנדאָן.

מאַרקס יינגערע טאָכטער, עלעאָנאָר, האָט שפּעטער דערציילט לאַווראָוון, אַז ווען מאַרקס האָט באַקומען די ידיעה אַז זיין פריינד לאַפּאַטין איז בשלום אַריבער די גרענעץ, האָט ער זיך אַזוי דערפרייט, אַז ער איז צו־געלאָפן צו איר, האָט איר אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און זיך אַוועקגעלאָזט מיט איר טאַנצן...

לאַפּאַטין איז גלייך אַוועקגעפאָרן קיין ציריך.

דאָרט האָט ער געטראָפן לאַווראָוון צוגרייטנדיק דעם ערשטן נומער פון זיין רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל „וופּעריאָד”. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס לאַפּאַטין איז געווען נאָענט באַפריינדט מיט לאַווראָוון, האָט ער דאָך ניט אָנגענומען לאַווראָווס פאָרשלאָג צו ווערן אַ מיט־רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל. ער האָט אָבער אָנגעשריבן פאַרן זשורנאַל אַ ריי אַרטיקלען.

אין ציריך איז לאַפּאַטין לאַנג ניט פאַרבליבן. ער איז אין גיכן אַוועק־געפאָרן קיין פּאַריז, וווּ ער האָט זיך זייער נאָענט באַפריינדט מיטן באַרימטן רוסישן שריפטשטעלער, איוואַן טורגעניעוו.

טורגעניעוו האָט זיך פשוט פאַרליבט אין לאַפּאַטינען. כמעט אין יעדן בריוו, וואָס טורגעניעוו האָט געשריבן צו לאַווראָוון, האָט ער מיט באַ־גייסטערונג גערעדט וועגן לאַפּאַטינען.

אין פּאַריז איז לאַפּאַטין באַקאַנט געוואָרן אויך מיט אַ סך פראַנצויזישע שריפטשטעלער, געלערנטע און פּאָליטישע טוער. פון צייט צו צייט פלעגט

ער אויך פֿאָרן באַזוכן קאַרל מאַרקסן און פֿרידריך ענגעלסן אין לאָנדאָן. ביי מאַרקסן אין הויז איז ער שטענדיק געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. כאָטש לאַפּאַטין איז געווען מאַרקס אַ פערזענלעכער פֿריינד און האָט זיך באַטראַכט פֿאַר זיינעם אַ תּלמיד, איז ער אָבער דאָך ניט געווען דאָס, וואָס מען רופֿט אַ מאַרקסיסט. לאַפּאַטין האָט זיך שטענדיק באַצויגן פֿריינד־לעך צו אַלע רוסישע סאָציאַליסטישע גרופּעס און האָט זיי געהאָלפֿן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט, ניט אַריינטרעטנדיק אַליין אין קיין איינציקער פֿון זיי.

זייער אָפֿט פֿלעגט לאַפּאַטין אַרויספֿאָרן מיט דער גאַנצער מאַרקס־פֿאַמיליע הינטער דער שטאָט און פֿאַרברענגען דאָרט מיט זיי אַ גאַנצן טאָג. געלעבט האָט לאַפּאַטין דעמאָלט פֿון דעם, וואָס ער פֿלעגט איבערזעצן פֿאַרשידענע וויסנשאַפֿטלעכע ווערק פֿון ענגליש און פֿראַנצויזיש פֿאַר רו־סישע פֿאַרלעגער אין פּעטערבורג. אַן איבערזעצער איז לאַפּאַטין געווען אַ גלענצנדער. פֿאַר די פֿינף יאָר, וואָס ער האָט דעמאָלט פֿאַרבראַכט אין אויסלאַנד, האָט ער איבערגעזעצט פֿיל ווערק פֿון ענגלישע און פֿראַנצוי־זישע היסטאָריקער, עקאָנאָמיסטן און סאָציאָלאָגן.

כדי ניט אָפּצורייסן זיך אין גאַנצן פֿון רוסלאַנד און זיין גוט באַקאַנט מיט די שטימונגען, וואָס הערשן צווישן דער רוסישער געזעלשאַפֿט און איבערהויפּט כדי צו זען זיך מיט זיין מאַמען, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט, פֿלעגט לאַפּאַטין יעדעס יאָר ריזיקירן מיט זיין פֿרייהייט און אַפֿילו מיטן לעבן און פֿאָרן אומלעגאַל קיין רוסלאַנד. ער פֿלעגט באַזוכן פּעטערבורג און מאָסקווע, אַמאָל אויך אַ פּאָר פּראָווינץ־שטעט, און פֿלעגט באַלד צוריק אומקערן זיך קיין אויסלאַנד.

6

אין יאָר 1879 איז קיין פּאַריז געקומען אַ רייכער רוסישער פּריץ, אַ מענטש מיט אַ ברייטער רוסישער נאַטור, וועלכער האָט זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר אַ גרויסן ליבעראַל. ער האָט זיך אינגיכן באַקאַנט מיט לאַווראָוון און, דורך לאַווראָוון, אויך מיט לאַפּאַטינען. דער רייכער פּריץ פֿלעגט זייער אָפֿט מכבד זיין די באַרימטע עמיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן מיט מאָל־צייטן אין רייכע פּאַריזער רעסטאָראַנען. ער האָט זיך געוואָרפֿן מיט געלט אויף רעכטס און לינקס. איינמאָל, פֿאַרברענגענדיק אַזוי אין אַ רעסטאָ־ראַן מיט לאַווראָוון, לאַפּאַטינען און אַ פּאָר אַנדערע רעוואָלוציאָנערן, האָט דער רייכער פּריץ מיט דער ברייטער רוסישער נאַטור גענומען זיך באַקלאָגן פֿאַר זיינע געסט, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו אָדער אַ טעלע־

גראַמע, אַז ער מוז תיכּף קומען קיין פּעטערבורג צוליב אַ געוויסן פינאַנ־ציעלן ענין, ווען ניט וועט ער פאַרלירן אַ סך געלט און וועט נאָך דערצו האָבן גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן. פאָרן אָבער איצט קיין רוסלאַנד ווילט זיך אים בשום אופן ניט. דער ענין איז גראָד אַזאַ, וואָס עמיצער אַנדערש קען עס פאַר אים זייער לייכט דורכפירן, און ער איז גרייט גוט צו באַצאָלן דעם יעניקן, וועלכער וועט זיך עס אונטערנעמען צו טאָן. לאַפּאַטין האָט זיך שוין לאַנג געקליבן פאָרן קיין רוסלאַנד. ער איז געווען אַ סימפּאַטיקער פון דער נייער טעראָריסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן. מיט אַ קורצער צייט פריער האָט ער באַקומען פון רוסלאַנד עטלעכע איינ־לאַדונגען פון זיינע חברים, אַז ער זאָל קומען קיין פּעטערבורג, ווו מען נויטיקט זיך שטאַרק אין זיין הילף. האָט ער זיך דעריבער אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאַג פון דעם רייכן פריץ מיט דער ברייטער רוסישער נאַטור.

„איך בין גרייט צו פאָרן פאַר אייך קיין פּעטערבורג״! האָט לאַפּאַטין זיך אָפּגערופן.

דער רייכער פריץ האָט זיך שטאַרק דערפרייט. ער האָט גלייך באַזאָרגט לאַפּאַטינען מיט די נויטיקע רייזע־הוצאות, און אינגיכן איז לאַפּאַטין טאַקע אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג. קיין פּעטערבורג איז ער אָנגעקומען מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען פון סעוואַסטינאָוו, און אָט דער נאָמען האָט אים דורך אַ מערקווירדיקן צופאַל אומגליקלעך געמאַכט. דער פּאַריזער רוסישער פריץ מיט דער ברייטער רוסישער נאַטור איז אין דער אמתן גאָר געווען אַ שפּיאָן פון דער צאַרישער געהיים־פּאָליציי. און ער האָט, נאַטירלעך, תיכּף געלאָזט וויסן קיין פּעטערבורג אַז אַ געוויסער ל. איז אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג מיט אַ וויכטיקער רעוואָלוציאָנערער מיסיע. אויף וואָס פאַר אַ פּאַספּאָרט לאַפּאַטין איז אַוועקגעפאָרן קיין רוס־לאַנד האָט דער שפּיאָן ניט געוווּסט. דעריבער האָט די פּאָליציי אים ניט געקענט גלייך אַרעסטירן. זי האָט אים אָבער אַרומגעזוכט ווי מיט ליכט. דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער טורגעניעוו, וועלכער איז גראָד אויך געקומען פון פּאַריז קיין פּעטערבורג, כמעט אין דער זעלביקער צייט וואָס לאַפּאַטין, האָט ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט לאַפּאַטינען אין פּעטערבורג געבעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל גלייך צוריק אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, ווייל די פּאָליציי ווייס וועגן זיין אָנוועזנהייט אין פּעטערבורג. לאַפּאַטין אָבער האָט זיך געוויצלט און האָט דערקלערט, אַז ער וועט פון פּעטערבורג ניט אַוועקפאָרן. צום אומגליק האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז מיט אַ קורצער צייט פאַר לאַפּאַטינס אָנקומען קיין פּעטערבורג, האָט די פּאָליציי אַרעסטירט די געהיימע דרוקעריי פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ״, און דער מאַן, ביי וועמען מען האָט געפונען די דרוקעריי, האָט דערקלערט

פֿאַר די זשאַנדאַרן, אַז געבראַכט די דרוקעריי אין זיין הויז האָט אַ געוויסער סעוואַסטיאַנאָוו.

דאָס איז פּשוט געווען אַ צופֿאַל. לאָפּאַטין האָט אין דער אמתן קיין שום שייכות ניט געהאַט צו דער געהיימער רעוואָלוציאָנערער דרוקעריי, און דער אַרעסטירטער האָט גאָר ניט דעם סעוואַסטיאַנאָוו געמיינט, נאָר אַן אַנדערן.

טאָמער איז דאָס נאָך געווען וויניק איז באַלד, ווי לאָפּאַטין איז געקומען קיין פּעטערבורג, פֿאַרגעקומען אַ נייער אַטענטאַט אויפֿן קיסר און ווידער האָט זיך, דורך אַ מערקווירדיקן צופֿאַל, אַזוי געמאַכט, אַז לאָפּאַטין איז פֿאַרדעכטיקט געוואָרן אין העלפֿן דורכפֿירן דעם אַטענטאַט.

דרייצן מאָנאַטן איז לאָפּאַטין ווידער אָפּגעזעסן אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג, און ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט ווירקלעך קיין שום שייכות ניט געהאַט צו דער דרוקעריי פֿון „זעמליאַ אי וואָליאַ" און אויך ניט צום אַטענטאַט אויפֿן קיסר, האָט מען אים פֿאַראורטיילט צו פֿאַרשיקן אַדמיניסטראַטיוו קיין מזרח־סיביר. מיט גרויסע שוועריקייטן איז געלונגען לאָפּאַטינס איינפֿלוסרייכע קרובים און טורגעניעוון צו פּועלן ביי דער רעגירונג, אַז מען זאָל אים פֿאַרשיקן ניט קיין סיביר, נאָר קיין טורקעסטאַן אין דער שטאָט טאַשקענט.

כמעט די גאַנצע צייט, וואָס ס'איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף אויף לעבן און טויט צווישן דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און דער רעגירונג, איז לאָפּאַטין געווען פֿאַרשיקט אין ווייטן טורקעסטאַן, אין דער שטאָט טאַשקענט, אָפּגעריסן פֿון דער גאַנצער וועלט און פֿון אַלע זיינע פֿריינד. די מערסטע פֿריינד זיינע האָבן שוין געהאַט פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג אים צו זען ווען עס איז. נאָר דער רוסישער שריפֿטשטעלער גליעב אוספּענסקי, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פֿאַרערער לאָפּאַטינס און אויך פֿרידריך ענגעלס האָבן אַלץ געהאָפֿט, אַז לאָפּאַטינען וועט זיך סוף כל סוף אויך דאָס מאָל איינגעבן צו אַנטלויפֿן פֿון פֿאַרשיקונג. פֿרידריך ענגעלס האָט ניט אויפֿגעהערט צו איבערחזרן פֿאַר זיינע פֿריינד אין לאָנדאָן: „איך בין פֿעסט איבערצייגט, אַז אין איין איינעם אַ פֿרימאָרגן וועט לאָפּאַטין ווידער אַריינקומען צו מיר אין צימער, וועט זיך רואיק אַנידערזעצן אויף דער סאָפֿע און וועט אויסשיסן אין אַ געלעכטער"...

דעם 31טן אָקטאָבער, 1881 האָט מען לאָפּאַטינען דערלויבט אומצוקערן זיך פֿון טאַשקענט און באַזעצן זיך אויף דריי יאָר צייט אין וואָלאָגדא, אין דער זעלבער געגנט, פֿון וואַנען ער האָט מיט עלף יאָר פֿריער אַרויסגעפֿירט לאַווראָוון. אויך אין וואָלאָגדא האָט זיך לאָפּאַטין געפֿונען אונטער אַ שטרענגער פּאָליציי־אויפֿזיכט. אין נאָוועמבער 1882 האָט ער געפֿאָדערט,

אַז מען זאָל אים באַפֿרייען פֿון דער פּאָליציי־אויפֿזיכט. מען האָט אָבער זיין פֿאַרלאַנג צוריקגעוויזן. איז ער דעם 28טן פֿעברואַר, 1883, פּונקט אין צוויי וואָכן אַרום, ווי מען האָט אַרעסטירט ווערא פֿיגנער, אַנטלאָפֿן פֿון וואָלאָגדא און איז צוריקגעקומען קיין פּעטערבורג. לאַנג אָבער האָט לאָפּאַטין אין פּעטערבורג ניט געקענט פֿאַרבלייבן. די שטימונג צווישן די ליבעראַלן און ראַדיקאַלן איז דעמאָלט געווען זייער אַ געדריקטע. אין לאַנד האָט געבושעוועט אַ שרעקלעכע רעאַקציע. נעכטיקע ראַדיקאַלן און אַפֿילו רעוואָלוציאָנערן האָבן איצט מורא געהאַט צו באַגעגענען זיך מיט אַזאַ רעוואָלוציאָנער ווי לאָפּאַטין. בלויז ווייניקע פֿון לאָפּאַטינס פֿריערדיקע פֿריינד האָבן זיך געפֿרייט, וואָס אים איז ענדלעך געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון פֿאַרשיקונג. אָבער אויך זיי האָבן אים געראַטן, אַז ער זאָל וואָס שנעלער פֿאַרלאָזן רוסלאַנד, ווייל עס איז קלאָר אַז אַ פּראָוואָקאַטאָר גיט אַרויס אַלע מער אָדער ווייניקער אָנגעזעענע רעוואָלוציאָנערן. לאָפּאַטין איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אָדעס, ווו זיינע פֿריינד האָבן אים באַזאָרגט מיט אַן אויסלענדישן פּאַס און אין אַ וואָך אַרום איז ער שוין געווען אין פּאַריז. אין אויסלאַנד האָבן אים אַלע פֿריינד באַגעגנט מיט גרויס פריידי. נאָר זיין פֿריינד קאַרל מאַרקס איז שוין ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. עס האָט גראָד אַזוי פּאַסירט, אַז אין דעם טאָג וואָס לאָפּאַטין איז אַריבער דעם רוסישן גרענעץ, איז מאַרקס געשטאָרבן אין לאָנדאָן.

איבערהויפּט האָט זיך געפֿרייט מיט לאָפּאַטינס קומען פּיאָטר לאַווראָוו, וועלכער איז אָן לאָפּאַטינען אַלעמאָל געווען הילפֿלאָז. אויך דער גרויסער שריפֿטשטעלער טורגעניעוו, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין פֿראַנקרייך, האָט זיך זייער שטאַרק דערפֿרייט, ווען ער האָט, ליגנדיק שוין כמעט אויפֿן טויטן־בעט דערהערט, אַז לאָפּאַטין איז ענדלעך אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד.

לאָפּאַטין האָט טאַקע גלייך באַזוכט טורגעניעוון און האָט ביי אים אין הויז פֿאַרבראַכט אַ קורצע צייט פֿאַר זיין (טורגעניעווס) טויט.

אין פֿרילינג פֿון יאָר 1883 האָבן לעוו טיכאָמיראָוו און די פֿרוי אָשאַנינאַ, די צוויי פֿאַרבליבענע מיטגלידער פֿון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" צוזאַמען מיט לאַווראָוון, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל. לאָפּאַטין האָט זיי געהאָלפֿן אין דער אַרבעט. ער האָט אָבער ניט געקענט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי מען קען זיצן רויִק אין אויסלאַנד, ווען אין רוסלאַנד גייט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי צו גרונט, ווען מען האַלט אין איין שרייבן פֿון דאָרט אַז דאָרטן קומען פֿאָר אומפֿאַרשטענדלעכע אַרעסטן. לאָפּאַטין איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער ערנסטער מאָמענט פֿאָדערט, אַז מען זאָל אָנווענדן אַלע כחות ווידער אויפֿצושטעלן די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". ער איז אַוועקגעפֿאָרן

קיין לאָנדאָן צו זען זיך מיט פֿרידריך ענגעלסן און מיט קאַרל מאַרקסעס פֿאַמיליע.

לאַנג איינזיצן אין לאָנדאָן האָט לאָפּאַטין ניט געקענט. אים האָט געצויגן צוריק קיין רוסלאַנד. אָרגאַניזאַציעס פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָבן דעמאָלט נאָך עקזיסטירט ניט בלויז אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, נאָר אויך אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע שטעט. עס איז אָבער ניט געווען קיין צענטער, וואָס זאָל די אַלע צעוואָרפֿענע כחות פֿון דער פּאַרטיי פֿאַראייניקן אונטער איין פֿירערשאַפֿט. דער טעראָר פֿון דער רעגירונג איז דערוויל געוואָרן וואָס אַ טאָג אַלץ שטאַרקער.

לאָפּאַטין האָט געהאַלטן, אַז ביי אַזאַ לאַגע איז עס פּשוט אַ פֿאַרברעכן פֿאַר אַ רעוואָלוציאָנער צו זיצן אין אויסלאַנד און וואַרטן אויף בעסערע צייטן. ער האָט באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין רוסלאַנד צוריק אויפֿצושטעלן די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און באַנייען דעם קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשונג. ער האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן אין פּאַריז אָשאַנינאַן און טיכאָמיראָוון. אין יאָר 1884 זיינען זיך קיין פּאַריז צונויפֿגעפֿאָרן דעלעגאַטן פֿון עטלעכע גרופּן פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" פֿון פֿאַרשידענע שטעט. צווישן די דעלעגאַטן זיינען געווען: סוכאַמלין, א. קאַראַולאָוו און אַנדערע. עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ צוזאַמענפֿאָר אין וועלכן עס האָבן זיך, אַ חוץ די דעלעגאַטן פֿון די רוסישע גרופּן, באַטייליקט אויך לאַווראָוו, לאָפּאַטין, טיכאָמיראָוו, אָשאַנינאַ און אַ פּאָר אַנדערע עמיגראַנטן. אויף דעם צוזאַמענפֿאָר איז באַשלאָסן געוואָרן צו וויילן אַן „אַדמיניסטראַטיווע קאָמיסיע" פֿון דריי פּערזאָן, וואָס זאָל גלייך פֿאָרן קיין רוסלאַנד און שטעלן זיך דאָרט אין שפּיץ פֿון דער נייער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

אין דער „אַדמיניסטראַטיווער קאָמיסיע" זיינען אויסגעוויילט געוואָרן לאָפּאַטין, סוכאַמלין און די פֿרילין סאַלאָווא. די הויפּט ראָלע האָט, פֿאַרשטייט זיך, געזאָלט שפּילן לאָפּאַטין, וועלכער איז שוין געווען אַן אַלטער, דערפֿאַרענער רעוואָלוציאָנער.

7

סוף מערץ איז קיין פּעטערבורג אָנגעקומען לאָפּאַטין, און ער איז געוואָרן דער הויפּט־פֿירער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. די ערשטע אויפֿגאַבע זיינע איז געווען צו פֿאַראייניקן די צעוואָרפֿענע רעוואָלוציאָנערע כחות אין איין שטאַרקער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אים אָנגעקומען ניט לייכט. לאָפּאַטינען האָט זיך אָבער איינגיכן איינגעגעבן צו באַזייטיקן

די מיינונגס־פֿאַרשידנקייטן און אַריבערגעווינען די אָפּאָזיציע אויף זיין זייט. קיין פּעטערבורג איז ער געקומען פֿאַרשטעלט ווי אַן ענגלענדער. אַ פּאַספּאָרט האָט ער געהאַט אַ פֿאַלשן אויפֿן נאָמען פֿון פֿרעדריק נאָריס, און געקליידט איז ער אויך געווען ווי אַן ענגלישער דזשענטלמאַן. זיין שיינע פֿיגור אין דעם קורצן מאַנטל האָט געצויגן צו זיך אויפֿמערקזאַמקייט.

לאָפּאַטין האָט אַנטוויקלט פֿיבערהאַפֿטע טעטיקייטן. אים איז אויסגעקומען צו שפּילן די ראָל ניט נאָר פֿון אַ גענעראַל, נאָר זייער אָפֿט אויך פֿון דעם איינפֿאַכן סאָלדאַט. ער האָט אויף שריט און טריט ריזיקירט מיטן לעבן. ער איז אַרומגעפֿאָרן פֿון איין שטאָט אין דער צווייטער, האָט אומעטום געזוכט פּאַסיקע אַרויסהעלפֿער, ער האָט געהאַלטן אין צוגרייטן אַ פּאָר טעראָריסטישע אַטענטאַטן, און אין דער זעלבער צייט האָט ער באַוויזן שנעלער אַרויסצוגעבן דעם 10טן נומער פֿון דעם זשורנאַל „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ און אָנשרייבן פֿאַר אים אַ פּאָר גרויסע אַרטיקלען. די דערשיינונג פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף דער רעגירונג און אַרויסגערופֿן גרויס פֿרייד אין דער ליבעראַלער און ראַדיקאַלער געזעלשאַפֿט.

לאָפּאַטין האָט אין פּעטערבורג זיך אויפֿגעפֿירט ניט זייער פֿאָרזיכטיק. נעמען און אַדרעסן פֿון באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערן און אַזוינע, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פֿלעגט ער פֿאַרשרייבן אויף באַזונדערע דינע בלעטלעך פּאַפּיר, וועלכע ער פֿלעגט האַלטן ביי זיך אין זשילעט־קעשענע. ער איז געווען אַזוי איינגעגלויבט אין זיין פֿיזישן כח און אין זיין פֿלינקייט, אַז ווען מען פֿלעגט אים אָנווייזן אַז עס איז אַ געפֿאַר אַרומצוטראָגן מיט זיך אַזוינע פּאַפּירלעך, פֿלעגט ער זאָגן, אַז ער וועט צו יעדער צייט באַוויזן זיי צו פֿאַרניכטן...

דעם 7טן אָקטאָבער, 1884 איז לאָפּאַטין אין מיטן העלן טאָג פּלוצלונג אַרעסטירט געוואָרן אויף נעווסקי פּראָספּעקט. ער האָט געהאַט ביי זיך אין קעשענע עלף בלעטלעך פֿון דינעם פּאַפּיר מיט פֿאַרשידענע נעמען, אַדרעסן און אַנדערע נאָטיצן. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט באַצייטנס קענען די פּאַפּירלעך אַרונטערשלינגען, אָבער דער אָנפֿאַל אויף אים איז פֿאָרגעקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַז ער האָט ניט באַוויזן די פּאַפּירלעך אַריינצולייגן אין מויל. צוויי מאָל האָט ער זיך אַרויסגעריסן פֿון די הענט פֿון די שפּיאָנען. אָבער ביידע מאָל האָבן די שפּיאָנען אים ביייגעקומען. אַ דריטן מאָל, ווען מען האָט שוין אים געבראַכט אין דער זשאַנדאַרמעריע־אָפּטיילונג, האָט ער זיך ווידער אַרויסגעריסן, האָט אַרויסגעכאַפּט די פּאַפּירלעך פֿון קעשענע און זיי אַריינגעלייגט אין מויל. די זשאַנדאַרן אָבער האָבן אים געכאַפּט פֿאַרן האַלדז און אַזוי צוזאַמענגעדריקט, אַז ער האָט פֿאַרלוירן

דעם באַוווּסטזיין און אַלע פּאַפּירלעך זיינען אַריינגעפאַלן צו די זשאַנדאַרן אין די הענט.

פון לאָפּאַטינס נאָטיץ-ביכל האָט די פּאָליציי זייער פיל זיך דערוווּסט וועגן זיין גאַנצער טעטיקייט. מען האָט ביי אים אויפן קוואַרטיר אויך געפונען צוויי באָמבעס, אַ רעוואָלווער, עטלעכע פאַלשע פּאַספּאָרטן און פאַרשידענע פּראָקלאַמאַציעס.

לאָפּאַטינס רעוואָלוציאָנערע קאַריערע האָט זיך געענדיקט. ווען דער מיניסטער פון אינערן האָט באַריכטעט צום קיסר אַז לאָפּאַטין איז אַרעס־טירט געוואָרן, האָט אַלעקסאַנדער דער דריטער אויפן באַריכט אָנגעשריבן: „איך האָף, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין מער ניט אַנטלויפן". און דער קיסר האָט שוין געזאָרגט פאַר דעם, אַז לאָפּאַטין זאָל ווירקלעך נאָכאַמאָל שוין ניט קענען אַנטלויפן...

נאָענט פון דריי יאָר צייט, איז לאָפּאַטין געזעסן אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג ביז וואַנען די רעגירונג איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אויספאָר־שונג און צוגעגרייט דעם באַשולדיקונגס-אַקט. אין מאַי, 1887 האָט זיך אין פּעטערבורגער קריגס-געריכט אָנגעהויבן דער פּראָצעס, אין וועלכן עס האָבן אַלס אָנגעקלאָגטע, אַ חוץ לאָפּאַטינען, אויך פיגורירט סוכאַמלין און סאַלאַווא, די צוויי אַנדערע מיטגלידער פון דער „אַדמיניסטראַטיווער קאָמיסיע" פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", ווי אויך דער פּאָעט יאַקובאָ־וויטש און נאָך פופצן אַנדערע מיטגלידער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". די צענטראַלע פּערזאָן אין דעם פּראָצעס איז, פאַרשטייט זיך, געווען לאָפּאַטין. ער האָט זיך אויפן געריכט געהאַלטן מיט גרויס ווירדע און די ריכטער האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט. קיין זייטיק פּובליקום איז אין זאַל פון געריכט ניט געווען. הינטער די שטולן פון די ריכטער זיינען געזעסן אייניקע הויכע באַאַמטע. הינטער דעם פּראָקוראָר — אַ צוויי-דריי עקספּערטן און אין פאָרנט פון די בענק, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעזעצט די אָנגעקלאָגטע זיינען געזעסן די פאַרטיידיקער, אַלע אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן פון פּעטערבורג.

לאָפּאַטין האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פאַרטיידיקער און אין דער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן געריכט, האָט ער געזוכט צו פאַרטיידיקן ניט זיך, נאָר זיינע חברים, צווישן די 21 אָנגעקלאָגטע איז געווען איינער, וועלכער איז זיצנדיק אין טורמע געוואָרן אַ פאַררעטער, און ווען ער האָט אויפן געריכט גענומען אַרונטעררייסן די פּאַרטיי און געברויכן פאַרשידענע זידל-ווערטער אויפן אַדרעס פון די רעוואָלוציאָנערן, האָט לאָפּאַטין אויפ־געפאָדערט דעם פאָרזיצער, אַז ער זאָל אים און די אַנדערע אָנגעקלאָגטע באַשיצן פון די דאָזיקע באַשולדיקונגען. ווען דער פּראָקוראָר האָט פאָרגע־

לייענט פֿאַרן געריכט די עלף בלעטלעך פּאַפּיר, וועלכע מען האָט געפֿונען ביי לאַפּאַטינען, בעת מען האָט אים אַרעסטירט — די בלעטלעך אויף וועלכע עס זיינען מיט לאַפּאַטינס האַנטשריפֿט געווען פֿאַרשריבן פֿיל נעמען און אַדרעסן, וואָס צוליב דעם זיינען דערנאָך אומגעקומען אָדער האָבן שטאַרק געליטן אַ מאַסע מענטשן, האָט זיך אין געריכט־זאַל אָפּגעשפּילט אַ שוידערלעכע סצענע. ווען דער פֿאָרזיצער פֿון געריכט האָט פֿאָרגעלייגט לאַפּאַטינען, אַז ער זאָל געבן אַ דערקלערונג וועגן דעם, האָט ער זיך געווענדט מיט אַ ליידנשאַפֿטלעכער רעדע ניט אַזוי צו די ריכטער, ווי צו זיינע חברים. ער האָט צווישן אַנדערעס געזאָגט:

„שטייענדיק איצט ביים סאַמע סוף פֿון מיין לעבנס־קאַריערע, האַלט איך פֿאַר מיין מאָראַלער פֿליכט צו בעטן מחילה ביי מיינע חברים אין דעם פּראָצעס, ווי אויך ביי דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכער איך האָב דורך מיין אומפֿאָרזיכטיקייט געבראַכט אַן אומגעהויערן שאָדן. אָט דער אומגליק ליגט ווי אַ שווערער שטיין אויף מיין נשמה און איך וואָלט בעסער אויסגעקליבן צען מאָל צו שטאַרבן, איידער צו זיין דער ניט־ווילנדיקער שולדיקער אין די אומגליקן פֿון אַזוי פֿיל מענטשן. איך זאָג „דער ניטווילנדיקער" דערפֿאַר, ווייל דאָס אַלץ איז געשען ניט נאָר קעגן מיין ווילן, נאָר אויך קעגן מיינע דערוואַרטונגען. קיינער, האָף איך, וועט מיך ניט פֿאַרדעכטיקן אין פּחדנות".

צום סוף פֿון זיין רעדע איז לאַפּאַטין געוואָרן אַזוי אויפֿגערעגט, אַז זיינע נערוון האָבן ניט אויסגעהאַלטן. ער איז אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן באַנק און האָט זיך הויך אויפֿן קול צעיאָמערט.

די מערסטע אָנגעקלאָגטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייער לעצטן וואָרט. לאַפּאַטין אָבער האָט געהאַלטן אַ לענגערע רעדע, אין וועלכער ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„הערן ריכטער, עס איז געווען אַ צייט ווען דער געריכט־זאַל איז אין רוסלאַנד געווען דער איינציקער פּלאַץ, וווּ עס האָט הויך געקלונגען דאָס פֿרייע וואָרט; וווּ מענטשן פֿלעגן, גייענדיק צום עשאַפֿאָט, אַרויסזאָגן זייערע געדאַנקען און שטרעבונגען און פֿלעגן אָן שרעק און אומגעשטערט קריטיקירן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג. איצט האָט קיין זין ניט פֿאַר אונדז צו האַלטן דאָ אַזוינע רעדעס. גאַנצע דריי יאָר צייט ביזן משפּט האָט מען אונדז געפּלאָגט אין תּפֿיסה, און אין אַ תּפֿיסה משפּט מען אונדז און מען הערט אויס אונדזער לעצטן וואָרט. מיר ווייסן, אַז קיין איינציק מיטפֿילנ־דיק הארץ וועט ניט אָנהייבן קלאַפּן אַלס אַן ענטפֿער אויף אונדזערע רייד. מיר ווייסן, אַז דער אָפּקלאַנג פֿון אונדזער ליידנשאַפֿטלעכער רעדע וועט אָפּשטאַרבן אין אָט דעם פּוסטן זאַל. האָט אויף מיר קיין פֿאַריבל ניט

דערפאַר, וואָס אין דער מינוט וועל איך אייך אַרויסזאָגן דעם פולן אמת. אייך, הערן ריכטער פון קריגס־געריכט, קען איך ניט אָנערקענען אַלס געזעצ־לעכע ריכטער איבער מיינע טאָטן. איר זייט די פאַרטרעטער פון אַ פאַר־אינטערעסירטן צד און איר קענט מיך ניט משפטן ניכטער און אומפּאַרטיי־איש. אָבער איך גלייב — און דאָס איז איצט מיין איינציקער גלויבן, וואָס טרייסט מיך אין די אַלע ביטערע מינוטן פון לעבן, — אַז איבער אונדז אַלעמען, און אייך אויך אַריינגערעכנט, איז פאַראַן אַ העכער געריכט, וואָס וועט מיט דער צייט אַרויסטראָגן זיין גערעכטן און ערלעכן אורטייל. אַט דער געריכט איז די געשיכטע. דעריבער וועל איך זיך דאָ פאַר אייך ניט נאָר פאַרטיידיקן, נאָר איך וועל אַפילו ניט באַמיען זיך צו דער־קלערן אייך דעם ריכטיקן זין און באַדייטונג פון דעם, וואָס איך האָב אָפּ־געטאָן. איך וועל דערקלערן בלויז, פאַרוואָס איך האָב דורך דער גאַנצער צייט וואָס די אויספאָרשונג איז געפירט געוואָרן ניט אָנערקענט זיך אַלס מיטגליד פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און אַלס אָפיציעלער אַגענט פון „איספּאָלניטעלני קאָמיטעט". איצט וועל איך אייך אָפנהאַרציק זאָגן: „יאָ, איך בין עס יאָ געווען. עס איז אָבער דורכאויס אמת דאָס, וואָס איך האָב פריער געזאָגט, נעמלעך, אַז צוליב מיין פרייהייטסליבנדער נאַטור האָב איך אַ לאַנגע צייט ניט געקענט אָנטאָן אויף זיך די קייטן פון וועלכע ניט איז פליכטן, איינצאַמען זיך אין נאָמען פון אַ באַשטימטער פּראָג־ראַם, פון אַ באַשטימטער אויפפאַסונג פון דעם ציל, און פון די אויפגאַבן און מעטאָדן פון רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אָבער אַזוי ווי איך בין געווען אַ מענטש מיט אַ געוויסער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגנהייט, האָט מען מיר אין דעם פּרט געגעבן אַ געוויסע פרייהייט. פאַרוואָס־זשע האָב איך דאָך אַזוי עקשנותדיק ניט געוואָלט אָנערקענען זיך אַלס מיטגליד פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" פאַר דעם געריכט פון שונא? דערפאַר וואָס איך האָב ניט געוואָלט, אַז דורך דער צייט פון דער אויספאָרשונג זאָל מיין ווילן זיין געבונדן... אָבער וואָס איך זאָל ניט האָבן געטאָן, באַדויער איך נאָר איין זאַך, פאַרוואָס איך האָב ווייניק געטאָן. קיין רחמנות בעטן וויל איך ניט און איך בין זיכער, אַז איך וועל קענען שטאַרבן, פונקט אַזוי מוטיק ווי איך האָב געלעבט"...

דעם 4טן (16טן) יוני, דריי אַ זייגער פאַרטאָג זיינען די ריכטער אַריינ־געקומען אין זאַל. דער פאָרזיצער האָט געהייסן אַריינפירן די אָנגעקלאָגטע. דער לאַנגער טיש אַרום וועלכן עס זיינען געזעסן די ריכטער, איז געווען באַדעקט מיט רויטן טוך. אויפן טיש זיינען געשטאַנען ריזיקע קאַנדעלאַב־רען מיט ליכט. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן ווערן ליכטיק און דער זאַל האָט דעריבער אויסגעקוקט ווי אַ מיטלאַלטערלעכע תפיסה, און אַט

דער איינדרוק איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם, וואָס אויסער די ריכטער און זשאַנדאַרן איז כמעט קיינער אין זאַל ניט געווען.

מען האָט אַריינגעפירט די אָנגעקלאָגטע. זיי זיינען געווען רואיק. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין זאַל. אויף דעם באַפעל פון פּאָרזיצער האָבן זיך אַלע אָנגעקלאָגטע אויפגעשטעלט. דער פּאָרזיצער האָט דאַן איבערגעלייענט דעם אורטייל, לויט וועלכן לאָפּאַטין, סאָלאָווא, סוכאמלין, סטאַראָדוואָרסקי, קאָנאַשעוויטש, סערגעי איוואַנאָוו, פּיאָטר יאַקובאָוויטש, צוזאַמען מיט אַנדערע זיבן, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך אויפהענגען. צוויי אַנדערע זיינען פאַראורטיילט געוואָרן אויף פיר יאָר קאַטאָרגע, איינער צו פיר מאָנאַטן טורמע און דריי פון די אָנגעקלאָגטע זיינען פרייגעשפּראָכן געוואָרן. די יעניקע וואָס זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, האָט מען גלייך אָוועקגעפירט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג, וווּ זיי האָבן צוויי וואָכן צייט געוואַרט יעדע מינוט אויפן טויט. אויף דער דריטער וואָך האָט דער קיסר פאַר לאָפּאַטינען, סטאַראָדוואָרסקין, קאָנאַשעוויטשן, סערגעי איוואַנאָוון און אַנטאָנאָוון, פאַרביטן די טויט־שטראָף אויף אייביקער פאַרהאַפטונג אין דער שליסלבורגער פעסטונג. יאַקובאָוויטש און סאָלאָווא איז די טויט־שטראָף פאַרביטן געוואָרן אויף 20 יאָר קאַטאָרגע און מען האָט זיי באַלד אָוועקגעשיקט אויף האַלב־אינדזל קאַראַ.

סוף יאָר 1887 האָט מען געבראַכט קיין שליסלבורג לאָפּאַטינען, סערגעי איוואַנאָוון און אַנטאָנאָוון צוזאַמען מיט סטאַראַדוואָרסקין און קאָנאַשעוויטשן.

8

אין די אָפיציעלע באַריכטן פון דעם טורמע־אויפזעער וועגן לאָפּאַטינס אויפפירונג אין שליסלבורג ווידערהאָלט זיך כמעט שטענדיק די זעלבע פראַזע: „ער שווייגט, איז שטענדיק פאַרכמורעט און צייטנווייז גאַליק"...

אונטער דעם איינפלוס פון זיין געווייגלעכער שטימונג האָט לאָפּאַטין איינמאָל, אין יאָר 1888, אויפגעשריבן אַ כאַראַקטעריסטישע „עלעגיע", וואָס די זשאַנדאַרן האָבן ביי אים דערנאָך געפונען און האָבן עס גלייך אָוועקגעשיקט צום פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

אָט איז דאָס ליד, וואָס איך גיב דאָ איבער אין אַ פרייער איבערזעצונג:

פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג און די שעה,
ווען כ'האָב די תפיסה־ווענט צום ערשטן מאָל דערזען,
מיטן לעצטן שטראַל פון פרייהייט.
און ווען איך האָב אויף אייביק זיך געזעגנט

פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג און די שעה
ווען כ׳האָב אין שווערן טיפן פיין,
דערדריקט פון אומגליק און פון שאַנד,
מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט די הענט.
פאַרשאָלטן זאָל דער טאָג זיין און די שעה,
ווען ס׳האָט מיין מאַמע מיך אויף מאַטערניש געבאָרן,
מיך דעמאָלט ניט דערוואָרגן.

לאָפּאַטינס געדיכט האָט געהאַט נאָך פינף פערזן און יעדער פערז האָט זיך אָנגעהויבן מיט די זעלבע ווערטער:

„פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג און די שעה"...

לאָפּאַטין האָט דאָס גאַנצע ליד דורך דער וואַנט אויסגעקלאַפּט ווערא פיגנערן. פיגנער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, וואָס לאָפּאַטין איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ פעסימיסטישער שטימונג און האַלט אין איין פאַרשילטן דעם טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן. האָט זי געענטפערט לאָפּאַטינען מיט דער פאָלגנדער פאָעמע:

באַשערט איז אונדז געווען דאָס גליק: די כוחות, די בעסטע
דעם קאַמף פאַר דער פרייהייט צו שענקען.
איצט זיינען מיר גרייט ביז דער שעה פונעם טויט
צו ליידן און דולדן פאַר דער פרייהייט פון פאָלק,
ליידן אָן פאָרוואורף, ליידן אָן קללות,
נאָר רואיק און באַשיידן אין דער שטילקייט פאַרגיין,
און מיט אונדזער שטילן ליידן רופן די ייִנגערע ברידער
צו קעמפן פאַר פרייהייט און גלייכקייט נאָך אונדז...

אַלע געפאַנגענע האָבן איינגעשטימט, אַז פיגנערס ענטפער איז געווען אַ געלונגענער און לאָפּאַטין אַליין האָט דערנאָך איבערגעגעבן ווערא פיגנער, אַז ער האָט געוויינט, ווען ער האָט איר ליד געלייענט...

לאָפּאַטין האָט מוטיק אַריבערגעטראָגן די אַלע שרעקלעכע ליידן אין שליסלבורג. בלויז די דערינערונגען וועגן די אַדרעסן און די צעטלעך, וואָס די זשאַנדאַרן האָבן ביי אים פאַרכאַפּט בעת ער איז אַרעסטירט געוואָרן, האָבן אים כסדר פאַרשאַפט גרויסע שמערצן. אויך אין שליסלבורג האָט ער זיך געהאַלטן מיט ווירדע, און אַפילו די טורמע־וועכטער האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט אַ געוויסן דרך־ארץ, אַזוי ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַר אים. לאָפּאַטין איז ווי פריער געווען אין אַ זייער געדריקטער שטימונג. אין יאָר 1889 האָט ער די שטימונג אויסגעדריקט אין פאָלגנדן געדיכט:

דוד שוב

שוין ווידער קומט צו אונדז פֿון קירך
דער טרויעריקער קלונג פֿון זייגער,
און וועקט אין מידן הארצן אויף
צוריק די טיפֿע אַלטע ווונדן,
דערמאָנענדיק אונדז יעדעס מאָל,
ווי עס פֿאַרפֿליסט, פֿאַרגייט דאָס לעבן,
ווי יעדע שעה, וואָס גייט פֿאַרביי,
לאָזט איבער אונדז אַלץ נייע פּיינען, —
ביז שלאָגן וועט די לעצטע שעה
און וועט דעם טויט אונדז ברענגען דאָ.

ערשט שפּעטער האָט ער ביסלעכוויז אָנגעהויבן צוריקצוקומען צו זיך. ער האָט ליב געהאַט „צו שמועסן" מיט זיינע שכנים דורך קלאַפּן אין די ווענט. ער פֿלעגט אויף אַזאַ אופֿן אַנטוויקלען פֿאַר זיי גאַנצע טעאָריעס און פֿירן מיט זיי דעבאַטן.

איין מאָל איז שיעור ניט געקומען צו אַ טראַגעדיע צוליב לאָפּאַטינען. לאָפּאַטין איז געזעסן ווייט פֿון ווערא פֿיגנער. כמעט יעדן טאָג פֿלעגט ער איר ווידמענען לידער און זיי איבערשיקן דורך קלאַפּן אין וואַנט צו זיין נאָענטסטן שכן, מיט אַ ביטע, אַז יענער זאָל עס איבערגעבן זיין צווייטן שכן און אַזוי ווייטער, ביז דאָס ליד פֿלעגט דערגיין צו ווערא פֿיגנער. אייניקע פֿון די געפֿאַנגענע זיינען צוליב דעם געוואָרן שטאַרק אייפֿערזיכטיק אויף לאָפּאַטינען און זייער נערוועז. לאָפּאַטין אָבער האָט זיך מיט דעם ניט גערעכנט. ווערא פֿיגנערן איז די זאַך געוואָרן זייער ניט אָנגענעם, האָט זי געלאָזט וויסן לאָפּאַטינען, אַז ער זאָל אויפֿהערן שיקן איר לידער. לאָפּאַטין האָט זיך שטאַרק באַליידיקט און האָט אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו שרייבן לידער.

שפּעטער, ווען מען האָט די געפֿאַנגענע דערלויבט אויסצושרייבן ביכער און אַלטע זשורנאַלן, פֿלעגט לאָפּאַטין גאַנצע טעג זיצן און לייענען. ער האָט אויך איבערזעצט אַ ריי ביכער פֿון פֿאַרשידענע שפּראַכן. מיט פֿיזישער אַרבעט האָט ער זיך ווייניק באַשעפֿטיקט. ער פֿלעגט נאָר יעדן טאָג מאַכן גימנאַסטיק און אָפּגיסן זיך מיט קאַלטע וואַסער.

פֿון דעם נייעם אַרעסטאַנט גערשונין, דעם פֿירער פֿון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן וועמען מען האָט געבראַכט קיין שליסלבורג אין 1904 האָבן די געפֿאַנגענע זיך דערוווּסט מיט אַלע איינצלהייטן, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין פּאָליטישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון רוסלאַנד פֿאַר די פּאָר צענדליק יאָר, וואָס זיי זיינען געווען איינגעמויערט אין שליסלבורג. אַרום מיטן אָקטאָבער 1905 האָבן די געפֿאַנגענע אָנגע־

הויבן צו באמערקן, אַז די זשאַנדאַרן לייענען מיט גרויס אינטערעס צייטונ־גען. זיי האָבן געזען, ווי יעדער איינער פֿון די וועכטער און פֿון די אַנדערע באַאַמטע פֿון דער פֿעסטונג וואַרפֿט זיך גלייך אַרויף אויף די צייטונגען, וואָס מען ברענגט צו טראָגן, און אָפֿט לייענט איינער הויך פֿאַר פֿון דער צייטונג און די אַנדערע הערן זיך אויפֿמערקזאַם צו.

אַרום דעם 18טן אָקטאָבער האָט דער געפֿאַנגענער מיכאַאיל פּאָפּאָוו אַ פֿרעג געטאָן ביי איינעם פֿון די אונטער־אָפֿיצערן:

„וואָס הערט זיך עפּעס אין די צייטונגען?"

„נייעס איז פֿאַראַן אַ סך", האָט דער אונטער־אָפֿיצער געענטפֿערט, — „אָבער איך האָב מורא אַרויסצורײדן אַן איבעריק וואָרט. איר ווייסט דאָך אַליין, וואָס מיר קענען דערפֿאַר באַקומען".

אין אַ מינוט אַרום אָבער האָט ער זיך דאָך ניט איינגעהאַלטן און האָט אַ זאָג געטאָן: „דאָרטן האָט מען מיט דער פּיאַטע אַזוי אָנגעטראָטן דער ביוראָקראַטיע אויפֿן עק, אַז עס פֿליען אַזש פֿונקען". און ער איז שנעל אַוועק...

אין גיכן נאָך דעם איז צוגעקומען דער אויפֿזעער, און ווען פּאָפּאָוו האָב ביי אים אַ פֿרעג געטאָן: „וואָס הערט זיך" האָט דער אויפֿזעער געענטפֿערט: „היינט איז פֿאַראַן אַ גרויסע נייעס. נעכטן איז שוין אַרויס־געגעבן געוואָרן אַן אמתע קאָנסטיטוציע. איצט וועט די דומאַ שוין זיין ניט קיין ראַטגעבנדיקע קערפּערשאַפֿט, נאָר אַ געזעצגעבנדיקע".

„זייער אָנגענעמע נייעס", האָט פּאָפּאָוו באַמערקט. — אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, געוויינלעך אין אַנדערע לענדער, ווען מען האָט געשאָנקען אַ קאָנסטיטוציע, האָט מען גלייכצייטיק אויך דערקלערט אַן אַמנעסטיע פֿאַר אַלע פּאָליטישע פֿאַרברעכער. ביי אונדז הערט זיך וועגן אַן אַמנעסטיע גאָרניט?"

„דערווייל ניט", — האָט דער אויפֿזעער געענטפֿערט, און איז אַוועק. אָבער דער אונטער־אָפֿיצער, וועלכער איז געשטאַנען לעבן פּאָפּאָוון האָט (ווען דער אויפֿזעער איז אַוועק) אים שטיל אַ זאָג געטאָן:

„ער באַהאַלט פֿון אייך. דאָרטן פֿאָדערט מען אַן אַמנעסטיע פֿאַר אייך, און מען וועט אייך זיכער אַוועקפֿירן פֿון דאַנען. יעדנפֿאַלס זיכער ניט שפּעטער ווי דעם 20טן פֿעברואַר, ווען די דומאַ וועט זיך עפֿענען".

און דער זשאַנדאַרמסקי אונטער־אָפֿיצער האָט פּאָפּאָוון ווייטער דער־ציילט וועגן דעם אַלגעמיינעם שטרייק וואָס איז פֿאָרגעקומען אין גאַנצן לאַנד. „קיינער" — האָט ער געזאָגט — „האָט פֿאַר קיין געלט ניט געוואָלט שטעלן זיך צו דער אַרבעט, און דערפֿאַר זיינען די באַנען ניט געגאַנגען

מיט איין וואָרט, אַלץ איז געווען אָפּגעשניטן. ווער עס איז געווען אין וועג, איז געבליבן אין וועג"...

„נו, און איצטער?" — האָט פּאָפּאָוו געפֿרעגט.

„איצטער", — האָט דער אונטער־אָפֿיצער געענטפֿערט, — „האָט זיך צוריק אָנגעהויבן באַוועגן, ווייל זיי האָבן נאָכגעגעבן. וואָס האָט זיך דאַרטן ניט אָפּגעטאָן?! עס איז איינפֿאַך אַ פֿאַרגעניגן צו לייענען. מען האָט זיי שוין איינמאָל דערלאַנגט דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן אין יאַפּאַנעזישן ים אַרונטערגעלאָזט די מאַטראָסן, אַז די ראַקעס זאָלן זיי דאָרטן אויפֿפֿרעסן. מיט איין וואָרט, איצט איז אין רוסלאַנד שוין ניטאָ אַזאַ נאַר וואָס זאָל זאָגן, אַז אַלץ דאַרף זיין ווי עס איז געווען ביז אַהער. אַלע האָבן אָנגעהויבן קוקן מיט אָפֿענע אויגן..."

פּאָפּאָוו האָט גלייך איבערגעגעבן די איבעריקע חברים אַלץ, וואָס ער האָט געהערט פֿון דעם אונטער־אָפֿיצער, און זיי האָבן אַלע באַשלאָסן, אַז מען דאַרף רואיק וואַרטן אויפֿן 20טן פֿעברואַר, 1906, ווען די דומאַ וועט זיך עפֿענען. נאָר איין מאַראָזאָוו האָט געהאָפֿט אויף אַ באַלדיקער באַפֿרייאונג. ווען פּאָפּאָוו און גערשוני זיינען איינמאָל געזעסן אין גאָרטן און געלייענט אַ נומער פֿון אַ פֿאַראַיאָריקן זשורנאַל, איז מיטאַמאָל צו זיי צוגעלאָפֿן אַ פֿאַרסאַפּעטער לאָפּאַטין און האָט כמעט ווי אויסגעשריגן: „וואָס זיצט איר דאָ, גייט אַהין אין ערשטן גאָרטן, דאָרטן זיינען שוין אַלע... אַן אַמנעסטיע!"....

אין ערשטן גאָרטן זיינען געווען פֿאַרזאַמלט, אויסער אַלע געפֿאַנגענע, דער קאָמענדאַנט פֿון דער פֿעסטונג, דער אויפֿזעער פֿון דער טורמע, דער דאָקטער און אַלע אָפֿיצערן. דער קאָמענדאַנט האָט זיי איבערגעלייענט אַ דאָקומענט, לויט וועלכן לאָפּאַטין, מאָראָזאָוו, פֿראָלענקאָ, לוקאַשעוויטש, סערגעי איוואַנאָוו, פּאָפּאָוו, אַנטאָנאָוו און נאָוואָרוסקי ווערן אינגאַנצן באַפֿרייט פֿון שליסלבורגער פֿעסטונג, און קאַרפּאָוויטש, גערשונין און מעלניקאָוו, וועלכער איז געבראַכט געוואָרן קיין שליסלבורג צוזאַמען מיט גערשונין, איז דער קאַטאָרגע־טערמין פֿאַרקירצט געוואָרן ביז פֿופֿצן יאָר.

קיין באַזונדערע אויפֿרעגונג האָט זיך ניט געפֿילט צווישן זיי. עס איז געשען דאָס, וואָס האָט געדאַרפֿט געשען. צוויי טאָג האָבן זיי נאָך געדאַרפֿט פֿאַרברענגען אין שליסלבורג. די צוויי טעג האָבן זיי פֿאַרבראַכט אין קלייבן זיך אין וועג אַריין און אין טיילן זיך מיט זייערע איינדרוקן פֿון דער גרויסער איבערקערעניש, וואָס איז פֿאָרגעקומען סיי אין זייער אייגן לעבן און סיי אין דעם לעבן פֿון לאַנד. איצט זענען דער קאָמענדאַנט, דער אויפֿזעער און די אַנדערע אָפֿיצערן געקומען צו זיי ווי צו פֿרייע בירגער. מען האָט יעדן איינעם שוין גערופֿן ביים נאָמען. מען האָט זיי אַלע ווילע גע־

האַלטן אין איין ברעננען פאַרשידענע געשמאַקע מאכלים און נאַשערייען. דעם אויפזעערס ווייב האָט זיי געבראַכט אַן אויסערגעוויינלעך־געשמאַקן טאָרט. דער דאָקטער האָט זיי געבראַכט שאָקאָלאַד און געוויכערטע פיש. צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר זיינען די געפאַנגענע ענדלעך אַרויס אויף דער פרייער וועלט. ביי די מערסטע פון זיי האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ און זיי האָבן קוים געקענט גיין. דערנאָך האָט מען זיי, אין דער באַגלייטונג פון באַוואָפנטע זשאַנדאַרן, אַרויפגעזעצט אויף אַ דאַמפער. ווען דער דאַמפער איז אָפּגעשוווּמען פון האַפן, האָט מען זיי דערלויבט אַרויפצוקומען אויפן דעק און דאָרטן האָבן זיי צום ערשטן מאָל דערזען אַ פרייען הימל און דעם ברייטן טייך נעווא. די ערשטע מינוטן אָבער זיינען זייערע בליקן געריכטעט געווען ניט אויף דער שיינער נאַטור, נאָר אויף דעם שטיינערנעם בית־עולם, ווו עס איז באַגראָבן געוואָרן זייער יוגנט און ווו עס זיינען אומגעקומען מיט אַזאַ שרעקלעכן טויט פיל פון זייערע טייערסטע חברים.

מען האָט זיי געבראַכט קיין פעטערבורג און אַריינגעזעצט אין פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. אויף מאָרגן האָט מען זיי דערלויבט צו זען זיך מיט די קרובים. לאָפּאַטינען האָט מען אויף מאָרגן דערלויבט צו זען זיך מיט זיין זון און אויך מיטן ברודער, וועלכער איז ספּעציעל געקומען צו פאָרן פון ווילנע משתדל זיין זיך, אַז מען זאָל אים באַפרייען. דערנאָך האָט מען אים דערלויבט צו זען זיך מיט אַנדערע קרובים. אין אַ וואָך אַרום האָט די רעגירונג דערלויבט לאָפּאַטינס ברודער צו נעמען אים צו זיך קיין ווילנע אויף ערבות. דעם 8טן נאָוועמבער האָט מען לאָפּאַטינען גלייך פון פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג געבראַכט אויפן וואָקזאַל און אַריינגעפירט צייטווייליק אין דער זשאַנדאַרמעריע־אָפּטיילונג. דאָרטן האָבן שוין געוואַרט אויף אים פּיאָטר לאַווראָוו טאָכטער און אייניקלעך. (לאַווראָוו אַליין איז מיט צען יאָר פריער געשטאָרבן אין פּאַריז), ווי אויך אייניקע געוועזענע מיטגלידער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און פיל ראַדיקאַלע שריפטשטעלער. זיי האָבן אים אַלע באַגריסט. לאָפּאַטין איז געווען אַזוי צורודערט, אַז אַלס ענטפער אויף די באַגריסונגען, האָט ער קוים אַרויסגערעדט נאָר אַ פּאָר ווערטער, וועלכע קיינער האָט ניט געהערט. מיט אַ צען־פופצן מינוטן איידער דער צוג האָט געזאָלט אַוועקגיין, האָט מען אים „איינגעלאַדן" אַריינצוגיין אין וואַגאָן. אַ חוץ דעם ברודער, האָט אים קיין ווילנע אויך באַגלייט זיין זון, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט אַלס קליין קינד. ווען דער צוג איז אָנגעקומען קיין ווילנע, האָט מען זיי, אין באַגלייטונג פון שפּיאָנען, געבראַכט אין דער דאָרטיקער זשאַנדאַרמעריע־אָפּטיילונג. און ערשט דעם 9טן נאָוועמבער, צוויי אַזייגער ביי טאָג, איז לאָפּאַטין,

נאָכדעם ווי ער איז איין און צוואַנציק יאָר מיט אַ מאָנאַט אָפּגעזעסן אין טורמע אין אַן איינצלנער צעל, צום ערשטן מאָל געגאַנגען איבער די גאַסן פון אַ רוסישער שטאָט אין פּאָליציייאישע באַגלייטער, געאָרעמט מיט זיין ברודער און זון. דעם טאָג האָט לאָפּאַטין געהאַלטן פאַר זיין צווייטן געבורטסטאָג....

9

אין שליסלבורגער פעסטונג איז לאָפּאַטין אריין נאָך אַ יונגער מענטש פול מיט לעבן. ארויסגעקומען פון דאָרט איז ער שוין אַן אַלטער מאַן, אָבער ווי פריער זייער אַן ענערגישער און לעבנסלוסטיקער. אין ווילנע זיינען געקומען אים באַזוכן אויך אַנדערע פון זיינע אַמאָליקע פריינד און פאַרערער. אַן אינטערעסאַנטע באַגעגעניש האָט ער געהאַט מיט דער מאַדאַם נעלידאָוואַ. אין יאָר 1883 איז די נעלידאָווא געווען נאָך זייער אַ יונגע פריילין און האָט געוווינט אין מאָסקווע. זי איז געווען אַ מאָלערין און האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין איינעם פון די בעסטע רוסישע זשורנאַלן אייניקע אַרטיקלען. לאָפּאַטין האָט דעמאָלט געלעבט אומלעגאַל אין מאָסקווע אונטער אַ פרעמדן נאָמען. די נעלידאָווא האָט זיך מיט אים געטראָפן אין הויז פון אַ מאָסקווער ליטעראַט. ער האָט זייער אינטערעסאַנט דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט קאַרל מאַרקסן, מיט באַקונינען, לאַווראָוון, גאַריבאַלדין און אַנדערע. זי האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, ווער קען עס זיין אָט דער מאַן, און פאַרוואָס איז דער נאָמען ניט באַקאַנט אין די קרייזן פון דער מאָסקווער אינטעליגענץ. פאַרן אוועקגיין האָט זי אים איינגעלאַדן, אַז ער זאָל קומען אַמאָל איר באַזוכן. אויף מאָרגן איז ער טאַקע געקומען. מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך האָט זי ניט געוווּסט. אינגיכן האָט זי זיך דערוווּסט פון אַ מאָסקווער שריפטשטעלערין, אַז דאָס איז דער באַרימטער הערמאַן לאָפּאַטין, וועלכער איז געפאָרן באַפרייען פון סיביר טשערנישעווסקין. טשערנישעווסקיס נאָמען איז אויך דער נעלידאָווא געווען זייער טייער.

לאָפּאַטין האָט גענומען אָפט אריינקומען צו דער נעלידאָווא. זי אַליין איז געווען זייער ווייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער פלעגט קומען אַ מידער און אָפּזיצן שעהן־לאַנג און שמועסן מיט איר וועגן אַלץ אין דער וועלט, אָבער ניט וועגן רעוואָלוציע און פּאָליטיק. איינמאָל האָט זי אים געפרעגט:

„זאָגט, איך בעט אייך, פאַרוואָס רעדט איר מיט מיר קיין מאָל ניט וועגן פּאָליטיק, וועגן רעוואָלוציע?"

לאָפּאַטין האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

„דערפאַר וואָס איך דענק, אַז איר דאַרפט זיך מיט דעם ניט פאַרנעמען,

איר זייט ניט געבוירן געוואָרן פֿאַר דעם. זאָל בעסער אַלץ בלייבן ווי פֿריער. איר האָט מיר פֿאַרשפּראָכן איבערצולייענען אייערע קאָרעספּאָנדענצן, לייענט מיר זיי פֿאָר"...

לאָפּאַטין איז דאַן איינגיכן אַוועקגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט די נעלידאָווא איבערגעלייענט אין די צייטונגען, אַז לאָפּאַטין איז אַרעסטירט געוואָרן אין מיטן העלן טאָג, אויפֿן גאַס. אין דריי יאָר אַרום, ווען זי איז שוין געווען פֿאַרהייראַט, און זי האָט איבערגעלייענט אין צייטונג, אַז לאָפּאַטין איז פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט, האָט זי זיך צעוויינט הויך אויפֿן קול.

עס זיינען אַוועק אַ צענדליק יאָר. איר מאַן איז שוין לאַנג געווען טויט, און זי האָט זיך געהיילט אין דייטשלאַנד, ווען זי האָט זיך דערוווּסט פֿון די צייטונגען, אַז לאָפּאַטין איז אַרויס פֿון שליסלבורג און געפֿינט זיך אין ווילנע. האָט זי אים תיכף טעלעגראַפֿירט, אַז זי פֿאָרט קיין ווילנע. לאָפּאַטין איז געקומען צום וואָקזאַל איר באַגעגענען. זיי האָבן זיך גלייך איינע די אַנדערע דערקענט. די באַגעגעניש איז געווען זייער אַ האַרציקע. דעם גאַנצן וועג פֿון וואָקזאַל צום האָטעל האָבן זיי כמעט ניט גערעדט. ערשט נאָכדעם אין האָטעל, ווען מען האָט אַריינגעטראָגן אירע זאַכן און זיי זיינען געבליבן אַליין אין צימער, האָט לאָפּאַטין איר אָנגענומען פֿאַר ביידע הענט און געזאָגט:

„אנו, ווייזט ווי אַזוי איר קוקט איצט אויס. נעמט אַרונטער די הוט".

זי האָט אויסגעטאָן די הוט, ער האָט גלייך אַרונטערגעלאָזן די הענט און האָט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ אַ זאָג געטאָן:

„אַ גראָע! גאָט מיינער, ווי לאַנג דאַכט זיך..."

„שוין לאַנג, מיר דוכט זיך, אַז איר האָט שוין מיך געזען אַ גראָע"....

„וואָס רעדט איר, ניין, ניין. איר האָט דאָך געהאַט אַזוינע ווונדער שיינע ברוינע האָר", האָט ער געזאָגט מיט אַ באַליידיקטן טאָן, פּונקט ווי מען וואָלט ביי אים עפּעס צוגענומען.

„ער", שרייבט נעלידאָווא, „האָט, פֿאַרשטייט זיך, אויך געענדערט זיך. ער איז גראָ געוואָרן און זיין פּנים האָט זיך באַדעקט מיט קנייטשן, אָבער זיין פֿיגור איז ווי פֿריער געווען אַ מעכטיקע".

ער איז אַוועק און אויף מאָרגן אין דער פֿרי איז ער ווידער געקומען צו איר אין האָטעל.

„עס איז געווען עפּעס אַזוי מאָדנע", שרייבט נעלידאָווא, „וואָס נאָך דעם אַלעם, וואָס ער און אויך איך האָבן איבערגעלעבט דורך די עטלעכע און צוואַנציק יאָר זיינען מיר נאָך אַלץ געווען לעבעדיק און האָבן געקענט וואַנדערן איבער די ווילנער גאַסן, גיין אומגעשטערט געאָרעמט און שמועסן וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט. קיין קעגנוואַרט איז שוין ניט געווען..."

באַלד ווי לאָפּאַטין איז אַרויס פֿון שליסלבורג, האָט ער דורך וויקטאָר טשערנאָוו איבערגעגעבן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן די רעשטלעך פֿאָנדן פֿון דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וואָס זיינען פֿון 1884טן יאָר אָן געלעגן אין איינעם פֿון די רוסישע בענק. ער האָט דערמיט אַזוי ווי באַשטעטיקט אַז די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן איז די אידייאישע יורשטע און די אוממיטלבאַרע פֿאָרזעצערין פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". קיין מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן איז לאָפּאַטין אָבער ניט געוואָרן. צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז ער אויך ניט צוגעשטאַנען. קאַרל מאַרקסן האָט ער טאַקע געשטעלט העכער פֿון אַלעמען, אָבער קיין מאַרקסיסט, אין דעם זין ווי די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן עס פֿאַרשטאַנען, איז ער ניט געווען. ווען מען פֿלעגט ביי לאָפּאַטינען פֿרעגן, פֿאַרוואָס ער שליסט זיך ניט אָן אָן איינער פֿון די צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פֿלעגט ער ענטפֿערן האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס:

פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איבלט מיך און פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן פֿאַרדרייט זיך ביי מיר דער קאָפּ..."

דאָך איז אים די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן געווען פֿיל נענטער. אין יאָר 1908 איז לאָפּאַטין אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד. דאָרט איז ער ניט געזעסן אויף אָן אָרט. ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין אַרומפֿאָרן און באַזוכן זיינע אַלטע און נייע פֿריינט.

ער איז אומעטום געווען זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט, און פֿלעגט גערן דערציילן וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט.

אין זומער פֿון יאָר 1908 האָט וולאַדימיר בורצעוו גענומען אָפּן באַשולדיקן דעם פֿירער פֿון דער טעראָריסטישער קאַמפֿ־אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, יונה אַזעף, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַז ער גיט אַרויס דער פּאָליציי אַלע וויכטיקע טעראָריסטן. די פֿירער פֿון דער פּאַרטיי זיינען געווען גוואַלדיק איינגעגלויבט אין אַזעפֿן. זיי האָבן אים באַטראַכט פֿאַר דעם פּעאיקסטן, איבערגעגעבנסטן און מוטיקסטן רעוואָלוציאָנער. האָבן זיי דעריבער בורצעוון אָנגעקלאָגט פֿאַר אַן ערן־געריכט דערפֿאַר, וואָס ער פֿאַרשפּרייט אַזוינע שענדלעכע קלאַנגען וועגן אַזעפֿן. אַלס ריכטער זיינען אויסגעקליבן געוואָרן לאָפּאַטין, וועראַ פֿיגנער, און פּיאָטר קראָפּאָטקין. דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער געהיימער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ פֿון די סאָציאַלסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן. אויף יענער קאָנפֿערענץ איז אָנוועזנד געווען די גאַנצע „אַלטע גוואַרדיע": לאָפּאַטין, פֿיג־

נער, לעאָניד שישקאָ, פעליקס וואָלכאָווסקי, מארק נאטאנסאָן, אברהם באך, מיכאאיל פראָלענקאָ און פיל אַנדערע אַלטע רעוואָלוציאָנערן פון דער „נאראָדנאיא וואָליא" און נאָך פון די צייטן פון פאר דער „נאראָדנאיא וואָליא".

לאָפּאַטין האָט אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען ערב דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ, דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט קאַרל מאַרקסן אין לאָנדאָן, און ווי אַזוי מאַרקס האָט איינמאָל אַ גאַנצן אָוונט אָפּגערעדט און האָט אים, לאָפּאַטינען, ניט געגעבן די מעגלעכקייט אַפילו אַ וואָרט אויסצורעדן.

„דערפאַר, הערמאַן" — האָט ווערא פיגנער לאַכנדיק באַמערקט — „האָסטו זיך היינט מיט אים אָפּגערעכנט..."

דער געריכט איבער בורצעוון האָט זיך איינגיכן פאַרוואַנדלט אין אַ משפט איבער אַזעפן. בורצעוו האָט געבראַכט אַזעלכע באַווייזן, אַז לאָפּאַטין האָט פריער פון אַלעמען איינגעזען, אַז אַזעף איז שולדיק, און ער האָט נאָך איידער מען האָט אַזעפן געפונען שולדיק, דערקלערט פאַר אייניקע פירער פון דער פאַרטיי, אַז אויף דעם גרונט פון אַזעלכע באַווייזן ווי די, וואָס זיינען דאָ געבראַכט געוואָרן, פלעגט מען אין די צייטן פון דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער „נאראָדנאיא וואָליא" דערהרגענען דעם באַשולדיקטן.

באַלד נאָכן משפט איז לאָפּאַטין אוועקגעפאָרן קיין איטאַליע. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך קומען קיין פאַריז. אין פאַריז האָט ער זייער פיל געהאָלפן בורצעוון אין דער אַרבעט פון אויפדעקן די שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס.

דער היסטאָריקער מעלגונאָוו, וועלכער איז אין יענע יאָרן געווען באַפריינדט מיט לאָפּאַטינען, דערציילט, אַז לאָפּאַטינס שוואַכקייט זיינען געווען „דאַמען". שטענדיק איז ער געווען אַרומגערינגלט פון דאַמען, און דערפאַר פלעגט מען אים אָפּט קיבעצן. כמעט אַלע פרויען, מיט וועלכע לאָפּאַטין האָט זיך געטראָפן, זיינען געווען אין אים אַ ביסל פאַרליבט און האָבן אים שטענדיק באַוווּנדערט. די דאַמען פון זיינע יאָרן פלעגן אין זיין געזעלשאַפט עפּעס אַזוי ווי יינגער ווערן, דערמאָנענדיק זיך אין די אַמאָליקע טעג פון דער שיינער יוגנט.

ווערא פיגנער איז געווען אַ מיטגליד פון דער פאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און איז געווען טעטיק אין פּאָליטיק. לאָפּאַטין אָבער איז שוין צו אַלט געווען צו פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטישער טעטיקייט. ווען די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון אַ געוויסן ראַדיקאַלן היסטאָרישן זשור־

נאָל, פֿון וועלכן לאַפּאַטין איז געווען אַ מיטאַרבעטער, האָבן אים אין יאָר 1916 צוגעשיקט אַ באַגריסונג צו זיין 70־יאָריקן יובילי, האָט ער זיי אין אַ בריוו הארציק באַדאַנקט און האָט גלייכצייטיק באַמערקט, אַז די באַגריסונג פֿאַרשאַפֿט אים אמתע גייסטיקע יסורים, צוליב דעם, וואָס ער פֿילט, אַז ער האָט ווירקלעך ניט פֿאַרדינט די אַלע לויב־געזאַנגען.

10

די לעצטע יאָרן פֿאַר דער רעוואָלוציע האָט לאַפּאַטין געוווינט אין פּעטערבורג, אין ליטעראַטן־הויז. דאָרט האָבן אויך געוווינט אייניקע אַנדערע אַלטע רעוואָלוציאָנערן.

סוף פֿעברואַר, 1917, ווען עס האָבן אויסגעבראָכן אין פּעטערבורג די אומרוען, איז לאַפּאַטין געווען איינער פֿון די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די גאַסן־דעמאָנסטראַציעס פֿון די אַרבעטער און סטודענטן. ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, ווי אַזוי די סאָלדאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן אין די דעמאָנסטראַנטן און זיינען אַריבער אויף דער זייט פֿון אויפֿגעשטאַנענעם פֿאָלק. אין אַ בריוו, וואָס לאַפּאַטין האָט דעם 28טן פֿעברואַר (13טן מערץ לויטן נייעם סטיל) 1917, אַוועקגעשיקט צו זיינעם אַן אַלטן פֿריינד, אַ זשורנאַליסט, אין אָדעס, האָט ער געשריבן:

„כדי צו באַשרייבן אַלץ, וואָס איך האָב געזען, איבערגעלעבט און דורכגעפֿילט אין אָט דעם אויף אייביק אומפֿאַרגעסלעכן פֿאַר מיר טאָג, דער גליקלעכסטער טאָג פֿון מיין לעבן, וואָלטן זיך געפֿאָדערט גאַנצע בענד. נאַטירלעך, האָב איך אַ גאַנצן טאָג און אָוונט פֿאַרבראַכט צווישן די אויפֿגעשטאַנענע אַרבעטער און סאָלדאַטן, וואָס זיינען אַריבער אויף זייער זייט. איך בין אָנוועזנד געווען ביי זייערע זיגן און מפּלות. אָך, וויפֿל וואָלט איך אָפּגעגעבן נעכט, כדי צו קענען וואַנדערן אונטערן אָרעם מיט אַ זעענדיקער באַגלייטערין. מיינע אויגן זיינען איצט זייער אין אַ שלעכטן צושטאַנד. צוליב דעם בין איך ניט איינמאָל פֿאַרקראָכן אין פּלעצער, וווּ מען האָט כסדר געהאַלטן אין שיסן פֿון ביקסן און קוילן־וואַרפֿערס, און כ׳בין געבליבן שטיין אויף אַן אָרט אַפֿילו דאַן ווען מיינע צופֿעליקע חברים פֿלעגן צייטווייליק זיך צעלויפֿן. ווייל פֿאַלן אַן אונטערגעשאָסענער פֿון אַ קויל אין אַזאַ פֿייערלעכן טאָג ביים סוף פֿון מיין לעבן וואָלט איך באַטראַכט פֿאַר אַ גליק".

די גאַנצע אַכט מאָנאַטן ביז דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש פֿלעגט לאַפּאַטין, ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז שוין געווען האַלב־

בלינד, טאָג און נאַכט פאַרברענגען אויף פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען און זיצונגען. ווי אַלע איבעריקע אַלטע רעוואָלוציאָנערן, איז לאַפּאַטין געווען אַ ביטערער קעגנער פון די באָלשעוויקעס און ער האָט שטאַרק קריטיקירט קערענסקין דערפאַר, וואָס ער נעמט ניט אָן קיין שטרענגע מיטלען צו מאַכן אומשעדלעך לענינען און טראָצקין.

אין פרילינג פון יאָר 1917 האָט לאַפּאַטין, טרעפנדיק זיך צופעליק מיט אַן אַלטער באַקאַנטער אין אַ פּעטערבורגער טראַמוויי, איר געזאָגט:

„אָט ווי איר זעט, פאַר איך טרייסטן די אַלמנה ס. וו. פאַר איר איז שרעקלעך אין אַזעלכע אַלטע יאָרן צו פאַרלירן אַזאַ נאָענטן פריינד. אָבער דער גאַנצער טראַגיזם באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז טויב ווי די וואַנט און הערט גאָרניט, וואָס מיר זאָלן צו איר ניט רעדן. ער איז געשטאָרבן און זי איז טויב. און איך אַליין ווער בלינד! בין געווען ביי אַ דאָקטער, אָבער איר ווייסט דאָך, אונדז אַלטע לייט האָט מען גאָר קיין חשק ניט צו היילן. איך האָב עס קלאָר איבערגעלייענט אין די אויגן און אין דער שטים פון דאָקטער, ווי איינער זאָגט: „דו האָסט דיינס שוין אָפּגעלעבט און גענוג". — „אָבער די זאַך איז דאָך" — האָב איך אים געזאָגט — „אַז איך האָב נאָך ניט גענוג, גאָר ניט גענוג געלעבט. איך וויל זען, הערן, פילן דאָס לעבן. איך קען זיך מיטן לעבן ניט אָנזעטיקן! היילט מיר, ברענט, שניידט, מיט וואָס איר קענט, אָבער מאַכט, אַז איך זאָל ניט פאַרלירן די ראיה!"

מען האָט אים געמאַכט ניט איינע, נאָר צוויי אָפּעראַציעס, און ער האָט עטלעכע מאָנאַטן ניט געקענט לייענען. ער האָט אָבער ניט פאַרלוירן דעם מוט. די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש האָט ער זייער שווער איבערגע-לעבט. ער האָט שוין דאַן געליטן פון אַ ראַק אין מאָגן. מען האָט אים אַריבערגעפירט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער שפּיטאָל, און דאָרט איז ער דעם 28סטן דעצעמבער, 1918 געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט ער געזאָגט: „איך האָב אָנגעהויבן מיין באַוווּסטזיניק לעבן אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג צו 20 יאָר, און איצט פאַרענדיק איך אים צו 72 יאָר אין פּעטראָ-פּאַוולאָווסקער שפּיטאָל".

מען האָט אים מקבר געווען אויפן פּעטערבורגער ליטעראַטן-בית-עולם, צווישן זיינע אַלע פריינד, די שריפטשטעלער ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי, גליעב אוספּיענסקי, איוואַן טורגעניעוו און אַנדערע, ביי דער זייט פון דעם פּאָעט פּיאָטר יאַקובאָוויטש, מיט וועלכן ער האָט געאַרבעט צוזאַמען אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", און פון קאַראַאולאָוון, וועלכער איז געווען זיין נאָענטסטער שכן אין שליסלבורגער פעסטונג.

סערגיי סטעפּניאַק-קראַווטשינסקי

(1895 — 1851)

סערגיי סטעפּניאַק-קראַווטשינסקי

(1895 — 1851)

1

דעם 20סטן דעצעמבער, 1895, האָבן טויזנטער איינוווינערס פֿון לאָנדאָן זיך פֿאַרזאַמלט אויפֿן פּלאַץ לעבן וואָקזאַל צו באַגלייטן דעם קערפּער פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם רוסישן רעוואָלוציאָנער, שריפֿטשטעלער און דעמאָקראַטישן סאָציאַליסט סערגיי מיכײַלאָוויטש קראַווטשינסקי, וועלכער איז ווי אַ שריפֿטשטעלער באַרימט געווען אונטערן נאָמען סערגיי סטעפּניאַק. ער איז מיט עטלעכע טעג פֿריער דערהרגעט געוואָרן פֿון אַן אַנקומענדיקן צוג, ווען ער האָט שפּאַצירט פֿאַרטראַכטערהייט לעבן זיין הויז אין אַ לאָנדאָנער פֿאָרשטאָט.

סטעפּניאַק איז געווען אַ פֿריינד פֿון פּיאָטר קראָפּאָטקין, געאָרג פּלעכאַנאָוו, וויערא זאַסוליטש, פֿרידריך ענגעלס, עדוואַרד בערנשטיין, עלעאָנאָראַ מאַרקס, וויליאַם מאָריס און פֿון פֿיל אַנדערע באַרימטע פֿאָרשטייערס פֿון דער ענגלישער און אייראָפּעאישער ליטעראַטור און פֿון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג. סטעפּניאַקס לוויה איז געווען איינע פֿון די אימפּאָזאַנטסטע לוויות, וואָס לאָנדאָן האָט ווען געזען.

דזשאָן בוירנס, דער דעמאָלסט באַרימטער ענגלישער סאָציאַליסטישער פֿירער, וועלכער איז מיט יאָרן שפּעטער געווען אַ מיניסטער פֿון אַ ליבעראַלער רעגירונג, האָט אין זיין געזעגענונגס-רעדע ביי סטעפּניאַקס לוויה געזאָגט:

„איך האָב געקענט סטעפּניאַקן און האָב אין משך פֿון עטלעכע יאָר גענאָסן זיין פֿריינדשאַפֿט און זיינע עצות. איך האָב אים געקענט ווי אַ גוטן, געטרייען פֿריינד פֿון די אונטערדריקטע פֿון אַלע פֿעלקער. ער האָט אין זיך פֿאַראייניקט אַ האַרץ פֿון אַ לייב מיט דער גוטמוטיקייט פֿון אַ קינד. דאָס איז געווען אַ ברייטהאַרציקער מענטש און אַ גרויסע פּערזענלעכקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון אייראָפּע. כדי צו דערקלערן

דאָס פֿאַר דער גאַנצער וועלט, האָבן מיר זיך דאָ אַלע פֿאַרזאַמלט, אין סאַמע האַרץ פֿון לאָנדאָן, ווו מיר באַנוצן זיך מיט דעם, וואָס עס זוכן מיט אַזאַ ליידנשאַפֿט זיך צו דערשלאָגן און פֿאַר וואָס עס קעמפֿן אַלע רוסן אַזוי ווי סטעפּניאַק — די פֿרייהייט".

אַ „בריטהאַרציקער מענטש, אַ האַרץ פֿון אַ לייב און די גוטמוטיקייט פֿון אַ קינד", דאָס זיינען באמת געווען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון דעם פּריצייטיק טראַגיש־אומגעקומענעם סטעפּניאַק. אין דער מערב־וועלט איז ער געווען באַוווּסט ווי סטעפּניאַק, אָבער אין דער רוסישער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג פֿון די 70קער יאָרן איז איינער פֿון די סאַמע פּאָפּו־לערסטע און באַליבטסטע נעמען געווען סערגיי קראַווטשינסקי. זיין נאָמען איז ענג צוזאַמענגעוואַקסן מיט די ערשטע טריט פֿון דער רוסישער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג.

די באַרימטע רעוואָלוציאָנערקע וויערא זאַסוליטש, וואָס איז געווען מיט אים נאָענט באַפֿריינדט אין די אַלע יאָרן, פֿריער אין רוסלאַנד און שפּע־טער אין דער עמיגראַציע אין לאָנדאָן, האָט נאָך זיין טויט געשריבן, אַז קראַווטשינסקי איז פּונקט אַזוי ווי געקומען אויף דער וועלט צוזאַמען מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון די זיבעציקער יאָרן.

וועגן זיין קינדהייט ווייסן כמעט גאָרנישט אַפֿילו זיינע נאָענטסטע פֿריינד. ער האָט קיין מאָל וועגן דעם ניט דערציילט. ווו ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער אַליין אויך נישט געוווּסט. זיין טאַטע איז געווען אַ מילי־טערישער דאָקטער און די גאַנצע פֿאַמיליע פֿלעגט צוזאַמען מיטן רעגימענט אָפֿט אַריבערפֿאָרן פֿון איין פּלאַץ אויף אַ צווייטן. געלערנט זיך האָט סערגיי קראַווטשינסקי פֿריער אין אַ מיליטערישער שול אין אָריאָל, דערנאָך אין אַ פּעטערבורגער אַרטילעריע־שול; דאָרטן האָט ער גראַדואירט ווי אַן אָפֿיצער. ער האָט אין גיכן רעזיגנירט פֿון דער אַרמיי און איז אָנגעקומען ווי אַ סטודענט אין פּעטערבורגער וואַלד־אינסטיטוט.

אין אָנהייב פֿון די זיבעציקער יאָרן, ווען קראַווטשינסקי איז נאָך קיין 20 יאָר נישט אַלט געווען, האָט ער אָנטייל גענומען אין די ערשטע רעוואָ־לוציאָנערע קרייזלעך, וואָס האָבן זיך אין 1872 געגרינדעט אין פּעטערבורג. ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון דעם באַרימט געוואָרענעם „טשייקאָווסקי־קרייזל", איינער פֿון זיינע פּעאיקסטע און טאַלאַנטירטסטע מיטגלידער.

דאָס „טשייקאָווסקי־קרייזל" איז געגרינדעט געוואָרן אין פּעטערבורג נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פֿריער. די גרינדערס האָבן געוואָלט שאַפֿן צווישן דער אינטעליגענץ, איבערהויפּט צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, טוערס פֿאַר אַ רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער באַזע, ווי מען פֿלעג דאַן זאָגן, פֿאַר אַן „עכטער פֿאָלקספּאַרטיי" אין רוסלאַנד. פֿאַר דעם צוועק האָבן די

ערשטע גרינדערס פֿון דעם קרייזל באַשלאָסן אָנצופֿירן אַ סיסטעמאַטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט, אָרגאַניזירן קרייזלעך פֿאַר אַליין־בילדונג, לאַנדסמאַנשאַפֿטן און אַזוי גערופֿענע „קאָמונעס", וואָס זיינען באַשטאַנען פֿון אַזעלכע חברים, וועלכע זיינען גאַר נאָענט געווען פֿאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע.

די מיטגלידער פֿון דעם „טשייקאָווסקי־קרייזל" האָבן זיך אַלע געפֿילט ווי ברידער און שוועסטער. דאָרט האָט געהערשט פֿולשטענדיקע גלייכקייט און אַכטונג צו יעדערנס מיינונגען. ווי מיטגלידער פֿלעגן אַריינגענומען ווערן נאָר אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען אַ חוץ זייערע פֿעאיקייטן און גייסטיקער אַנטוויקלונג אויך מאָראַליש געשטאַנען זייער הויך. די מיטגלידער פֿון „טשייקאָווסקי־קרייזל" זיינען אַלע געווען אָנהענגערס פֿון עטישן סאָציאַליזם. ווערן אַ מיטגליד אין „טשייקאָווסקי־קרייזל" האָט איינער געקענט נאָר דאַן, ווען פֿאַר אים האָבן געשטימט אַלע מיטגלידער פֿונעם קרייזל. ווען אַפֿילו נאָר איין מיטגליד איז געווען מיט עפּעס קעגן אַ פֿאָרגעשלאָגענעם קאַנדידאַט, האָט מען אים שוין נישט אַריינגענומען. אַזוי האָט זיך אין „טשייקאָווסקי־קרייזל" גרופּירט די סמעטענע, אַזוי צו זאָגן, פֿון דער אידעאַליסטישער, שטודירנדיקער יוגנט.

דער „טשייקאָווסקי־קרייזל" האָט פֿון אָנהייב זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרשפּרייטן צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט ווערטיקע ביכער איבער סאָציאַלע פֿראַגעס. שפּעטער האָבן די מיטגלידער פֿון קרייזל אָנגעהויבן פֿירן אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער. צווישן די פּראָפּאַגאַנדיסטן איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג: איין טייל פֿון די אַזוי גערופֿענע „אויפֿקלערערס" האָבן זיך פֿאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע בלויז צווישן געבילדעטע קלאַסן פֿון דער באַפֿעלקערונג; דער צווייטער טייל, די „נאַראָדניקעס", האָבן גערופֿן צו פֿירן די פּראָפּאַגאַנדע צווישן פֿאָלק. די „אויפֿקלערערס" זיינען גיך אַרונטער פֿון דער סצענע.

איינער פֿון די וויכטיקסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פֿון דעם „טשייקאָווסקי־קרייזל" איז געווען דער יונגער פּיאָטר קראָפּאָטקין. דער צווייטער וויכטיקסטער פּראָפּאַגאַנדיסט איז געווען סערגיי קראַווטשינסקי. ער האָט געהאַלטן פּאָפּולערע לעקציעס פֿאַר די פּעטערבורגער אַרבעטער.

אין די יאָרן 1873-1874 האָט דאָס „טשייקאָווסקי־קרייזל" און מיט אים די גאַנצע יוגנט, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זיך אַוועקגעלאָזט אין „פֿאָלק" צו פּראָפּאַגאַנדירן די סאָציאַליסטישע אידייען צווישן די פּויערים. אַזוי ווי אויף אַן אינטעליגענט האָבן די פּויערים דאַן געקוקט ווי אויף אַ פּריץ און זיי האָבן דעריבער זיך באַצויגן צו אים מיט פֿאַרדאַכט, אויב ניט מיט אָפֿענער שנאה, האָבן

די רעוואָלוציאָנערן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר פּויערים, אָדער זיי האָבן זיך גאָר פֿריער אויסגעלערנט עפּעס אַ מלאכה, כדי צו קענען קומען אין דאָרף ווי פּראָסטע אַרבעטער. פֿאַר די מערסטע אינטעליגענטן, וואָס זיינען נישט געווען געוווינט צו פֿיזישער אַרבעט, איז דאָס געווען פֿאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן.

סערגיי קראַווטשינסקי, אַ חוץ וואָס ער איז געווען אַ גיבור, האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער פֿעאיקייט אויסצולערנען זיך גיך יעדע מלאכה, און ער האָט אויך ליב געהאַט פֿיזישע אַרבעט.

אוועקגעלאָזט זיך „גיין אין פֿאָלק" האָט קראַווטשינסקי צוזאַמען מיט זיין חבר דמיטרי ראָגאַטשאָוו. ביידע האָבן זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר האָלץ־זעגערס און זיי זיינען אַוועק אין טווערער גובערניע צו פּראָפּאַגאַנדירן צווישן די פּויערים. ראָגאַטשאָוו איז געווען נאָך אַ גרעסערער גיבור ווי קראַווטשינסקי, אָבער אַן אַרבעטער איז קראַווטשינסקי געווען אַ בעסערער. אַלע האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. איין צייט האָבן זיי געלעבט צווישן די מאָלאָקאַנער (אַזאַ רעליגיעזע סעקטע). קראַווטשינסקי האָט זיי אויסגעפֿרעגט וועגן זייער רעליגיע און די מאָלאָקאַנער האָבן אים אויסגעפֿרעגט וועגן זיין „גלויבן". מיט יאָרן שפּעטער פֿלעגט קראַווטשינסקי ליב האָבן צו דערמאָנען וועגן דעם הונגער, וואָס ער האָט דאָרט פֿרייוויליק געליטן. די מאָלאָקאַנער פֿאַסטן אַ סך. דער תענית באַשטייט ביי זיי אין דעם, וואָס זיי נעמען נישט אַריין אין מויל קיין זאַך עטלעכע מעת־לעת נאָכאַנאַנד, אָבער אַרבעטן, אַרבעטן זיי ווי געוויינלעך אויך ווען זיי פֿאַסטן.

„מען וואָלט געקענט, פֿאַרשטייט זיך, פֿון דער זייט קריגן עפּעס וואָס צוצובייסן, קיינער וואָלט עס נישט באַמערקט — פֿלעגט ער דערציילן — אָבער איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס וואָלט געווען געווויסנלאָז".

צו וואָס קראַווטשינסקי האָט זיך נישט גענומען, פֿלעגט ער אין דער אַרבעט אַריינלייגן זיין גאַנצע נשמה און האָט געטאָן יעדע אַרבעט מיטן גאַנצן געוויסן. פֿאַר אָט דער פּראָפּאַגאַנדע האָט קראַווטשינסקי אויך אָנגעשריבן זיינע ערשטע ליטעראַרישע ווערק. צוויי סענטימענטאַלע מעשה־לעך, אין וועלכע ער האָט, אין אַ פּאָעטישער פֿאָרעם, אַנטוויקלט זיינע סאָציאַליסטישע אידייען. איינע פֿון זיי, אַ מעשהלע וועגן אַ קאָפּיקע, איז שפּעטער פֿיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן.

שוין מיט 4-3 יאָר שפּעטער פֿלעגט קראַווטשינסקי אַליין זיך שטאַרק פֿאַרקרימען, ווען מען פֿלעגט אים דערמאָנען יענע ערשטע „ליטעראַרישע ווערק" זיינע.

קראַווטשינסקיס אַ נאָענטער פֿריינד איז דעמאָלט געווען אַנאַ עפּשטיין, אַ ווילנער מיידל, וואָס האָט שטודירט אין פּעטערבורג און איז געווען אַ

טעטיקער מיטגליד אין „טשייקאָווסקי־קרייזל". זי האָט דערנאָך אין משך פֿון יאָרן זיך פֿאַרנומען מיט אַריבערשמוגלען רעוואָלוציאָנערן איבער דער רוסישער גרענעץ און אויך אַריינברענגען רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור פֿון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד. זי האָט ליב געהאַט צו „קיבעצן" קראַווטשינסקין וועגן זיינע מעשהלעך, פֿלעגט ער זי גלייך אויפֿן שטעל צווינגען מודה צו זיין זיך, אַז ווי שלעכט די מעשהלעך זיינען נישט געווען פֿון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, פֿלעגן דאָך פֿיל און אויך זי אַליין פֿאַרגיסן טרערן לייענענדיק זיי (אַנאַ עפּשטיין האָט, אגב, אַריינגעפֿירט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג דעם שפּעטער באַרימט געוואָרענעם גרויסן יידישן רעוואָלוציאָנער אהרן זונדעלעוויטש. זי איז געשטאָרבן פֿון אַ שווערער קראַנקייט אין ווין, אין יאָר 1895).

אין דעם זעלביקן ווינטער 1874 האָט אַ דאָרטיקער פּריץ געמסרט קראַווטשינסקין און זיין חבר דמיטרי ראָגאַטשאָוון און מען האָט זיי ביידן אַרעסטירט, אָבער מיט דער הילף פֿון עטלעכע פּויערים איז זיי געלונגען אַרויסצוראַטעווען זיך פֿון די פּאָליצייאישע לאַפּעס. זיי זיינען אַנטלאָפֿן קיין מאָסקווע און דאָרט באַלד אָנגעהויבן פֿירן אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט.

סערגיי קראַווטשינסקי איז געווען אַלעמענס ליבלינג און דער שטאָלץ פֿון זיינע חברים.

אין 1876 איז קראַווטשינסקי געקומען קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין העלפֿן אַנטלויפֿן פֿון די טורמעס אַרעסטירטע חברים־רעוואָלוציאָנערן.

אין יאָר 1877 איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין איטאַליע, וווּ ער האָט זיך אונטערגענומען צו באַגלייטן אַ קראַנק־געוואָרענע, נאָענטע פֿריינדין זיינע. אין איטאַליע האָט ער זיך באַקענט מיט אַ גרופּע איטאַליענישער יוגנט, וואָס איז פּונקט ווי די מערסטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן פֿון יענער צייט געווען אונטערן איינפֿלוס פֿון מיכאַאיל באַקונינס אידייען. צוזאַמען מיט די איטאַליענישע חברים האָט קראַווטשינסקי אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פֿון אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד, האָט אָנגעשריבן פֿאַר זיי אַן אַרטיקל, וועגן די מעטאָדן פֿון פּאַרטיזאַנישן קאַמף און איז צוזאַמען מיט זיי אַוועקגעפֿאָרן אין דער איטאַליענישער פּראָווינץ בענעווענטאַ, וווּ עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצוהייבן דעם אויפֿשטאַנד אין דער האָפֿענונג, אַז צו אים וועט צושטיין די דאָרטיקע באַפֿעלקערונג. אָבער די האָפֿענונג איז נישט מקוים געוואָרן און די געקומענע רעוואָלוציאָנערן זיינען באַלד אַרעסטירט געוואָרן. צוזאַמען מיט די אַנדערע איז קראַווטשינסקי אָפּגעזעסן צען מאָנאַטן אין דער איטאַליענישער תּפֿיסה. אין יאַנואַר 1878 איז ער דורך

דער אמנעסטיע, וואָס איז דערקלערט געוואָרן אין איטאַליע פֿון דעם קעניג וויקטאָר עמאַנועל, באַפֿרייט געוואָרן פֿון טורמע.

ער איז גלייך אוועקגעפֿאָרן קיין זשענעווע. ווו ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל „אָבשטשינאַ״, וואָס האָט דאָרט אָנגעהויבן צו דערשיינען. מיטנעמענדיק מיט זיך די ערשטע נומערן פֿון דעם זשורנאַל, איז קראַווטשינסקי אין גיכן אוועקגע־פֿאָרן קיין פּעטערבורג.

2

אין מיי 1878 איז סערגיי קראַווטשינסקי אָנגעקומען קיין פּעטערבורג אין אַ זייער פֿריילעכער שטימונג און מיט דעם פֿעסטן באַשלוס ניט צו פֿאַרלאָזן מער דעם רוסישן קאַמף „ביזן סוף״. „דאָס הייסט ביז אַ נייעם אַרעסט״, האָבן באַמערקט זיינע פֿריינד, ווען ער האָט דערציילט וועגן זיין באַשלוס. „ניין, ביזן זיג!״ האָט ער געענטפֿערט מיט אויפֿריכטיקער זיכערקייט.

אין פֿאַרגלייך מיט די מיטגלידער פֿון דעם „טשייקאָווסקי־קרייזל״, האָבן זיינע נייע חברים, וואָס ער האָט געטראָפֿן אין פּעטערבורג, אים אויסגע־קוקט צו זיין טרוקענערע מענטשן, מער איינזייטיקע, אָבער זיי זיינען געווען פּונקט אַזוי איבערגעגעבן דעם אידעאַל און פּראַקטישער און דערפֿאַרענער ווי די „טשייקאָווצעס״. איצט האָט שוין עקסיסטירט די אָרגאַניזאַציע זעמליאַ אי וואָליאַ (ערד און פֿרייהייט). זי האָט געציילט אין אירע רייען אַ סך העלדישע רעוואָלוציאָנערן. פּראַקטישע מענטשן מיט פֿעסטע כאַ־ראַקטערן. די מערסטע פֿון זיי האָבן געלעבט אין פּעטערבורג אויף פֿאַלשע פּאַספּאָרטן. זיי זיינען געשטאַנען אין נאָענטער פֿאַרבינדונג מיט די רעוואָ־לוציאָנער־געשטימטע אַרבעטערס, ווי אויך מיט דער ליבעראַלער געזעל־שאַפֿט. די „זעמליאַ אי וואָליאַ״ האָט שוין געהאַט אָפּטיילונגען אין אַ ריי אַנדערע שטעט. די אָרגאַניזאַציע האָט פֿאַרמאָגט אַן אייגענע געהיימע דרוקעריי. זי פֿלעגט פֿון ציט צו ציט אַרויסגעבן רעוואָלוציאָנערע בראָ־שורן, פֿלוגבלעטלעך און פּראָקלאַמאַציעס. אין זעלביקן יאָר האָט די אָרגאַ־ניזאַציע גענומען אַרויסגעבן אַ צייטונג מיטן נאָמען „זעמליאַ אי וואָליאַ״. קראַווטשינסקי איז באַשטימט געוואָרן ווי איינער פֿון אירע דריי רעדאַקטאָרן. די אַנדערע צוויי זיינען געווען דמיטרי קלעמענץ און ניקאָליי מאָראָזאָוו. פֿון די אַלע דריי איז נאָר קלעמענץ געווען אַ פּראָפֿעסיאָנעלער זשורנאַ־ליסט. ער האָט שוין געהאַט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ סך אַרטיקלען אין די לעגאַלע רוסישע זשורנאַלן. וועגן קראַווטשינסקיס אַרטיקלען פֿריער אין דעם זשע־

געווער זשורנאַל „אַבשטשינאַ" און דערנאָך אין דער „זעמליאַ אי וואָליאַ" האָט ווערא זאַסוליטש, נאָך זיין טויט, געשריבן, אַז זיי זיינען נישט געווען ענלעך אויף געוויינלעכע צייטונגס־אַרטיקלען. דאָס זיינען געווען לידער אין פּראָזע. אמתע פּאָעזיע, שטאַרקע פּאָעזיע פון רעוואָלוציע.

א רעוואָלוציאָנער און צו גלייך א קריגסהעלד, א ריטער לויט זיין נאַטור, האָט קראַווטשינסקי דעמאָלט געלעבט מיט אַלע פּיבערן פון זיין נשמה, שרייבט ווערא זאַסוליטש. צווישן די רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט איז דעמאָלט אַלץ מער און מער פאַרשפּרייט געוואָרן דער געדאַנק וועגן באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף די מער שעדלעכע און גרויזאַמסטע דינערס פון דער דעספּאָטישער רעגירונגס־מאַכט. די פירערס פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן באַשלאָסן צו דערהרגענען דעם הויפּט פון דער „דריטער אָפּטיילונג" (פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי) און פון אַלע זשאַנדאַרן — דעם גענעראַל מעזענצעוו. פאַר וואָס עפּעס אים? איבערהויפּט דערפאַר, ווייל ער האָט נישט דערלאָזן, אַז דער צאַר זאָל אויפן ראַט פון די ריכטערס, וואָס האָבן געמשפּט די 193 אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן, פאַרלייכטערן די שטראָף פון די מערסטע פאַראורטיילטע. א חוץ דעם האָט מעזענצעוו אויך אויסגע־ווירקט ביים קיסר, אַז די „דריטע אָפּטיילונג" זאָל האָבן א רעכט צו פאַר־שיקן אין סיביר א טייל פון די רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען פון געריכט באַפרייט געוואָרן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דעם אַטענטאַט אויף מעזענצעוון זאָל דורכפירן קראַווטשינסקי, דערפאַר ווייל ער איז געווען א גיבור און דער זיכערסטער וועג צו טייטן מעזענצעוון, האָבן די רעוואָלוציאָנערן געדענקט, איז דערשטעכן אים מיט א קינזשאַל. קראַווטשינסקי איז דעמאָלט אַלט געווען 28 יאָר.

אין משך פון עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן די מיטגלידער פון דער גרופּע געשפּיאָנירט מעזענצעוון. דעם צווייטן אויגוסט איז אין אָדעס אויפ־געהאָנגען געוואָרן דער רעוואָלוציאָנער איוואַן קאָוואַלסקי. דעריבער האָבן די טעראָריסטן אין פּעטערבורג באַשלאָסן אונטערצואיילן זיך מיטן דער־מאָרדן מעזענצעוון, כדי דורך דעם צו נעמען נקמה שוין אויך פאַר קאָ־וואַלסקים תליה.

אין צוויי טעג אַרום, דעם 4טן אויגוסט, אין מיטן העלן טאָג, ווען דער גענעראַל מעזענצעוו האָט שפּאַצירט אויפן נעווסקי־פּראָספּעקט, איז קראַוו־טשינסקי, אין דער באַגלייטונג פון א צווייטן רעוואָלוציאָנער, געקומען אים אַנטקעגן, און ווען מעזענצעוו איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט קראַווטשינסקי אים אַריינגעשטאָכן אין רוקן א קינזשאַל, וואָס ער האָט געהאַט איינגע־וויקלט אין א צייטונג. אַריינשטעכנדיק דעם קינזשאַל, האָט ער נישט

פֿאַרגעסן אים אויסצודרייען אין מעזשנצעווס קערפּער און אַליין איז ער תיכּף אַנטלאָפֿן. אייניקע פֿאַרבייגייערס האָבן זיך געלאָזט נאָכיאָגן נאָך די טעראָריסטן, אָבער נישט ווייט פֿון פּלאַץ האָט אויף זיי געוואַרט אַ דראָזשקע, אויף וועלכער עס איז געזעסן זייערער אַ חבר, אַ רעוואָלוציאָנער פֿאַרקליידט ווי אַ קוטשער. קראַוטשינסקי און זיין חבר זיינען גלייך אַרויפֿגעשפּרונגען אויף דער דראָזשקע און זיינען איינס־צוויי־דריי פֿאַרשוווּנדן.

דער איינדרוק פֿון דעם געוואַגטן אַטענטאַט, האָט אין אַ וואָך אַרום קראַוטשינסקי געשריבן אין אַ בריוו צו ווערא זאַסוליטש, איז ענלעך צו דעם, ווי די באַפֿעלקערונג פֿון אַ שטאָט וואָלט זיך פּלוצלינג דערוווּסט, אַז אונטער דער גאַנצער שטאָט זיינען אונטערגעלייגט געוואָרן מינעס, וואָס קענען יעדע מינוט אויפֿרייסן. אין די רעגירונגס־קרייזן הערשט אַן אמתע פּאַניק. די מלוכה באַאַמטע, אַפֿילו די קלענסטע, ציטערן אַרויסצוקומען צו די באַזוכערס.

„מען זאָגט, אַז ווען מען האָט דעם קיסר איבערגעגעבן וועגן דער געשיכטע, איז ער געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט, האָט אָנגעהויבן צו טרייסלען זיך און דאָס פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לייענען, איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון זיינע הענט.

„איצט ווערט געפֿירט אַן אויספֿאָרשונג, אָבער די אויספֿאָרשונג האָט נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. מען האָט אַפֿילו נישט געפֿונען דאָס פֿערד אין די דראָזשקע אָדער אַ וועלכן עס איז אַנדער שפּור. דער קלאַנג, אַז מען האָט באַשטימט אַ פּרייז פֿון 50 טויזנט רובל פֿאַרן קאָפּ פֿון פֿאַרברעכער, באַשטעטיקט זיך".

קראַוטשינסקי איז נאָך פֿאַרבליבן אַ געוויסע צייט אין פּעטערבורג. די חברים זיינע האָבן מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי, ווייל מיט קיין באַזונדערער פֿאָרזיכטיקייט האָט קראַוטשינסקי זיך קיין מאָל נישט אויסגעצייכנט. דער אַרעסט און די תליה פֿון אַזאַ וויכטיקן מענטשן ווי קראַוטשינסקי וואָלט געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. האָבן אַלע חברים דעריבער געוואָלט אים וואָס שנעלער „אַרויסשמוגלען" קיין אויסלאַנד. אָבער איינריידן קראַוטשינסקין, אַז ער זאָל פֿרייוויליק פֿאַרלאָזן רוסלאַנד, איז געווען אוממעגלעך. עס זיינען אַריבער אַ פּאָר מאָנאַטן, ביז וואַנען מען האָט אויסגעפֿונען פֿאַר אים כּלומרשט עפּעס אַ ספּעציעלע וויכטיקע מיסיע, וואָס נאָר ער אַליין קען צום בעסטן דורכפֿירן. קראַוטשינסקי איז אַוועקגעפֿאָרן קיין זשענעווע מיט דעם געדאַנק, אַז אין אַ דריי־פֿיר וואָכן אַרום וועט ער זיך צוריקקערן קיין רוסלאַנד. די חברים האָבן געמאַכט שטערונגען פֿאַר זיין צוריקקער. זיי האָבן אים צוגעזאָגט צו לאָזן וויסן,

ווען די באַדינגונגען פאַר זיין צוריקקער קיין רוסלאַנד וועלן זיין גינסטיק. ער האָט געוואַרט. די באַדינגונגען אָבער האָבן זיך ניט פאַרבעסערט, נאָר זיינען, פאַרקערט, געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ שווערער. אַנשטאָט צוריק־צוקערן זיך אין אַ דריי וואָכן אַרום קיין רוסלאַנד, איז ער שוין פאַרבליבן אין אויסלאַנד זיין גאַנץ לעבן.

קראַוטשינסקי האָט זיך באַזעצט אין דער שווייץ, ווו ער האָט די ערשטע צייט געליטן גרויס נויט. אין דער שווייץ האָט דעמאָלט אויך געוווינט זיין אַלטער פריינד פּיאָטר קראָפּאָטקין.

אין איין שיינעם פרימאָרגן זיינען צו קראָפּאָטקינען געקומען אַגענטן פון ביסמאַרקן, דעם דעמאָלטדיקן אייזערנעם קאַנצלער פון דייטשלאַנד, מיט אַ פאָרשלאָג איינצורעדן עמעצן פון די אָנגעזעענסטע רוסישע רעוואָלו־ציאָנערן אַרויסצוגעבן אין אויסלאַנד אַ גרויסע רוסישע רעוואָלוציאָנערע צייטונג. די דייטשע רעגירונג האָט זיך פאַרפליכטעט צו געבן פאַר דעם אַ גרויסע סומע געלט. קראַוטשינסקי האָט מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאָג.

אין יענע יאָרן זיינען די רוסישע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן געווען אַזוי אָרעם, ווי עס קען נאָר זיין אָרעם דער אומגליקלעכסטער אַרבעטער אין צייט פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס. אָבער מיט קיין געלט פון אַ מוטנעם קוואַל האָט קיינער פון זיי נישט געוואָלט זיך באַנוצן. ווען קראָפּאָטקין האָט איבערגעגעבן ביסמאַרקס אַגענט, אַז די רוסישע רעוואָלוציאָנערן זאָגן זיך אָפּ צו נעמען געלט ביי דער קייזערלעכער דייטשער רעגירונג, האָט יענער אויסגערופן מיט פאַרוווּנדערונג: „אַ מאָדנע פאָלק אָט די רוסן. זיי זיינען גאָר קיין פּאָליטיקערס ניט".

יע, די אמתע גרויסע רעוואָלוציאָנערן ווי קראַוטשינסקי, קראָפּאָטקין און זייערע חברים זיינען אויך געווען הויך־מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן. זיי האָבן נישט געהאַלטן פון דעם יעזואיטישן כּלל, אַז „דער צוועק הייליקט די מיטלען". זיי האָבן אַפילו אין פרידלעכע צייטן נישט געוואָלט נעמען קיין געלט ביי אַ פרעמדער, פיינדלעכער מלוכה אויף אָפּצושוואַכן רוסלאַנד.

אין דער עמיגראַציע האָט קראַוטשינסקי זיך גענומען צו ליטעראַרישער אַרבעט. צווישן די פיל אַנדערע גרויסע פעאיקייטן זיינע איז ער אויך געווען באַגאַבט אויף שפּראַכן. זיצנדיק אין אַן איטאַליענישער טורמע, האָט ער געשטודירט די איטאַליענישע שפּראַך און אין זשענעווע האָט ער אָנגעשריבן אויף איטאַליעניש זיין בוך „דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד", וואָס איז באַלד איבערגעזעצט געוואָרן כמעט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן און האָט אים באַרימט געמאַכט אין דער גאַנצער וועלט. אין דעם בוך האָט ער געגעבן אַ ריי פּאָרטרעטן און כאַראַקטעריסטיקעס פון די

בארימטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן און האָט אויך באַשריבן זייער טעטיקייט.

נאָך אין יאָר 1875 האָט דער באַרימטער רוסישער שריפטשטעלער איוואַן טורגעניעוו, איבערלייענענדיק קראַווטשינסקיס א מעשהלע, געשריבן צו פּיאָטר לאַווראָוון: „דער פּאָרפאַסער פון דעם דאָזיקן מעשהלע איז אַ מענטש מיט טאַלאַנט און זיין גאַנץ ווערק איז אָנגעוואַרעמט מיט דער היץ פון יוגנט און איבערצייגונגען... אייער באַקאַנטער האָט אי טאַלאַנט, אי פייער. זאָל ער ממשיך זיין צו אַרבעטן אויף דעם געביט".

„דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד" האָט קראַווטשינסקי שוין אונטערגע־שריבן מיטן פּסעוודאָנים סטעפּניאַק און פון דאַן אָן האָט ער שוין אַלע שפּעטערדיקע ווערק זיינע אונטערגעשריבן מיט אָט דעם נאָמען. און אין רוסלאַנד איז ער שוין אַלעמען באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען סטעפּניאַק.

באַלד ווי קראַווטשינסקי האָט, סוף 1878, פאַרלאָזן רוסלאַנד, האָט די צאַרישע רעגירונג אַרויסגעשיקט שפּיאָנען קיין שווייצאַריע אים אויס־צוגעפינען און דערנאָך אונטערהאַנדלען מיט דער שווייצאַרישער רעגירונג וועגן אַרויסגעבן אים צו רוסלאַנד. קראַווטשינסקי האָט עס געוווסט, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע. אָבער אין גיכן האָט אים אויך דאָרט גע־דראָט די געפאַר אַרויסגעגעבן צו ווערן צו דער רוסישער רעגירונג, איז ער צוריקגעפאָרן קיין שווייצאַריע. ער האָט געלעבט אין בערן, ציריך, און אין זשענעווע. אָבער אין פרילינג 1884 האָט אים דער פּאָליציי־פּרעפעקט פון זשענעווע געוואָרנט, אַז די שווייצאַרישע רעגירונג קלייבט זיך אים אַרויס־געבן צו רוסלאַנד ווי אַ קרימינעלן פאַרברעכער (פאַר דערהרגענען דעם גענעראַל מעזענצעוו). האָט ער שנעל פאַרלאָזן די שווייץ. אַ פּאָר טעג צייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, וווּ עס איז פאַר אים אויך געווען אַ געפאַר צו פאַרבלייבן לענגער. איז ער אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן. זיין נייער נאָמען סטעפּניאַק איז שוין געווען באַוווּסט אין ענגלאַנד. זיין „דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד" איז שוין אַרויס אויף ענגליש אין צוויי אויפ־לאַגעס און אין פאַרשיידענע ענגלישע צייטונגען און זשורנאַלן זיינען דער־שינען זיינע אַרטיקלען, וואָס האָבן צוגעצויגן צו זיך גרויס אויפמערקזאַמ־קייט פון די ענגלישע לייענערס.

סטעפּניאַק איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן דעם 5טן יולי, 1884. זיין פרוי פאַניאַ (אַ יידישע, איר פאַמיליע־נאָמען איז געווען ליטשקוס) איז פאַר־בליבן אין דער שווייץ, ביז וואַנען ער וועט קענען קריגן די נייטיקע געלט־מיטלען זי צו ברענגען קיין לאָנדאָן. דורך דער צייט, וואָס ער האָט געלעבט אין לאָנדאָן און זי אין דער שווייץ, האָבן זיי זיך, נאַטירלעך, אָפט דורכגע־שריבן אַ פּאָר מאָל אין וואָך לאַנגע בריוו און אַ סך פון זיינע בריוו זיינען

פאַרבליבן. אין יאָר 1935, ד"ה, אין פערציק יאָר ארום נאָך סטעפּניאַקס טויט, האָט זיין אלמנה (דורך דעם סאָוועטישן אמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, איוואַן מייסקי) איבערגעגעבן דעם אינסטיטוט פון מאַרקסיזם־לעניניזם אין מאָסקווע אַלע סטעפּניאַקס מאַנוסקריפּטן און בריוו. איצט געפינען זיי זיך אין צענטראַלן מאָסקווער מלוכה־אַרכיוו. אין די בריוו טיילט זיך סטעפּניאַק מיט זיין פרוי מיט זיינע ערשטע איינדרוקן פון לאָנדאָן און דערציילט איר אויספירלעך וועגן זיינע באַגעגענישן מיט פאַרשיידענע באַרימטע אָדער שפּעטער באַרימט־געוואָרענע פּערזענלעכקייטן.

3

נאָך איידער סטעפּניאַק איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט די יינגסטע טאָכטער פון קאַרל מאַרקס, עלעאַנאָרא, אים געשריבן אַ בריוו פון לאָנדאָן אין דער שווייץ. דער בריוו איז געווען דאַטירט פון עלפטן מיי, 1884. סטעפּניאַק איז שוין דעמאָלט געווען אין פּאַריז און זיין פרוי האָט אים געשריבן פון דער שווייץ: „איך שיק דיר איבער אַ בריוו פון פרײַלין מאַרקס". אין איר בריוו האָט עלעאַנאָרא מאַרקס געשריבן סטעפּניאַקן אויף פראַנצויזיש: „טייערער בירגער סטעפּניאַק, איך וואָג צו דענקען, אַז מיין נאָמען איז אייך נישט אומבאַקאַנט. איך האָב אַפילו צו זען אייך ווען נישט איז ביי אונדזער פריינד לאַווראָוון יעדנפאַל, דאָס שרייבסט צו אייך נישט קיין זייטיקער מענטש. איך האָב אָנגעהויבן איבערצוזעצן אייער אַר־טיקל פאַר דעם זשורנאַל „טודיי" און כ'בין נישט זיכער, צי עס גיט זיך מיר איין ריכטיק איבערצוזעצן אייער געדאַנק".

ווייטער בעט זי סטעפּניאַקן צוהעלפן איר איבערזעצן זיין אַרטיקל אויף ענגליש. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זייער קאָרעספּאָנדענץ. דערוויסנדיק זיך, אַז סטעפּניאַק איז שוין אָנגעקומען אין לאָנדאָן, האָט עלעאַנאָרא דאָס דערציילט פרידריך ענגעלסן, איר פאָטערס לעבנספריינד, צו וועמען זי איז געווען פון קינדוויייז אָן שטאַרק צוגעבונדן און ענגעלס האָט זי ליב געהאַט ווי אַן אייגענע טאָכטער.

ווען ענגעלס האָט זיך פון איר דערוווּסט, אַז סטעפּניאַק איז שוין אין לאָנדאָן, האָט ער אים באַלד איינגעלאַדן צו זיך. געאָרגי פּלעכאַנאָוו, דער שפּעטערדיקער פאָטער פון רוסישן מאַרקסיזם, איז מיט קראָוטשינס־קין געווען באַפריינדט נאָך פון רוסלאַנד. ווען ער האָט אין 1883 צוזאַמען מיט פּאַוול אַקסעלראָדן, ווערא זאַסוליטש און לעוו דייטשן געגרינדעט אין זשענעווע די ערשטע מאַרקסיסטישע „גרופּע פאַר דער באַפרייאונג פון

ארבעטער־קלאַס", האָט ער איינגעלאַדן קראַוושינסקין צוזשטיין צו זיי. אָבער סטעפּניאַק־קראַוושינסקי האָט נישט געגלייבט אין די כוחות פון ארבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד און ער איז אויך נישט געווען קיין מאַרקסיסט. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטן אין דער מאַרקסיסטישער גרופּע, הגם ער האָט געהאָלפן איר טעטיקייט מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט.

באַלד ווי סטעפּניאַק איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער באַקומען אַ בריוו פון פּלעכאַנאָוון: „איר לעבט אין לאָנדאָן. וואָס טוט איר דאָרט? ווייסט איר, אַז דאָרט וווינט אויך ענגעלס? אַזוינע מענטשן ווערן געבוירן נישט אַזוי אָפט. דעריבער פאָדער איך פון אייך אומבאַדינגט צו באַקענען זיך מיט אים און צושיקן מיר דערנאָך אַ באַריכט וועגן דעם. דאָס איז דאָך ממש אַ סקאַנדאַל, אַז איר זייט ביז איצט נאָך נישט געווען ביי אים. איר מוזט אומבאַדינגט גיין צו אים".

ענגעלס האָט דעמאָלט געוווינט אין אַ גרויס הויז אין לאָנדאָן, וואָס איז יעדן זונטיק געווען אָפן פאַר אַלע די, וואָס האָבן אים געוואָלט זען. אין זיין הויז האָט מען יעדן זונטיק אים געקענט טרעפן אָן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, פון קריטי־קערס און שריפטשטעלערס. אַלע, וואָס האָבן געוואָלט זען ענגעלסן, האָבן געקאָנט, אפילו אָן אַן איינלאַדונג, אַראָפּקומען צו אים.

דעם 16טן יולי, 1884, אין צען טעג אַרום נאָך זיין אָנקומען קיין לאָנדאָן, איז סטעפּניאַק אַוועק צו ענגעלסן. אין אַ בריוו צו זיין פרוי, דאַ־טירט 17טער יולי, 1884, האָט סטעפּניאַק געשריבן: „מיין טייער מיידעלע, מיר איז זייער אומעטיק אויפן האַרצן, וואָס איך קען דיר גלייך נישט אַרויסשיקן קיין געלט. די טעג וועל איך באַקומען 4 אָדער 5 פונט, פון וועלכע איך וועל דיר שיקן וויפל איך וועל נאָר קענען. מיר ווילט זיך שרעקלעך, אַז דו זאָלסט וואָס גיכער זיין דאָ. איצט האָסטו דאָך אַן אויס־רייד: „אויפפּאַסן אויף מיר". ווייטער שרייבט איר סטעפּניאַק: „איצט וועל איך דיר דערציילן וועגן מיס מאַרקס און וועגן ענגעלסן. צו ענגעלסן בין איך אַוועק 8 אַ זייגער אין אָוונט. איך האָב נישט באַוויזן אָנצוקלינגען און דערלאַנגען מיין וויזיט־קאַרטל. ווי אויף מיר האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אַ הויכע, טונקעלע פריילין מיט צעפּודלטע האָר, נישט קיין געשווירענע, כמעט אַזוי ווי ביי דיר. „איר זייט סטעפּניאַק? איר זייט סטעפּניאַק? יע?" — איך האָב זיך פאַרנייגט פאַר איר און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יע. זי שלעפּט מיך, נאָר אויפן ניהיליסטישן שטייגער, צו ענגעלסן. מיר באַ־קענען זיך. אין פינף מינוט אַרום קומט אַריין הער עוועלינג (דאָס איז מיס מאַרקסעס חתן. ער איז אַ פיינער רעדנער. אַז ער איז איר חתן, האָב

איך זיך דערוווּסט פֿון טשייקאָווסקין, אַז נישט וואָלט איך פֿאַרפֿאַלן גע־וואָרן). צו ערשט וועגן מיס מאַרקס: זי האָט גערעדט מער פֿון אַלעמען. זי איז זייער אַ לעבעדיקע, אַ רירעוודיקע און אומרואיקע (נישט אין שלעכטן זין). ווייט נישט קיין שיינע גרויסע געזיכט־שטריכן, אָבער ווען זי לאַכט און פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ, איז זי זייער פֿיין. זי איז גראַציעז און שלאַנק. 27 יאָר אַלט. מיר איז געוועזן טשיקאַווע צו באַמערקן אין איר די אַלע איינגעבוירענע סימנים פֿון אַ פֿרוי, וואָס די פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט דורכוים נישט באַוויזן אָפּצוטייטן אין איר. נאָך די ערשטע שמועסן האָט זי מיר דערציילט אַלע הינטערקוליסן־געשיכטעס פֿון די היגע סאָציאַל־דעמאָקראַטן: אייניקע פֿון זיי זיינען מלאכים, אַנדערע — טייוואָלים און אַט די טייוואָלים האָבן איצט געזיגט און זיי האָבן איבערגענומען דעם זשורנאַל „טו־דיי". זי איז אַרויס פֿון זייער אָרגאַניזאַציע און האָט אויך איר חתן אַרויסגעפֿירט. איצט האָט זי אַריינגעטענהט מיט מיר, אַז איך זאָל אין דעם זשורנאַל „טו־דיי" מער קיין שורה אפֿילו נישט שרייבן. איך האָב זיך נאַטירלעך צעלאַכט און האָב איר געזאָגט, אַז מיר גייט עס נישט אָן און מיין פּאָליטיק איז צו שרייבן דאָרט פֿון צייט צו צייט, אַזוי לאַנג ווי דער זשורנאַל איז אַ סאָציאַליסטישער. מיר ווילט זיך נישט, אַז עס זאָל אויסקוקן, אַז איך האַלט זיך פֿון ווייטן פֿון די סאָציאַליסטן און שרייב נאָר אין דער בורזשואַזער פּרעסע. איך האָב אויך געלאַכט פֿון דער גע־וווינהייט פֿון די סאָציאַליסטן צו בייסן איינער ביי דעם אַנדערן די עקן. דאָס איז געווען אין דעם אינטימען שמועס, ווען איך בין מיטן חתן געגאַנגען צו איר אַהיים. איבערהויפּט איז זייער אָנגענעם, וואָס מיט איר קען מען זיך האַלטן גאַנץ איינפֿאַך. פֿון דעם חתן בין איך נישט אַנטציקט. ער איז נישט קיין נאַר, הגם אין זיין טאַלאַנט צווייפֿל איך...

ענגעלס איז זייער קלוג און טייוואָליש געבילדעט. דו האָסט באַדאַרפֿט הערן, ווי ער רעדט פֿראַנצייזיש. און שטעל זיך פֿאָר, ער פֿאַרשטייט אפֿילו דעם מילאַנער דיאַלעקט; מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט ער פֿאַרבראַכט דריי מאָנאַטן אין מילאַן און האָט דעם דאָרטיקן דיאַלעקט נישט פֿאַרגעסן. ער איז זייער קלוג. איך וועל דיר נאָך וועגן אים שרייבן. זייער אינטערעסאַנטע געדאַנקען האָט ער אַרויסגעזאָגט. דאָס איז אַלץ געווען נעכטן".

סטעפּניאַק איז ביי זיין ערשטער באַגעגעניש מיט ענגעלסן אַלט געווען 33 יאָר. ענגעלס נאָענט צו 65 יאָר. פֿון זיין ערשטער באַגעגעניש מיט עלעאָנאָרא מאַרקס האָט מען געקענט זען, אַז ער וועט ווערן נאָענט באַ־פֿריינדט מיט איר און אַז ער וועט זיך קריטיש באַציען צו עוועלינגן, וועל־כער איז, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, געווען אַ פֿאַרדאָרבענער

מענטש און צוליב אים איז עלעאַנאָרא מאַרקס באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אָדער ער האָט איר „געהאָלפן באַגיין זעלבסטמאָרד".

דעם 31סטן דעצעמבער, 1884, האָט עלעאַנאָרא מאַרקס אין אַ בריוו צו פּיאָטר לאַוראָוון, באַגריסנדיק אים צו זיין אָנקום, געשריבן:

„מיר זענען דאָ אַפּט סטעפּניאַקן און פאַרשטייט זיך, אַז מיר רעדן אָפט וועגן אייך". אין דריי וואָכן אַרום, דעם 20סטן יאַנואַר, 1885, שרייבט זי צו לאַוראָוון וועגן דער גרינדונג פון אַ נייער, ענגלישער סאָציאַליסטישער צייטונג, וואָס ענגעלס שטיצט און אין וועלכער וויליאַם מאָריס נעמט אָנטייל און זי פרעגט: „צי קענען מיר רעכענען אויף דער מיטאַרבעט פון וועלכן עס איז פון די רוסן אין פּאַריז? ווילהעלם ליבקנעכט און מעגלער בעבעל און לאַפאַרג, סטעפּניאַק און ענגעלס האָבן שוין צוגעזאָגט אָנצושרייבן פאַר אונדז עטלעכע ווערטער".

אין יאָר 1887, ווען פלעכאַנאָוו איז ערנסט קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן געפונען ביי אים אַ טובערקולאָז־פּראָצעס אין די לונגען און ער האָט זיך געמוזט ערנסט היילן, האָט סטעפּניאַק, כאָטש ער האָט זיך אַליין שטאַרק געניטיקט, אים געשיקט וויפל ער האָט נאָר געקענט און האָט פאַקטיש געראַטעוועט אים דאָס לעבן.

אין זומער 1887 האָט דער קראַנקער פלעכאַנאָוו געשריבן פון סאַנאַטאָריע אין דאַוואָס, שווייץ, צו סטעפּניאַקן אין לאָנדאָן, אַז אים איז דאָרט זייער אומעטיק און ער האָט געבעטן, אַז פאַניאַ זאָל אים שרייבן אַ בריוו. „איך וואָלט איר געווען זייער דאַנקבאַר, ווען זי וואָלט מיר אויספירלעך אָנגעשריבן וועגן די ענגלישע סאָציאַליסטן. מען זאָגט, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין לאָנדאָן וואַקסט מיט יעדן טאָג. און ענגעלס? זי קומט דאָך אַריין צו אים. וואָס אַזוינס שטעלט ער מיט זיך פאָר ווי אַ מענטש? און וואָס אַזוינס זיינען דאָקטער עוועלינג און זיין פרוי, די טאָכטער פון מאַרקסן? און איצט וויל איך אייך נאָך אַ מאָל באַדאַנקען פאַר אייער חברשער הילף און איך בעט אייך: שרייבט!"

וואָס פאַניאַ סטעפּניאַק האָט געענטפערט פלעכאַנאָוון, איז נישט באַקאַנט, אָבער אין אַ צווייטן בריוו האָט פלעכאַנאָוו, באַדאַנקענדיק זיי פאַר דעם נייעם געלט, וואָס זיי האָבן אים אַרויסגעשיקט, געשריבן:

„איך בין זייער דאַנקבאַר פאַניאַן פאַר דעם בריוו, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ גרויסן פאַרגעניגן. וואָס איז שייך ענגעלסן, פאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי פאַניאַ לאָזט דורך די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אַזאַ מערקווירדיקן מענטשן. אַזוינע מענטשן ווערן דאָך געבוירן איין מאָל אין אַ יאָרהונדערט, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט מיינער אַ באַקאַנטער ראַסטאָווער סוחר וועגן באַקונינען. פּאַוועל (אַקסעלראָד) האָט אויך מורא

פֿאַר ענגעלסן און ער זאָגט, אַז איצט איז פֿאַר אים נאָך צו פֿרי צו באַקענען זיך מיט ענגעלסן. אָבער וואָס האָט איר מורא?"

אָבער פֿאַניאַ סטעפּניאַק איז טאַקע אין גיכן באַקאַנט געוואָרן מיט ענ־געלסן. אין אירע דערינערונגען דערציילט זי: „אין איינעם פֿון די זונטיקס בין איך צוזאַמען מיט מיין מאַן און מיט מאַרקסעס טאָכטער עלעאָנאָרא אַוועק צו ענגעלסן. דער באַצויבערנדיקער אַלטער האָט אויף מיר געמאַכט דעם בעסטן איינדרוק. איך בין געווען זייער אַ שעמעוודיקע און צו מיין אומגליק האָט ער מיך אַוועקגעזעצט נאָענט לעבן זיך. איך האָב זיך אַלץ באַמיט צוצורוקן זיך נענטער צו מאַרקסעס טאָכטער, כדי אויסצומיידן אַ שמועס מיט ענגעלסן. אויף קיין אויסלענדישע שפּראַכן האָב איך דעמאָלט נישט גערעדט, האָב איך דעריבער געוואָלט, אַז מען זאָל מיך לאָזן צו רו. ענגעלס האָט גערעדט אויף פֿראַנצויזיש, אויף דייטש און אויף ענגליש. גערעדט האָט מען אויף פֿאַרשיידענע, דער עיקר פּאָליטישע טעמעס, און מען האָט דיסקוטירט. מיט אַ מאָל האָט ענגעלס זיך געווענדט צו מיר און נעמענדיק אין אַכט, אַז איך קען נישט קיין אויסלענדישע שפּראַכן, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן צו מיר אויף רוסיש און דערביי האָט ער ציטירט דריי סטראָפֿעס פֿון פּושקינס באַרימטן פּאָעטישן ראָמאַן „יעווגעני אָניע־גין". ציטירט האָט ער אין אַ פּרעכטיקן רוסיש. איך האָב אים אָנגעהויבן אַפּלאָדירן, אָבער ענגעלס האָט מיר געזאָגט: „מיט דעם, לײדער, ענדיקן זיך מיינע קענטעניש אין דער רוסישער שפּראַך".

„דער דאָזיקער מענטש האָט געמאַכט אויף מיר אַן אומפֿאַרגעסלעכן איינדרוק. אַזאַ גאַסטפֿריינדלעכער, אַזאַ אָפֿנהאַרציקער. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ענגעלס געקומען צו אונדז מיט אַ וויזיט. געזעסן איז ער נישט לאַנג. ער האָט קענטיק געוואָלט נאָר פֿאַרשטאַרקן זיין באַקאַנטשאַפֿט מיט אונדז. מער האָב איך אים אין אַ גרויסער געזעלשאַפֿט נישט באַגעגנט. מיט מיין מאַן אָבער האָט ער זיך אָפֿט געטראָפֿן. זיי האָבן געשמועסט אויף פֿאַרשיידענע טעמעס. עס זיינען פֿאָרגעקומען צווישן זיי דיסקוסיעס און געווען צווישן זיי אויך מיספֿאַרשטענדענישן".

4

נאָך אין זשענעווע האָט קראַווטשינסקי זיך אויסגעלערנט ענגליש. ווען ער האָט אין 1884 זיך איבערגעקליבן פֿון דער שווייץ קיין לאָנדאָן, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן כמעט דורכויס אין ענגליש אונטער דעם פּסעוודאָנים ס. סטעפּניאַק. אין אַ גאַנצער ריי ביכער ווי „רוסלאַנד אונטער די צאַרן", „די רוסישע שטורעם־וואָלקנס", „דאָס רוסישע פּויערטום" און

אַנדערע פּובליציסטישע ווערק האָט ער זיך באַמיט צו באַקענען דאָס ענג־לישע פּובליקום מיט די פאַרשיידענע זייטן פֿון דעם פּאָליטישן און געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן פֿון רוסלאַנד. אָבער די דאָזיקע ווערק האָבן אים נישט צופֿרידן געשטעלט. אים האָט געצויגן צו בעלעטריסטיק און ער האָט טאַקע דערנאָך פֿאַרפֿאַסט אַ ריי בעלעטריסטישע ווערק וואָס זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַ סך שפּראַכן.

פֿריער איז שוין דערציילט געוואָרן וועגן סטעפּניאַקס באַקאַנטשאַפֿט מיט פֿרידריך ענגעלסן און מיט דער טאָכטער פֿון קאַרל מאַרקס עלעאָנאָרא. דער באַוווּסטער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַט עדואַרד בערנשטיין, וועל־כער האָט אין פֿאַרלויף פֿון 12 יאָר געלעבט אין לאָנדאָן און רעדאַגירט דאָרט דעם זשורנאַל פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי „דער סאָציאַל־דעמאָקראַט", איז אויך געווען באַפֿריינדעט מיט סטעפּניאַקן. אין אַן אַרטיקל, „קאַרל מאַרקס און די רוסישע רעוואָלוציאָנערן", וואָס ער האָט אין 1915 פֿאַרעפֿנטלעכט אין אַ באַוווּסטן מאָסקווער היסטאָרישן זשורנאַל, דערציילט ער אויך וועגן פֿרידריך ענגעלסעס פֿריינדלעכע באַצי־אונגען צו פֿיל רוסיש־רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן און ער באַמערקט דערביי: „און איינער פֿון די סאַמע געוויינטלעכע געסט אין ענגעלסעס הויז איז אין משך פֿון פֿיל יאָרן געווען סערגיי קראַווטשינסקי־סטעפּניאַק". נאָך נעענטער באַפֿריינדעט איז סטעפּניאַק געוואָרן מיט עלעאָנאָרן און מיט איר מאַן עדוואַרד עוועלינג. עלעאָנאָרא האָט איבערגעזעצט אין ענגליש די אַרטיקלען פֿון סטעפּניאַקס פֿריינד, אויך פּאָליטישע עמיגראַנטן, און ער האָט צוזאַמען מיט זיי זיך באַטייליקט אין פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע צייטונגען און זשורנאַלן. צוזאַמען מיט זיי איז סטעפּניאַק אויך פֿיל מאָל אַרויסגעטראָטן אויף פֿאַרזאַמלונגען. צוזאַמען מיט עוועלינגן האָט סטעפּ־ניאַק איבערגעזעצט די דראַמע פֿון דעם באַוווּסטן רוסישן דראַמאַטורג אָס־טראָווסקי „גראָזאַ" (דער געוויטער) און ווען סטעפּניאַק האָט פֿאַרענדיקט זיין ראָמאַן „די קערעער אָף אַיי ניהיליסט", וואָס ער האָט געשריבן אין ענגליש, האָבן עלעאָנאָרא און איר מאַן פֿאַררעכט זיין ענגלישן סטיל (דאָס איז דער באַוווּסטער ראָמאַן „אַנדריי קאָזשוכאָוו").

נאָך אין הארבסט 1888 האָבן ענגעלס און זיינע פֿריינד אָנגעהויבן גרייטן זיך צוזאַמענצורופֿן אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס זאָל זומער 1889 אָפּגעהאַלטן ווערן אין פּאַריז. אין פּאַריז איז געשאַפֿן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיסיע, דער סעקרעטאַר אירער איז געווען דער באַוווּסטער פֿראַנצייזישער סאָציאַליסט פּאָל לאַפֿאַרג, אַן איידעם פֿון קאַרל מאַרקס. די קאָמיסיע האָט אַפֿילו נישט געוווּסט וועמען פֿון די רוסישע סאָציאַליסטן איינצולאַדן צום קאָנגרעס. פּיאָטר לאַווראָוו, וואָס האָט דעמאָלט

געלעבט אין פאַריז, האָט פון אָנהייב זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין דעם קאָנגרעס. מען האָט פריער באַדאַרפט ארויסלאָזן אַן אויפרוף צו די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פון גאַנץ אייראָפּע, אַז זיי זאָלן שיקן דעלע־גאַטן צום קומענדיקן קאָנגרעס. פּאָל לאַפּאַרג האָט איינגעלאַדן סטעפּניאַקן צו געבן זיין אונטערשריפט אונטער דעם אויפרוף. סטעפּניאַק האָט מיט פאַרגעניגן אונטערגעשריבן דעם אויפרוף און לאַפּאַרג האָט אין אַ בריוו צו סטעפּניאַקן, אין נאָמען פון די סאָציאַליסטן פון פאַריז, אים „געדריקט די האַנט" און האָט אים געזאָגט, אַז די סאָציאַליסטן פון פאַריז זיינען גליקלעך, וואָס ער איז צוגעשטאַנען צו דער זאַך.

דעם 31סטן מיי, 1888, האָט סטעפּניאַק אין אַ בריוו צו ווערא זאַסוליטש געשריבן: „האָט איר אין אייער גרופּע (די מאַרקסיסטישע גרופּע פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער) באַקומען אַן איינלאַדונג פון לאַפאַרגן צום מאַרקסיסטישן קאָנגרעס אין פאַריז? אויב נישט, וועט איר מסתמא עס באַקומען מאָרגן אָדער גלייכצייטיק מיט דעם בריוו. זיי האָבן דורך אונדזערן אַ געמיינזאַמען באַקאַנטן געהאַט מיך איינגעלאַדן און ער האָט מיר נישט דערקלערט, אַז עס ווערן פאַרבעטן נאָר פאַרשטייערס פון גרו־פּעס. אָבער ווען איך האָב זיך עס דערוווּסט, האָב איך זיי תיכּף געענט־פערט, אַז איך קען נישט זיין אַ דעלעגאַט אויפן קאָנגרעס. אָבער עס איז דאָך זייער געוווּנטשן, אַז אַ רוסישער סאָציאַליסט זאָל זיין אויף אַזאַ קאָנגרעס. דאָס וואָלט געמאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק אין רוסלאַנד און אויך דאָ (אין אויסלאַנד) וואָלט אויך נישט געשאַדט קלאָר צו מאַכן די סאָלי־דאַריטעט פון די רוסישע סאָציאַליסטישע שטרעמונגען פון אַ באַוווּסטן סאָרט. אונדז האַלט מען דאָ אָדער פאַר גאַרגל־שניידערס, אָדער פאַר אַנאַר־כיסטן. אויב געאָרגס (פּלעכאַנאָווס) געזונט וואָלט אים דערלויבט, וואָלט געווען זייער גוט, אַז ער זאָל קומען. אַז ער וואָלט זיכער געמאַכט אַ גוטן איינדרוק און וואָלט נישט פאַרשעמט דעם רוסישן נאָמען, דאָס ווייסט איר אַליין. איך געדענק נאָך ווי אין מיינע סטודענטישע יאָרן פלעגן מיר מיט גרויס אינטערעס לייענען די באַריכטן פון די אינטערנאַציאָנאַלע (סאָציאַליסטישע) קאָנגרעסן. די איצטיקע יוגנט וועט מיט אַ טאָפּלטן אינטע־רעס לייענען די רעדעס פון אַ רוס איבערהויפּט אויב מען וועט זען, אַז זיי מאַכן אַן איינדרוק און אַז זיי זיינען נישט פון די לעצטע.

איך בין, ווי איר ווייסט, אין פיל זאַכן נישט מסכּים מיט אייער גרופּע, נאָר דאָס איז נישט דער עיקר. די אַגיטאַציאָנעלע באַדייטונג וועט זיין אויסגעצייכנט און דערנאָך זאָלן די מענטשן זיך פונאַנדערגיין אַזוי ווי זיי ווילן.

איך האָב געשריבן לאַפאַרגן און דערקלערט אים, פאַר וואָס איך פער־זענלעך קען נישט קומען צום קאָנגרעס, אַז אייער גרופּע איז די איינציקע פון מיר באַוווּסטע גרופּעס, וואָס באַפרידיקט די פאָדערונגען. אויב עס זיינען נישטאָ קיין שטערונגען מצד געאָרגס געזונט וואָלט מען, מיר שיינט, באַדאַרפט טאָן אַלץ מעגלעכס נישט דורכצולאָזן אַזאַ גוטע געלעגנהייט".

פּלעכאַנאָוו און לאַווראָוו זיינען ביידע טאַקע געווען דעלעגאַטן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס פון 1889. ביידע האָבן דאָרט אויך געהאַלטן רעדעס: פּלעכאַנאָוו, אין נאָמען פון די מאַרקסיסטישע רוסישע סאָציאַליסטן און לאַווראָוו אין נאָמען פון די סאָציאַליסטן־נאַראָדניקעס.

סטעפּניאַק אַליין איז אויפן קאָנגרעס נישט געווען. פאַניאַן (סטעפּ־ניאַקס פרוי) האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט טרעפן מיט אירע אַלטע פריינד, איז זי געפאָרן קיין פּאַריז. אָבער ער האָט צוליב פאַרשיידענע סיבות נישט געקענט פאָרן קיין פּאַריז. סטעפּניאַק האָט אָבער זייער שטאַרק געוואָלט, אַז פּלעכאַנאָוו און פּאַוועל אַקסעלראָד זאָלן קומען קיין לאָנדאָן. ער האָט געוואָלט זען זיך מיט זיינע אַלטע פריינד און דער עיקר באַקענען זיי מיט פרידריך ענגעלסן.

דעם 21סטן יולי, 1889, האָט סטעפּניאַק באַקומען אַ בריוו פון פּלעכאַ־נאָוון פון פּאַריז, אין וועלכן ער האָט אים געשריבן: „טייערער סערגיי מי־כיילאָוויטש! איך בין איצט אין פּאַריז, בין שרעקלעך מיד. היינט האָט זיך געענדיקט דער קאָנגרעס. אַ פּאָר טעג וועל איך פאַרבלייבן אין פּאַריז צו באַקוקן די אויסשטעלונגען. אייך וואָלט זיך מיר זייער געוואָלט זען מיטן גאַנצן האַרצן און ענגעלסן מיטן גאַנצן קאָפּ. אָבער איך דענק נישט, אַז די רייזע וועט זיך מיר איינגעבן, ווייל עס איז נישטאָ קיין געלט. אויב איר פאַרמאָגט אַזאַ סומע, מיט וועלכער מען קען דעקן די אויסגאַבעס, שיקט מיר אַרויס און איך וועל אייך זאָגן אַ גרויסן דאַנק און וועל אַרויספאָרן".

סטעפּניאַק, וועלכער איז אַליין אויך געווען אַ קבצן, האָט פונדעסטוועגן אָפּגעשפּאָרט אַ קליינע סומע און אַוועקגעשיקט צו זיינע פריינד אין פּאַריז. פּלעכאַנאָוו און אַקסעלראָד האָבן אין פּאַריז אויך געקראָגן ערגעץ אַ קליינע סומע און זיי זיינען ביידע גלייך אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

דעם 29סטן יולי האָט סטעפּניאַק פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך: „נעכטן זיינען געקומען זשאָרזש (פּלעכאַנאָוו) און פּ". (פּאַוועל אַקסעלראָד).

אַקסעלראָד דערציילט אין זיינע מעמואַרן, אַז סטעפּניאַק האָט דעמאָלט געאַרבעט אויף זיין ראָמאַן „אַנדריי קאָזשוכאָוו" (ד"ה „דהי קאַריער אָף איי ניהיליסט"). ער האָט אַלץ געוואָרט צו באַקומען דעם האָנאָראַר. זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ שלעכטע. ער פלעגט יעדן פרימאָרגן גיין

ערגעץ ווו באַרגן אַ פּאָר שילינג. אָבער אונדז, שרייבט אַקסעלראָד, פלעגט ער זאָגן: „איר בייסט דאָ צו, אויף ווי ווייט מעגלעך". די מעגלעכקייט האָט זיך אויסגעדריקט דער עיקר אין טיי מיט ברויט".

מיט דער ריכטונג פון פּלעכאַנאָווס מאַרקסיסטישער גרופּע האָט סטעפּ־ניאַק נישט סימפּאַטיזירט. „ער האָט בכלל נישט גענומען צו ערנסט טעאָ־רעטישע חילוקי־דעות און האָט נישט זעלטן מיט אונדז דיסקוטירט, אָבער שטענדיק אויף אַ פריינדלעכן אופן, שרייבט אַקסעלראָד. דעם ערשטן זונטיק, גלייך נאָך אונדזער קומען קיין לאָנדאָן, האָט ער אונדז געזאָגט: מען דאַרף אייך פירן צו ענגעלסן. פאַר מיר גייט ער דאָך דאָ אין גאַנצן פאַרפאַלן".

ביי ענגעלסן האָבן זיי געטראָפן עדוארד בערנשטיינען, עלעאָנאָרא מאַרקס מיט איר מאַן ד"ר עוועלינג און אַנדערע.

ענגעלס האָט שוין געוווּסט פון קאַרל קאַוטסקין, בערנשטיינען און סטעפּניאַקן וועגן פּלעכאַנאָוון און אַקסעלראָדן און וועגן זייער „גרופּע פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטענדע". ער האָט שוין אַפילו געהאַט געלייענט פּלעכאַנאָווס רוסישן בוך „נאַשי ראַזנאָגלאַסיאַי" (אונדזערע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן) און ער האָט זיי ביידן אויפגענומען זייער פריינדלעך. ענגעלס האָט זיי איינגעלאַדן צו קומען צו אים וואָס אָפטער דורך דער צייט, וואָס זיי וועלן פאַרברענגען אין לאָנדאָן, און זיי פלעגן טאַקע אים באַזוכן כמעט יעדן טאָג. אַ דאַנק סטעפּניאַקן האָבן די ערשטע רוסישע מאַרקסיסטן זיך געטראָפן מיט ענגעלסן.

אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער 1889 האָט זיך סטעפּניאַקן סוף־כל־סוף איינגעגעבן צו שאַפן אין לאָנדאָן די „ענגלישע געזעלשאַפט פון פריינד פון רוסישער פרייהייט", צו וועלכער עם זיינען צוגעשטאַנען אַ צאָל אָנגעזעענע ליבעראַלן. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו אָרגאַניזירן מיטינגען, זאַמלען געלט פאַר די אַרעסטירטע און פאַר־שיקטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, אויפדעקן אין דער ענגלישער פרעסע די פינצטערע מעשים פון דער צאַרישער רעגירונג און ווען זיי וועלן האָבן אָנגעזאַמלט גענוג געלט, ארויסגעבן אַ זשורנאַל „פרי ראַשיאַ" (דאָס פרייע רוסלאַנד). סטעפּניאַק האָט געזאָלט זיין דער רעדאַקטאָר פון דאָזיקן זשור־נאַל. דער זשורנאַל האָט טאַקע אין גיכן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין. פרידריך ענגעלס האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט און מיטן זשורנאַל „פרי ראַשיאַ" און האָט אים מאָראַליש גע־שטיצט. סטעפּניאַק איז געווען שטאַרק פאַרנומען, דאָך פלעגט ער געפינען צייט אַרויסצוטרעטן אויף וויכטיקע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען, ווען דאָס איז נייטיק געווען. אַזוי, למשל, ווען די ענגלישע סאָציאַליסטן האָבן

באשלאָסן דעם 4טן מיי, 1900, אָפּצוהאַלטן אַ גרויסע ערשטער מיי־דע־מאָנסטראַציע אויף טראַפאַלגער־סקווער אין לאָנדאָן, איז סטעפּניאַק געווען איינער פון די רעדנערס. אויף דער צענטראַלער טריבונע האָבן זיך געפונען פרידריך ענגעלס, פאָל לאַפאַרג, סטעפּניאַק און אַנדערע באַרימטע סאָציאַליסטן.

אַ פּאָר טעג נאָך דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע האָט פרידריך ענגעלס, אין אַ בריוו צו אויגוסט בעבעלן, דעם פירער פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, געשריבן: „די היגע דעמאָנסטראַציע פון 4טן מיי איז איינפאַך געווען גראַנדיעז. דאָס איז געווען געצוווּנגען צו אָנערקענען אַפילו די גאַנצע בורזשואַזע פּרעסע. איך בין געווען אויף דער פערטער טריבונע און איך האָב געהאַט אַרומגענומען מיט מיין בליק נאָר אַ פינפטל אָדער אַ זעקסטל פון דער גאַנצער מאַסע. מען האָט געזען נאָר אַ ים מיט קעפּ. עס זיינען גע־קומען אַ 250־300 טויזנט מענטשן, וואָס דריי פערטל פון זיי זיינען געווען די דעמאָנסטרירנדיקע אַרבעטער. עוועלינג, **לאַפאַרג און סטעפּניאַק** האָבן גערעדט פון מיין פּלאַטפאָרמע. איך בין געווען נאָר אַ צוקוקער. לאַפאַרג האָט מיט זיין רעדע אַרויסגערופן אַן אמתן שטורעם פון אַנטצי־קונג, סטעפּניאַק אויך"....

5

נאָך אין יאָר 1888 איז אין לאָנדאָן אַרויס אויף ענגליש סטעפּניאַקס בוך „דאָס רוסישע פּויערטום, זיין עקאָנאָמישע לאַגע, געזעלשאַפטלעך לעבן און רעליגיע". דאָס איז אַ סאָליד ווערק אין צוויי בענד פון 650 זייטן. אין 1890 איז אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע פון דעם בוך. פרידריך ענגעלס האָט רעקאָמענדירט זיינע דייטשע און עסטרייכישע פריינד צו איבערזעצן דאָס בוך אויף דייטש. אין 1890 האָט קאַרל קאַוטסקי, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אין לאָנדאָן, געשריבן צו סטעפּניאַקן:

„טייערער חבר, מיין פריינד אַדלער (וויקטאָר אַדלער, דער פירער פון די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — ד. ש.) וועט מיט פאַרגעניגן איבער־זעצן אויף דייטש אייער בוך וועגן רוסישן פּויערטום, און אַזוי ווי ענגעלס האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איר וועט גאָרנישט האָבן קעגן דעם און אַזוי ווי ער איז דער פּאַסיקסטער מענטש פאַר דעם, האָב איך זיך גענומען די דרייסטקייט צו לאָזן אים וויסן, אַז ער זאָל גלייך אָנהייבן די איבערזעצונג. ער איז איצט אויף עטלעכע חדשים איינגעשפּאַרט אין תפיסה און דאָרט וועט ער האָבן גענוג צייט אויף דער אַרבעט. דעריבער דאַרף מען נישט אָפּלייגן די זאַך. איך וועט געוויס זיין אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי אַזוי

אַדלער האַלט פֿון אייער בוך. דעריבער שיק איך אייך אַ טייל פֿון זיין לעצטן בריוו, ווו ער רעדט וועגן אייער בוך. ענגעלס און בערנשטיין וועלן זיין זייער צופֿרידן צו געבן אייך אַלע ידיעות וועגן אַדלערן, וואָס איר וועט וועלן האָבן. איך שיק, טייערער חבר, מיינע בעסטע ווּנטשן פֿרוי סטעפּניאַק. אויפֿריכטיק אייערער, קאַרל קאַוטסקי". אין זעלביקן קאָנווערט האָט קאַוטסקי אַריינגעלייגט אַ שטיקל פֿון אַדלערס בריוו צו אים, אין וועלכן ער לויבט זייער שטאַרק סטעפּניאַקס בוך און לאָזט אים וויסן, אַז ער אַרבעט שוין אויף דער איבערזעצונג און אַז דאָס פֿאַרשאַפֿט אים באמת גרויס פֿאַרגעניגן.

דאָס בוך איז טאַקע שפּעטער אַרויס אויף דייטש אין וו. אַדלערס איבערזעצונג.

סוף 1900 איז סטעפּניאַק אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע צו זאַמלען געלט אויף אַרויסצוגעבן אין לאָנדאָן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור פֿאַר רוסלאַנד. דער באַרימטער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט דזשאָרדזש קענאַן האָט אים צוגעזאָגט צו העלפֿן אָרגאַניזירן דאָ פֿאַרזאַמלונגען און אויך געווינען די אונטערשטיצונג פֿון דער אַמעריקאַנער פּרעסע. סטעפּניאַק איז אַרויסגעטראָטן אויף פֿאַרזאַמלונגען אין אַ ריי שטעט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווו ער האָט גערעדט וועגן דער רוסישער ליטעראַטור און דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אים האָט זיך איינגעגעבן צו זאַמלען דאָ אַ גרויסע סומע, אָבער ווייניקער ווי ער האָט דערוואַרט. אָנהייב יולי 1891 האָט סטעפּניאַק זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן און האָט באַלד צוזאַמען מיט אַ פּאָר פֿון זיינע נאָענטסטע חברים געגרינדעט אין לאָנדאָן דעם „פֿאָנד פֿון דער פֿרייער רוסישער פּרעסע" אויף אַרויסצוגעבן און טראַנספּאָרטירן קיין רוסלאַנד אומלעגאַלע ליטעראַטור.

דער זשורנאַל „פֿרי ראַשיאַ" איז אַרויסגעגאַנגען אין לאָנדאָן רעגולער יעדער מאָנאַט. זייענדיק אין אַמעריקע האָט סטעפּניאַקן זיך איינגעגעבן צוזאַמענצורעדן זיך מיט די היגע רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן וועגן אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע אַמעריקאַנער אויסגאַבע פֿון דעם זשורנאַל. אַ ריי אָנגעזעענע אַמעריקאַנער, צווישן זיי דער באַרימטער שריפֿטשטעלער מאַרק טוויין, האָבן אים צוגעזאָגט צו העלפֿן אין דעם. אָבער די אַמעריקאַנער אויסגאַבע האָט נישט לאַנג עקסיסטירט. ערשט נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1917, ווען מען האָט געעפֿנט די געהיימע אַרכיוון פֿון דער צאַרישער אָכראַנע (פּאָליטישע געהיים־פּאָליציי) האָט מען אויסגעפֿונען, אַז באַגראָבן די אַמעריקאַנער אויסגאַבעס פֿון סטעפּניאַקס „פֿרי ראַשיאַ" האָט נישט קיין אַנדערער ווי דער ניו־יאָרקער יידישער פּראָוואָקאַטאָר, דער באַוווּסטער יידישער פֿאַרלעגער אַלעקסאַנדער עוואַלענקאָ. עוואַלענקאָ האָט זיך אונטער־

גענומען איבערצושיקן קיין רוסלאַנד די גאַנצע ליטעראַטור, וואָס דער „פֿאָנד פֿון דער פֿרייער רוסישער פּרעסע" האָט אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן און ער האָט אַ טייל אַליין פֿאַרניכט אין אַמעריקע און דאָס איבעריקע האָט ער געשיקט קיין רוסלאַנד אַזוי, אַז די פּעק פֿלעגן אַריינפֿאַלן גלייך אין די הענט פֿון דער צאַרישער פּאָליציי. דער „פֿאָנד פֿון דער פֿרייער רוסישער פּרעסע" האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ קליינעם זשורנאַלכל אין רוסיש.

אין סאָוועט־רוסלאַנד אונטער סטאַלינען זיינען סטעפּניאַקס ווערק געווען פֿאַרבאָטן, אָבער אין די לעצטע פּאָר יאָר זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין מאָסקווע סטעפּניאַקס „דאָס אונטערערדישע רוסלאַנד", „אַנדריי קאָזשוכאָוו" און אַנדערע בעלעטריסטישע ווערק. אין 1965 איז אין אַ סאָוועטישן זשורנאַל געווען געדרוקט אַ סעריע פֿון דריי אַרטיקלען אונטערן טיטל „פֿרידריך ענגעלס און סטעפּניאַק־קראַווטשינסקי". די שרייבערין פֿון דעם אַרטיקל יעווגעניאַ טאַראַטוטאַ האָט סטעפּניאַקן דערציילט, אַז זי שרייבט אַ בוך וועגן אים. „אין דעם בוך", שרייבט זי, „וועל איך זיך באַמיִען צו דערציילן וועגן דעם, ווי מען האָט ליב געהאַט זיינע ביכער אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער, וואָס עס איז זייער באַדייטונג אין דער רוסישער ליטעראַטור און אין דער געשיכטע פֿון דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור, ווי אויך וועגן דעם וואָס פֿאַר אַ וווּנדערלעכער מענטש סטעפּניאַק איז געווען. זיין אָנוועזנקייט אַליין איז געווען גענוג, אַז די מענטשן אַרום זאָלן ווערן בעסערע. אים האָבן ליב געהאַט און געאַכט פּלעכאַנאָוו און זאַסוליטש, לואיזע מישעל און וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, מאַרק טווען, בערנאַרד שאָו און וויליאַם מאָריס, געאָרג בראַנדעס און עלעאָנאָראַ מאַרקס".

יעווגעניאַ טאַראַטוטאַ האָט דורכגעשטודירט אַלע מאַטעריאַלן וועגן סטעפּניאַקן, וועגן פֿרידריך ענגעלס און מאַרקסעס טאָכטער עלעאָנאָראַ, וואָס געפֿינען זיך אין די סאָוועטישע אַרכיוון, און אויף דעם גרונט פֿון אָט די מאַטעריאַלן שרייבט זי איצט דאָס בוך וועגן אים. זי רעכנט אויס אין אירע אַרטיקלען אַלע ביכער און כמעט אַלע בראָשורן, וואָס סטעפּניאַק האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין ענגליש, איטאַליעניש און אין רוסיש. אָבער זיין וויכטיקסטע רוסישע בראָשור, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין יאָר 1892, דריי יאָר פֿאַר זיין טויט, דערמאָנט זי נישט און דאָס איז גראָד אַ זייער וויכטיק ביכל. אין דער דאָזיקער בראָשור „וואָס דאַרפֿן מיר האָבן, אָדער דער אָנהייב פֿון סוף" האָט סטעפּניאַק פֿאָרמולירט זיין סאָציאַליסטישן „אני מאמין" און ווי אַזוי ער פֿאַרשטייט די אויפֿגאַבע פֿון די רוסישע סאָציאַליסטן.

„סאָציאַליזם״, שרייבט סטעפּניאַק, „איז די העכסטע מאָראַלישע אידעע פון אונדזער מאָדערנער געזעלשאַפט און באַהאַלטן זי אונטער אַ צודעק, אָדער אַזוי אָדער אַנדערש אָפּשוואַכן זי אין רוסלאַנד, וואָלט געמיינט פרייוויליק אָפּטייטן דאָס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די נשמה און דאָס לעבן פון אונדזער באַוועגונג.

אין פּאָליטיק זיינען מיר רעוואָלוציאָנערן. ביי דעם אומבאַגרענעצטן, ציניש דעספּאָטיזם, וואָס הערשט אין רוסלאַנד, איז יעדע פאָרעם פון פּראָטעסט געזעצלעך און עס זיינען דאָ אַזוינע טיפע באַליידיקונגען פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, אַז פּראָטעסטירן קעגן דעם מיט גוואַלדמיטלען איז אַ מאָראַלישע פליכט פון די בירגערס.

אָבער אין דער פראַגע פון דורכפירן אין לעבן סאָציאַליזם זיינען מיר עוואָלוציאָניסטן. מיר גלייבן לחלוטין נישט אין דער מעגלעכקייט איבערצובויען די עקאָנאָמישע באַציאונגען בלויז מיט דער אינספּיראַציע פון רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג. דאָס איז אַ ריזיקע אַרבעט, וואָס וועט פאָדערן אַ סך אָנשטרענגונג פון די מוחות פון פיל מענטשן. אַ סך צוגרייטונגען, אַ סך פּאָליטישע דערפאַרונג און אויסרעכענונג און דאָס מיינט דעריבער אויך נישט ווייניק צייט״.

ווייטער שרייבט סטעפּניאַק: „מיר גלייבן אין דער גענוגנקייט פון פּאָליטישער פרייהייט אויף צו לייזן די סאָציאַלע פראַגע. אָבער מיר פּראָטעסטירן אַנטשיידן קעגן דער איינגעוואָרצלטער געוווינהייט אין אונדז צו באַטראַכטן פּאָליטישע פרייהייט ווי אַ מיטל צו לייזן די סאָציאַלע פראַגע. אונדז באַליידיקט דער געדאַנק, אַז מיר קענען קוקן אויף פרייהייט נאָר ווי אויף אַ ווערקצייג פאַר עפּעס אַנדערש. פּונקט ווי די געפילן און די באַדערפענישן פון פרייע מענטשן זיינען אונדז פרעמד, פּונקט ווי צוליב די פליכטן צום פאָלק פאַרשטייען מיר נישט די פליכטן צו זיך אַליין, צו מענטשן־ווערדע״. און צום סוף פון זיין בראַשור שרייבט סטעפּניאַק: „מיר גלייבן נישט אין דער מעגלעכקייט גליקלעך צו מאַכן דאָס פאָלק דורך דעקרעטן און באַפעלן פון אויבן... סאָציאַליזם, צאַרישער אָדער יאַקאָבינישער, זיינען ביידע ניט מער ווי גרויזאַמע טיראַניי. נאָר אונטער די באַדינגונגען פון אַלגעמיינער פרייהייט, וואָס דערלאָזט דעם אָנטייל פון גאַנצן פאָלק אין פאַרהאַנדלען און באַשליסן די געזעלשאַפטלעכע פראַגעס, — פאַרשטייענדיק אונטער וואָרט „פאָלק״ די גאַנצע נאַציע און נישט נאָר די פאַרשטייערס פון פיזישער אַרבעט — נאָר אונטער אַזעלכע באַדינגונגען אויף סאָציאַליסטישע יסודות. דערפאַר זיינען מיר פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון פרייהייט אין דער ברייט און אין דער טיף, אין די צענטערס און די פּעריפעריעס פון געזעלשאַפטלעכן בנין. מיר זיינען פאַר אָרטיקער און

ראַיאָניקער אַליין־פאַרוואַלטונג, פאַר פעדעראַליזם, אונטער וועלכן אַלע פעלקער און אַלע לענדער, וואָס גייען אַריין אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער מלוכה, זאָלן ווערן ביי זיך פריי. אונדז זיינען טייער די אינטערעסן פון אַלע רוסישע בירגער אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי, און מיר זיינען גרייט צו פאַרטיידיקן זיי אין נאָמען פון דעם אַלגעמיינעם געפיל פון בירגערלעכער סאָלידאַריטעט, וואָס עקזיסטירט אין אַלע פאַרגעשריטענע לענדער אין וואָס אַ גרעסערער מאָס, וואָס מער קולטורעל דאָס לאַנד איז. נאָר גאַראַנ־טירנדיק פרייהייט אונדזערע קעגנערס, פאַרזיכערן מיר דערמיט אונדזער אייגענע פרייהייט. די וויסנשאַפט פון פרייהייט באַשטייט נישט אין דעם צו קענען טאָן און רעדן וואָס אונדז איז אָנגענעם... דאָס קען יעדערער נישט געלערנטערהייט, נאָר אין אויסאַרבעטן די פעאיקייטן אַריבערצו־טראָגן דאָס אומאָנגענעמסטע, אפילו דאָס שעדלעכע, אויב נאָר דאָס איז אַ רעזולטאַט פון באַנוצן זיך מיט געמיינזאַמע רעכט פאַר אונדז אַלעמען".

אַזוי האָט געשריבן סטעפּניאַק, אין יאָר 1892, מיט דריי יאָר פאַרן טויט פון פרידריך ענגעלס, מיט וועמען ער איז געווען נאָענט באַפריינדעט און וועלכער האָט אויפמערקזאַם געלייענט אַלץ, וואָס סטעפּניאַק האָט געשריבן. עס זיינען נישטאָ קיין אָנווייזונגען, אַז ענגעלס האָט ערגעץ ווו אויסגעדריקט זיין נישט איינשטימיקייט מיט די געדאַנקען, וואָס סטעפּניאַק האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין בראַשור „וואָס דאַרפן מיר האָבן אָדער דער אָנהייב פון סוף".

6

אין יאָר 1891 איז אַב. קאַהאַן, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון „פאָר־ווערטס", געווען אין לאָנדאָן און ער האָט זיך דאָרטן באַקאַנט מיט סטעפּ־ניאַקן. אין דריטן באַנד פון זיינע מעמואַרן שרייבט קאַהאַן:

„סטעפּניאַק איז געווען דער ערשטער פון די אַלטע רוסישע רעוואָלוציאָ־נערן, וואָס האָבן דעמאָלט געוווינט אין לאָנדאָן, מיט וועמען איך בין דאָרט באַקאַנט געוואָרן. גייענדיק צו אים האָב איך זיך געפּרווט פאָר־שטעלן, ווי אַט דער העלדישער וועלט־באַרימטער מענטש זעט אויס. ווען איך בין געקומען אויף זיין קוואַרטיר האָט מיך אויפגענומען אַ מאַן מיט ברייטע שולטערן, מיט האַרטע, שוואַרצע, אַ ביסל געקרייזלטע האָר און באָרד, מיט אַ קורצער ברייטלעכער נאָז. אויפן ערשטן בליק האָט ער אויסגעזען נישט שיין. אָבער ווען איך האָב זיין אויסזען אין מיין געדאַנק צוזאַמענ־געבונדן מיט זיין העלדישקייט, איז דער נישט שיינער פּנים געוואָרן זעלטן איינדרוקספול און אינטערעסאַנט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער זעט אויס

נאָך העלדישער, ווי איך האָב אים געשילדערט אין מיין איינבילדונג. פאַר אַזאַ מענטשן פּאַסט פּונקט אַזאַ געשטאַלט, האָב איך זיך געטראַכט.

„זיין פרוי איז געווען אַ יידישע, אויך אַ רעוואָלוציאָנערקע, אַ שיינע, אַן אינטערעסאַנטע, מיט שוואַרצע אויגן, מיט אַ יידישן אָנבליק".

„דאָס איז נישט געווען מיין איינציקער וויזיט ביי זיי. איך האָב זיי באַזוכט נאָך עטלעכע מאָל און איין מאָל האָט סטעפּניאַק מיך באַזוכט ביי אונדזערן אַ צוזאַמענקונפט אין דעם יידישן קוואַרטאַל. די געפילן, וואָס ער האָט אַרויסגערופן אין מיר, זיינען געווען גאַנץ אַנדערע ווי די, וועלכע איך האָב געהאַט צו לעאָ האַרטמאַנען (האַרטמאַן איז געווען אַ „נאַראָדאָ־וואָליעץ", וועלכער האָט צוזאַמען מיט סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ אויפגעריסן דעם צוג, אין וועלכן דער קיסר אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געפאָרן. ער איז דערנאָך אַנטלאָפן קיין פּאַריז. פון פּאַריז איז ער אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן און פון לאָנדאָן איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק — ד. ש.). סטעפּניאַק איז געווען אַ פיל וויכטיקער מענטש מיט מער אַנטוויקלונג און מער כאַראַקטער ווי האַרטמאַן. דורך אַ נאָענטער באַקאַנטשאַפט האָט האַרטמאַן פאַרלאָרן אין מיינע אויגן. סטעפּניאַק אָבער האָט דורך דעם געוואונען. אַ פּאָר מאָל האָבן די סטעפּניאַקס מיך איינגעלאַדן צו מיטאָג. איך געדענק, ווי ער פלעגט זיצן און רויכערן אַ סיגאַרעט פון אַ ציגאַרנ־שפּיץ, קוקן מיט אומעטיקע אויגן און שווייגן. ער איז געווען אַ מאַלאָרוס (אַן אוקראַאינער) און אַט דאָס פאַרטראַכטע שווייגן איז אַ מאַלאָרוסישער שטריך. אים איז אָבער טאַקע געווען אומעטיק אויפן האַרצן.

„איך גלייב נישט, אַז ער האָט אין אויסלאַנד זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. אַ חוץ דעם איז דער קאַמף פאַר חיונה ביי אים געווען נישט קיין לייכטער. ער האָט געלעבט פון פעדער און קיין גרינג ברויט איז עס נישט געווען"...

אין יולי 1893 האָט סטעפּניאַק פאַרשריבן אין זיין טאָגבוך, אַז עס זיינען געקומען קיין לאָנדאָן וולאַדימיר קאָראָלענקאָ און קאָנסטאַנטין דאָבראָ־דזשאַנו.

וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, דער באַרימטער רוסישער שריפטשטעלער און גרויסער מענטשנפריינד, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע טעג אין לאָנדאָן אויפן וועג קיין אַמעריקע. ער איז געפאָרן באַזוכן די טשיקאַגער וועלט־אויסשטעלונג. קאָראָלענקאָ איז אין דער יוגנט אַליין אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער, איז געזעסן אין פאַרשיידענע צאַרישע טורמעס און געווען פאַרשיקט אין סיביר. ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען און איז פאַרבליבן ביזן טויט אַן עטישער סאָציאַליסט. ער האָט אין 1893 זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר טעג אין לאָנדאָן, דער עיקר כדי צו באַקענען זיך מיט סטעפּניאַקן,

וועגן וועמען ער האָט אַ סך געהערט פֿון זיינע פֿריינד, מיט וועלכע עס איז אים אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך אין די פֿאַרשיידענע טורמעס. אַ חוץ דעם האָט סטעפּניאַק מיט אַ קורצער צייט פֿאַר דעם פֿאַרעפֿנטלעכט אין לאָנדאָן קאָראָלענקאָס דערציילונג „טשודנאַיאַ" (די מאָדנע). די דערציילונג איז פֿריער געווען געדרוקט אין סטעפּניאַקס ענגלישן זשורנאַל „פֿרי ראָשיאַ" און איז דערנאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ באַזונדער ביכל אין רוסיש אין פֿאַרלאַג פֿון דעם „פֿאָנד פֿון דער פֿרייער רוסישער פּרעסע". סטעפּניאַק האָט אויך איבערגעזעצט אין ענגליש קאָראָלענקאָס באַרימטע נאָוועלע „דער בלינדער מוזיקאַנט", וועלכע האָט אין ענגלאַנד געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

קאָנסטאַנטין דאָבראָדזשאַנו (זיין אמתער נאָמען איז געווען קאַץ און ער איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ ייד) איז געווען סטעפּניאַקס אַן אַלטער באַקאַנטער נאָך פֿון רוסלאַנד. זייענדיק געצוווּנגען צו אַנטלויפֿן פֿון רוסלאַנד, האָט ער זיך באַזעצט אין רומעניע, ווו ער איז געוואָרן איינער פֿון די אָנגעזעענסטע פֿריידיקער פֿון די אידייען פֿון סאָציאַליזם. ער איז געווען איינער פֿון די גרינדער פֿון דער רומענישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אונטער פּסעוודאָנים דאָבראָדזשאַנו. ער איז געווען באַוווּסט אויך ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער.

אין אַ בריוו צו ענגעלסן, דאַטירט דעם 29סטן יולי, 1893, האָט סטעפּניאַק געשריבן:

„טייערער מ"ר ענגעלס!

דאָבראָדזשאַנו וויל, אַז איך זאָל אייך אָנשרייבן וועגן אים עטלעכע ווערטער ווי אַ רעקאָמענדאַציע, וואָס איך דענק, אַז דאָס איז נישט שטאַרק נייטיק, ווייל אייך איז דער נאָמען געווים באַקאַנט. ער פֿאָרט צום ציריכער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס ווי אַ פֿאַרשטייער פֿון די רומענישע סאָציאַליסטן און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּאָר טעג אין לאָנדאָן און וויל שטאַרק אייך זען. אייער אויפֿריכטיק איבערגעגעבענער ס. סטעפּניאַק".

ענגעלס האָט מיט אינטערעס זיך באַקענט מיט דער קאָלירפֿולער פֿיגור פֿון דעם רוסישן פֿליכטלינג, וועלכער איז געוואָרן דער סאָציאַליסטישער פֿירער אין רומעניע. אין אויגוסט 1893 האָבן זיי זיך געטראָפֿן אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין ציריך, ווו ענגעלס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַגריסונגס־רעדע.

ווי פֿריער, איז סטעפּניאַק די זונטיקס געווען אַ געוווּנטשענער גאַסט אין הויז נומער 121 רינדעלס פּאַרק אין לאָנדאָן, ווו ענגעלס האָט געוווינט מער ווי אַ פּאָר צענדליק יאָר. ענגעלס איז שוין דעמאָלט געווען קראַנק.

ער האָט געליטן פון אַ קאַנסער אין האַלדז. דעם 5טן אויגוסט, 1895, איז ענגעלס געשטאָרבן, אין עלטער פון קאַרגע 75 יאָר. אין זיין צוואה האָט ער געבעטן, אַז מען זאָל זיין קערפּער קרעמירן און דעם אַש צעשפּרייטן איבערן ים. דעם 10טן אויגוסט איז געווען די לוויה. אין קרעמאַטאָריע האָבן זיך פאַרזאַמלט זיינע נאָענטסטע פריינד, צווישן זיי אויך סערגיי סטעפּניאַק און זיין פרוי פאַניאַ. קורצע רעדעס האָבן געהאַלטן עדוארד בערנשטיין, פּאול לאַפאַרג, אויגוסט בעבעל און עדוארד עוועלינג.

קיינער האָט דעמאָלט נישט געקענט דערוואַרטן, אַז עס וועט נישט אריבער אַפילו קיין האַלב יאָר, ווי פון דעם זעלביקן לאָנדאָנער וואָקזאַל וואַטערלאָ, פון וואַנען מען האָט אַוועקגעפירט ענגעלסעס טויטן קערפּער אין דער קרעמאַטאָריע, וועט אַוועקגעפירט ווערן אויך דער טויטער קערפּער פון סערגיי קראַווטשינסקי־סטעפּניאַק.

דעם 23סטן דעצעמבער, 1895, אין דער פרי, ווען סטעפּניאַק איז פאַר־טראַכטערהייט אריבער די דערבייאיקע אייזנבאַן־ליניע, איז ער געטייט געוואָרן פון לאָקאָמאָטיוו פון שנעלצוג. סטעפּניאַק איז אַלט געווען 44 יאָר.

דעם 25סטן דעצעמבער האָט עלעאָנאָרא מארקס געשריבן צו סטעפּ־ניאַקס פרוי:

„מיין טייערע פאַניאַ!

איך האָב אייך נעכטן אין אָוונט נישט געקענט שרייבן. איך האָב איינ־פאַך קיין מוט נישט געהאַט. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט די שרעקלעכע נייעס, האָט זיך אונדז געדוכט, אַז עס איז אוממעגלעך צו גלייבן עס. גע־ווים, איך פאַרשטיי, אַז מיר זיינען מאַכטלאָז צו העלפן אייך מיט וואָס ניט איז און דאָס איז דאָס סאַמע טרויעריקסטע, וואָס קען זיין אין דער וועלט. דאָס איינציקע וואָס מיר קענען טאָן איינע פאַר די אַנדערע, איז פאַרלייכטערן אונדזערע לײדן. די איינציקע, כאָטש נישט קיין צו גרויסע טרייסט פאַר אייך, דאַרף זיין דאָס, וואָס אַלע, וועלכע האָבן אים געקענט, טרויערן היינט צוזאַמען מיט אייך. אָבער הגם דער ווייטיק פון יעדן איינעם פון אונדז איז אָן אַ גרענעץ, קען מען אים נישט פאַרגלייכן מיט אייער ווייטיק. און אויב איך אָדער עדוארד קענען עפּעס טאָן פאַר אייך, זיינען מיר גרייט אויף אַלץ. לאָזט אונדז נאָר וויסן. טייערע פאַניאַ, פון גאַנצן האַרצן, אייערע עלעאָנאָרא מארקס־עוועלינג".

דעם זעלבן טאָג האָט עלעאָנאָרא מארקס געשריבן צו וויערא זאַסוליטש:

„מיין טייערע וויעראַ!

מיר האָבן זיך דערוווּסט פון די צייטונגען וועגן דעם שרעקלעכן אומ־גליק, וואָס האָט אייך געטראָפן און וואָס האָט אונדז אַלעמען איבערראַשט. איך האָב געוואָלט שרייבן אייך, פאַר אייך און פאַר פאַניאַן, אָבער בין

ניסט געווען אין שטאַנד, האָב נישט געהאַט קיין מוט. איך טראַכט די גאַנצע צייט וועגן אונדזער אָרעמער פּאַניאַן. פֿאַר איר איז דאָס שווידערלעך. איך וויל קומען צו איר און אַרומנעמען זי. אָבער איך האָב מורא זי נישט צו דערעסן. זאָגט איר, טייערע וויערא, אַז מיין מאַן און איך הערן נישט אויף צו טראַכטן וועגן איר און אויב מיר וואָלטן געקענט עפּעס טאָן פֿאַר איר, וואָלט עס געווען אַ גליק פֿאַר אונדז. און מיר טראַכטן אויך וועגן אייך, טייערער פֿריינד. ער איז געווען אייערער אַן אַלטער פֿריינד, און פֿריינד זיינען אַזוי זעלטן.

נאַטירלעך וועלן מיר שבת קומען קיין וואָקינג (ווו די לוויה וועט פֿאָר־קומען). מיר נעמען אייך אַרום, טייערע וויעראַ, און איך חזר איבער, אַז מיר זיינען גרייט צו טאָן אַלץ פֿאַר אייך אָדער פֿאַניאַן. גיט אונדז נאָר צו וויסן. אין גאַנצן אייערע, עלעאָנאָראַ".

דעם 28סטן דעצעמבער, שבת, האָבן אַרום וואָקזאַל וואַטערלאָ דורכ־געמאַרשירט אין געשלאָסענע רייען פֿיל צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. באַגלייטנדיק צו זיין אייביקער רו דעם רוסישן רעוואָלוציאָנער און סאָציאַ־ליסט, האָבן זיי געוווּסט, אַז קעמפֿנדיק פֿאַרן גליק פֿון רוסישן פֿאָלק, האָט סטעפּניאַק געקעמפֿט אויך פֿאַר זייער גליק.

מיט אָפּשייד־רעדעס זיינען אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פֿון די ענגלישע אַרבעטערס און סאָציאַליסטן דזשאָן בורנס. אין נאָמען פֿון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — עדואַרד בערנשטיין, אין נאָמען פֿון די איטאַליע־נישע רעוואָלוציאָנערן — ענריקאָ מאַלאַטעסטאַ. פֿון די רוסישע פֿריינד — פּיאָטר קראַפּאָטקין און פֿון די ענגלישע סאָציאַליסטן — וויליאַם מאָריס. אַ געזעגענונגס־רעדע האָט אויך געהאַלטן עלעאַנאָראַ מאַרקס.

סטעפּניאַק איז נישט נאָר געווען אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר אויך אַן אמתער פֿרייהייטלעכער סאָציאַליסט, אַ פֿיינד פֿון יעדער דיקטאַטור און פֿון יעדער טיראַניי. אין זיין וועלטבאַנעם האָט ער געשטעלט העכער פֿון אַלץ פּאָליטישע פֿרייהייט, סאָציאַלע גערעכטיקייט און מער פֿון אַלץ און פֿריער פֿון אַלץ די פֿרייהייט פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. מען קען זאָגן אָן איבערטרייבונג, אַז סטעפּניאַק־קראַווטשינסקי איז געווען דער ערשטער אויסגעהאַלטענער דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט אין רוסלאַנד און איינער פֿון די ערשטע דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן אין דער גאַנצער וועלט, דערצו אַ גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט.



געאָרגי פּלעכאַנאָוו

(1918 — 1857)

גע‏אָרגי פּלעכאַנאָוו

(1918 — 1857)

1

געאָרגי וואַלענטינאָוויטש פּלעכאַנאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 25טן נאָוועמבער 1856 אין אַ דאָרף אין טאַמבאָווער גובערניע, אויף דעם גוט פֿון זיינע עלטערן. דאָרט איז ער דורכגעגאַנגען די שטרענגע שול פֿון זיין טאַטן, דעם געוועזענעם אָפֿיציר. דער טאַטע איז געווען אַ דעספּאָטיש־שטרענגער און זייער פּינקטלעכער מענטש. אָבער אַ קלוגער און, פֿאַר זיין צייט, אַ גאַנץ געבילדעטער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט ביכער און האָט געזוכט אַנטוויקלען ביי זיינע קינדער אַ ליבע צו אַרבעט און אַ זעלבשטענדיקן כאַראַקטער. פּלעכאַנאָווס מאַמע איז געווען גראָד זייער אַ גוטע, ווייכהאַרציקע און העכסט־געבילדעטע פֿרוי. זי איז געווען אַ פּלימעניצע פֿון דעם גרויסן רוסישן קריטיקער ביעלינסקי.

געאָרגי פּלעכאַנאָוו, איינער פֿון די מערקווירדיקסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד האָט פֿון זיך אַרויסגעגעבן איז, במשך עטלעכע פֿון פֿערציק יאָר געווען דער וויכטיקסטער וואָרטפֿירער און טאָנגעבער פֿון דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איינער פֿון די הויפּטזיילן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. די נאַטור האָט פּלעכאַנאָוון באַשאָנקען מיט אַ סך טאַלאַנטן. ער האָט פֿאַרמאָגט, וואָס מען רופֿט, אַ „פֿילאָסאָפֿישן מוח”. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער פּובליציסט מיט אַ זייער בייסנדיקער פֿעדער. אַ זעלטענער רעדנער און גלענצנדיקער פּאָלעמיסט. דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן זכרון. פּלעכאַנאָוו איז לכל־הדעות געווען דער געבילדעטסטער סאָציאַליסט נישט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין דער גאַנצער וועלט. קיין אַנדער סאָציאַליסט האָט ניט פֿאַרמאָגט אַזאַ אַלזייטיק ענציקלאָפּעדיש וויסן, ווי פּלעכאַנאָוו. איבער וואָס פֿאַר אַ קעגנשטאַנד ער האָט ניט געשריבן, האָט מען גלייך געפֿילט, אַז דאָס שרייבט נישט קיין דילעטאַנט,

נאָר אַ בקי אין דעם ענין, אַ געלערנטער אין פּוילן זין פֿון וואָרט. און דאָס איז געווען די מיינונג נישט בלויז פֿון זיינע חברים־סאָציאַליסטן, נאָר אויך פֿון זיינע קעגנער און פֿיינד.

פּלעכאַנאָוו איז געווען גרויס נישט נאָר ווי אַ שריפֿטשטעלער און פּובלי־ציסט. ער איז אויך געווען אַ ווייטזיכטיקער פּאָליטיקער. ער האָט מיט אַ צייט פֿריער געקענט פֿאָרויסזען זאַכן און פּאַסירונגען, וואָס װעלן שפּעטער פֿאָרקומען. גאַנצע דורות רוסישע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך דערצויגן אויף פּלעכאַנאָווס ווערק. נישט נאָר זיינען די פֿירער פֿון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און פֿון „בונד" געווען פּלעכאַנאָווס תלמידים, נאָר אויך די גרינדער פֿון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און פֿון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד האָבן זייער סאָציאַליזם געלערנט דער עיקר ביי פּלעכאַנאָוון. אַפֿילו די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וועמען פּלעכאַנאָוו האָט יאָרנלאַנג ביטער באַקעמפֿט, האָבן שפּעטער צוגעגעבן, אַז זיי האָבן פֿון זיין קריטיק אַ סך געלערנט. פּלעכאַנאָוו האָט אויך געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס אויף די גרינדער פֿון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. אַב. קאַהאַן דערציילט אין זיינע מעמואַרן, אַז אַפֿילו שוין זייענדיק אין אַמעריקע, איז ער נאָך אַ לאַנגע צייט געווען אַ האַלבער אַנאַרכיסט. צו סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם איז ער באַקערט געוואָרן נאָך דעם, ווי ער האָט אין 1884 איבערגעלייענט פּלעכאַנאָווס בוך „נאַשי ראַזנאַגלאַסיאַ" (אונדזערע מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן). אויך לואי מילער, מיכאַאיל זאַמעטקין, מאָריס ווינטשעווסקי, פֿיליפּ קראַנץ, מ. באַראַנאָוו, און א. ליעסין זיינען געוואָרן סאָציאַל־דעמאָקראַטן דער עיקר אונטער דעם איינפֿלוס פֿון פּלעכאַנאָווס ווערק. (דאָס האָב איך אַליין פֿון זיי ניט איין מאָל געהערט).

מיט פּלעכאַנאָווס נאָמען איז ענג פֿאַרבונדן די גאַנצע געשיכטע פֿון דעם רוסישן פֿרייהייט־קאַמף פֿון די 70קער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט אָן ביז דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע פֿון 1917 און אין פּלעכאַנאָווס געשטאַלט איז פֿאַרקערפּערט געוואָרן די גאַנצע טראַגעדיע פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין הויז ביי זיי איז געווען אַ גאַנץ רייכע ביבליאָטעק און דער יונגער געאָרגי, אָדער זשאָרזש, ווי מען האָט אים גערופֿן אין הויז, האָט איבער־געלייענט אַ גרויסע טייל ביכער אין זייער ביבליאָטעק, צווישן וועלכע עס זיי־נען אויך געווען אַ סך איבער מיליטערישע פֿראַגעס. זשאָרזש האָט גע־טרוימט צו ווערן אַ קריגספֿירער ווען ער וועט אויסוואַקסן. זיין ערשטע לערערין איז געווען די מאַמע. ווען ער איז אַלט געוואָרן 10 יאָר און עס איז געקומען די צייט אים אָוועקצוגעבן אין שול, האָט דער טאַטע געוואָלט

אים אריינגעבן אין אַן איינפאַכער גימנאַזיע. זשאַרזש אָבער האָט ניט אַנדערש געוואָלט ווי אָנקומען אין אַ מיליטערישער שול. און ער האָט אויסגעפירט. צו 9 יאָר איז ער אָנגעקומען אין דער וואָראָניעזשער מיליטער־רישער גימנאַזיע. דאָרט האָט ער זיך געלערנט זייער גוט. שוין אין גימנאַזיע האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף אַלע זיינע חברים. נאָך דעם ווי ער האָט מיט אויסצייכענונגען פאַרענדיקט די גימנאַזיע, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג און איז אָנגעקומען דאָרטן אין אַ שול פאַר אָפיצירן. אין פעטערבורג האָט זיך דעמאָלט געפונען זיינער אַן עלטערער ברודער, אַן אָפיציר פון גענעראַל־שטאַב, און יענער האָט געזוכט צו מאַכן פון אים אַ „מענטשן”. אָבער אונטער דעם איינפלוס פון דער ראַדיקאַלער רוסישער ליטעראַטור איז געאָרגי פּלעכאַנאָוו געוואָרן אַ ראַדיקאַל און ער האָט זיך באַמיט איבערצוגעווינען זיין ברודער און זיינע חברים די אַנדערע אָפיצירן, אויף זיין זייט. דער רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַריינגעדרונגען אויך אין די מיליטערישע שולן.

„איין מאָל אין אַ נאָכמיטיק, — האָט שפּעטער דערציילט פּלעכאַנאָוו, — זיינען מיר, אַ גרופּע סטודענטן פון דער מיליטערישער שול געזעסן און געלייענט נעקראַסאָווס פּאָעמע „די אייזנבאַן” (אין דער פּאָעמע ווערן געשילדערט די ליידן פון די רוסישע פויערים — ד. ש.). ווי נאָר מיר האָבן געענדיקט לייענען, האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל, וואָס האָט אונדז גערופן מושטירן זיך. מיר האָבן באַהאַלטן דאָס בוך און זיינען אַוועק נעמען די ביקסן, געפינענדיק זיך אונטער דעם שטאַרקן איינדרוק פון נעקראַסאָווס געדיכטן. ווען מיר האָבן זיך גענומען אויסשטעלן אין דער ריי, איז צו מיר צוגעקומען מיין פריינד ס. און האָט דריקנדיק אין האַנט די ביקס, שטיל אַ זאָג געטאָן: „עך, איך וואָלט גענומען אָט די ביקס און וואָלט אַוועק זיך שלאָגן פאַרן רוסישן פאָלק!”. אָט די ווערטער האָבן זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון”.

דעם געדאַנק צו ווערן מיט דער צייט אַ קריגספירער האָט פּלעכאַנאָוו שוין לאַנג אויפגעגעבן. ווען ער האָט געענדיקט די מיליטערישע שול, האָט ער באַשלאָסן, אַנשטאַט אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי ווי אַן אָפיציר, ווייטער שטודירן. מע האָט באַדאַרפט פאַר דעם באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער רעגירונג און ער האָט מיט גרויס מי אַזאַ דערלויבעניש באַקומען. ער איז נאָך קיין פולע 18 יאָר ניט אַלט געווען, ווען ער האָט אין 1874 גלענצנדיק אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס און די עקזאַמענס אין פיזיק און מאַטעמאַטיק און איז אָנגעקומען אין גאָרני אינסטיטוט. אויך אין אינסטיטוט האָט ער זיך שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זיינע אויסער־געוויינלעכע פעאיקייטן און מיט זיינע קענטענישן און ער האָט געחלומט,

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם אינסטיטוט, אַוועקפֿאָרן אין אויסלאַנד, פֿאַרפֿולקאָמען זיך אין כעמיע און ווערן דערנאָך אַ פּראָפֿעסאָר.

אין 1876, ווען לעוו דייטש, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַן אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנער, האָט זיך מיט אים צום ערשטן מאָל געטראָפֿן אין פּעטערבורג, האָט פֿלעכאַנאָוו אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. שוין דעמאָלט, שרייבט דייטש, איז ער געווען אַן אַלזייטיק געבילדעטער יונגערמאַן. ער איז געווען אַ בקי ניט נאָר אין די מיליטערישע וויסנשאַפֿטן, וואָס ער האָט שטודירט אין די מיליטערישע שולן וואָס ער האָט געענדיקט. ער האָט אויך גוט געקאָנט מאַטעמאַטיק, פֿיזיק, כעמיע און די אַנדערע עקזאַקטע וויסנשאַפֿטן, וואָס ער האָט שטודירט אין גאָרני אינסטיטוט. ער האָט איבער די אַלע קענטשאַפֿטן געלייענט אַ סך ספּעציעלע ווערק און ער האָט מיט זיינע קענטעניש ארויסגערופֿן די דערשטוינונג נישט נאָר ביי זיינע חברים, נאָר אויך פֿון די פּראָפֿעסאָרן. אַ חוץ דעם איז ער אויך געווען גוט באַקאַנט מיט דער רוסישער ליטעראַטור און איז שוין דעמאָלט געווען אַ גרויסער קענער פֿון געשיכטע. אַ חוץ זיין מוטער־שפּראַך האָט ער אויך פֿולשטענדיק באַהערשט די פֿראַנצויזישע שפּראַך.

מיט אַ קורצער צייט פֿאַר דעם ווי דייטש האָט זיך געטראָפֿן מיט פֿלעכאַנאָוון, איז פֿלעכאַנאָוו צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

„ווי אַלע סטודענטן־רעוואָלוציאָנערן אין יענער צייט, — דערציילט פֿלעכאַנאָוו אין זיין ביכל „דער רוסישער אַרבעטער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג", — בין איך, פֿאַרשטייט זיך, אויך געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פֿון דעם פֿאָלק און האָב זיך געקליבן צו „גיין אין פֿאָלק", וועגן וועלכן איך האָב, ווי אַלע סטודענטן־רעוואָלוציאָנערן, געהאַט אַ זייער אומקלאָרן, אומבאַשטימטן באַגריף. ליב האָבנדיק „דאָס פֿאָלק", האָב איך אים זייער ווייניק געקאָנט. בעסער געזאָגט, גאָרניט געקאָנט, הגם איך בין אויסגעוואַקסן אין דאָרף".

די באַוועגונג פֿון דער שטודירנדער רעוואָלוציאָנער־געשטימטער יוגנט צו „גיין אין פֿאָלק", האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פֿריער. אין 1874 האָבן אַ סך הונדערטער רעוואָלוציאָנער־געשטימטע בחורים און מיידלעך זיך אַוועקגעלאָזט איבער די דערפֿער מיטן צוועק צו בילדן די פּויערים, אויפֿהייבן זיי אויף אַ העכערער מדרגה, לערנען זיי און אויך אַליין זיך לערנען פֿון זיי. אַזוי ווי אויף אַן אינטעליגענט האָבן די רוסישע פּויערים דעמאָלט געקוקט ווי אויף אַ פּריץ און האָבן דעריבער צו אים באַצויגן זיך מיט פֿאַרדאַכט, אויב ניט מיט אָפֿענער שנאה, פֿלעגן די רעוואָלוציאָנערן זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר פּויערים. טייל האָבן זיך אויסגעלערנט עפּעס אַ מלאכה צו קענען קומען אין דאָרף ווי פּראָסטע אַרבעטער.

דאָס איז געווען אַ מעכטיקע באַוועגונג, אָבער אָן קלאָרע צילן, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט טויזנטער יונגעלייט. פאַרשיידענערליי טעאָריעס האָבן זיך אויסגעמישט אין דער דאָזיקער באַוועגונג. צווישן די אָנטיילנעמער פון יענער באַוועגונג זיינען געווען אַנאַרכיסטן פון באַקונינס חדר, אַזוי גוט ווי סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען נאָענט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעאָריע, און אויך אַזוינע, וואָס האָבן זיך ניט אינטערעסירט מיט קיין שום „איזמען", נאָר האָבן סתם געוואָלט העלפן דעם פאָלק. עס זיינען אויך געווען ניט ווייניק אַזוינע, וואָס האָבן פשוט געוואָלט לעבן אַזוי ווי עס לעבט דאָס פאָלק, ד. ה. פאַרדינען זייער ברויט דורך שווערער פיזישער אַרבעט און זיי האָבן זיך באַמיט נאָכצוטאָן די פויערים אין אַלץ. קליידן זיך אַזוי ווי דער פויער און אַפילו ריידן אַזוי ווי ער.

די באַוועגונג פון „גיין אין פאָלק" האָט, ווי באַוווּסט, זיך געענדיקט זייער טראַגיש. די פויערים האָבן ניט נאָר נישט געפאָלגט דעם רוף פון די יונגע רעוואָלוציאָנערן צו מאַכן אַן אויפשטאַנד, נאָר האָבן זייער אָפט, פאַרקערט, די ענטוזיאַסטישע פריידיקער פון אַלגעמיינעם גליק אַרויסגעגעבן צו דער פאָליציי. אין 1864-1875 זיינען אַרעסטירט געוואָרן העכער טויזנט יונגעלייט און מיידלעך, מערסטנס, געוועזענע סטודענטן און סטודענטקעס, קינדער פון רייכע עלטערן, וואָס האָבן איבערגעריסן מיט זייער פאַרגאַנגענהייט און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פאַרגעניגנס פון לעבן, כדי צו ווידמען זיך אין גאַנצן דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק. אַ סך אַרעסטירטע זיינען, אַפילו פון שטאַנדפונקט פון די דעמאָלטיקע רוסישע געזעצן, געווען אומשולדיק. אַ צאָל אַרעסטירטע זיינען געשטאָרבן אין די טורמעס נאָך פאַרן משפט. טייל זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און עטלעכע זיינען אַרונטער פון זינען. סוף 1875 און אָנהייב 1876 איז פּלעכאַנאָוו באַקאַנט געוואָרן מיט אייניקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען ניט געווען אַרעסטירט. אין די געהיימע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך פון פעטערבורג און אַנדערע שטעט האָט מען דעמאָלט פיל דיסקוטירט די פראַגע: וואָס טוט מען ווייטער? די מערסטע רעוואָלוציאָנערן זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז מען דאַרף ווי פריער אַרבעטן, דער עיקר, צווישן די פויערים. די דערפאַרונג האָט באַוויזן אַז די פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם איז ניט פאַרשטענדלעך פאַר די פויערים. דערפאַר אָבער האָבן פון די באַגעגענישן מיטן „פאָלק" די רעוואָלוציאָנערן זיך איבערצייגט, אַז גערעכט זיינען געווען אַלעקסאַנדער הערצען, ניקאָלאַי טשערנישעווסקי און מיכאַאיל באַקונין וואָס האָבן באַהויפּטעט, אַז די פויערים האָבן שוין אַן אייגנעם פאַרטיקן „אידעאַל", וואָס אונטערשיידט זיך, אין גרונד גענומען, זייער ווייניק פון דעם מערב־אייראָפּעאישן פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם. דער דאָ-

זיקער „אידעאַל״ באַשטייט אין דעם, וואָס דער רוסישער פּויער האַלט, אַז די ערד געהערט אָדער דאַרף געהערן צו אַלע די וואָס באַאַרבעטן זי. די פּויערים זיינען געוווינט בשותּפות צו באַאַרבעטן די ערד און באַנוצן זיך מיט די ברכות פון דער נאַטור. די פּויערים זיינען געוווינט צו דער דאָרפישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, צו אַרבעטן אין אַרטעלן (אַ מין קאָאָפּעראַטיוו) א. א. וו.

צוליב אָט די „גליקלעכע אייגנשאַפטן״ פון דעם רוסישן פאָלק, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון זיין פריערדיקער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, דאַרף די ראָל פון רעוואָלוציאָנערן, וואָס באַזעצן זיך אין דאָרף באַשטיין אין פירן צווישן די פּויערים אַן אַגיטאַציע אויפן באָדן פון דער אומצופרידנקייט וואָס הערשט צווישן זיי מיט די עקסיסטירנדיקע צושטאַנדן. די רעוואָלוציאָנערן דאַרפן אויסנוצן יעדע געלעגנהייט אַרויסצורופן ביי די פּויערים אַ גרייטקייט צו קעמפן „פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע ווּנטשן און שטרעבונגען״. ווען עס וועלן, ווי אַ רעזולטאַט פון דער אומצופרידנקייט, אויסברעכן פּויערים־אויפשטאַנדן, זאָלן די רעוואָלוציאָנערן זיך שטעלן אין שפּיץ פון די דאָזיקע אויפשטאַנדן און העלפן זיי אויסברייטערן און פאַרטיפן. די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך גערופן „נאַראָדניקעס״. (פון דעם וואָרט „נאַראָד״ — פאָלק).

אין 1876 האָבן די רעוואָלוציאָנערע נאַראָדניקעס געגרינדעט די געזעלשאַפט אָדער די פּאַרטיי „זעמליאַ אי וואָליאַ״ (ערד און פרייהייט) און פּלעכאַנאָוו איז געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער פּאַרטיי. די לאָזונג פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ״ איז געווען: די גאַנצע ערד דאַרף אַריבערגיין אין בשותּפותדיקן אייגנטום פון פּויערטום. ווי באַקוניסטן, האָבן די מיטגלידער פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ״ ניט נאָר ניט געהאַלטן פאַר נייטיק אויסצוקעמפן פּאָליטישע פרייהייט פאַר רוסלאַנד, נאָר זיי זיינען, אין טעאָריע ווייניקסטנס, געווען קעגן דעם אַז מען זאָל קעמפן פאַר אַ „בורזשואַזער קאָנסטיטוציע״ דערפאַר, וואָס דאָס קען, לויט זייער מיינונג, שטערן דעם קאַמף פאַר „אמתער פרייהייט״, ד. ה. פאַרן סאָציאַליזם.

אַ דאַנק זיין גרויסן וויסן און גלענצנדיקע פעאיקייטן ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, האָט פּלעכאַנאָוו זיך שנעל אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע. ער איז געוואָרן איינער פון די בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטן צווישן די פּעטערבורגער אַרבעטער. און ווען עס איז אין דעצעמבער 1876 אין פּעטערבורג פאָרגעקומען די ערשטע גרויסע רעוואָלוציאָנערע גאַסן־דעמאָנסטראַציע, האָט פּלעכאַנאָוו דאָרט געהאַלטן אַ רעדע. די פּאָליציי האָט די דעמאָנסטראַנטן צעטריבן און אַ סך פון זיי אַרעסטירט. פּלעכאַנאָוו אָבער האָבן די חברים געהאָלפן אַנטלויפן.

כדי צו „פּראָווישן די שפּורן" איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער זאָל אוועק־פאָרן פאַר אַ קורצער צייט אין אויסלאַנד.

אהרן זונדעלעוויטש, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אומלעגאַלן טראַנס־פּאָרט פון דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ", האָט אים געהאָלפן „גנבענען" די גרענעץ און האָט דערנאָך זיך געטראָפן מיט אים אין בערלין. זונדעלע־וויטש האָט שפּעטער, ווען פּלעכאַנאָוו איז געוואָרן אַ פאַרברענטער מאַרק־סיסט און איז געווען אַנטציקט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דערמאָנט, ווי אַזוי דער יונגער פּלעכאַנאָוו האָט ביי זיין ערשטן באַזוך אין דייטשלאַנד, זיך באַצויגן זייער קריטיש צו די דייטשן. ער האָט חוזק געמאַכט פון זייער בלינדער געהאָרכזאַמקייט און שקלאַפישער אונטער־טעניקייט צום קייסער און ער האָט באַשולדיקט אין דעם די פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויגוסט בעבעלן און ווילהעלם ליבקנעכטן. די זעלבע מיינונג וועגן דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן דעמאָלט געהאַט די מערסטע רוסישע נאַראָדניקעס, וואָס זיינען געווען אונטער דעם איינפלוס פון באַקונינען.

„פּלעכאַנאָוו — שרייבט לעוו דייטש — האָט זיך פון באַקונינען ניט אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם. דאָס קען מען, צום באַדויערן, ניט זאָגן וועגן טייל באַקוניסטן פון דרום־רוסלאַנד. אָבער די דייטשן האָבן אויך פּלעכאַנאָוון נישט ליב געהאַט. די דייטשע שפּראַך האָט ער דעמאָלט נאָך נישט געקאָנט און, זייענדיק אין בערלין, האָט ער די גאַנצע צייט פאַר־קערט אין דער געזעלשאַפט בלויז פון די יידישע סטודענטן פון רוסלאַנד". פון די דעמאָלטיקע נאַראָדניקעס האָבן נאָר אהרן זונדעלעוויטש און דער אוקראַינער איוואַן פעסיעונקאָ ניט נאָר ניט „ארונטערגעריסן" די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, נאָר, פאַרקערט, זיי געשטעלט העכער נישט נאָר פון די רוסישע באַקוניסטן, נאָר אויך פון אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן פון די ציוויליזירטע לענדער. דער דאָזיקער פעסיענקאָ איז אויך „געגאַנגען אין פאָלק", איז געזעסן אין פאַרשיידענע טורמעס, האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אין אויסלאַנד און איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין רוס־לאַנד געפּריידיקט קאַרל מאַרקסעס אידייען צווישן דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט, ווי אויך צווישן די אַרבעטער. פעסיענקאָ איז אַגב, ווי דייטש דער־ציילט, אויך געווען אַ גרויסער יידן־פריינד. ער האָט געהאַט אַ זייער הויכע מיינונג וועגן פּלעכאַנאָווס טאַלאַנטן און ער האָט פּלעכאַנאָוון פאַראינטע־רעסירט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אין קאַרל מאַרקסעס „קאַפּיטאַל", ווי אויך אין דער פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַרבעטער.

פון בערלין איז פּלעכאַנאָוו אוועקגעפאָרן קיין פּאַריז. דאָרט איז ער צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן מיטן סאָציאַליסטישן דענקער פּיאָטר לאַווראָוו.

לאַווראָוו האָט שפּעטער געהאַט אויף אים אַ באַדייטנדיקן איינפֿלוס. אין גיכן האָט ער זיך צוריק אומגעקערט קיין רוסלאַנד נאָך אַ מער איבערצייגטער „נאַראָדניק”, ווי ער איז פֿריער געווען. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צוזאַמען מיט זיין פֿריינד אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוו, דעם שפּעטערדיקן פֿירער פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ”, „גיין אין פֿאָלק”. סוף יולי 1877 איז פּלעכאַנאָוו געקומען קיין סאַראַטאָוו, וווּ ער האָט מיט גרויס דערפֿאָלג אָנגעפֿירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די דאָרטיקע אַרבעטער און דער שטודירנדיקער יוגנט. דערנאָך האָט ער געמאַכט עטלעכע פּרוּוון איינצואָרדענען זיך אין דאָרף ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט צווישן די פּויערים און קאָזאַקן. אָבער נאָך די גרויסע אַרעסטן אין פּעטערבורג, האָבן די פֿירער פֿון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ” וואָס זיינען פֿאַרבליבן אויף דער פֿריי, אים אַרויסגערופֿן קיין פּעטערבורג צו העלפֿן צוריק אויפֿצושטעלן די אָרגאַניזאַציע. אין פּעטערבורג איז ער ווידער געוואָרן טעטיק ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסט. די פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט ווי מיט ליכט און איינמאָל איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין פּעטערבורג. די פּאָליציי האָט אָבער ניט געוווּסט, אַז דער אַרעסטירטער איז פּלעכאַנאָוו און האָט אים אַרויסגעלאָזט. די „זיעמליאַ אי וואָליאַ” האָט אויך אָנגעפֿירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער. אָבער אירע פֿירער האָבן געהאַלטן, אַז די אַרבעטער קענען אין רוסלאַנד ניט שפּילן קיין זעלבשטענדיקע ראָל. די פּראָפּאַגאַנדיסטן פֿון דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ” האָבן גערופֿן די אַרבעטער „צו גיין אין פֿאָלק” ד. ה. צוריקקערן זיך אין דאָרף און זוכן, דורך פּויערים־בונטן. צו פֿאַרווירקלעכן דעם „פֿאָלקס־אידעאַל”.

2

פּלעכאַנאָוו האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין באַגרינדן די טעאָריע פֿון די בונטאַרן־נאַראָדניקעס. אין 1878 האָט ער פֿאַרפֿאַסט די פּראָגראַם פֿון דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ” און אין 1879 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן ווי איינער פון די דריי רעדאַקטאָרן פֿון דעם זשורנאַל „זעמליאַ אי וואָליאַ”. צוגלייך מיט דער צוגרייטונג פֿון פּויערים־אויפֿשטאַנדן, האָבן די בונטאַרן־נאַראָדניקעס געהאַלטן פֿאַר נייטיק זיך פֿאַרנעמען אויך מיט „דעזאָרגאַניזירן די רעגירונג” אָדער מיט אַקטן פֿון „זעלבסטפֿאַרטיידיקונג”, ד. ה. מיט אַפּראָמען פֿון וועג פּראָוואָקאַטאָרן און שפּיאָנען און די באַזונדערס שעדלעכע רעגירונגס־מענטשן, ווי אויך אַרויסשטעלן אַ באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד ביי אַרעסטן. אין דער פּראַקטיק האָבן די באַקוניסטן צוערשט זייער זעלטן אָנגעווענדט אָט דעם טייל פֿון זייער פּראָגראַם. אָבער אין יאַנואַר 1878 האָט די יונגע באַקוניסטקע וויערע זאַסוליטש, אויף איר אייגענער

אחריות, געשאָסן אין דעם פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק טרעפּאָוו דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿאַראָרדנט אָפּצושמייסן אַ פּאָליטישן געפֿאַנגענעם, וואָס איז געזעסן אין די פּעטערבורגער טורמע. נאָך זאַסוליטשעס אַטענטאַט, האָבן די באַקוניסטן אין אַ סך אַנדערע שטעט גענומען אָנווענדן די „אַקטן פֿון זעלבסטפֿאַרטיידיקונג". פּלעכאַנאָוו איז פֿון אָנהייב געווען אַ גרויסער אָנהענגער פֿון אָט דער טאַקטיק. ער האָט ניט נאָר שטאַרק פֿאַרטיידיקט די דאָזיקע טאַקטיק אין די דיסקוסיעס מיט די „לאַווריסטן" (אָנהענגער פֿון פּיאָטר לאַוראָוו, וואָס האָבן געגלייבט נאָר אין פֿרידלעכער פּראָפּאַגאַנדע און זיינען געווען קעגנער פֿון גוואַלט־מעטאָדן). פּלעכאַנאָוו איז אויך געווען גרייט אין יעדן מאָמענט פּערזענלעך אַנטיילנעמען אין זיי. אָבער שוין אין אַ יאָר אַרום, נאָך וויעראַ זאַסוליטשעס אַרויסטריט, זיינען צווישן אים און זיינע נאָענטסטע חברים אויפֿגעקומען מיינונג־פֿאַרשיידנקייטן איבער דער פֿראַגע. פּלעכאַנאָוו האָט געהאַלטן, אַז טייל מיטגלידער פֿון דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ" הייבן אָן צו לייגן צופֿיל געוויכט אויף טעראָר און זאָגן זיך פֿאַקטיש אָפּ פֿון פֿן די הויפּט־פּונקטן פֿון דער באַקוניסטישער פּראָגראַם. דער דערמאָנטער אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוו האָט שוין אין האַרבסט 1878 געזאָגט פּלעכאַנאָוון, אַז „הגם אין פּרינציפּ אָנערקענט ער, ווי פֿריער, אַז די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון „זיעמליאַ אי וואָליאַ" איז די טעטיקייט צווישן די פּויערים, קענען מיר אָבער אין דער איצטיקער מינוט אַפֿילו נישט טראַכטן וועגן אַוועקלאָזן זיך איבער די דערפֿער. מיר זיינען צו שוואַך צו אַרבעטן אין פֿאָלק". וואָס ווייטער האָט זיך ביי אַ טייל פֿירער פֿון דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ", וואָס זיינען פֿאַרבליבן אין פּעטערבורג, אַלץ מער פֿאַרשטאַרקט די סקעפּטישע באַציאונג צו דער טעטיקייט צווישן די פּויערים און גלייכצייטיק זיינען זיי אַלץ מער פֿאַרקאָכט געוואָרן אין טעראָריסטישע אַקטן. די אָנגעזעענסטע צווישן זיי זיינען געווען, אַחוץ אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוו, אַלעקסאַנדער קוויטקאָווסקי, אהרן זונדעלעוויטש, לעוו טיכאָמיראָוו און איבערהויפּט, ניקאָלאַי מאָראָזאָוו. דער לעצטער האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַן אייגנאַרטיקע טעאָריע וועגן אַ רעוואָלוציע, וואָס זאָל געמאַכט ווערן נישט פֿון די מאַסן, נאָר פֿון איינצלנע מענטשן. ער האָט באַהויפּטעט, אַז אַ קליינע גרופּע העלדישע מענטשן, וואָס זיינען גרייט מקריב זיין זייערע לעבנס, קענען דורך טעראָר קעגן די פֿאָרשטייער פֿון דער מאַכט, ענדערן די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע אָרדענונג אין לאַנד.

אין מערץ 1879 האָט דער באַקוניסט אַלעקסאַנדער סאָלאָוויאָוו פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף, ווו ער האָט אָנגעפֿירט אַ פּראָפּאַגאַנדע צווישן די פּויערים און איז געקומען קיין פּעטערבורג מיטן באַשלוס צו דערמאָרדן דעם צאַר

אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. מיכאַילאָוו און די אַנדערע פירער פון דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ" האָבן אונטערשטיצט זיין פּלאַן און האָבן פאַרלאַנגט, אַז די פּאַרטיי זאָל אים אין דעם אַרויסהעלפן. פּלעכאַנאָוו אָבער איז אַרויס־געטראָטן קעגן דעם. ער האָט געהאַלטן, אַז דער פּלאַן איז זייער אַ געפער־לעכער און אַז ער וועט אַרויסרופן אַ שטאַרקע רעאַקציע אין לאַנד, וואָס וועט מאַכן אוממעגלעך אין דער צוקונפט אָנצופירן אַ וועלכע־עס־איז פּראָ־פּאַגאַנדע צווישן די פּויערים. נאָך סאָלאָוויאָווס ניט געלונגענעם אַטענ־טאַט אויפן קיסר, האָבן די איבערגעבליבענע פירער פון דער געהיימער „זיעמליאַ אי וואָליאַ" געשאַפן אַ נאָך מער געהיימע גרופּע „פּאַביעדאַ אילי סמיערט" (אַ זיג אָדער אַ טויט), וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אַ נייעם אַטענטאַט אויפן קיסר. פּלעכאַנאָוו האָט זיך באַמיט אויפצוווייזן, אַז נאָך יעדן טעראָריסטישן אַקט ווערט די רעאַקציע שטאַר־קער און דאָס ברענגט דערצו, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל פאַרלירן אירע בעסטע קרעפטן. דער הויפּט־ציל פון דער „זעמליאַ אי וואָליאַ", האָט ער געטענהט, איז ניט צו פירן אַ פּאָליטישן קאַמף קעגן דער רעגירונג, נאָר די פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליסטישע אידייען און די אַגיטאַציע צווישן די פּויערים און אַרבעטער. ער האָט געפאָדערט, עס זאָל צוזאַמענגערופן ווערן אַן אַלגעמיינער צוזאַמענפאָר פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע און זאָל דער צוזאַמענפאָר איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַשליסן ווער עס זאָל ריידן אין נאָמען פון דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ".

אַזאַ צוזאַמענפאָר איז אין גיכן פאָרגעקומען אין דער שטאָט וואָראָניעזש. די שטאַרקסטע רעדע קעגן פּלעכאַנאָוון האָט אויף דעם צוזאַמענפאָר גע־האַלטן אַנדרעי זשעליאַבאָוו. דער צוקונפטיקער פירער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

ער האָט פאַרטיידיקט די נייטיקייט פאַרצוזעצן די אַטענטאַטן אויפן צאַר, כדי דורך דעם צו דערשלאָגן זיך אַ קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדענונג אין רוס־לאַנד. אָן פּאָליטישער פרייהייט, האָט זשעליאַבאָוו געטענהט, איז ניט מעגלעך אין רוסלאַנד קיין שום פרוכטבאַרע טעטיקייט. זשעליאַבאָוו האָט אויסגעדריקט די מיינונג נישט נאָר פון דעם גרעסטן טייל מיטגלידער פון „זיעמליאַ אי וואָליאַ", נאָר אויך פון דער גאַנצער פאָרגעשריטענער רוסי־שער געזעלשאַפט. די צוקינפטיקע רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך זשעליאַבאָוו פאָרגעשטעלט ניט בלויז ווי די באַפרייאונג פון די פּויערים אָדער פון דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר ווי די פּאָליטישע אויפלעבונג פון גאַנצן רוסישן פאָלק בכלל. פּלעכאַנאָוו, ווידער, האָט אויף יענעם צוזאַמענפאָר באַהויפּטעט אַז „עס איז ניט די אויפגאַבע פון די נאַראָדניקעס צו שאַרן הייסע קוילן פון אויוון פאַר אונדזערע ליבעראַלן", אַז „דאָס פאָלק דאַרף ניט קיין פּאָלי־

טישע פֿרייהייטן", אַז אַ קאָנסטיטוציע וועט בלויז פֿירן צו דער צעשטערונג פֿון דער בשותּפֿותדיקער פּויערישערווירטשאַפֿט אין דאָרף און צו דער אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם. געזיגט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר האָט די טעראָריסטישע ריכטונג. פּלעכאַנאָוו האָט שפּעטער דערציילט, אַז נאָך עטלעכע פֿון זיינע צוזאַמענשטויסן אין וואָראָניעזש מיט זשעליאַבאָוון, האָט זשעליאַבאָוו אים געזאָגט: „איך בין לײַדנשאַפֿטלעך, אָבער איר האָט מיך אַריבערגעשטייגט. אין אײַך זיצט אַ טאָטער". (פּלעכאַנאָוו אַליין פֿלעגט זאָגן, אַז ער האָט אין זיך טאָטעריש בלוט).

פּלעכאַנאָוו האָט פֿאַרלאָזן דעם צוזאַמענפֿאָר. טייל אָנגעזעענע מיטגלידער האָבן זיך שפּעטער סאָלידאַריזירט מיט פּלעכאַנאָוון. די רייסערייען אין דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ" האָבן זיך אַלץ מער פֿאַרשטאַרקט ביז עס איז געקומען צו דעם, אַז אין אָקטאָבער 1879 האָבן ביידע פֿראַקציעס באַשלאָסן אָפּצוטיילן זיך אין גאַנצן איינע פֿון די אַנדערע. אין גיכן זייַנען אַנשטאָט דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ", אויפֿגעקומען צוויי אָרגאַניזאַציעס: „די נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" וואָס צו איר איז צוגעשטאַנען די גרויסע מאַיאָריטעט נאַראָדניקעס, און דער „טשאָרני פּערעדיעל", אָנגעפֿירט פֿון פּלעכאַנאָוון.

נאָך אין ווינטער 1877, האָט פּלעכאַנאָוו אין פּעטערבורג זיך באַקענט מיט דער יידישער סטודענטין ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ באָגראַד, וואָס האָט שטודירט אויף דאָקטער. זי איז אויך געווען אַ מיטגליד פֿון דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ" און זי האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אָרגאַניזאַציע, ווו זי פֿלעגט זיך כּסדר טרעפֿן מיט די וויכטיקסטע פֿירער און טוער פֿון דער באַוועגונג. מיט אַ סך פֿון זיי איז זי געווען אינטים באַפֿרײַנדעט. אין יענע יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן איר ראָמאַן מיט פּלעכאַנאָוון. זי איז אָבער געווען געצווונגען פֿאַרלאָזן פּעטערבורג, ווייל די פּאָליציי האָט געוואָרפֿן אויף איר אַן אויג און זי געזוכט צו אַרעסטירן. זי איז אַוועקגעפֿאָרן קיין קיעוו. נאָך דער שפּאַלטונג אין דער „זיעמליאַ אי וואָליאַ", איז זי צוגעשטאַנען צום „טשאָרני פּערעדיעל". אין גיכן איז פּלעכאַנאָוו געקומען צו איר קיין קיעוו און זיי האָבן שוין דאָרט געוווינט צוזאַמען, אויף איין קוואַרטיר, ווי מאַן און פֿרוי. אין קיעוו האָט פּלעכאַנאָוו געטראָפֿן פּאַוועל אַקסעלראָדן, מיט וועמען פּלעכאַנאָוו איז באַקאַנט געוואָרן נאָך מיט עטלעכע יאָר פֿריער אין פּעטערבורג. דאָ אין קיעוו, האָבן פּלעכאַנאָוו מיט זיין פֿרוי זיך באַפֿרײַנדעט מיט אַקסעלראָדן, וואָס איז דערנאָך, במשך אַ סך צענדליגער יאָרן געווען פּלעכאַנאָווס אינטימסטער פֿרײַנד און מיטאַרבעטער (אַקסעלראָד איז, אגב, געווען דער איינציקער פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער מיט וועמען פּלעכאַנאָוו איז געווען אויף „דו").

דוד שוב

סוף אויגוסט 1879 האָט פּלעכאַנאָוו באַקומען די נייעס, אַז זיינע דריי חברים לעוו דייטש, וויערא זאַסוליטש און יאַקאָוו סטעפּאַנאָוויטש, זיינען אַנגעקומען פון אויסלאַנד קיין פּעטערבורג. ער איז גלייך אַוועקגעפאָרן צו טרעפן זיך מיט זיי און ער איז שוין פאַרבליבן דאָרט. אין פּעטערבורג האָט ער דאָס מאָל אַנטוויקלט אַ ברייטע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. די פּאָליציי האָט אים אומעטום אַרומגעזוכט. ער האָט יעדן טאָג ריזיקירט אַריינצופאַלן אין די לאַפּעס פון די צאַרישע זשאַנדאַרן. ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ווען פּלעכאַנאָוו וועט האָבן אַן אייגענע שטענדיקע קוואַרטיר, וועט ניט דאַרפן גיין עסן אין קיין רעסטאָראַן און וועט ניט דאַרפן זוכן יעדע נאַכט אַ פּלאַץ ווו איבערצונעכטיקן, — וועט ער ניט אַריינפאַלן אַזוי לייכט אין די פּאָליצייאישע הענט. איז זי דעריבער אויך געקומען קיין פּעטערבורג, האָט באַקומען פאַר זיי ביידן גוטע פּאַספּאָרטן און זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ קליינעם האָטעל, ווייט פון די פּלעצער, ווו עס פלעגן זיך געווייגלעך פאַרזאַמלען די ראַדיקאַלע שטודירנדיקע יוגנט. פּלעכאַנאָוו האָט אָפּגעשאָרן די באָרד און וואָנצעס און זיין פּנים האָט זיך דורך דעם אַזוי געענדערט, אַז אַפילו זיינע נאָענטסטע פריינד האָבן אים קוים געקענט דערקענען. כמעט גאַנצע טעג איז ער געזעסן אין צימער, געלייענט און געשריבן. אין די אָוונטן פלעגט ער אַוועק אויף דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר אַוועקצוטראָגן זיינע אַרטיקלען און טרעפן זיך מיט זיינע חברים. שפּעט ביינאַכט פלעגט ער קומען אַהיים אַ פריי־רעוואָלוציאָנערע... פּלעכאַנאָוו איז שוין דעמאָלט געווען דער הויפּט־לעבער און אַ מוטיקער. פּלעכאַנאָוו איז שוין דעמאָלט געווען דער הויפּט־טעאָרעטיקער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. נאָך דעם נייעם ניט־געלונגענעם אַטענטאַט אויפן צאַר, דעם 19טן נאָוועמבער 1879, זיינען אין גאַנץ רוסלאַנד פאָרגעקומען מאַסן־אַרעסטן פון רעוואָלוציאָנערן. די אָרגאַניזאַציע „טשאָרני פּערעריעל" איז זיך אין גיכן צעפאַלן. פּלעכאַנאָוו האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן אין אויסלאַנד צו פאַרפולקומען זיין וויסן. „לאָמיר בעסער פאָרן קיין אויסלאַנד לערנען זיך", האָט ער אַריינגעטענהט מיט דייטשן, און אין יאַנואַר 1880 זיינען פּלעכאַנאָוו, זאַסוליטש, דייטש און סטעפּאַנאָוויטש אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ איז דעמאָלט גראָד נאָר־וואָס געווען אויפגעשטאַנען פון קימפּעט. זי האָט געבוירן אַ טאָכטער. ערשט אין אַ דריי וואָכן אַרום האָט זי באַקומען אַ בריוו פון פּלעכאַנאָוון, אַז ער איז בשלום אָנגעקומען קיין זשענעווע. געפאָרן קיין אויסלאַנד איז פּלעכאַנאָוו מיטן געדאַנק אין גיכן זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד. צוריקגעקערט זיך קיין פּעטערבורג האָט ער ערשט אין 37 יאָר אַרום.

אין זשענעווע אין יאָר 1880 איז פּלעכאַנאָוו נאָר איין מאָל אַרויסגעטראָטן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון רוסישע עמיגראַנטן. קיין פֿיינדלעכע געפֿילן צו זיינע געוועזענע חברים, וואָס האָבן איצט געהערט צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט ער ניט געהאַט. אין פּריוואַטע שמועסן אָבער, האָט ער קריטיקירט די טאַקטיק פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". ער האָט באַהויפּטעט, אַז אויב די נאַראָדאָוואָלצעס וועלן אַפֿילו דערהרגענען דעם קיסר, וואָס דאָס האָט זיך זיי אַ לאַנגע צייט נישט איינגעגעבן, וועט פֿון דעם אויך אין רוסלאַנד קיין ראַדיקאַלע ענדערונג צום גוטן נישט אַרויסקומען. גיכער וועט דערנאָך, פֿאַרקערט, די רעאַקציע ווערן נאָך שטאַרקער.

אין פֿעברואַר 1880 איז אין פּאַריז אַרעסטירט געוואָרן דער נאַראָדאָוואָליעץ לעוו האַרטמאַן, וואָס האָט זיך געהאַט באַטייליקט אין איינעם פֿון די אַטענטאַטן אויפֿן צאַר. די רוסישע רעגירונג האָט געפֿאָדערט, מע זאָל איר אַרויסגעבן האַרטמאַנען. פֿראַנקרייך, וואָס האָט דעמאָלט געזוכט די פֿריינדשאַפֿט פֿון רוסלאַנד, איז געווען גרייט צו דערפֿילן דעם ווונטש פֿון צאַר. די רוסישע עמיגראַנטישע קאָלאָניע אין זשענעווע האָט אויסגעקליבן פּלעכאַנאָוון און דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער זשוקאָווסקי, דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פֿון דער רוסישער סעקציע פֿון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, זיי זאָלן פֿאָרן קיין פּאַריז און אויפֿהייבן דאָרט אַ קאַמפּאַניע צו באַפֿרייען האַרטמאַנען. פּלעכאַנאָוו איז געווען איינער פֿון די 12 רוסישע דעלעגאַטן מיט לאַווראָוון אין דער שפּיץ, וואָס זיינען געגאַנגען צו דעם דעמאָלטיקן פֿאָרזיצער פֿון דעם פֿראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, דעם באַרימטן גאַמבעטאַ, משתדל זיין זיך, מען זאָל האַרטמאַנען נישט אַרויסגעבן צו דער רוסישער רעגירונג און מע האָט אים טאַקע ניט אַרויסגעגעבן, נאָר אַרויסגעשיקט קיין לאָנדאָן.

בשעת יענעם באַזוך אין פּאַריז האָט פּלעכאַנאָוו, צוזאַמען מיט לאַווראָוון און נאָך עטלעכע דאָרטיקע רוסישע עמיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן, געגרינדעט דעם פֿאַרלאַג „די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע ביבליאָטעק". דער דאָזיקער פֿאַרלאַג האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן פּלעכאַנאָווס איבערזעצונג פֿון „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" מיט אַ ספּעציעלער פֿאָררעדע פֿאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע פֿון מאַרקסן און ענגעלסן. פֿאַר די פּאָר וואָכן, וואָס פּלעכאַנאָוו האָט פֿאַרבראַכט אין פּאַריז, האָט ער זיך נאָענט באַפֿריינדט מיט לאַווראָוון. לאַווראָוו האָט אים אַ סך אַרויסגעהאָלפֿן און פּלעכאַנאָוו איז אים זיין גאַנץ לעבן געווען דערפֿאַר שטאַרק דאַנקבאַר און געפֿילט טיפֿע אַכטונג צו אים. לאַווראָוו, פֿון זיין זייט, האָט זייער הויך געשעצט פּלעכאַנאָוון. ער האָט פּלעכאַנאָוון געהאַלטן פֿאַר אַ זייער טאַלאַנטפֿולן מענטשן און האָט אים פֿאָרויסגעזאָגט אַ גלענצנדיקע צוקונפֿט.

אין מאַי 1880 איז פּלעכאַנאָוום פרוי געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון רוסלאַנד און זי איז אַוועקגעפאָרן צו איר מאַן אין זשענעווע. איר קליין מיידעלע, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָר מיט אַ פּאָר מאָנאַטן האָט זי ניט געקענט מיטנעמען מיט זיך, ווייל זי איז געפאָרן מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט און די צאַרישע פּאָליציי האָט זי אַרומגעזוכט, כדי זי צו אַרעסטירן. זי האָט דאָס קינד איבערגעלאָזט אין פּעטערבורג ביי אירער אַ חברטע. זיי האָבן אָפּגעמאַכט, אַז אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט די חברטע אויך קומען קיין זשענעווע צוזאַמען מיטן קינד. אָבער דאָס מיידעלע איז אין גיכן קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר די פּלעכאַנאָוום. נאָך דעם, ווי זיי זיינען אָפּגעווען אַ פּאָר חדשים אין דער שווייץ, זיינען זיי אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, אין דער האָפענונג צו קריגן דאָרט וואָסער־עס־איז אַרבעט, כדי עפּעס פאַרדינען און מאַכן אַ לעבן.

אין פּאַריז האָט פּלעכאַנאָוו זיך כסדר געטראָפן מיט לאַווראָוון. לאַווראָוו איז געווען אַ גרויסער געלערנטער. פּלעכאַנאָוו האָט שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט זייער אַ סך געלערנט פון זיינע געשפּרעכן מיט לאַווראָוון. אַ גרויסע ווירקונג אויף פּלעכאַנאָוון האָט אויך געהאַט דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט זשיל געד, איינער פון די ערשטע פּראָפּאַגאַנדיסטן פון מאַרקסי־זם אין פראַנקרייך. אָבער קיין אַרבעט האָבן פּלעכאַנאָוו און זיין פרוי אין פּאַריז נישט געפונען. זייער לאַגע איז, וואָס אַ טאָג, געוואָרן אַלץ ערגער. פון דער וווינונג האָט מען זיי אַרויסגעזעצט, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן דירה־געלט. זיינען זיי געווען געצוווּנגען זיך אַריבערצוקלייבן אין אַ דאָרף, אַנדערטהאַלבן שעה רייזע פון פּאַריז. די פראַנצויזישע פּויערים האָבן די אויסלענדער אויפגענומען גאָר פריינדלעך. זיי האָבן זיי געגעבן אַלץ אויף באָרג און, כאָטש קיין געלט אין הויז איז ווי פריער ניט געווען, זיינען די פּלעכאַנאָוום אָבער געווען אימשטאַנד דורכצולעבן ניט הונגערן, ביז פּלעכאַנאָוו האָט באַקומען פון פּעטער־בורג, פון דעם באַרימטן רוסישן קריטיקער, סאָציאָלאָג און פּובליציסט ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי אַן אַוואַנס פאַר זיין גרויסן סאָציאַל־עקאָנאָמישן אַרטיקל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר מיכאַילאָווסקים זשורנאַל. מיכאַי־לאָווסקי האָט זייער שטאַרק געלויבט דעם אַרטיקל און האָט פּלעכאַנאָוון געבעטן ווייטער שרייבן פאַר זיין זשורנאַל, וואָס איז דעמאָלט געווען די וויכטיקסטע ערנסטע צייטשריפט אין רוסלאַנד, דאָרטן האָבן מיטגעאַרבעט די גרעסטע שטערן פון דער רוסישער ליטעראַטור. אָבער דאָס ביסל געלט איז באַלד צערונען געוואָרן און ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ מיט איר קליין טעכ־טערל, וואָס זי האָט געבוירן אין דאָרף הינטער פּאַריז, איז אַוועקגעפאָרן

צוריק אין דער שווייץ. פּלעכאַנאָוו אַליין איז געווען געצוווּנגען צו פֿאַר־בלייבן אין דאָרף ווי אַ „לעבעדיקער משכון” ביז וואַנען עס וועט אָנקומען פֿון דעם פּעטערבורגער זשורנאַל דער איבעריקער האָנאָראַר פֿאַרן אַרטיקל און ער וועט האָבן די מעגלעכקייט צו באַצאָלן אַלע זיינע קרעדיטאָרן אין דאָרף. עס האָט געדויערט עטלעכע חדשים ביז פּלעכאַנאָוו איז אימשטאַנד געווען צו קומען צו זיין פֿאַמיליע אין דער שווייץ.

נישט געקוקט אויף דער שרעקלעכער נויט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, האָט פּלעכאַנאָוו מיט מערקווירדיקער ענערגיע געאַרבעט אויף צו באַרייכערן זיין וויסן. ער האָט אַ מאַסע געלייענט און שטודירט פֿאַר־שיידענע וויסנשאַפֿטן. די פּלעכאַנאָווס האָבן זיך באַזעצט אין דעם שטעטל קלאַראַן. דאָרטן האָט זיך זייער מאַטעריעלע לאַגע אַ ביסל פֿאַרבעסערט. אַ חוץ דעם האָנאָראַר, וואָס פּלעכאַנאָוו פֿלעגט אין די לעגאַלע פּעטער־בורגער זשורנאַלן באַקומען פֿאַר זיינע אַרטיקלען, געדרוקט געווען אונטער פֿאַרשיידענע פּסעוודאָנימען, האָט ער אויך באַקומען אַ גוטן „אוראָק” (אַ לעקציע) ביי אַ רוסישער פֿאַמיליע. דערצו האָט ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ נאָך באַקומען פֿון אירע עלטערן פֿון כערסאָן אַ קליינע סומע יעדן חודש. אין פּעטערבורג איז ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ געווען אויפֿן לעצטן קורס פֿון דער מעדיצינישער שולע. זי האָט געהאָפֿט אין אויסלאַנד צו פֿאַרענדיקן איר שטודיום און באַקומען אַ דאָקטער־דיפּלאָם. אָבער די ערשטע צוויי יאָר איז זי, צוליב מאַטעריעלע סיבות און פֿאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן, ניט געווען אימשטאַנד דאָס דורכצופֿירן. ערשט אין זומער 1882 איז זי אַוועקגעפֿאָרן צוליב דעם קיין בערן. אָבער אין גיכן האָט זי איינגעזען, אַז עס וועט זיין בעסער אויב זי וועט פֿאַרענדיקן דעם מעדיצינישן פֿאַקולטעט אין דער פֿראַנצויזישער שווייצאַריע, און וועט באַקומען דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן דאָרט ווי אַ דאָקטער. זיי האָבן דעריבער זיך אַריבערגעקליבן קיין זשענעווע. אין זשענעווע אָבער איז ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ געווען געצוווּנגען אָנצו־קומען אויפֿן ערשטן קורס פֿון מעדיצינישן פֿאַקולטעט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אין רוסלאַנד האָט זי שוין כמעט געהאַט פֿאַרענדיקט די העכערע מעדיצינישע קורסן.

3

די גאַנצע צייט האָט פּלעכאַנאָוו אַ סך געלייענט און האָט שטודירט די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, איבערהויפּט די ווערק פֿון קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס און ער איז געוואָרן אַן איבערצייגטער מאַרקסיסט. „די שטרעבונג צו אַרבעטן אין פֿאָלק און פֿאַרן פֿאָלק, די

זיכערקייט אין דעם, אַז די באַפֿרייאונג פֿון אַרבעטער־קלאַס דאַרף זיין די זאַך פֿון אַרבעטער־קלאַס אַליין — אַט די פּראַקטישע טענדענץ פֿון אונדזער „נאַראָדניטשעסטוואָ" איז ווי פֿריער מיר טייער", האָט ער דעמאָלט געשריבן. ער האָט אויך געענדערט זיין באַציאונג צו דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". ער האָט שטאַרק געשעצט זייער שטרעבונג צו דערשלאָגן זיך פּאָליטישע פֿרייהייט אין לאַנד. אין 1882 האָט ער אַפֿילו איינגעשטימט צו ווערן איינער פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון דעם זשורנאַל „וויעסטניק נאַראָדנאַי וואָלי", וואָס די לעבן־געבליבענע טעראָריסטן האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין אויסלאַנד. פּלעכאַנאָוו איז געווען גרייט מיטצואַרבעטן מיט זיי, אויב זיי וועלן נאָר אָננעמען די מאַרקסיסטישע לערע. ער האָט פֿאַר דעם ערשטן נומער „וועסטניק נאַראָדנאַי וואָלי" אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל „סאָציאַליזם און פּאָליטישער קאַמף". ער האָט דאָרטן שאַרף קריטיקירט די אוטאָפּיסטישע אָנשויאונגען פֿון יענע רעוואָלוציאָנערן פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וואָס האָבן געפּרידיקט, אַז די אויפֿגאַבע פֿון דער פּאַרטיי דאַרף זיין צו פֿאַרכאַפּן די פּאָליטישע מאַכט און זיך נעמען באַלד איינפֿירן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד. לעוו טיכאָמיראָוו, דער צווייטער רעדאַקטאָר פֿון דעם „וויעסטניק נאַראָדנאַי וואָלי", וואָס איז דעמאָלט געווען דער הויפּט־טעאָרעטיקער פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט צוגעשטימט דרוקן פּלעכאַנאָווס אַרטיקל, אָבער צוזאַמען מיט אַ באַמערקונג פֿון דער רעדאַקציע, אַז זי איז ניט אין גאַנצן איינשטימיק מיט אים. פּלעכאַנאָוו איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. ער איז אַרויסגעטראָטן פֿון דער רעדאַקציע, און אין 1883 האָט ער, צוזאַמען מיט זיינע נאָענטסטע פֿריינד, און געזינונג־חברים פּאָול אַקסעלראָד, וויערא זאַסוליטש און לעוו דייטש, געגרינדעט די „גרופּאַ אָסוואָבאָזשדיעניאַ טרודאַ" (די גרופּע פֿאַר באַפֿרייען די אַרבעטנדיקע מאַסן), אויף צו פּריידיקן די אידייען פֿון מאַרקסיזם און סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד. אָבער אין גיכן איז ער קראַנק געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן אויסגעפֿונען, אַז ער ליידט פֿון שווינדזוכט. זיין לעבן איז געווען אין געפֿאַר און קיין געלט אויף היילן זיך איז ניט געווען. די ערשטע יאָרן אין דער עמיגראַציע האָט ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ נאָך באַקומען 50 רובל אַ חודש פֿון דער היים. אָבער ווען איר טאַטע האָט אויסגעפֿונען, אַז זי האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַ קריסט, האָט ער איר צוגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט זי פֿאַרשאָלטן פֿאַר דעם, וואָס זי איז אַוועק פֿון יידישן פֿאָלק, און „האָט אויסגעביטן די עלטערן אויף אַ גוי". דאָס אַלץ צוזאַמען — פּלעכאַנאָווס קראַנקייט, דעם טאַטנס בריוו און דאָס פֿאַרלירן די 50 רובל אַ חודש, וואָס זי האָט יעדן חודש באַקומען פֿון דער היים, איז פֿאַרגעקומען אין איינער און דער זעלבער צייט, אין

1883, ווען פּלעכאַנאָוו האָט געגרינדעט די מאַרקסיסטישע גרופּע אין ווין. ער האָט שוין געהאַלטן ביים פֿאַרענדיקן זיינע צוויי באַרימטע ווערק: „סאָציאַליזם און פּאָליטישער קאַמף" און „אונדזערע מיינונגס־פֿאַרשיידנ־הייטן", וואָס האָבן שפּעטער געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפֿלוס אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דעם רוסישן סאָציאַליסטישן און רעוואָלוציאָנערן געדאַנק.

ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ איז געצוווּנגען געווען צייטווייליק פֿאַרלאָזן דעם אוניווערזיטעט און זוכן אַרבעט. אָבער געפֿינען אַרבעט איז געווען נישט קיין לייכטע זאַך. זעלטן נאָר האָט איר זיך איינגעגעבן פֿאַרדינען אַ פּאָר הונ־דערט פֿראַנק פֿאַר איבערשרייבן פֿאַר עמיצן אַ מאַנוסקריפּט, אָדער פֿאַר אַרומגיין אַרום אַ חולה, אָבער פֿון דער לעצטער באַשעפֿטיקונג איז זי געצוווּנגען געווען אָפּצוזאָגן זיך, ווייל אין יולי 1883 האָט זי געבוירן אַ צווייט טעכטערל און האָט נישט געקענט פֿאַרלאָזן ביינאַכט דאָס הויז. נישט געקוקט אויף דעם, האָט זי אין גיכן ווידער אָנגעהויבן באַזוכן דעם אוניווערסיטעט מיט דער האָפֿענונג צו פֿאַרענדיקן דעם מעדיציניש פֿאַקול־טעט, באַקומען אַ דאָקטער־דיפּלאָם און זיין דערנאָך אימשטאַנד אויסצו־האַלטן די פֿאַמיליע. דערווייל אָבער האָט מען געדאַרפֿט לעבן און עסן. פּלעכאַנאָוו האָט אַ סך געשריבן, אָבער זיינע ליטעראַרישע ווערק האָבן אים דעמאָלט זייער ווייניק אַריינגעבראַכט. דער באַרימטער פֿראַנצויזישער געאָגראַף עליזע רעקלין, האָט איינגעלאַדן פּלעכאַנאָוון צו שרייבן אַרטיק־לען פֿאַר זיין „אַלוועטלעכן געאָגראַפֿישן ווערטער־בוך". פּלעכאַנאָוו האָט אָנגעשריבן אַ פּאָר אַרטיקלען, אָבער ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ האָט אים נישט געלאָזט ווייטער פֿאַרשווענדן זיין צייט און זיינע כוחות אויף אַזאַ סאָרט אַרבעט. זי האָט נישט געוואָלט, ווי זי האָט עס אָנגערופֿן, אַז ער זאָל זיך „צעבייטן אויף קליינגעלט". „מיר וועלן זיך ווי עס איז אַרויסדרייען פֿון די זאָרגן", פֿלעגט זי זאָגן. מע האָט געקויפֿט אויף באָרג ביי די שוויי־צאַרישע קרעמער און אַזוי שנעל ווי זיי האָבן אַריינגעקראָגן אַ פּאָר הונדערט פֿראַנק פֿאַר פּלעכאַנאָווס אַן אַרטיקל, אָדער פֿאַר אַ רעפֿעראַט אָדער פֿון אַ פֿאַרקויף פֿון זיינעם אַ ביכל, האָט מען גלייך דאָס געלט אַוועקגעטראָגן צו די קרעדיטאָרן און מע האָט ווייטער אָנגעהויבן לעבן אויף באָרג.

אין 1883 איז אין זשענעווע אַרויס, אין אַ באַזונדער ביכל, פּלעכאַנאָווס „סאָציאַליזם און פּאָליטישער קאַמף", און אין 1884 זיין בוך „אונדזערע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן". אין דיביידע ווערק האָט ער פּאָלעמיזירט מיט די נאַראָדניקעס און איבערהויפּט מיט יענע נאַראָדאָוואָלצעס, וואָס האָבן געפּרידיקט אַז די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי דאַרף שטרעבן צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט און אָנהויבן גלייך איינפֿירן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד.

„דער הויפּט־סכסוך, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן אונדז מאַרקסיסטן און די נאַראָדאָוואָלצעס — האָט פּלעכאַנאָוו מיט יאָרן שפּעטער געשריבן — איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אַז די קומענדיקע רוסישע רעוואָלוציע וועט דאַרפֿן פֿאַראייניקן אין זיך אי דעם פּאָליטישן עלעמענט, ד. ה. אָפּשאַפֿן דעם צאַריזם, אי דעם סאָציאַלן, אָדער ריכטיקער, דעם סאָציאַליסטישן עלעמענט. מיר האָבן אָבער געהאַלטן אין איין אָנווייזן זיי, אַז דאָס איז אוממעגלעך צוליב רוסלאַנדס עקאָנאָמישער אָפּגעשטאַנענקייט. לויט אונדזער מיינונג, האָט די דערגאָבערונג פֿון פּאָליטישער פֿרייהייט געדאַרפֿט און געקענט דינען בלויז ווי איינע פֿון די נויטווענדיקע באַדינגונגען, וואָס וועלן צוגרייטן די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, וואָס וועט פֿאָרקומען אין דער מער אָדער ווייניקער ווייטער צוקונפֿט".

אין זיין ביכל „סאָציאַליזם און דער פּאָליטישער קאַמף" האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן: „ווען ביי אונדז אין רוסלאַנד זאָל זיך ווירקלעך איינשטעלן אַ פֿאָלקס־הערשאַפֿט, וואָלט דאָס זעלבסטהערשנדיקע פֿאָלק אויף דער פֿראַגע, צי מען דאַרף אָפּנעמען די ערד ביי די רייכע גוטבאַזיצער, געענטפֿערט: „יאָ, מע מוז די ערד אַוועקנעמען און אָפּגעבן דאָס דעם פֿאָלק". אויף דער פֿראַגע אָבער, צי דאָס פֿאָלק וויל סאָציאַליזם, וואָלט ער פֿריער געענטפֿערט, אַז ער פֿאַרשטייט ניט וועגן וואָס מען פֿרעגט אים. און דערנאָך, ווען ער וואָלט שוין קוים מיט צרות באַגריפֿן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, וואָלט ער געענטפֿערט: ניין, איך דאַרף דאָס ניט האָבן". און אַזוי ווי די עקספּראָפּריאַציע פֿון דער פּריוואַטער ערד איז ניט דאָס זעלביקע וואָס איינפֿירן סאָציאַליזם, וואָלט ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם וואָס די רעוואָלוציאָנערן וואָלטן פֿאַרכאַפּט די מאַכט, ניט אַרויסגעקומען קיין שום סאָציאַליזם. ווען די רעגירונג פֿון אַט די רעוואָלוציאָנערן, וואָס וועלן פֿאַרכאַפּן די מאַכט, וועט פֿונדעסטוועגן ניט אַנדערש באַשטיין אויף דעם ווי דורכצופֿירן אין לעבן די אויבנדערמאָנטע סאָציאַליסטישע פּלענער, וועט זי מוזן לייזן אָט די שווערע אויפֿגאַבע אָדער אין גייסט פֿון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, וואָס אין דעם וועט זי געשטערט ווערן פֿון איר אייגענער אומפּראַקטישקייט, ווי אויך פֿון דעם איצטיקן אַנטוויקלונגס־צושטאַנד פֿון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט און פֿון די געוווינהייטן פֿון די מאַסן גופֿא; אָדער זי וועט מוזן זוכן איר רעטונג אין די אידעאַלן פֿון „פּאַטריאַרכאַלן קאָמוניזם", מיט דער ענדערונג בלויז, וואָס אַנשטאָט די אַמאָליקע „קינדער פֿון דער זון" און זייערע באַאַמטע, וועט די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע פֿאַרוואַלטעט ווערן פֿון אַ סאָציאַליסטישער קאַסטע. אָבער דאָס רוסישע פֿאָלק איז שוין איצט אַפֿילו גענוג אַנטוויקלט, אַז מען זאָל זיך ניט קענען נאַרן מיט דער האָפֿענונג, אַז אַזעלכע עקספּערימענטן איבער אים זאָלן זיך ענדיקן גוט".

אין יאָר 1886 איז ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ געפֿערלעך קראַנק געוואָרן און נאָך איידער זי האָט באַוויזן צו קומען צו זיך, זיינען אירע צוויי קליינע קינדער קראַנק געוואָרן אויף טיפֿוס. די מאַטעריעלע לאַגע פֿון דער פֿאַמיליע האָט זיך, צוליב דעם, נאָך מער פֿאַרערגערט. פּלעכאַנאָוו האָט דעמאָלט באַשלאָסן צוריקצופֿאָרן צוריק קיין קלאַראַן, ווו עס האָבן געוווינט עטלעכע רייכע רוסישע סוחרים. ער האָט געהאָפֿט צו קריגן ביי זיי אַ וועלכע־עס־איז באַשעפֿטיקונג, און אים האָט זיך טאַקע איינגעגעבן זיך איינאָרדענען דאָרט ווי אַ לערער פֿון רוסישער ליטעראַטור אין אַ רוסישער שולע פֿאַר יינגלעך. ער האָט אויך באַקומען אַ גוטן „אוראָק" ביי אַ פּריוואַטער רוסישער פֿאַמיליע. אַרום און אַרום האָט ער פֿאַרדינט 200 פֿראַנק אַ חודש. דריי פֿערטל פֿון דעם פֿאַרדינסט האָט ער געשיקט דער פֿאַמיליע און אַליין האָט ער אָפּט צוגעהונגערט. דער פֿרוי אָבער האָט ער געשריבן, אַז אים לעבט זיך ווי „גאָט אין אַדעס".

אין פֿרילינג 1887 איז פּלעכאַנאָוו געפֿאָרן פֿון קלאַראַן קיין זשענעווע פֿאַרברענגען דאָרט אַ זונטיק מיט דער פֿאַמיליע. אויפֿן וועג האָט ער דערפֿילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין האַרצן. ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ האָט ער עס ניט דערציילט, ערשט אויף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען ער איז געצוווּנ־גען געווען זיך לייגן אין בעט האָט מען אויסגעפֿונען אַז ער האָט אַ הויכע טעמפּעראַטור. אין פֿאַרלויף פֿון 6 וואָכן צייט האָט ער געשוועבט צווישן לעבן און טויט. ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ האָט דעמאָלט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן דעם אוניווערסיטעט. זי האָט געבראַכט די גרעסטע פּראָפֿעסאָרן פֿון זשענעווע אונטערזוכן פּלעכאַנאָוון. איר האָבן זיי גאָרנישט געזאָגט, אָבער פּלעכאַנאָווס נאָענטסטע פֿריינד האָבן זיי געזאָגט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע, אַז ער קען לעבן העכסטנס, נאָך אַ צוויי, דריי חדשים. אָבער צו דער גרויסער דערשטוינונג פֿון די באַרימטע דאָקטוירים איז פּלע־כאַנאָוו געזונט געוואָרן. ווען ער איז אין האַרבסט 1887, צוזאַמען מיט ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ, אַריינגעקומען אין קאַבינעט פֿון איינעם פֿון די גרויסע דאָקטוירים וואָס האָבן אים געהיילט, האָט דער דאָקטער אַ שטאַרק פֿאַרוווּנדערטער, אויסגעשריען: „דאָס זייט איר, פּלעכאַנאָוו? איר קומט דאָך פּשוט פֿון יענער וועלט!".

אין 1889 האָט די שווייצאַרישע רעגירונג, אונטער דעם דרוק פֿון רוסישן צאַר, אַרויסגעטריבן פּלעכאַנאָוון פֿון דער שווייץ. אין אַ בריוו צו וויערא זאַסוליטש אין 1889 האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן: „מיין לאַגע איז ניטאָ וואָס מקנא צו זיין. אָן מיטלען, אָן אַ באַשטימטן פּלאַץ ווו זיך צו באַזעצן, מיט די קינדער אויף די הענט. מע קען ווירקלעך פֿון זינען אַרונ־טער! אויב מע וועט ראָזאַליאַן דערלויבן צו פֿאַרבלייבן אין זשענעווע,

וועל איך אַריבערפֿאָרן קיין קלאַראַן, וועל זיך באַזעצן אין פּענסיאָן, ווייל אין אַ פּענסיאָן פֿרעגט מען ניט אויף קיין פּאַספּאָרטן, און איך וועל דאָרט וווינען. אָבער אויב ניט, הייבט איך ניט אָן צו וויסן ווי זיך אַהינצוטאָן. כאַטש נעם און טו אָן אויף זיך אַ טאָרבע און פֿיר נאָך זי נאָך די קינדער איבער דעם גרויסן וועג״.

ראָזאַליאַ מאַרקאָווּנאַ האָט ענדלעך באַקומען אַ דאָקטער־דיפּלאָם. מע האָט איר דערלויבט פֿאַרבלייבן אין זשענעווע און פּראַקטיצירן דאָרטן מע־דיצין. פּלעכאַנאָוו האָט געלעבט אין אַ פֿראַנצויזישן דאָרף ביי דער שווייצאַרישער גרענעץ און ראָזאַליאַ מאַרקאָווּנאַ האָט אים געקענט אָפֿט באַזוכן. אָבער אויך די פֿראַנצויזישע רעגירונג האָט פּלעכאַנאָוון ניט צורו געלאָזט. אין 1894 האָט מען אים געצוווּנגען פֿאַרלאָזן פֿראַנקרייך. ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין לאָנדאָן. אין פֿאַרלויף פֿון די יאָרן האָט פּלעכאַנאָוו אָנגעשריבן אַ ריי ווערק איבער סאָציאַל־פּאָליטישע, ליטעראַרישע און פֿילאָסאָפֿישע פֿראַגן, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט איז רוסלאַנד און אויך אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט. ערשט אין 1895 האָט פּלעכאַנאָוו באַקומען די דערלויבעניש זיך באַזעצן אין דער שווייץ. ער איז געקומען קיין זשענעווע, וווּ ער איז פֿאַרבליבן ביז זיין צוריקקער קיין רוסלאַנד אין אַפּריל 1917.

4

פּלעכאַנאָווס לעבן איז אַזוי ענג אויסגעבונדן מיט דער געשיכטע פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, מיט דער געשיכטע פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און מיט דער גאַנצער גייסטיקער אַנטוויקלונג פֿון רוסלאַנד, אַז שרייבן וועגן אים הייסט שרייבן אַ געשיכטע פֿון רוסלאַנד און פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם פֿאַר די לעצטע 35־40 יאָר פֿון פֿאַר דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד. צו פּלעכאַנאָווס וואָרט האָבן זיך שטענדיק צוגעהערט אַפֿילו די יענע, וואָס זיינען מיט אים ניט געווען איינפֿאַרשטאַנען. זיינע ווערק זיינען איבערזעצט אין אַ סך שפּראַכן. אין די לעצטע 15 יאָר פֿאַר דער רעוואָלוציע, האָבן די פּלעכאַנאָווס שוין מער ניט געלעבט אין נויט. ראָזאַליאַ מאַרקאָווּנאַ האָט געהאַט אַ מער־ווייניק גוטע פּראַקטיק אין זשענעווע און פּלעכאַנאָוו אַליין האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינקונפֿט פֿאַר זיינע ליטעראַרישע שאַפֿונגען.

אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין פּאַריז, אין 1889, האָט פּלעכאַנאָוו אין זיין רעדע פֿאָרויסגעזאָגט, אַז „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד וועט טריאומפֿירן ווי אַן אַרבעטער־באַוועגונג, אָדער זי וועט אין גאַנצן ניט טריאומפֿירן״. נאָך זיין רעדע איז צו

אים צוגעגאַנגען דער אַלטער ווילהעלם ליבקנעכט, דער גרינדער און פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט אים געדריקט די האַנט און געזאָגט: „איך האָב אייך געהערט מיט גרויס פאַרגעניגן. איר זייט דער ערשטער רוס, וואָס באמת זיך ניט אונדז, מערב־אייראָפּייער, צו פאַרזי־כערן אין דעם, אַז אין רוסלאַנד איז „אַלץ גרייט פאַר אַ רעוואָלוציע". פון באַקונינס צייטן אָן האָב איך שטענדיק געהערט, אַז דאָרט איז „אַלץ גרייט" און איך האָב זיך נאָר געוווּנדערט וואָס די רעוואָלוציע לאָזט אויף זיך דאָך אַזוי לאַנג וואַרטן".

פּלעכאַנאָוו איז געווען דורכאויס אַן אייראָפּעער. ער האָט קיין מאָל ניט געגלויבט אין רעוואָלוציאָנערע „ניסים". אויך זיין סאָציאַליזם איז געווען אַ מערב־אייראָפּעאישער. ער איז אָבער אויך געווען דער יענער, וואָס האָט געמאַכט פון דעם מאַרקסיזם אַ רעליגיע, אויף וועלכער מען טאָר ניט פרעגן קיין קשיות. ער איז געווען אַ דענקער און אַ גלענצנדיקער שריפטשטעלער, אָבער ניט פון יענע דענקער, וואָס וועקן ביי דעם לייענער דעם געדאַנק און רופן אַרויס ביי זיי אַן אייביקן אומרו און נייגעריקייט. פּלעכאַנאָוו האָט געגעבן דעם לייענער אַ פאַרטיקע תורה און האָט געפאָדערט אַז מע זאָל זי אָננעמען אין גאַנצן. פאַר אים איז סאָציאַליזם, קודם־כּל, געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. „אָן אַנהענגער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, — האָט ער געשריבן, — קוקט אויף דער פאַרווירקלעכונג פון זיין אידעאַל, ווי אויף אַ זאַך פון היסטאָרישער נויטווענדיקייט... דער סאָציאַליסט דינט ווי איינער פון די וואָפן פון אָט דער נויטווענדיקייט". וואָס עס זאָל ניט פאָרקומען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וועט זי אומפאַרמיידלעך, מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט, פאַרביטן ווערן אויף אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג. לויט פּלעכאַנאָוון פון די יאָרן פון פאַר דער וועלט־מלחמה, איז דער סאָציאַליזם דער אומפאַרמיידלעכער פינאַל פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, אָן אונטער־שייד פון דעם, וואָס דער איינצלנער מענטש טוט, אָדער טוט נישט. די „גרויזאַמע ווידערשפּרוכן פון קאַפּיטאַליזם און דער קלאַסנקאַמף", מוזן, אומפאַרמיידלעך, זיך ענדיקן מיט דער הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט און מיט דער סאָציאַליזאַציע פון די מיטלען פון פּראָדוקציע. וואָס ווייטער וועט געשען, האָט פּלעכאַנאָוון דעמאָלט ניט אינטערעסירט. קרופּסקאַיאַ, לענינס פרוי, דערציילט אין אירע מעמואַרן, אַז פּלעכאַנאָוו האָט איר איינמאָל אין 1901, געזאָגט: „אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט זיין שרעקלעך לאַנגווייליק, עס וועט דאָרטן ניט זיין קיין קאַמף".

אין 1899 האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן, אַז אויב ראָבעספּיער וואָלט דערהרגעט געוואָרן, איידער ער איז געוואָרן דער דיקטאַטאָר פון דער

גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָלט אַז אַנדערער געווען אויף זיין אָרט. און ווען דער אַנדערער וואָלט אַפֿילו אין אַלע פּרטים געשטאַנען נידעריקער פֿון אים, וואָלטן די געשעענישן אין פֿראַנקרייך אַוועק אין דער זעלביקער ריכטונג, אין וועלכער זיי זיינען געגאַנגען אונטער ראָבעספּיערן. אין דעם זעלבן אַרטיקל האָט ער אויך געשריבן, אַז ווען ראַפֿאַעל, מיקעל אַנדזשעלאָ און לעאָנאַרדאָ־דאַ־ווינטשי וואָלטן געשטאָרבן נאָך קליינער־הייט, וואָלט די איטאַליעניש קונסט געווען וויניקער פֿולקאָם, אָבער איר אַלגעמיינע ריכטונג וואָלט פֿאַרבליבן די זעלביקע.

מיט יאָרן שפּעטער האָט פּלעכאַנאָוו געענדערט זיין מיינונג וועגן דער ראָל פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע. אָבער אין דער עפּאָכע וועגן וועלכער מיר ריידן דאָ איז ער געווען דער יעניקער, וואָס האָט, ווי איינער פֿון די רוסישע סאָציאַליסטן האָט זיך אויסגעדריקט „שטרענג רעגלאַמענטירט דעם גאַנצן גייסטיקן לעבן פֿון אַ מאַרקסיסט". אַ סאָציאַליסט, וואָס האָט געוואַגט צו קריטיקירן מאַרקסן, איז פֿאַר פּלעכאַנאָוו געווען אַ „קליין־בירגערלעכער דעמאָקראַט", אויב ניט קיין אָפֿענער שונא פֿון פּראָלעטאַריאַט. ווען עדוואַרד בערנשטיין האָט אין 1889 פֿאַרעפֿנטלעכט אין קאַוטסקיס זשורנאַל „נייע צייט" זיין באַרימטע סעריע אַרטיקלען, ווו ער האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די מיטלקלאַסן גייען ניט אונטער, ווי מאַרקס האָט פֿאָרויסגעזאָגט און ער האָט קריטיקירט מאַרקסעס טעאָריע וועגן דעם אומפֿאַרמיידלעכן צוזאַמענברוך פֿון קאַפּיטאַליזם האָט פּלעכאַנאָוו אין אַ בריוו צו אַקסעלראָדן געשריבן: „וואָס איז שייך די צווייפֿלען, וואָס האָבן מיך די לעצטע צייט באַהערשט, זיינען זיי אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך בערנשטיינס אַרטיקלען אין דער „נייע צייט"... דאָס איז דאָך אַ פֿולשטענדיק אָפּזאָגן זיך אי פֿון דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק אי פֿון קאָמוניזם... איך בין שיעור ניט קראַנק געוואָרן פֿון די דאָזיקע אַרטיקלען. פֿאַרדריסלעכער פֿון אַלץ איז, וואָס בערנשטיין איז אין עפּעס דאָך גערעכט: אַזוי, צום ביישפּיל, רעכענען אויף אַ שנעלער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל קען מען ניט... איך וועל פֿרעגן קאַוטסקין, וואָס טראַכט ער וועגן דעם און וואָס טראַכסטו? שרייב, איך בעט דיך. די דאָזיקע פֿראַגע מאַטערט מיך כסדר".

שפּעטער איז פּלעכאַנאָוו, קענטיק, געקומען צו זיך און ער האָט אין דער „נייע צייט" פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ריי שאַרפֿע אַרטיקלען קעגן בערנשטיינען און די אַנדערע מאַרקסיסטישע „רעוויזיאָניסטן". ער האָט בערנשטיינען דערקלערט פֿאַר אויס סאָציאַליסט און האָט איז זיינע בריוו צו קאַוטסקין, ניט אויפֿגעהערט צו מאָנען, ביי אים, פֿאַרוואָס מע שליסט ניט אויס בערנשטיינען פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. קאַוטסקי האָט גע־

ווּסט, אַז הינטער בערנשטיינען שטייען ניט נאָר די פֿרייע געווערקשאַפֿטן, נאָר אויך אַ באַדייטנדיקער טייל פֿון דער פּאַרטיי. די דייטשע „רעוויזיאָניסטן" זיינען ניט אויסגעשלאָסן געוואָרן פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אָבער די רוסישע „בערנשטייניאַנער" האָט פּלעכאַנאָוו פֿאַרטריבן פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. בערנשטיין אַליין האָט פּלעכאַנאָוון ניט געענטפֿערט אויף זיינע אַרטיקלען. אין זיין בוך „די פֿאָרויסזעצונגען פֿון סאָציאַליזם" ווּ עס זיינען אַריין די דערמאָנטע אַרטיקלען בערנשטיינס פֿון דער „נייע צייט", איז פֿאַראַן אַזאַ באַמערקונג: „מיר פֿאַלט, פֿאַרשטייט זיך, אַפֿילו גאָרניט איין צו פּאָלעמיזירן מיט פּלעכאַנאָוון, וואָס לויט זיין מיינונג פֿאָדערט די וויסנשאַפֿט, אַז די לאַגע פֿון אַרבעטער־קלאַס מוז, אונטער אַלע באַדינגונגען, ביז דער סאַמע סאָציאַלער רעוואָלוציע באַטראַכט ווערן ווי אַ האָפֿענונגסלאָזע".

לענין האָט זיך אַ סך יאָרן באַטראַכט פֿאַר פּלעכאַנאָווס אַ תּלמיד. קרופּסקאַיאַ האָט, אין אַפּריל 1924, אין אַ פּאָר חדשים נאָך לענינס טויט, געשריבן אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ": „פּלעכאַנאָוון האָט וולאַדימיר איליטש (לענין) ליידנשאַפֿטלעך ליב געהאַט. פּלעכאַנאָוו האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין זיין אַנטוויקלונג און האָט אים געהאָלפֿן געפֿינען דעם ריכטיקן רעוואָלוציאָנערן וועג. דעריבער איז פּלעכאַנאָוו פֿאַר אים אַ לאַנגע צייט געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל. און אויך נאָך דער שפּאַלטונג האָט ער זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו דעם. וואָס פּלעכאַנאָוו האָט געזאָגט. מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד פֿלעגט ער איבערחזרן פּלעכאַנאָווס ווערטער: „איך וויל ניט שטאַרבן אַן אָפּאָרטוניסט". „אין פּלעכאַנאָוון לעבט אַ ריכטיקער יאַקאָבינער", — האָט לענין ניט איין מאָל באַמערקט. און דאָס איז ביי לענינען געווען דער העכסטער קאָמפּלימענט.

5

אין 1895, ווען לענין איז צום ערשטן מאָל געקומען אין דער שווייץ און האָט אַ געוויסע צייט פֿאַרבראַכט אין פּלעכאַנאָווס געזעלשאַפֿט, האָט ער אויף פּלעכאַנאָוון געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. פּלעכאַנאָוו איז מיט לעֶנינס טעטיקייט אין רוסלאַנד שוין געווען באַקאַנט. ער האָט אים באַטראַכט פֿאַר אַ פֿעאיקן רעוואָלוציאָנערן טוער און, קוקנדיק אויף אים, האָט זיך פּלעכאַנאָוון אַלץ געדאַכט, אַז ער זעט פֿאַר זיך זיין אַמאָליקן יוגנט־חבר, דעם פֿירער פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוון. אַלעקסאַנדער פּעטרעסאָוו, וואָס איז דעמאָלט געווען מיט לענינען ביי פּלעכאַנאָוון, דערציילט, אַז פּלעכאַנאָוו האָט דערוואַרט, אַז דער פּראַקטישער

טוער לענין וועט שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. וועגן לענינס ליטעראַרישע פֿעאיקייטן האָט פּלעכאַנאָוו געדעט איינגעהאַלטן. וועגן לענינס אַרטיקלען האָט ער ניט איינמאָל זיך אויסגעדריקט, אַז „דאָס איז ניט אָנגעשריבן, ווי די פֿראַנצויזן זאָגן. דאָס איז נישט קיין ליטעראַרישע ווערק, דאָס איז אויף קיין זאַך ניט ענלעך".

דעם 21טן דעצעמבער, 1900, איז אין לייפּציג אַרויס דער ערשטער נומער פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג „איסקראַ". אירע גרינדער זיינען געווען לענין, מאַרטאָוו און פּעטרעסאָוו. אין דער רעדאַקציע זיינען, אַ חוץ די דריי, אַריין אויך פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד און וויערא זאַסוליטש. פּלעכאַנאָוו האָט אָפּט געשריבן אין דער „איסקראַ". נאָך אָפּטער האָט געשריבן מאַרטאָוו. אָבער דער איינפֿלוסרייכסטער מענטש אין דער „איסקראַ" איז געווען לענין. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן איינפֿלוס נישט נאָר אויף מאַרטאָוון, נאָר אויך אויף פּלעכאַנאָוון. מע קען זאָגן, אַז ער האָט געגעבן דעם טאָן אין דער „איסקראַ". דער איניציאַטאָר פֿון דעם קאַמף פֿון דער „איסקראַ" קעגן „בונד" איז, אגב, אויך געווען לענין. ער איז געווען דער אויטאָר פֿון די ווייכטיקסטע אַרטיקלען קעגן בונדיזם און דעם „בונד", וואָס זיינען דערשינען אין דער „איסקראַ". געגלויבט אַז יידן דאַרפֿן און וועלן זיך מיט דער צייט אַסימילירן. אָבער מיט דער זעלבער מיינונג זיינען אויך געווען אַקסעלראָד, דייטש, מאַרטאָוו, דאַן, ליבערס צוויי ברידער, מאַרטינאָוו־פּיקער און אַנדערע יידן, וועלכע זיינען געווען צווישן די פֿירער פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער פֿאַקט איז, אַז פּלעכאַנאָוו האָט אין דער „איסקראַ" פֿאַרעפֿנטלעכט נאָר איין אַרטיקל קעגן „בונד". די אַלע שאַרפֿע אָנפֿאַלן אויפֿן „בונד" אין דער „איסקראַ" זיינען געשריבן געוואָרן פֿון לענינען און פֿון די יידן מאַרטאָוו־צעדערבוים, 'אָרטאָדאָקס' (ליובאַ אַקסעלראָד), ברוך סטאָלפּנער און אַנדערע יידן. דאַקעגן האָט די שאַרפֿסטע אַרטיקלען אין דער „איסקראַ" קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן די פּאָגראָמען אין קעשענעוו און אין האָמעל געשריבן ניט קיין אַנדערער ווי טאַקע פּלעכאַנאָוו.

פּלעכאַנאָוו האָט גערופֿן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די באַוווסטזיניקע אַרבעטער צו פֿאַרטיידיקן די יידן און אָנצושליסן זיך אָן דעם יידישן זעלבסטשוץ. (זע „איסקראַ" פֿון 1טן מאַי און פֿון 15טן אָקטאָבער 1903). ביידע אַרטיקלען זיינען איבערגעדרוקט אין פּלעכאַנאָווס געזאַמלטע שריפֿטן.

נאָר אין די דעמאָלטיקע רוסיש־יידישע סטודענטישע קאָלאָניעס פֿון שווייץ און פֿון דייטשלאַנד איז אַרומגעגאַנגען פּלעכאַנאָווס ווערטל, אַז

„די בונדיסטן זיינען ציוניסטן, וואָס האָבן מורא פאַר ים־קראַנקייט". אין א בריוו צו לענינען, דאַטירט דעם 9טן פעברואַר 1903, האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן:

„איך האָב נאָר־וואָס באַקומען און איבערגעלייענט אייער אַרטיקל וועגן דער דערקלערונג פון די בונדיסטן. איר זייט גערעכט. איבערלאָזן אָן אַן ענטפער די דערקלערונג פון „בונד" און די קאָמענטאַרן וועגן אים, — איז אוממעגלעך. אָבער מיר שיינט, אַז מע דאַרף ווייכער מאַכן געוויסע אויסדרוקן. איצט האַלטן מיר מלחמה מיט די עס־ערן. מיט זיי איז דערלויבלעך און אַפילו נוצלעך א שאַרפע פּאָלעמיק. אָבער מע דאַרף, אַז דער עולם זאָל זען דעם אונטערשייד צווישן אונדזער פּאָלעמיק מיט די עס־ערן און דער פּאָלעמיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַפילו פון דער בונדיסטישער ריכטונג".

נאָך אין 1894 האָט פּלעכאַנאָוו זיך אַרויסגעזאָגט וועגן ווידער־אויפשטעלן אַן אומאָפּהענגיקע פּוילן. אין א בריוו צו פרידריך ענגעלסן, דאַטירט דעם 1טן מאַי, 1894, האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן, אַז ער האָט מיט צוויי טעג פריער אַדרעסירט אין צוריך א פאַרזאַמלונג פון פּוילישע סאָציאַליסטן. „אין מיין רעדע האָב איך געזאָגט, אַז ווי א רוס בין איך מיטן גאַנצן האַרצן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, דערפאַר וואָס מער „אָרדענונג" עס הערשט אין וואַרשע, אַלץ מער הענגט מען מענטשן אין פּעטערבורג".

טראָצקי איז געוואָרן א מיטאַרבעטער פון דער „איסקראַ" באַלד ווי ער איז סוף 1902 אַנטלאָפן פון סיביר און געקומען קיין אויסלאַנד. זיינע ערשטע אַרטיקלען אין דער „איסקראַ" פלעגט טראָצקי אונטערשרייבן מיטן פּסעוודאָנים „פּיעראָ" (די פען). פּלעכאַנאָוון זיינען טראָצקיס אַרטיקלען ניט געפעלן געווען. אין .א בריוו צו לענינען, אָנהייב 1903, האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן: „דעם אמת געזאָגט, איז „פּיעראָס" פען דערוויילמיר ניט אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער וויל זיין שטעכיק, אָבער קיין גרויסע שטעכיקייט קומט ניט אַרויס. מער טומל ווי אינהאַלט און אייניקע אויסדרוקן זיינען איינפאַך נישט געלונגען. זיי קענען געבן א געלעגנהייט אָפּצולאַכן פון אונדז".

לענין האָט פאָרגעלייגט די איבעריקע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע, מע זאָל טראָצקין אַריינגעמען פאַר א גלייכבאַרעכטיקטן מיטגליד אין דער רעדאַקציע. פּלעכאַנאָוו איז אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן דעם. אין א בריוו דאַטירט דעם 2טן מערץ, 1903, האָט לענין געשריבן: „פּיעראָ שרייבט שוין ניט איין מאָנאַט אין יעדן נומער און ער אַרבעט בכלל פאַר דער „איסקראַ" אויפן ענערגישסטן אופן. ער האַלט רעפעראַטן און האָט

דע־ביי אַ ריזיקן דערפֿאָלג... אַ מענטש, אָן צוויפֿל, מיט גרויסע פֿעאיקייטן. אָן איבערצייגטער, ענערגישער, וואָס וועט נאָך אַוועק פֿאָרויס"...

אויסגעפֿירט האָט פּלעכאַנאָוו. מע האָט טראָצקין ניט אַריינגענומען ווי אַ מיטגליד אין דער רעדאַקציע פון „איסקראַ" און טראָצקי האָט דאָס פּלעכאַנאָוון זיין גאַנץ לעבן ניט געקענט מוחל זיין.

נאָך אין 1902 האָבן צווישן די רעדאַקטאָרן פון דער „איסקראַ" זיך אָנגעהויבן ערנסטע חלוקי־דעות, ווען עס איז אויפגעקומען די פראַגע וועגן אַ פּראָגראַם פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. פּלעכאַנאָווס ערשטער פּראָיעקט פֿון אַ פּאַרטיי־פּראָגראַם האָט ניט צופֿרידנגעשטעלט ניט לענינען און מאַרטאָוון און ניט אַקסעלראָדן. לענין האָט קריטיקירט פּלעכאַנאָווס פּראָיעקט דערפאַר. וואָס פּלעכאַנאָוו האָט געהאַלטן, אַז די קליין־פּראָדוקציע איז עקאָנאָמיש גענוג לעבנס־פעאיק און איז ניט פאַראורטיילט אויף אומפאַרמיידלעכער פאַרשווינדונג. פּלעכאַנאָוו האָט, לויט לענינס מיינונג, אויך געגעבן אַ פאַלשע כאַראַקטעריסטיק פון דער קליין־בורזשואַזיע „אונטערשטרייכנדיק איר רעוואָלוציאָנערישקייט". זיי זיינען רעאַקציאָנערן, האָט לענין געטענהט, זיי שטרעבן איבערצודרייען אויף צוריק די ראָד פון דער געשיכטע. פּלעכאַנאָוו האָט אָנגעשריבן, אַז „די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, — שטייט אין שפּיץ פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די אַרבעטנדיקע און עקספּלואַטירטע מאַסן". האָט לענין געטענהט, אַז מע קען ניט צוזאַמענמישן די אומצופֿרידנקייט, די אינטערעסן און דעם קאַמף פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס מיט דער אומצופֿרידנקייט און די אינטערעסן פון די פּויערים און קליינע פּראָדוצירער. „דאָס איז ניט קיין מאַרקסיסטישער צוגאַנג", — האָט ער געשריבן.

עס איז געבליבן, אַז פּלעכאַנאָוו זאָל איבערשרייבן זיין פּראָיעקט נעמענדיק אין באַטראַכט די באַמערקונגען פון די איבעריקע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע פון „איסקראַ". פּלעכאַנאָווס צווייטער פּראָיעקט האָט לענינען נאָך מער ניט צופרידנגעשטעלט ווי דער ערשטער פּראָיעקט. אין דעם צווייטן פּראָיעקט האָט פּלעכאַנאָוו אין גאַנצן אַרויסגעוואָרפן דעם פּונקט וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. ער האָט די ווערטער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" פאַרביטן מיט די ווערטער די „מאַכט פון פּראָלעטאַריאַט". אַקסעלראָד און זאַסוליטש זיינען געווען פאַר פּלעכאַנאָווס פּראָיעקט. מאַרטאָוו און פּעטרעסאָוו זיינען מער געווען גענייגט צו לענינס פּראָיעקט, הגם זיי זיינען ניט מיט אַלע פּונקטן געווען איינפאַרשטאַנען. אָנגענומען געוואָרן איז ענדלעך פּלעכאַנאָווס פּראָיעקט. אָבער אויף לענינס דרינגענדיקער פאָדערונג האָט מען דעם פּונקט וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט צוריק אַריינגעשטעלט און מען האָט געמאַכט עטלעכע אַנדערע ענדערונגען, וואָס לענין האָט אולטימאַטיוו געפאָדערט.

אין אויגוסט 1903 איז אין בריסעל און דערנאָך אין לאָנדאָן פּאָרגעקומען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. אויף יענעם צוזאַמענפאָר האָט זיך די פּאַרטיי געשפּאָלטן אויף צוויי טיילן: באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. פּאָרמעל איז די שפּאַלטונג פּאָרגעקומען צוליב אַ קלייניקייט. לענין האָט געוואָלט האָבן אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע פון דער פּאַרטיי, אַז פאַר אַ פּאַרטיי־מיטגליד זאָל פאַררעכנט ווערן נאָר דער, וואָס נעמט אָן איר פּראָגראַם, העלפּט איר אין דער אַרבעט און באַטייליקט זיך כסדר פערזענלעך אין איינער פון אירע אָרגאַניזאַציעס. מאַרטאָוו, אָקסעלראָד און אַנדערע האָבן געדענקט, אַז עס איז גענוג פאַר איינעם צו אָנערקענען די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי און אונטערשטיצן די פּאַרטיי פינאַנציעל און איר רעגולער אַרויסהעלפן אונטער דער אויפזיכט פון איינער פון די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, כדי פאַררעכנט צו ווערן פאַר אַ פּאַרטיי־מיטגליד. דער אונטערשייד איז, דאַכט זיך, נאָר אַ ווערטערלעכער. אין דער אמתן האָט זיך שוין אָבער דעמאָלט געהאַנדלט וועגן אַ סך טיפערע און וויכטיקערע חלוקי־דעות. לענין האָט געוואָלט, אַז צו דער פּאַרטיי זאָלן געהערן נאָר „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן", אויף וועלכע מע קען זיך אין אַלץ פאַרלאָזן און וואָס זאָלן קאָמאַנדעווען איבער די אַרבעטער־מאַסן און אָנפירן מיט זייער קאַמף. צו די אַרבעטער־מאַסן אַליין האָט לענין קיין צוטרוי ניט געהאַט. ווען זיי, די מאַסן, זאָלן האָבן די דעה צו באַשטימען די פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, האָט ער געטענהט, וועלן זיי איר פֿאַרשלעפּן אין אַ זומפּ. מאַרטאָוו אָבער, אַקסעלראָד, פּאָטרעסאָוו, זאַסוליטש און די אַנדער קעגנער לענינס האָבן געטענהט, אַז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָט נאָר אַ זין, ווען זי איז אַן אַרבעטער־פּאַרטיי. ווען זי שטייט ניט איבער די מאַסן, נאָר ווערט געפֿירט פֿון די מאַסן גופֿא. לענין איז געשטאַנען פֿאַר דיקטאַטור אין דער פּאַרטיי, בעת זיינע קעגנער האָבן פֿאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פֿון דעמאָקראַטיע אין דער פּאַרטיי. כמעט אַלע דעלעגאַטן פֿון צוזאַמענפֿאָר זיינען אַליין אויך געווען „פּראָפֿעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן". פֿון די 50 דעלעגאַטן זיינען בלויז דריי געווען אַרבעטער. די איבעריקע זיינען געווען אינטעליגענטן. דאָך, האָט דער צוזאַמענפֿאָר מיט 35 שטימען קעגן 21 און ביי 12 צוריקגעהאַלטענע אָנגענומען מאַרטאָווס רעזאָלוציע. דאָס איז מעגלעך געווען אַ דאַנק דעם, וואָס פֿאַר מאַרטאָווס רעזאָלוציע האָבן געשטימט די דעלעגאַטן פֿון „בונד" און פֿון די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן ניט געהערט צו דער „איסקראַ".

פּלעכאַנאָוו איז פֿון אָנהייב געווען מיט לענינען. פֿאַר דער שפּאַלטונג האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן לענינען: „גלייבט איין זאַך, אַז איך פֿיל צו אייך אַ טיפֿע אַכטונג און מיין, אַז אויף 75 פּראָצענט זיינען מיר נענטער איינער

צום צווייטן, ווי צו אַלע איבעריקע מיטגלידער פֿון קאָלעגיום (פֿון דער „איס־קראַ"), אויף די איבעריקע 25 פּראָצענט איז פֿאַראַן אַן אונטערשייד אָבער 75 פּראָצענט איז דאָך דריי מאָל גרעסער פֿון 25 פּראָצענט". פֿון לענינס אַ רעדע אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, איז פּלעכאַנאָוו אַזוי פֿאַרכאַפּט געוואָרן, אַז ער האָט געזאָגט צו אַקסעלראָדן: „פֿון אַזאַ טייג ווערן אויסגעקנאָטן ראָבעס־פּיערס!", וואָס דאָס האָט אין זיין מויל געקלונגען דעמאָלט ווי דער גרעס־טער קאָמפּלימענט, וואָס ער האָט געקענט געבן לענינען. פּלעכאַנאָוו האָט געשטימט צוזאַמען מיט לענינען קעגן דעם פֿאָרשלאָג פֿון דער בונדישער דעלעגאַציע, אַז די פּאַרטיי זאָל זיין געבויט אויף פֿעדעראַטיווע יסודות און דער צוזאַמענפֿאָר האָט מיט אַ גרויסער מערהייט באַשלאָסן אויפֿצולייזן אַלע אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און זיי פֿאַראייניקן אין איין פּאַרטיי־אַפּאַראַט. נאָך דער אָפּשטימונג האָבן די דעלעגאַטן פֿון „בונד" פֿאַרלאָזן דעם צוזאַמענפֿאָר.

אַזוי ווי דער פֿאָרמעלער סכסוך צווישן לענינען און זיינע קעגנער איז פֿאָרגעקומען נאָר צוליב אַ פּונקט אין דער קאָנסטיטוציע, האָבן אַ סך דעלעגאַטן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר זיך ניט פֿונאַנדערגעקליבן אין די ווירקלעך־טיפֿע חלוקי־דעות, וואָס האָבן זיך שוין דאַן אָנגעמערקט צווישן לענינען און זיינע קעגנער. דורך דעם אוועקגיין פֿון דער בונדישער דעלעגאַציע איז לענינס פּאָזיציע אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿאַרשטאַרקט געוואָרן. די „איסקראַ" איז דערקלערט געוואָרן פֿאַר דעם צענטראַל־אָרגאַן פֿון דער פּאַרטיי. ווען עס איז געקומען צו די וואַלן פֿון אַ רעדאַקציע פֿון דער „איסקראַ" האָט טראָצקי פֿאָרגעשלאָגן צו באַשטעטיקן די אַלטע רעדאַקציע (פּלעכאַנאָוו, לענין, אַקסעלראָד, מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו, און זאַסוליטש). דער פֿאָרשלאָג איז נידערגעשטימט געוואָרן מיט 19 שטימען קעגן 17 און ביי 3 צוריקגע־האַלטענע. (אויך די מיטגלידער פֿון דער רעדאַקציע האָבן זיך ניט באַטיי־ליקט אין דער אָפּשטימונג). מיט אַ מערהייט פֿון 2 שטימען איז דורכגע־גאַנגען לענינס פֿאָרשלאָג צו דערוויילן אַ רעדאַקציע פֿון דריי (לענין, פּלע־כאַנאָוו און מאַרטאָוו. פֿאַר פּלעכאַנאָוון זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן — 23 שטימען פֿאַר מאַרטאָוון — 22 און פֿאַר לענינען — 20). דאָס האָט גע־מיינט די באַזייטיקונג פֿון אַקסעלראָדן, וויערא זאַסוליטש און פּעטרעסאָוון, וואָס זיי אַלע דריי זיינען געווען מאַרטאָווס אונטערשטיצער אין דעם אידעאָ־לאָגישן קאַמף צווישן לענינען און מאַרטאָוון... לענין איז געווען איבער־צייגט, אַז אין דער קאָלעגיע פֿון דריי וועט ער קענען האָבן דעם פֿולן קאָנטראָל איבער דער „איסקראַ", מחמת פּלעכאַנאָוו וועט ניט נעמען קיין אַקטיוון אָנטייל אין דער טאָג־טעגלעכער פּאָליטיק פֿון דער צייטונג און אין די גרויסע פֿראַגעס, האָט ער גערעכנט, וועט פּלעכאַנאָוו אים שטיצן קעגן מאַרטאָוון. לענינס גלויבן איז פֿאַרשטאַרקט געוואָרן דורך פּלעכאַנאָווס

עטלעכע אַרויסטרעטונגען אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, אויף וועלכע ער האָט, געוויס, שפּעטער זיין גאַנץ לעבן חרטה געהאַט. ווען דער דעלעגאַט, וולאַדימיר אַקימאָוו־מאַכנאָוויעץ, אַ רוס, אַ קעגנער פֿון דער „איסקראַ", וואָס האָט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר אויך שטאַרק פֿאַרטיידיקט דעם „בונד", האָט אין איינער פֿון זיינע רעדעס פּרובירט אָנווייזן אויף די חלוקי־דעות צווישן פּלעכאַנאָוון און לענינען, האָט פּלעכאַנאָוו אין זיין רעדע שפּעטער געזאָגט: „נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט אַ לייִדנשאַפֿט אָפּצוגטן זיינע מאַרשאַלן פֿון זייערע ווייבער. ער (אַקימאָוו) וויל נישט אַנדערש ווי מיך אָפּגטן פֿון לענינען, אָבער איך האָב ניט בדעה אָפּצוגטן לענינען, און איך האָף, אַז ער האָט ניט בדעה מיך אָפּצוגטן".

אַקימאָוו איז געווען דער איינציקער אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן אַריינשטעלן אין פּראָגראַם פֿון דער פּאַרטיי דעם פּונקט וועגן דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. טראָצקי האָט, ענטפֿערנדיק אַקימאָוון, געזאָגט: „אים שרעקט די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט ווי אַ יאַקאָבינישער אַקט. ער פֿאַרגעסט, אַז די דאָזיקע דיקטאַטור וועט זיין מעגלעך נאָר דאַן, ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי און דער אַרבעטער־קלאַס, וועלן אויך זיין איינס און דאָס זעלבע. די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט וועט ניט זיין אַ קאָנספּיראַטאָרישע „פֿאַרכאַפּונג פֿון דער מאַכט", נאָר די פּאָליטישע הערשאַפֿט פֿון דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־קלאַס, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר די מערהייט פֿון דער נאַציע".

דער דעלעגאַט פּאָסאַדאָווסקי (ד"ר וולאַדימיר מאַנדעלבערג) האָט אין זיין רעדע, בעת עס איז פֿאַרהאַנדלט געוואָרן די פּאַרטיי־פּראָגראַם, געזאָגט: „עס איז ניטאָ צווישן די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן אַזוינס, וואָס מיר זאָלן ניט דאַרפֿן אונטערוואַרפֿן צו די נוצן פֿון אונדזער פּאַרטיי (אויסרופֿן: „אויך די אומבאַרירלעכקייט פֿון דער פּערזאָן?"). יאָ, אויך די אומבאַרירלעכקייט פֿון דער פּערזאָן. ווי אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס שטרעבט צו איר ענדציל — סאָציאַלע רעוואָלוציע — דאַרפֿן מיר זיך צו די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן באַציִען נאָר פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון די נוצן פֿון אונדזער פּאַרטיי. אויב די אָדער יענע פֿאָדערונג לוינט אונדז נישט, וועלן מיר זי ניט דורכפֿירן".

פּלעכאַנאָוו האָט גלייך נאָך פּאָסאַדאָווסקין גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט: „איך שטים דורכויס איין מיטן חבר פּאָסאַדאָווסקי. יעדער באַשטימטער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ דאַרף באַטראַכט ווערן נישט פֿאַר זיך אַליין, אין זיין אַבסטראַקטקייט, נאָר אין זיין שייכות מיט דעם פּרינציפּ, וואָס מע קען אָנרופֿן דער גרונד־פּרינציפּ פֿון דעמאָקראַטיע. נעמלעך, צום פּרינציפּ וואָס זאָגט אַז „סאַלוס פּאָפּולי סופּרעמאַ לעקס"... איבערזעצט אויף דער שפּראַך פֿון אַ רעוואָלוציאָנער מיינט עס, אַז דער דערפֿאָלג

פֿון דער רעוואָלוציע איז דאָס העכסטע געזעץ... מיין פּערזענלעכע מיינונג איז, אַז אַפֿילו אויף דעם פּרינציפּ פֿון אַלגעמיינעם וואַלרעכט, דאַרף מען קוקן פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון גרונט־פּרינציפּ פֿון דעמאָקראַטיע וואָס איך האָב אָנגעוויזן. היפּאָטעטיש קען מען זיך פֿאָרשטעלן אַ פֿאַל, ווען מיר, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָלטן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַלגעמיינעם וואַל־רעכט... דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט דאַרפֿן מיר אויך אָננעמען אין דער פֿראַגע ווי לאַנג אַ פּאַרלאַמענט דאַרף פֿונקציאָנירן. אויב דאָס פֿאָלק האָט אין אַן אויסברוך פֿון רעוואָלוציאָנערן ענטוזיאַזם אויסגעקליבן אַ זייער גוטן פּאַרלאַמענט, וואָלטן מיר געדאַרפֿט זיך באַמיען צו מאַכן אים פֿאַר אַ לאַנגן פּאַרלאַמענט. אָבער, אויב די וואַלן וואָלטן געווען ניט קיין געלונגענע, וואָלטן מיר זיך געדאַרפֿט באַמיען אים צו צעטרייבן ניט אין צוויי יאָר אַרום, נאָר, אויב מעגלעך, אין צוויי וואָכן אַרום"...

לענין האָט ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט פּלעכאַנאָווס ווערטער, אָבער אין די פּראָטאָקאָלן פֿון צוזאַמענפֿאָר איז פֿאַרנאָטירט: „אַפּלאָדיסמענטן. טייל דעלעגאַטן „שיקען". אויסרופֿן: „שיקעט ניט!" פּלעכאַנאָוו: פֿאַרוואָס ניט? איך בעט זייער די חברים ניט צו צערעמאָניען זיך!". דעלעגאַט יעגאָראָוו שטייט אויף און זאָגט: „אויב אַזוינע רייד רופֿן אַרויס אַפּלאָדיסמענטן, איז מיין פֿליכט צו „שיקען").

צווישן די וואָס האָבן „געשיקעט" איז אויך געווען וולאַדימיר מעדעם (אונטער דעם פּסעוודאָנים גאָלדבלאַט). מעדעם האָט געזאָגט: „אויב מע זאָל זיין לאָגיש, דאַרף מען, אַרויסגייענדיק פֿון פּלעכאַנאָווס ווערטער, אַרויסוואַרפֿן פֿון אונדזער פּראָגראַם די פֿאָדערונג פֿון אַלגעמיינעם וואַלרעכט".

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָכן צוזאַמענפֿאָר, ווען פּלעכאַנאָוו האָט אָנגע־הויבן שוין אַ ביסל זיך וואַקלען אין זיין אונטערשטיצן לענינען, האָט מאַרטאָוו, אויף אַ קאָנפֿערענץ, וווּ עס איז אויך געווען פּלעכאַנאָוו, איבער־געבנדיק פּלעכאַנאָווס ווערטער אויפֿן צוזאַמענפֿאָר וועגן דעם רעלאַטיוון ווערט פֿון דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, צוגעגעבן: „די דאָזיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופֿן אויפֿרעגונג ביי אַ טייל דעלעגאַטן, וואָס עס וואָלט לייכט געווען אויסצומיידן, ווען דער חבר פּלעכאַנאָוו וואָלט צוגעגעבן, אַז עס איז, פֿאַרשטייט זיך, אוממעגלעך, זיך פֿאָרצושטעלן אַזאַ טראַגישע לאַגע, וווּ דעם פּראָלעטאַריאַט וואָלט אויסגעקומען, כדי צו פֿאַרפֿעסטיקן זיין זיג, צו אונטערדריקן אַזוינע פּאָליטישע רעכט. ווי די פֿרייהייט פֿון דער פּרעסע".

„מערסי!" — האָט פּלעכאַנאָוו מיט סאַרקאַזם אויסגערופֿן. פּלעכאַנאָוו איז נאָך דעמאָלט אַלץ געווען מיט לענינען.

מאַרטאָוו האָט, באַלד נאָך די וואַלן פאַר מיטגלידער פון דער רעדאַקציע פון „איסקראַ", רעזיגנירט, דערקלערנדיק, אַז עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז לענין איז מיט דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער רעדאַקציע אויסן אַריינצוקריגן אין זיינע הענט דעם קאָנטראָל איבער דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון דער פאַרטיי. אַזוי ווי ביי דער אָפּשטימונג וועגן דער רעדאַקציע פון „איסקראַ" איז מיט אַ מערהייט פון צוויי שטימען אָנגענומען געוואָרן לענינס פאָרשלאַג, האָבן לענינס אָנהענגער געקראָגן דעם נאָמען „באָלשעוויקי" (פון דעם רוסישן וואָרט „באָלשינסטוואָ" — די מערהייט) און מאַרטאָווס אָנהענגער „מענשעוויקי" (פון דעם וואָרט „מענשיסטוואָ" — די מינדערהייט).

פּלעכאַנאָוו האָט פון אָנהייב געזוכט שאַפן אייניקייט דורך אַריינגעמען אין דער רעדאַקציע פון „איסקראַ" די אַלע פריערדיקע רעדאַקטאָרן. לענין, האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט אויף דעם איינגיין. און ווען פּלעכאַנאָוו איז באַשטאַנען אויף דעם, האָט לענין אַריינגעשיקט צו אים זיין רעזיגנאַציע. „איך בין אַבסאָלוט איבערצייגט, — האָט לענין געשריבן, — אַז איר וועט קומען צום שלום, אַז עס איז אוממעגלעך צו אַרבעטן מיט די מענשעוויקעס. איך רעזיגניר פון דער רעדאַקציע פון „איסקראַ". איר קענט אַריינגעמען די אַנדערע מיטגלידער און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די צוקונפטיקע אַנטוויקלונגען".

פּלעכאַנאָוו האָט טאַקע צוריק אַריינגענומען מאַרטאָוון, אַקסעלראָדן, פּעטרעסאָוון און וויעראַ זאַסוליטש אין דער רעדאַקציע, און לענין האָט אין גיכן געגרינדעט אַן אייגענע צייטונג. דער קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס, געפירט פון לענין, און צווישן די מענשעוויקעס, געפירט פון פּלעכאַנאָוון, מאַרטאָוון, אַקסעלראָדן און פּאָטרעסאָוון, האָט זיך, וואָס ווייטער, אַלץ מער און מער פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט. מע האָט שוין אין גאַנצן פאַרגעסן דעם פּונקט פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס איבער אים איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג. איצט האָט זיך שוין געהאַנדלט וועגן טיפע חלוקי־דעות ניט נאָר אין אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגעס, נאָר אויך אין פראַגעס פון פּראָגראַם און טאַקטיק. לענין האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן ריידן וועגן צוגרייטן זיך צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד און איינפירן „אַ דיקטאַטור פון די אַרבעטער און פּויערים". דעמאָלט האָט ער נאָך אונטערן וואָרט „דיקטאַטור" פאַרשטאַנען עפּעס אַנדערש ווי די דיקטאַטור, וואָס ער האָט שפּעטער איינגעפירט אין רוסלאַנד.

פּלעכאַנאָוו און די אַנדערע מענשעוויקעס האָבן געהאַלטן, אַז מען קען טעכניש קיין באַוואָפנטן אויפשטאַנד ניט צוגרייטן און אָנשטאָט צו פאַרנעמען זיך מיט טעכניש צוגרייטן אַן אויפשטאַנד, דאַרף מען בעסער אָרגאַניזירן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן, אַרויסרופן זייער זעלבסטטעטיקייט,

פֿירן אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אין דער אַרמיי און, דעמאָלט, ווען די אַרמיי וועט זיין אויף דער זייט פֿון פֿאָלק, וועט פֿאַרקומען ניט קיין באַוואָפֿנטער אויפֿשטאַנד, נאָר אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט זיך ענדיקן מיטן איינפֿירן אַ דעמאָקראַטישן רעזשים אין לאַנד.

דורך זיינע אַגענטן אין רוסלאַנד, האָט לענין געאַרבעט מיט אַלע כוחות אַריבערצוגעווינען אויף זיין זייט די „פּראָפֿעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן" פֿון דער פּאַרטיי. און דאָס האָט זיך אים, ביז אַ געוויסן גראַד, אויך איינגעגעבן. טראָצקי איז צוגעשטאַנען ניט צו לענינען, נאָר צו די מענשעוויקעס. ער האָט זיך פּאַקטיש באַטייליקט אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע האָט מען אויך אַריינגענומען פֿיאָדאָר דאַנען, ד. קאָלצאָוו־גינזבורג און שפּעטער אויך אַ. מאַרטינאָוו־פּיקערן. לענינען איז ווייניק געווען צו פֿאַרבלייבן אין דער ראָלע פֿון אַ פֿירער פֿון בלויז איין פֿראַקציע פֿון דער פּאַרטיי. ער האָט געוואָלט אַריינעמען אין זיינע הענט די גאַנצע פּאַרטיי. האָט ער אָנהייב 1905 צונויפֿגערופֿן אין אויסלאַנד אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלע אָנהענגער און האָט דעם דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר דערקלערט פֿאַר אַ פּאַרטייצוזאַמענפֿאָר. זיין פֿראַקציע האָט ער פּראָקלאַמירט ווי די געזעצלעכע יורשטע פֿון דער פֿריערדיקער איינהייטלעכער פּאַרטיי און די מענשעוויקעס האָט ער דערקלערט פֿאַר בוגדים, וואָס שטייען אויסער דער פּאַרטיי, אָדער ווי דאָס וואָלט געהייסן אויף זיין שפּעטערדיקער שפּראַך פֿאַר „סאָציאַלפֿאַררעטער" און „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן". די מענשעוויקעס, צו וועלכע עס האָבן געהערט די וויכטיקסטע טעאָרעטיקער און גרינדער פֿון דער פּאַרטיי, ווי אויך אַ גרויסער טייל פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ און פֿון די באַוווּסטזיניקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער אין רוסלאַנד, האָבן פֿאַרשטייט זיך, זייער ווייניק זיך געקימערט, וואָס לענין האָט זיי דערקלערט „אויסערן געזעץ". זיי האָבן פֿאָרגעזעצט זייער אַרבעט אין רוסלאַנד, ווי אויך אין אויסלאַנד ווי אַ באַזונדערע פּאַרטיי. פֿון דעמאָלט אָן, ד. ה. זייט 1905, איז לענין געוואָרן דער אָנערקענטער פֿירער און דיקטאַטאָר פֿון דער באָלשעוויסטישער פֿראַקציע, וועלכע איז מיט יאָרן שפּעטער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער אַלמעכטיקער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

6

פֿריער אין דער „איסקראַ" און שפּעטער אין אַנדערע לעגאַלע און אומלעגאַלע צייטשריפֿטן האָט פּלעכאַנאָוו אָנגעפֿירט אַ ביטערן קאַמף קעגן לענינען און דעם באָלשעוויזם; אין זיין אַרטיקל „דער אַרבעטער־קלאַס און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אינטעליגענציע", געדרוקט אין דער

„איסקרא" אין 1904, האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן: „לענין האָט דערקלערט די סאָציאַליסטישע אינטעליגענציע פאַר דעם העכסטן פאַרנופט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, און זיך אַליין און זיינע געטרייע נאָכפּאָל־גער, וואָס פרעגן ניט קיין קשיות, פאַר דער סאָציאַליסטישער סופּער־אינטעליגענציע, אַזוי צו זאָגן. אַלע „אַנדערש־דענקענדיקע" באַשולדיקט ער אין אַנאַרכיסטישן אינדיווידואַליזם און אין קאַמף מיט זיי אַפּעלירט ער צו דער זעלבער מאַסע, וועלכע שפּילט אין זיין טעאָריע די ראָלע פון פּאַסיווער מאַטעריע".

אין אַן אַרטיקל „אונדזער טאַקטיק", געדרוקט אין „איסקרא" מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער, האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן, אַז לענין נוצט בלויז אַ מאַרקסיסטישע טערמינאָלאָגיע, אָבער וואָס שייך זיין טעאָריע וועגן דער באַציאונג פון פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן צו דער מאַסע, שטייט לענין אויף באַקונינס שטאַנדפּונקט. וועגן באַקונינען האָט קאַרל מאַרקס געזאָגט, אַז „ביי אים איז דער פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער יענער הייליקער גייסט, וואָס נאָר ער אַליין איז אימשטאַנד אריינצובלאָזן רעוואָלוציאָנערן לעבן אין דער טויטער מאַסע". אויך ביי לענינען זיינען די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן פּונקט דער זעלביקער הייליקער גייסט, וואָס לעבט אויף די טויטע מאַסע פון פּראָלעטאַריאַט. און פּונקט ווי ביי באַקונינען, דאַרפן אויך ביי לענינען די פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן שאַפן „פאַראייניגן" וואָס זאָלן, ווי זיי אַליין געפינען פאַר נויטיק, באַשטימען דעם שיקזאַל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָבער אין זיין בליק אויף דעם כאַראַקטער פון דער צוקונפטיקער רוסישער רעוואָלוציע איז לענין זיך דעמאָלט ניט פונאַנדערגעגאַנגען מיט פּלעכאַנאָוון. פּונקט ווי פּלעכאַנאָוו און די אַנדערע מענשעוויקעס האָט אויך לענין געהאַלטן, אַז די צוקונפטיקע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט זיין אַ בורזשואַזע און נישט קיין סאָציאַליסטישע. „דער מאַרקסיזם, — האָט ער געשריבן אין 1905, — האָט אויף שטענדיק זיך אָפּגעטרייסלט פון די משוגענע פלוידערייען פון די נאַראָדניקעס און אַנאַרכיסטן, אַז רוסלאַנד קען כלומרשט אויסמיידן די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג, אַרויסשפּרינגען פון קאַפּיטאַליזם, אָדער איבערשפּרינגען איבער אים אויף וועלכן עס־איז אַנדער וועג, אויסער דעם וועג פון קלאַסנקאַמף, אויף דעם באָדן און אין די ראַמען פון אָט דעם קאַפּיטאַליזם. פון דעם איז דעריבער געדרונגען, אַז דער געדאַנק צו זוכן אַ רעטונג פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס אין עפּעס אַנדערש ווי די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, איז אַ רעאַקציאָנערער געדאַנק. אין אַזוינע לענדער ווי רוסלאַנד ליידט דער אַרבעטער־קלאַס נישט אַזויפיל פון קאַפּיטאַליזם, ווי פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם איז ניט גענוג אַנטוויקלט. דער אַרבעטער־קלאַס איז דעריבער, אַן צווייפל,

פֿאַראינטערעסירט אין דער סאַמע ברייטסטער, אין דער סאַמע פֿרייסטער און שנעלסטער אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם. פֿאַר דעם אַרבעטער־קלאַס לוינט זיך, אָן צווייפֿל, צו באַזייטיקן אַלע אַלטע איבערבלייבענישן וואָס שטערן דער ברייטער, פֿרייער און שנעלער אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם. דעריבער איז אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע אויפֿן העכסטן אופֿן נוצלעך פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט. אַ בורזשואַזע רעוואָלוציע איז, אָן צווייפֿל, נייטיק אין די אינטערעסן פֿון פּראָלעטאַריאַט. וואָס פֿולער, אַנטשיידנדיקער און קאָנסעקווענטער עס וועט זיין די בורזשואַזע רעוואָלוציע, אַלץ געזיכערטער וועט זיין דער קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע פֿאַרן סאָציאַליזם".

לענין האָט געהאַלטן פֿאַר משוגעים און עם־הארצים די יעניקע וואָס האָבן גערעכנט, אַז רוסלאַנד קען אויסמיידן דעם וועג פֿון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און גלייך איינפֿירן סאָציאַליזם. אין דער זעלביקער בראָשור פֿון 1905 האָט לענין געשריבן: „די דירעקטע אינטערעסן פֿון פּראָלעטאַריאַט, פּונקט ווי די אינטערעסן פֿון זיין קאַמף פֿאַר די ענדגילטיקע צילן פֿון סאָציאַליזם פֿאָדערן אַ וואָס מער פֿולקאָמע פּאָליטישע פֿרייהייט און דאָס מיינט, אַז די זעלבסטהערשונג זאָל פֿאַרביטן ווערן אויף אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק. די איינפֿירונג פֿון אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק אין רוסלאַנד איז מעגלעך נאָר ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַ זיגרייכן באַוואָפֿנטן פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד וואָס זיין אָרגאַן וועט זיין אַ צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג. נאָר אַזאַ רעגירונג וועט זיין בכוח צו פֿאַרזיכערן די פֿולע פֿרייהייט פֿון וואַל־אַגיטאַציע און קען פֿאַררופֿן, אויף דעם גרונט פֿון אַלגעמיינער, גלייכער, דירעקטער און געהיימער וואַלרעכט, אַ גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג, וואָס זאָל ווירקלעך אויסדריקן דעם ווילן פֿון פֿאָלק. אָט די דעמאָקראַטישע איבערקערעניש אין רוסלאַנד וועט ביי דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפֿטלעך־עקאָנאָמישער אָרדענונג אירער ניט אָפּשוואַכן, נאָר פֿאַרשטאַרקן די הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע.

„נאָר גאָר אומוויסנדיקע מענטשן קענען איגנאָרירן דעם בורזשואַזן כאַראַקטער פֿון דער דעמאָקראַטישער איבערקערעניש. נאָר זייער נאַאיווע אָפּטימיסטן קענען פֿאַרגעסן וועגן דעם, ווי ווייניק די אַרבעטער־מאַסן ווייסן נאָך וועגן די צילן פֿון סאָציאַליזם און וועגן די מיטלען אים צו פֿאַרווירקלעכן. און מיר אַלע זיינען איבערצייגט, אַז די באַפֿרייאונג פֿון אַרבעטער־קלאַס קען דורכגעפֿירט ווערן נאָר פֿון די אַרבעטער אַליין. אָן דער באַוווּסטזיניקייט און דער אָרגאַניזירטקייט פֿון די מאַסן, אָן זייער צוגרייטונג און דערציאונג אין אָפֿענעם קלאַסנקאַמף, קען פֿון קיין סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע גאָר קיין רייד ניט זיין. און אונדזער ענטפֿער צו די אַנאַרכיסטן, וואָס טענהן, אַז מיר לייגן אָפּ די סאָציאַליסטישע איבערקערעניש, איז: מיר לייגן ניט אָפּ, נאָר מיר מאַכן דעם ערשטן שריט צום סאָציאַליזם דורך דעם איינ־

ציק ריכטיקן וועג, נעמלעך, דורך דעם וועג פון א דעמאָקראַטישער רעפּובליק. ווער עס וויל גיין צום סאָציאַליזם דורך אַן אַנדער וועג, אויסמיידנדיק פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, מוז אומפאַרמיידלעך קומען צו אומזיניקע און רעאַקציאָנערע אויספירן, סיי אין עקאָנאָמישן, סיי אין פּאָליטישן זין"...

אין 1905 איז פּלעכאַנאָוו זיך אויך פונאַנדערגעגאַנגען מיט די מענשעוויקעס. ער איז אַרויסגעטראָטן פון דער „איסקראַ", אָבער ער איז פאַרבליבן אַ קעגנער פון לענינס טעאָריע און פּראַקטיק. ווען עס האָט אין אָקטאָבער 1905 אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין פּעטערבורג אַ גרויסע טעגלעכע לעגאַלע צייטונג די „נאָוואַיאַ זשיזן", האָט לענין זיך געווענדט צו פּלעכאַנאָוון מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט זיך ממש געבעטן ביי אים, ער זאָל ווערן איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג.

„אַז מיר באָלשעוויקעס ווילן לײדנשאַפטלעך אַרבעטן צוזאַמען מיט אייך, — האָט לענין געשריבן פּלעכאַנאָוון, — דאַרף איך דאָך אייך ניט איבער־חזרן. איך האָב געשריבן קיין פּעטערבורג, אַז אַלע רעדאַקטאָרן פון דער נייער צייטונג (דערווייל זיינען זיי זיבן: באָגדאַנאָוו, רומיאַנצעוו, באַזאַראָוו, לונאַטשאַרסקי, אָרלאָווסקי, אָלמינסקי און איך) זאָלן זיך ווענדן צו אייך מיט אַ קאָלעקטיווער און אָפיציעלער בקשה, אַז איר זאָלט אַריינטרעטן אין דער רעדאַקציאָנס־קאָלעגיע....

„אין פראַגעס פון טעאָריע און טאַקטיק זיינען מיר איינשטימיק אויף ניין צענטל. און צוליב איין צענטל לוינט זיך ניט פונאַנדערצוגיין. איר האָט געוואָלט און איר ווילט קאָרעגירן עטלעכע פאַלשע, לויט אייער מיינונג, באַהויפּטונגען אין מיינע ווערק. אָבער איך האָב אין ערגעץ נישט און קיין מאָל נישט פּרובירט בינדן עמיצן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ספּעציעל מיט מיינע אָנשויאונגען. און קיינער, אַבסאָלוט קיינער פון דער נייער רעדאַקציע, האָט זיך ניט אַנגאַזשירט ווי אַ „לעניניסט"... אַ נייע לעגאַלע צייטונג, וואָס וועט האָבן צענדליקער, אויב נישט הונדערטער טויזנטער אַרבעטער־לייענער און די גאַנצע מאַרגנדיקע אַרבעט אין רוסלאַנד אין אַזאַ מאָמענט, ווען אייער ריזיק וויסן און ריזיקע פּאָליטישע דערפאַרונג זיינען שרעקלעך נייטיק דעם פּראָלעטאַריאַט, — דאָס אַלץ שאַפט אַ נייעם באָדן, וואָס אויף אים וועט עס זיין צום לייכטסטן צו פאַרגעסן דאָס אַלטע און צוזאַמענריידן זיך וועגן לעבעדיקער אַרבעט... איר וועט, מסתמא, ניט וועלן זיך פאַראייניקן מיט איין העלפט פון דער פּאַרטיי. איר, וועט ווי אַ באַדינג פאַר אייער אַריינטריט אין דער רעדאַקציע, פאָדערן אומבאַדינגט אַ פאַראייניקונג פון דער גאַנצער פּאַרטיי. אַז אַזאַ פאַראייניקונג איז ווינטשנסווערט און נויטווענדיק — אין דעם זייט איר דורכויס גערעכט. אָבער צי איז זי מעגלעך איצטער? איז דען מעגלעך אַ קאָאַליציע־

רעדאַקציע מיט די מענשעוויקעס איצט? מיר דענקען אַז ניט, און אויך די מענשעוויקעס דענקען אַז ניט".

צום סוף האָט לענין אויסגעדריקט אַ ווונטש זיך צו טרעפֿן מיט פּלעכאַנאָוון, כדי זיך פּערזענלעך דורכריידן וועגן דעם ענין. פּלעכאַנאָוו האָט דעם פֿאָרשלאַג צוריקגעוויזן. ער האָט שפּאַסנדיק באַמערקט, אַז די פֿאַראייניקונג וואָס לענין האָט אים פֿאָרגעשלאָגן איז געווען ענלעך צו אַ פֿאַראייניקונג פֿון אַ וואָלף מיט אַ שעפּסעלע. די זיבן באָלשעוויסטישע רעדאַקטאָרן וואָלטן אים שטענדיק מאַיאָריזירט. ער האָט דעריבער לענינען אַפֿילו ניט געענטפֿערט אויף זיין בריוו.

ווען די רעוואָלוציע אין 1905 האָט אויסגעבראָכן און דער צאַר האָט דערקלערט אַן אַמנעסטיע פֿאַר פּאָליטישע פֿאַרברעכער, האָט פּלעכאַנאָוו געפּלאַנעוועט זיך צוריקצוקערן קיין רוסלאַנד. ער איז אָבער געווען קראַנק און די דאָקטוירים האָבן אים פֿאַרבאָטן צו פֿאָרן. באַלד ווי עס איז אין פּעטערבורג דערשינען די טעגלעכע באָלשעוויסטישע צייטונג „נאָוואַיאַ זשיזן", האָט דאָרט אָנגעהויבן אויך אַרויסגיין אַ גרויסע טעגלעכע מענשעוויסטישע צייטונג „נאַטשאַלאָ". די רעדאַקטאָרן פֿון דער צייטונג זיינען געווען מאַרטאָוו, פּאָטרעסאָוו, מאַרטינאָוו, דאַן און אויך טראָצקי און פּאַרוואוס. דעם טאָן אין דער צייטונג האָבן געגעבן פּאַרוואוס און, איבערהויפּט טראָצקי. טראָצקי איז דעמאָלט געווען איינער פֿון די הויפּטפֿירער פֿון דעם פּעטערבורגער סאָוועט פֿון אַרבעטער־דעפּוטאַטן, וואָס האָט זיך געגרינדעט גלייך ווי עס האָט אויסגעבראָכן דער גענעראַל־סטרייק אין רוסלאַנד. פּאַרוואוס און טראָצקי האָבן דעמאָלט אַנטוויקלט דעם געדאַנק וועגן אַ „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע". ד. ה., אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז דער פֿאָרשפּיל צו אַ סאָציאַליסטישער וועלט־רעוואָלוציע, וואָס וועט זיך ענדיקן מיט דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט. פֿאַקטיש איז ניט געווען קיין אונטערשייד צווישן דעם וואָס עס האָט געפּרעדיקט די „נאַטשאַלאָ" און, וואָס עס האָט געפּרעדיקט די „נאָוואַיאַ זשיזן". לענין האָט שפּעטער מיט רעכט געשריבן אַז „די מענשעוויקעס האָבן דעמאָלט צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס גערופֿן צום סטרייק און צו אַן אויפֿשטאַנד. זיי האָבן גערופֿן די אַרבעטער ניט אָפּצושטעלן דעם קאַמף ביז וואַנען די מאַכט וועט ניט זיין אין זייערע הענט... חלוקי־דעות זיינען געווען נאָר וועגן דעטאַלן אין דער אָפּשאַצונג פֿון די געשעענישן: די „נאַטשאַלאָ", צום ביישפּיל, האָט געקוקט אויף די סאָוועטן, ווי אויף אָרגאַנען פֿון רעוואָלוציאָנערע זעלבסטפֿאַרוואַלטונגען, די „נאָוואַיאַ זשיזן" האָט געקוקט אויף די סאָוועטן ווי אויף די צוקונפֿטיקע אָרגאַנען פֿון רעוואָלוציאָנערער מאַכט, וואָס פֿאַראייניקן דעם פּראָלעטאַריאַט און די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע. די „נאַטשאַלאָ" איז געווען גענייגט צו דער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט.

די „נאָוואיאַ זשיזן" איז געשטאַנען אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון דעמאָקראַטי־שער דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום".

פּלעכאַנאָוו איז געווען שטאַרק אומצופֿרידן מיט דער דעמאַלטיקער טאַקטיק ניט נאָר פֿון די באָלשעוויקעס, נאָר אויך פֿון די מענשעוויקעס און ער האָט אין אַ בריוו צו די מענשעוויסטישע פֿירער אין פּעטערבורג, דאַטירט דעצעמבער 1905, געשריבן: „...איר אַלע, סיי די „נאַטשאַלאָ" און סיי די „נאָוואיאַ זשיזן", און ניט נאָר איר אַליין, מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פֿון מענטשן, וואָס האָבן באַשלאָסן וואָס פֿריער צו דערפֿירן צו אַן אַנטשיידענעם צוזאַמענשטויס (צווישן די רעוואָלוציאָנערן און דער רעגי־רונג — ד. ש.), אָבער צי לוינט זיך דאָס פֿאַר אונדז? איך רעכן, אַז ניט. אונדז לוינט זיך בעסער פֿאַרקערט, אָפּצוציען אויף לענגער, דעם אַנטשיידנ־דיקן צוזאַמענשטויס, און עס איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס. מיט יעדן טאָג ווערן די כוחות פֿון אונדזער פֿיינט פֿאַרקלענערט און אונדזערע כוחות פֿאַרגרעסערן זיך. די שאַנסן פֿון אונדזער זיג וואַקסן מיט יעדן טאָג, אָבער איצט האָט, דערווייל, דער שונא מער שאַנסן".

ווייטער האָט פּלעכאַנאָוו אין זיין בריוו אָנגעוויזן, אַז אין אַ ריי שטעט, ווו עס זיינען פֿאָרגעקומען אויפֿשטאַנדן, איז אַ טייל סאָלדאַטן און מאַ־טראָסן געווען קעגן דער רעגירונג. דאָך האָט די רעגירונג געזיגט. און ווען עס זאָל קומען צו אַן אויפֿשטאַנד אין פּעטערבורג, וועט אויך זיין דאָס זעלביקע. אויף די גוואַרדיע־רעגימענטן קען מען ניט האָפֿן, זיי זאָלן אַריבער אויף דער זייט פֿון פֿאָלק. און מיט דער גוואַרדיע אַליין קען די רעגירונג דערטרינקען אין בלוט יעדן פּרווו פֿון אַן אויפֿשטאַנד.

„איר זאָגט, — האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן, — אַז אַפּעלירן צו מאַכט איז נויטווענדיק. איך בין מסכים מיט דעם. אָבער אַפּעלירן צו מאַכט דאַרף מען דאַן ווען מען האָט מאַכט. און דערווייל, ווען מען האָט ניט קיין מאַכט — דאַרף מען זי שאַפֿן, וואָס דאָס קען דערגרייכט ווערן דורך רעוואָלוציאָ־נערער אַגיטאַציע פֿאַר וועלכער עס זיינען איצט דאָ סך געלעגנהייטן... פֿון דעם, צי איר וועט אָפּלייגן דעם אַנטשיידענעם צוזאַמענשטויס אָדער נישט, הענגט אָפּ די גאַנצע צוקונפֿט פֿון אונדזער באַוועגונג. אויב מיר זאָלן איצט פֿאַרשפּילן די שלאַכט, וועט די רעאַקציע פֿריי אָפּאָטעמען... ראַטעווען דעם אַבסאָלוטיזם, אָדער דעם האַלבן אַבסאָלוטיזם, קען איצט נאָר אונדזערע אייגענע אומפֿאָרזיכטיקייט... איך ווייס אַפֿריער, אַז איר וועט ניט מסכים זיין מיט מיר, אָבער איך האַלט פֿאַר מיין פֿליכט אַרויסצו־זאָגן אייך מיין מיינונג. עס זיינען פֿאַראַנען מינוטן ווען מען טאָר ניט שווייגן".

מען האָט זיך צו פּלעכאַנאָווס וואָרנונגען דעמאָלט נישט צוגעהערט און עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַזוי, ווי ער האָט פֿאָרויסגעזאָגט. נאָך דעם

דורכפאַל פון דעם צווייטן גענעראַל־סטרייק אין נאָוועמבער, וואָס איז פּראַק־טיש אַנטשטאַנען פון דער לאָקאַלער פעטערבורגער סאָוועט און וואָס איז פּראַקטיש צוגעשטאַנען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון דעם פּעטערבורגער סאָוועט, הויפּטזעכלעך, אונטער דעם אייגנעם פּראַ־קמאַוו, זיינען די „נאָוואַיאַ זשיזן", די „נאַטשאַלאָ" און אַלע אַנדערע סאָציאַליסטישע צייטונגען צוגעמאַכט געוואָרן פון דער רעגירונג און כמעט דער גאַנצער פּעטערבורגער סאָוועט איז אַרעסטירט געוואָרן. עס איז גלייך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ נייער סאָוועט מיט פּאַרוואַוסן ווי דעם פּאַרזיצער און דער נייער סאָוועט האָט דערקלערט אַ דריטן גענעראַל־סטרייק, וואָס איז געווען נאָך אַ גרעסערער דורכפאַל ווי דער צווייטער. דער סטרייק האָט געפירט צו אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין מאָסקווע, וואָס איז אונטערדריקט געוואָרן פון דער רעגירונג און אין לאַנד איז אַריינגע־טראָטן אַ רעאַקציע.

7

די רעגירונג, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרלאָרן נאָך דעם ערשטן גענעראַל־סטרייק, איז נאָך דעם מאָסקווער אויפשטאַנד געקומען צו זיך און האָט מיט פייער און שווערד גענומען אונטערדריקן די רעוואָלוציע. די סאָציאַליסטי־שע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען גלייך נאָך דעם ערשטן זיג פון דער רעוואָ־לוציע אויסגעוואַקסן איבערן גאַנצן לאַנד ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, זיינען צוגעמאַכט געוואָרן און אַ סך רעוואָלוציאָנערע טוער, וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע, זיינען אַרעסטירט געוואָרן. דאָך, ניט אַלע רעפאָרמען וואָס דער צאַר האָט פאַרשפּראָכן אין זיין מאַניפעסט ווי אַ רעזולטאַט פון דעם ערשטן גענעראַל־סטרייק, איז די רעגירונג געווען בכוח אַזוי שנעל צוריקצונעמען. איינע פון די דאָזיקע רעפאָרמען איז גע־ווען די איינפירונג פון דער „גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ" (אַן אַלרוסישער פּאַרלאַמענט). דאָס וואַל־געזעץ צו דער דומע איז געווען אַ באַשרענקטער, אָבער פאַרהעלטנישמעסיק דאָך אַ גאַנץ ברייטער. די דומאַ האָט ניט גע־האַט די אַלע רעכט, וואָס עס האָבן די פּאַרלאַמענטן אין אַלע קאָנסטיטו־ציאָנעלע לענדער. דאָך, מיט דער איינפירונג פון דער דומאַ איז רוסלאַנד טעאָרעטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַן אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע אין אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכה. די רוסישע ליבעראַלן, הויפּטזעכלעך די קאָנס־טיטוציאָנעלע דעמאָקראַטן אָדער, ווי מען האָט זיי גערופן מיטן פאַרקירצן נאָמען, די „קאַדעטן", האָבן געלייגט אַלע זייערע האָפענונגען אויף דער דומאַ. זיי האָבן געגלייבט, אַז דורך דער דומאַ וועט זיי געלינגען, אויף אַ קאָנסטיטוציאָנעלן וועג, צו דערשלאָגן זיך פון דער רעגירונג יענע ברייטע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמען, נאָך וועלכע דאָס גאַנצע לאַנד האָט

אַזוי געדורשט און אין וועלכע דאָס פֿאָלק האָט זיך אַזוי גענייטיקט. און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ענערגיש צו גרייטן צו די דומאַ־וואַלן. די סאָציאַליסטישע און די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן ניט געגלייבט, אַז מען קען אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן, אָן אַ זיגרייכער רעוואָלוציע, צווינגען די רעגירונג נאָכצוגעבן די פֿאָדערונגען פֿון פֿאָלק. פּלעכאַנאָוו אָבער האָט געהאַלטן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דאַרפֿן אָנטיילנעמען אין די וואַלן צו דער דומאַ. די וואַל־קאַמפּאַניע, האָט ער באַהויפּטעט, וועט געבן אַ מעגלעכקייט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אַרויסצוטרעטן מיט זייערע פּראָגראַמען אין דער עפֿנטלעכקייט פֿאַרן פֿאָלק. די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן וועלן, אויף אַזאַ אופֿן, אַריינגעצויגן ווערן אין פּאָליטישן קאַמף און די אַרויסטרעטונגען פֿון די סאָציאַליסטישע און ליבעראַלע דעפּוטאַטן אין דער דומאַ גופֿא, וועלן עפֿענען די אויגן פֿון די ברייטע פֿינצטערע מאַסן פֿון פֿאָלק און זיי אויפֿמונטערן צום קאַמף פֿאַר זייערע רעכט.

לענין האָט געדענקט פּונקט פֿאַרקערט: ער האָט אויף דער דומאַ געקוקט ווי אויף אַ שווינדל פֿון דער רעגירונג. ער האָט אַגיטירט דערפֿאַר, אַז מע זאָל אין גאַנצן באָיקאָטירן די וואַלן צו דער דומאַ. די קאַדעטן און די אַנדערע, וואָס האָבן גערופֿן צו באַטייליקן זיך אין די דומאַ־וואַלן, האָט לענין דערקלערט פֿאַר „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן" און ער האָט גערופֿן זיינע אָנהענגער צוצוגרייטן בעסער דעם באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד, וואָס וועט מיט אַ מאָל אַרונטערשליידערן דעם צאַריזם און וועט איינפֿירן די „רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראַטישע דיקטאַטור".

מאַרטאָוו, אַקסעלראָד און די אַנדערע פֿירער פֿון די מענשעוויקעס האָבן פֿאַרנומען אַ מיטעלע פּאָזיציע. זיי זיינען געווען פֿאַר באַטייליקן זיך אין דער וואַל־קאַמפּאַניע און אין דער ערשטער סטאַדיע פֿון די וואַלן, אָבער נישט אין דעם דערוויילן דעפּוטאַטן אין דער דומאַ. און אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָבן ביי די וואַלן צו דער ערשטער דומאַ, אָנגענומען לענינס טאַקטיק, ד. ה., זיי האָבן אַגיטירט פֿאַר אַ באָיקאָט פֿון די וואַלן. אָבער די אַגיטאַציע פֿון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָט ניט געהאַט קיין שום דערפֿאָלג. די גרויסע מאַסן, סיי פֿון דער שטאָטישער, סיי פֿון דער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די וואַלן. און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די ליבעראַלן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדיקן נצחון אין די וואַלן. די ערשטע דומאַ איז געווען איינער פֿון די ראַדיקאַלסטע פּאַרלאַמענטן אין דער וועלט. די פֿאָדערונגען וואָס די דומאַ האָט אַרויסגעשטעלט צום צאַר זיינען געווען: איינפֿירן אַ פֿולקום קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדענונג אין לאַנד, די גלייכבאַרעכטיקונג פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אין רוסלאַנד, איינטיילן די פּויערים מיט מער ערד, אַ פֿאַרנינפּטיקע אַרבעטער־געזעצגעבונג און נאָך אַזוינע וויכטיקע רעפֿאָרמען, וואָס

וואָלטן געמאַכט רוסלאַנד פֿאַר אַ פֿרייַ און גליקלעך לאַנד. די אויגן פֿון גאַנצן פֿאָלק זיינען געווען געריכטעט אויף דער דומא. יעדע רעדע פֿון די דומא־דעפּוטאַטן פֿלעגט געלייענט ווערן מיטן גרעסטן אינטערעס אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקעלעך אין לאַנד. דאָס פֿאָלק האָט איינפֿאַך פֿאַרגעטערט די ערשטע דומא און דער צאַר האָט אין אָנהייב אויף אַן אמת זיך דערשראָקן פֿאַר דער דומא און האָט אַ געוויסע צייט אונטערהאַנדלט מיט די פֿירער פֿון די קאַדעטן, וואָס האָבן געהאַט אַ מערהייט אין דער דומא, וועגן צוזאַמענשטעלן אַ ליבעראַלן מיניסטעריום, וואָס זאָל האָבן דעם צוטרוי פֿון דער מאַיאָריטעט פֿון דער דומא און זאָל קענען דורכפֿירן די נייטיקסטע רעפֿאָרמען אין לאַנד.

די מערסטע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען פֿריער געשטאַנען פֿאַרן באָיקאָט פֿון דער דומא, האָבן תיכף, ווי די דומא האָט זיך געעפֿנט, איינגעזען זייער גרויסן טעות. לענין האָט זיך אַזוי שנעל ניט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט געפּריידיקט, אַז די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע פֿון רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן איז „אַרונטערצורייסן די ליבעראַלע מאַסקע פֿון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קאַדעטן", וואָס פֿאַרשפּרייטן אין פֿאָלק דעם גלויבן, אַז מע קען אָן אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד, אָן אַ בלוטיקער רעוואָלוציע דורכפֿירן די רעפֿאָרמען, אין וועלכע דאָס פֿאָלק נייטיקט זיך. אין דער צייט וואָס די דומא האָט געקעמפֿט אויף לעבן און טויט מיט דער רעגירונג, האָבן די פּעטערבורגער באָלשעוויקעס אונטער דער קאָמאַנדע פֿון לענינען אָפּגעהאַלטן מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע די קאַדעטן צוזאַמען מיט דער דומא זיינען אין די שאַרפֿסטע ווערטער פֿאַרדאַמט געוואָרן פֿאַר זייער „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער" אַרבעט. בשעת מעשה איז קיינעם ניט איינגעפֿאַלן צו וווּנדערן זיך, וואָס די רעגירונג איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי ליבעראַל צו דערלויבן אָפֿענע מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע די אַרבעטער ווערן גערופֿן ניט אומצוקוקן זיך אויף דער דומא און גרייטן זיך צו אַ באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד און צו דער קומענדיקער „רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטישער דיקטאַטור". אין 11 יאָר אַרום אָבער, נאָך דער זיגרייכער רעוואָלוציע פֿון מערץ 1917, האָט מען אויסגעפֿונען פֿון די דאָקומענטן פֿון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אַז די רעגירונג האָט געהאַט אַ האַנט אין די אַלע באָלשעוויסטישע מיטינגען און אַז דער דירעקטאָר פֿון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט באַפֿוילן אַלע זיינע אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אַז זיי זאָלן מיט אַלע זייערע קרעפֿטן זען צו דיסקרעדיטירן אין די אויגן פֿון די ברייטע פֿאָלקס־מאַסן די דומא און אירע פֿירער.

ווען די דומא האָט זיך געעפֿנט, האָבן צוריק אָנגעהויבן צו דערשיינען די סאָציאַליסטישע טעגלעכע צייטונגען אין פּעטערבורג, אין מאָסקווע און

אין אַנדערע שטעט. פּלעכאַנאָוו האָט אין דער פּעטערבורגער מענשעוויסטי־שער פּרעסע אָנגעפירט אַ ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם, אַז די אַרבעטער און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זאָלן ציטווייליק אַוועקלייגן אין אַ זייט אַלע זייערע חלוקי־דעות און זאָלן ענערגיש אונטערשטיצן די פאָדערונגען פון דער ליבעראַלער דומאַ.

„בייקומען דעם שונא, — האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן, — ווען מיר קענען נאָר ווען מיר זאָלן ברענגען אין באַוועגונג די ריזיקע מאַסע. אין דעם איז דער סוד פון אונדזער דערפאָלג. און די גאַנצע מאַסע איז נאָך ניט אויף אונדזער זייט. מע מוז זי ערשט צוציען צו אונדז, איז נייטיק זי צו דערציען. און כדי זי צו דערציען איז נייטיק זי צו שטויסן אויפן וועג פון זעלבסטעטיקייט, געבן איר אַ מעגלעכקייט טאָגטעגלעך צו פאַרגרעסערן דעם זאַפּאַס פון איר פּאָליטישער דערפאַרונג... אָט פאַרוואָס אונדז קומט אויס צו באַטראַכטן ווי בייזע רעאַקציאָנערן, אָדער ווי האָפענונגסלאָז־קראַנקע דאָן־קיכאָטן יענע מענטשן, וואָס וואָלטן געוואָלט איצט אָפּשטעלן די אַנטוויקלונג פון די בורזשואַזע פאַרהעלטענישן אין רוסלאַנד. אָבער, אויב נאָר בייזע רעאַקציאָנערן, אָדער האָפענונגסלאָז־קראַנקע דאָן־קיכאָטן קענען איצט שטרעבן אָפּצוהאַלטן די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, איז ווי אַזוי זאָל מען אָנרופן די מענטשן, וואָס, פאַראורטיילנדיק די רעאַקציאָנערע פּרוּוון פון דעם סאָרט אויפן געביט פון עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, שטערן דורך זייער טאַקטיק אונדזער בורזשואַזיע זיך צו דערשלאָגן צו פּאָליטישער מאַכט?... ווען עס האַנדלט זיך וועגן צעשטערן די אַלטע אָר־דענונג זיינען די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט גאָר גינץ פּונקט די זעלביקע, אָבער זיי פאַלן טיילוויז צוזאַמען און דאָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן און אָנגעמערקט ווערן פון יענע פון אונדז, וואָס נעמען זיך אָנצוווייזן דעם פּראָלעטאַריאַט זיין פּאָליטישן וועג. אויב ניט, וועלן מיר איבערחזרן אין דער פּאָליטיק דעם זעלביקן טעות, וואָס עס האָבן אַ מאָל געמאַכט די נאַראָדניקעס אויפן געביט פון עקאָנאָמיק: אונדזער קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע וועט, אָן אונדזער וויסן און קעגן אונדזער ווונטש, אָננעמען אַ רעאַקציאָנערן כאַראַקטער".

אין אַ צווייטן אַרטיקל האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן, אַז די סאָציאַליסטישע קעגנער פון די ליבעראַלן באַשולדיקן די דומאַ אין דעם וואָס „זי וויל נישט אַזוי ווי מיר ווילן". „אָבער מיר הייבט ניט אָן צו אַרן, — זאָגט פּלעכאַנאָוו — ווי די דומאַ וויל און וואָס זי וויל. מיר איז וויכטיק וואָס זי איז געצוווּנגען צו זיין אין דער אָפּאָזיציע צו אונדזער ביוראָקראַטיע, און וואָס אָט די אָפּאָזיציע אירע רודערט שטאַרק אויף דאָס גאַנצע לאַנד, און דערציט אויסערגעוויינלעך שנעל דעם פּאָליטישן באַוווסטזיין פון די מאַסן. אַ דאַנק דעם, שפּילט די דומאַ אַ רעוואָלוציאָנערע ראָלע, נישט געקוקט אויף דעם

וואָס די הערשנדיקע פּאַרטייען אין איר וואָלטן געוואָלט אַ „פֿרידלעכן אויסגאַנג". און אַזוי ווי די דומא שפּילט אַ דאַנק דעם אַ רעוואָלוציאָנערע ראָלע, וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט פֿאַרראַטן זיין אייגענע רעוואָלוציאָנערע מיסיע אויב ער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט צו אונטערשטיצן די דומא אין איר צוזאַמענשטויס מיט דער ביוראָקראַטיע".

דאָס אַלץ האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן אין 1906.

די אַלע מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע לענין און די אַנדערע באָלשעוויסטישע פֿירער האָבן אַרונטערגעריסן די דומא, זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן מיטן וויסן און מיט דער צושטימונג פֿון דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. דערפֿאַר איז לענין דעמאָלט קיין מאָל ניט אַרעסטירט געוואָרן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט, דורך זיינע פּראָוואָקאַטאָרן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, גוט געוווּסט ווי לענין האַלט זיך אויף. פֿאַר זיין „באַוואָפֿנטן אויפֿשטאַנד" האָט די רעגירונג זיך מער ניט געשראָקן. די רעוואָלוציע אין לאַנד איז שוין געווען אַזוי גוט ווי דערשטיקט. דערפֿאַר איז אָבער לענינס סיסטעמאַטישער אומאויפֿהערלעכער קאַמף קעגן די רוסישע ליבעראַלן און מעסיקע סאָציאַליסטן געווען אַ גרויסע שטיצע פֿאַר דער רעגירונג. מיט זיין טאַקטיק האָט לענין געהאָלפֿן דער צאַרישער רעגירונג צו צעטרייבן וואָס שנעלער די ערשטע דומא און פֿאַרפֿעסטיקן זיך שטאַרקער אין מאַכט.

די וואַלן צו דער צווייטער, דריטער און פֿערטער דומא האָבן שוין אויך די באָלשעוויקעס ניט באָיקאָטירט. לענין אָבער איז געווען פֿאַר דעם, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זאָל אין די וואַלן שליסן אָפּמאַכן נאָר מיט די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אָבער בשום אופֿן נישט מיט די קאַדעטן און אַנדערע ליבעראַלן, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ ריזיקע מערהייט אין דער ערשטער דומא. פּלעכאַנאָוו, דאַקעגן, האָט געפּרײדיקט, אַז די סאָציאַליסטן זאָלן שליסן וואַל־אָפּמאַכן אויך מיט די ליבעראַלן, כדי צו פֿאַרמיידן אומעטום אַ זיג פֿון די רעאַקציאָנערן.

פּלעכאַנאָוו האָט אויך אַנטשיידן פֿאַרדאַמט די „עקספּראָפּריאַציעס" (די באַוואָפֿנטע „האָלד־אָפּס"), וואָס די געהיימע באָלשעוויסטישע קאַמפֿגרופּעס האָבן דורכגעפֿירט אין אַ סך שטעט, כדי צו זאַמלען דורך דעם ריזיקע סומעס געלט אויף באַוואָפֿענונג און כדי צו קענען אויפֿהאַלטן זייער אויטאָריטעט און די הערשאַפֿט פֿון זייער פֿראַקציע אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די באָלשעוויקעס האָבן אויך געמאַכט אַ פּרווו צו דרוקן פֿאַלשע פֿינפֿהונדערט־רובלדיקע אַסיגנאַציעס. ווען פּלעכאַנאָוו האָט זיך דערווּסט פֿון דעם אַלעם, האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט זיך אָפּזאָגן צו זיין ווייטער דער פֿאַרטרעטער פֿון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דער ביוראָ פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַ־

ציאָנאַל, אויב די פּאַרטיי וועט גלייך אַנטשיידן ניט פּאַראורטיילן די דאָזיקע מעשים פון די באָלשעוויקעס. שפּעטער האָט ער, אין אַ בריוו צו אַקסעל־ראָדן, געשריבן:

„די גאַנצע געשיכטע איז אַזוי סקאַנדאַליעז, אַז עס איז ווירקלעך די העכסטע צייט פאַר אונדז איבערצורייסן אַלע באַציאונגען מיט די באָל־שעוויקעס".

אין די יאָרן 1910־1911 אָבער, האָט פּלעכאַנאָוו זיך צעקריגט מיט די מענשעוויקעס דערפאַר, וואָס זיי האָבן, לויט זיין מיינונג, געזוכט צו ליקווידירן די אומלעגאַלע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און קאָנצענטרירן זייער גאַנצע טעטיקייט אויף אויפצובויען די לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פּאַראיינען (טרעיד־יוניאָנס), אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיון, קראַנקן־קאַסעס און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. און פּלעכאַנאָוו האָט געשלאָסן אַ פּאַראייניקטן פראָנט מיט לענינען צו באַקעמפן צוזאַמען די אַזוי־גערופענע „ליקווידאַטאָרס", צו וועלכע עס האָבן געהערט אַלע וויכטיקע פירער פון די מענשעוויקעס. פּלעכאַנאָוו מיט אַ גרופּע פון זיינע אָנהענגער, האָבן צוזאַמען מיט די לע־ניניסטן אַרויסגעגעבן אַ לעגאַלע וואָכנבלאַט אין פּעטערבורג און אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל אין מאָסקווע. אָבער פּלעכאַנאָוו האָט אויך דעמאָלט ניט איינגעשטימט מיט לענינס פּאָליטיק און טאַקטיק. פּלעכאַנאָוו איז געווען פאַר אַ פאַראייניקונג פון אַלע פראַקציעס אין איין פּאַרטיי, בעת לענין האָט געזוכט איינצושלינגען אַלע אַנדערע פראַקציעס.

„לענינען, — האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן. — שטעלט זיך די פאַראיי־ניקונג פאָר אַזוי: די פאַראייניקונג וועט, לויט זיין מיינונג, זיין פאַרענדיקט דאַן, ווען זיין פראַקציע וועט איינשלינגען און אונטערוואַרפן צו זיך אַלע איבעריקע עלעמענטן פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער פאַרשטעלן זיך די פאַראייניקונג אויף אַזאַ אופן מיינט שטרעבן נישט צו פאַראייניקונג, נאָר צו פאַרייביקן די שפּאַלטונג".

אָנהייב 1912 האָט לענין צוזאַמענגערופן אין פּראַג אַ קאָנפערענץ פון זיינע אָנהענגער און ער האָט אויך איינגעלאַדן צו דער קאָנפערענץ פּלעכאַ־נאָוון. פּלעכאַנאָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען צו דער קאָנפערענץ דער־פאַר, האָט ער געזאָגט, וואָס דאָס וועט זיין אין דער אמתן נישט קיין פּאַר־טיי־קאָנפערענץ, נאָר אַ קאָנפערענץ בלויז פון איין קליינער פראַקציע. צווישן די 13 דעלעגאַטן מיט שטימרעכט, וואָס זיינען געקומען צו דער קאָנפערענץ זיינען דריי געווען פּראָוואָקאַטאָרן פון דער צאַרישער אָכראַנע. אויף דער פּראַגער קאָנפערענץ האָבן די באָלשעוויקעס זיך ענדגילטיק קאָנסטיטואירט ווי אַ באַזונדערע פּאַרטיי. די „ליקווידאַטאָרן", ד. ה., די מענשעוויקעס — האָט די קאָנפערענץ דערקלערט „אויסערן געזעץ" און זיי „אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי".

אין אַ בריוו צו קאַמיל היואיסמאַנס, דעם סעקרעטאַר פֿון דער אינטער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, האָט פּלעכאַנאָוו דעמאָלט געשריבן, „דער פֿאַקט איז, אַז די קאָנפֿערענץ האָט פֿאַראייניקט די דעלעגאַטן נאָר פֿון איין — גאַנץ שאַרקער — ריכטונג פֿון אונדזער פּאַרטיי... און אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דער דערמאָנטער קאָנ־פֿערענץ — און זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ באַדייטנדיקע מערהייט — גרייטן צו אַן אַנדער קאָנפֿערענץ".

פּלעכאַנאָוו האָט באַלד נאָך דעם איבערגעריסן מיט לענינען. דאָס מאָל — שוין אויף אייביק.

דעם 16־17טן יולי 1914 האָט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ גערופֿן אַ באַראַטונג פֿון פֿאָרטרעטער פֿון אַלע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ריכטונגען ווי אויך פֿון די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע ריכטונגען ווי אויך פֿון די נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פֿון רוסלאַנד („בונד", סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פֿון פּוילן און ליטע, לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פּ. פּ. ס.), מיטן צוועק צו פֿאַראייניקן די גאַנצע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־באַוועג־גונג. עס זיינען דאָרט געווען פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, מאַרטאָוו, טראָצקי, ראָזע לוקסעמבורג און אויך די מיטגלידער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ — קאַרל קאַוטסקי, עמיל וואַנדערוועלדע און קאַמיל היואיסמאַנס. לענין איז צו דער באַראַטונג ניט געקומען. אויך ניט קאַמע־ניעוו אָדער זינאָוויעוו, וואָס זיינען דעמאָלט געווען לענינס הויפּט־אַדיו־טאַנטן. לענין האָט געשיקט צו דער קאָנפֿערענץ זיינע אַן אָנהענגערין אינעסא אַרמאַנד מיט אַ דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס איז געזאָגט גע־וואָרן, אַז דער איינציקער וועג צו שאַפֿן איינהייט אין דער באַוועגונג איז צו אָנערקענען זיין צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז דערוויילט געוואָרן אויף דער קאָנפֿערענץ אין פּראַג, ווי דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער גאַנצער פּאַרטיי. פּלעכאַנאָוו, מאַרטאָוו, טראָצקי, דער געוועזענער באָלשעוויק גרי־גאָרי אַלעקסינסקי און אַנדערע האָבן געענטפֿערט אויף לענינס דעקלאַראַ־ציע מיט אַן אָנקלאַגע קעגן לענינען. פּלעכאַנאָוו האָט לענינען צווישן אַנדערס באַשולדיקט אין דעם, אַז ער האָט פֿאַרכאַפּט דאָס פּאַרטיי־אייגנ־טום. פּלעכאַנאָוו האָט דערקלערט, אַז איינהייט איז ניט מעגלעך, ווי לענינס איינפֿלוס אין דער פּאַרטיי זאָל ניט פֿאַרקלענערט ווערן. די אינטערנאַציאָ־נאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ האָט באַשלאָסן די פֿראַגע וועגן דער שפּאַל־טונג אין דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿאָרצוברענגען אויפֿן קאָנגרעס פֿון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט געזאָלט פֿאָרקומען מיט אַ חודש שפּעטער אין ווין. אָבער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה.

8

ווען די מלחמה איז דערקלערט געוואָרן, איז פּלעכאַנאָוו געווען אין לאָנדאָן, ווו ער האָט געאַרבעט אין בריטישן מוזיי אויף זיין גרויס ווערק „די געשיכטע פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן געדאַנק אין רוסלאַנד” ער איז תיכף אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז און דערנאָך פֿון פּאַריז אין דער שווייץ, ווו ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ סעריע רעפֿעראַטן וועגן דער מלחמה און ער האָט אין גיכן אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בראָשור וועגן דער מלחמה. ער האָט געפֿאָדערט, אַז די סאָציאַליסטן פֿון דער גאַנצער וועלט זאָלן שטיצן די עלאַים. די מלחמה, האָט ער געזאָגט, האָט אָנגעהויבן דייטשלאַנד. זי איז די אָנגרייפֿערין. דייטשלאַנד איז אַ האַלב־דעספּאָטיש לאַנד. בעלגיע, פֿראַנקרייך און ענגלאַנד זיינען דעמאָקראַטיעס. איז דעריבער אונדזער פֿליכט זיי צו פֿאַרטיידיקן. אויב דייטשלאַנד וועט זיגן, וועט זי צונעמען ביי רוסלאַנד די פּראָווינצן, וואָס ליגן ביים ים און וואָס זיינען רוסלאַנדס טויערן צו אייראָפּע. רוסלאַנד וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דייטשער קאָלאָניע, אין אַ מאַרק פֿאַר דייטשע סחורות. רוסלאַנדס אייגענע אינדוסטריע וועט פֿאַלן. דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס וועט דורך דעם אָפּגעשוואַכט ווערן. די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג פֿון רוסלאַנד וועט אַזוי אָפּגערוקט ווערן אויף צענדלינגער יאָרן צוריק.

„מיר דאַרפֿן קעמפֿן קעגן דער עקספּלואַטאַציע פֿון איין פֿאָלק דורך דעם צווייטן, — האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן, — פּונקט אַזוי ווי מיר קעמפֿן קעגן דער עקספּלואַטאַציע פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן דורך די באַזיצנדע קלאַסן... איך בין פֿאַראינטערעסירט נאָר אין איין זאַך, אַז די רוסישע ערד זאָל ניט ווערן אַן אָביעקט פֿון עקספּלואַטאַציע אין די הענט פֿון די דייטשע אימפּעריאַליסטן... איך פֿיל מיט מיין פֿאָטערלאַנד, ווען מען פֿאַלט אָן אויף אים. איך פֿיל ניט מיט אים, ווען עס פֿאַלט אָן אויף אַנדערע... ווען אַ וועלכע־עס־איז מלוכה, אונטערן דרוק פֿון זיינע רויבערישע אימפּעריאַליסטן, הייבט אָן מלחמה, דאַרף איר קאָנצענטרירט ווערן דער צאָרן פֿון דעם באַוווּסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט פֿון אַלע לענדער. און דער איז ניט קיין רעוואָלוציאָנער, וועלכער אַנטשליסט זיך ניט צו אונטערשטיצן רעכט דורך מאַכט...

„רוסלאַנד געהערט ניט צו איר צאַר, נאָר צו איר גאַנצער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג. דער, וועמען עס זיינען טייער די אינטערעסן פֿון אָט דער באַפֿעלקערונג, קען ניט זיין גלייכגילטיק צו דעם שיקזאַל פֿון רוסלאַנד... אַ דייטשער זיג וועט אָפּשטעלן אונדזער עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, וועט מאַכן אַ סוף צו דער אייראָפּעאיזירונג פֿון רוסלאַנד און וועט פֿאַראייביקן די אַלטע פּאָליטישע אָרדענונג. אויף צו פֿאַראייביקן די אַלטע אָרדנונג

וועט זיין גענוג דער פּאָליטישער בונד מיט דייטשלאַנד, וואָס די זיגער וועלן אויף אונדז אַרויפצווינגען. דער דייטשער אימפּעראַטאָר וועט שוין זאָרגן פאַר דעם, אַז זיין נייער וואַסאַל — דער רוסישער צאַר זאָל בלייבן ביי זיין פּולער מאַכט".

זיין בראָשור „נאָך אַ מאָל וועגן מלחמה", וואָס איז אַרויס מיט אַ יאָר שפּעטער, האָט פּלעכאַנאָוו פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„אפשר איז אונדזער ענדציל ווייטער פון אונדז, ווי מיר האָבן געמיינט. אויב דאָס איז טאַקע אַזוי, וועט אונדז אומבאַדינגט אויסקומען זיך צו רעכענען מיט דעם אין אונדזער טאַקטיק. אָבער דאָס זאָגט גאָרניט קעגן דער דערגרייכבאַרקייט פון אונדזער ענדציל. לאַמיר־זשע אַרבעטן און געדענקען, אַז קיין פּאַלעסטינע האָט זיך איינגעגעבן צו דערגיין ניט די יעניקע פון די קרייץ־טרעגער, וואָס זיינען צוליב זייער אומוויסנקייט געווען גרייט יעדן מאָל, ווען זיי פלעגן דערזען אַ שטאָט, צו שרייען: „ירושלים!" „ירושלים!", נאָר די יעניקע, וואָס האָבן געקאַנט געאָגראַפיע"...

אַזוי שנעל ווי עס האָט אין מערץ 1917 אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, איז פּלעכאַנאָוו מיט זיין פרוי, דורך ענגלאַנד, אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, וווּ זיי זיינען ניט געווען 37 יאָר. דאָ זיינען זיי געווען די עדות פון רוסלאַנדס טראַגעדיע און פון דער רוסישער רעוואָלוציע...

⁂

פּלעכאַנאָוו איז אָנגעקומען קיין פּעטערבורג דעם 31סטן מאַרץ 1917. ער האָט באַקומען אַ גרויסאַרטיקע אויפנאַמע מצד די פאָרשטייער פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען געקומען אים באַגעגענען אויפן וואָקזאַל. דער פּעטערבורגער סאָוועט פון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, וווּ עס האָבן דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע מערהייט די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, האָט אים איינגעלאַדן אויף אַ פייערלעכער זיצונג. ער איז דאָרטן אַרויסגעטראָטן מיט אַ גרויסער רעדע. אין זיין רעדע האָט ער צווישן אַנדערן, געזאָגט:

„לויט מיין אָפּשטאַם וואָלט איך געקענט געהערן צו די אונטערדריקער. איך בין אָריבער אין לאַגער פון די אונטערדריקטע דערפאַר, וואָס איך האָב ליב געהאַט די ליידנדיקע רוסישע מאַסן, דערפאַר וואָס איך האָב ליב דעם רוסישן פּויער און דעם רוסישן אַרבעטער און ווען איך בין זיך מודה אין אָט דער ליבע, קען מיך דען עמיצער באַשולדיקן אין אַ פאַרברעכן?... אָבער, ווען איך האָב דערזען קלאָר, אַז צו די ראָמאַנאָווס און זייערע אַרויסהעלפער, צו אַלע די, וואָס זיינען געשטאַנען ווי אַ זשעדנער המון אַרום דעם צאַרישן טראָן, אַז צו די אַלע אונטערדריקער פון דעם רוסישן פאָלק איילן זיך צוצושטיין די האָהענצאָלערנס, איילן זיך צוצושטיין די דייטשן, האָב

איך געזאָגט, אַז אונדזער אויפֿגאַבע איז צו פֿאַרטיידיקן דאָס גאַנצע רוסישע פֿאָלק קעגן די דייטשן, פֿאַרטיידיקן עס קעגן די האָהענצאָלערנס. איך האָב קיין מאָל ניט געקענט באַגרייפֿן פֿאַרוואָס מיר דאַרפֿן, צו אַן עקספּלואַטאַטאָר וואָס רעדט דייטש זיך באַציִען מיט מער חסד ווי צו אַן עקספּלואַטאַטאָר וואָס רעדט רוסיש. דאָס האָט קיין שום זין ניט. מיר ווילן אָפּשאַפֿן יעדער עקספּלואַטאַציע פֿון וואַנען זי זאָל ניט קומען. אויף אונדזער פֿאָן איז אָנגעשריבן נישט די אונטערדריקונג, נישט די פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון וועמען־עס־איז, נאָר די פֿרייע זעלבסטבאַשטימונג פֿון די פֿעלקער. אָן אַט־דער אָנערקענונג פֿון אַט־דער זעלבסטבאַשטימונג איז ניטאָ קיין אינטערנאַציאָנאַל. אמתער אינטערנאַציאָנאַליזם איז ניט אַנטי־נאַציאָנאַליזם, ניט די אָפּלייקענונג פֿון ליבע צום פֿאָטערלאַנד, נאָר די אָנערקענונג פֿון דעם עלעמענטאַרן אמת, אַז די באַציִונגען צווישן פֿעלקער, פּונקט אַזוי ווי די באַציִונגען צווישן יחידים, דאַרפֿן זיין געבויט אויף די איינפֿאַכע געזעצן פֿון מאָראַל און רעכט. די וואָס ברעכן די דאָזיקע געזעצן, דאַרף מען שטעלן אַ ווידערשטאַנד. דער ווידערשטאַנד דאַרף אָבער ניט זיין בלויז דורך ווערטער. עס וואָלט געווען אַן אוטאָפּיע צו ענטפֿערן אויף די שטאָלענע קלעפּ פֿון דייטשן אימפּעריאַליזם מיט אַ פֿאָרשלאָג פֿון פֿרידן־אונטערהאַנדלונגען, ווי דאָס ראָטן די לענינים. און עס וואָלט געווען זייער טרויעריק ווען רוסלאַנד און אירע פֿאַרבינדעטע זאָל אויסקומען צו באַצאָלן דעם פּרייז פֿאַר די טעותן פֿון אַן אוטאָפּיסטישן געדאַנק".

פּלעכאַנאָוו האָט גלייך פֿון אָנהייב דערקלערט מלחמה די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן אַגיטירט פֿאַר אַ בירגערקריג און ער האָט ניט אויפֿגעהערט צו וואָרענען די אַרבעטער און די סאָציאַליסטן, אַז יעדער פּרווו איינצופֿירן אַ „דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט" אין רוסלאַנד, וועט זיך ענדיקן מיט אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפֿע פֿאַר רוסלאַנד און פֿאַרן רוסישן פֿאָלק. ווען לענין איז אַראָפּגעקומען פֿון דער שווייץ קיין פּעטערבורג און האָט אָנגעהויבן אַגיטירן פֿאַר אַ בירגער־קריג (פֿאַר אַ „נייער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע"), האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן אין זיין צייטונג „יעדינסטוואָ" (איינִיקייט):

„ווער דאַרף האָבן דעם קאַפּיטאַליזם אויסער די קאַפּיטאַליסטן אַליין? פֿאַרוואָס ניט פֿאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם און איבערבויען די געזעלשאַפֿט אויף סאָציאַליסטישע יסודות? — אַזוינע רייד הערט מען איצט ניט זעלטן פֿון טייל אַגיטאַטאָרן. די דאָזיקע רייד אָבער האָבן קיין זינען ניט. ניט צו יעדער צייט קען מען איבערבויען די געזעלשאַפֿט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. פֿאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג זיינען נייטיק, לכל הפּחות צוויי באַדינגונגען: 1) אַ העכסט אַנטוויקלטע טעכניק, און 2) אַז די אַרבעטער־מאַסן זאָלן זיך געפֿינען אויף אַ זייער הויכער שטופֿע פֿון

אַנטוויקלונג און באַוווּסטזיניקייט. דאָרטן, וווּ עס פֿעלן אָט די דורכויס נייטיקע צוויי באַדינגונגען, קען גאָר קיין רייד ניט זיין וועגן איינפֿירן אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פֿון פּראָדוקציע. ווען די אַרבעטער וואָלטן געמאַכט אַ פּרוּוו איינצופֿירן סאָציאַליזם בעת די צוויי באַדינגונגען פֿעלן, וואָלט פֿון זייער פּרוּוו קיין גוטס ניט אַרויסגעקומען. זיי וואָלט בלויז געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ הונגער אין לאַנד... דער אומפֿאַרמיידלעכער רעזולטאַט פֿון „אָרגאַניזירן אַ הונגער" וואָלט געווען אַ שרעקלעכער עקאָנאָמישער קריזיס, נאָך וועלכן די אַרבעטער וואָלטן זיך געפֿונען אין אַ סך אַן ערגערער לאַגע, ווי זיי האָבן זיך געפֿונען איידער זיי האָבן געמאַכט דעם דאָזיקן פּרוּוו... ריידן וועגן אָרגאַניזירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג אין דער איצטיקער רוסלאַנד הייסט אַריינלאָזן זיך אין אַ זיכערער און דערצו נאָך זייער שעדלעכער אוטאָפּיע". , ,

אין יולי 1917, נאָך דעם ערשטן נישט געלונגענעם באָלשעוויסטישן אויפֿשטאַנד אין פּעטראָגראַד, האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן: „לענין איז אַ דעמאַגאָג פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. ער איז אַ זעלטענער מייסטער אויף צוזאַמענצוקלייבן אונטער זיין פֿאָן דעם „צעיושעטן אַרבעטער־המון", אויף וועלכן באַקונין האָט אַמאָל געלייגט האָפֿענונגען. אַלע זיינע כלומרשט רעוואָלוציאָנערע פּלענער בויט לענין אויף דער אומוויסנקייט פֿון דעם „ווילד־געוואָרענעם הונגעריקן פּראָלעטאַריאַט". אַרבעטן צוזאַמען מיט אים קען מען נאָר, כדי חרוב צו מאַכן די רוסישע מלוכה און די רוסישע רעוואָלוציע".

די דאָזיקע ווערטער פּלעכאַנאָווס זיינען געווען געווענדט צו די דעמאָלטיקע לינקע פֿירער צווישן די מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן דאָמינירט אין דעם פּעטראָגראַדער און אויך אין דעם אַלרוסישן סאָוועט פֿון אַרבעטער־און פּויערים־דעפּוטאַטן. זיי האָבן נאָך אַלץ באַטראַכט די באָלשעוויקעס פֿאַר חברים־סאָציאַליסטן, און האָבן ניט דערלאָזט קערענסקין און די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער ציייטווייליקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג אָנצונעמען שטרענגע מיטלען קעגן די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך געגרייט צו אַן אויפֿשטאַנד. פּלעכאַנאָוו איז דעמאָלט אויך פֿון די לינקע מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן באַטראַכט געוואָרן פֿאַר אַ „צו רעכטן". זיי האָבן אַפֿילו געשטימט, צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס, מען זאָל אים ניט אַריינגעמען אין דער עקזעקוטיווע פֿון סאָוועט פֿון אַרבעטער־און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן. פּלעכאַנאָוו האָט אויך זיי ניט געשאַנעוועט.

„לאַסאַל, — האָט ער געשריבן, — האָט אַ מאָל, ווענדנדיק זיך צו די דייטשע פּראָגרעסיסטן, געזאָגט: „איך שטיי אויף אַ שטאַנדפּונקט, וואָס איז פּונקט דער היפּוך פֿון ביסמאַרקס שטאַנדפּונקט. איך מוז אָבער דאָך אָנערקענען, אַז ביסמאַרק איז אַן ענערגישער מענטש, בעת איר זייט אַלטע

ווייבער". נישט וועלנדיק נאָכמאָן לאַסאַלן אין זיין שאַרפֿקייט, וועל איך זיך אויסדריקן אַנדערש. איך וועל זאָגן אַזוי: מיין שטאַנדפּונקט איז פּונקט דער היפּוך פֿון לענינס. דאָך קען איך נישט ניט זען, אַז ער איז אַ גאַנצער טיפּ, בעת איר, חשובע חברים פֿון דער „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ" (דער אָפֿיציעלער אָרגאַן פֿון די מענשעוויקעס), זייט געווען און זייט פֿאַרבליבן ... האַלבע לענינס".

נאָך דעם יולי־אויפֿשטאַנד פֿון די באָלשעוויקעס, האָט דער דעמאָלטי־קער מענשעוויסטישער פֿירער אין סאָוועט — איראַקלי צערעטעלי — אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוועטן געהאַלטן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט, צווישן אַנדערס, געזאָגט, אַז די קאָנטער־רעוואָלוציע וועט אין רוסלאַנד אַריינמאַרשירן דורך „לענינס טויערן", ד. ה., אַז לענין גרייט צו דורך זיין טעטיקייט דעם באָדן פֿאַר אַ קאָנטער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. די דעלע־גאַטן פֿון צוזאַמענפֿאָר האָבן שטורמיש אַפּלאָדירט צערעטעלים באַמער־קונג. פּלעכאַנאָוו האָט אויף מאָרגן געשריבן: „נאָך דעם וואָלט מען, דאַכט זיך, שוין געקענט, אָן שום וואַקלעניש אָנווענדן אַלע אָנשטרענגונגען אויף צו פֿאַרשפּאַרן די דאָזיקע „טויערן". אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז דאָס ניט פֿאָרגעקומען, ווייל ניט אַלע וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן די לענינסטן, האָבן אַרויסגעוויזן אין זייערע רעדעס דעם קלאָרן באַוווסט־זיין פֿון דעם, אַז אין דעם איצטיקן מאָמענט צו פֿאַרשפּאַרן לענינס טויערן מיינט פֿאַרשטעלן דעם וועג דער קאָנטער־רעוואָלוציע".

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן: „ווען לענינס אָנהענ־גער הייבן אָן אַ בירגערקריג, איז די דעמאָקראַטישע מערהייט מחויב צו פֿאַרטיידיקן איר פּאָזיציע און איר רעגירונג. און ווען עס ווערט געמאַכט אַ באַוואָפֿנטער אָנפֿאַל אויף דער דאָזיקער פּאָזיציע און אויף דער רעגי־רונג, טאָר מען זיך דעמאָלט ניט באַנוגענען מיט גוטע עצות וועגן געזעל־שאַפֿטלעכער רו און מיט גוטע רעדעס וועגן דער באַקוועמלעכקייט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער שטילקייט. דער וואָפֿן פֿון קריטיק ווערט מאַכטלאָז דאָרט, וווּ עס הייבט זיך אָן די קריטיק דורך וואָפֿן. אַ קללה אויף יענע, וואָס הייבן אָן דעם בירגערקריג אין דעם שווערן יאָר פֿון רוסלאַנד און ווײ צו יענע, וואָס קענען ניט ענטפֿערן די פֿאַרגוואַלדיקער מיט קיין אַנדער זאַך, אויסער ווי מיט גוטע ווערטער!".

די לעצטע חדשים פֿאַר דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט פּלעכאַנאָוו כסדר געהאַלטן אין איין וואָרענען, אַז אויב די רעוואָלוציע וועט ניט אונטערדריקן די אַנאַרכיע וואָס די באָלשעוויקעס רופֿן אַרויס, וועט דער באָלשעוויזם אויפֿפֿרעסן די רעוואָלוציע, פּונקט ווי אין פּרעהס חלום אין תנ"ך, האָבן די מאָגערע קי אויפֿגעפֿרעסן די פֿעטע. און דער סוף וועט זיין אַז אין רוסלאַנד וועט אָנקומען אַ פֿינצטערע רעאַקציע.

ד ו ד   ש ו ב

די באַוווּסטע פּובליציסטין יעקאַטערינאַ קוסקאָוואַ, פּלעכאַנאָווס אַן אַלטע באַקאַנטע, אַן אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטקע, האָט דעמאָלט איין מאָל, אין אַ זייער אָפֿענעם געשפּרעך מיט פּלעכאַנאָוון ביי אים אַ פֿרעג געטאָן:

„פֿאַרוואָס, געאָרגי וואַלענטינאָוויטש, זייט איר ניט אַריינגעטראָטן אין דער ציטווייליקער רעגירונג?".

„איך... פֿאַרוואָס?..." — פּלעכאַנאָוו האָט זיך אויף אַ רגע ווי פֿאַרלאָרן און דערנאָך אַ זאָג געטאָן: — „אויף וואָס דאַרף מען מיך אין אָט דעם קינדער־גאָרטן?"

„איר שאַצט אַזוי אָפּ די טעטיקייט פֿון דער ציטווייליקער רעגירונג?" — האָט קוסקאָוואַ געפֿרעגט.

„איר האָט אַ טעות, — האָט פּלעכאַנאָוו געענטפֿערט, — איך שאַץ אַזוי אָפּ איר נישט־טעטיקייט".

לענין און די באָלשעוויקעס האָבן נאַטירלעך פּלעכאַנאָוון באַטראַכט פֿאַר זייער וויכטיקסטן און געפֿערלעכסטן שונא. דעריבער האָבן די באָלשעוויסטישע ציטונגען און די באָלשעוויסטישע רעדנער ניט אויפֿגעהערט אים צו באַשמוצן מיט די ערגסטע ווערטער. זיי האָבן זיך באַמיט איינצורשמועסן די אומוויסנדיקע מאַסן, אַז פּלעכאַנאָוו איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ פֿאַררעטער, אַ לאַקיי פון דער בורזשואַזיע. אַ מאָרד־פּאַטריאָט, אַ שונא פֿון פֿאָלק און אַן אַגענט פֿון די אויסלענדישע אימפּעריאַליסטן. און זיי האָבן כסדר געהאַלטן אין איין אָנרייצן אויף אים דעם צעווילדעטן באָלשעוויסטיש־געשטימטן המון. פּלעכאַנאָוו פֿלעגט באַקומען בריוו פֿון באָלשעוויסטישע מאַטראָסן, וואָס האָבן אים געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער און געסטראַשעט מיט טויט, אויב ער וועט ניט אויפֿהערן אַטאַקירן די באָלשעוויקעס. איין זידל־בריוו אַזאַ האָט פּלעכאַנאָוו אָפּגעדרוקט אין זיין ציטונג, און ווען אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אַ צווייטער מאַטראָס צוגעשיקט פּלעכאַנאָוון אַ בריוו, ווו ער האָט אויסגעדריקט פּלעכאַנאָוון גרויס דאַנקבאַרקייט פֿאַר די אַרטיקלען וואָס ער שרייבט און ער האָט דערקלערט, אַז אַלע ערלעכע מענטשן פֿון דער גרויסער רוסלאַנד פֿאַרדאַמען אַזוינע פֿאַרשווינען ווי דער מאַטראָס וואָס האָט אים באַליידיקט, האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן, אַז אָנפֿאַלן אַזוי שאַרף אויף דעם שרייבער פֿון דעם זידל־בריוו דאַרף מען ניט. „דאָס איז אַ בלינדער מענטש, וואָס פֿאַרשטייט אַליין ניט וואָס פֿאַר אַ פּלוידעריי ער האָט אָנגעשריבן. מיך פֿאַרדריסט זייער שטאַרק, וואָס אין רוסלאַנד זיינען פֿאַראַן אַ סך אַזוינע בלינדע און וואָס זיי וועלן נאָך באַוויזן אָנצוטאָן אַ סך שאָדן דעם רוסישן פֿאָלק ד. ה. — זיך אַליין, איידער זיי וועלן ווערן זעעוודיק און וועלן זיך אָפּזאָגן צו גיין אויפֿן שטריקל פֿון זייערע איצטיקע קרומע פֿירער. אָבער די בייזע

שטיק פֿון אַט די פֿינצטערע מענטשן, וואָס זיינען געוועגדט קענן מיין פֿער־זאָן, האָבן מיך קיין מאָל ניט באַליידיקט און האָבן מיך גאָרניט געקענט באַליידיקן... מיר דאַרפֿן געדענקען אַז אַ סך פֿון די פֿינצטערע מענטשן האַנדלען שלעכט, ווילנדיק מיטן גאַנצן האַרצן האַנדלען גוט".

אין אַן אַנדער אַרטיקל האָט פּלעכאַנאָוו געוּרפֿן די באַוווּסטזיניקע אַרבעטער, זיי זאָלן צוריקהאַלטן זייערע אָפּגעשטאַנענע חברים פֿון אַזוינע אַרויסטרעטונגען, וואָס זיינען שעדלעך פֿאַר דעם גאַנצן לאַנד בכלל און דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס בפֿרט. ער האָט געשריבן: „די ראָלע פֿון אַ לערער איז ניט שטענדיק אַ דאַנקבאַרע ראָלע. די אָפּלאָדיסמענטן פֿאַלן אָפֿט אויס אויפֿן חלק פֿון די דעמאַגאָגן. אָבער דאָס שטערט ניט דעם דעמאַגאָג צו פֿאַרבלייבן אַ פֿאַרהאַסטע בריאה און דעם לערער — אַ וויכטיקער טוער פֿאַר דער מענטשהייט".

אָבער ניט נאָר די באָלשעוויקעס, נאָר אויך די מערסטע מענשעוויקעס האָבן דעמאָלט געקוקט אויף פּלעכאַנאָוון פֿון אויבן אַרונטער. זיי האָבן אים באַטראַכט פֿאַר אַן אָפּגעשטאַנענעם מענטשן, וואָס פֿאַרשטייט גאָר־ניט וואָס עס קומט פֿאַר אין רוסלאַנד און אין דער גאַנצער וועלט. „אויב אין די יאָרן 1906־1907 האָבן די מענשעוויקעס געטיילט מיינע טאַקטישע מיי־נונגען, איז איצט זייער אַ באַדייטנדיקער טייל פֿון זיי, דאַכט זיך אַפֿילו דער גרעסטער טייל, נענטער צו לענינען ווי צו מיר", האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן. ער האָט פֿאַר די מערסטע מענשעוויקעס ניט געהאַט קיין אַנדער נאָמען ווי „האַלבע־לעניניסטן".

„געפֿערלעך, — האָט ער געשריבן, — זיינען ניט די לעניניסטן, נאָר די האַלבע־לעניניסטן. פֿאַר האַלבע־לעניניסטן האַלט איך יענע סאָציאַליסטן, וואָס צוריקווייזנדיק די פֿונדאַמענטאַלע אויסגאַנגס־פּונקטן פֿון לענינס טאַקטיק, גרייטן זיי דאָך צו זיין זיג דערמיט, וואָס זיי שטימען איין מיט אַנדערע זיינע אויסגאַנגס־פּונקטן, וואָס זיינען אין פּרט פֿון פּראַקטיק די מער וויכטיקע".

אַנאַליזירנדיק מיט אַ סך ביישפּילן די טיפֿן און די גראַדאַציעס פֿון אַט דעם „האַלבן־לעניניזם" האָט פּלעכאַנאָוו אויסגערופֿן: „צי דען פֿאַר־שטייט איר ניט, אַז ווען מע זייט ווינט, שניידט מען שטורעם, און ווען מע זייט האַלבן־לעניניזם, וועט מען שניידן לעניניזם".

פּלעכאַנאָוו האָט געהאַלטן, אַז ראַטעווען רוסלאַנד און די רעוואָלוציע קען מען נאָר דורך אַן אויפֿריכטיקער קאָאַליציע פֿון אַלע סאָציאַליסטישע, דעמאָקראַטישע און ליבעראַלע עלעמענטן פֿון לאַנד, וואָס וועט האָבן די שטיצע פֿון דער גרויסער מערהייט פֿון פֿאָלק.

„אַ קאָאַליציע איז נייטיק, — האָט פּלעכאַנאָוו געשריבן, — כדי צו פֿאַרמיידן אַ בירגערקריג. אַ קאָאַליציע דאַרפֿן מיר האָבן, כדי צו באַזייטיקן

יענע דראָענדיקע ווירטשאַפטלעכע אַנאַרכיע, דער קאַמף מיט וועלכע עס קען ניט געפירט ווערן מיט די כוחות בלויז פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. די מאַכט דאַרף זיך שטיצן אויף אַ קאָאַליציע פון אַלע לעבעדיקע כוחות פון לאַנד. אַ רעגירונג וואָס באַזירט זיך אויף אַ שמאָלן סאָציאַלן פונדאַמענט ליידט אומפאַרמיידלעך פון ניט שטאַנדהאַפטיקייט. קאָאַליציע — מיינט פאַרשטענדיקונג. יעדע קאָאַליציע־רעגירונג אַנטשטייט ווי אַ רעזולטאַט פון קעגנזייטיקע הנחות".

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָבער, די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס זיינען אין פאַרלויף פון יאָרן דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון „רעוואָלוציאָנערער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט". ניט נאָר צו דער רעגירונג, נאָר אויך בנוגע דער „בורזשואַזיע" און ליבעראַליזם. וואָס פאַר אַ ווירקונג האָבן געקענט האָבן פּלעכאַנאָווס רייד וועגן קאָאַליציע, ווען פאַר יעדן מאַטראָס און פאַר דעם דורכשניטלעכן אַרבעטער איז דער „פיינד נומער 1" דעמאָלט געווען דער קאַפּיטאַליסט, און פאַרן פויער — דער גוטבאַזיצער?

אין אויגוסט 1917 איז אין מאָסקווע צוזאַמענגערופן געוואָרן די מלוכה־באַראַטונג פון אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען, פאַרטרעטער פון די זעמסטוועס און שטאָט־פאַרוואַלטונגען, פון אַלרוסישן סאָוועט פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן, פון די מיטגלידער פון אַלע 4 דומעס און פון פירער פון דער אַרמיי און פלאָט. די באַראַטונג איז צוזאַמענגערופן געוואָרן פון דער צייטווייליקער רעגירונג מיטן צוועק „אויסצוגלייכן די ליניע פון דער רעוואָלוציע". צווישן די איינגעלאַדענע זיינען אויך געווען די אַלטע רעוואָלוציאָנערן פּלעכאַנאָוו, פּיאָטר קראָפּאָטקין, וויערא זאַסוליטש און יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ. מיט דער טעכנישער אָרגאַניזאַציע פון דער באַראַטונג האָט אָנגעפירט דער אינערן־מיניסטער א. מ. ניקיטין, אַ מאָסקווער מענשעוויק. קוסקאָווא, וועלכע איז געזעסן לעבן פּלעכאַנאָוון, האָט בייגעוווינט אַזאַ סצענע: פּלעכאַנאָוו האָט צוגערופן ניקיטינען און אים געבעטן פאַרשרייבן אים אַלס רעדנער. ניקיטין האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַנטלאָפן. פּלעכאַנאָוו האָט אים ווידער געכאַפּט און שטרענג געזאָגט: „איר האָט געהערט, וואָס איך האָב אייך געבעטן טאָן? איך פאַרשטיי איבערהויפּט ניט וואָס עס קומט דאָ פאָר"...

„וואָס קען מען טאָן, — האָט אים ניקיטין געזאָגט, — „וויעק זשיווי, וויעק אוטשים!" (אייביק לעב, אייביק לערן זיך).

„פּלעכאַנאָוו, — שרייבט קוסקאָווא, — האָט אָט די פראַזע קיין מאָל ניט געקענט פאַרגעסן: „ווי געפעלט אייך? מיר הייסט מען זיך לערנען"... — האָט ער מיט ביטערקייט באַמערקט.

א צווייטער באַוווּסטער סאָציאַליסטישער שריפטשטעלער ניקאָלאַי וואַלענטינאָוו־וואָלסקי, וועלכער איז אויך געווען אויף דער באַראַטונג, דערציילט, אַז פּלעכאַנאָוו און זיין פרוי האָבן, קומענדיק צו דער באַראַטונג קיין מאָסקווע, ניט געקענט קריגן קיין צימער אין קיין האָטעל. האָבן זיי איבערגעלאָזט די זאַכן אויפן וואָקזאַל און זיינען אַוועקגעפאָרן אין „באָלשאָי טעאַטער" אויף דער באַראַטונג. וואַלענטינאָוו־וואָלסקי האָט באַמערקט ווי פּלעכאַנאָוו זיצט מיט זיין פרוי אין אַ לאָזשע אַ מידער, אַ פאַרטרויערטער. דערוויסנדיק זיך פון עמיצן אַז פּלעכאַנאָוו האָט ניט קיין צימער, איז ער צוגעגאַנגען צו ניקיטינען און אים געזאָגט: „הערט זיך איין, אַלעקסעי מאַקסימאָוויטש, דאָס איז דאָך פּשוט אַ חרפּה, פּלעכאַנאָוו האָט ניט וווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. רעקווירירט פאַר אים ערגעצוווּ אַ צימער אין אַ האָטעל, אָדער גיט אים אָפּ אַ וווינונג אַפילו אין קרעמל. איר זייט דאָך דער מיניסטער פון אינערן. צי דען קען אויף אַזאַ קליינִיקייט ביי אייך ניט קלעקן קיין כוח?".

ניקיטין האָט מיט כעס אַ געשריי געטאָן אויף וואַלענטינאָוון: „איך האָב קיין צייט ניט זיך צו פאַרנעמען מיט וווינונגען, איך האָב אַ וויכטיקערע אויפגאַבע — אַכטונג געבן, די באָלשעוויקעס זאָלן ניט וואַרפן אַ באָמבע אין טעאַטער".

די באַציאונגען צווישן וואַלענטינאָוון און פּלעכאַנאָוון זיינען גראָד געווען אַנגעצויגענע פון אַמאָל. זיי האָבן אין 1904 געהאַט אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס אין זשענעווע, ווען וואַלענטינאָוו־וואָלסקי איז נאָך געווען אַ באָלשעוויק. באַלד נאָך דעם איז ער אַריבער צו די מענשעוויקעס, אָבער אין 1908 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך איבער פילאָסאָפיע, וווּ ער האָט שאַרף קריטיקירט פּלעכאַנאָווס פילאָסאָפישן מאַטעריאַליזם. פּלעכאַנאָוו האָט דעמאָלט ניט געענטפערט אויף וואַלענטינאָווס קריטיק. אָבער זי האָט אים שטאַרק אויפגערעגט און ער האָט נישט איין מאָל געזאָגט, אַז ער באַטראַכט וואָלסקין מער ניט פאַר קיין מאַרקסיסט און פאַר קיין חבר און וויל מיט אים מער ניט האָבן קיין שום באַציאונגען. איצט, אויף דער באַראַטונג אין מאָסקווע, אין האַרבסט 1917 האָט וואַלענטינאָוו־וואָלסקי זייער שטאַרק געוואָלט פאַרלייגן פּלעכאַנאָוון צו באַזעצן זיך ביי אים אין הויז. ער האָט געהאַט אַ באַקוועמע דירה אין מאָסקווע. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז פּלעכאַנאָוו קען זיך אָפּזאָגן פון דעם פאָרשלאָג און נאָך באַליידיקן אים. דאָך האָט ער זיך ניט איינגעהאַלטן, האָט אָנגעשריבן אַ צעטעלע צו פּלעכאַנאָוון און צוגעשיקט אים אין דער לאָזשע וווּ ער איז געזעסן. „איך האָב זיך דערוווּסט, — האָט ער געשריבן אין דעם צעטעלע, — אַז איר האָט נאָך ניט געקענט געפינען קיין פריי צימער אין די מאָסקווער

האָטעלן. אפשר וועט איר זיך באַנוצן מיט מיין און מיין פרוים פאָרשלאָג, זיך צו באַזעצן ביי אונדז?".

וואָלסקי האָט געזען ווי פלעכאַנאָוו האָט אַ לענגערע צייט געדרייט דאָס צעטעלע אין האַנט, און דערנאָך, איבעררייַדנדיק מיט ראָזאַליאַ מאַרקאָוו־נאַ, איז ער אַרויס אין קאָרידאָר אים אויפזוכן. וואָלסקי איז אים אַנטקעגנגעקומען. פלעכאַנאָוו האָט אים פעסט געדריקט די האַנט און די פלעכאַנאָווס האָבן זיך באַלד איבערגעקליבן צו די וואָלסקיס, וווּ זיי האָבן פאַרבראַכט כמעט צוויי וואָכן צייט. פלעכאַנאָוו האָט אים פּרעזענטירט זיינע נאָר־וואָס דערשינענע דריי בענד „די געשיכטע פון דעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק", מיט דער אויפשריפט: „דעם חבר וואָלסקי, פון אויטאָר".

„דאָס טיטולירן מיך נישט „הער", נאָר „חבר", — שרייבט וואָלענטינאָוו־וואָלסקי, — האָט געמיינט, אַז פלעכאַנאָוו איז שוין איצט ניט דער זעלבער פלעכאַנאָוו".

דורך דער צייט וואָס פלעכאַנאָוו האָט געוווינט ביי די וואָלסקיס אין מאָסקווע, איז ער איין מאָל אַריינגעקומען צו וואָלסקין אין צימער און געבעטן געבן אים אַלעקסאַנדער הערצענס מעמוארן. ער האָט שנעל אויפגעמישט דאָס אָרט, ווו דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער, דענקער און פרייהייטס־קעמפער באַשרייבט, ווי אַזוי ער און זיין חבר פּיאָטר אָגאַריאָוו, האָבן אין 1827, ווען נאָך יונגע בחורים, אויך געפינענדיק זיך אויף די וואָראָביאָווע בערג לעבן מאָסקווע, זיך אַרומגענומען און געשוואָרן זיך צו אָפּפערן מיטן לעבן פאַר דעם גליק און דער פרייהייט פון פאָלק. אין 1835 האָט הערצען געשריבן אָגאַריאָוון: „די דאָזיקע סצענע קען זיך איצט אויסווייזן ווי זייער אָנגעצויגן, זייער טעאַטראַליש, און דאָך, הייַנט, אין 26 יאָר אַרום, בין איך גערירט ביז טרערן דערמאָנענדיק זיך וועגן איר. זי איז געווען הייליק־אויפריכטיק. דאָס האָט באַוויזן אונדזער גאַנץ לעבן. אַזוי, אָגאַריאָוו, זיינען מיר, האַנט־אין־האַנט, אַריינגעגאַנגען מיט דיר אין לעבן. דער וועג, וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן, איז געווען נישט לייכט. מיר האָבן אים קיין מאָל ניט פאַרלאָזן. פאַרוווּנדיקטע, צעבראָכענע זיינען מיר געגאַנגען און קיינער האָט אונדז ניט אַריבערגעיאָגט. איך בין דערגאַנגען ניט צום ציל, נאָר צו יענעם אָרט, ווו דער וועג גייט באַרג אַרונטער. נישט ווילנדיק זוך איך דיין האַנט, כדי זי צו דריקן און זאָגן שמייכלענדיק אומעטיק: אָט דאָס איז אַלץ!"

פלעכאַנאָוו האָט לאַנגזאַם הויך איבערגעלייענט אָט די שטעלע, האָט שנעל צוגעמאַכט דעם בוך און געזאָגט וואָלסקין:

„מיר וואָלט זיך זייער געוואָלט באַזוכן אָט דעם פּלאַץ, ווו הערצען און אָגאַריאָוו האָבן זיך געגעבן די שבועה. וואָלט איר אפשר געקענט אָרגאַניזירן אַ רייזע אַהין? דעם דאָזיקן פּלאַץ קען מען באַטראַכטן פאַר

אַ הייליקן אין דער געשיכטע פֿון אונדזער געזעלשאַפֿטלעכן געדאַנק. פֿון אָט דער שבועה זיינען אַרויסגעקומען „דער קאָלאָקאָל" און „די פּאָליאַרנאַיאַ זוויעזדאַ" (אַלעקסאַנדער הערצענס באַרימטע רעוואָלוציאָנערע זשורנאַלן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן און וואָס האָבן זיך אומלעגאַל פֿאַרשפּרייט אין רוסלאַנד און געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפֿלוס. — ד. ש.). איך האָב געטראַכט וועגן איר איצט, פֿאָרנדיק קיין מאָסקווע און זייער אָפֿט אויך פֿריער, לעבנדיק אין זשענעווע".

אויף מאָרגן זיינען די פּלעכאַנאָווס צוזאַמען מיט וויערא זאַסוליטש, אין דער באַגלייטונג פֿון די וואָלסקיס און נאָך אַ פּאָר פֿריינד אַוועקגעפֿאָרן צו די וואָראָביאָווע בערג. צו דעם פּלאַץ, ווו הערצען און אָגאַריאָוו האָבן זיך מיט איבער הונדערט יאָר פֿריער געגעבן די שבועה מקריב צו זיין זייערע לעבנס פֿאַר דעם גליק און דער פֿרייהייט פֿון פֿאָלק, האָט מען ניט געקענט צוקומען, ווייל מע האָט געהאַלטן דאָרט עפּעס אין איבערבויען. זיי זיינען אָבער אַרויף אויפֿן פּלאַץ פֿון וואַנען נאַפּאָלעאָן האָט, פֿאַר זיין אַריינפֿאָרן אין מאָסקווע אין 1812, באַטראַכט די שטאָט און זי באַוווּנדערט. פּלעכאַנאָוו און זאַסוליטש זיינען ביידע געשטאַנען איינער לעבן דעם אַנדערן און האָבן אַרונטערגעקוקט פֿון באַרג אויף דער וווּנדערלעכער פּאַנאָראַמע, וואָס זיי האָבן געזען פֿאַר זיך. מיטאַמאָל איז פּלעכאַנאָוו געוואָרן זייער בלייך און, דריקנדיק וויערא זאַסוליטשעס האַנט, האָט ער געזאָגט:

וויערא איוואַנאָוונאַ. מיט 90 יאָר צוריק, אומגעפֿער אויף דעם פּלאַץ, האָבן הערצען און אָגאַריאָוו געגעבן זייער שבועה. מיט אַ פֿערציק יאָר צוריק, איר געדענקט, האָבן מיר ביידע אויך געשוואָרן, אַז דאָס ווילזיין פֿון פֿאָלק וועט זיין פֿאַר אונדז דאָס העכסטע געזעץ. אונדזער וועג גייט איצט קלאָר באַרג אַרונטער. עס דערנענטערט זיך שנעל דער מאָמענט, ווען מיר, ריכטיקער געזאָגט, עמיצער פֿון אונדז, וועט זאָגן: „אָט דאָס איז אַלץ!" דאָס וועט מסתמא געשען פֿריער ווי מיר מיינען. אַזוי לאַנג אָבער ווי מיר אָטעמען נאָך, לאָמיר זיך פֿרעגן, קוקנדיק איינע די אַנדערע אין פּנים אַריין: האָבן מיר דערפֿילט אונדזער שבועה? איך מיין, מיר האָבן זי ערלעך דערפֿילט. ניט אמת, וויערא איוואַנאָוונאַ, ערלעך?"

זאַסוליטש איז געווען אַזוי טיף גערירט, אַז קוקנדיק אויף איר האָט מען געקענט מיינען, זי וועט זיך באַלד צעיאָמערן אויפֿן קול. זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און, צולייגנדיק דאָס נאָזטיכל צו די אויגן, איז זי אָפּגעטרעטן אין אַ זייט...

דאָס זיינען געווען די טראַגישסטע טעג אין פּלעכאַנאָווס לעבן. ער האָט געזען, ווי רוסלאַנד און די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע גייען צו גרונט, און ער האָט שרעקלעך געליטן דערפֿון. ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ דערציילט, אַז

ווען זי איז אין גיכן, נאָך פּלעכאַנאָווס טויט, אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז צו איר טאָכטער און האָט זיך געטראָפֿן דאָרט מיט דעם פֿראַנצויזישן סאָציאַליסטישן פֿירער זשיול געד, וואָס איז געווען במשך אַ סך יאָר זייערער אַן אינטימער פֿריינד, האָט געד בײַ איר געבעטן אַ בילד פֿון פּלעכאַנאָוון. זי האָט אים געגעבן אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס איז גענומען געוואָרן טאַקע דערמאָלט אין מאָסקווע, ווען פּלעכאַנאָוו איז געווען אין אַ זייער געדריקטער שטימונג. „איך וויל האָבן אָט די פֿאָטאָגראַפֿיע, — האָט געד געזאָגט, — איך וויל האָבן דאָס בילד פֿון דעם לײַדנדיקן פּלעכאַנאָוו. פֿון דעם פּלעכאַנאָוו, וואָס טראָגט אויף זײַנע פּלייצעס די שווערע משא פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד און פֿון דער מענטשהייט".

9

די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש האָט פּלעכאַנאָוון געטראָפֿן אין צאַרסקאָיע סיעלאָ, ווו ער האָט זיך באַזעצט, באַלד נאָך זײַן אָנקומען קיין רוסלאַנד אין אַפּריל 1917. פּלעכאַנאָוו האָט יאָרנלאַנג געליטן אויף אַ לונגען־קראַנקייט. אויפֿן וועג פֿון לאָנדאָן קיין רוסלאַנד האָט ער זיך נאָך דערצו פֿאַרקילט.. די לעצטע טעג איידער ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון לאָנדאָן, איז דער וועטער דאָרט געווען זייער פֿײַכט און קאַלט. זײַן אַלטער פֿריינד און מיטקעמפֿער, ליעוו דײַטש, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויך געפֿונען אין לאָנדאָן, האָט געהאַלטן, אַז די רייזע איבערן ים אין אַזאַ שלעכטן וועטער איז געפֿערלעך פֿאַר פּלעכאַנאָוון. האָט ער מיט אים אײַנגעטענהט, ער זאָל אָפּלייגן די רייזע אויף אַ חודש אָדער צוויי, ווען עס וועט ווערן וואַרעמער. אָבער פּלעכאַנאָוו האָט ניט געוואָלט הערן וועגן דעם. „איך האָב אַ פֿאָרגעפֿיל, — האָט פּלעכאַנאָוו אים געזאָגט, — אַז לאַנג וועל איך אין רוסלאַנד נישט לעבן. אָבער ניט פֿאָרן איצט — קען איך ניט. אַן אַלטער סאָלדאַט פֿון דער רעוואָלוציע מוז זײַן אויף זײַן פּאָסטן ווען מען רופֿט אים".

אין צאַרסקאָיע סיעלאָ האָט ער זיך באַזעצט דערפֿאַר, ווײַל דער קלימאַט דאָרט איז געווען בעסער ווי אין פּעטראָגראַד. ווען די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע איז פֿאָרגעקומען, איז פּלעכאַנאָוו קראַנק געוואָרן פֿון עגמת נפֿש. אויף מאָרגן, ווי זיי האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן די באָלשעוויקעס צוגעמאַכט זײַן צײַטונג „יעדינסטוואָ". אין צוויי טעג אַרום, אָבער, האָט זיך פּלעכאַנאָווס פֿריינד און מיטאַרבעטער אײַנגעגעבן אַרויסצולאָזן אַ נומער „יעדינסטוואָ" מיט פּלעכאַנאָווס „אָפֿענער בריוו צו די פּעטראָגראַדער אַרבעטער". אין דעם דאָזיקן בריוו האָט פּלעכאַנאָוו, צווישן אַנדערן, געשריבן:

„נישט דערפאַר פאַרשאַפן מיר עגמת־נפש די געשעענישן פון די לעצטע טעג, ווייל איך וויל נים, אז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל טריאומפירן. נאָר פאַרקערט, ווייל מיט אַלע קרעפטן פון מיין נשמה ווינטש איך דעם טריאומף פון אַרבעטער־קלאַס. די באַוווּסטזיניקע עלעמענטן פון אונדזער אַרבעטער־קלאַס זיינען מחויב צו שטעלן זיך די פראַגע: איז אונדזער פּראָלעטאַריאַט גרייט דערצו, אַז ער זאָל פּראָקלאַמירן זיין דיקטאַטור? ניין, אונדזער אַרבעטער־קלאַס קאָן נאָך ווייט נים, מיט נוצן פאַר זיך און פאַרן גאַנצן לאַנד, איבערנעמען אין זיינע הענט די פּאָליטישע מאַכט. אים אָנוואַרפן אַזאַ מאַכט מיינט שטויסן אים אויפן וועג פון דעם גרעסטן היסטאָרישן אומגליק, וואָס וואָלט געווען אין דער זעלבער צייט, דאָס גרעסטע אומגליק אויך פאַר גאַנץ רוסלאַנד. פאַרכאַפּנדיק די פּאָליטישע מאַכט נישט אין דער געהעריקער צייט, וועט דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס נישט מאַכן קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע. ער וועט נאָר אַרויסרופן אַ בירגערקריג, וואָס וועט אים, סוף־כל־סוף, צווינגען אָפּצוטרעטן ווייט צוריק פון די פּאָזיציעס, וואָס זיינען דערוואָרבן געוואָרן אין פעברואַר און מערץ פון היינטיקן יאָר.

„אָט דערפאַר טייערע חברים, פאַרשאַפן מיר עגמת נפש די געשעענישן אין פּעטראָגראַד. איך חזר איבער נאָך אַמאָל, זיי פאַרשאַפן מיר עגמת נפש נישט דערפאַר וואָס איך וויל נישט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל טריאומפירן, נאָר פאַרקערט, ווייל מיט אַלע קרעפטן פון מיין נשמה וויל איך זען דעם טריאומף פון אַרבעטער־קלאַס, און צוזאַמען מיט דעם זע איך ווי וווייט עס שטויסן אים אָפּ אויף צוריק אָט־די דערמאָנטע פּאַסירונגען. די באַוווּסטזיניקע עלעמענטן פון אונדזער אַרבעטער־קלאַס מוזן אים וואָרענען און פאַרהיטן פון דעם גרעסטן אומגליק, וואָס קען נאָר מיט אים טרעפן”.

פּלעכאַנאָוו איז שוין דעמאָלט געווען זייער פּעסימיסטיש געשטימט. ווען מען האָט אים אָנגעזאָגט, אַז קערענסקי איז אַוועקגעפאָרן אויפן פראָנט כדי ברענגען פון דאָרט געטרייע סאָלדאַטן אויף צו אונטערדריקן דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד אין פּעטראָגראַד, האָט ער באַמערקט: „אויב קערענסקין זאָל זיך איינגעבן צו ברענגען פון פראָנט גענוג סאָלדאַטן און אַרטילעריע, קען מען נאָך ראַטעווען רוסלאַנד און די רעוואָלוציע”.

קערענסקין האָט זיך דאָס אָבער נים איינגעגעבן, ווייל די מאָנאַרכיסטישע גענעראַלן פון דער אַרמיי האָבן אים פאַרראַטן. די מאָנאַרכיסטן האָבן די צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג נאָך מער געהאַסט ווי די באָלשעוויקעס. די באָלשעוויקעס, האָבן זיי געהאַפט, וועלן זיך סיי־ווי־סיי לאַנג נים האַלטן און נאָך די באָלשעוויקעס, האָבן זיי געדענקט, וועט זיין לייכט צוריק אויפצושטעלן די מאָנאַרכיע, אָדער אַ מיליטערישע דיקטאַטור. דעריבער האָבן זיי, אין דער לעצטער קריטישער מינוט, סאַבאָטירט דעם

קאַמף פֿון דער ציִטווייליקער רעגירונג קעגן די באָלשעוויקעס. זיי האָבן פּאַקטיש געמאַכט אוממעגלעך פֿאַר קערענסקין צו ברענגען פֿון פֿראָנט קיין פּעטראָגראַד די רעגימענטן, וואָס זיינען נאָך געווען טריי דער ציִט־ווייליקער רעגירונג.

דעם 13טן נאָוועמבער, האָט זיך צו פּלעכאַנאָוון אין הויז, אין צאַרס־קאָיע סיעלאָ, אריינגעריסן אַ גרופּע מאַטראָסן און רויטע גוואַרדייער. אריינגעקומען זיינען זיי דורך דער הינטערטיר, נישט אָנקלאַפּנדיק פֿריער. ווען די דינסט האָט ביי זיי געפֿרעגט וועמען זיי זוכן, האָבן זיי געענטפֿערט: „דעם באָלעבאָס". פּלעכאַנאָווס פֿרוי איז אַרויסגעקומען צו זיי און האָט זיי דערקלערט, אַז איר מאַן ליגט קראַנק אין בעט און אַז מען טאָר אים ניט באַאומרויקן.

„מיר זיינען געקומען זוכן געווער, מיר דאַרפֿן דעם באָלעבאָס, ווו איז זיין צימער?" — האָבן די מאַטראָסן געשריִען.

דערזעענדיק אַז מיט די מענטשן קען מען גאָרנישט מאַכן און אַז די זאַך קען זיך ענדיקן זייער טרויעריק אויב מע זאָל גלייך ניט דערפֿילן זייער פֿאַרלאַנג, האָט פּלעכאַנאָווס פֿרוי זיי אריינגעפֿירט צו פּלעכאַנאָוון אין צימער. פּלעכאַנאָוו איז געלעגן אין בעט אַן אָנגעטאָנענער אין די זאַכן. די פֿרוי האָט באַוויזן נאָר אַ זאָג טאָן אים: „זיי זיינען שוין דאָ". גראָד האָט פּלעכאַנאָוו יענעם פֿרימאָרגן, ריידנדיק וועגן די הויז־זוכונגען און מאַסן־אַרעסטן, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן דורכגעפֿירט אין דער גאַנצער שטאָט, באַמערקט, אַז מע וועט מסתמא, אים אויך אָפּשטאַטן אַזאַ „וויזיט". ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ האָט אָבער נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק. „צי דען־זשע וועלן זיי וואַגן אויך ביי דיר מאַכן אַ רעוויזיע? דאָס איז אוממעג־לעך". האָט זי געטענהט. פּלעכאַנאָוו האָט איר אָבער אויף דעם געענט־פֿערט. „ווי ווייניק דו קאָנסט אָט די לייט. (די באָלשעוויסטישע פֿירער. — ד. ש.). זיי זיינען פּעאיק אונטערצושיקן אַ געדונגענעם מערדער און נאָכן מאָרד פֿאַרגיסן קראָקאָדיל־טרערן און דערקלערן די דאָזיקע געשעעניש ווי אַ רעזולטאַט פֿון דעם צעבושעוועטן פֿאָלקס־צאָרן!".

ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ האָט געבעטן פּלעכאַנאָוון, ער זאָל בלייבן אין בעט. זי האָט אַליין גענומען עפֿענען די אָלמערס און טשעמאָדאַנעס און האָט פֿאַרגעלייגט די „געסט" צו זוכן, צי דאָרט איז ניטאָ קיין געווער. אַ ריזיקער מאַטראָס, וואָס איז געווען דער אָנפֿירער פֿון דער באַנדע, איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אָנגעשפּאַרט אויף זיין ביקס. דער סאָלדאַט און דער רויטער גוואַרדייער האָבן געוואָרפֿן זייערע בליקן אויף די טשעמאָ־דאַנעס. זיי האָבן זיך אָבער צו קיין זאַך ניט צוגערירט. דער קראַנקער פּלעכאַנאָוו האָט, קענטיק, אויף די נאַאיווע קינדער פֿון פֿאָלק, געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. „גיט אונדז אייער קאַרטע, האָט זיך דער סאָלדאַט

געוועגדט צו ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ. „וואָס פֿאַר אַ קאַרטע? אַ וויזיט־קאַרטע אָדער אַ פֿאָטאָגראַפֿישע?, האָט ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ געפֿרעגט. דער סאָלדאַט האָט ניט געענטפֿערט. ער האָט פּשוט ניט פֿאַרשטאַנען די פֿראַגע. ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ האָט אַריינגעפֿירט דעם סאָלדאַט אין קאַבי־נעט און האָט אים דערלאַנגט איר וויזיט־קאַרטע. דער סאָלדאַט האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קאַרטע און אַוועקגעלייגט זי צוריק אויפֿן טיש. עס איז געווען קלאָר, אַז ער קאָן איינפֿאַך נישט איבערלייענען די קאַרטע און אַז ער פֿירט־אויס אויטאָמאַטיש עמיצנס באַפֿעל, וואָס איז פֿאַר אים אַליין נישט קלאָר. צוריקקערנדיק זיך אין צימער, האָט ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ געטראָפֿן פּלעכאַנאָוו זיצן ביים טיש און טרינקען דאָס טעפּעלע שוואַרצע קאַווע וואָס מען האָט אים דערלאַנגט. ער האָט פֿרידלעך געשמועסט מיט איינעם פֿון די רויטע גוואַרדייער. ווען דער סאָלדאַט האָט זיך געוועגדט צו די איבעריקע חברים זיינע: „נו, וואָס? מיר גייען?" — האָבן זיי געענטפֿערט: „קומט, לאָמיר גיין", און אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר און אַ ווילדער אויסגעשריי: „ווו איז דער באַלעבאָס? איך דאַרף דעם באַלעבאָס!". און מיט די ווערטער איז אַריינגעלאָפֿן אין הויז אַ געזונטער מאַטראָס פֿון אַ יאָר 35, אַן אויפֿגערעגטער, אַ צעווילדעוועטער, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. פּלעכאַנאָוו איז געשטאַנען ביים טיש אַ רואיקער, אָבער אַ טויט־בלאַסער. ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ האָט דערקלערט דעם מאַטראָס, אַז זיינע חברים האָבן שוין באַזוכט דאָס הויז און האָבן קיין געווער ניט געפֿונען. אָבער דער מאַטראָס איז צוגעקומען נאָענט צו פּלעכאַנאָוון האָט אָנגע־שטעלט דעם רעוואָלווער גלייך אויף אים און האָט אַ געשריי געטאָן: „גיט אַרויס דאָס געווער. ווען ניט, אויב מיר וועלן אַליין געפֿינען, וועל איך אייך דאָ, גלייך אויפֿן אָרט, דערשיסן".

פּלעכאַנאָוו האָט מיט אַ רואיקן טאָן געענטפֿערט: „דערהרגענען אַ מענטשן איז נישט שווער, אָבער קיין געווער וועט איר דאָ ניט געפֿינען".

דערזעענדיק די געפֿאַר אין וועלכער איר מאַן געפֿינט זיך, האָט ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ זיך געוועגדט צו דעם צעווילדעוועטן מאַטראָס מיט די ווער־טער: „איך שווער אייך מיטן הייליקסטן, אַז מיר האָבן ניט קיין געווער".

אויף דעם האָט דער מאַטראָס מיט פֿאַראַכטונג געענטפֿערט: „וואָס טויגן מיר אייערע הייליקע? איך גלויב ניט אין קיין הייליקע".

ראָזאַליאַ מאַרקאָוונען איז איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק צו פּרובירן ווירקן אויפֿן „רעוואָלוציאָנערן געוויסן" פֿון די „געסט". דערקלערן זיי, אַז פֿאַר זיי שטייט אַ מאַן, וואָס האָט עטלעכע און פֿערציק יאָר פֿון זיין לעבן גע־דינט דער פֿרייהייט און דעם סאָציאַליזם און וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דעם קאַמף פֿאַר זייער גליק. זי האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט,

אז די האָזיקעווערטער וואָלטן נאָך געקענט ערגער מאַכן די לאַגע. זיי וואָלטן געקענט אַרויסרופֿן ביי דעם אומוויסנדיקן מענטשן די אַסאָציאַציע פֿון די ווערטער: „פֿאַררעטער", „קאָנטר־רעוואָלוציאָנער" און „אַגענט פֿון דער אימפּעריאַליסטישער בורזשואַזיע" מיט וועלכע די באָלשעוויסטישע דעמאַגאָגן האָבן במשך אַכט חדשים פֿאַרגיפֿט זייערע מוחות און געפֿילן. פּלעכאַנאָווס שטאָלצע רואיקייט האָט צו ביסלעך איינגעשטילט דעם מאַטראָס' צאָרן. דער מאַטראָס האָט זיך געלאָזט גיין צום אַרויסגאַנג. זיינע חברים זיינען אים נאָכגעגאַנגען. ביי דער טיר, אָבער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך ווייטער געווענדט צו פּלעכאַנאָוון: „מיט וואָס באַשעפֿטיקט איר זיך"?.

„איך בין אַ שרייבער" — האָט פּלעכאַנאָוו געענטפֿערט.

„וועגן וואָס שרייבט איר?" — האָט דער מאַטראָס געפֿרעגט.

„וועגן רעוואָלוציע, וועגן סאָציאַליזם", — האָט פּלעכאַנאָוו רואיק געענטפֿערט.

„נו, וואָס טויג מיר רעוואָלוציע" — האָט דער מאַטראָס אַ געשריי געטאָן, — „קערענסקי איז אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער. איר זייט אַ מיניסטער?".

„ניין", — האָט פּלעכאַנאָוו געענטפֿערט.

„זייט איר אַ מיטגליד פֿון דער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ"?.

„אויך נישט".

די לעצטע צוויי פֿראַגעס האָט געשטעלט איינער פֿון די רויטע גוואַרדייער. דער עלטערער מאַטראָס האָט אים שטיל אַ פֿרעג געטאָן: „נישט דער?". יענער האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן אין דער שטיל און אַזוי איז פּלעכאַנאָוו ניצול געוואָרן פֿון אַ באָלשעוויסטישער קויל. ווען די „געסט" זיינען אַוועק, האָט פּלעכאַנאָוו געזאָגט זיין פֿרוי, אַז ער איז אין אָנהייב געווען זיכער, אַז זיי וועלן אים אַוועקפֿירן און דערשיסן. די שוואַרצע קאַווע האָט ער געטרונקען, כדי צו קענען זיך האַלטן פֿעסטער אויף די פֿיס. ווען דער מאַטראָס אָבער האָט צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צו זיין שטערן, האָט ער געטראַכט וועגן דעם, צי ער וועט פֿריער דערזען דאָס פֿייער, אָדער דערהערן דעם קלאַנג פֿון שאָס...

אין צאַרסקאָיע סיעלאָ האָט געבושעוועט דער רויטער טעראָר. בליבן ווייטער אין הויז איז פֿאַר פּלעכאַנאָוון געווען געפֿערלעך. ראָזאַליאַ מאַרקאָוונאַ האָט דעריבער איינגערעדט פּלעכאַנאָוון אַריבערצופֿירן אים אין שטאָטישן שפּיטאָל, ווו מע וועט אים ניט באַאומרויקן. דאָרט, אָבער, איז פּלעכאַנאָוו פֿאַרבליבן נאָר איין נאַכט. מורא האָבנדיק, אַז מיט אים זאָל דאָרט ניט פּאַסירן עפּעס אַן אומגליק, האָבן פּלעכאַנאָווס פֿריינד און חברים געשיקט נאָך אים אַן אויטאָמאָביל פֿון רויטן קרייץ מיט דריי דאָקטוירים, וואָס האָבן

אים אַריבערגעפֿירט פֿון צאַרסקאָיע סיעלאָ קיין פּעטראָגראַד, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זיי פֿירן אַ שווער פֿאַרוווּנדיקטן פֿון שלאַכטפֿעלד. אין פּעטראָגראַד האָט מען פּלעכאַנאָוון איינגעאָרדנט אין אַ פּריוואַטער קליניק. זיינע פֿריינד אָבער האָבן גלייך איינגעזען, אַז דאָרט איז אויך ניט זיכער. האָבן זיי אים איבערגעפֿירט אין דעם פֿראַנצויזישן שפּיטאָל פֿון פּעטראָגראַד. נישט געקוקט אָבער אויף דעם, וואָס די דאָקטוירים און דער גאַנצער פּערסאָנאַל פֿון שפּיטאָל האָבן זיך צו אים אויסערגעוויינטלעך גוט באַצויגן, האָט זיך זיין געזונטצושטאַנד מיט יעדן טאָג אַלץ מער פֿאַרערגערט. דער פּעטראָגראַדער קלימאַט איז געווען זייער שעדלעך פֿאַר אַזאַ קראַנקן ווי פּלעכאַנאָוו. פֿאָרן אין טיף רוסלאַנד, אָדער אין קרים, איז דעמאָלט געווען אוממעגלעך. עס איז געבליבן נאָר איין אויסוועג — פֿאָרן קיין אויסלאַנד. אָבער פּלעכאַנאָוו האָט ניט געוואָלט הערן אַפֿילו וועגן פֿאַרלאָזן רוסלאַנד אין אַזאַ טראַגישן מאָמענט. „אַזוי לאַנג ווי איך קען נאָך האַלטן אַ פּעדער אין האַנט, — האָט ער געטענהט, — קען איך קעמפֿן". און ער האָט טאַקע קראַנקערהייט אָנגעשריבן נאָך אַ פּאָר אַרטיקלען.

אויף דער נאַכט פֿון 5טן (18טן) יאַנואַר 1918, האָבן זיך באָלשעוויסטישע מאַטראָסן אַריינגעריסן אין איינעם פֿון די טורמע־שפּיטאָלן פֿון פּעטראָגראַד און דערהרגעט די צוויי באַרימטע פֿירער פֿון די רוסישע ליבעראַלן, געוועזענע מיטגלידער פֿון קערענסקיס רעגירונג, פּראָפֿעסאָר פֿיאָדאָר קאָקאָשקין און ד״ר אַנדריי שינגאַריאָוו. פֿון פּלעכאַנאָוון האָט מען געזוכט צו באַהאַלטן די דאָזיקע שרעקלעכע נייס. אָבער פֿאַר פּלעכאַנאָווס פֿריינד איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פֿראַנצויזישער שפּיטאָל איז אויך ניט קיין זיכערער פּלאַץ פֿאַר אים, כאָטש די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט, באַלד נאָך דער רעוויזיע ביי פּלעכאַנאָוון, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם מיט פּראָטעסטן מצד אַלע סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע עלעמענטן פֿון לאַנד, אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז אַ וואַך זאָל גלייך געשטעלט ווערן „אָפּצוהיטן די פּערזאָן און דאָס אייגנטום פֿון דעם בירגער ג. וו. פּלעכאַנאָוו". אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ שטיק היפּאָקריטסטווע מצד די באָלשעוויסטישע פֿירער, ווייל נאָך דער דערמאָרדונג פֿון קאָקאָשקינען און שינגאַריאָוון, האָט די סאָוועט־רעגירונג אויך אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט צו מאַכן אַ שטרענגע אונטערזוכונג און אַרעסטירן די מערדער, אָבער די מערדער זיינען געבליבן אויף דער פֿריי, כאָטש אַלעמען זיינען זייערע נעמען געווען באַוווּסט און זיי האָבן דערנאָך אַפֿילו פֿאַרנומען וויכטיקע אַמטן אין דער סאָוועט־רעגירונג.

פּלעכאַנאָווס פֿריינד און די דאָקטוירים וואָס האָבן אים געהיילט, האָבן גענומען אים איינריידן, אַז מע זאָל אים אַריבערפֿירן אין אַ סאַנאַטאָריע אין פֿינלאַנד. פּלעכאַנאָוו האָט זיך ענדלעך אונטערגעגעבן און דעם 23סטן

יאנואר 1918, האט ער, אין דער באגלייטונג פון זיין פרוי און א דאקטער, פארלאזן זיין היים־געליבטע פעטראגראד, וווהין עס איז אים שוין ניט באשערט געווען זיך אומצוקערן א לעבעדיקער.

10

אין דער פינלענדישער סאנאטאריע איז אים מיט יעדן טאג געווארן אלץ ערגער און ערגער. אבער ביז דער לעצטער מינוט האט אים זיין מעכטיקע גייסטיקע קראפט ניט פארלאזן. די ערשטע צייט האט ער מיט דער שארפסטער אויפמערקזאמקייט נאכגעפאלגט די טראגישע געשעענישן אין רוסלאנד. באלד אבער איז אין פינלאנד אויך אויסגעבראכן א בירגערקריג און די פארבינדונג צווישן פינלאנד און פעטראגראד איז כמעט אין גאנצן איבערגעריסן געווארן. עס איז אוממעגלעך געווען צוצוקומען צו דער סאנאטאריע, ווו פלעכאנאוו האט זיך געפונען, און אפילו צייטונגען האט מען אויך ניט געקענט אהין רעגלמעסיק צושיקן פון פעטראגראד. אין יענע טעג פלעגט פלעכאנאוו בעטן, מע זאל אין דער הויך אים פארלייענען די גריכישע פאעטן און די שטעלן וואס פלעגן אים צום בעסטן געפעלן, פלעגט ער צווינגען, מען זאל זיי אים איבערלייענען עטלעכע מאל.

ערשט אין פעברואר 1918 האט זיך ליעוו דייטשן איינגעגעבן צו באקומען א דערלויבעניש פון דער סאוועט־רעגירונג צוצופארן קיין פינלאנד צו פלעכאנאוון. פלעכאנאוו האט זיך שטארק דערפרייט מיט זיין אלטן פריינד און מיטקעמפער. ער האט דייטשן פארשאטן מיט פראגעס וועגן אלע געשעענישן אין פעטראגראד און אין אנדערע שטעט. און כאטש די דאקטוירים האבן אים פארבאטן א סך צו רעדן, האט ער כסדר איבערגעריסן דייטשן און זיך באמיט אויסצוטייטשן אויף זיין שטייגער דייטשעס ענטפערס וועגן די לעצטע פאליטישע געשעענישן און פארענדיקט האט ער יעדן מאל מיט די ווערטער: „יא, רוסלאנד איז פארלארן! יא, רוסלאנד איז פארלארן".

דייטש האט דאס מאל לאנג ניט געקענט פארבלייבן ביי פלעכאנאוון. ער האט גלייך געמוזט צוריקפארן קיין פעטראגראד. אין א חודש ארום, אבער, האט זיך אים ווידער איינגעגעבן צו באקומען א דערלויבעניש אריינצופארן קיין פינלאנד. דאס מאל האט ער געטראפן פלעכאנאוון אין א סך אן ערגערן צושטאנד. ער האט געשפיגן מיט בלוט, ער האט געשפירט, אז זיינע טעג זיינען געציילטע. ער האט אבער ניט גערעדט וועגן זיך. אים האט געמאטערט דער געדאנק, וואס די באלשעוויסטישע פירער טרייבן רוסלאנד אין אפגרונט אריין. די דאקטוירים האבן שוין אים דעמאלט אין

גאַנצן פֿאַרבאָטן צו רעדן. אָבער ווען דער שרעקלעכער הוסט פּלעגט אים נאָר אָפּלאָזן, פֿלעגט ער ניט אויפֿהערן רעדן. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ וואָס האָט נאָר געהאַט אַ ברעקל באַדייטונג. ווען ער פֿלעגט מיד ווערן, פֿלעגט ער בעטן דייטשן אַז ער זאָל אים פֿאָרלייענען הויך פֿון ליעסקאָווס, טשעכאָווס און מאָפּאַסאַנס ווערק.

„במשך צענדלינגער יאָרן, — שרייבט דייטש, — איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו שמועסן מיט פּלעכאַנאָוון אויג אויף אויג, הערן זיינע געשפּרעכן מיט אַנדערע, אָדער הערן אים אין רעפֿעראַטן און אויף פֿאַרשיידענע פֿאַרזאַמלונגען. אָבער קיין מאָל זיינען זיינע רייד ניט געווען אַזוי מערקווירדיק אָריגינעל און שפּאַנענדיק, ווי איצט, און גאָר באַזונדערס איז געווען דער טאָן זיינער. זיין גאָניאַלער קאָפּ האָט געהאַלטן אין איין אַרבעטן און עס פֿלעגן ביי אים געבאָרן ווערן די פֿאַרשיידנסטע געדאַנקען, דערינערונגען און פֿאַרגלייכונגען. דאָ, אין דער שטילקייט און רואיקייט, אָן דער טאָגטעגלעכער אַרבעט, האָבן זיך ביי אים גענומען אַרויסרייסן די אַלע אוצרות, וואָס האָבן זיך אין זיין קאָפּ אָנגעזאַמלט במשך די פֿיל יאָרן און וועלכע ער האָט ניט אויסגענוצט גענוג”.

פֿאַר דער וועלט־מלחמה, ווען פּלעכאַנאָוו האָט זיך איין מאָל באַקלאָגט פֿאַר וויקטאָר אַדלערן אויף לענינען, האָט אַדלער אים געזאָגט: „וואָס ווילט איר? לענין איז דאָך אייער גייסטיקער זון”. פּלעכאַנאָוו האָט אים אויף דעם געענטפֿערט: „אויב שוין יאָ אַ זון מיינער, איז ער ניט קיין געזעצלעכער, נאָר אַ ממזר”.

ווען מען האָט פּלעכאַנאָוון פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז לענין און די באָלשעוויקעס האָבן זיך אויפֿגעהאָדעוועט אויף זיין מאַרקסיסטישער טעאָריע, האָט ער געענטפֿערט, אַז לענינס טאַקטיק איז אין דער אמתן ניט די טאַקטיק פֿון מאַרקסן, נאָר פֿון באַקונינען, דעם פֿאָטער פֿון אַנאַרכיזם, און נאָך מער פֿון באַקונינס תלמיד, דעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנטיוריסט ניעטשאַיעוו, וואָס האָט געפּרידיקט, אַז דער ציל הייליקט די מיטלען און וואָס האָט זיך באַנוצט מיט שווינדל, ליגן און אַפֿילו מאָרד, כּדי צו דערגרייכן זיין רעוואָלוציאָנערן ציל. פּלעכאַנאָוו האָט דערביי דערמאָנט אַ ווערטל פֿון באַרימטן רוסישן פּובליציסט און קריטיקער ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי, אַז מען קען ניט האַלטן פֿאַראַנטוואָרטלעך דעם גרויסן ענגלישן נאַטור־פֿאָרשער טשאַרלז דאַרווין, וואָס האָט געשריבן וועגן דעם קאַמף פֿאַרן דאָזיין, פֿאַר די האַנדלונגען פֿון אַ „דאַרוויניסטל”, וואָס וועט אין נאָמען פֿון דאַרווינס טעאָריע אַרויסשפּרינגען אין גאַס און כאַפּן די פֿאַרבייגייער פֿאַרן קאָלנער. „פּונקט אַזוי, — האָט פּלעכאַנאָוו געזאָגט, — קען מען אויך מיך ווי אַ טעאָרעטיקער פֿון רוסישן מאַרקסיזם נישט האַלטן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר יעדער אומזיניקער אָדער פֿאַרברעכערישער האַנדלונג פֿון יעדן רוסישן „מאַרקסיאַ־

נאָק" אָדער פֿון יעדער גרופּע „מאַרקסיאַטן"... איך טראַכט עד־היום, אַז די באָלשעוויסטישע טאַקטיק שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אַבסאָלוט אומגעזעצלעכן אויספֿיר פֿון יענע טאַקטישע כּללים, וואָס איך האָב געפּריידיקט, שטיצנדיק זיך אויף דער לערע פֿון קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס. איך האָב געזייט ווייץ, לענין זייט ווילד גראָז. מע דאַרף ניט זיין קיין אַגראָנאָם צו וויסן דעם אונטערשייד צווישן די צוויי געוויקסן"...

פּלעכאַנאָוו און לענין זיינען זיך ווירקלעך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע בליקן אויף דער פּאַרטיי, אויף איר אָרגאַניזאַציע, איר פֿירערשאַפֿט און איר גייסט. זיי זיינען זיך אויך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין זייער בליק אויף דער רוסישער רעוואָלוציע און אָט די מיינונג־פֿאַרשיידנקייטן צווישן זיי האָבן אין אַ באַהאַלטענער פֿאָרם עקזיסטירט פֿון דעם ערשטן טאָג אָן, זינט זייער באַגעגעניש אין 1895, ווען פּלעכאַנאָוו האָט דעם 25־יאָריקן לענינען געזאָגט: „איר קערט זיך אום צו די ליבעראַלן מיטן רוקן, און מיר — מיטן פּנים". אין די יאָרן פֿון דער ערשטער רעוואָלוציע האָט זיך פּלעכאַנאָוו אויסגעדריקט, אַז דער אונטערשייד צווישן אים און לענינען איז: „וואָס לענין טראַכט נאָר ווי אַזוי איזאָלירט מען די רעוואָלוציע, בעת איך טראַכט ווי אַזוי איזאָלירט מען די רעאַקציע, כּדי מעגלעך צו מאַכן דעם זיג פֿון דער רעוואָלוציע". פּלעכאַנאָוו האָט אויך געזאָגט, אַז לענין איז אַ „גרויסער אוטאָפּיסט מיט אַ קליינטשינקער אוטאָפּיע אין קעשענע" און אַז לענין „לויפֿט שטענדיק פֿאָרויס אַפֿילו דעמאָלט, ווען דאָס לעבן קערט זיך אום צו אים מיטן רוקן". פּלעכאַנאָוו האָט אָבער ניט געהאַט קיין מוט עפֿנטלעך מודה צו זיין זיך, אַז זיין פּראָפּאַגאַנדע פֿון שטרענגן אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם האָט צום טייל צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַרן באָלשעוויזם אין רוסלאַנד. די וועלט־מלחמה און, איבערהויפּט, די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָבן געצווּונגען פּלעכאַנאָוון צו ענדערן אַ סך זיינע פֿריערדיקע מיינונגען. דייטש איז געווען איינער פֿון די פֿיר, וואָס האָבן אין יאָר 1883 צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוון, געגרינדעט די ערשטע גרופּע צו פּראָפּאַגאַנדירן מאַרקסיזם אין רוסלאַנד. ער איז אויך נאָך דער רעוואָלוציע פֿאַרבליבן אַ מאַרקסיסט. אין 1922 האָט ער מודה געווען, אַז פּלעכאַנאָוו האָט אין זיינע געשפּרעכן מיט אים, אין דער פֿינלענדישער סאַנאַטאָריע, ניט איין מאָל זיך געווענדט צו אים מיט דער פֿראַגע, וואָס האָט, „קענטיק, אים, פּלעכאַנאָוון, זייער טיף געמאַטערט": „צי האָבן מיר ניט צו פֿרי, אין דער אָפּגעשטאַנענער, פּויערישער, האַלב־אַזיאַטישער רוסלאַנד אָנגעהויבן די פּראָפּאַגאַנדע פֿון מאַרקסיזם?".

אין גיכן האָט פּלעכאַנאָוו באַקומען אַ בלוטשטורץ. די דאָקטוירים האָבן אים פֿאַרבאָטן אַרויסצורײדן אַ וואָרט, אָבער אַפֿילו דעמאָלט האָט ער אויך ניט געקענט זיך איינהאַלטן און ניט טיילן זיך מיט דייטשן מיט זיינע

גערדאַנקען. ער פֿלעגט דאַן אָנשרייבן דייטשן פֿאַרשיידענע פֿראַגעס אויפֿן פּאַפּיר און אַרויסזאָגן זיינע מיינונגען וועגן זיי און וועגן פֿאַרשיידענע פּערזאָנען. סוף מאַרץ איז דייטש ווידער געצוווּנגען געווען זיך אומצוקערן קיין פּעטראָגראַד, כדי צו באַקומען מעדיקאַמענטן און פּראָדוקטן פֿאַר פּלעכאַנאָוון. אָבער נאָך דעם, ווי די „ווייסע" האָבן אין גאַנצן באַזיגט די באָלשעוויקעס אין פֿינלאַנד, איז פֿינלאַנד פֿולשטענדיק אָפּגעשניטן געוואָרן פֿון פּעטראָגראַד און דייטש האָט שוין ניט געקענט ווידער קומען צו אים. פּלעכאַנאָוו האָט געוווּסט אַז ער שטאַרבט. ווען ער האָט געזאָגט ראָזאַליע מאַרקאָווגען, אַז ער פֿילט דעם אָנקום פֿון סוף, האָט זי אָנגעהויבן זיך אַמפּערן מיט אים, וועלנדיק פֿאַרטרייבן פֿון אים דעם געדאַנק וועגן טויט. אָבער פּלעכאַנאָוו האָט איר ענערגיש געענטפֿערט: „דו ווייסט אַרויס אַ אַ שוואַכקייט. מיר ביידע, איך און דו, זיינען אַלטע רעוואָלוציאָנערן און מיר דאַרפֿן זיך האַלטן ווי אַזעלכע". דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: „און ענדלעך, וואָס איז אַזוינס דער טויט בכלל? אַ פֿאַרוואַנדלונג פֿון מאַטעריע. דו זעסט, — אָט די בעריאָזע, — האָט ער זיך אומגעקערט מיטן פּנים צום פֿענצטער, וואָס איז געווען אָפֿן אין סאָד אַריין, — אפֿשר וועל איך אויך ווען עס איז פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בעריאָזע. מיט וואָס איז דאָס אַזוי שלעכט?".

די לעצטע שעה פֿאַרן טויט, ווען פּלעכאַנאָוו האָט זיך שוין געפֿונען אין גסיסה־צושטאַנד, דערציילט ראָזאַליע מאַרקאָוונאַ, האָט ער אָפּט, אָן וואָרטער, עמיצן געסטראַשעט מיטן פֿויסט. עס איז קיין ספֿק ניט, אַז דאָס האָט ער געמיינט „זיי". דעם 30סטן מאַי, 1918, 2 אַ זייגער ביי טאָג איז ער געשטאָרבן.

אין פּעטראָגראַד האָבן זיינע פֿריינד וועגן דעם ניט געוווּסט. ערשט אין עטלעכע טעג אַרום איז פֿון פֿינלאַנד אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד אַ דאַמע, וואָס האָט טעלעפֿאָנירט דייטשן, אַז פּלעכאַנאָוו איז געשטאָרבן און אַז זיין פֿרוי בעט, מען זאָל באַקומען אַ דערלויבעניש ביי דער סאָוועטן־מאַכט אַריבערצופֿירן פּלעכאַנאָווס קערפּער קיין פּעטראָגראַד, ווייל ער האָט פֿאַרן טויט אויסגעדריקט דעם ווונטש, מען זאָל אים מקבר זיין אויפֿן פּעטראָ־גראַדער ליטעראַרישן בית־עולם, לעבן דעם רוסישן קריטיקער ביעלינסקי. (פּלעכאַנאָוו איז געווען אַ גרויסער פֿאַרערער פֿון ביעלינסקין און אויך אַ קרוב זיינער. זיין מאַמעס מיידלשער נאָמען איז אויך געווען ביעלינסקי).

אויפֿן זעלבן פֿינלענדישן וואָקזאַל פֿון פּעטראָגראַד, ווו די רוסישע אינטעליגענציע און גרויסע מאַסן אַרבעטער האָבן מיט 14 חדשים פֿריער, מיט באַגייסטערונג באַגעגנט דעם לעבעדיקן פּלעכאַנאָוו, ווען ער איז אָנגעקומען פֿון אויסלאַנד, האָט איצט אַ קליינע צאָל נאָענטע פֿריינד און פֿאַרערער באַגעגנט זיין באַלזאַמירטן קערפּער. די סאָוועטן־מאַכט האָט

אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו די פּעטראָגראַדער אַרבעטער, אַז זיי זאָלן ניט גיין צו פּלעכאַנאָווס לויה. גריגאָרי זינאָוויעוו, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער פּרעזידענט פֿון דער פּעטראָגראַדער „קאָמונע״ האָט, אין זיין רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער זיצונג פֿון פּעטראָגראַדער סאָוועט, פֿאַר־ענדיקט מיט די ווערטער: „פּלעכאַנאָוו געהערט ניט אונדז, ער געהערט דער בורזשואַזיע, און זאָל די בורזשואַזיע גיין נאָך זיין לוויה״.

דער מער באַוווּסטזיניקער טייל פֿון די פּעטראָגראַדער אַרבעטער האָט ניט געפֿאָלגט דעם דעקרעט. אין דער לוויה־פּראָצעסיע האָבן אָנטייל גע־נומען עטלעכע הונדערט טויזנט מענטשן. די צאָל אַרבעטער אָבער צווישן זיי איז געווען, פֿאַרהעלטניסמעסיק, קליין. אַזוי האָט דער „זיגרייכער״ פּראָלעטאַריאַט אָפּגעדאַנקט זיין גרויסן לערער און וועגווייזער, וועלכער האָט זיין גאַנצן לעבן געווידמעט דעם קאַמף פֿאַר אַ פֿרייען רוסלאַנד און פֿאַר דעם וווילזיין און גליק פֿון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

זשאַן זשאָרעס

(1914 — 1859)

זשאַן זשאָרעס

(1914 — 1859)

1

זשאַן זשאָרעס איז געבוירן געוואָרן דעם 3טן סעפּטעמבער, 1859, אין דעם קליינעם פֿראַנצויזישן שטעטל קאַסטרע, וואָס געפֿינט זיך אַרום 350 מייל פֿון פּאַריז. זיין טאַטע איז געווען אַ קליידער־פֿאַבריקאַנט, וועלכער האָט שפּעטער זיך באַזעצט אויף אַ קליינער פֿאַרם. זשאָרעסעס מאַמע איז געווען אַן אינטעליגענטע פֿרוי, מיט אַ פֿעסטן כאַראַקטער און אַ פֿרומע קאַטאָליטשקע. זי האָט אויך געשטאַמט פֿון קליידער־פֿאַבריקאַנטן. איר זיידע, פֿון דער מאַמעס צד, איז געווען אַ פּראָפֿעסאָר פֿון פֿילאָזאָפֿיע. זשאָרעסעס טאַטע האָט אין דער משפּחה געהאַט הויכע מיליטערלייט.

זשאַן זשאָרעס האָט באַקומען אַ רעליגיעזע דערציאונג און ער האָט זיך פֿון אָנהייב געלערנט אין אַ רעליגיעזער שול. צו 10 יאָר איז ער אָנגעקומען אין אַ מיטל־שול, וואָס ער האָט באַזוכט צוזאַמען מיט זיין ברודער לואי, וועלכער איז געווען מיט אַ יאָר יינגער פֿון אים. זיי האָבן דאַן געוווינט אויף אַ פֿאַרם און זיי פֿלעגן דאַרפֿן גיין צופֿוס יעדן טאָג עטלעכע מייל אַהין און צוריק. קיינער פֿון די יינגלעך האָט ניט גערעכנט צו ווערן אַ פֿאַרמער. די מאַמע האָט געהאַט די אַמביציע צו מאַכן אירע זין פֿאַר „מענטשן". דעם יינגערן, לואין, האָט זי בדעה געהאַט אַריינצוגעבן אין אַ פֿלאָטן־שול (ער איז טאַקע שפּעטער געוואָרן אַן אַדמיראַל) און זשאַנען, וועלכער האָט נאָך אַלס יונגער יינגל אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פֿעאיקייטן, האָט זי באַשלאָסן צו לאָזן ווייטער שטודירן. צו 17 יאָר איז זשאַן אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאַריז שטודירן אין אַ דאָרטיקן הויכשול. אין הויכשול האָט ער אַלעמען איבערראַשט מיט זיין מערקווירדיקן זכרון און מיט זיין גרויסן דורשט נאָך וויסן. נאָך איידער ער האָט געענדיקט די שול, האָט ער שוין געקענט גענוג גריכיש צו לייענען די ווערק פֿון די גריכישע פֿילאָזאָפֿן אין אָריגינאַל; גענוג לאַטיין צו קענען שרייבן פֿריי אויף דער שפּראַך פֿון ציצעראָ און גענוג דייטש צו שטודירן די ווערק פֿון די דייטשע דיכטער און פֿילאָזאָפֿן.

אין 1878 איז זשאָרעס אָנגעקומען אין דעם באַרימטן פּאַריזער עקאָל נאָרמאַל, אַ הויכשול, וואָס פֿלעגט צוגרייטן לערער פֿאַר די מיטלשולן. דאָס איז געווען דער בעסטער אוניווערזיטעט פֿאַר הומאַניטאַרע וויסנשאַפֿטן. פֿון אָט דעם עקאָל נאָרמאַל זיינען אַרויסגעקומען פֿיל פֿון די פֿראַנצויזישע פֿילאָזאָפֿן, היסטאָריקער און שריפֿטשטעלער, ווי אָנרי בערגסאָן, היפּאָליט טען, אָלאַר, ראָמיין ראָלאַן, לעאָן בלום, עדואַרד העריאָ א. א.

זשאָרעס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין געשיכטע און אין פֿילאָזאָפֿיע. שוין דאַן האָט זשאָרעס זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן דייטשן סאָציאַליזם. אָבער זיין אינטערעס צו אים איז געווען מער אַ פֿילאָזאָפֿישער ווי אַ פּאָליטישער. אים האָט אינטערעסירט די טעאָרעטישע זייט פֿון דעם מאַרקסיזם, ניט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען האָט ער זיך דאַן אָפּגעגעבן ניט מער ווי די אַנדערע סטודענטן. דעם אוניווערזיטעט האָט ער געענדיקט מיט אויסצייכענונגען און ער האָט באַלד געקראָגן אַ שטעלע ווי אַ לערער אין אַ מיטלשול אין אַ פֿראַנצויזישער שטאָט, ניט ווייט פֿון דער פֿאַרם, וווּ זיינע עלטערן האָבן געוווינט. ער האָט געהאַט נאָר פֿינף תּלמידים און האָט געדאַרפֿט לערנען מיט זיי נאָר 15 שעה אַ וואָך. אַ האַלבע וואָך פֿלעגט ער פֿאַרברענגען ביי זיינע עלטערן אויף דער פֿאַרם. ער האָט דורך דער צייט אַ סך געלייענט און נאָכגעדענקט. אין צוויי יאָר אַרום האָט ער באַקומען אַ שטעלע ווי אַ לערער פֿון פֿילאָזאָפֿיע אין טולוזער אוניווערזיטעט.

די שטאָט טולוז איז דעמאָלט געווען דער קולטור צענטער פֿון דרום־מערב פֿראַנקרייך. אַ חוץ דעם אוניווערזיטעט איז דאָרט געווען נאָך אַ באַרימטע אינסטיטוציע — די גרויסע ראַדיקאַלע צייטונג „דעפּעש דע טולוז", אין וועלכע עס האָבן מיטגעאַרבעט אַ סך פֿון די בעסטע ראַדיקאַלע זשורנאַליסטן פֿון פֿראַנקרייך. זשאָרעס איז באַלד געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון דער דאָזיקער צייטונג. ער איז נאָך דאַן ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט. ער האָט אָבער אין גיכן איינגעזען, אַז פּאָליטישע פֿרייהייט און עקאָנאָמישע רעאַקציע פּאָרן זיך ניט און אַז אויב די רעפּובליק וועט ניט קענען איינצוימען די כּוחות פֿון עקאָנאָמישער רעאַקציע; אויב זי וועט ניט באַוויזן אָוועקצושטעלן אונטער אַ געזעלשאַפֿטלעכן קאָנטראָל די באַנקירן, די גרויסע לאַנד־איינגנטימער און פֿאַבריקאַנטן, ווי אויך די קירך, דאַן וועלן די אַלע פֿרייהייטן אָפּגעשאַפֿט ווערן.

אין יאָר 1882 איז זשאָרעסעס טאַטע געשטאָרבן, זשאָרעסעס יינגערער ברודער, לואי, איז אַוועק אין פֿלאָט און די מאַמע האָט זיך אַריבערגעקליבן צו זשאַנען. זשאַן איז געווען פּונקט אַזוי איבערגעבן צו דער מאַמען ווי זי צו אים. זי האָט געוווינט מיט אים צוזאַמען פֿריער אין אַלבי, וווּ ער איז געווען אַ לערער אין אַ מיטלשול און שפּעטער אין טולוז.

ווען זשאָרעס האָט אין יאָר 1885 באַשלאָסן אַרויסצושטעלן זיין קאַנדידאַטור אין די וואַלן צום פּאַרלאַמענט, איז די מאַמע געווען זייער שטאַרק קעגן דעם. זי האָט געוואָלט, אַז איר באַליבטער זון זאָל ווייטער פּאָרזעצן זיין אַקאַדעמישע קאַריערע. וואָס קען אַן אַנשטענדיקער מענטש דערוואַרטן פֿון פּאָליטיק? האָט זי געטענהט, — אין בעסטן פֿאַל נאָר באַליידיקונגען און אין ערגסטן פֿאַל דערהרגעט צו ווערן פֿון אַ קעגנער. און זי וואָלט געווים נישט געגעבן איר צושטימונג ווען נישט איר מאַנס קאָזין, אַדמיראַל בענדזשאַמין קאָנסטאַן זשאָרעס. ער האָט מיט איר איינגעטענהט: „מיין טייערע קוזינע, האָט ער געזאָגט, לאָז זשאַנען גיין מיט זיין וועג. שרעק זיך ניט, ער ווייס וואָס ער טוט און יעדנפֿאַלס ניט דו און ניט איך קען ענדערן זיין באַשלוס. אים ציט צו פּאָליטיק ווי אַ קאַטשקע צום וואַסער".

מאַדאַם זשאָרעס האָט זיך אונטערגעגעבן: זי האָט איינגעזען, אַז דער אַדמיראַל איז גערעכט. אַ חוץ דעם האָט זשאָרעס זיך געקליבן אין גיכן חתונה צו האָבן מיט אַ מיידל, וועלכע איז איר, פּונקט ווי אים, געווען שטאַרק צום האַרצן און זי, האָט די מוטער זיך געטראַכט, וועט שוין אויף אים גוט אויפּפּאַסן, וואָס ער זאָל ניט טאָן אין דער צוקונפֿט.

זשאָרעס איז נאָך ניט געווען אַלט פֿולע זעקס און צוואַנציק יאָר ווען ער איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ דעפּוטאַט צום פּאַרלאַמענט. ער האָט די ערשטע צייט געציטערט אַרויפֿצוגיין אויף דער טריבונע פֿון פּאַרלאַמענט און האַלטן אַ רעדע. ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט נאָך אַ סך צו לערנען. ער איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט. ער איז דערוויילט געוואָרן ווי אַ רעפּובליקאַנער און האָט אין פּאַרלאַמענט געשטימט צוזאַמען מיט די לינקע בירגערלעכע דעפּוטאַטן. מיט קיינעם פֿון די סאָציאַליסטישע פֿירער איז ער דעמאָלט נאָך ניט געווען באַקאַנט. זשאָרעס אַליין האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער געשריבן, אַז אַפֿילו ווען ער איז שוין געווען אַ דעפּוטאַט פֿון פּאַרלאַמענט און האָט שוין געהאַט דורכגעשטודירט די ווערק פֿון קאַרל מאַרקס, האָט ער נאָך ניט געוווּסט, אַז עס זיינען פֿאַראַן אויך אין פֿראַנקרייך סאָציאַליסטישע גרופּעס, וואָס פֿירן אָן אַן אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע און קאָנקורירן איינע מיט די אַנדערע.

זשאָרעס האָט שפּעטער אויך דערציילט, אַז ער איז אייגנטלעך שוין דאַן אויך געווען אַ סאָציאַליסט. „מיינע ערשטע אַרטיקלען, וועלכע איך האָב פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער „דעפּעש דע טולוז", — האָט ער געשריבן, — „זיינען געווען אויסדריקלעך סאָציאַליסטישע, און ווי אַ דעפּוטאַט האָב איך ווייניקער ווי אין אַ יאָר אַרום געזאָגט: „אויף אַזאַ אופֿן וועלן מיר אַרבעטן צו פֿאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, צו וועלכן אַלץ באַוועגט זיך". עס איז אמת, אַז איך האָב דאַן געמיינט, אַז עס איז מעגלעך פֿאַר אַלע רעפּובליקאַנער צו באַוועגן זיך אין דער ריכטונג פֿון סאָציאַליזם אָן צוזאַמענ-

שטויסן. דאָס איז געווען אַ טעות פֿון מיין זייט, גיכער פֿון אַלץ אַ נאַאיווע אילוזיע פֿון דער יוגנט".

עס האָט לאַנג ניט גענומען זשאָרעסן אויסצוניכטערן זיך פֿון דער ראַזיקער נאַאיוועד אילוזיע. אין 1889 איז ער שוין געווען אַזוי אַנטוישט אין דעם בירגערלעכן ליבעראַליזם, אַז ער האָט באַשלאָסן צוריקצוציען זיך פֿון פּאָליטיק און ער האָט געהאַט אָנגעגעבן אַ ביטע, אַז מען זאָל אים צוריק־געבן זיין פּאָסטן אין טולוזער אוניווערזיטעט. זיינע פֿריינד אָבער איז דאָך געלונגען אים צו באַאיינפֿלוסן, אַז ער זאָל אין די וואַלן פֿון 1889 ווידער אַרויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור. די פֿאַבריקאַנטן אָבער פֿון דעם דיסטריקט, אין וועלכן ער איז „געלאָפֿן", האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען אים צו באַזיגן און דאָס איז זיי אויך געלונגען.

אין די קומענדיקע דריי יאָר האָט זשאָרעס זייער אַ סך געלערנט און שטודירט. דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער פּעריאָד אין זשאָרעסעס גייס־טיקער אַנטוויקלונג. אין די דריי יאָר האָט זיך פֿאָרמירט זיין וועלט־אַנשויאונג. און ער האָט פֿאַר זיך אַליין קלאָר געמאַכט זיין באַציאונג צום סאָציאַליזם און האָט אָנגעמערקט די גרונט־שטריכן פֿון זיין שפּעטערדיקער פּראַקטישער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם.

2

זשאָרעס איז דערנענטערט געוואָרן צום סאָציאַליזם דורך לייענען די ווערק פֿון קאַרל מאַרקס פֿון איין זייט, און פֿון דעם פֿראַנצויזישן סאָציאַליסט מאַ־לאָן, פֿון דער צווייטער זייט. דער לעצטער איז קינדווייז געווען אַ פּאַסטעך און פֿאַרם־אַרבעטער. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ קערבל־מאַכער. צו 30 יאָר איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון דער פּאַריזער קאָמונע. שפּעטער האָט ער געגרינ־דעט דעם זשורנאַל „רעוויו סאָסיאַליסט", וואָס איז געווען אַ פֿרייע טריבונע פֿאַר סאָציאַליסטן פֿון אַלע ריכטונגען. צו 45 יאָר האָט מאַלאָן אויפֿגעשריבן די געשיכטע פֿון דער פּאַריזער קאָמונע. און צו פֿופֿציק יאָר האָט ער פֿאַר־עפֿנטלעכט אַ בוך אונטערן נאָמען „סאָציאַליזם אינטעגראַל", וואָס האָט שטאַרק באַאיינפֿלוסט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק פֿאַר די קומענדיקע פֿופֿציק יאָר. זשאָרעס אַליין האָט געזאָגט, אַז ער האָט פֿון מאַלאָנען מער געלערנט ווי פֿון מאַרקסן.

מאַרקסעס גרויסער היסטאָרישער פֿאַרדינסט, האָט זשאָרעס מיט יאָרן שפּעטער געשריבן, איז וואָס ער האָט פֿאַראייניקט די אַרבעטער באַוועגונג מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל. פֿאַר מאַרקסן האָט די אַרבעטער באַוועגונג אין אייראָפּע ניט געהאַט פֿאַר אירע אויגן קיין באַשטימטן ענד־ציל. פֿון דער

אַנדערער זייט האָט דער סאָציאַליזם ניט געוווּסט, אַז „די אַרבעטער־באַוועגונג איז זיין לעבעדיקע פאַרווירקלעכונג און זיין קאָנקרעטע און היסטאָרישע קראַפט". אָבער דער גאַנצער סאָציאַליזם און דער קאָלעקטיוויזם קומט ניט פון מאַרקסן. דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם האָט זשאָרעס געשריבן, וועט זיין געבויט אויף די פאָלגנדע דריי פונקטן:

„1) דער סאָציאַליזם וועט זיין לוידנשאַפטלעך רעפּובליקאַניש. מיר וועלן קיין מאָל ניט אָפּטיילן עקאָנאָמישע פראַגן פון פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע, גערעכטיקייט פון פרייהייט, וועלכע זיינען געווען דער סאָציאַליזם פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

2) דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם וועט זיין אין איין און דער זעלבער צייט וויסנשאַפטלעך און אידעאַליסטיש. ער וועט זיך ניט באַגנוגענען, ווי מאַרקס האָט עס געטאָן, צו באַהויפּטן, אַז די אָפּשאַפונג פון דער קאַפּיטאַליס־טישער סיסטעם איז אומפאַרמיידלעך. ער וועט אויך דעמאָנסטרירן, אַז די אָפּשאַפונג איז אַ גערעכטע.

3) דאָס וויכטיקסטע, דער פראַנצויזישער סאָציאַליזם וועט מיט אַ באַ־זונדערער ענערגיע טאָן אַלץ כדי צו באַשיצן אין דער קאָלעקטיוויסטישער סיסטעם אַלע אינדיווידועלע ענערגיעס, אינדיווידועלע איניציאַטיוו, פריי־וואַטע אָפּשפּאָרונגען און פּריוואַטע רעכט. מיט איין וואָרט — פּריוואַט־אייגנטום — אויף אַזוי ווייט ווי דאָס איז געזעצלעך און נויטיק".

דריי יאָר צייט האָט זשאָרעס דאָס צווייטע מאָל פאַרבראַכט אין טולוז. ער איז געווען זייער פּאָפּולער אין שטאָט. צו זיינע לעקציעס יעדן שבת אָוונט אין אוניווערזיטעט פלעגט קומען אַ גרויסער און פאַרשידנאַרטיקער עולם: סטודענטן, אַרבעטער, געשעפטסלייט און פּראָפעסיאָנאַלן. זיינע וועכנטלעכע אַרטיקלען אין דער „דעפּעש דע טולוז" פלעגן געלייענט ווערן פון אַ גרויסער צאָל מענטשן. ער איז דערוויילט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון דאָרטיקן שטאָט־ראַט און איז געוואָרן דער פאָרזיצער פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט. גאַנץ טולוז האָט געוווּסט, אַז זשאָרעס האָט אָרגאַניזירט אַ פּראָפעסיאָנעלן און אַ קאָאָפּעראַטיוון פאַראיין צווישן די אַרבעטער פון זיין געגנט. און אַז ער האָט געשטיצט די קוילנגרעבער אין זייער סטרייק. און ווען דער קאָנ־סערוואַטיווער דעפּוטאַט פון יענער געגנט האָט אין 1892 רעזיגנירט פון פּאַרלאַמענט, האָט זשאָרעס ווידער אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור. ער איז „געלאָפן" אויף אַ סאָציאַליסטישער פּלאַטפאָרמע און איז דערוויילט געוואָרן. און אַ דאַנק איבערהויפּט די קוילנגרעבער פון דער געגנט איז זשאָרעס ביזן סוף פון זיין לעבן, אין אַ משך פון 21 יאָר, בלויז מיט איין איבעררייס, ווידער אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ דעפּוטאַט.

אין פֿאַרלויף פֿון אַ וועלכע־עס־איז דריי יאָר צייט נאָך זיין צווייטער דערוויילונג ווי אַ דעפּוטאַט, האָט זשאָרעס זיך דערוואָרבן אַ רעפּוטאַציע ווי אַ גלענצנדער רעדנער און פּאַרלאַמענטאַריער מיט אַ גרויסער צוקונפֿט פֿאַר זיך.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין פֿראַנקרייך איז דאַן געווען צעשפּאָלטן אויף פֿאַרשיידענע גרופּעס. אין 1879 האָט זשול געד, אַ תּלמיד און אַ פֿריינד פֿון קאַרל מאַרקס, געגרינדעט אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אָבער געדס שטרענגער מאַרקסיזם האָט ניט אַפּעלירט צו די פֿראַנצויזישע מאַסן. אין יאָר 1883 האָט זיך די פּאַרטיי געשפּאָלטן. דער דערמאָנטער מאַלאָן, פּאָל ברוס און אַנדערע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען געשטאַנען פֿאַר אַ מעסיקערער פּראָגראַם און פֿאַר אַ פּראַקטישערער טאַקטיק, האָבן פֿאַרלאָזן די פּאַרטיי. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, ווידער, האָבן זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צו אַלע פּאָליטיקער, ספּעציעל צו די סאָציאַליסטן פֿון בורזשואַזער אָפּשטאַמונג, און אַלע דעמאָלדיקע סאָציאַליסטישע פֿירער, מיט דער אויסנאַם פֿון איינעם אָדער צוויי, האָבן געשטאַמט פֿון בורזשואַזע פֿאַמיליעס.

ביים סוף פֿון די 80ער יאָרן זיינען אין פֿראַנקרייך געווען פֿינף קאָנקורירנדיקע גרופּעס, וועלכע האָבן פּרעטענדירט אויף דער אָנפֿירערשאַפֿט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין יאָר 1890 איז צוגעקומען נאָך אַ זעקסטע גרופּע. ווען זשאָרעס איז צום צווייטן מאָל דערוויילט געוואָרן צום פּאַרלאַמענט זיינען שוין דאָרט געזעסן אַ גאַנצע ריי אַנדערע סאָציאַליסטן. זשאָרעס האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע צו פֿאַראייניקן די אַלע גרופּעס אין איין פּאַרטיי. ער האָט אָנגעפֿירט אַ קאַמף פֿאַר איינהייט אויף די שפּאַלטן פֿון דער פּאַריזער ציישונג „פּעטי רעפּובליק", וועלכע עס האָט אין יאָר 1893 אָפּגעקויפֿט דער יונגער סאָציאַליסטישער יוריסט אַלעקסאַנדער מילעראַן (מילעראַן האָט מיט יאָרן שפּעטער פֿאַרראַטן דעם סאָציאַליזם. ער איז דערנאָך געווען פֿיל מאָל פּרעמיער־מיניסטער פֿון פֿראַנקרייך און האָט געענדיקט זיין לעבן ווי אַ קאָנסערוואַטאָר).

זשאָרעסן איז געלונגען צו פֿאַראייניקן די מערסטע סאָציאַליסטישע גרופּעס אין איין פּאַרטיי. ער האָט דאַן פֿאַרנומען אַ מיטעלע פּאָזיציע צווישן געדן און די אַנדערע מאַרקסיסטן און רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן און די רעפֿאָרמיסטישע סאָציאַליסטן, אָדער „פּאָסיביליסטן", ווי זיי האָבן זיך דאַן גערופֿן, פֿון מילעראַנס ריכטונג.

אין יאָר 1897 איז זשאָרעס שוין געווען באַוווּסט ווי אַ גוטער רעדנער אין פּאַרלאַמענט און ווי אַ געאַכטער פֿירער צווישן די אַרבעטער־מאַסן. מיט צוויי יאָר שפּעטער אָבער איז ער געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע פֿיגור. דער ליבלינג פֿון דער יונגער ראַדיקאַלער פֿראַנצויזישער אינטעליגענץ און פֿון אַלע פּראָג־

רעסיווע עלעמענטן פֿון לאַנד. ער איז געוואָרן נאָך זאָלאַן דער סאַמע פּאָפּולערסטער מאַן צווישן די געבילדעטע קלאַסן פֿון פֿראַנקרייך און דער באַליבטסטער סאָציאַליסטישער פֿירער ביי די פֿראַנצויזישע אַרבעטער־מאַסן. דאָס האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען די גרויסע ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אין דעם דרייפֿוס־פּראָצעס.

3

זשאָרעס האָט אָנגעפֿירט אין פּאַרלאַמענט און אין דער פּרעסע אַ קאַמף פֿאַר דרייפֿוסעס באַפֿרייאונג. איך וויל בלויז אונטערשטרייכן, אַז זשאָרעס איז געווען דער איינציקער פֿון די סאָציאַליסטישע פֿירער פֿון פֿראַנקרייך, וועלכער האָט, אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דרייפֿוס איז אומשולדיק, זיך אַריינגעוואָרפֿן מיט לייב און לעבן אין דעם קאַמף פֿאַר זיין באַפֿרייאונג און ער האָט הויך פּראָקלאַמירט, אַז אמת און גערעכטיקייט זיינען וויכטיקער ווי פּאַרטיי־טאַקטיק, און אַז אַפֿילו ווען די פּאַרטיי זאָל צייטווייליק אַ סך פֿאַרלירן דורך דעם, וואָס זי וועט זיך איינשטעלן שטאַרק פֿאַר דעם יידישן אָפֿיצער, מוז זי עס אויך טאָן. פֿאַר זשאָרעסן איז די דרייפֿוס־אַפֿערע געווען אַ גרויסער מאָראַלישער און פּאָליטישער ענין, און ער האָט געקעמפֿט ווי אַ לייב פֿאַר דער פֿרייהייט און ערע פֿון דעם יידישן מאַרטירער.

אין יאָר 1898 האָט זשאָרעס, צוליב זיין קאַמף פֿאַר דרייפֿוסן פֿאַרלאָרן זיין פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט. ער האָט אָבער זיין קאַמף ניט אָפּגעשטעלט און אַ דאַנק איבערהויפּט זשאָרעסן איז דער פּרעסטיזש פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אומגעהייער געשטיגן אין פֿראַנקרייך נאָך דעם ווי דער גאַנצער שווינדל פֿון דער דרייפֿוס־פֿאַרשווערונג איז אויפֿגעדעקט געוואָרן.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט באַקומען אַ נאָמען אין גאַנץ פֿראַנקרייך ווי די פּאַרטיי פֿון גערעכטיקייט, וואָס איז גרייט צו שטיצן מיט אַלע כוחות יעדן קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון אַלע געקריוודעטע און אונטערדריקטע, אָן אונטערשייד פֿון רעליגיע אָדער פֿון אָרעם און רייך. דאָס האָט צוגעצויגן צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַ סך יונגעלייט פֿון די רייען פֿון דער אינטעליגענץ און מיטקלאַס, וועלכע האָבן דערנאָך געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער געשיכטע פֿון פֿראַנקרייך. איינער פֿון די, וואָס זיינען דורך דער דרייפֿוס־אַפֿערע באַקערט געוואָרן צום סאָציאַליזם אין געווען לעאָן בלום. ער האָט צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט זשאָרעסן אין 1897 אין דער הויז פֿון לוסיען הערר (לוסיען הערר איז, אגב, געווען דער יעניקער, וועלכער

האָט זשאָרעסן איבערצייגט. אַז דרייפוס איז אומשולדיק. אַ דאַנק זשאָרעסן זיינען אַ סך דרייפוסיסטן געוואָרן סאָציאַליסטן).

די דרייפוס־אַפערע איז געווען אַ מין פאָרשפּיל פאַר דער גרויסן קאַמף צווישן דעמאָקראַטיע און דער פינסטערער מאַכט, וואָס איז מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אונטער דעם נאָמען „פאַשיזם". די עלעמענטן פון פאַשיזם זיינען שוין געווען אין פראַנקרייך אין סוף פון די 90קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

נאָך דער באַפרייאונג פון דרייפוסן, ווען די ראַדיקאַלן זיינען געקומען צו דער מאַכט, האָט דער נייער פּרעמיער־מיניסטער וואַלדעק־רוסאָ צום ערשטן מאָל איינגעלאַדן אַ סאָציאַליסט אַריינצוטרעטן אין זיין קאַבינעט, און אין יוני, 1899, איז אַלעקסאַנדער מילעראַן געוואָרן מיניסטער פון האַנדל און אינדוסטריע. אויף דער קאָנפערענץ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט זשאָרעס פאַרטיידיקט מילעראַנס אַריינטריט אין דעם מיניסטאָרן־קאַבינעט. ווען געד און די אַנדערע האָבן אים פאָרגעוואָרפן, אַז ער האָט דורך דעם פאַרראַטן דעם קלאַסן־קאַמף, האָט זשאָרעס געענטפערט:

„די היינטיקע געזעלשאַפט איז צעטיילט אין קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער. אין דער זעלבער צייט אָבער ווערט זי באַדראָט פון אַ קאָנטער־אָפענסיווע פון אַלע כוחות פון דער פאַרגאַנגענהייט מיט אַ קאָנטער־אָפענסיווע פון דעם אַלטן פעאָדאַלן באַרבאַריזם און פון דער אַלמעכטיקער קירך, און עס איז די פליכט פון סאָציאַליסטן, ווען די רעפּובליקאַנער פרייהייט שטייט אין געפאַר, ווען די גייסטיקע פרייהייט איז אין סכנה, ווען די פרייהייט פון געוויסן ווערט באַדראָט, ווען אַלטע פאָראורטיילן לעבן אויף ראַסן־אַנטאַגאָניזמען און די שווידערלעכע רעליגיעזע מחלוקות פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער ווערן ווידער אויפגעהויבן — אין אַזאַ צייט איז די פליכט פון סאָציאַליסטיש אַרבעטער־קלאַס צו גיין פאָרויס מיט יענע טיילן פון דעם מיטל־קלאַס, וועלכע זיינען אַנטשלאָסן ניט צו גיין אויף צוריק. איך בין ווירקלעך דערשטוינט, וואָס מען דאַרף איבערחזרן אַזוינע עלעמענטאַרע אמתן, וועלכע האָבן באַדאַרפט זיין די ירושה און די וועגווייזער פון אַלע סאָציאַליסטן".

דעמאָלט זיינען אַזוינע רייד באַטראַכט געוואָרן פון אַלע מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן ווי שרעקלעכע אַפּיקורסות.

די מילעראַן־געשיכטע האָט געפירט צו אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי. עס האָבן זיך געבילדעט צוויי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: איינע, אין שפּיץ פון וועלכער עס איז פאַרבליבן געד, און די צווייטע, — אָנגעפירט פון זשאָרעסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אינטערעסאַנטסטער פּעריאָד אין זשאָרעסעס לעבן, אין פאַרלויף פון וועלכן ער איז באַרימט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט ווי אַ גרויסער סאָציאַליסטישער דענקער, שטאַטסמאַן

און פאָלקס־טריבון און ווי אַן אומדערמידלעכער קעמפער פאַר פרידן און פאַר דעם נצחון פון אמת און גערעכטיקייט אויף דער וועלט.

4

די פיר יאָרן, פון 1898 ביז 1902, וואָס זשאָרעס איז ניט געווען קיין דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט, זיינען געווען די פּרוכטבאַרסטע יאָרן אין זיין ליטעראַרישער קאַריערע. ער פלעגט ווי פריער אַלע וואָך שרייבן פּאָליטישע אַרטיקלען אין דער סאָציאַליסטישער און ראַדיקאַלער פּרעסע. איין מאָל אין מאָנאַט פלעגט ער אויך אַרויסטרעטן אויף פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען. אָבער דאָס איז ניט געווען זיין הויפּט־אַרבעט. פון דער געשיכטע האָט ער געוווּסט, אַז די באַרימטע פראַנצויזישע „ענציקלאָפּעדיע" פון 18טן יאָרהונדערט האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. האָט ער געפּלאַנעוועט צו שאַפן אַ נייע ענציקלאָפּעדיע, וואָס זאָל אויס־פלאַסטערן דעם וועג פאַר אַ סאָציאַליסטישער איבערקערעניש אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. צוזאַמען מיט דער ענציקלאָפּעדיע האָט זשאָרעס אויך געפּלאַנעוועט צו שאַפן אַ פאָלקס־אוניווערזיטעט, אַ פאָלקס־טעאַטער און אַ פּאָפּולערע פאָלקס־פּרעסע.

די סאָציאַליסטישע ענציקלאָפּעדיע האָט לכתחילה געזאָלט באַשטיין פון 12 בענדער. בלויז די צוויי ערשטע און דער לעצטער באַנד האָבן געזאָלט געשריבן ווערן פון זשאָרעסן אַליין. די איבעריקע בענדער האָבן געזאָלט צוגעגרייט ווערן פון אַנדערע באַרימטע סאָציאַליסטישע שרייבער און גע־לערנטע. פון דעם פּלאַן איז אָבער גאָרנישט געוואָרן. די אַנדערע שרייבער האָבן ניט באַוויזן אָנצושרייבן זייערע טיילן. האָט דעריבער זשאָרעס אַליין אָנגעשריבן פינף בענדער. פיר פון די דאָזיקע בענדער, וואָס פאַר־נעמען איבער צוויי טויזנט געדיכטע זייטן און וועלכע באַהאַנדלען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, האָט זשאָרעס אָנגעשריבן אין די יאָרן, צווישן 1898 און 1902.

זשאָרעסעס „סאָציאַליסטישע געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע" איז פון די גרעסטע פראַנצויזישע היסטאָריקער אָנערקענט ווי אַ גרויס ווערק. דער באַרימטער פראַנצויזישער היסטאָריקער אָלאַר, האָט אין 1902 רעצענזירנדיק זשאָרעסעס „סאָציאַליסטישע געשיכטע" געשריבן:

„ער (זשאָרעס) האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ היסטאָריקער אין פולן זינען פון וואָרט און ער האָט אָנגעשריבן, אויף ווי ווייט דאָס איז מעגלעך אין געשיכטע, אַ ווערק פון אמת, אַ ווערק פון וויסנשאַפטלעכער אינס־פּיראַציע".

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט אַ צווייטער באַרימטער פֿראַנצויזישער היסטאָריקער, מאַטיעז, געשריבן: „דעם מאָנומענט, וועלכן זשאָרעס האָט אוועקגעשטעלט דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועט פֿאַרבלייבן. די געשיכטעס, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פֿאַר אים, זיינען אַלע געווען פּאַרטייאיש. זשאָרעס האָט צום ערשטן מאָל אונדז געגעבן אַן עקאָנאָמיש און סאָציאַל בילד פֿון דעם גרויסן קריזיס, וואָס איז געווען דאָס וויגעלע פֿון דער מאָדערנער וועלט״.

זשאָרעס האָט אויך געהאָלפֿן עפֿענען פֿאָלקס־אוניווערזיטעטן פֿאַר די אַרבעטער אין פּאַריז און אין אַנדערע שטעט, און שפּעטער האָט ער אויך געהאָלפֿן גרינדן אַ פֿאָלקס־טעאַטער. די ערשטע פּיעסע, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אין דעם דאָזיקן טעאַטער, איז געווען אַ דראַמע מיטן נאָמען „דאַנטאָן״, פֿון אַן אומבאַקאַנטן שריפֿטשטעלער, וועלכער איז געווען זשאָרעסעס אַ תּלמיד. זשאָרעס האָט פֿריער געהאַלטן אַ לעקציע וועגן דער דאָזיקער דראַמע. מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער איז די דראַמע „דאַנטאָן״ געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפֿאָלג אין די בעסטע טעאַטערס פֿון אייראָפּע און איר פֿאַרפֿאַסער, ראָמען ראָלאַן, איז באַרימט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט ווי איינער פֿון די וויכטיקסטע פֿראַנצויזישע שריפֿטשטעלער.

מאָדנע ווי דאָס זאָל איצט ניט קלינגען, איז עס אָבער אַ פֿאַקט, אַז אין מוזיק האָט זשאָרעס געהאַט אַ שוואַכקייט פֿאַר וואַגנערן און ספּעציעל פֿאַר זיין אָפּערע „מייסטער־זינגער״. זשאָרעסן האָט אמת אינטערעסירט מער די ליברעטאָ פֿון דער דאָזיקער אָפּעראַ, ווי די מוזיק.

פֿון אַלע דראַמאַטורגן האָט זשאָרעס צום שטאַרקסטן געשעצט דעם נאָר־וועגיער הענריק איבסען.

זשאָרעס האָט ניט געהאַלטן פֿון „פֿרייער ליבע״ אָדער פֿון דעם, וואָס עס ווערט פֿאַלש אָנגערופֿן מיט דעם דאָזיקן נאָמען. ער האָט געשריבן, אַז אַ פֿרוי, וואָס גיט זיך אָפּ צו אַ מאַן אָן אַ וועלכער־עס־איז גאַראַנטיע, איז ניט מער ווי אַ שקלאַף, וואָס קען צו יעדער צייט אַרויסגעוואָרפֿן ווערן אויפֿן גאַס.

זשאָרעס אַליין איז געווען אַ מוסטערהאַפֿטער פֿאַמיליע־מאַן. ער האָט ליב געהאַט זיין פֿרוי און כאָטש ער אַליין איז געווען אַן איבערצייגטער אַטעיסט און אַ קעגנער פֿון דער קירך, האָט ער דאָך ניט געשטערט זיין איינציקער טאָכטער מאַדעלעין גיין אין קירך מתוודה זיין זיך פֿאַרן קאַטוי־לישן גלח, פּונקט ווי ער אַליין האָט פֿריער חתונה געהאַט אין קירך, ווייל זיין ווייב איז געווען אַ גלייביקע קאַטאָליטשקע און זי האָט עס געפֿאָדערט.

זשאָרעס האָט ניט געגלייבט אין קיין פּערזענלעכן גאָט אָדער אין יעזוסעס געטלעכקייט, אָבער האָט קיין מאָל ניט אָפּגעלאַכט פֿון די גלויביקע און האָט געשעצט דאָס גוטע, וואָס איז פֿאַראַנען אין קריסטנטום.

די וואַלן צום פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט אין יאָר 1902 האָבן געבראַכט א זיג פאַר די לינקע פּאַרטייען. אויך זשאָרעס איז ווידער דערוויילט געוואָרן ווי א דעפּוטאַט. דער פּרעמיער־מיניסטער וואַלדעק־רוסאָ האָט רעזיגנירט און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען עמיל קאָמב, א שטרענגער רעפּובליקאַנער. ער האָט פאַרגעלייגט זשאָרעסן אַריינצוטרעטן אין זיין קאַבינעט. זשאָרעס האָט ניט געוואָלט ווערן קיין מיניסטער, אָבער ער איז דערוויילט געוואָרן ווי א וויצע־פּאָרזיצער פון פּאַרלאַמענט און א מיטגליד פון דער וויכטיקער קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון אַלע לינקע רעפּובליקאַנישע פּאַרטייען און מיט וועלכער דער פּרעמיער־מיניסטער האָט זיך כסדר בארעטן, ווען די רעגירונג פלעגט דאַרפן אָננעמען א באַשלוס וועגן א וויכטיקער פּרינציפּיעלער פראַגע. זשאָרעס האָט געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אין דער דאָזיקער קאָמיסיע און דורך דער קאָמיסיע האָט ער אויך שטאַרק באאיינפלוסט די רעגירונג. זשאָרעס איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער באַוועגונג אָפּצוטיילן די קירך פון שטאַט. אונטער זיין איינפלוס האָט די רעגירונג דורכגעפירט אזא געזעץ. א טייל פון די רעאַקציאָנערע קאַטוילישע אָרדנס זיינען אויפגעלייזט געוואָרן און די אַנדערע זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער א שטרענגן רעגירונגס־קאָנטראָל. דער געזעץ וועגן אָפּטיילן די קירך פון שטאַט איז ענדגילטיק אָנגענומען געוואָרן אין פּאַרלאַמענט אין יאָר 1905.

נאָך מיט א יאָר פריער, אין אַפּריל, 1904, האָט זשאָרעס געגרינדעט א נייע טעגלעכע צייטונג אין פּאַריז, די „הומאַניטע" (מענטשהייט), אין וועלכער ער האָט אָנגעפירט אַן ענערגישע קאַמפּאַניע פאַר דעם אָפּטיילן די קירך פון שטאַט.

צוליב די אינערלעכע שטרייטן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז זשאָרעס געצוווּנגען געווען אויפצוהערן שטיצן די קאָמב־רעגירונג, און ווי א רעזולטאַט פון דעם איז די רעגירונג אין גיכן געפאַלן. די אָנהענגער פון זשול געד, ווי אויך די צווייטע סאָציאַליסטישע פראַקציע, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם געוועזענעם קאָמונאַר עדוואַרד וואַליאַן, האָבן ניט געקענט מוחל זיין מילעראַנען, וואָס ער איז אַריינגעטראָטן ווי א מיטגליד פון א בורזשואַזן מיניסטאָרן־קאַבינעט. ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַלס מיניסטער פון האַנדל און אינדוסטריע האָט מילעראַן דורכגעפירט א ריי וויכטיקע רעפאָרמען לטובת די אַרבעטער. זיי האָבן אויך ניט געקאָנט פאַרגעבן זשאָרעסן, וואָס ער האָט געשטיצט מילעראַנען. די קעגנערשאַפט צו זשאָרעסן מצד די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן פון געדס חדר איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן אין 1902 אַפילו אַרויסגעשטעלט אין זשאָרעסעס דיסטריקט אַן אייגענעם קאַנדידאַט קעגן אים, כאָטש זייער קאַנדידאַט האָט ניט געהאַט די מינדסטע אויסזיכטן דערוויילט צו ווערן.

פונקט ווי אין דער דרייפוס־אפערע, אזוי אויך אין דעם קאמף צווישן דער קירך און דעם שטאט איז זשאָרעסן אויסגעקומען אויסצושטיין די ביטערסטע אטאקעס אויף אים מצד די געדיסטן. געד האט געהאלטן, אז סאָציאַליסטן דאַרפן ניט פאַרשווענדן זייער ענערגיע אויף דעם קאמף קעגן דער קירך, וועלכע האט צו יענער צייט שטארק באאיינפלוסט דאָס גאַנצע פאָליטישע לעבן פון פראַנקרייך. געד איז, אגב, געווען א דעפוטאט פון א דיסטריקט, וווּ די גרויסע מערהייט פון די וויילער איז באַשטאַנען פון קאַטאָליקן.

אויף דעם געמיינשאפטלעכן קאנגרעס פון די סאָציאַליסטישע פארטייען, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַפּריל, 1903, אין באָרדאָ, האָבן די געדיסטן שטארק אטאקירט מילעראַנען, זשאָרעסן און זשאָרעסעס דאַמאָלס־טיקן נאָענטסטן מיטאַרבעטער, אַריסטיד בריאַן. (ער איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן אוים סאָציאַליסט און איז פיל מאָל געווען פּרעמיער־מיניסטער פון פראַנקרייך. אין 1903 אָבער איז בריאַן נאָך געווען א הייסער סאָציאַליסט). די געדיסטן האָבן געפאָדערט, אז מילעראַן זאָל אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי דערפאַר, וואָס ער האט געבראָכן די פּאַרטיי־דיסציפּלין און האט זיך באַטייליקט אין דער אָפיציעלער אויפנאַמע, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם רוסישן צאַר, ווען ער האט באַזוכט פּאַריז.

זשאָרעס האט אויך קריטיקירט מילעראַנס האַנדלונג. ער האט אָבער פאָרגעשלאָגן, אז מילעראַן זאָל בלויז געטאַדלט ווערן אָבער ניט אויסגע־שלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי, און די דאָזיקע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן מיט א מערהייט פון 109 שטימען קעגן 98.

געד און זיינע אָנהענגער האָבן דעריבער באַשלאָסן אַריבערצוטראָגן די פראַגע, צי סאָציאַליסטן מעגן זיך באַטייליקן אין א ניט־סאָציאַליסטישער רעגירונג פאַרן געריכט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אויף זייער פאַרלאַנג איז די דאָזיקע פראַגע אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן טאָג־אָרדענונג פון דעם קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אין זומער פון יאָר 1904 אין דער שטאָט אַמסטערדאַם.

דער אַמסטערדאַמער קאָנגרעס איז געווען דער גלענצנדסטער אינטער־נאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער צוזאַמענקונפט, וואָס איז ווען אָפּגעהאַלטן געוואָרן. דאָרט זיינען געווען דעלעגאַטן די באַרימטסטע סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער. פון פראַנקרייך זיינען געווען זשאָרעס, געד, וואַליאַן און לאַפאַרג; פון דייטשלאַנד — אויגוסט בעבעל, פאול זינגער, קאַרל קאַוטסקי; פון ענגלאַנד — היינדמאַן, קעיר האַרדי און רעמזי מעקדאָנאַלד; פון רוסלאַנד — פּלעכאַנאָוו, לענין, „באַבושקאַ" ברעשקאָווסקאַיאַ, וויקטאָר טשערנאָוו; פון איטאַליע — ענריקאָ פערי, פיליפּאָ טוראַטי, אַנזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ; פון פּוילן — איגנאַץ דאַשינסקי, יוסף פּילסודסקי און ראָזאַ לוקסעמבורג;

פֿון דער שווייץ — הערמאַן גריילידָ; פֿון האָלאַנד — פּעטראָ טראָלסטראַ; פֿון שפּאַניע — פּאַבלאָ איגלעסיאַס; פֿון שוועדען — בראַנטינג; פֿון די באַלקאַנישע לענדער — בלאַגאָיעוו; פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן — מאָריס הילקוויט און דעניעל דעליאָן.

אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע דעבאַטע צווישן די אַזוי־גערופֿענע „רעפֿאָרמיסטן" און „רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסן" פֿון יענער צייט וועגן דער טאַקטיק פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די פֿאַרשיידענע לענדער. עס האָט זיך געהאַנדלט איבער הויפּט וועגן דעם, צי די פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן מעגן אַריינטרעטן אין אַ בורזשואַזער רעגירונג, וואָס האָט אַ צוועק צו באַשיצן די רעפּובליק. אין פֿראַנקרייך זיינען דעמאָלט די סאָציאַליסטן געווען צעשפּאָלטן אויף עטלעכע באַזונדערע פּאַרטייען. די רעכטע סאָציאַליסטן האָבן זיך גרופּירט אַרום זשאָרעסן, דער פֿירער פֿון די לינקע סאָציאַליסטן איז דאַן געווען זשול געד. אַ חוץ די דאָזיקע צוויי גרויסע פּאַרטייען זיינען געווען נאָך אַ פּאָר קלענערע סאָציאַליסטישע גרופּעס. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך באַמיט צו שאַפֿן אייניקייט צווישן די פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן. אויף יענעם קאָנגרעס האָט זשאָרעס געהאַלטן איינע פֿון די וויכטיקסטע רעדעס, וואָס איז שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ באַזונדערער בראָשור אויף אַ סך שפּראַכן. אָט וואָס זשאָרעס האָט דעמאָלט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„געוויס, איך שטיי אויך פֿאַר אייניקייט, אָבער די אייניקייט דאַרף זיך ניט פֿאַרוואַנדלען אין אַ דריקנדער גלייכמעסיקייט. די רעכט פֿון דער פֿרייהייט מוז גאַראַנטירט ווערן. דער סאָציאַליזם וואָלט פֿאַרלאָרן דעם באַוווסטזיין, אַז ער איז גערעכט, אויב ער וואָלט געוואָלט באַגרענעצן די רעכט פֿון דער מינדערהייט.

מיר חזרן איבער כסדר, אַז דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיין פֿאַראייניקט אין אַ קלאַסן־פּאַרטיי. מיר פֿאָדערן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן, די פֿאַרוואַנדלונג פֿון פּריוואַט־אייגנטום אין קהלישן אייגנטום. מיר קעמפֿן קעגן יעדער פֿאָרם פֿון עקספּלואַטאַציע. און מיר זיינען אויך אייניק אין דעם, אַז אַלע רעפֿאָרמען זיינען ניט נאָר אַ מיטל צו פֿאַרלייכטערן די איצטיקע ליידן פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר אַז זיי דינען אויך צו פֿאַרשטאַרקן די קאַמפּסטפּעאיקייט פֿון אַרבעטער־קלאַס פֿאַר זיין ענד־ציל".

די רעזאָלוציע, וואָס איז פֿאָרגעשלאָגן געוואָרן אויפֿן קאָנגרעס איז געווען, אַז סאָציאַליסטן וועלכע באַטייליקן זיך אין בורזשואַזע רעגירונגען דאַרפֿן אויסגעשלאָסן ווערן פֿון דער פּאַרטיי. פֿאַר דער רעזאָלוציע האָבן גערעדט בעבעל, קאַוטסקי און געד. קעגן האָט גערעדט זשאָרעס. אָבער זשאָרעס האָט ניט אַזוי פֿאַרטיידיקט די באַטייליקונג פֿון סאָציאַליסטן אין

ניט־סאָצאַליסטישע רעגירונגען, ווי ער האָט געזוכט צו איבערצייגן די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַז זייער טאַקטיק איז אַ פֿאַלשע.

ווי אַזוי, האָט ער געפֿרעגט, קענען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן נעמען אויף זיך די אויפֿגאַבע צו דיקטירן די פּאָליטיק און טאַקטיק פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין די פֿרייע לענדער, ווען זיי אַליין האָבן ניט געהאַט קיין שום דערפֿאַרונגען אין רעוואָלוציעס און אין פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע? „דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט, האָט זשאָרעס געזאָגט, האָט ניט אויסגעקעמפֿט די אַלגעמיינע וואַלרעכט אויף באַריקאַדן, נאָר ער האָט עס באַקומען אַלס מתנה פֿון אויבן... איר האָט ניט קיין רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס און האָט אויך נישט קיין פּאַרלאַמענטאַרישע מאַכט. איר זייט דאָס איינציקע לאַנד וווּ אַ סאָציאַליסטישע מערהייט אין פּאַרלאַמענט וואָלט ניט געמיינט, אַז די סאָציאַליסטן ווערן טאַקע די באַלעבאַטים פֿון לאַנד. אייער פּאַרלאַמענט איז נאָר אַ האַלבער פּאַרלאַמענט, אָן עקזעקוטיוו מאַכט, אָן רעגירונגס־מאַכט, זיינע באַשלוסן קענען איגנאָרירט ווערן פֿון דער קייזערלעכער רעגירונג".

„די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָט זשאָרעס ווייטער געזאָגט, זיינען ניט קוקנדיק אויף זייערע דריי מיליאָן שטימען פּאַקטיש מאַכטלאָז און זיי פֿאַרמאַסקירן זייער מאַכטלאָזיקייט מיט רעוואָלוציאָנערע טעאָריעס".

„וואַנדערוועלדע האָט דאָ געפֿונען פֿאַר נייטיק אַרויסצוטרעטן קעגן די רעפֿאָרמיסטן, וועלכע ווילן רעפֿאָרמען ווי אַ מיטל צו פֿאַרשטאַרקן די בורזשואַזע געזעלשאַפֿט. אָבער ווּ האָט איר געזען אָט די רעפֿאָרמיסטן? איך ווייס ניט פֿון אַזעלכע. אַלע רעפֿאָרמען זיינען בלויז שטופֿן אויפֿן וועג צו אונדזער ציל. די רעטונג פֿון דער רעפּובליק, די פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון פּאָליטישער פֿרייהייט, די אָפּטיילונג פֿון דער קירך פֿון דער מלוכה, אַרבעטער־שוץ־געזעצן, די רעפֿאָרם פֿון דער שטייער־סיסטעם — דאָס זיינען אַלץ מיטלען צו דערגרייכן דעם רעוואָלוציאָנערן ענד־ציל, די באַפֿרייאונג פֿון דער אונטערדריקטער אַרבעט.

„מיר ווילן ניט פֿאַרשווייגן די עקזיסטענץ פֿון קלאַסן־קעגנזאַצן. דער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך אָרגאַניזירן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש. אויף אַזוי ווייט בין איך איינשטימיק מיט דעם זין און מיטן תוך פֿון דער פֿאָרגעשלאָגענער רעזאָלוציע. אָבער די רעזאָלוציע זעט ניט, אַז טאַקע אין די אינטערעסן פֿון פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף דאַרף מען אַפּעלירן צו די אַלע דעמאָקראַטישע כחות אויסער דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס דרעמלען אין דער געזעלשאַפֿט. מען דאַרף אָט די בורזשואַזע דעמאָקראַטן מאַכן נוצלעך פֿאַר די אינטערעסן פֿון אַרבעטער־קלאַס, כדי צו קעמפֿן קעגן דער רעאַקציע און פֿאַר רעפֿאָרמען.

„די פאַרגעשלאָגענע רעוואָלוציע איז אין דעם פּרט דורכגעדרונגען מיט א קליינלדיקן גייסט. דורך א רעוואָלוציע קען ניט געשאַפן ווערן קיין אינטערנאַציאָנאַלע איינינקייט און מ'קען ניט בינדן די טעטיקייט פון פּראָלעטאַריאַט. וואָס איז דער פונדאַמענט פון אָט דער רעוואָלוציע? זי איז דורכגעדרונגען מיט אַן אומצוטרוי צו דעם פּראָלעטאַריאַט. די פאַרפאַסער פון דער רעוואָלוציע האָבן מורא, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קען זיך פאַרלירן אין די קאָמפּראָמיסן און אַז ער וועט איבערגעפירט ווערן פון דעם וואָס ער וועט קאָאָפּערירן מיט דער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. פון איין זייט שרייבט מען צו דעם פּראָלעטאַריאַט די ברייטסטע צילן. מ'זאָגט אים, אַז ער וועט דעראָבערן די גאַנצע וועלט, אַז ער וועט שאַפן א נייע געזעלשאַפט, און פון דער אַנדערער זייט האַלט מען אים פאַר אַזוי מינדעריאַריק און ניט־רייף, אַז מען ציטערט, אַז ער זאָל זיך ניט לאָזן באַשווינדלען. וואָס רייפער עס איז דער אַרבעטער־קלאַס פון א לאַנד, וואָס שטאַרקער ער איז, אַלץ אַנטשיידי־קער נעמט ער אָן אַן אונזער טאַקטיק (דאָס הייסט, זשאָרעסעס טאַקטיק — ד. ש.); דאָרט ווו עס עקזיסטירט פולשטענדיקע פרייהייט פון באַוועגונג און פון האַנדלונג, דאָרטן שווימען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אַרויף נייע פּראָבלעמען. אַזוי איז דאָס אין איטאַליע, אין בעלגיע, אין ענגלאַנד א"א. אין ענגלאַנד איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג שוואַך ניט דערפאַר, ווי עס דענקט בעבעל, וואָס די ענגלישע בורזשואַזיע האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דורך קלייניקע רעפאָרמען אָפּצוציען די אַרבעטער פון דעם, אַז זיי זאָלן זיך אָר־גאַניזירן אין אַן אייגענער פּאַרטיי, נאָר דערפאַר, וואָס די ענגלישע סאָציאַ־ליסטן, וועלכע זיינען פאַרהיפּנאָטיזירט דורך דער טעאָריע פון קאַטאַסטראָפע (דאָס הייסט, אַז דער סאָציאַליזם וועט קומען ווי א רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליזם וועט פּלוצלונג צוזאַמענברעכן און די אַרבעטער וועלן מאַכן א סאָציאַלע רעוואָלוציע. — ד. ש.), האָבן ניט באַוויזן צו קומען צו אַן ענגער באַרירונג מיטן אַרבעטער־קלאַס דורך פּראַקטישער טאָג־טעגלעכער אַרבעט. איצט אָבער מערקט זיך אויך דאָרטן ווי דער סאָציאַליסטישער גע־דאַנק דערנענטערט זיך אַלץ מערער צו דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג".

ווען זשאָרעס האָט געהאַלטן די דאָזיקע רעדע איז די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. דעם טאָן אין דער ענגלישער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג האָבן דעמאָלט געגעבן די פירער פון דער מאַרקסיסטיש שטרענג־אויסגעהאַלטענער „סאָשעל דעמאָקראַטיק פעדערעישאָן", וואָס האָט געפּרעדיקט „רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם" און האָט פון אויבן אַראָנטער געקוקט ניט נאָר אויף די פירער פון די קאָנסערוואַטיווע פּראָפעסיאָנעלע־פאַראיינען, נאָר אויך אויף קיער, האַרדין און די אַנדערע „רעפאָרמיסטן", וועלכע האָבן שפּעטער דורך זייער פּראַקטישער און אומדערמידלעכער אַר־

בעט אין די פּראָפעסיאָנעלע־פֿאַראײנען געבראַכט דערצו, אַז ס׳זאָל געשאַפֿן ווערן די לעיבאָר פּאַרטיי. זשאָרעס האָט געהאַלטן, אַז די פֿאַלשע טאַקטיק פֿון די ענגלישע „רעוואָלוציאָנערע" סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז שולדיק אין דעם, וואָס דער סאָציאַליזם מאַכט ניט קיין פֿאָרשריט אין ענגלאַנד. די ווירקלעכקייט האָט טאַקע באַוויזן, אַז ער איז געווען גערעכט.

די מאַיאָריטעט פֿון קאָנגרעס האָט אָבער געשטימט פֿאַר דער רעזאָלוציע. זשאָרעס האָט געקענט איגנאָרירן דעם באַשלוס פֿון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. ער וואָלט געקענט ווערן אַ מיניסטער פֿון אַ ראַדיקאַלער רעגירונג, ווי דאָס האָט געטאָן מילעראַן. און אַ גרויסער טייל פֿון די פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן וואָלט אים דורכויס געשטיצט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז די אַמסטערדאַמער רעזאָלוציע איז געווען אַ טעות. ער האָט אָבער דאָך באַשלאָסן זיך צו אונטערוואַרפֿן דעם באַשלוס פֿון אינטערנאַציאָנאַל האָפֿנדיק, אַז אים וועט אויף די שפּעטערדיקע קאָנגרעסן געלינגען צו באַוועגן די מאַיאָריטעט סאָציאַליסטן פֿון די אַנדערע לענדער אָנצונעמען אַ מער פּראַקטישע קאָנסטרוקטיווע פּאָליטיק.

אַ חוץ דעם איז זשאָרעס געווען איבערצייגט, אַז די אינטערעסן פֿון דער פֿראַנצויזישער דעמאָקראַטיע, פֿון סאָציאַליזם און פֿון דעם וועלט־פֿרידן פֿאָדערן אַ באַלדיקע פֿאַראײניקונג פֿון אַלע סאָציאַליסטישע גרופּן אין פֿראַנקרייך אין איין פּאַרטיי און די דאָזיקע פֿאַראײניקונג וועט ניט מעגלעך זיין, אויב ער זאָל זיך ניט אונטערוואַרפֿן דעם באַשלוס פֿון אינטערנאַציאָנאַל.

זשאָרעס האָט דעריבער באַלד נאָך דעם אַמסטערדאַמער קאָנגרעס רעזיגנירט פֿון דעם געמיינזאַמען קאָמיטעט פֿון אַלע לינקע פּאַרטייען אין פּאַרלאַמענט. אין 1905 האָט ער זיך באַטייליקט אין דעם פֿאַראײניקונג־קאָנגרעס פֿון דער פֿראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט שלום געמאַכט מיט געדן. מילעראַן איז אַוועק פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. שפּעטער האָבן זיין ביישפּיל אויך נאָכגעפֿאָלגט בריאַן און וויוויאַני. אָבער וואַליאַן, פּרעסענסע, רענאַדעל און אַנדערע פּראָמינענטע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געווען קעגן געדס טאַקטיק, זיינען פֿאַרבליבן אין דער פֿאַראײניקטער פּאַרטיי. געד, זשאָרעס און וואַליאַן זיינען צוזאַמען געזעסן אין דעם שטענדיקן אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט אָדער אַקציאָנס־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי. אָבער ווי דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער „הומאַניטע" און ווי דער פֿירער פֿון דער סאָציאַליסטישער פֿראַקציע אין פּאַרלאַמענט איז זשאָרעס געוואָרן דער אָנערקענטער פֿירער פֿון דער פֿאַראײניקטע סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די „הומאַניטע" האָט פֿון אָנהייב געהאַט אַ גאַנץ קליינע צירקולאַציע. אָבער וואָס ווייטער איז דער פּרעסטיזש פֿון דער צייטונג אַלץ מער געשטיגן.

זי האָט געהאַט צווישן אירע שטענדיקע מיטאַרבעטער אַזוינע באַרימטע שריפטשטעלער ווי אַנאַטאַל פראַנס, אָקטאַוו מירבאָ, זשול רענאַר, לוסיען הערר, לעאָן בלום און אַנדערע. דער לייטאַרטיקל פלעגט כמעט יעדן טאָג געשריבן ווערן פון זשאָרעסן אַליין.

אין די ערשטע יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט איז אין די סאָציאַליסטישע קרייזן פון אייראָפּע זייער פיל דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע וועגן אַ גענעראַל־סטרייק. די סינדיקאַליסטן־אַנאַרכיסטן האָבן שטאַרק פּראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק פון אַ רעוואָלוציאָנערן גענעראַל־סטרייק, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט. זשאָרעס האָט דעמאָלט פאַרעפנט־לעכט אַן אַרטיקל: „גענעראַל־סטרייק און רעוואָלוציע", אין וועלכן ער האָט געשריבן:

לויט מיין מיינונג קען אַ גענעראַל־סטרייק זיין דערפאָלגרייך און נוצלעך נאָר אונטער דריי באַדינגונגען:

„1. ס'איז נייטיק, אַז דער ציל צוליב וועלכן דער סטרייק איז דער־קלערט געוואָרן, זאָל ווירקלעך מיט זיך פאָרשטעלן די אמתע און טיפע שטרעבונגען פון דעם אַרבעטער־קלאַס;

„2. ס'איז נייטיק, אַז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון לאַנד זאָל אין איר גרויסער מערהייט שוין זיין גענוג רייף, אַז זי זאָל אָנערקענען די גערעכ־טיקייט פון דעם דאָזיקן ציל, און

„3. ס'איז נייטיק, אַז דער גענעראַל־סטרייק זאָל זיין ניט קיין פאַר־מאַסקירטער גוואַלד־מיטל, נאָר די פאַרווירקלעכונג פון געזעצלעכן רעכט פון סטרייק, אַ מער סיסטעמאַטישער, אַ גרעסערער און מיט אַ קלאָר־אויסגע־דריקטן קלאַסן־כאַראַקטער.

„פריער פון אַלץ איז נייטיק, אַז די גאַנצע מאַסע אָרגאַניזירטע אַרבעטער זאָל זיין באַגייסטערט פאַרן ציל, צוליב וועלכן דער סטרייק איז דערקלערט געוואָרן".

ווען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די מער באַוווּסטזיניקע און אָרגאַני־זירטע אַרבעטער זאָלן אונטערן איינפלוס פון אַ באַשטימטער פּראָפּאַגאַנדע אָנהייבן אַ קאַמף פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג אָדער פאַר אַרבעטס־לאָזע פאַרזיכערונג־געזעצן און די מאַכטהאָבער זאָלן זיך שטעלן קעגן דעם אָדער זאָלן זוכן אַרויסצודרייען זיך פון נאָכגעבן די דאָזיקע פאָדערונגען, וועט דער אַרבעטער־קלאַס אין דער טיפעניש פון זיין באַוווּסטזיין געפינען גענוג ענערגיע און לײדנשאַפט צו דערקלערן אַ גרויסן, דויערנדיקן־סטרייק.

אָבער באַגייסטערונג אַליין איז נאָך ניט גענוג. אַפילו ווען דער אַרבע־טער־קלאַס זאָל אַליין אָנהייבן דעם קאַמף מיט זיין אייגענעם ווילן און ניט

דערפֿאַר וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט דעם קאַמף אַרויסגערופֿן, וועט עס אויך ניט ענדערן די לאַגע. עס איז נאָך נייטיק, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל איבערצייגן אַ באַדייטנדן טייל פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג, אַז זיינע פֿאָדערונגען זיינען גערעכטע און זיי קענען גלייך פֿאַרווירקלעכט ווערן.

ס'איז נשוט קינדיש צו מיינען, אַז אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע קען זיין אַ רעזולטאַט פֿון מיספֿאַרשטענדניש; אַז מ'קען דעם אַרבעטער־קלאַס אַריינציען אין אַ קאַמף, וואָס זאָל איבערשטייגן זיינע אייגענע צילן. ענדערונגען אין די געזעלשאַפֿטלעכע באַציאונגען קענען ניט קומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַ פֿלינקער מאַנעווער. אויב אָבער מען זאָל די אַרבעטער פֿריער זאָגן קלאָר, אַז זיי דאַרפֿן פֿאַרלאָזן די פֿאַבריקן מיטן געדאַנק צוריקצוקערן זיך אַהין בלויז דאַן, ווען דער קאַפּיטאַליזם וועט אָפּגעשאַפֿט ווערן, וועט דער רעזולטאַט זיין ניט קיין בעסערער. דער שכל־הישר און דער אינסטינקט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס וועלן אים זאָגן, אַז אַזאַ קאָמפּליצירטע געזעלשאַפֿט ווי אונדזערע קען ניט באַנייט ווערן דורך אַ פּלוצלונג־אויסגעבראָכענעם אויפֿשטאַנד. די באַנייאונג מוז פֿאָרקומען ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַ לאַנגזאַמער אַרבעט פֿון די פֿאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און דורך אַ ריי רעפֿאָרמעס.

איך האָב אין אַן אַנדער פּלאַץ שוין פֿולשטענדיק באַוויזן, אַז דער דערפֿאָלג פֿון דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע פֿון יאָר 1789 איז געוואָרן מעגלעך נאָר דערפֿאַר, וואָס הינטער דער רעוואָלוציע איז געשטאַנען די ריזיקע מערהייט פֿון פֿאָלק. אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע נייטיקט זיך, לויט מיין מיינונג, נאָך מער אין דעם מיטגעפֿיל פֿון דער ריזיקער מערהייט פֿון פֿאָלק.

איך באַהויפּט, אַז די סאַמע ענערגישסטע אָנשטרענגונגען פֿון אַ סאָציאַליסטישער מינדערהייט וואָלטן געווען ניט גענוג צו פֿאַרווירקלעכן אונדזער ציל און אַז מיר דאַרפֿן דעריבער אַריבערגעווינען אויף אונדזער זייט די סימפּאַטיע, אויף ווי ווייט מעגלעך, פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט. און אָט פֿאַר וואָס:

פֿריער פֿון אַלץ וועט די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע מינדערהייט האָבן פֿאַר זיך ניט קיין פּאַסיווע, ניט רירעוודיקע מאַסע. פֿאַר די לעצטע 120 יאָר, דאָס הייסט, זינט דער גרויסער רעוואָלוציע האָט די מענטשלעכע ענערגיע, וואָס איז אויפֿגעוועקט געוואָרן נאָך אין דער עפּאָכע פֿון רענעסאַנס, ווידער אויפֿגעלעבט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפֿט. צווישן אַלע קלאַסן, אונטער אַלע באַדינגונגען, געפֿינען מיר איצט אַן אַקטיוון ווילן, טעטיקע קרעפֿטן. דער מענטש האָט אומעטום אָנגעהויבן צו פֿילן זיין קראַפֿט. דער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין האַלבן שלאָף און פֿון פּאַסיוויטעט, אָבער אויך די קליין־בורזשואַזיע ווייזט אַרויס טעטיקייט. ניט

קוקנדיק אויף די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע דריקן איר אָפּט, איז זי נאָך ווייט ניט געבראָכן און זי מאַכט פֿאַרשיידענע פֿאַרזוכן צו שטעלן זיך אויף די פֿיס. און הגם זי זוכט אָפּט איר רעטונג אין פֿאַרשיידענע רעאַקציאָנערע פּלענער, פֿירט זי אָפּט אָן אַ נידערטרעכטיקע פּאָליטיק, און איז דורכגעדרונגען מיט אַ נוצלאָזן נאַציאָנאַליזם, שטעלט זי מיט זיך דאָך פֿאָר אַן אַקטיווע פֿירנדיקע קראַפֿט. מען קען זיכער זיין אַז זי, די קליין־בורזשואַזיע וועט אַרויסווייזן אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווען מען וועט איר כאָטש טיילווייז באַצייטנס ניט צוציען צו דער דאָזיקער באַוועגונג.

פּונקט אַזוי האָבן די קליינע אייגנטימער, די פּויערים, פֿון די צייטן פֿון דער רעוואָלוציע אָן, געשפּילט אין אונדזער געשיכטע אַ גאַנץ וויכטיקע ראָלע זייענדיק געניינגט אין איין צייט צו דער רעאַקציע און אין אַן אַנדער צייט צו דער ליבעראַלער באַוועגונג. אין יאָר 1851 האָבן זיי זיך דערשראָקן פֿאַרן רויטן געשפּענסט און האָבן געהאָלפֿן דורכפֿירן די מלוכה־איבערקערעניש און די ווידער־אויפֿשטעלונג פֿון דער מאָנאַרכיע. שפּעטער זיינען זיי ביסלעכווייז אַריבער אויף דער זייט פֿון דער רעפּובליק, און איצט שטעלן זיי מיט זיך פֿאָר אַ שטאַרקע שטיצע פֿאַר דער רעפּובליק. זיי פֿאַרשטייען אויסגעצייכנט זייער פּאָליטישע מאַכט. זיי זיינען אַריינגעדרונגען אין די שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען, זיי קענען דערוויילט ווערן ווי דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט און אין סענאַט און זיי וואָלטן פֿאַר קיין פֿאַל ניט דערלאָזן אַזאַ סאָציאַלע באַוועגונג, וואָס וואָלט זיי אין גאַנצן איגנאָרירט. דעריבער האַלט איך פֿאַר פֿאַלש די מיינונג, אַז כדי צו זיגן איז פֿאַר די סאָציאַליסטן בלויז גענוג, אַז די פּויערים זאָלן בלייבן פּאַסיוו און אַז זיי וועלן זיך כלומרשט ניט אַריינמישן אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ביי גרויסע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען וועט קיין איין באַדייטנדע סאָציאַלע קראַפֿט ניט פֿאַרבלייבן נייטראַל. ווער עס וועט זיין ניט מיט אונדז, דער וועט זיין קעגן אונדז.

אַ חוץ דעם, אין אַ קאָלעקטיוויסטישער געזעלשאַפֿט וועט זיך פֿאָדערן די מיטאַרבעטערשאַפֿט פֿון די פּויערים. זייער ווידערשטאַנד וועט זיין גענוג אָפּצושוואַכן און אומצוברענגען די רעוואָלוציע. זיי אָנערקענען זייער מאַכט און זיי וועלן זי ניט אַרויסלאָזן פֿון די הענט. זייער פֿעאיקייט צו איניציאַטיוו אין עקאָנאָמישע פֿראַגן, וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע יאָרן, זייער באַגייסטערטע שטרעבונג צו פּראָגרעס — דאָס אַלץ ווייזט, אַז זיי וועלן ניט בלייבן קיין גלייכגילטיקע און פּאַסיווע צושויער פֿון די גרויסע סאָציאַלע באַוועגונגען, וואָס זייערע רעזולטאַטן וועלן תיכף מוזן האָבן אַ ווירקונג אויף זייער אייגענעם לעבן. זיי וועלן ווערן אָדער אַנהענגער פֿון דער באַוועגונג אָדער אירע קעגנער.

מען דאַרף נאָך צוגעבן דערצו אַז די פּריווילעגירטע קלאַסן פֿון אונדזער צייט האָבן איצט אַ סך אַ גרעסערן איינפֿלוס און דעריבער אויך אַ סך אַ גרעסערע מאַכט, ווי די הערשנדע קלאַסן פֿון פֿאַר־דער־רעוואָלוציע פֿון 1789. די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע איז נאָך זייער לעבנספֿעאיק און זי פֿאָלגט נאָך דעם גאַנג פֿון דעם וויסנשאַפֿטלעכן פּראָגרעס. זי פֿירט כסדר איין אַלץ נייע מעטאָדן פֿון פּראָדוקציע און באַנייט די פּראָדוקציע־מיטלען. אַפֿילו אויף דעם געביט פֿון סאָציאַלן קאַמף, פֿון קלאַסן־קאַמף, באַנייט זי אויך שטענדיק אירע קאַמפֿס־מעטאָדן. וואָס פֿאַר אַ געוואַלדיקער אונטערשייד ס'איז צווישן דער פֿריערדיקער ענערגיע פֿון דעם קאַפּיטאַליסט פֿון אונדזער צייט מיטן גביר פֿון די אַמאָליקע צייטן. אייניקע פֿון אונדזערע קאַפּיטאַליסטן, פּונקט ווי די באַוווּסטע אַמעריקאַנער מיליאָנערן, האָבן, קען מען זאָגן, געוירשנט נאַפּאָלעאָנס ענערגיע.

דעם אַרבעטער־קלאַס וועט, אַזוי אַרום אויסקומען אַרויסצורייסן פּריווילעגיעס ניט ביי זאָרגלאָזע פֿאַרשלאָפֿענע קלאַסן, נאָר ביי ענערגישע און דרייסטע קלאַסן, וועלכע פֿאַרמאָגן אַ ברייטן האָריזאָנט. ווי אַזוי־זשע וועט דער אַרבעטער־קלאַס זיין אימשטאַנד דורכצופֿירן די דאָזיקע אויפֿגאַבן, אויב ער וועט ניט האָבן אויף זיין זייט די גאַנצע נאַציע?

אויב די גרויסע מאַסע פֿון פֿאָלק וועט זיין פֿיינדלעך צו אים, וועט ער פּשוט צעריבן ווערן. נאָר אויב אַפֿילו די גרויסע מאַסע פֿון פֿאָלק זאָל בלויז ניט האָבן קיין צוטרוי צו אים, וועט די בורזשואַזיע תיכף זען צו פֿאַרוואַנדלען אָט דעם אומצוטרוי אין אַ פֿיינדשאַפֿט.

די אויסערגעוויינלעכע רירעוודיקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן מאָדערנעם לעבן, די אויפֿגעוואַכטע ענערגיע פֿון די מאַסן, מאַכן אוממעגלעך אַנטשיידענע האַנדלונגען פֿון אַ מינאָריטעט.

צווייטנס, די איבערקערעניש אין די אייגנטום־באַציאונגען, וועלכע דער סאָציאַליזם וויל און קען דורכפֿירן, איז פֿיל ברייטער, פֿיל טיפֿער און פֿיל קאָמפּליצירטער ווי די איבערקערעניש, וואָס איז אין 1789 געמאַכט געוואָרן פֿון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע.

דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום געפֿינט זיך אין די הענט פֿון פֿיל מענטשן. דער קאַפּיטאַל איז צופֿיל צעברעקלט. מיר געפֿינען קליינע אייגנטימער אומעטום, אַפֿילו אין די דערפֿער, און אויב אַ מינדערהייט זאָל אין איין שיינעם טאָג געלינגען דורך אַ רעוואָלוציע צו פֿאַרניכטן דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום, וואָלט עס אַרויסגערופֿן אַ ווידערשטאַנד אַפֿילו דאָרט, וווּ עס איז איצט שווער דאָס פֿאָרויסצוזען. די קליינע און מיטלע אייגנטימער וועלן צושטימען, אַז דאָס קאַפּיטאַליסטישע אייגנטום זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין געזעלשאַפֿטלעכן אייגנטום נאָר אין דעם פֿאַל, ווען מען זאָל זיי

ברענגען דערצו שטופֿנווייז, און דורך גאַנץ באַשטימטע אַקטן, ווי זייערע אינטערעסן וועלן זיין פֿאָלשטענדיק פֿאַרזיכערט. דורכפֿירן אָבער די רעפֿאָרמען און איינשטעלן אָט די גאַראַנטיעס קען מען נאָר דורך רואיקע פֿאַרהאַנדלונגען און דורך דעם געזעצלעכן ווילן פֿון דער מערהייט פֿון פֿאָלק.

פּונקט אַזוי וועט זיין אומעגלעך אַן איבערקערעניש אין דעם ערד־אייגנטום און דער איבערגאַנג צו אַ ברייט קאָמוניסטישער פֿאָרם, אַזוי לאַנג ווי די פּויערים־אייגנטימער וועלן ניט זיין דורכאויס באַשיצט. די צושטימונג פֿון די מיטעלע פּויערים איז ספּעציעל נייטיק דערפֿאַר, וואָס די צאָל קליינע פּויערים ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלענער. זיי אָבער וועלן ניט צושטיין צו אַ באַוועגונג, וועלכע וועט זיך אָנהייבן פּלוצלונג און די רעזולטאַטן פֿון וועלכער זיי קענען פֿריער ניט פֿאָרויסזען. זיי וועלן נאָר דאַן געבן זייער צושטימונג צו אַזאַ באַוועגונג, ווען זיי וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַטייליקן זיך אין איר און וועלכע וועט, פֿאַרגרעסערנדיק זייערע פּראָדוקציע־קרעפֿטן אַן זייער וואוילזיין, אויך באַרואיקן זיי פּולשטענדיק וועגן די צילן און דעם תוך פֿון סאָציאַליזם.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אין יאָר 1789 איז פֿאַר דער רעוואָלוציע געשטאַנען אין באַצוג צו פּריוואַט־אייגנטום בלויז אַ נעגאַטיווע אויפֿגאַבע. די רעוואָלוציע צעשטערט, אָבער ניט געשאַפֿן. זי האָט עקספּראָפּריאירט די פֿאַרמעגנס פֿון די קירכעס און האָט זיי דערנאָך אויסגעפֿאַרקויפֿט. זי האָט זיי תיכּף פֿאַרוואַנדלט אין פּריוואַט־אייגנטום לויט דעם סאָרט, וועלכער האָט פֿריער עקזיסטירט, פּונקט אַזוי האָט זי, פֿאַרניכטנדיק די פּריווילעגיעס פֿון די פֿעאָדאַלע באַראָנען, בלויז באַפֿרייט די פּויערים פֿון די שווערע שטייער־לאַסטן. דעם פֿונדאַמענט אָבער פֿון פּריוואַט־אייגנטום האָט זי ניט אָנגערירט. דער פּויער איז געוואָרן בלויז אַ פֿעסטערער אייגנטימער פֿון דעם, וואָס ער האָט שוין פֿריער פֿאַרמאָגט. אויף אַזאַ אופֿן האָט די רעוואָלוציע ניט אַרויסגערופֿן קיין נייע פֿאָרמען פֿון אייגנטום. זי האָט ניט געשאַפֿן קיין נייע סאָציאַלע אָרדענונג. זי האָט זיך באַנוגנט בלויז מיט צערייסן די אַלטע פּענטעס. פֿאַר יענער רעוואָלוציע איז ניט געשטאַנען די אויפֿגאַבע פֿון אָרגאַניזאַציע און פֿון שאַפֿן אַ נייע אָרדענונג. די געזעלשאַפֿט האָט דערוואַרט פֿון דער רעוואָלוציע, אַז זי זאָל בלויז צעשטערן דאָס אַלטע און אַזוי שנעל ווי דער צעשטערונגס־פּראָצעס איז פֿאַרענדיקט געוואָרן, האָט די געזעלשאַפֿט אַליין מיט דערפֿאָלג פֿאָרגעזעצט די אָנגעהויבענע אַרבעט.

אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע וועט אָבער ניט קענען באַגנוגענען זיך בלויז מיט צעשטערן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. זי וועט נאָך דאַרפֿן שאַפֿן אַ נייע אָרדענונג. זי וועט דאַרפֿן רעאָרגאַניזירן די פּראָדוקציע אויף גאַנץ נייע יסודות און רעגולירן די אייגנטום־באַציאונגען. שטעלט זיך

אויף אַ מינוט פֿאַר, אַז מאָרגן וועט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג פֿאַרניכטעט ווערן, שטעלט זי פֿאָר אַז דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָפֿיט איז פֿאַרניכטעט, אַז די געזעלשאַפֿט איז באַפֿרייט פֿון צאָלן אירע חובות, אַז מען דאַרף מער ניט צאָלן קיין דירה־געלט, אַז די פֿאַרמער צאָלן מער ניט קיין אַרענדע, אַז זיי דאַרפֿן מער ניט אַוועקגעבן אַ העלפֿט פֿון זייערע פּראָדוקטן צו די קאַפּיטאַליסטישע פֿאַרמיטלער; מיט איין וואָרט, אַז עס עקזיסטירן מער ניט קיין רענט, קיין פּראָפֿיט, קיין דיווידענדן און קיין איינקונפֿטן פֿון פּראָדוקציע. אויב אָבער עס וועט גלייך נאָך דער צעשטערונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג ניט געשאַפֿן ווערן אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אויב די געזעלשאַפֿט וועט ניט וויסן אין פֿאָרויס, ווער און ווי אַזוי אָט די אַרבעט וועט געפֿירט ווערן, וואָס עס וועלן זיין די פֿונקציעס פֿון דער מלוכה, פֿון די שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען און פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע־פֿאַראיינען און לויט וועלכע פּרינציפּן דער פּראָדוצירער וועט באַקומען באַצאָלט פֿאַר זיין אַרבעט; אויב די געזעלשאַפֿט וועט ניט זיין אימשטאַנד צו פֿאַרזיכערן, אַז די נייע סאָציאַלע אָרדענונג זאָל פֿונקציאָנירן ווי געהעריק, וועט זי גלייך אַריינפֿאַלן אין אָפּגרונט פֿון צרות און אומאָרדענונגען און זי וועט סוף כּל סוף אומקומען.

אָבער אַ נייע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע קען ניט געשאַפֿן ווערן פֿון אַ מינאָריטעט. זי קען פֿונקציאָנירן נאָר מיט דער צושטימונג פֿון דער ריזיקער מערהייט בירגער. און בלויז די מערהייט איז אימשטאַנד ביסלעכווייז אויסצוהאָדעווען די שפּראָצונגען פֿון דער נייער געזעלשאַפֿט. נאָר אָט די ריזיקע מערהייט קען ביסלעכווייז פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אומאָרדענונג שאַפֿן פֿאַרשיידענע נייע פֿאָרמען פֿון סאָציאַליסטישן אייגנטום: קאָאָפּעראַטיוון, שטאָטישן און מלוכה־אייגנטום. און זי וועט פֿאַרניכטן די לעצטע שטיץ־פּונקטן פֿון קאַפּיטאַליזם ניט פֿריער ווי עס וועט פֿאַרפֿעסטיקט ווערן דער פֿונדאַמענט פֿון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, אין אָט דער אומגעהויערער אַרבעט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן אויפֿבוי איז נייטיק די באַטייליקונג אויף ווי ווייט מעגלעך פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט.

מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן דעם גאַנץ נייעם און גראַנדיעזן כאַראַקטער פֿון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. איר ציל איז דער וווילזיין פֿון דער גאַנצער מענטשהייט. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע וועט אַ גרויסע סאָציאַלע רעפֿאָרמע האָבן ווי איר ציל ניט צו פֿאַרבייטן די הערשאַפֿט פֿון איין קלאַס אויף דער הערשאַפֿט פֿון אַ צווייטן קלאַס, נאָר די פֿולשטענדיקע אָפּשאַפֿונג פֿון קלאַסן און די שאַפֿונג פֿון אַ סאָציאַליסטישער געמיינשאַפֿט.

אין די רעוואָלוציעס פֿון 1830 און 1848 האָט די אויפֿגעשטאַנענע רעוואָלוציאָנערע מינאָריטעט געקענט דענקען, ריידן און צווינגען די געזעלשאַפֿט צו דענקען, אַז די רעוואָלוציאָנערע מינאָריטעט דריקט אויס די מיי־

נונגען פון דער מערהייט, ווייל ביי דעם דעמאָלדיקן באַגרענעצטן וואַל־רעכט האָט מען ניט געקענט וויסן אויף זיכער די שטימונג פון דער מערהייט פון פאָלק. איך רעד ניט וועגן דער פראַנצויזישער אימפעריע, וועלכע איז געפאַלן גיכער ווי אַ רעזולטאַט פון דער נידערלאַגע פון איר אַרמיי, ווי אַ רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע. אָבער די מערקווירדיקע שוואַכקייט פון דער קאָמונע, אין יאָר 1871, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט געהאַט קעגן זיך אַ פּאַרלאַמענט, וועלכער, ווי רעאַקציאָנער ער איז ניט געווען, האָט ער דאָך אויסגעזען ווי אַ דערוווילטער אויפן גרונט פון אַלגעמיינעם גלייכן וואַלרעכט, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם ווילן פון פאָלק.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָבער באַגנוגנט זיך ניט בלויז מיט פאָדערן אַלגעמיינעם און גלייכן וואַלרעכט. זי פאָדערט אויך פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט. און דאָס מיינט, אַז יעדער טייל פון דער געזעלשאַפט, יעדע באַזונדערע שטרעמונג אין לאַנד און אין דער געזעלשאַפט, זאָל געפינען איר אויסדרוק אין פּאַרלאַמענט. דאָס מיינט שטרעבן דערצו, אַז יעדע באַזונדערע פּאַרטיי זאָל אין פּאַרלאַמענט האָבן די צאָל דעפּוטאַטן, צו וועלכער זי איז באַרעכטיקט לויט דער צאָל אָנהענגער אירע אין לאַנד. און דאָס מיינט צו דערקלערן פאַר ניט גילטיק יעדן געזעץ, וועלכער איז ניט אַ רעזולטאַט פון דעם פריי אויסגעדריקטן ווילן פון דער מערהייט פון פאָלק. די אַלגעמיינע מיינונג פון סאָציאַליסטן איז, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט דורכגעפירט ווערן מיט דעם ווילן פון פאָלק, מיט דער קראַפט פון דער מערהייט. בלויז די אָנהענגער פון אַ גענעראַל סטרייק פון אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער גלייבן אין דעם, אַז דער אַרויסטריט בלויז פון דעם אינדוס־טריעלן פּראָלעטאַריאַט אָדער אַפילו נאָר פון זייער מער אַקטיוון און באַוווסטזיניקן טייל וועט זיין גענוג כדי צו מאַכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע און איינפירן אַ קאָמוניסטישע אָרדענונג.

כדי צו פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון סאָציאַליזם מוזן מיר פריער פון אַלץ באַקענען די געזעלשאַפט מיט זיין ציל און מיט זיין עצם כאַראַקטער, און צעשטערן אויף אַזאַ אופן אַ סך פאַלשע אָנגענומענע מיינונגען וועגן דעם כאַראַקטער פון סאָציאַליזם, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פון אונדזערע קעגנער און אָפטמאָל אויך פון אונדז אַליין".

6

אין יולי פון יאָר 1905 האָבן די דייטשע צייטונגען מודיע געווען, אַז זשאָרעס וועט קומען קיין בערלין האַלטן אַ רעדע פאַר די דייטשע אַרבעטער וועגן וועלט־פרידן. דער דעמאָלדיקער דייטשער קאַנצלער פאָן ביולאָוו האָט

גלייך אַוועקגעשיקט אַ צירקולאַר צום דייטשן אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז, אַז ער זאָל לאָזן וויסן זשאָרעסן, אַז די דייטשע רעגירונג פאַרבאָט אים אַרומ־צוטרעטן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג אין בערלין. ביולאָוס בריוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אייניקע צייטונגען און האָט דאַן פאַרשאַפט אַ גרויסע סענסאַציע. זשאָרעס האָט געמוזט אויפגעבן זיין רייזע קיין בערלין. ער האָט אָבער די רעדע, וואָס ער האָט זיך דאָרט געקליבן צו האַלטן, פאַרעפנטלעכט גלייכצייטיק אין בערלינער „פאָרווערטס" און אין זיין איי־גענער פּאַריזער צייטונג „הומאַניטע". צווישן אַנדערן האָט זשאָרעס אין דער רעדע געשריבן:

„ביי היינטיקן טאָג קען אין דער מאָדערנער איירופּע די זאַך פון גערעכ־טיקייט און פרייהייט בשום אופן ניט פאַרווירקלעכט ווערן דורך אַ מלחמה. מען קען קיין פאַר קיין פאַל דורך אַ מלחמה ניט לייזן די קעגנזייטיקע קריוודעס פון איין פאָלק צום צווייטן. געוויס זיינען פאַר די לעצטע אַנדערהאַלבן הונ־דערט יאָר אַ סך געוואַלדטאַטן באַגאַנגען געוואָרן אין איירופּע דורך די פאַר־שיידענע פעלקער. די ווונדן וואָס זיי האָבן אָנגעמאַכט זיינען עד־היום ניט פאַרהיילט געוואָרן. זיי לעבן אינעם באַוווסטזיין פון מיליאָנען דענקנדיקע מענטשן. די רעזולטאַטן פון דעם דריקן ווי אַ שווערע משא אויף איירופּע און אויף דער גאַנצער וועלט און נאָר מיטן וווּקס פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַ־ליזם קענען די דאָזיקע ליידן פאַרלייכטערט ווערן און די שמערצליכע פראַגע געלייזט ווערן. מיטן וווּקס פון דעמאָקראַטיע וועט די שטימונג פון דער מענשלעכער פערזענלעכקייט ווערן דער פונדאַמענט פון נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן רעכט.

„דער סאָציאַליזם שטרעבט נאַטירלעך צו אָרגאַניזירן די גאַנצע מענטש־הייט, אָבער די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע דאַרף ניט זיין קיין אַרויפגעצוווּנגענע. זי דאַרף פאָרקומען לויטן געזעץ פון גערעכטיקייט און געזעלשאַפטלעכער האַרמאָניע, וואָס זאָל גאַראַנטירן, אַז קיין איין פאָלק זאָל דעם צווייטן פאָלק ניט עקספּלואַטירן. דער סאָציאַליזם שטרעבט צו שאַפן פאַר יעדן באַזונ־דערן פאָלק דאָס רעכט אויף פרייער אַליינבאַשטימונג אין די ראַמען פון דער גאַנצער מענטשהייט, פּונקט ווי ער וועט יעדן איינצלנעם מענטשן פאַרזיכערן דאָס רעכט אויף פרייער זעלבסטבאַשטימונג צווישן זיין איי־גענעם פאָלק. אָבער נאָר דער פרידן קען פאַרזיכערן דעם וווּקס פון דעמאָ־קראַטיע און פון סאָציאַליזם.

„...דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס, וועמען עס שטייט פאָר צו נעמען אויף זיך די נאָבעלע אויפגאַבע צו וועקן די מענטשהייט, דאַרף נוצן די גאַנצע קראַפט פון זיין מאַכט כדי צו העלפן אויפהאַלטן דעם פרידן. יעדער צוזאַמענשטויס צווישן דייטשלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך, אָדער

צווישן צוויי פֿון די דאָזיקע לענדער, וואָלט געווען אַן אומגליק פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט (אונטערגעשטראָכן פֿון זשאָרעסן אַליין — ד. ש.) די דאָזיקע פֿעלקער זיינען אַלע דריי גלייכע נויטווענדיקע פֿאַקטאָרן פֿון קולטור. אַ בלוטיקער צוזאַמענשטויס צווישן אַט די דריי פֿעלקער וואָלט געדראָט צו פֿאַרניכטן אונדזער גאַנצע פּאָליטישע און פּאַרלאַמענטאַרישע סיסטעם, אונדזער בירגערלעכע און רעליגיעזע פֿרייהייט, אונדזער פֿילאָזאָפֿיע און וויסנשאַפֿט, אונדזער סאָציאַליסטישע לערע. מיט איין וואָרט, די אַלע דערגרייכונגען צו וועלכע מיר האָבן זיך שוין דערשלאָגן, און צו וועלכע מיר האָפֿן זיך צו דערשלאָגן אין דער צוקונפֿט. עס איז שווער פֿאָרויסצוזען וואָס פֿאַר אַ ריזיקע צאָל קולטורעלע אוצרות עס שטייען אין געפֿאַר פֿאַרניכטעט צו ווערן דורך דער אָפּשוואַכונג אַפֿילו נאָר פֿון איינער פֿון די דריי פֿעלקער. די דריי פֿעלקער קענען אָן צווייפֿל אויסנוצן זייערע גענישלע פֿעאיקייטן פֿאַר בעסערע צילן, ווי די פֿינסטערע כחות פֿון האַס און צושטערונג, וועלכע זיי וועלן אין פֿאַל פֿון אַ מלחמה לאָזן אַנטוויקלען זיך אויף דער וועלט.

„אַ קאַמף פֿאַרן וועלטמאַרק, וועלכן ענגלאַנד און דייטשלאַנד וואָלטן געפֿירט מיט דער הילף פֿון קאַנאָנען, וואָלט געצוווּנגען גאַנץ אייראָפּע איבערצולעבן נאָך אַ מאָל די אַלע ליידן און די גאַנצע טראַגעדיע פֿון נאַפּאָלעאָנס עפּאָכע".

אָט די ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן מיט 9 יאָר פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און ווער קען זאָגן, אַז דאָס וואָס זשאָרעס האָט דעמאָלט פֿאָרויסגעזאָגט איז ניט מקוים געוואָרן?

צווישן אַנדערן האָט זשאָרעס געזאָגט, אַז אַן אייראָפּעאישע מלחמה קען מיט זיך ברענגען אַ רעוואָלוציע אין אייראָפּע, אָבער זי קען פּונקט אַזוי אויך ברענגען מיט זיך „אַ לאַנגן פּעריאָד פֿון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע קריזיסן פֿון אַ גרויזאַמער רעאַקציע, פֿאַרביטערטן נאַציאָנאַליזם, דיקטאַטור און שרעקלעכן מיליטאַריזם".

זשאָרעס איז ניט געווען קיין געשוואָרענער פּאַסיפֿיסט. אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דעצעמבער, 1905, האָט ער די שלום־פּאָליטיק פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פֿאָרמולירט אין די פֿאָלגנדע פּונקטן:

ערשטנס, מוז די פֿאַרטיידיקונג־מאַכט פֿון לאַנד פֿאַרשטאַרקט ווערן ביז דעם העכסטן גראַד, דורך ברענגען אין האַרמאָניע די מיליטערישע אינסטיטוציעס מיט די באַדינגונגען פֿון דער רעפּובליקאַנער דעמאָקראַטיע. זשאָרעס האָט געפֿאָדערט, אַז די אַרמיי זאָל גרינדלעך רעאָרגאַניזירט ווערן, אַז זי זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פֿולשטענדיקער פֿאָלקס־אַרמיי, וואָס זאָל זיין פֿעאיק צו באַשיצן אי די רעפּובליקאַנישע אָרדענונג און אי דאָס לאַנד.

צוּווייטנס, מוז מען זען צו פאַרשטאַרקן די אייניקייט און די שלאַג־פעאיקייט פון די אַרבעטער־מאַסן אין יעדן לאַנד, כדי דורך אַ געמיינזאַמען און קאָאָרדינירטן דרוק פון אַרבעטער קלאַס אויף אַלע רעגירונגען, פאַרמיידן דעם אויסברוך פון מלחמות און אויב אַ מלחמה זאָל דאָך אויסברעכן, זאָלן די אַרבעטער פון גאַנץ אייראָפּע טאָן אַלץ מעגלעכעס צו רעדוצירן די קאַמפּס־פעאיקייט פון די פאַרברעכערישע רעגירונגען, וואָס האָבן אָנגעהייבן די מלחמה.

דריטנס ווילן די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, אַז די רעגירונג פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק זאָל פאַרלייגן אַלע אַנדערע פעלקער, אַז אַלע מעגלעכע קאָנפליקטן צווישן זיי זאָלן געלייזט ווערן דורך אַרביטראַזש.

מיט צוויי יאָר שפּעטער, אויפן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט, האָט זשאָרעס דערקלערט אין זיין רעדע, אַז אין פאַל אַ מלחמה זאָל אויסברעכן, וועט זיין די פליכט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אַלע לענדער אַריינצוּוואַרפן זיך מיט לייב און לעבן אין דעם קאַמף קעגן דעם אַגרעסאָר, אפילו ווען דער אַגרעסאָר זאָל זיין זייער אייגענע פאָטערלאַנד, און ווי אַן אַגרעסאָר זאָל באַטראַכט ווערן דער צד וואָס וועט זיך אָפּזאָגן צו פאַרלאָזן זיך אויף אַרביטראַזש.

די פירער פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָבער זיינען אַרויסגע־טראָטן קעגן זשאָרעסעס פּלאַן. זיי האָבן געטענהט, אַז די סאָציאַליסטן זאָלן אין אַ מלחמה זיך שטעלן אויף דער זייט פון דעם צד, וועמעס זיג עס קען העלפן דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע.

זשאָרעס איז געווען פאַרצווייפלט. ווער, האָט ער געפרעגט, וועט באַ־שליסן, וועמענס זיג אין דער מלחמה עס קען גיכער העלפן דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע? אין איין לאַנד וועלן די סאָציאַליסטן באַשליסן לטובת איין צד און אין אַ צווייטן לאַנד, לטובת דעם קעגנערישן צד. דער רעזולטאַט פון דעם וועט זיין, אַז די אַרבעטער און סאָציאַליסטן וועלן קעמפן איינע קעגן די אַנדערע. אָבער די דייטשע דעלעגאַטן האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי זיך און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער קאָנגרעס האָט איינשטימיק אָנגענומען אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע, וואָס האָט די פראַגע געלאָזט ווייטער הענגען אין דער לופטן.

איצט, איז זשאָרעסעס שטאַנדפּונקט דער אני־מאמין פון אַלע דעמאָ־קראַטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער גאַנצער וועלט.

זשאָרעס איז ניט געווען אַזוי נאַאיוו צו דענקען, אַז די סאָציאַליסטן זיינען שוין ווירקלעך שטאַרק גענוג צו קענען ניט דערלאָזן די רעגירונגען אָנצוהייבן אַ מלחמה. ער האָט זיך כסדר גערעכנט מיט דעם פאַקט, אַז אַ מלחמה קען צו יעדער צייט דאָך אויסברעכן און ער איז געווען איבערצייגט, אַז ווען

עס זאָל קומען צו אַ מלחמה, וועט פראַנקרייך ניט זיין שטאַרק גענוג צו קענען באַשיצן זיך קעגן אַן אינוואַזיע מצד דייטשלאַנד. האָט ער זיך ניט באַגנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעפירט אַן ענערגישע אַקציע פאַר שלום, נאָר ער האָט גלייכצייטיק אויך זייער פיל זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע פון נאַציאָנאַלער שוץ. ער האָט אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר גרינדלעך דורכגעשטודירט די אַלע פראַגן פון מיליטערישער טעכניק און נאָך לאַנגע באַראַטונגען מיט אַ גרופּע פון די פעאיקסטע יונגע אָפיצירן האָט ער אין 1910 פאַרעפנטלעכט אַ גרויס ווערק אונטערן נאָמען „די נייע אַרמיי".

אינעם בוך האָט זשאָרעס פאָרויסגעזאָגט, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה וועט דייטשלאַנד אָן אַ וואָרנונג אַריינדרינגען קיין פראַנקרייך דורך בעלגיע און אַז זי וועט אַריינוואַרפן אין דעם קאַמף, ניט נאָר איר שטענדיקע אַרמיי, נאָר אויך אירע רעזערוון, כדי צו קענען וואָס שנעלער פאַרנעמען פּאַריז און צווינגען פראַנקרייך צו קאַפּיטולירן. זשאָרעס איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער טאַקטיק וואָס איז רעקאָמענדירט געוואָרן פון די דעמאָלטסדיקע מיליטערישע פירער פון פראַנקרייך. ער האָט שטאַרק געגלויבט נאָר אין יונגן פראַנצויזישן גענעראַל, וועלכער האָט דאַן נאָך ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע אין דעם פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב און די מיליטערישע פירער האָבן זיך צו אים דאַן ווייניק צוגעהערט. דער דאָזיקער גענעראַל איז געווען פערדינאַנד פאָש, וועלכער האָט שפּעטער, אין 1918, ווי דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די אַלאירטע אַרמייען אין פראַנקרייך, באַזיגט דייטשלאַנד.

דער ענגלענדער, דזש. העמפּדען דזשעקסאָן, שרייבט אין זיין בוך „זשאָרעס — זיין לעבן און טעטיקייט", פון וועלכן מיר נעמען אַרויס אָט די אַלע פאַקטן, אַז „די נייע אַרמיי" אַנטהאַלט די מערקווירדיקסטע פאָרויסזאָגונגען פון דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט אין 1914 און אין 1940. וועגן ענגלאַנד האָט זשאָרעס דאַן געשריבן, אַז זי מוז אָדער העלפן דער וועלט איינפירן אַ נייע פּאָליטיק וואָס זאָל מעגלעך מאַכן אַן אַלגעמיינע אַנטוואָפענונג און פאַריאָגן דעם קאָשמאַר פון מלחמה און אינוואַזיע, אָדער, אויב דאָס איז ניט מעגלעך, מוז זי איינפירן אָבליגאַטאָרישן מיליטער־דינסט.

זשאָרעס האָט פאָרגעשלאָגן אַ גענויעם פּלאַן, ווי אַזוי די פראַנצויזישע אַרמיי זאָל רעאָרגאַניזירט ווערן. דער פראַנצויזישער גענעראַל־שטאַב האָט זשאָרעסעס פאָרשלאָגן איגנאָרירט, דער עיקר דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען צו אינטעליגענט. אָבער אַ סך פון זיי זיינען שפּעטער אָנגענומען געוואָרן.

דער ענגלישער געלערנטער דר. ג. ג. קאָלטאָן (ניט קיין סאָציאַליסט) האָט אין 1916 געשריבן אין זיין פאָרוואָרט צו דער ענגלישער אויסגאַבע פון זשאָרעסעס בוך: „ער (זשאָרעס) איז דער גרעסטער שטאַטסמאַן, אין

אונדזער דור, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט אַ פֿולשטענדיקע און ערנסטע טעאָריע פֿון נאַציאָנאַלן שוץ אין פֿאַרבינדונג מיט סאָציאַלן פּראָגרעס".

זשאָרעס איז שטענדיק אויסגעקומען צו פֿירן אַ קאַמף אויף צוויי פֿראָנטן מיט אַ מאָל. פֿון איין זייט, מיט די רעאַקציאָנערן פֿון רעכטס און פֿון דער צווייטער זייט, מיט די פֿאַרשיידענע עקסטרעמיסטן פֿון לינקס, מיט די אַנאַרכיסטן, סינדיקאַליסטן און רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן.

זשאָרעס איז פֿריער פֿון אַלץ געווען אַ דעמאָקראַט. סאָציאַליזם איז פֿאַר אים געווען די לאָגישע אַנטוויקלונג פֿון די דעמאָקראַטיש־סאָציאַלע רעפֿאָר־מען; די סאָציאַליזאַציע פֿון די פּראָדוקציע־מיטלען, האָט ער געהאַלטן, זיינען נייטיק, כדי אַלע זאָלן קענען גלייך געניסן פֿון די ברכות פֿון דער דעמאָקראַטיע. סאָציאַליזם האָט פֿאַר זשאָרעסן געמיינט עקאָנאָמישע דעמאָ־קראַטיע. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט פֿאָרשטעלן קיין סאָציאַליזם אָן דעמאָקראַטיע און אָן פֿרייהייט פֿאַר אַלעמען. זשאָרעס איז געווען איבער־צייגט, אַז סאָציאַליזם קען און וועט איינגעפֿירט ווערן נאָר שטופּנוויין און בלויז דורך דעמאָקראַטישע מעטאָדן און נאָר דאַן ווען די סאָציאַליסטן וועט געלינגען דורך פּראָפּאַגאַנדע, אַגיטאַציע און דורך קאָנסטרוקטיווער פּאָליטיק געווינען אויף זייער זייט די ריזיקע מערהייט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג.

קיינער קען ניט זאָגן, וואָס זשאָרעס וואָלט געטאָן אין די יאָרן פֿון דער וועלט־מלחמה און שפּעטער, ווען ער וואָלט געלעבט. מען קען אָבער באַשטימט זאָגן, וואָס ער וואָלט ניט געטאָן. ער וואָלט ניט געאַרבעט פֿאַר אַ נידערלאַגע פֿון פֿראַנקרייך און אירע אַליאירטע אין דער מלחמה. ער וואָלט ניט געפּריידיקט צו פֿאַרוואַנדלען די מלחמה אין אַ בירגערקריג אין יעדן לאַנד באַזונדער און וואָלט זיכער ניט געשטיצט דעם באָלשעוויזם נישט אין רוסלאַנד און נישט אין קיין אַנדער לאַנד.

זשאָרעס איז פֿון אַלעמען אָנערקענט געוואָרן ווי איינער פֿון די גרעסטע אָראַטאָרן אין דער וועלט. ער האָט אין איין און דער זעלבער צייט אַפּעלירט אי צום שכל, איז צו די געפֿילן און אי צום עסטעטישן געשמאַק פֿון די צו־הערער. און זיינע רעדעס זיינען שטענדיק געווען איבערצייגנד. ער האָט גערעדט מיט אַ נביאישן טאָן. אַפֿילו זיינע קעגנער פֿלעגן זיך צו זיינע רעדעס צוהערן מיטן גרעסטן אינטערעס און ניט זעלטן פֿלעגן זיי באַצווי־בערט ווערן פֿון זשאָרעסעס רייד.

7

זשאָרעס פֿלעגט צום ווינציקסטן צוועלף שעה און מער פֿאַרברענגען אין דער היים, אין זיין קליינער הויז אין פּאַסי. ער פֿלעגט געוויינלעך אויפֿשטיין האַלב נאָך זעקס אין דער פֿרי און נעמען אַ שפּאַציר פֿאַר אַ שעה צייט איידער אָנבייסן. נאָך דעם ווי זיין טאָכטער מאַדעלעין און דער זון לואי פֿלעגן אַוועקגיין און מאַדאַם זשאָרעס פֿלעגט זיך נעמען צוקלייבן די הויז, פֿלעגט זשאָרעס צונויפֿמענקלייבן זיין קאָרעספּאָנדענץ און פֿלעגט אַוועק צו זיך אין קאַבינעט אויפֿן צווייטן שטאָק. דער גאַנצער צימער איז געווען פֿאַרלייגט מיט ביכער און אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט פֿאַרשיידענע צייטונגען. זשאָרעס פֿלעגט לייענען און שרייבן ביי אַ פֿיר שעה. דערנאָך פֿלעגט ער עסן אין דער היים, אָדער אין שטאָט, ווען ער פֿלעגט זיך איילן ניט צו פֿאַרשפּעטיקן די באַן קיין פּאַריז. ער פֿלעגט שטענדיק פֿאָרן מיטן צווייטן קלאַס און פֿלעגט מערסטנס שטיין אויף דער פּלאַטפֿאָרמע. די קאָנדוקטאָרן האָבן שוין אים גוט געקאָנט און זיי פֿלעגן אָפֿט אויפֿהייבן די צייטונגען, וואָס פֿלעגן אַרויספֿאַלן פֿון זיינע איבערגעפּאַקטע קעשענעס און זיי פֿלעגן לאַכן, ווען זשאָרעס פֿלעגט אָפֿט זיך כאַפּן, אַז ער האָט ניט ביי זיך קיין קליינגעלט צו באַצאָלן פֿאַר דער רייזע.

געלט האָט פֿאַר זשאָרעסן קיין מאָל קיין שום ווערט ניט געהאַט. זיין גאַנצן לעבן ביזן טויט האָט ער ניט געוווּסט, צי ער איז אָרעם אָדער רייך. מאַדאַם זשאָרעס האָט עס גראָד צו־גוט געוווּסט. זי האָט שטענדיק געהאַט שוועריקייטן מיט צאָלן די וועכנטלעכע הוצאות און האָט בשום אופֿן ניט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס די אַרטיקלען וואָס ער שרייבט פֿאַר דעם זשורנאַל „רעוויו סאָסיאַליסט" און פֿאַר דער „הומאַניטע" ווערן ניט באַצאָלט און פֿאַר וואָס ער גיט אַוועק דער פּאַרטיי אַזאַ גרויסן טייל פֿון דעם געהאַלט, וואָס ער קריגט ווי אַ דעפּוטאַט פֿון פּאַרלאַמענט.

אין פּאַרלאַמענט פֿלעגט זשאָרעס פֿאַרברענגען אַ מאָל גאַנצע אַכט שעה פֿון מעת לעת. ער האָט קיין מאָל ניט דורכגעלאָזן קיין וויכטיקע זיצונג. און ווען ער איז ניט געווען פֿאַרנומען אין פֿאַרשיידענע קאָמיסיעס פֿלעגט ער זיצן אין ביבליאָטעק און צוגרייטן זיינע רעדעס, אָדער ער פֿלעגט שמועסן מיט די אַנדערע קאָלעגן זיינע און אויסגעפֿינען פֿון זיי די נייטיקע אינפֿאָרמאַציע. ווען די זיצונג פֿון פּאַרלאַמענט פֿלעגט זיך שליסן, פֿלעגט ער פֿאָרן אין רעדאַקציע פֿון דער „הומאַניטע" און דאָרט פֿלעגט ער צוזאַמען מיט די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער רעדאַקציע אויספּלאַנעווען דעם אינהאַלט פֿון דעם מאָרגנדיקן נומער פֿון דער צייטונג, פֿלעגט שרייבן דעם לייטאַרטיקל און אין דער זעלבער צייט שפּילן אַ שאַך מיט עמיצן פֿון די

מיטאַרבעטער. אַ מאָל פֿלעגט ער אין אָוונט אַ שעה אָדער צוויי פֿאַרברענגען אין אַ קאַפֿע מיט דעם שריפֿטשטעלער אַנאַטאָל פֿראַנס, אָדער מיט עמיצן אַנדערש, דיסקוטירנדיק פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע און פֿילאָזאָפֿישע פֿראַגן. אַהיים פֿלעגט ער זיך צוריקקערן שפּעט אין אָוונט.

אַזוי פֿלעגט ער פֿאַרברענגען זיין גאַנצע צייט. בלויז זומער פֿלעגט ער אַרויספֿאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן צייט אין דער קליינער דאָרפֿס־הויז, וועלכע מאַדאַם זשאָרעס האָט געירשנט פֿון איר פֿאָטער.

פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זשאָרעס פֿאָרן קיין בריסעל צו די זיצונגען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער ביוראָ, אָדער קיין האָלאַנד, שווייץ, אָדער דייטשלאַנד, צו די קאָנגרעסן פֿון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל. אַ מאָל פֿלעגט ער מאַכן אַ טור איבער די פֿראַנצויזישע שטעט מיטן צוועק צו זאַמלען געלט פֿאַר דער „הומאַניטע". אין זיין פֿרייער צייט פֿלעגט ער לייענען די קלאַסיקער און פֿאַרשיידענע פֿילאָזאָפֿישע ווערק.

זשאָרעס שוואַכקייט איז געווען, וואָס ער איז געווען אַ צו־גרויסער אָפּ־טימיסט. ער האָט געגלייבט, אַז דער מענטש איז פֿון דער נאַטור גוט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען פֿעאיק זיך אָפּזאָגן פֿון מלחמה, ווען קייזער ווילהעלם זאָל זיי באַפֿעלן. זשאָרעס קלעמאַנסאָ איז נאָך אין יאָר 1905 געווען קעגן זשאָרעסן: „ווילהעלם דער צווייטער", האָט קלעמאַנסאָ געזאָגט, „ווייסט, אַז ווען ער זאָל ניט באַשליסן אַרויסצונעמען דעם שווערד פֿון שייד, פֿאַר אַ גוטן צוועק אָדער פֿאַר בייזן, וועט ער האָבן הינטער זיך דאָס גאַנצע דייטשע פֿאָלק, מיט בעבעלס סאָציאַליסטן אין די פֿאָדערשטע רייען און קיין איינציקער פֿון זיי וועט דאָרט ניט פֿעלן".

די זעלבע מיינונג האָבן אויך אַרויסגעזאָגט אַנדערע פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטן. שאַרל אַנדלער, דער איבערזעצער פֿון קאַרל מאַרקסעס ווערק אויף פֿראַנצויזיש און דער פֿאַרפֿאַסער פֿון אַ געשיכטע פֿון דעם דייטשן סאָציאַליזם, האָט אין יאָר 1912 געשריבן, אַז די דייטשע אַרבעטער זיינען פּונקט ווי די דייטשע קאַפּיטאַליסטן פֿאַר אַ פּאָליטיק פֿון באַוואָפֿענונג און ווען דייטשלאַנד זאָל אַריינגעצויגן ווערן אין אַ מלחמה, אָן אונטערשייד פֿון דעם צי אין אַ פֿאַרטיידיקונגס־מלחמה, צי אין אַן אָנגריף־מלחמה, וועלן די דייטשע סאָציאַליסטן קיין מאָל ניט וועלן, אַז זי זאָל באַזיגט ווערן.

זשאָרעס אָבער האָט געגלייבט אין דעם פּאַסיפֿיזם פֿון די דייטשע אַרבעטער און דאָס איז געווען זיין גרעסטער טעות. ווען דער עסטרייכי־שער ערצהערצאָג פֿערדינאַנד איז דעם 28סטן יוני, 1914, דערהרגעט געוואָרן אין סאַראַיעוואָ פֿון אַ סערבישן טעראָריסט, האָט קיינער אין פּאַריז ניט געדענקט, אַז דאָס קען פֿירן צו אַ מלחמה אין אייראָפּע. די פֿראַנצויזישע

רעגירונג האָט די זאַך גענומען ערנסטער, דאָך ניט אַזוי פיל ערנסט, אַז עס זאָל צוליב דעם נייטיק זיין אָפּצולייגן דעם געפּלאַנטן וויזיט פון דעם פראַנ־צויזישן פּרעזידענט פּואַנקאַרע און פון דעם פּרעמיער־מיניסטער וויוויאַני קיין פּעטערבורג. אין די קריטישע יולי־טעג פון 1914 זיינען דער פראַנצויזישער פּרעזידענט און דער פּרעמיער־מיניסטער, וועלכער איז גלייכצייטיק אויך געווען מיניסטער פון אויסלענדישע אַנגעלעגנהייטן, געווען אין רוסלאַנד. זשאָרעס האָט געפילט, אַז איראָפּע שטייט אויפן שוועל פון דעם גרעסטן פּאָליטישן און דיפּלאָמאַטישן קריזיס האָט ער דעריבער באַשלאָסן פון איין זייט אויסצואיבן זיין איינפלוס ווי אַ פּובליציסט און ווי אַ פירער פון איינער פון די גרעסטע פּאַרטייען אין פּאַרלאַמענט, אויף דער פראַנצויזישער רעגירונג, אַז זי זאָל זען ווירקן אויף עסטרייך־אונגארן, דייטשלאַנד און רוסלאַנד, אַז דער סכסוך צווישן סערביע און עסטרייך־אונגארן זאָל דער־לײדיקט ווערן אויף אַ פרידלעכן אופן. צווייטנס, האָט זשאָרעס געזוכט צו ווירקן דורך דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אַז די סאָציאַליסטן פון אַלע לענדער זאָלן אין דעם זין אויסאיבן אַ שטאַרקן דרוק אויף זייערע רעגירונגען און אָפּהאַלטן זיי פון מלחמה.

העמפּדען דזשעקסאָן באַמערקט, אַז מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז זשאָרעס האָט דעמאָלט געאַרבעט אין דער פינצטער. פּונקט ווי אַלע אַנדערע סאָציאַ־ליסטן אין איראָפּע, האָט אויך זשאָרעס דעמאָלט קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן די געהיימע אָפּמאַכן, וואָס האָבן עקזיסטירט צווישן די רעגירונגען פון די פאַרשידענע לענדער, און ספּעציעל וועגן די פעלקער פון עסטרייך־אונגארן און דייטשלאַנד.

זשאָרעס איז דעריבער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן פּואַנקאַרעס וויזיט קיין פּעטערבורג. אין דער זעלבער צייט איז ער געווען שטאַרק פאַרנומען צוגרייטנדיק דעם ספּעציעלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 14טן יולי אין פּאַריז.

דער קאָנגרעס האָט מיט אַ קליינער מערהייט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז אין פאַל עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה, זאָלן די אַרבעטער דערקלערן אַ גענעראַל־סטרייק, ספּעציעל אין די אינדוסטריעס, וואָס פּראָדוצירן וואָפן און אַמוניציע. די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן האָבן גוט געוווּסט, אַז אַזאַ סטרייק וואָלט געקענט העלפן פאַרמיידן אַ מלחמה נאָר דאַן, ווען ער זאָל דורכגעפירט ווערן גלייכצייטיק אין אַלע לענדער.

דעם 19טן יולי האָט זשאָרעס געשריבן:

„דער אינטערנאַציאָנאַל וועט קיין מאָל ניט אויפפאָדערן די מאַסן פון איין לאַנד אַרויסצוגיין אין אַ גענעראַל־סטרייק קעגן מלחמה, סיידן ער האָט

די פֿאַרזיכערונג, אַז די אַרבעטער פֿון אַלע לענדער וועלן באַשטימט אַרויס אין סטרייק".

די רעאַקציאָנערע פֿראַנצויזישע פּרעסע האָט אויפֿגעהויבן אַ שרעקלעכע העצע קעגן זשאָרעסן. איין צייטונג האָט אַפֿילו אָפֿן געשריבן, אַז זי וועט ניט זיין איבערראַשט, ווען אַ פֿאַנאַטיקער זאָל איינפֿאַך דערשיסן זשאָרעסן.

דעם 27סטן יולי האָט עסטרייך דערקלערט קריג סערביע. זשאָרעס האָט נאָך אַלץ געהאָפֿט, אַז מען קען פֿאַרמיידן אַן אייראָפּעאישע מלחמה, און ער האָט ניט אויפֿגעהערט צו אַפּעלירן צו דער פֿראַנצויזישער רעגירונג, אַז זי זאָל זיך ניט לאָזן אַריינציען אין אַ מלחמה.

דעם 28סטן יולי איז זשאָרעס אַוועקגעפֿאָרן קיין בריסעל צו דעם ספּעציעלן מיטינג פֿון דער ביוראָ פֿון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די סאָציאַליסטן פֿון פֿראַנקרייך און פֿון דייטשלאַנד זאָלן אויסאיבן אַ שטאַרקן דרוק אויף זייערע רעגירונגען לטובת שלום. דעם 30סטן יולי אין אָוונט האָט זשאָרעס זיך צוריקגעקערט קיין פּאַריז און האָט אויפֿגעשריבן אַ לייט־אַרטיקל אין דער „הומאַניטע", אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זיין פֿעסטע איבערצייגונג, אַז כאָטש די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע איז אַן ערנסטע, איז דער לעצטער שאַנס פֿאַר אַ פֿרידלעכן אויסגלייך פֿון דעם סכסוך נאָך ניט פֿאַרשוווּנדן. די נאַציאָנאַליסטישע פּרעסע האָט זשאָרעסן באַשולדיקט אין פֿאַרראַט, אַז ער איז אַ דייטשער אַגענט. אויף מאָרגן האָט זשאָרעס, אין שפּיץ פֿון אַ סאָציאַליסטישער דעלעגאַציע, באַזוכט דעם אויסלענדישן מיניסטעריום און ער האָט פֿאַרלאַנגט, אַז די פֿראַנצויזישע רעגירונג זאָל ווירקן אויף דער רוסישער רעגירונג, אַז זי זאָל ניט דערקלערן קיין אַלגעמיינע מאָביליזאַציע. אָבער באַלד נאָך דעם ווי די סאָציאַליסטישע דעלעגאַציע האָט פֿאַרלאָזן דעם אויסלענדישן מיניסטעריום, איז אָנגעקומען די ניייעס, אַז קייזער ווילהעלם האָט דערקלערט קריגס־צושטאַנד.

זשאָרעסן האָט זיך אָבער נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס מיינט מלחמה. אַכט אַ זייגער אין אָוונט איז ער געקומען אין דער רעדאַקציע פֿון דער „הומאַניטע" אַ שטאַרק צעטראָגענער. „די טעאָטאָנישע (דייטשע) דיפּלאָמאַטיע איז אַזאַ ברוטאַלע און היפּאָקריטישע, וואָס איך האָב קיין מאָל נאָר ניט פֿאַרדעכטיקט", האָט ער באַמערקט צו איינעם פֿון די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן.

עמיצער האָט זשאָרעסן דערמאָנט, אַז זיי האָבן אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן. „לאָמיר בעסער איצט אַרונטערגיין און עסן". זיי זיינען אַרונטער אין אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן. צוואַנציק מינוט פֿאַר צען, ווען זיי האָבן שוין כמעט

פֿאַרענדיקט עסן, האָט זיך דערהערט אַ שאָס און אַ פֿרוי האָט אויסגעשריען „זשאָרעס איז טויט".

זשאָרעס איז אַנידערגעפֿאַלן, זיין האַרץ האָט נאָך געקלאַפּט, אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער אויסגעגאַנגען.

דער מאַן, וואָס האָט דערשאָסן זשאָרעסן, איז ניט געווען קיין טעראָריסט. ער האָט זשאָרעסן קיין מאָל פֿריער ניט געזען. ער איז געווען אַ צעדרייטער שאָוויניסט (זיין מאַמע איז אַ לאַנגע צייט געווען אין אַ משוגעים־הויז). ער האָט פֿון אָנהייב געפּלאַנעוועט צו פֿאָרן קיין בערלין דערשיסן דעם דייטשן קייזער, אָבער ווען די פּאַריזער נאַציאָנאַליסטישע צייטונגען האָבן אויפֿגעהייבן אַ געשריי, אַז זשאָרעס איז דעם קייזערס אַגענט, האָט ער באַשלאָסן צו דערהרגענען זשאָרעסן.

דער גרויסער דענקער, שטאַטסמאַן, מענטשן־פֿריינד און פֿאָלקס־טוער איז געטייט געוואָרן אין דעם רעכטן בלי פֿון זיין לעבן, אין אַ מאָמענט ווען ער האָט, מער ווי עמיצער אַנדערש, געקענט שפּילן אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דער ווייטערדיקער געשיכטע פֿון דער וועלט.

אַלע אָנהענגער פֿון פֿרייהייט, שלום און מענטשלעכע רעכט וועלן שטענדיק מיט ליבע און אַכטונג דערמאָנען דעם נאָמען זשאַן זשאָרעס.

עדואַרד בערנשטיין

(1932 — 1850)

עדואַרד בערנשטיין

(1932 — 1850)

1

עדואַרד בערנשטיין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1850 אין בערלין אין אַ יידישער פֿאַמיליע. ער איז געווען דאָס זיבעטע קינד ביי זיינע עלטערן. נאָך אים זיינען געבוירן געוואָרן נאָך אַכט קינדער. זיין טאַטע, יעקב בערנשטיין, האָט באַלאַנגט צו יענעם דור דייטשע יידן, וואָס האָבן אָוועקגע־וואָרפֿן דעם אַלטפֿרענקישן יידישן „הויקער", און זיינען אַוועקגעגאַנגען צו מלאכה און טאַקע צו פֿיזישער אַרבעט אין דער מאָדערנער אינדוסטריע. ער איז געוואָרן אַ מאַשיניסט און לאָקאָמאָטיוו־פֿירער אויף איינער פֿון די ערשטע דייטשע אייזנבאַנען און האָט אָפּגעאַרבעט אויף זיין שטעלע עטלעכע און דרייסיק יאָר, ניט דורכלאָזנדיק קיין איינציקן טאָג, אין פֿראָסט און ווינט, אין היץ און רעגן.

אויפֿגעהאָדעוועט אין דער שטרענגער אַרבעט־דיסציפּלין פֿון פֿאָטער, אַרומגערינגלט מיט בערלינער אַרבעטער, צווישן וועלכע זיי זיינען געווען די איינציקע יידן, האָט דער יונגער בערנשטיין אין דער זעלבער צייט אויך ניט פֿאַרלאָזן זיין גייסטיקע אַנטוויקלונג. זייענדיק פֿיזיש זייער אַ שוואַך קינד (די דאָקטוירים האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט לאַנג ניט לעבן!), האָט ער ניט געוואָגט צו נעמען זיך פֿאַר שווערער פֿיזישער אַרבעט.

עדואַרד אָדער „עדי" ווי מען האָט אים גערופֿן פֿאַרצויגן, האָט זיך אויסגעלערנט לייענען יונג און ער פֿלעגט נאָך אַלס קינד אַ סך לייענען ביז שפּעט אין אָוונט. ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ און האָט פֿאַרמאָגט אַ זעל־טענעם זכרון. אין גימנאַזיע האָט ער זיך געלערנט זייער גוט, אָבער צו זעכצן יאָר האָט ער געמוזט פֿאַרלאָזן די גימנאַזיע און אַוועקגיין אַרבעטן ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק. ער האָט אָבער ניט אויפֿגעהערט צו לייענען און צו שטודירן און כאָטש ער האָט ניט באַקומען קיין אוניווערזיטעט בילדונג, איז ער דאָך מיט דער צייט געוואָרן איינער פֿון די אָנגעזעענסטע אינטעלעק־

טואָלן אין אַ באַוועגונג, אין וועלכער עס זיינען געווען אַ סך מענער און פֿרויען מיט אוניווערזיטעט־בילדונג.

בערנשטיין דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע, אַז ייִנגלווייז פֿלעגט ער אָפֿט הערן ווי מענטשן פֿלעגן אין זיין אָנוועזנהייט זאָגן: „אַך, דער ייִנגל וועט העכסטנס דערציִען נאָך אַ יאָר אָדער צוויי". איין מאָל, ווען ער איז שוין אַלט געווען 17 יאָר, האָט אים זייער שכן, אין וועמעס הויז ער פֿלעגט אָפֿט פֿאַרברענגען, געזאָגט: „עדואַרד, דו וועסט קיין צוואַנציק יאָר ניט דערציִען". אָבער עדואַרד האָט זיך פֿון אָט־די אַלע שוואַרצע נבֿיאות ווייניק אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. ער האָט זיך צוגעוווינט צו דעם געדאַנק אַז אים איז ניט באַשערט לאַנג צו לעבן און ער איז דערפֿאַר געוואָרן פּאַסיוו. ער האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ און האָט פֿאַרמאָגט אַ זעלטענעם זכרון. אין דער שול האָט ער זיך געלערנט זייער גוט, אָבער נאָר דערפֿאַר וואָס אים פֿלעגט אַלץ אָנקומען זייער לייכט. גייסטיק אָבער איז ער ייִנגלווייז געווען ווייניק אַנט־וויקלט. קיינער האָט זיך מיט זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג ניט אָפּגעגעבן. דער טאַטע איז געווען אַ פֿאַרנומענער מענטש. די עלטערע צוויי ברידער האָבן שוין געהאַט פֿאַרלאָזן דאָס הויז, ווען עדואַרד איז אונטערגעוואַקסן, און די מאַמע איז געווען צופֿיל פֿאַרטאָן אין הויז. אויך זיינען די וווינונגס־באַדינגונגען ניט געווען קיין גינסטיקע פֿאַר גייסטיקער אַרבעט. אין הויז איז שטענדיק געווען אַ טומל. קיין ביכער זיינען אין הויז ניט געווען. אַפֿילו שולביכער פֿאַר די קינדער פֿלעגט מען מוזן קויפֿן געניצטע, ווייל קיין נייע ביכער איז דער טאַטע ניט געווען ביכולת צו קויפֿן. עדואַרדס שול־חברים האָבן אָדער געוווינט צו־ווייט פֿון אים אָדער זיי זיינען געווען קינדער פֿון פֿאַרמעגלעכע עלטערן, מיט וועלכע ער האָט זיך ניט געקענט אינטים באַפֿריינדן. ווי אַ ייִנגל האָט ער זיך געחברט נאָר מיט קינדער פֿון אָרעמע מיטלקלאַס־מענטשן אָדער פֿון אַרבעטער.

בערנשטיינס עלטערן האָבן געהערט צו דער ייִדישער רעפֿאָרם־געמיינדע. די אָנהענגער פֿון רעפֿאָרם־ייִדנטום פֿלעגן פֿייערן זונטיק ווי דער רו־טאָג און פֿלעגן ניט אָפּהיטן קיין כשרות. זיין טאַטנס עלטערער ברודער, אהרן בערנ־שטיין, איז געווען איינער פֿון די גרינדער פֿון דער בערלינער רעפֿאָרם־געמיינדע און איז אַפֿילו אין פֿאַרלויף פֿון מערערע יאָרן געווען איר פֿריידיקער.

אהרן בערנשטיין איז געווען דער גרינדער און יאָרנלאַנגער לייטאַרטיקל־שרייבער פֿון דער בערלינער ליבעראַלער „פֿאָלקס־צייטונג". ער האָט אין אַ משך פֿון 40 יאָר געפֿירט אַ לעבן פֿון אַ געלערנטן. ער איז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון אַ סך ביכער איבער נאַטורוויסנשאַפֿט, וועלכע זיינען איבערזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן, אויך אין ייִדיש. אין יאָר 1877 האָט דער אוניווערזיטעט פֿון טיורינגען אים געגעבן דעם טיטל „ערן־דאָקטאָר". אויף זיין פֿלימעניק

עדואַרד האָט אהרן בערנשטיין ניט געהאַט קיין שום איינפֿלוס; ערשטנס, מחמת דעם וואָס זיי האָבן געוווינט ווייט איינע פֿון די אַנדערע און, צווייטנס, ווייל עדואַרד איז געווען זייער אַ שעמעוודיקער און ער פֿלעגט זיך האַלטן פֿון ווייטן פֿון גרויסע מענטשן. ער פֿלעגט דעם פֿעטער אהרן באַוואונדערן פֿון ווייטן.

אויך די שול האָט אויף עדואַרדן קיין איינפֿלוס ניט געהאַט. אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט דאָרט געלערנט, האָבן אים אינטערעסירט, אָבער האָבן אים ניט געטריבן צו דענקען זעלבסטשטענדיק. איין מאָל, ווען ער איז אַלט געווען 10 יאָר, האָט אַ לערער אין שול ביי אים אַ פֿרעג־געטאָן: „ווי אַזוי וועסטו ווי אַ ניט־קריסט נאָכן טויט אַריינקומען אין גן־עדן?" עדואַרד האָט אים אויף דעם געענטפֿערט: „ווען איך וועל זיין אַ בראַווער מענטש, און תמיד האַנדלען יושרדיק און טאָן גוטס צו אַ סך מענטשן".

דעם לערער האָט עדואַרדס ענטפֿער ניט צופֿרידנגעשטעלט און ער האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז דער דירעקטער וועג צום גן־עדן איז דורך אָננעמען קריסטנטום. עדואַרד האָט אויף דעם ניט געענטפֿערט. ער האָט נאָכגעטראַכט איבער דער פֿראַגע און איז געקומען צום שלום, אַז „אויב יעזוס קריסטוס איז טאַקע אַזוי גוט, ווי עס שילדערט אים דער עוואַנגעליום, דאַן וועט ער דאָך מיר אויך מוחל זיין וואָס איך בין ניט קיין קריסט. איך בין דאָך אַ זון פֿון יידישע עלטערן".

ווי אַ יידיש קינד האָט עדואַרד ניט באַדאַרפֿט באַזוכן אין דער שול די לעקציעס פֿון רעליגיע־אונטערריכט, אָבער ער האָט אָפֿט זיי ביי געוווינט ווי אַ צוהערער און ער דערציילט, אַז דער „נייער טעסטאַמענט, דער עוואַנגעליום מיט זיינע פּערזענלעכקייטן האָבן אים פֿיל שטאַרקער אינטערעסירט, ווי די פֿון דעם „אַלטן טעסטאַמענט", פֿון דער ביבל, וועלכע זיינען אים געווען פֿרעמד. אַזוי ווי ער האָט געוווינט זייער ווייט פֿון דער סינאַגאָגע, האָט ער זעלטן געקענט אָנטיילנעמען אין אַ גאָטס־דינסט, פֿלעגט ער אָנשטאָט דעם זיך פֿון צייט־צו־צייט אַריינכאַפּן אין דער עוואַנגעלישער קירך, וואָס האָט זיך געפֿונען ניט ווייט פֿון זייער הויז. די עלטערן האָבן אים אין דעם ניט געשטערט, אָבער נאָך דעם געשפּרעך מיטן לערער האָט דער קליינער עדואַרד ביי זיך אָפּגעמאַכט: „אויב איך בין אַ ייד, דאַרף איך טאַקע זיין אַן אמתער ייד", און דאָס ערשטע וואָס ער האָט באַשלאָסן איז געווען מער ניט צו עסן קיין חזיר־פֿלייש. „איך עס מער ניט קיין חזיר־פֿלייש", האָט ער איין מאָל דערקלערט ביים טיש. „מיר זיינען יידן און יידן איז פֿאַרבאָטן צו עסן חזיר. דעריבער וועל איך מער קיין חזיר־פֿלייש אין מויל ניט נעמען". דער טאַטע, וועלכער איז געווען אַ זייער טאָלעראַנטער מענטש, האָט אים אויף דעם געענטפֿערט: „שיין, עס מער ניט קיין שווינען־פֿלייש!"

נאָך ווי אַ יינגל האָט עדואַרד זיך פֿאַראינטערעסירט מיט ליבעראַלע אידעען. איין מאָל האָט די מאַמע געבראַכט אויפֿצוהענגען אויף דער וואַנט אייניקע ליטאָגראַפֿישע בילדער פֿון די קעמפֿער פֿאַר דעמאָקראַטיע אין די יאָרן 1848־1850. אונטער יעדן בילד האָט זיך געפֿונען אַ געוויסער אויס־שפּרוך פֿון דעם באַטרעפֿנדיקן קעמפֿער. עדואַרד האָט זיי אַלע שטודירט. דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָבן אויף אים געמאַכט די ווערטער, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דעם בילד פֿון אַ מאַן מיט אַן אויסדריקלעך יידישן פּנים, וועלכע האָבן געזאָגט: „דאָס איז דאָך דער אומגליק פֿון די קיניגן, וואָס זיי ווילן ניט הערן דעם אמת!" און אונטער דעם איז געווען דער נאָמען יאָהאַן יאַקאָבי.

„ווער איז דאָס?" — האָט עדי געפֿרעגט ביי דער מאַמען.

„דאָס איז אַ זייער באַרימטער מאַן", האָט די מאַמע געענטפֿערט, „אַ גרויסער פֿאָלקס־פֿריינד".

עדי האָט זיך דורך דעם שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט דעם דאָזיקן מאַן, אויך זיינע ווערטער האָבן זיך שאַרף איינגעקריצט אין זיין זכרון. דעם אמתן זין פֿון די דאָזיקע ווערטער האָט ער ערשט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פֿאַרשטאַנען.

ביז אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק איז עדואַרד געווען אַ דייטשער פּאַטריאָט. ווען עס איז אין יאָר 1870 אויסגעבראָכן די מלחמה מיט פֿראַנק־רייך, איז ער געווען פֿלאַם־פֿייער ניט קעגן דעם פֿראַנצויזישן פֿאָלק, נאָר קעגן נאַפּאָלעאָן דעם 3טן, וועמען ער האָט ביטער געהאַסט ווי דעם מערדער פֿון דער פֿראַנצויזישער רעפּובליק פֿון 1848. „נאַפּאָלעאָן טאָר ניט זיגן", האָט עדואַרד געשריבן צו זיינעם אַ פֿריינד, וועלכער איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אין דער מלחמה. „נאָך דער צווייטער פֿאַרלוירענער שלאַכט טרעט איך אַריין אין דער אַרמיי ווי אַ פֿרייוויליקער".

דער פֿריינד אָבער האָט געקוקט אויף דער זאַך אַ סך ניכטערער, און ער האָט אים געראָטן ניט צו איילן זיך אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי, ווייל „מיר ווייסן איינגנטלעך ניט", האָט ער געזאָגט „וואָס עס איז ווירקלעך פֿאָרגעקומען הינטער די רעגירונגס־קוליסן, איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן".

עדין האָט דער ענטפֿער פֿון זיין פֿריינד ניט צופֿרידנגעשטעלט. דערווייל איז נאַפּאָלעאָן נאָך דער שלאַכט ביי סעדאַן גענומען געוואָרן געפֿאַנגען פֿון די דייטשן און אין פֿראַנקרייך איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רעפּובליק. עדי האָט געהאַלטן, אַז איצט מוז די מלחמה זיך ענדיקן. אָבער אַזוי ווי דאָס איז ניט געשען, האָט ער פֿאַרלוירן יעדן אינטערעס אין דער מלחמה, ער האָט אויפֿגעהערט לייענען די באַריכטן פֿון דער מלחמה און דערנאָך האָט ער

זייער ווייניק געוווּסט וועגן דער פּאַריזער קאָמונע, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פֿון די פֿראַנצויזישע אַרבעטער, סאָציאַליסטן און אַנדערע ראַדיקאַלן. אין אַ יאָר אַרום אָבער איז ער שוין געווען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג צום יאָרצייט פֿון דער קאָמונע. ער איז דעמאָלט שוין געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.

2

דעם שטוים אַריינצוטרעטן אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזן האָט אים געגעבן די פֿאָלגנדע פּאַסירונג: אין אָקטאָבער, 1871, איז אין בראַונשוויג, אין דעם דאָרטיקן קריגסגעריכט, פֿאָרגעקומען אַ פּראָצעס קעגן די אָנפֿירער פֿון איין פֿליגל פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע האָבן מיט אַ יאָר פֿאַר דעם, נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה ביי סעדאַן, הויך געפֿאָדערט, אַז די מלחמה קעגן פֿראַנקרייך זאָל תּיכּף אָפּגעשטעלט ווערן און גלייכצייטיק האָבן זיי אויך פּראָטעסטירט קעגן דעם, אַז דייטשלאַנד זאָל מיט גוואַלד צונעמען ביי פֿראַנקרייך די צוויי פּראָווינצן עלזאַס און לאָטערינגען. די דאָזיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן אין הויך־פֿאַרראַט און זיי זיינען געשמידטע אין קייטן אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער פּרייסישער פֿעסטונג לעטצען, ווו זיי זיינען זיבן מאָנאַטן צייט געזעסן ווי געפֿאַנגענע. דאָס קריגסגעריכט האָט זיי פֿאַרמשפּט צו הויכע טורמע־שטראָפֿן. שפּעטער האָט דער העכערער געריכט זיי פֿאַרקירצט דעם טורמע־טערמין און זיי זיינען באַפֿרייט געוואָרן.

פֿון אַלע בערלינער טעגלעכע צייטונגען האָט נאָר איינע געדרוקט אויספֿירלעכע באַריכטן פֿון דעם פּראָצעס. דאָס איז געווען די ראַדיקאַלע „דעמאָקראַטישע צייטונג”, וועלכע איז מיט אַ קורצער צייט פֿאַר דעם געגרינדעט געוואָרן. אַזוי ווי איינער פֿון אירע גרינדער איז געווען דער דערמאָנטער יאָהאַן יאַקאָבי, האָבן בערנשטיין און זיינער אַ נאָענטער חבֿר, באַדינג, אויסגעשריבן די דאָזיקע צייטונג. מיט גרויס אינטערעס האָבן זיי ביידע נאָכגעפֿאָלגט די פֿאַרהאַנדלונגען פֿון דעם פּראָצעס קעגן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿירער. דאָ האָבן זיי צום ערשטן מאָל דערזען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט, ווי זי פֿלעגט כּסדר פֿאָרגעשטעלט ווערן אין די אַנדערע בערלינער צייטונגען. זיי האָבן זיך ביידע פֿון דעמאָלט אָן שטאַרק פֿאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער באַוועגונג. אָנהייב 1872 זיינען זיי באַקאַנט געוואָרן מיט אַ געוויסן סאָציאַל־דעמאָקראַט אַ געוועזענעם מיטגליד פֿון רייכסטאַג. בערנשטיין האָט שוין פֿריער געהאַט געלייענט עטלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ווערק, אָבער זיי האָבן אויף אים ניט געמאַכט קיין שטאַרקן איינדרוק. פֿון דעם געוועזענעם סאָציאַל־דעמאָקראַ־

טישן דעפּוטאַט האָבן זיי זיך דערוווּסט וועגן דעם קאַמף, וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען צווישן די דייטשע סאָציאַליסטן. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז דעמאָלט געווען צעטיילט אין צוויי פֿיינדלעכע לאַגערן — דער „אַלגעמיינער דייטשער אַרבעטער פֿאַראיין" פֿון די אָנהענגער פֿון פֿערדינאַנד לאַסאַל (לאַסאַל אַליין איז שוין דעמאָלט געווען טויט) און די „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי", וואָס אירע פֿירער זיינען געווען אויגוסט בעבעל און ווילהעלם ליבקנעכט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז געווען גייסטיק פֿאַרבונדן מיטן ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, אין שפּיץ פֿון וועלכן עס איז געשטאַנען קאַרל מאַרקס.

בערנשטיין האָט שפּעטער דערציילט, אַז אים האָט צוגעצויגן צום סאָציאַליזם ניט די עקאָנאָמישע פּראָגראַם פֿון דעם אָדער יענעם פֿליגל פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָר דער אינטערנאַציאָנאַליזם. די מוטיקע האַלטונג בעבעלס און ליבקנעכטס דורך דער צייט פֿון דער דייטש־פֿראַנצויזישער מלחמה און נאָכן קריג האָט אַרויסגערופֿן ביי אים אַ געפֿיל פֿון טיפֿסטער באַוווּנדערונג און באַגייסטערונג. אין גיכן האָט ער זיך פּערזענלעך געטראָפֿן מיט בעבעלן.

אין 1872 זיינען בעבעל, ליבקנעכט און אַדאָלף העפּנער, דער מיטרעדאַקטאָר פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג, וואָס איז רעדאַקטירט געוואָרן פֿון ליבקנעכטן, דערשינענע אין לייפּציג פֿאַר אַ געריכט אויף דער קלאַגע פֿון הויך־פֿאַרראַט. דעמאָלט זיינען בעבעל און ליבקנעכט פֿאַראורטיילט געוואָרן צו צוויי יאָר. איידער בעבעל איז אַרעסטירט געוואָרן אין טורמע, האָבן די בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַטן אָרגאַניזירט פֿאַר אים אַ „באַנקעט". בערנשטיין און זיין פֿריינד באַדינג זיינען אויך געווען ביי יענעם באַנקעט, צו וועלכן עס זיינען געקומען אַרום 299 מענטשן. בעבעל האָט געהאַלטן אַ באַגייסטערטע רעדע און ווען נאָך דער רעדע האָט איינער פֿון די בירגערלעכע דעמאָקראַטן, וואָס איז דאָרט געווען, אים געשטעלט די פֿראַגע: „ווען וועט, לויט אייער מיינונג, פֿאָרקומען די דערוואַרטעטע רעוואָלוציע?" האָט בעבעל געענטפֿערט: „איך גלייב, אַז שפּעטסטנס אין אַ יאָר צוואַנציק אַרום".

די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד איז, ווי באַוווּסט, פֿאָרגעקומען ערשט אין 47 יאָר אַרום. און דאָס איז ניט געווען יענע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, וועלכע בעבעל האָט אין 1872 געזען אין זיין פֿאַנטאַזיע.

נאָך אין יאָר 1866 האָט בערנשטיין געמוזט נאָכגעבן זיין טאַטנס פֿאַרלאַנג און אָנשטאָט ווייטער צו שטודירן, צוגרייטן זיך צו ווערן מיט דער צייט אַ סוחר. דורך די באַמיאונגען פֿון זיינעם אַ פֿעטער איז ער אָנגעקומען ווי אַ לערניווּנג אין אַ בערלינער באַנק־געשעפֿט. דורך די פֿיר יאָר, וואָס ער

האָט דאָרט געאַרבעט, האָט באמת אַ סך געלערנט. אין 1871 האָט ער טאַקע לייכט באַקומען אַ שטעלע אין ראָטשילדס בערלינער באַנק. און דאָס וואָס ער האָט אין די אַלע יאָרן ווי אַ באַנק־אָנגעשטעלטער אויסגעפֿונען וועגן די ספּעקולאַציעס אויף דער בירזשע, האָט, ווי ער האָט שפּעטער אַליין דערציילט, זייער פֿיל בייגעטראָגן צו דעם, אַז ער זאָל זיך אָנשליסן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ער האָט זיך דעמאָלט שטאַרק באַפֿריינדעט מיט דעם יונגן זאָטל־מאַכער איגנאַץ אַוער, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. בערנשטיין האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן אויף פֿאַרזאַמלונגען ווי אַן אַגיטאַטאָר. ער אַליין האָט שפּעטער געשריבן, אַז ווי אַן אַגיטאַטאָר האָט אים אַוער „אַנטדעקט". קיין אמתער פֿאָלקס־רעדנער איז בערנשטיין אָבער קיין מאָל ניט געוואָרן. „פֿאַר דעם", — האָט ער געשריבן, — „האָט מיר קודם־כל געפֿעלט די אינערלעכע רואיקייט אויף דער טריבונע און דער וויץ און שנעלער פֿאַרגלייך. מיינע רעדעס האָבן אויך ניט פֿאַרמאָגט קיין אָראַטאָרישע באַפּוצונגען. ביידע זאַכן האָב איך געזוכט צו פֿאַרבייטן מיט זאַכלעכקייט און פֿאַרשטענדלעכקייט, און איך האָב זיך באַמיט צו באַגייסטערן די צוהערער פֿאַר פּאָזיטיווע אויפֿגאַבן, איידער צו צעוואַרעמען זייערע ליידנשאַפֿטן".

מיט דעם געהאַלט, וואָס ער האָט באַקומען אין באַנק, האָט ער געקענט מאַכן אַ שיין לעבן. איז ער דעריבער געווען אין דער גליקלעכער לאַגע צו קענען אַרבעטן אין דער פּאַרטיי און אַרויסטרעטן ווי אַן אַגיטאַטאָר, ניט באַקומענדיק דערפֿאַר קיין שום געצאָלט. כמעט זיין גאַנצע פֿרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן דער פּאַרטיי. די אַרבעט אין דער פּאַרטיי און דער קאַמף מיט די לאַסאַליאַנער האָבן אַוועקגענומען אַזוי פֿיל פֿון זיין צייט און ענערגיע, אַז ער האָט פֿאַר אַ לאַנגער צייט ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו פֿאַראינטערעסירן טיפֿער מיט דער טעאָריע פֿון סאָציאַליזם.

ווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פֿון בערלין האָט אין 1877, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון יאָהאַן מאָסט (דער שפּעטערדיקער אַנאַרכיסט) אויף גרויסע פֿאַרזאַמלונגען אַגיטירט די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן אַרויסטרעטן פֿון דער קירך, האָט בערנשטיין ווי אַ ייִד געהאַלטן פֿאַר זיין פֿליכט צו טאָן דאָס זעלבע, וואָס די קריסטן אין דער פּאַרטיי האָבן געטאָן, און ער איז אָפֿיציעל אַרויסגעטראָטן פֿון דער ייִדישער „רעליגיאָנס־געמיינשאַפֿט", מיט וועלכער אים האָט פּראַקטיש שוין לאַנג גאָרניט פֿאַרבונדן.

מיט יאָרן שפּעטער האָט ער געשריבן, אַז „ווען עס האָט זיך דערנאָך (אין די 80קער יאָרן) אָנגעהויבן די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, האָב

איך ניט פֿאַרגעסן אָפּצוצאָלן מיין מאָראַלישן חוב וואָס איך בין שולדיק מיין יידישער אָפּשטאַמונג".

אין זומער פֿון יאָר 1878 האָט דער יונגער סאָציאַליסטישער געלערנטער ד"ר. קאַרל העכבערג, דער ארויסגעבער פֿון דעם סאָציאַליסטישן זשורנאַל „צוקונפֿט", פֿאָרגעשלאָגן עדוארד בערנשטיינען, אז ער זאָל ווערן דער סעקרעטאַר פֿון דער רעדאַקציע. דער זשורנאַל האָט זיך געדרוקט אין דער שווייץ און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פֿראַגן פֿון סאָציאַליסטישער טעאָריע. בערנשטיין איז שוין דעמאָלט געווען אַ נאָהענגער פֿון דער מאַרקסיסטישער לערע. העכבערג, ווידער, איז געווען אַ קעגנער פֿון מאַרקסיזם. ער איז געווען אַן עטישער סאָציאַליסט. דאָך האָט בערנשטיין אָנגענומען זיין פֿאָרשלאָג, ווייל העכבערג איז געווען אַ זייער טאָלעראַנטער און גוט־האַרציקער מענטש, אַן אמתער אידעאַליסט. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג גראָד אין דער צייט פֿון דעם אַנטי־סאָציאַליסטן־געזעץ, ווען סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען געווען גערודפֿט פֿון דער רעגירונג, און ער האָט זייער פֿיל ארויסגעהאָלפֿן דער פּאַרטיי. שפּעטער האָט העכבערג ביישטייערט אַ גרויסן טייל פֿון די קאָסטן אויף ארויסצוגעבן אין אויסלאַנד דעם אָרגאַן פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכער האָט זיך געדרוקט אין ציריך און פֿלעגט פֿון דאָרט אין געהיים אריינגעשמוגלט ווערן קיין דייטשלאַנד. העכבערג האָט די אַלע יאָרן, וואָס די צייטונג איז דערשינען, זי געשטיצט. ער האָט אויך ארויסגעגעבן אין ציריך אַ „יאָרבוך פֿאַר סאָציאַלער וויסנשאַפֿט", אין וועלכן עס האָבן מיטגעאַרבעט סאָציאַליסטן פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען.

דעם 12טן אָקטאָבער, 1878, האָט בערנשטיין פֿאַרלאָזן בערלין און איז אוועקגעפֿאָרן קיין שווייץ. ער האָט גערעכנט, נאָר פֿאַר אַ קורצער צייט. עס איז אים אָבער באַשערט געווען צו פֿאַרבלייבן אין אויסלאַנד ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט עטלעכע און צוואַנציק יאָר.

3

אין דער שווייץ האָט בערנשטיין צוזאַמען מיט העכבערגן זיך צוערשט באַזעצט אין דער שטעטל לוגאַנאָ. דאָרט האָבן דעמאָלט געלעבט אַ צאָל סאָציאַליסטישע עמיגראַנטן פֿון פֿראַנקרייך און איטאַליע. איינער פֿון זיי איז געווען דער באַוווסטער פֿראַנצויזישער סאָציאַליסט מאַלאָן, דער פֿאַרפֿאַסער פֿון אַ געשיכטע פֿון סאָציאַליזם און פֿון אַ רייע אַנדערע ווערק. מאַלאָן איז געווען דער יעניקער, וועלכער האָט אריינגעבראַכט זשאַן זשאָרעסן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אין 1879, ווען די גאַנצע סאָציאַליסטישע פּרעסע אין דייטשלאַנד איז אונטערדריקט געוואָרן, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט" אין צירך. דער ערשטער רעדאַק־טאָר פון דער צייטונג איז געווען געאָרג פאָלמאַר, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט פון אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג, וועלכער האָט דערנאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. בערנשטיין איז פון אָנהייב צוגעצויגן געוואָרן צו דער צייטונג ווי אַ נאָענטער מיטאַרבעטער. אין 1880 אָבער איז ער געוואָרן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָציאַל־דעמאָקראַט".

נאָך פריער האָט דר. העכבערג פאַרבעטן קיין צירך קאַרל קאַוטסקין. ער האָט אים באַשטימט אַ יערלעכן געהאַלט, כדי ער זאָל זיך קענען אָפּגעבן אויסשליסלעך מיט וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען און שריפטשטעלערישער אַרבעט פאַרן „סאָציאַל־דעמאָקראַט".

אין צירך האָט זיך בערנשטיין נאָענט באַפריינדעט מיט קאַוטסקין. זיי האָבן איינע די אַנדערע דערגאַנצט. בערנשטיין איז געווען פאַרבונדן מער מיט דער פּראַקטישער אַרבעטער־באַוועגונג; קאַוטסקי, ווידער, האָט זיך פאַרנומען איבערהויפּט מיט טעאָרעטישע פראַגן.

קאַוטסקי איז אין דער יוגנט געווען זייער אַ פריילעכער, לעבעדיקער יונג. ער האָט ליב געהאַט צו זינגען און טאַנצן און אַמוזירן זיינע פריינד מיט נאָכקרימען פאַרשיידענע אַרטיסטן און קונצנמאַכער. אויגוסט בעבעל, דער דעמאָלסדיקער פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דער־ציילט אין זיינע זכרונות, אַז ווען קאַוטסקי און בערנשטיין, וועלכע זיינען דאַן אין צירך שטענדיק געווען צוזאַמען, פלעגן זינגען אַ קאָמישן דועט, פלעגט דער עולם איינפאַך זיך קייכן פון געלעכטער.

אין דריי מאָנאַטן אַרום ווי בערנשטיין איז געוואָרן רעדאַקטאָר, האָט ער געוואָלט רעזיגנירן ווי אַ רעדאַקטאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געפילט, אַז ער איז ניט־גענוג באַהאַוונט אין סאָציאַליסטישער טעאָריע צו קענען פאַר־נעמען אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן. אָבער פרידריך ענגעלס האָט מיט אים איינגעטענהט, אַז ער זאָל ניט רעזיגנירן. ענגעלס האָט אין אַ בריוו צו אים שטאַרק געלויבט זיין רעדאַקציע און „אַ חוץ אַלעמען, האָט ענגעלס געשריבן: „זע איך ניט ווער עס קען איצט פאַרנעמען אייער פּלאַץ, אַזוי לאַנג ווי ליבקנעכט איז אין טורמע".

בערנשטיין איז פאַרבליבן דער רעדאַקטאָר.

אַזוי גיך ווי ווילהעלם ליבקנעכט, דער צווייטער פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, איז באַפרייט געוואָרן, איז ער געקומען קיין צירך צו דיסקוטירן מיט בערנשטיינען וועגן רעדאַקציאָנעלע

אנגעלעגנהייטן. ליבקנעכט איז געווען א גלענצנדער רעדנער און א טאלאנט־פולער זשורנאליסט. ער האט געקענט שרייבן פאליטישע ארטיקלען אדער פאלעמישע קריטיק אונטער די שווערסטע באדינגונגען: אין וואגאן פון א לויפנדן צוג, פונקט ווי אין א צימער, וואס איז געווען פול מיט מענטשן, וועלכע האבן גערעדט הויך אויפן קול. בערנשטיין דערציילט, אז ער האט ליבקנעכטן איין מאל געזען שרייבנדיק אן ארטיקל, זייענדיק דער פארזיצער אויף א זייער טומלדיקער פארזאמלונג. איין מאל האט אים בערנשטיין געבעטן אנשרייבן אן ארטיקל פאר דעם נאענטסטן נומער פון „סאציאל־דעמאקראט", צום יובילײ פון א וויכטיקער פאסירונג אין דער געשיכטע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע. „זיכער", האט ליבקנעכט געענטפערט, „איך וועל עס גלייך טאן". ער איז אריין אין א צווייטן צימער און אין א שעה ארום איז ער ארויסגעקומען און אים דערלאנגט א גלענצנדן ארטיקל, וועלכער האט פארנומען די גאנצע ערשטע זייט פון „סאציאל־דעמאקראט". צו זיינע רעדעס פלעגט זיך ליבקנעכט זעלטן צוגרייטן. „די בעסטע רעדע, וואס איך האב ווען געהערט פון אים", שרייבט בערנשטיין, „איז געווען אין גאנצן אן אימפראוויזאציע".

אין דעצעמבער, 1880, איז בערנשטיין, אין דער באגלייטונג פון אויגוסט בעבעלן, געפארן קיין לאנדאן צו באזוכן דארט קארל מארקסן און פרידריך ענגעלסן. בעבעל איז געקומען דירעקט פון דייטשלאנד דורך בריסעל. בערנשטיין אז געקומען פון דער שווייץ דורך ליאן. אין לאנדאן האט זיי ביי דער שיף באגעגנט א דייטשער חבר, וועלכער האט זיי אוועקגעפירט אין א האטעל, וווּ עס פלעגן זיך אפשטעלן א סך דייטשן. אויף מארגן זיינען זיי ביידע, בערנשטיין און בעבעל, געפארן צו ענגעלסן. בערנשטיין האט געהאט בדעה נאר צו ברענגען בעבעלן צו ענגעלסן און דאן צוריקפארן אין האטעל, מחמת ענגעלס האט געהאט פארבעטן צו זיך נאר בעבעלן. אבער ווען בערנשטיין האט זיך געקליבן אוועקגיין, איז ארויסגעקומען ענגעלס און האט אים ניט געלאזט אוועקגיין. ענגעלס האט גלייך אוועקגעשטעלט אויפן טיש א פלאש גוטן וויין, האט זיי מכבד געווען און פארפירט מיט זיי א פאליטישן געשפרעך.

ענגעלס איז שוין דעמאלט געווען א מאן פון א יאר זעכציק. ער איז געווען א הויכער. א שלאנקער, זייער א טעמפעראמענטפולער און לעבנס־לוסטיקער. דיסקוטירט האבן זיי וועגן דער ריכטונג פון דעם „סאציאל־דעמאקראט", מיט וועלכער ענגעלס איז ניט געווען איינשטימיק. דער רע־דאקטאר פון „סאציאל־דעמאקראט" איז נאך דעמאלט געווען פאלמאר. אין מיטן פון דער דיסקוסיע האט ענגעלס זיך אויפגעהויבן פון פלאץ און געזאגט: „נו, איצט איז צייט צו גיין צו מארקסן!" זיי האבן זיך אנגעטאן

און זייגען אַרוים פֿון הויז צוזאַמען מיט ענגעלסן. בערנשטיין האָט געוואָלט נעמען אַפּשייד פֿון זיי. אָבער ענגעלס האָט אים ניט אַפּגעלאָזט: „ניין, ניין, קומט מיט אונדז צוזאַמען צום מאָר".

„צום מאָר?" — האָט בערנשטיין אויף אים אויסגעשטעלט אַ פֿאַרוווּנ־דערטע פּאָר אויגן. „ווער איז עס אַזוינס?" (מאָר איז אויף דייטש אַ שוואַרצער פֿון דער אַראַבישער ראַסע פֿון נאָרד־אַפֿריקע).

„מאַרקס, פֿאַרשטייט זיך", האָט ענגעלס געענטפֿערט.

דעם צונאָמען „מאָר" האָבן מאַרקסן געגעבן זיינע טעכטער, ווייל ער האָט געהאַט פּעך שוואַרצע האָר און אַ טונקעלן געזיכט. אין 1880 איז שוין מאַרקס געווען אין גאַנצן גראָ. מאַרקס האָט געוווינט ניט ווייט פֿון ענגעלסן אויף געטלאַנד פּאַרק־ראָוד אין אַ פּריוואַט הויז.

מאַרקס האָט זיי אויפֿגענומען ביי זיך אין קאַבינעט. ער האָט זייער פֿריינדלעך באַגריסט בעבעלן, איינפֿאַך ווי אַן אייגענעם ברודער. אויך בערנשטיינען האָט ער פֿריינלעך אויפֿגענומען. הגם מאַרקס איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פֿון ענגעלסן, האָט ער אָבער אויסגעקוקט אַ סך עלטער פֿון אים. מאַרקס האָט זיין גאַנצן לעבן געליטן דחקות און נויט. ער האָט גערעדט שטיל, מיטן טאָן פֿון אַ פּאַטריאַרך, און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפֿינקלט מיט אַ פֿריינדלעכן שמייכל. עס איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער קאַרל מאַרקס, ווי בערנשטיין האָט זיך אים געהאַט פֿאָרגע־שטעלט. ווען בערנשטיין האָט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער זיך אויסגערעדט פֿאַר ענגעלסן, אַז „דער אמתער מאַרקס" איז אַ האָר ניט ענלעך אויף דעם מאַרקסן וועלכן ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אין זיין פֿאַנטאַזיע, האָט ענגעלס באַמערקט: „דער מאָר קען נאָך אַפֿילו איצט אויך שטאַרק דונערן". און בערנשטיין האָט טאַקע באַלד געהאַט די געלעגנהייט צו איבערצייגן זיך אין דעם. מאַרקס איז געוואָרן שטאַרק בייז, ווען בערנשטיין האָט פּרובירט פֿאַר־טיידיקן אַ בוך, פֿון וועלכן מאַרקס האָט ניט געהאַלטן.

בערנשטיין האָט אויףביידן, אויף ענגעלסן און מאַרקסן, געמאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק.

אַ וואָך צייט האָבן בערנשטיין און בעבעל פֿאַרבראַכט אין לאָנדאָן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון ענגעלסן און מאַרקסן. ניט איין מאָל איז אין זייערע שמועסן זיי אויך אויסגעקומען צו ריידן וועגן פֿערדינאַנד לאַסאַלן, דער גרויסן יידיש־דייטשן סאָציאַליסטישן רעדנער און פֿירער, וועלכער איז שוין דאַן געווען 16 יאָר טויט. אין מאַרקסעס הויז, דערציילט בערנ־שטיין, האָט מען זעלטן געקענט הערן אַ גוט וואָרט וועגן לאַסאַלן. לאַסאַל האָט אין יאָר 1862 באַזוכט מאַרקסן אין לאָנדאָן און ער האָט אויף דער מאַרקס פֿאַמיליע, באַזונדערס אויף די פֿרויען, געמאַכט אַ זייער ניט־גינסטיקן

איינדרוק, איבער הויפט צוליב זיין פראנטעוואטן אויסזען. מארקס אליין, וועלכער האט לאסאלן געגוג שארף קריטיקירט פאר אנדערע זאכן, פלעגט אים דאך פארטיידיקן קעגן די אטאקעס פון זיין פרוי און זיינע טעכטער.

מארקסעס פרוי איז שוין דעמאלט געווען זייער קראנק. דאך, ווען זי האט אין א פאר טעג ארום איינגעלאדן בעבעלן און בערנשטיינען אויף מיטאג איז זי ארונטער פון קראנקן־בעט און איז געזעסן מיט זיי ביים טיש. זי איז געווען א העכסט־געבילדעטע פרוי, וואס האט געשטאמט פון אן אריסטא־קראטישער דייטשער פאמיליע. זי האט זייער פריינדלעך געשמועסט מיט די געסט, איז אבער געווען געצווונגען אין גיכן צו פארלאזן דעם טיש און צוריק אוועק אין בעט. ביים עסן זיינען אויך געווען מארקסעס אלע דריי טעכטער. געשמועסט האט דעמאלט בערנשטיין נאר מיט דער יינגסטער טאכטער עלעאנאר. מיט יארן שפעטער איז בערנשטיין מיט איר זייער נאענט באפריינ־דעט געווארן. עלעאנאר איז דעמאלט, אין יאר 1880, געווען א בליענדע שיינע יונגע מיידל פון 24 יאר, מיט פעך שווארצע האר; מיט איר טאטנס שווארצע אויגן און מיט אן אויסערגעוויינלעך מוזיקאלישער שטימע. זי איז געווען זייער א לעבעדיקע און זי איז א סך מער ווי אירע צוויי עלטערע שוועסטער געווען איבערגעגעבן דער סאציאליסטישער באוועגונג. זי איז גלייכצייטיק אויך געווען שטארק פארקאכט אין טעאטער. זי האט גע־טרוימט צו ווערן אן אקטריסע.

פון איר טאטן, וועלכער איז ביז א געוויסן גראד געווען איר לערער און דערציער, האט עלעאנאר צווישן אנדערס איבערגענומען די גרויסע פא־רערונג פאר שעקספירן, וועמען זי האט איינפאך פארגעטערט. פון טאטן און פון דער מאמען האט זי אויך איבערגענומען די ליידנשאפטלעכע ליבע צו טעאטער־קונסט.

דער רעזולטאט פון בערנשטיינס און בעבעלס באזוך ביי מארקסן און ענגעלסן אין לאנדאן איז געווען וואס בערנשטיין האט אין דעצעמבער, 1880, איבערגענומען די רעדאקציע פון ציריכער „סאציאל־דעמאקראט". ווי דער רעדאקטאר פון „סאציאל־דעמאקראט" איז בערנשטיין געשטאנען אין שטענדיקער קארעספאנדענץ מיט ענגעלסן און אויך מיט מארקסן, אזוי לאנג ווי יענער האט געלעבט. אין די בריוו זיינען געוויינלעך באהאנדלט געווארן פראגן פון פאליטיק און פון סאציאליסטישער טאקטיק.

מיט פיר יאר שפעטער, אין 1884, האט בערנשטיין נאך א מאל אפגע־געגעבן א וויזיט ענגעלסן אין לאנדאן. קארל מארקס איז שוין דעמאלט געווען טויט. (ער איז געשטארבן אין 1883). בערנשטיין איז געווען א דע־לעגאט פון דער שווייצארישער ארבעטער באוועגונג אויף א קאנפערענץ, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין פראנקרייך. אויף דער איינלאדונג פון דעם

דייטשישן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קלוב אין פּאַריז האָט בערנשטיין דאָרט געגעבן אַ לעקציע. ווען ענגעלס האָט זיך דערוווּסט, אַז בערנשטיין איז אין פּאַריז, האָט ער אים איינגעלאַדן צו קומען קיין לאָנדאָן אויף אַ באַזוך. ענגעלס איז דעמאָלט געווען פֿאַרנומען מיט ברענגען אין אָרדענונג מאַרקסעס פֿאַרבליבענע מאַנוסקריפּטן און קאָרעספּאָנדענץ, און בערנשטיין האָט אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע וואָכן אים אין דעם אַרויסגעהאָלפֿן.

4

אין 1884 האָט בערנשטיין חתונה געהאַט מיט פֿרוי רעגינאַ צאַדעק, וועלכע האָט זיך צעשיידט מיט איר ערשטן מאַן, ווייל ער איז געווען גייסטיק קראַנק. קיין אייגענע קינדער האָט בערנשטיין ניט געהאַט. נאָר זיין פֿרוי האָט פֿון דעם ערשטן מאַן געהאַט אַ זון און אַ טאָכטער, וועלכע האָבן די אַלע יאָרן געלעבט צוזאַמען. די פֿרוי האָט בערנשטיינען שפּעטער פֿיל אַרויסגעהאָלפֿן אין זיין אַרבעט.

אין נאָוועמבער, 1887, האָט בערנשטיין אַ דריטן מאָל, ווידער אין דער באַגלייטונג פֿון אויגוסט בעבעל, באַזוכט לאָנדאָן. דעם מאָל זיינען זיי גע־קומען פֿאַרהאַנדלען מיט די ענגלישע סאָציאַליסטן וועגן אָרגאַניזירן אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן אין אַ יאָר אַרום. בערנשטיין האָט זיך דאַן באַקענט מיט עדוואַרד עוועלינגן, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט מאַרקס טאָכטער עלעאָנאָרן און צוליב וועמען זי איז שפּעטער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. בערנשטיין און בעבעל האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפֿערענץ מיט העגרי ה. הייגדמאַן, דעם פֿירער פֿון דער ענגלישער „סאָשעל דעמאָקראַטיק פֿעדערעישאָן", און מיט דעם באַרימטן פּאָעט און קינסטלער וויליאַם מאָריס, דעם גייסטיקן פֿירער פֿון דער „סאָשעליסט ליג", וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגעשפּאָלטן פֿון דער „סאָשעל דעמאָקראַטיק פֿעדערעישאָן".

בערנשטיין און בעבעל האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו טרעפֿן זיך מיט די פֿירער פֿון די ענגלישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראיינען, וואָס זיינען דאַן געווען זייער קאָנסערוואַטיוו, און די מערסטע פֿון זיי האָבן אַפֿילו קיין באַגריף ניט געהאַט, אַז אויפֿן איראָפּעאישן קאָנטינענט איז אויך פֿאַראַן אַן אַרבע־טער באַוועגונג. דערפֿאַר אָבער זיינען בערנשטיין און בעבעל בייגעווען געווען אויף אַ דעמאָנסטראַציע פֿון אַרבעטסלאָזע, וואָס איז פֿאָרגעקומען אַ זונטיק ביי טאָג אויף טראַפֿאַלגאַר סקווער אין לאָנדאָן. די פּאָליציי האָט געהאַט פֿאַרבאָטן די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט ניט נאָר די סאָציאַליסטישע קלובן, נאָר אויך די מער ראַדיקאַלע

פֿון די ליבעראַלע אַרבעטער־קלובן. די דעמאָנסטראַנטן זיינען געווען ניט־באַוואָפֿנט, ווען די פּאָליציי האָט זיך גענומען זיי צעטרייבן, האָבן אַנדערע געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. איבער הויפּט האָבן צוויי פֿון דעם עולם געקעמפֿט ווי די לייבן קעגן דער פּאָליציי. איינער פֿון זיי איז געווען אַן אַרבעטער פֿון אַ יאָר 30 און דער צווייטער אַ רייך־געקליידעטער דזשענטלמאַן, וועלכן קיינעם וואָלט ניט איינגעפֿאַלן אָנצונעמען פֿאַר אַ רעוואָלוציאָנער. דער ערשטער איז געווען דער יונגער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר זשאָן בורנס, וועלכער האָט דערנאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער באַוועגונג און איז מיט 18 יאָר שפּעטער געווען אַ מיטגליד פֿון אַ ליבעראַלן מיניסטאָרן־קאַבינעט. דער צווייטער איז געווען קאָניגס־גרעהאַם, אַ מיטגליד פֿון פּאַרלאַמענט פֿון דער שטאָט גלאַזגאָ, וועלכער איז אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ ראַדיקאַל, איז שפּעטער אַריבער צו די סאָציאַליסטן און איז דערנאָך זיין גאַנצן לעבן פֿאַרבליבן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ביידע זיינען זיי פֿאַראורטיילט געוואָרן צו זעקס וואָכן טורמע פֿאַר שטערן דעם „אויטאָריטעט פֿון דער מלוכה". פֿאַרטיידיקט אין געריכט האָט זיי אַ יונגער און פּעאיקער אַדוואָקאַט וועלכער איז נאָר־וואָס דערוויילט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פֿון פּאַרלאַמענט און וועמען אַ סך האָבן דעמאָלט פֿאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע פּאָליטישע קאַריערע. זייער נבואה איז טאַקע אויך מקוים געוואָרן. דער יונגער אַדוואָקאַט איז געווען הערבערט הענרי אַסקוויט, דער שפּעטער־דיקער באַרימטער פֿירער פֿון די ליבעראַלן און פּרעמיער־מיניסטער פֿון ענגלאַנד.

ווי דער רעדאַקטאָר פֿון „סאָציאַל־דעמאָקראַט" האָט בערנשטיין זיך אויסגעצייכנט בפֿרט מיט זיינע קלוגע, טאַלאַנטפֿולע אַרטיקלען איבער פּאָליטישע פֿראַגן. מיט די טעאָרעטישע פּראָבלעמען פֿון סאָציאַליזם האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט ערשט שפּעטער, אונטער דעם איינפֿלוס פֿון קאַוטסקין. ער האָט צוזאַמען מיט קאַוטסקין זיך באַטייליקט אין דער פֿאַרפֿאַסונג פֿון דעם בוך „קאַרל מאַרקס עקאָנאָמישע לערע". ער האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט אין „סאָציאַל־דעמאָקראַט" אַ רייע אַרטיקלען וועגן די גרונטגעדאַנקען פֿון דער מאַרקסיסטישער לערע. די דאָזיקע אַרטיקלען זיינען געווען אונטערגעשריבן מיט אַ פּסעוודאָנים.

דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" האָט וואָס ווייטער באַקומען אַלץ אַ גרעסערן איינפֿלוס אין דייטשלאַנד. דאָס האָט זייער ניט געשמעקט דער דייטשער רעגירונג און דער סוף איז געווען, אַז זי האָט אויסגעווירקט, אַז דער רעדאַקטאָר און דער גאַנצער סטעף פֿון „סאָציאַל־דעמאָקראַט" זיינען אין 1888 אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון דער שווייץ. זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין לאָנדאָן. דאָרט האָט בערנשטיין געהאַט די מעגלעכקייט צו אַר־

בעטן אין דער ביבליאָטעק פֿון בריטישן מוזעאום און פֿאַרטיפֿן זיינע קענטענישן און גלייכצייטיק אויך צו באַקענען זיך גרינטלעך מיטן ענגלישן לעבן, מיט דער ענגלישער דעמאָקראַטיע און מיט דער ענגלישער אַרבעטער באַוועגונג.

פֿרידריך ענגעלס האָט בערנשטיינען אויפֿגענומען ווי אַ טייערן גאַסט. ענגעלס איז געווען אַ דעמאָקראַט ניט נאָר לויט זיינע איבערצייגונגען; ער איז אויך געווען דורך און דורך דעמאָקראַטיש אין זיינע געפֿילן און באַציאונגען מיט מענטשן. ער האָט געשטאַמט פֿון אַ רייכער פֿאַמיליע און איז אַליין אויך געווען פֿאַרמעגלעך. אָבער ער איז געווען באַפֿריינדט מיט מענטשן פֿון אַלערליי קלאַסן. צו זיך אין הויז פֿלעגט ער איינלאַדן נאָר אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אָדער אַזוינע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער געלערנטקייט און וויסן. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ סאָציאַליסט, האָט ענגעלס ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַ מאַרקסיסט און אַנטימאַרקסיסט. ביי ענגעלסן אין הויז איז בערנשטיין באַקאַנט געוואָרן מיט אַ סך סאָציאַליסטן, ראַדיקאַלן און געלערנטע פֿון גאַנץ אייראָפּע.

אין לאָנדאָן איז בערנשטיין אויך באַקאַנט געוואָרן מיט בערנאַרד שאָו, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ טעטיקער סאָציאַליסט, איינער פֿון די פֿירער פֿון דער „פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט". די „פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1883 פֿון אַ גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז די עקזיסטירנדע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיסטעם דאַרף געענדערט ווערן, אָבער נאָר שטופֿנווייז. זיי זיינען געווען אָנהענגער פֿון דער טאַקטיק פֿון דעם רוימישן גענעראַל, פֿאַביוס קונקטאַטאָר, וועלכער האָט שטענדיק געזוכט אָפּצולייגן אויף וואָס לענגער אַן אָפֿענע שלאַכט און דורך דעם אויסצומאַטערן דעם שונא. אַ דאַנק אָט דער טאַקטיק איז עס די רוימער געלונגען צו באַזיגן דעם באַרימטן קריגס־פֿירער האַניבאַל.

די גרינדער פֿון דער „פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט" האָבן געגלייבט אין דער טאַקטיק פֿון „אויסמאַטערן" דעם קאַפּיטאַליזם און דערפֿאַר האָבן זיי זיך אַ נאָמען געגעבן פֿאַביאַנער. אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער האָט די „פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט" אָנגענומען דאַן, ווען צו איר זיינען צוגעשטאַנען בערנאַרד שאָו און סידני וועב. די פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט איז געווען בלויז אַ פּראָפּאַגאַנדע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט שטודירן סאָציאַלע פֿראַגן. אין דער פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט האָט מען געקענט טרעפֿן סאָציאַליסטן פֿון יעדער ריכטונג, פֿון עקסטרעמע אַנאַרכיסטן ביז די מעסיקסטע סאָציאַלע רעפֿאָרמער.

די פֿאַביאַנער האָבן ניט געגלויבט אין קלאַסנקאַמף און זיי האָבן אין זייער פּראָגראַם אויסדריקלעך דערקלערט, אַז זיי ווענדן זיך מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע צו אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג, ניט בלויז צו די, וועלכע ליידן אונטער די הערשנדע פֿאַרהעלטעניש, נאָר אויך „צו די יעניקע וואָס פּראָפֿיטירן פֿון די דאָזיקע פֿאַרהעלטענישן", ווייל זיי זיינען זיכער אַז אויך די קאַפּיטאַליסטן און אַנדערע פּריווילעגירטע מענטשן קען מען לייכט איבערצייגן ווי גוט דער פֿרייער סאָציאַליזם וועט זיין פֿאַר אַלעמען. בערנשטיין האָט דעמאָלט קריטיש זיך באַצויגן צו דער טעטיקייט פֿון די פֿאַביאַנער. מיט יאָרן שפּעטער, אָבער, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער האָט זיי פּשוט ניט פֿאַרשטאַנען.

„מען מוז אָפּלעבן אַ לענגערע צייט אין לאַנד, האָט בערנשטיין געשריבן, און באַקענען זיך מיט איר געשיכטע, כדי ווירקלעך צו קענען פֿאַרשטיין איר פֿאָלק".

ענגעלס האָט געקוקט זייער קרום אויף דעם, וואָס בערנשטיין חברט זיך צונויף מיט די פֿאַביאַנער און בערנשטיין האָט אָן צווייפֿל אַ סך געלערנט פֿון די ענגלישע סאָציאַליסטן. אָבער עס איז ניט ריכטיק, אַז ער איז געוואָרן אַ קריטיקער פֿון מאַרקסיזם אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די פֿאַביאַנער, ווי אַ טייל סאָציאַליסטישע היסטאָריקער באַהויפּטן. בערנשטיין האָט עס געלייקנט. אין איינעם פֿון זיינע בריוו שרייבט ער, אַז ער האָט זייער הויך געשעצט די פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט און אירע פֿירער, אָבער ער האָט שטענדיק אָנערקענט, אַז זייער ספּעציעלע פֿאָרמע פֿון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר סאָציאַליזם איז גוט צוגעפּאַסט נאָר פֿאַר די ענגלישע באַדינגונגען, אָבער ניט פֿאַר די קאָנטינענטאַלע לענדער.

בערנשטיין איז באַלד ווי ער איז געקומען קיין לאָנדאָן נאָענט באַקאַנט געוואָרן אויך מיט העגרי היינדמאַנען. דעם פֿירער פֿון דער ענגלישער מאַרקסיסטישער „סאָשעל־דעמאָקראַטיק פֿעדערעישאָן", און מיט דעם באַרימטן פּאָעט, מאָלער און שריפֿטשטעלער וויליאַם מאָריס, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער פֿירער פֿון דער „סאָשעליסט ליג", וואָס האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פֿון דער „סאָשעל־דעמאָקראַטיק פֿעדערעישאָן". זיי אַלע זיינען געווען באַפֿריינדט מיט ענגעלסן. די פֿאַביאַנער אָבער פֿלעגן ניט גיין צו ענגעלסן אין הויז דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן דאָרט ניט געוואָלט באַגעגענען זיך מיט דר. עדוואַרד עוועליגען, עלעאַנאָר מאַרקס מאַן, וועמען זיי האָבן באַטראַכט פֿאַר אַ שאַרלאַטאַן און אַן אוממאָראַלישן מענטשן. (ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זיינען זיי טאַקע געווען גערעכט און עלעאַנאָר מאַרקס איז צוליב אים באַגאַנגען זעלבסטמאָרד).

היינדמאַן, וועלכער איז פֿאַר אַ סך יאָרן געווען דער געשוואָרענער וואָרטזאָגער פֿון מאַרקסיזם אין ענגלאַנד, האָט בערנשטיינען איין מאָל געזאָגט, אַז ער גלויבט ניט, אַז מאַרקס האָט ווען עס איז פֿאַרשטאַנען ענגלאַנד און אַז עס איז אַ פֿאַקט, אַז דער פֿאַרפֿאַסער פֿון „קאַפּיטאַל", וועלכער האָט געוווּסט אַזוי פֿיל וועגן ענגלאַנד און האָט איבערשטיגן אַזוי פֿיל ענגלישע שרייבער אין זיין אַנאַליטישער קריטיק פֿון דער סאָציאַלער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פֿון ענגלאַנד, האָט קיין מאָל ניט באַנומען דעם ענגלישן נאַציאָנאַלן גייסט.

5

אין 1890 איז דער אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ אָפּגעשאַפֿט געוואָרן אין דייטשלאַנד. בערנשטיינען אָבער האָט די דייטשע רעגירונג ניט מוחל געווען זיין פֿאַרברעכן, וואָס ער האָט רעדאַקטירט דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט", און זי האָט אים ניט דערלויבט צוריקצוקערן זיך קיין דייטשלאַנד. ער איז פֿאַרבליבן אין לאָנדאָן נאָך גאַנצע צען יאָר.

באַלד ווי דער אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן איז דער לאָנדאָנער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַנשטאָט אים האָט אין בערלין אָנגעהויבן צו דערשיינען דער טעגלעכער „פֿאָרווערטס" און בערנשטיין איז געוואָרן זיין לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט.

אין 1894 האָט קאַוטסקי אָנגעהייבן אַרויסגעבן אין דייטשלאַנד דעם וואָכן־זשורנאַל „די נייע צייט", וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פּראָבלעמען פֿון סאָציאַליסטישער טעאָריע און אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. בערנשטיין איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון דעם דאָזיקן זשורנאַל. ער האָט דאָרט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ רייע טעאָרעטישע אַרבעטן, ווי „די סאָציאַלע לערע פֿון פֿון אַנאַרכיזם" און אַנדערע. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ גרויסע איינלייטונג צו די „שריפֿטן און רעדעס פֿון פֿערדינאַנד לאַסאַל", אין וועלכער ער האָט געגעבן אַן אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פֿון לאַסאַלן און זיין באַדייטונג פֿאַר אַנאַרכיזם" און אַנדערע. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ גרויסע איינלייווערק איבער די „סאָציאַליסטישע טענדענצן און דעמאָקראַטישע שטרעמונגען אין דער גרויסער ענגלישער רעוואָלוציע". דאָס דאָזיקע ווערק האָט געצויגן צו זיך גרויס אויפֿמערקזאַמקייט אויך פֿון די ענגלישע היסטאָריקער און איז שטאַרק געלויבט געוואָרן אין דער ערנסטער ענגלישער פּרעסע. ביז דאַן האָט בערנשטיין אין דער ענגלישער פּרעסע ניט מיטגעאַרבעט און די ענגלענדער האָבן אים ניט געקענט. ערשט שפּעטער האָט דער רעדאַקטאָר פֿון דעם ראַדיקאַלן לאָנדאָנער זשורנאַל „נעישאָן" אים איינגעלאַדן ווי אַ מיטאַרבעטער און ער האָט דאָרט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ סך אַרטיקלען.

מיט דעם דערמאָנטן קראַווטשינסקי־סטעפּניאַק האָט בערנשטיין זיך געהאַט זייער נאָענט באַפֿריינדט. אין 1890 איז קראַווטשינסקי דערהרגעט געוואָרן פֿון אַן אַנקומענדיקן עקספּרעסצוג. אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע באַשרייבט בערנשטיין דעם אומפֿאַרגעסלעכן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט סטעפּניאַקס לוויה. דער טאָג איז געווען אַ כמאַרנער. נאָכן אָרון זיינען נאָכגעגאַנגען ביי אַ טויזנט מענטשן. די גרויסע מערהייט פֿון זיי איז באַשטאַנען פֿון יידישע אַרבעטער, עמיגראַנטן פֿון רוסלאַנד. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט בערנשטיין געזען פֿאַר זיך אַזאַ גרויסע מאַסע יידישע פּראָלעטאַריער (אין בערלין און אין ציריך, ווו ער האָט פֿריער געלעבט, זיינען אין יענע יאָרן קיין יידישע אַרבעטער כמעט ניט געווען).

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די הספּדים זאָלן געהאַלטן ווערן פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע אויפֿן וואָקזאַל, פֿון וואַנען דער קערפּער האָט באַדאַרפֿט אָפּגעפֿירט ווערן אין קרעמאַטאָריום. דער ערשטער האָט גערעדט אַן ענגלישער סאָציאַליסט. נאָך אים האָט גערעדט בערנשטיין אין נאָמען פֿון די דייטשע סאָציאַליסטן און נאָך בערנשטיינען פּיאָטר קראָפּאָטקין אין נאָמען פֿון אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן. קראָפּאָטקין האָט גערעדט מיט גרויס געפֿיל און ליבע וועגן סטעפּניאַקן. זיין רעדע האָט אַלעמען טיף דערשיטערט.

„שטענדיק ווען איך דענק וועגן דעם פּאַטריאַרך פֿון דעם רוסישן אַנאַרכיזם", — האָט בערנשטיין מיט אַ סך יאָרן שפּעטער געשריבן, — „דערשיינט פֿאַר מיר זיין בילד, ווי איך האָב אים דעמאָלט געזען פֿאַר מיינע אויגן. אָט דאָ שטייט אַ מאַן פֿון אייראָפּעאישער באַרימטקייט, אַ באַוווסטער געלערנטער, ביים אָרון פֿון איינעם וועמענס ווערק עס זיינען געלייענט געוואָרן אין אַלע לענדער, אַ העלדישער און געטרייער סאָלדאַט אין דעם קאַמף פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון זיין פֿאָלק און פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון אַלע אונטערדריקטע, און אַרום זיי אַן עולם פֿון אַ טויזנט פֿון די אָרעמסטע פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן געקוקט אויפֿן טויטן מאַן ווי אויף איינעם פֿון זייערע העלדישע פֿאָרקעמפֿער. און בלויז מיט אַ פּאָר מעטער ווייטער פֿון אָט די אבלים גייט אָן דאָס לעבן פֿון דער ענגלישער הויפּשטאָט גלייכגילטיק, אומבאַמערקט, פּונקט ווי די מענער אויף דער פּלאַטפֿאָרמע ביי דער לוויה וואָלטן אויסגערופֿן אַלערליי סחורות אויף אַ יאַריד".

אָט דער קאָנטראַסט האָט אויף בערנשטיינען געמאַכט אַ זייער פּיינלעכן איינדרוק און האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין זיין זכרון.

בעת בערנשטיין האָט געלעבט אין ציריך האָט ער אין דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט" איין מאָל געשריבן, אַז דער שטילשטאַנד אין דער אייראָפּעאישער ווירטשאַפֿט וועט שנעל פֿירן צו אַן אַלגעמיינעם קראַך פֿון דער קאַפּי־

טאַליסטישער סיסטעם. אַזוי האָבן דעמאָלט געגלייבט ענגעלס, קאַוטסקי און די מערסטע אַנדערע סאָציאַליסטישע פירער. בערנשטיינס פריינד ד״ר העכבערג, האָט אים דאַן אין אַ בריוו געשריבן: „דו מאַכסט אַ טעות די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט איז אַ סך פעאיקער צוצופּאַסן זיך צו נייע אומשטענדן ווי דו דענקסט״.

דעמאָלט האָבן העכבערגס ווערטער אויף בערנשטיינען קיין באַזונדערן איינדרוק ניט געמאַכט. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעלעבט אַ לענגערע צייט אין ענגלאַנד און זיך נענטער באַקענט מיט דעם גאַנצן מעכאַניזם פון דער עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמישער אָרדענונג און מיט דער ענגלישער אַרבעטער באַוועגונג און איבער הויפּט, ווען עס האָט זיך אין די 90קער יאָרן אַנגעהויבן אין דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער פון אייראָפּע אַ פּעריאָד פון עקאָנאָמישער פּראָספּעריטי, האָט ער געפונען פאַר נייטיק קלאָר צו מאַכן פאַר די סאָציאַליסטן אין דייטשלאַנד, אַז זיי וועלן טאָן גוט, ווען זיי וועלן ביים באַשליסן וואָס פאַר אַ פּאָליטיק צו פירן פאַרגעסן וועגן דעם קומענדיקן קראַך פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און אין זייער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע ניט נוצן מער אַזוינע אויסדרוקן, וואָס שטאַמען פון יענעם געדאַנק.

וואָס לענגער בערנשטיין האָט געלעבט אין ענגלאַנד, וואָס מער ער איז באַקאַנט געוואָרן מיט דער ענגלישער דעמאָקראַטיע, אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון אַ סך פון די גרונט־לערעס פון מאַרקסיזם. אַ לענגערע צייט האָט ער זיך געקווייקלט, צי ער זאָל אָפן אַרויסטרעטן מיט זיין קריטיק קעגן דער דאָזיקער לערע. אין 1895 האָט ער צוליב דעם געוואָלט אין גאַנצן אויפגעבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט. און ער האָט אפילו אונטערגעהאַנדלט וועגן אָננעמען אַ שטעלע אין אַ באַנק אין טראַנסוואַל, אָבער פון דעם איז גאָרניט געוואָרן.

אין הערבסט 1896 האָט בערנשטיין פאַרעפנטלעכט אין דער „נייער צייט״ אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן טיטל „פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם״, אין וועלכע ער האָט זיך באַמיט טעאָרעטיש צו באַגרינדן אָט דעם געדאַנק וועגן דער וויַיטערדיקער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי.

ער איז ניט געווען דער איינציקער, און אפילו ניט דער ערשטער, וואָס האָט אַזוינע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע. מיט אַ יאָר פריער האָט דער סאָציאַל־דעמאָקראַט ברונאָ שענלאַנק געשריבן, אַז „עס איז צייט צו רעווידירן די סאָציאַליסטישע באַגריפן״. אויך פאָלמאַר, דער געוועזענער ערשטער רעדאַקטאָר פון „סאָציאַל־דעמאָקראַט״, און עדואַרד דאַוויד האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם זעלבן זין. אָבער דאָס זיינען געווען צופעליקע באַמערקונגען, וואָס האָבן באַרירט איינצלנע פראַגן. בערנשטיין

האָט די פֿראַגע באַהאַנדלט אַלזייטיק און גרינטלעך. אין איינעם פֿון זיינע אַרטיקלען אין דער „נייע צייט" האָט ער צווישן אַנדערן געשריבן:

„איך בין אָפֿן מודה, אַז איך האָב פֿאַר דעם, וואָס מען פֿאַרשטייט געוויינלעך אונטער דעם „ענדציל" פֿון סאָציאַליזם", ווייניק זין און אינ־טערעס. דער דאָזיקער ציל, וואָס ער זאָל ניט זיין, מיינט פֿאַר מיר גאָרניט; די באַוועגונג איז אַלץ און אונטער דער באַוועגונג מיין איך פּונקט אַזוי די אַלגעמיינע באַוועגונג פֿון דער געזעלשאַפֿט, ד. ה. דעם סאָציאַלן פּראָגרעס, ווי די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע צו ווירקן אויף דעם פּראָגרעס".

די דאָזיקע ווערטער האָבן אַרויסגערופֿן אַ שטורעם אין די סאָציאַליס־טישע רייען. אַ סך האָבן דעם דאָזיקן זאַץ אויסגעטייטשט אין דעם זין, אַז בערנשטיין האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון סאָציאַליזם. עס האָבן זיך דערהערט שטימען, אַז מען דאַרף אים אויסשליסן פֿון דער פּאַרטיי.

געאָרג פּלעכאַנאָוו, דער פֿאָטער פֿון רוסישן מאַרקסיזם, האָט אין אַ בריוו צו פּאַול אַקסעלראָדן, דאַטירט דעם 12טן פֿעברואַר, 1898, געשריבן: „איך בין שיער ניט קראַנק געוואָרן פֿון בערנשטיינס אַרטיקלען; איבערהויפּט האָט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף מיר געמאַכט זיין צווייטער אַרטיקל. דאָס איז דאָך אַ פֿולשטענדיקער אָפּזאָג אי פֿון דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק אי פֿון קאָמוניזם. דאָס פֿאַרדריסלעכסטע איז, וואָס מיט עפּעס איז ער יאָ גערעכט. איך וויל אָנפֿרעגן ביי קאַוטסקין וואָס ער מיינט וועגן דעם".

פּלעכאַנאָוו האָט געשריבן צו קאַוטסקין, אַז ער זאָל אָנהייבן אַ קאַמף קעגן בערנשטיינען. זיין בריוו צו קאַוטסקין, אין וועלכן ער האָט געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון בערנשטיינען, האָט פּלעכאַנאָוו פֿאַרענדיקט מיט די ווערטער „אָט דאָס איז דער שונא!"

קאַוטסקי האָט געענטפֿערט פּלעכאַנאָוון, אַז בערנשטיין האָט, נאַטירלעך, אַ גרויסן טעות מיט זיין „רעוויזיאָניזם". ער איז אָבער דורכויס ניט דער שונא פֿון אַרבעטער קלאַס. פּלעכאַנאָוו האָט געענטפֿערט אויף דעם קאַוטס־קין, אַז אויב ער, קאַוטסקי, וויל ניט אַרויסטרעטן קעגן בערנשטיינען מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט, וואָס עס פֿאָדערט זיך, איז ער, פּלעכאַנאָוו, עס גרייט צו טאָן. (קאַוטסקי האָט פּלעכאַנאָוון טאַקע שפּעטער דערלויבט צו ענטפֿערן בערנשטיינען אין דער „נייע צייט"). פּלעכאַנאָוו האָט וועגן דעם געשריבן אויך צו בעבעלן און צו ווילהעלם ליבקנעכטן. אין אַ בריוו צו אַקסעלראָדן דעם זעלבן יאָר, שרייבט פּלעכאַנאָוו: „איך האָב באַקומען בריוו פֿון בעבעלן און ליבקנעכטן. „בעבעל דריקט מיר פֿעסט די האַנט" פֿאַר מיין אַרטיקל קעגן שמידן (אַ צווייטער „רעוויזיאָניסט" — ד. ש.) און ער איז זייער צופֿרידן פֿון דעם, וואָס, ווי ער זעט פֿון מיין בריוו צו קאַוטסקין, האָב איך

באַשלאָסן צו אַטאַקירן בערנשטיינען, און ער בעט מיך, אַז איך זאָל פֿאַרזעצן די פּאָלעמיק. ליבקנעכט שרייבט: „זעצט פֿאָר, שלאָגט וואָס שטאַר־קער!" בעבעל שרייבט אין זיין בריוו צו מיר: „איך האָב געשריבן בערנשטיי־נען, אַז איך האַלט אים מער ניט פֿאַר מיינעם אַ חבר". (די אַלע בריוו זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ערשט אין 27 יאָר אַרום).

די פֿראַגע וואָס פֿאַר אַ שטעלונג מען זאָל נעמען צו בערנשטיינס „אַפּיקורסות" האָט געזאָלט באַהאַנדלט ווערן אויפֿן שטוטגאַרטער קאָנגרעס פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין 1898. אַזוי ווי בערנשטיינען איז געווען פֿאַרבאָטן צו קומען קיין דייטשלאַנד, האָט ער צוגעשיקט צום צוזאַמענפֿאָר אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן ער האָט קלאָר־געמאַכט זיינע געדאַנקען. דער מעמאָראַנדום איז פֿאָרגעלייענט געוואָרן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר, און צו בערנשטיינס גרויסער איבערראַשונג, איז צווישן אַנדערע שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אים זיין יאָרנלאַנגער נאָענטסטער פֿריינד, קאַרל קאַוטסקי.

דער צוזאַמענפֿאָר האָט קיין באַשטימטן באַשלוס וועגן דעם ניט אָנגע־נומען, נאָר קאַוטסקי און אויך וויקטאָר אַדלער, דער פֿירער פֿון דער עסטרייי־כישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָבן אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז בערנ־שטיין זאָל די געדאַנקען, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין די „פּראָבלעמען פֿון סאָציאַליזם", וויי טער אַנטוויקלען און אַרויסגעבן אין אַ באַזונדערן בוך, וואָס ער האָט אויך געטאָן. דאָס בוך, „די פֿאָרויסזעצונגען פֿון דעם סאָציאַליזם און די אויפֿגאַבן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע", איז אַרויס אין זומער 1899 און איז איבערגעזעצט געוואָרן ניט נאָר אין אַלע אייראָפּעאי־שע שפּראַכן, נאָר אויך אין יאַפּאַנעזיש. ס'האָט זיך מיט דעם בוך געטומלט אין גאַנץ אייראָפּע. אין דעם בוך האָט בערנשטיין זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס דאַרף מיט איין קלאַפּ פֿאַרניכטן דעם קאַפּיטאַ־ליזם און ברענגען סאָציאַליזם, איז ניט אַזוי נאָענט ווי מאַרקס האָט געגלייבט; אַז דער קלאַסן־קאַמף פֿאַרשאַרפֿט זיך ניט וואָס ווייטער אַלץ מערער און דער מיטלשטאַנד פֿאַרשווינדט ניט, ווי מאַרקס האָט פֿאָרויסגעזאָגט; אַז דער אַרבעטער קלאַס איז נאָך אין קיין לאַנד ניט פֿעאיק איבערצונעמען די גאַנצע מאַכט; אַז סאָציאַליזם איז מעגלעך איינצופֿירן נאָר דאָרט, וווּ עס הערשט פֿולשטענדיקע דעמאָקראַטיע, און אַז אין די ראַמען פֿון דער עקזיסטירנדער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג איז מעגלעך דורך געזעצגעבונג, קאַמף פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען און דורך די קאָאָפּעראַטיוון כסדר צו פֿאַר־בעסערן די לאַגע פֿון דעם אַרבעטער קלאַס און שטופֿנווייז איבערבויען די גאַנצע געזעלשאַפֿט אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

די פֿריינדשאַפֿט צווישן בערנשטיינען און קאַוטסקי איז צוליב דעם אָפּגעקילט געוואָרן און קאַרל מאַרקסעס יינגסטע טאָכטער, עלינאָרע, האָט אין 1898, מיט אַ קורצער צייט איידער זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זיך באַקלאָגט אין אַ בריוו צו קאַוטסקין, אַז בערנשטיין ווערט לעצטנס שנעל אויפֿגערעגט, אַז ער שאַפֿט זיך אומעטום שונאים און זי האָט שטאַרק מורא, אַז בערנשטיין לאָזט זיך אויסנוצן פֿון די פֿאַביאַנער „ווי אַ ווערקצייג אין זייער אַנטי־מאַרקסיסטישן קאַמף".

קאַוטסקי און בעבעל האָבן בערנשטיינען געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען ווען ער זאָל פֿרייוויליק רעזיגנירן פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אַנדערע אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער און האָבן געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אים אויסשליסן פֿון דער פּאַרטיי.

בערנשטיין האָט ניט רעזיגנירט פֿון דער פּאַרטיי און מען האָט אים אויך ניט אויסגעשלאָסן. ער האָט דעמאָלט, פּונקט ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן, מוטיק און דרייסט געקעמפֿט פֿאַר זיינע איבערצייגונגען, פֿאַר דעם וואָס האָט באַטראַכט ווי אַ וויסנשאַפֿטלעכן אמת.

פֿון בערנשטיינס בריוו, דערוויסן מיר זיך, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען בערנשטיין האָט זיך געפֿילט אַזוי איינזאַם, אַז ער האָט געטראַכט וועגן באַגיין זעלבסטמאָרד.

אויגוסט בעבעל, דער פֿירער פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איז פֿון אָנהייב געווען פֿאַר דעם, אַז בערנשטיין זאָל אויסגעשלאָסן ווערן פֿון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פֿאַר זיין „אפּיקורסות". אין אַ בריוו צו וויקטאָר אַדלערן, דעם פֿירער פֿון דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט בעבעל געשריבן: „איך האָב ניט מורא, אַז אַ סך וועלן אַוועק מיט בערנשטיינען, אויב ער זאָל אויסגעשלאָסן ווערן פֿון דער פּאַרטיי". אָבער נאָך דעם ווי ער האָט געמאַכט אַ שטילע אונטערזוכונג, האָט ער אויסגעפֿונען, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. „די גאַנצע געשיכטע וואָלט געווען פֿון קליינער באַדייטונג — האָט בעבעל, אין אַפּריל 1899, געשריבן צו אַדלערן: „ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט נאָר וועגן איין בערנשטיינען אַליין. די צרה איז וואָס מיר האָבן אַ סך אַזוינע און די מערסטע פֿון זיי פֿאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער פּאַרטיי".

6

אין וואָס איז באַשטאַנען בערשטיינס „אפּיקורסות"? וואָס אַזוינס האָט ער געפּריידיקט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק אויפֿגעבראַכט קעגן אים די אָנגעזעענסטע מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן?

„דעמאָקראַטיע — האָט בערנשטיין געשריבן — איז גלייכצייטיק אי אַ ציל, אי אַ מיטל. עס איז אַ מיטל אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם און אין דער זעלבער צייט איז עס די פאָרם, וואָס דער סאָציאַליזם וועט אָננעמען, ווען ער וועט פאַרווירקלעכט ווערן".

די דעמאָקראַטיע שאַפט ניט אָפּ די קלאַסן. אָבער זי לערנט די סאָציאַלע קלאַסן צו קאָאָפּערירן איינע מיט די אַנדערע. די ווירקלעכקייט האָט באַוויזן, אַז וואָס לענגער עס עקזיסטירן אין אַ מאָדערנער מלוכה די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, אַלץ מער אויפמערקזאַמקייט און אַכטונג ווערט דאָרט געשאָנקען צו די רעכט פון די מינדערהייטן און אַלץ מער פאַרלירט דאָרט דער פּאַרטיי־קאַמף דעם כאַראַקטער פון קעגנזייטיקן האַס.

„די דעמאָקראַטיע — האָט בערנשטיין געשריבן — קאָן, אמת, ניט אויפטאָן קיין וואונדער. זי קאָן ניט אין אַזאַ לאַנד ווי די שווייץ, ווו דער אינדוסטריעלער אַרבעטער־קלאַס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מינדערהייט פון דער באַפעלקערונג, איבערגעבן דעם דאָזיקן קלאַס די פּאָליטישע מאַכט. זי קאָן אויך נישט אין אַזאַ לאַנד ווי ענגלאַנד, ווו דער אַרבעטער קלאַס שטעלט מיט זיך פאָר דעם צאָלרייכסטן קלאַס פון דער באַפעלקערונג, מאַכן אים פאַר דעם באַלעבאָס פון דער אינדוסטריע, טיילווייז דערפאַר, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס אַליין איז ניט געניינט צו דעם און טיילווייז אויך צוליב דעם, וואָס דער אַרבעטער קלאַס פילט זיך ניט גענוג אַנטוויקלט כדי צו קאָנען נעמען אויף זיך די אויפגאַבן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם. אָבער אין ענגלאַנד, ווי אין דער שווייץ און אויך אין פראַנקרייך, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין די סקאַנדינאַווישע לענדער א.אַ. האָט די דעמאָקראַטיע זיך אַרויסגעוויזן ווי די מעכטיקע טרייבקראַפט פון סאָציאַלן פּראָגרעס".

דעמאָקראַטיע מיינט אין פּרינציפּ די פאַרניכטונג פון קלאַסן־הערשאַפט. אויב ניט די פאַרניכטונג פון די קלאַסן גופא. מען רעדט וועגן דעם קאָנסערוואַטיוון כאַראַקטער פון דעמאָקראַטיע. אין אַ געוויסן זין איז דאָס ריכטיק אונטער אַן אָרדענונג, וואָס איז דער היפוך פון דעמאָקראַטיע. ווייסן קיין מאָל ניט אירע אָנהענגער, ווי אירע קעגנער, ווי גרויס עס איז ווירקלעך זייער מאַכט און איינפלוס. אין אַ דעמאָקראַטיע, אָבער, דערוויסן זיך שנעל די פּאַרטייען און די קלאַסן, וועלכע שטייען הינטער זיי, די גרענעצן פון זייער מאַכט, און יעדעס מאָל נעמען זיי זיך נאָר צו דעם, וואָס עס איז מעגלעך אונטער די אומשטענדן צו פאַרווירקלעכן. אַפילו, ווען די פּאַרטייען אין אַ דעמאָקראַטיע שטעלן אַרויס עטוואָס גרעסערע פאָדערונגען, ווי זיי דענקען צו דערגרייכן, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט דערנאָך אַרונטערצולאָזן פון די פאָדערונגען ביי דעם אומפאַרמיידלעכן קאָמפּראָמיס — און דעמאָקראַטיע איז די העכסטע שול פון קאָמפּראָמיס — ווערט עס אויך געטאָן מעסיק".

צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די ליבעראַלע פּאַרטייען, וועלכע פאַרטרעטן די אינטערעסן פון דער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע, מוז, נאַטירלעך, עקזיסטירן אַ פייַנדשאַפט. אָבער „וואָס איז שייך דעם ליבעראַליזם ווי אַ וועלט־היסטאָרישע באַוועגונג — האָט בערנשטיין געשריבן — איז דער סאָציאַליזם, לויט זיין גייסטיקן אינהאַלט, דער געזעצלעכער יורש פון ליבעראַליזם... די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט די פאַרזיכערונג פון בירגערלעכער פרייהייט שטענדיק געשטעלט העכער ווי די פאַרווירקלעכונג פון אַ וועלכער עס איז עקאָנאָמישער פאָדערונג. די עטאַבלירונג און די פאַרזיכערונג פון דער פרייהייט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, איז דער ציל פון אַלע סאָציאַליסטישע מאָסמיטלען, אַפילו אויך פון אַזוינע, וואָס זעען אויס ווי אַרויפגעצוווּנגענע.

„קיין איינציקער דענקענדער סאָציאַליסט אין ענגלאַנד — האָט בערנשטיין געשריבן — טרוימט שוין איצט מער ניט וועגן דעם קומענדיקן זיג פון סאָציאַליזם, ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אַנטשיידענער איבערקערעניש. קיינער טראַכט ניט וועגן דעם, אַז דער פּאַרלאַמענט זאָל ווען פאַרכאַפּט ווערן פון דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. דערפאַר שענקט מען דאָרט אַ סך מער אויפמערקזאַמקייט דער אַרבעט אין די מוניציפּאַליטעטן און אין די אַנדערע אָרגאַנען פון זעלבסטפאַרוואַלטונג און מען זאָגט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אָפּ פון דער פריערדיקער אונטערשעצונג פון דער אַרבעטער באַוועגונג.

„פון אַ קלאַס, וואָס די מערסטע פון אים לעבט אין שלעכטע וווינונגען, איז ניט גענוג געבילדעט, האָט זייער אַ נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרד, קאָן מען ניט פאָדערן יענע הויכע אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע אַנטוויקלונג, וועלכע איז נייטיק פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג".

בערנשטיין האָט דערפאַר געפאָדערט, אַז מען זאָל פון סאָציאַליסטישן לעקסיקאָן אומבאַדינגט אַרויסוואַרפן די ווערטער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט". „וואָס פאַר אַ זין האָט עס — האָט ער געשריבן — איבערצוחזרן די פראַזע וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אין דער צייט, ווען די פאַרשטייער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שטעלן זיך דאָרט ווו עס איז נאָר מעגלעך אויפן באָדן פון פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט, פון פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט און פאָלקס־געזעצגעבונג — אַלץ אַזוינע מעטאָדן, וואָס זיינען דער היפּוך פון דיקטאַטור".

די אַרבעטער דאַרפן מיר נעמען אַזוי ווי זיי זיינען און זיי זיינען, אין אַלגעמיין, ניט אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, ווי דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס האָט עס פאָרויסגעזאָגט, און

אויך ניט אַזוי פריי פון אַבערגלויבנס, ווי דאָס האָבן אונדז געוואָלט פאַרזי־כערן די יעניקע, וואָס חנפענען די אַרבעטער.

„וואָס איז שייך דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וואָלט דאָרט ווּ דער אַרבעטער־קלאַס פאַרמאָגט ניט קיין זייער שטאַרקע עקאָנאָמישע אָרגאַני־זאַציעס און האָט דורך דעם אָנטייל אין די אָרגאַנען פון זעלבסטפאַרוואַלטונג ניט דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט — דאָרט וואָלט די דאָזיקע דיקטאַטור געמיינט אַ דיקטאַטור פון קלוב־רעדנער און פון ליטעראַטן. די יעניקע, וועלכע זעען אין דער אונטערדריקונג פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אין דער אויסשליסונג פון די אַרבעטער פון דער געזעצגעבונג און פון דער פאַרוואַלטונג די העכסטע קונסט פון רעגי־רונג, וואָלט איך ניט געווּנטשן, אַז זיי זאָלן דערפילן אויף זייערע פּלייצעס די רעזולטאַטן פון אַזאַ דיקטאַטור און פונקט אַזוי ווייניק וואָלט איך עס גע־ווּנטשן דער אַרבעטער־באַוועגונג גופא".

פון דעם אַלעמען האָט בערנשטיין געצויגן דעם שלוס, אַז די אויפגאַבע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרף זיין ניט צוצוגרייטן אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, נאָר צו קעמפן פאַר לעבנס־וויכטיקע סאָציאַלע רעפאָרמעס און אין דער ערשטער ריי פאַר דעמאָקראַטישע פרייהייטן און רעכט.

קאַוטסקי האָט שאַרף קריטיקירט בערנשטיינס בוך אין אַרטיקלען אין בערלינער „פאָרווערטס" און אין דער „נייע צייט". אויפן צוזאַמענפאָר פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין 1899 האָבן די דעבאַטן וועגן דעם אָנגעהאַלטן פיר טעג צייט. בעבעל האָט איינגעלייטעט די דיסקוסיע אין אַ זעקס־שעהדיקער רעדע און צום שלוס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז די פּאַרטיי האָט ניט קיין אורזאַך אָפּצוזאָגן זיך פון אירע פונדאַמענטאַלע אנשויאונגען אָדער זיי צו ענדערן.

איגנאַץ אַוער, וועלכער איז געווען בערנשטיינס נאָענטסטער אידעען־חבר אין דייטשלאַנד, האָט אים צוגעשיקט אַ קאָפּיע פון דער רעזאָלוציע צוזאַמען מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אים געשריבן, אַז ער זאָל זיך ניט נעמען צום האַרצן, וואָס אין פראַגן פון טעאָריע בלייבט אַלץ ביים אַלטן. וויכטיק איז וואָס אין פראַגן פון טאַקטיק וועט די פּאַרטיי מוזן האַנדלען אַזוי ווי ער, בערנשטיין, רעקאָמענדירט.

אין 1900 האָט בערנשטיין סוף־כל־סוף באַקומען די דערלויבניש צוריק־צוקומען קיין דייטשלאַנד. ער האָט תיכף פאַרלאָזן לאָנדאָן און איז אָפּגעפאָרן קיין בערלין.

7

ווען בערנשטיין האָט אין אָנהייב 1901, נאָך די 22 יאָר וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אין גלות ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, זיך צוריקגעקערט קיין בערלין, איז ער אַלט געווען 51 יאָר. ער האָט אָבער אויסגעקוקט מיט אַ צען יאָר ייִנגער. ער איז געווען פֿול מיט לעבן, מיט מוט און ענערגיע און אַרבעטס־לוסטיק. ער איז גלייך אַריינגעטראָטן ווי אַ מיטגליד אין דער דאָרטיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע און איז אָפֿט אַרויסגעטראָטן אויף פֿאַרזאַמלונגען ווי אַ רעדנער און לעקטאָר. אָבער אין די העכערע פּאַרטיי־קרייזן האָט מען אים כמעט ווי באָיקאָטירט. זיין נאָענטסטער פֿרײַנד, קאַרל קאַוטסקי, האָט מיט אים איבערגעריסן אַלע באַציאונגען. אין דער „נייער צייט" האָבן קאַוטסקי, פּלעכאַנאָוו און אַנדערע אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן אים כסדר אַטאַקירט און ער האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו ענטפֿערן. ניט נאָר די „נייע צייט", נאָר אויך דער בערלינער „פֿאָרווערטס" האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן זיינע אַרטיקלען. ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַר־בעטער פֿון דעם „רעפֿאָרמיסטישן" זשורנאַל „סאָציאַליסטישע מאָנאַטס־העפֿטע", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פֿון ד״ר יאָזעף בלאָך.

בערנשטיין האָט געהאַט גרויס עגמת נפֿש, ניט נאָר פֿון דעם וואָס זיינע אַמאָליקע בעסטע פֿרײַנד האָבן זיך פֿון אים אָפּגעקערט, נאָר אויך פֿון דעם, וואָס די קעגנער און פֿיינד פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָבן אים שטאַרק געלויבט. די דייטשע רעגירונג און די בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן געהאָפֿט, אַז בערנשטיין וועט שפּאַלטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אויך אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָבן די קעגנער פֿון סאָציאַליזם געלייגט גרויסע האָפֿענונגען אויף בערנשטיינען. ווען אַ רוסישע איבערזעצונג פֿון בערנשטיינס בוך „די פֿאָרויסזעצונגען פֿון סאָציאַליזם" איז אָנהייב 1901 אַרויס לעגאַל אין פּעטערבורג, האָט זובאַטאָוו, דער הויפּט פֿון פּאָליטישן שפּיאָנאַזש אין רוסלאַנד, געגעבן לייענען דאָס בוך צו אַרעסטירטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין מאָסקווער טורמע, דערקלערנדיק זיי, אַז ער, זובאַטאָוו, איז אויך אַ „בערנ־שטייניאַנער".

אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט האָט דער פֿירער פֿון די אַנטיסעמיטן געזאָגט אין אַ רעדע, אַז די ייִדן זיינען אַ זייער כיטרע פֿאָלק. ווען זיי זיינען געווען אָרעם, האָט דער ייִד קאַרל מאַרקס געפֿרידיקט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם מוז פֿאַרניכטעט ווערן און אַז סאָציאַליזם איז אומפֿאַרמיידלעך. איצט, ווען די ייִדן אין אייראָפּע זיינען געוואָרן רייך, קומט דער ייִד עדוואַרד בערנשטיין און באַווייזט, אַז סאָציאַליזם איז גאָר ניט נייטיק און אַז עס איז ניט מעגלעך אין גאַנצן אָפּצושאַפֿן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג.

אָט דער פאַקט, וואָס ניט נאָר די ליבעראַלע זשורנאַליסטן, נאָר אויך פירער פון די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען און פאָרשטייער פון רעאַקציאָנערע רעגירונגען האָבן געלויבט בערנשטיינען, און וואָס די אָנגעזעענסטע לעגאַלע מאַרקסיסטן אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן געהאַלטן מיט בערנשטיינען, זיינען אין גיכן אַריבער אין ליבעראַלן לאַגער איז, אין אַ גרויסער מאָס, געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס פּלעכאַנאָוו האָט מיט אַזאַ אויסערגעוויינ־לעכער שאַרפקייט אַטאַקירט בערנשטיינען אין דער דייטשער סאָציאַליסטישער פרעסע, אַזוי גוט ווי אין דער רוסישער און פּאָול אַקסעלראָד, וועלכער איז געווען בערנשטיינס אַ פּערזענלעכער פריינד, האָט זיך פולשטענדיק סאָלידאַרי־זירט מיט פּלעכאַנאָוון.

בערנשטיין האָט זיך דעמאָלט געפילט זייער איינזאַם. ער האָט אָבער קיין מאָל ניט געטראַכט צו פאַרלאָזן די סאָציאַליסטישע רייען. ער האָט געהאָפט, אַז מיט דער צייט וועלן זיינע אידייען טריאומפירן. אין יאָר 1902 האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אים אַרויסגעשטעלט ווי איר קאַנדידאַט פאַר דעפּוטאַט פון רייכסטאַג פון דער שטאָט ברעסלאַו און ער איז דערוויילט געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט. ער איז פאַרבליבן אַ דעפּוטאַט, מיט אַ קורצער איבעררייסונג, ביז 1928, ווען ער איז שוין געווען פיזיש און גייסטיק זייער אָפּגעשוואַכט. אין רייכסטאַג האָט בערנשטיין זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט די פראַגן פון שטייערן און האַנדלס־פּאָליטיק און ער איז אַ סך מאָל אַרויסגעטראָטן אין רייכסטאַג אין נאָמען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע מיט רעדעס וועגן דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון דער דייטשער רעגירונג.

אין יאָר 1905 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ צווייטן בוך, „די היינטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דער טעאָריע און פּראַקטיק". אין 1906 איז ער אויך געוואָרן אַ לעקטאָר אין דער הויכשול, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון די פרייע דייטשע געווערקשאַפטן. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין מאַרטין בובערס זשורנאַל „די געזעלשאַפט", און איז געווען דער בערלינער קאָרעס־פּאָנדענט פון דער באַרימטער רוסישער ליבעראַלער צייטונג „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין מאָסקווע.

ווען דער עסטרייכישער ערץ־הערצאָג פראַנץ פערדינאַנד, דער יורש פון עסטרייכישן טראָן, איז דעם 28סטן יוני, 1914, דערמאָרדעט געוואָרן פון סערבישע טעראָריסטן, האָט בערנשטיין גלייך דערפילט אַז עס שמעקט מיט אַן אייראָפּעאישער מלחמה. דעם 31סטן יולי איז אין פּאַריז דערמאָר־דעט געוואָרן דער גרויסער סאָציאַליסטישער פירער און קעמפער פאַר שלום זשאַן זשאָרעס. אין דייטשלאַנד האָבן דעמאָלט אַ סך געגלייבט, אַז זשאָרעסעס מערדער איז געווען אַן אַגענט פון דער צאַרישער רעגירונג. די רוסישע

רעגירונג איז געווען פֿאַראינטערעסירט, אַז פֿראַנקרייך זאָל אַריין אין דער מלחמה קעגן דייטשלאַנד, און זשאָרעס האָט ביטער געקעמפֿט קעגן דעם. וואָס עס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען הינטער די קוליסן פֿון די אויסלענדישע מיניסטעריומס און גענעראַל־שטאַבן פֿון עסטרייך, אונגאַרן און דייטשלאַנד, האָבן די סאָציאַליסטן פֿון דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן ניט געוווּסט. זיי זיינען געווען אונטער דעם פֿאַלשן איינדרוק, אַז די מלחמה איז פּראָוואָ־צירט געוואָרן פֿון דער צאַרישער רעגירונג און אַז דייטשלאַנד און עסטרייך האָבן געזוכט צו פֿאַרמיידן אַ קריג. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס ווען דער קריג האָט אויסגעבראָכן, האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן פֿון פֿון רייכסטאַג דעם 4טן אויסגוסט געשטימט פֿאַר באַוויליקן דער רעגירונג די נייטיקע קרעדיטן אויף צו פֿירן די מלחמה. אַפֿילו קאַרל ליבקנעכט (ווילהעלם ליבקנעכטס זון), וועלכער איז געווען אַ פֿייערדיקער אַנטי־מיליטאַריסט, האָט אויך דעם 4טן אויגוסט ניט געשטימט קעגן דעם.

עדואַרד בערנשטיין איז אָבער געווען איינער פֿון די ערשטע צווישן די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכער האָט אין גיכן איינגעזען אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז באַגאַנגען אַ גרויסן פֿעלער, ווייל זי האָט גע־שטימט פֿאַרן קריג. צום זעלבן שלום זיינען אויך געקומען קאַרל קאַוטסקי און הוגאָ האַאַזע, דער פֿאָרזיצער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿראַקציע אין רייכסטאַג.

שפּעטער האָט בערנשטיין אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ברעסלאַו, דערקלערט, אַז אים טוט שטאַרק וויי, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טיע און ער אַליין האָבן אין אויגוסט 1914 ניט פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־סטרייק קעגן קריג. דער גענעראַל־סטרייק — האָט ער געזאָגט — וואָלט זיכער געווען אַ דורכפֿאַל, אָבער דאָס וואָלט אַמווייניקסטנס געמיינט, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געטאָן איר פֿליכט.

8

אין יוני, 1915, האָבן בערנשטיין, קאַוטסקי און האַאַזע אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף, אין וועלכן זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דעם אמתן כאַראַקטער פֿון דער מלחמה. דעמאָלט איז צוריק אָפּגעפֿרישט געוואָרן די אַלטע פֿריינד־שאַפֿט צווישן בערנשטיינען און קאַוטסקין. פֿון דער אַנדער זייט, אָבער, איז בערנשטיין דורך דעם געקומען אין אַ קאָנפֿליקט מיט דער גרויסער מער־הייט פֿון זיינע „רעפֿאָרמיסטישע" פֿריינד, וועלכע זיינען, מיט ווייניק אויס־נאַמען, אַלע געווען פֿאַר דער ווייטערדיקער באַוויליקונג פֿון מיליטערישע קרעדיטן. אויך ד"ר יאָזעף בלאָך, דער אַרויסגעבער פֿון די „סאָציאַליסטישע

מאַנאַטהעפטע", איז געוואָרן אַ דייטשער סופּער־פּאַטריאָט און בערנשטיין האָט צוליב דעם אויפגעהערט מיטצואַרבעטן אין דעם זשורנאַל. ער האָט צוריק אָנגעהייבן שרייבן פאַר קאַוטסקיס „נייע צייט". אָבער אין גיכן האָט די פּאַרטיי צוגענומען ביי קאַוטסקין די „נייע צייט" און באַשטימט פאַר רעדאַקטאָר היינריך קונאָוו, אַן אָנהענגער פון דער מאַיאָריטעט. דער שטרייט צווישן דער מאַיאָריטעט און דער מינאָריטעט אין דער פּאַרטיי האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשאַרפט.

דעם 20סטן אויגוסט, 1915, ווען עס איז אין רייכסטאַג ווידער באַהאַנדלט געוואָרן דער קריגס־בודזשעט, האָט בערנשטיין צוזאַמען מיט עטלעכע און דרייסיק אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן זיך צוריקגעהאַלטן פון שטימען. מיט 9 טעג שפּעטער, ווען עס איז ווידער געקומען צו אַזאַ אָפּשטימונג, האָבן 20 דעפּוטאַטן געשטימט קעגן און בערנשטיין איז געווען איינער פון זיי.

אין מערץ, 1916, האָט האַאַזע אין רייכסטאַג געהאַלטן אַ שאַרפע רעדע קעגן דער מלחמה, און ער איז דערפאַר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּאַרטיי. זיבעצן אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן, צווישן זיי אויך בערנשטיין, האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט האַאַזען און האָבן געגרינדעט אַן אייגענע פראַקציע, „די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטס־געמיינשאַפט". מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן די מיטגלידער פון דער דאָזיקער פראַקציע געשאַפן די „אומאָפּהענגיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון דייטשלאַנד".

בערנשטיין און קאַוטסקי זיינען גראָד געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל גרינדן אַ באַזונדערע פּאַרטיי. זיי האָבן געהאָפט, אַז עס וועט זיך סוף־כל־סוף זיי איינגעבן צוריק אַרויפצופירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אויפן ריכטיקן וועג און זיי ביידע זיינען אַריינגעטראָטן אין איר ווי מיטגלידער. בערנשטיין האָט אָבער קיין מאָל ניט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל אין איר. ער האָט זיך מער באַשעפטיקט מיט ליטעראַרישער טעטיקייט און ער האָט קיין מאָל ניט אויפגעגעבן די האָפענונג צו זיין ביכולת צוריק צו פאַראייניקן ביידע סאָציאַליסטישע פראַקציעס.

בערנשטיין איז געווען איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטישע דענקער, וועלכער האָט נאָך מיט אַ צייט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה אָנגעוויזן, אַז אינטערנאַציאָנאַליזם שליסט ניט אויס די ליבע צום אייגענעם לאַנד און צום אייגענעם פאָלק; אַז מען קען ניט דערוואַרטן, אַז פון אַלע פעלקער זאָל אַמאָל ווערן איין פאָלק, און אַז דאָס איז גאָר אויך ניט וויכטיק.

נאָך אין 1899 האָט בערנשטיין אין די „פאָרויסזעצונגען פון סאָציאַליזם" געשריבן, אַז די פראַזע אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס, אַז „אַ פּראָלעטאַריער האָט ניט קיין פאָטערלאַנד", האָט

זיך געקענט באַציִען נאָר אויף די רעכטלאָזע אַרבעטער פֿון די פֿערציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט, וועלכע זיינען געווען אויסגעשלאָסן פֿון געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן, אָבער איצט (אין 1899) האָט די באַדייטונג פֿון דער פֿראַזע זיך שטאַרק פֿאַרקלענערט און זי וועט זיך וואָס שנעלער פֿאַרקלענערן, וואָס מער דער אַרבעטער וועט פֿון אַ פּראָלעטאַריער פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ בירגער. דער אַרבעטער, וועלכער איז געוואָרן אַ גלייכבאַרעכטיקער וויילער פֿון דער מלוכה און פֿון די מוניציפּאַליטעטן, און דעריבער אַן אַנטיילנעמער אין דעם אַלגעמיינעם ווילשטאַנד פֿון פֿאָלק; דער אַרבעטער, וועמענס קינדער עס ווערן דערצויגן פֿון דער געזעלשאַפֿט, פֿאַר וועמעס געזונט די געזעלשאַפֿט זאָרגט זיך, וועמען די געזעלשאַפֿט באַשיצט פֿון גוואַלדטאַטן — אַזאַ אַרבעטער וועט האָבן אַ פֿאָטערלאַנד... „די פֿולשטענדיקע פֿאַרשווינדונג פֿון נאַציאָנען איז גאָר ניט ווינשענסווערט, און מען קען אויך ניט דערוואַרטן, אַז דאָס זאָל ווען פֿאַרווירקלעכט ווערן".

אין יעדער פֿון די קריגס־פֿירנדיקע לענדער זיינען געווען קליינע גרופּן סאָציאַליסטן, וואָס זיינען ניט געווען צופֿרידן מיט דער שטעלונג פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צום קריג. עס זיינען געווען צווישן זיי אַזוינע, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די אַרבעטער פֿון דער גאַנצער וועלט דאַרפֿן זיך אַריינמישן און דורך רעוואָלוציאָנערע מיטלען אָפּשטעלן דעם קריג. זיי האָבן געדענקט, אַז די אַרבעטער דאַרפֿן צוריק אויפֿשטעלן זייער סאָציאַליס־טישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז מיטן אויסברוך פֿון קריג פֿאַרניכטעט געוואָרן, און דורך דעם אינטערנאַציאָנאַל מאַכן אַ דרוק סיי אויף די רעגירונגען און סיי אויף די פֿעלקער, אַז זיי זאָלן שליסן אַ שלום, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף יושר און גערעכטיקייט און וואָס זאָל זיין אָננעמבאַר פֿאַר אַלע צדדים. און עס זיינען אויך געווען אַזוינע ווי לענין און זיינע חברים, וואָס האָבן אין דער אמתן גאָרניט געוואָלט, אַז די מלחמה זאָל וואָס שנעלער אָפּגעשטעלט ווערן, נאָר וואָס האָבן געהאַלטן, אַז איצט איז געקומען די צייט צו פֿאַראייניקן אַלע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן אין איין אינטער־נאַציאָנאַל, וואָס זיין אויפֿגאַבע זאָל זיין „צו פֿאַרוואַנדלען די אימפּעריאַליס־טישע מלחמה אין אַ בירגערקריג אין יעדן לאַנד".

דעם 5טן סעפּטעמבער, 1915, איז אין דער קליינער שווייצאַרישער שטעטל צימערוואַלד פֿאַרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון אָט די אַלע סאָציאַליס־טישע אַנטי־מלחמה גרופּן, וואָס האָבן זיך גערופֿן „אינטערנאַציאָנאַליסטן".

„פֿאַר דער צימערוואַלדער קאָנפֿערענץ, — האָט שפּעטער דערציילט בערנשטיין, — איז אין בערן פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג פֿון אייניקע דעלע־גאַטן. ווי מערהיים, איינער פֿון די פֿראַנצויזישע לינקע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער באַראַטונג, האָט שפּעטער באַשריבן, האָט

לענין שוין דעמאָלט געפֿאָדערט, אַז די קאָנפֿערענץ זאָל זיך, ערשטנס, קאָנסטיטואירן ווי אַ דריטער אינטערנאַציאָנאַל, און, צווייטנס, אַז זי זאָל גלייך אַרויסלאָזן אַן אויפֿרוף צו די אַרבעטער־מאַסן און סאָלדאַטן פֿון אַלע לענדער, אַז זיי זאָלן דערקלערן אַ גענעראַל־סטרייק קעגן קריג. שוין אויף דער בעראַטונג האָט מערהיים אָנגעוויזן לענינען, אַז אַזאַ אויפֿרוף קען ניט ברענגען קיינע ממשותדיקע רעזולטאַטן ביי דער שטימונג, וואָס עס הערשט צווישן די מאַסן פֿון אַלע לענדער. לענין און זיינע פֿריינד האָבן זיך אָבער ניט געלאָזט איבערציינגן. די דעבאַטע וועגן דער פֿראַגע האָט געדויערט אַכט שעה צייט. די זעלבע סצענע האָט זיך שפּעטער איבערגעחזרט אין דער רעזאָלוציע־קאָמיסיע פֿון דער צימערוואַלדער קאָנפֿערענץ. דאָרט איז עס געקומען צו אַ שאַרפֿן צוזאַמענשטויס צווישן דעם פֿאָרשטייער פֿון די לינקע סאָציאַליסטן פֿון דייטשלאַנד, געאָרג לעדעבור, און לענינען. פּונקט ווי מערהייט, האָט אויך לעדעבור באַקעמפֿט לענינס פֿאָדערונג ווי אַ צוועקלאָזע, און דערביי האָט ער אויך געהאַלטן. נאָך דעם ווי די דעלעגאַטן וואָלטן צוריקקערן זיך אין זייערע לענדער, וואָלט דאָס אָננעמען פֿון אַזאַ רעזאָלוציע געמיינט אַ צוועקלאָזע זעלבסט־אויפֿאָפּפֿערונג. זיי וואָלטן, קומענדיק אַהיים, גלייך געשטעלט געוואָרן צו אַ קריגס־געריכט און דערשאָסן געוואָרן, און וואָלטן מיט זייער טויט פּאַקטיש קיין זאַך ניט אויפֿגעטאָן.

„לענין, וועלכער איז די גאַנצע צייט פֿון דער דעבאַטע געזעסן אויסגעשפּרייט אויף אַ ווייכן דיוואַן, האָט ניט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן אינטערעס צו די אַרגומענטן פֿון זיינע קעגנער. יעדעס מאָל, וואָס ער האָט געענטפֿערט אויף די רעדע פֿון אַ קעגנער, האָט ער גערעדט אַלץ מיט אַ מער באַליידיקנדן און סאַרקאַסטישן טאָן, און ווען ניט די אַריינמישונג פֿון דעם רוסיש־רומענישן סאָציאַליסט ראַקאָווסקי, וואָלט די קאָנפֿערענץ אין גאַנצן אויפֿגעריסן געוואָרן, ווייל סיי די פֿראַנצויזישע און סיי די דייטשע דעלעגאַטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען לענינס משוגענעם פֿאָרשלאַג. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע. לענין אָבער האָט אי אין דער קאָמיסיע און אי אויף דער קאָנפֿערענץ גופֿא געשטימט קעגן דער רעזאָלוציע.

„אין מיטן פֿון דער ווערטערשלאַכט צווישן לענינען און לעדעבורן, דערציילט מערהיים, האָט לעדעבור, ענטפֿערנדיק אויף לענינס אַ סאַרקאַסטישע באַמערקונג, אויסגערופֿן, אַז ער לעדעבור, פֿאַרלאַנגט ניט פֿון לענינען, אַז ער זאָל פֿאָרן אין רוסלאַנד און דאָרט אַרויסטרעטן אין זין פֿון דער רעזאָלוציע, וואָס ער שלאָגט דאָ פֿאָר, ווייל דאָס מיינט אַ זיכערער טויט דורך דערשיסן. לענין אָבער פֿאַרלאַנגט פֿון אים, אַז ער, לעדעבור, זאָל מקריב זיין איינגענעם לעבן, בעת ער, לענין, וועט זיך בלייבן רואיק לעבן אין דער שווייץ.

„לעניִן, — שרייבט בערנשטיין, — איז ווירקלעך פֿאַרבליבן אין דער שווייץ און ער האָט זיך צוריקגעקערט אין רוסלאַנד צוזאַמען מיט זיינע פֿריינד ערשט נאָך דעם ווי די רעוואָלוציע האָט שוין געזיגט".

בערנשטיין האָט אין די ייִנגערע יאָרן זיך כמעט ניט אינטערעסירט מיט יידישע ענינים. אָבער זיין צוגעהעריקייט צום יידישן פֿאָלק האָט בערנשטיין קיין מאָל ניט פֿאַרלייקנט. יעדעס מאָל, ווען דאָס האָט זיך געפֿאָדערט, פֿלעגט ער גלייך באַמערקן, אַז ער איז אַ ייד.

אין 1917 האָט בערנשטיין פֿאַרעפֿנטלעכט אין בערלין אַ בראָשור אויף דייטש, „די אויפֿגאַבן פֿון די יידן אין דער וועלט־מלחמה", אין וועלבער ער האָט, צווישן אַנדערן, געשריבן:

„איך פֿיל זיך צופֿיל ווי אַ דייטש צו קענען זיין אַ ציוניסט, אָבער איך קען פֿאַרשטיין דעם ציוניזם ווי אַ קעגן־געווער קעגן די מלוכהשע און סאָציאַלע באַגרענעצונגען, פֿון וועלכע די יידן קומט אויס צו ליידן אַפֿילו אין פּראָגרעסיווע לענדער. איך בין אויך ניט בלינד צו זען, אַז די אידעאַליסטישע עלעמענטן אין ציוניזם קענען האָבן אַ ווערט פֿאַרן קולטורעלן לעבן. אויך בין איך מיט דער מיינונג, אַז דער ציוניזם שטייט ניט אין קיין נייטיקער סתירה צום וועלט־בירגערלעכן דענקען, אויב דער ציוניסט איז נאָר ניט קיין שאָוויניסט פֿון יידנטום.

„דער אמתער וועלטבירגער איז דער, וואָס זוכט צו זיין שעפֿעריש און טעטיק פֿאַר דער וועלט, ד. ה. פֿאַר דער גרויסער פֿאַמיליע פֿון פֿעלקער. אָבער אויספֿירן דאָס אויף אַ ווירקזאַמען אופֿן קען ער נאָר דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון די מיטגלידער פֿון דער פֿאַמיליע.

„אין דעם זין קען דער ציוניסטישער ייד, אַזוי גוט ווי דער דייטשער, דער ענגלישער און פֿראַנצויזישער ייד, דענקען און האַנדלען ווי אַ וועלט־בירגער... אויף אים איז אויסגעפֿאַלן דער גורל צו שטעלן זיך קעגן די העצערייען פֿון איין פֿאָלק קעגן צווייטן און צו באַקעמפֿן מיט אַלע כוחות דעם נאַציאָנאַליסטישן סם. אָט דעם עלעמענטאַרן חוב האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט די געשיכטע פֿון זיין פֿאָלק, די שטעלונג פֿון יידנטום אין דער גאַנצער וועלט, וואָס ווערט אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן געשטויסן צו וועלט־פּאָליטישן דענקען; די געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס האָט געמאַכט די יידן פֿאַר מיטבירגער פֿון אַלע פֿעלקער".

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט בערנשטיין, אַרויסגעוויזן אַן אַקטיווע סימפּאַטיע צום סאָציאַליסטישן ציוניזם.

די רוסישע רעוואָלוציע פֿון מאַרץ, 1917, האָבן בערנשטיין, ווי אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן פֿון דער גאַנצער וועלט, ענטוזיאַסטיש באַגריסט. ער איז אָבער געווען דער איינציקער דייטשער סאָציאַליסט, וועלכער איז נאָך אין

זומער 1917 שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן באָלשעוויזם און קעגן די יעניקע לינקע סאָציאַליסטן פֿון רוסלאַנד און פֿון אַנדערע לענדער, וועלכע האָבן געפּריידיקט אַז שולדיק אין דער מלחמה איז דער קאַפּיטאַליזם.

ווען די סאָציאַליסטן פֿון אַ ריי לענדער פֿון אייראָפּע האָבן אין זומער, 1917, זיך געקליבן צוזאַמענצורופֿן אין שטאָקהאָלם אַן אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפֿערענץ, האָט בערנשטיין אין אַן אַרטיקל „סטאָקהאָלם און פֿעלקער־פֿרידען", וועלכן ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם זשורנאַל „אינטערנאַציאָנאַלע רונדשוי", געשריבן, אַז די סאָציאַליסטן דאַרפֿן האָבן דעם מוט אויסצופֿאָרשן גרינטלעך די פֿראַגע, ווער עס זיינען די אמתע שולדיקע אין דער מלחמה. מען קען ניט אַלץ אַרויפֿוואַרפֿן נאָר אויפֿן אימפּעריאַליזם און אַנדערע אָביעקטיווע כוחות, אַז זיי האָבן אַרויסגערופֿן די מלחמה. קיין צווייפֿל ניט, האָט בערנשטיין געשריבן, אַז די אָביעקטיווע אומשטענדן האָבן געשאַפֿן אַ גינסטיקן באָדן פֿאַר מלחמה, „אָבער דאָס מיינט ניט, אַז מענטשן זיינען אין גאַנצן ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם, וואָס די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. מענטשן זיינען אַ פּראָדוקט פֿון דער געשיכטע, ניט אירע אויטאָמאַטן. דעריבער דאַרף מען באַשטיין אויף דעם, אַז עס זאָל פֿעסטגעשטעלט ווערן די ספּעציעלע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון די יעניקע, וועלכע האָבן אָנגעצונדן די שריפֿה".

ווען די באָלשעוויקעס האָבן, באַלד נאָך דעם ווי זיי האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע, געשלאָסן אַ וואָפֿנשטילשטאַנד מיט דייטשלאַנד און אָנגעהויבן אין ברעסט־ליטאָווסק די אונטערהאַנדלונגען מיט די פֿאַרטרעטער פֿון דער מאָנאַרכיסטישער און מיליטאַריסטישער דייטשלאַנד וועגן אַ סעפּעראַט־שלום, האָט בערנשטיין אָפּגעדרוקט אין מאָקסים גאָרקיס צייטונג, „נאָוואַיאַ זשיזן", אין פּעטראָגראַד אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט געשריבן אַז די באָלשעוויסטישע פֿירער האַנדלען אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען באַצאָלטע אַגענטן פֿון דער קייזערלעכער רעגירונג, און ער האָט געוואָרנט אַז די באָלשעוויסטישע פֿירער גרייטן צו „ניט קיין שלום פֿאַר רוסלאַנד און פֿאַר דער מענטשהייט וואָס ליידט פֿון דער מלחמה, נאָר דעם אויסערגעוויינלעך־גרויזאַמען טריאומף פֿון דעם דייטשן אימפּעריאַליזם".

מען האָט געדאַרפֿט האָבן אַ סך מוט אַרויסצוקומען דעמאָלט מיט אַזאַ אַרטיקל אין אַ רוסישער צייטונג.

מיט דריי יאָר שפּעטער, דעם 14טן יאַנואַר, 1921, האָט בערנשטיין אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין בערלינער „פֿאָרווערטס", אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז ער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן גענומען ביי דער דייטשער רעגירונג ניט ווייניק ווי 50 מיליאָן גאָלדענע מאַרקן, כדי אַרונטערצוּוואַרפֿן די קערענסקי־רעגירונג און שליסן דערנאָך אַ סעפּעראַטן

שלום מיט דייטשלאַנד. בערנשטיין האָט אין דעם דאָזיקן אַרטיקל אויפֿגע־פֿאָדערט די באָלשעוויקעס, אַז זיי זאָלן אים אָנקלאָגן אָדער אין אַ דייטשן געריכט, אָדער פֿאַר אַ קאָמיסיע פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווען זיי געפֿינען אַז ער האָט אויף זיי געמאַכט אַ בלבול. די קאָמוניסטן האָבן אים, נאַטירלעך, גוט אָפּגעזידלט און ניט אָנגעקלאָגט פֿאַר קיינעם.

די ערשטע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פֿון דייטשלאַנד, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן, אין נאָוועמבער 1918, נאָך דעם ווי קייזער ווילהעלם איז אַראָפּ־געזעצט געוואָרן פֿון טראָן, איז באַשטאַנען פֿון זעקס „פֿאָלקס־באַפֿולמעכ־טיקע" (מיניסטאָרן, דריי פֿון זיי מיטגלידער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי און דריי פֿון דער „אומאָפּהענגיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי"). בערנשטיין איז אין די ערשטע עטלעכע חדשים געווען געהילפֿס־פֿינאַנץ מיניסטער. בערנשטיין האָט זיך כסדר באַמיט צוריק צו פֿאַראייניקן די צוויי פֿראַקציעס. ער איז ווידער אַריינגעטראָטן ווי אַ מיטגליד אין דער אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. די „אומאָפּהענגיקע", אָבער, האָבן אים פֿאַרבאָטן צו געהערן גלייכצייטיק צו ביידע פּאַרטייען. האָט ער ניט־ווילנדיק רעזיגנירט פֿון דער „אומאָפּהענגיקער" פּאַרטיי. אָבער אין דער אַלטער פּאַרטיי איז אים ווידער אויסגעקומען שטאַרק צו קעמפֿן קעגן די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן.

אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אין 1919, האָט מען אים שטאַרק איבערגעריסן אין זיין רעדע, ווען ער האָט געזאָגט:

„דער 3טער און 4טער אויגוסט פֿון 1914 זיינען געווען די פֿינסטערסטע טעג אין מיין לעבן... פֿון מיין שטאַנדפּונקט איז אונדזער שטימע (פֿאַרן קריגס־בודזשעט) דעמאָלט געווען אַ קאַטאַסטראָפֿע אויך פֿאַר אונדזער פֿאָלק, ווי פֿאַר דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. ווען מיר וואָלטן דעמאָלט געזאָגט „ניין", וואָס מיר האָבן געהאַט די פֿולע רעכט צו טאָן, אָדער ווען מיר וואָלטן זיך בלויז אָפּגעהאַלטן פֿון שטימען, וואָלט דאָס דייטשע פֿאָלק זיכער ניט געווען ערגער ווי עס איז איצט. אָבער מיליאָנען סאָלדאַטן וואָלטן ניט געהרגעט געוואָרן און מיליאָנען וואָלטן ניט פֿאַרקריפּלט געוואָרן".

אין מאַרץ 1921 האָט בערנשטיין, אין אַ רעדע אין רייכסטאַג, געהאַט דעם מוט צו זאָגן אָפֿן פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַז „די שולד פֿאַר דעם אויסברוך פֿון דער מלחמה פֿאַלט אויף דער קייזערלעכער רעגירונג".

„אַן אינטערעס אין מלחמה, האָט בערנשטיין געשריבן אין 1923, האָט איבעראַל נאָר אַ מינדערהייט פֿון די קאַפּיטאַליסטן. די ריזיקע מערהייט פֿון די קאַפּיטאַליסטן אין אַלע לענדער איז פֿאַראינטערעסירט אין שלום. די מלחמה פֿון 1914 האָבן אַרויסגערופֿן יענע עלעמענטן פֿון דייטשלאַנד,

עסטרייך און רוסלאַנד, וועלכע האָבן געהערט צו דער פֿאַר־קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע און געלעבט מיט די אָנזיכטן פֿון יענער ציוויליזאַציע. די מלחמה איז נאָר דערפֿאַר געוואָרן אומפֿאַרמײַדלעך, ווײַל די יעניקע עלעמענטן פֿון דער געזעלשאַפֿט, וועמעס אינטערעסן און אָנזיכטן זי האָט ווידערשפּראָכן, זײַנען טיילווייז געווען ניט אָרגאַניזירט און טיילווייז זײַנען זיי באַזייטיקט געוואָרן פֿון באַשטימען די פֿראַגן פֿון מלחמה און שלום".

שפּעטער, דעם 20סטן אויגוסט 1926, האָט ער, אין אַן אַרטיקל „גוט מיינענדיקע אַמעריקאַנער אויף אַ פֿאַלשן וועג", פֿאַרדאַמט דעם אַמעריקאַנער היסטאָריקער פּראָפֿעסאָר הערי עלמער באַרנס דערפֿאַר, וואָס ער האָט „נאָך אַן אַזוי גרויסער אונטערזוכונג" כּלומרשט פֿעסטגעשטעלט, אַז רוסלאַנד און פֿראַנקרייך טראָגן די הויפּטשולד פֿאַר דער מלחמה. „באַרנס — האָט בערנשטיין געשריבן — איז אַ קרבן פֿון פּראָפּאַגאַנדע און ער האָט זיך דערלויבט צו ווערן דער „פֿראָנט" פֿאַר עטלעכע רעאַקציאָנערע דײַטשע אָרגאַניזאַציעס".

אין 1920, בײַ די וואַלן צום ערשטן רײַכסטאַג אונטער דער רעפּובליק, איז בערנשטיין ווידער דערוויילט געוואָרן ווי אַ דעפּוטאַט פֿון דעם פּאָטסדאַמער וואַלקרײַז. אין זומער, 1921, איז ער פֿאַרבעטן געוואָרן פֿון בערלינער אוניווערזיטעט צו געבן אַ קורס לעקציעס איבער „שטרײַט־פֿראַגן פֿון סאָציאַליזם אַמאָל און איצט". זײַנע לעקציעס זײַנען געווען שטאַרק באַזוכט און זײַנען שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין אַ באַזונדער בוך. ניט פֿאַרענדיקט איז געבליבן זײַן „געשיכטע פֿון דער דײַטשער רעוואָלוציע", דער ערשטער טייל פֿון וועלכן עס איז אַרויס נאָך אין 1921.

צו קאַוטסקין האָט בערנשטיין זיך באַצויגן מיט דער גרעסטער ליבע, אַפֿילו אויך אין די לאַנגע יאָרן, ווען זיי זײַנען געווען צעקריגט. שפּעטער, אין צײַט פֿון דער מלחמה, ווען די אַלטע פֿרײַנדשאַפֿט צווישן זיי איז ווידער באַנײַט געוואָרן, האָט קאַוטסקי ניט איין מאָל עפֿנטלעך דערקלערט, אַז אין אַ סך פּונקטן איז ער, קאַוטסקי, געווען אומגערעכט. און גערעכט איז געווען בערנשטיין. אויך מיט פּאָול אַקסעלראָדן איז בערנשטיין נאָך דער רעוואָלוציע צוריק שטאַרק באַפֿרײַנדעט געוואָרן.

פֿון דעם ערשטן טאָג אָן פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע איז בערנשטיין אַרויסגעטראָטן שאַרף קעגן די באָלשעוויקעס. ער האָט באַשולדיקט די באָלשעוויסטישע פֿירער, אַז אין זייער דורשט נאָך מאַכט האָבן זיי „באַרבאַריזירט" קאַרל מאַרקסעס ציוויליזירטע עוואָלוציאָנערע לערעס און זיי האָבן אין גאַנצן איגנאָרירט מאַרקסעס עקאָנאָמישע טעאָריע, לויט וועלכער סאָציאַליזם קאָן אײַנגעפֿירט ווערן נאָר אין אַ הויך־אַנטוויקלטן אינדוסטריעלן לאַנד, וואָס רוסלאַנד איז עס לכל הדעות ניט.

בערנשטיינס קאמף פֿון איין זייט קעגן די דייטשע נאַציאָנאַליסטן און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּארטיי און פֿון דער צווייטער זייט קעגן דעם לינקן פּראָבאָלשעוויסטישן פֿליגל האָבן אים געשאַפֿן אַ סך קעגנער אין דער פּארטיי. אין 1927 האָט ער זיך, אין אַ בריוו צו קאַוטסקין, באַקלאָגט, אַז ער פֿילט זיך זייער איינזאַם. סיי שטאַמפּפֿערס „פֿאָרווערטס" און סיי הילפֿערדינגס „געזעלשאַפֿט" דרוקן ניט זיינע אַרטיקלען.

פֿראַנץ קורסקי. וועלכער איז אין פֿאַרלויף פֿון אַ סך יאָרן געווען זייער נאָענט באַפֿריינדעט מיט בערנשטיינען, האָט אין 1932 געשריבן, אַז אַלע בערנשטיינס פֿריינד האָבן געהאַט דעם געפֿיל, אַז ער איז דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט. „ביי דער מערקווירדיקער שאַרפֿקייט פֿון זיין פֿאַרשטאַנד, ביי זיין אויסגעשפּראָכענער קריטישער נאַטור, איז ער געווען די פֿאַרקערפּערטע גוטסקייט אַליין. זיין גוטסקייט אין פּשוטן זינען פֿון וואָרט איז געווען אומבאַשרייבלעך. זיין שטענדיקע גרייטקייט צו העלפֿן אַ מענטשן האָט באַזונדערס אין די לעצטע 12‑13 יאָר פֿון זיין לעבן אָפּגע־נומען אַ גרויסן טייל פֿון זיין צייט, פֿון זיינע כּוחות און, ווי מיר דוכט זיך, אויך פֿון זיינע מאַטעריעלע מיטלען. מאַטעריעלע הילף פֿלעגט ער געבן אַזוי געהיים, אַז נאָר אַ גאַנץ נאָענטער מענטש האָט געקענט מערקן וואָס דאָ קומט פֿאָר".

ר. אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז אויך אַ סך יאָרן געווען באַפֿריינדעט מיט בערנשטיינען, האָט אין זיינע זכרונות אויך אָנגעוויזן, אַז אים האָט שטאַרק געצויגן צו בערנשטיינען ניט נאָר דער גייסטיקער פֿאַרגעניגן פֿון שמועסן מיט אַזאַ אינטערעסאַנטן מענטשן, נאָר אויך בערשטיינס מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. „ער איז געווען, — שרייבט אַבראַמאָוויטש, — אַזוי ווי אָנגעזאַפּט מיט אַקטיווער גוטסקייט. ער האָט ניט געקענט זען אַ מענטש, וואָס נייטיקט זיך אין עפּעס, און ניט אָנבאָטן אים גלייך זיין הילף. „אין אָט דער אַקטיווער גוטסקייט איז ניט נאָר געווען אַ „פֿינטעלע ייד" — ער האָט זיין הילף פּונקט אַזוי געגעבן צו ניט־יידן, אָבער דער יידישער מאָמענט האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע. ער איז אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן געוואָרן אַ סך מער פֿאַראינטערעסירט אין יידישע פּראָבלעמען, ווי אין זיינע יונגע יאָרן, און ספּעציעלע סימפּאַטיע האָט ער אַרויסגעוויזן פֿאַרן סאָציאַליסטישן ציוניזם, אָבער גוטסקייט איז געווען אַ שטריך פֿון זיין נאַטור, ניט פֿון טעאָרעטישער איבערצייגונג".

דער אַלטער בערנשטיין איז געווען זייער באַשיידן אין זיינע מיטלען, געלעבט ווי אַ נידעריקער מיטלקלאַס אינטעליגענט. געהאַט אַ קליינע דירה אַן אַן עלעוואַדאָר, אויפֿן דריטן שטאָק און ער איז שוין דעמאָלט געווען העכער 75. ער פֿלעגט אַרומגיין ווינטערצייט אין אַן אַלטן פּעלץ, וואָס ער

פֿלעגט קיין מאָל ניט אויסטאָן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג — געהאַט אויף דעם אַן אייגענע טעאָריע.

אָבער זיין מיטהילף איז שטענדיק באַשטאַנען ניט אין אַ קליינער נדבה. ער פֿלעגט שטעלן אין דינסט פֿון די הילף־באַדערפֿטיקע זיין גרויסן מאָראַ־לישן איינפֿלוס. אַ בריוו צו אַ מיניסטער, אַ רעקאָמענדאַציע פֿאַר אַ יונגן סטודענט צו דעם בילדונגס־מיניסטער, צום רעקטאָר פֿון אוניווערסיטעט, אַ צעטעלע צום „וווינונגס־אַמט" כדי צו קריגן אַ דירה (אין יענע יאָרן האָט מען ניט געקאָנט קריגן קיין דירה אָדער אַפֿילו אַ צימער אָן דער דערלויבע־ניש פֿון דעם וווינונגס־קאָמיטעט פֿון דער שטאָט).

בערנשטיין איז געוואָרן אַ מין ניט־אָפֿיציעלער פּראָטעקטאָר פֿאַר יידישע יונגעלייט פֿון מזרח־אייראָפּע, רוסישע, ליטווישע, פּוילישע, גאַליצישע, רומענישע. זיין באַשיידענע וווינונג איז געוואָרן דער „אַדרעס" פֿאַר אַלע יידישע יונגעלייט פֿון אָט די לענדער. אין פּאָליציי־פּרעזידיום האָט מען זיך געוויצלט, אַז יעדער מזרח־ייד האָט אין קעשענע אַ בריוו פֿון עדואַרד בערנשטיין. און ניט געקוקט אויף דעם, האָט מען זיך מיט די בריוו דאָך גערעכנט.

מיט זיין פֿרוי רעגינאַ צאָדעק האָט בערנשטיין אין גליקלעכער האַרמאָניע אָפּגעלעבט 37 יאָר. זי האָט שטענדיק געאַרבעט צוזאַמען מיט אים. ביי אים אין קאַבינעט זיינען שטענדיק געשטאַנען צוויי שרייבטישן. ביי איינעם איז ער געזעסן און געאַרבעט,ביים צווייטן — פֿלעגט זי איבערשרייבן זיינע אַרטיקלען און זיי איבערשרייבן אויך אויף אַנדערע שפּראַכן, אויב דאָס איז נייטיק געווען. זי פֿלעגט אויך שרייבן אַ טייל פֿון זיינע בריוו. זי איז גע־שטאָרבן פּלוצלונג אין יאָר 1924. ער איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 74 יאָר. אין קרעמאַטאָריום, ווו איר קערפּער איז פֿאַרברענט געוואָרן, האָט ער אַליין געהאַלטן די טרויער־רעדע, און ווי קורסקי דערציילט, „האָט די רעדע אַלעמען טיף דערשיטערט".

בערנשטיינס 75־יאָריקער געבורטסטאָג איז פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער פּאַרטיי געפֿייערט געוואָרן אויף אַ מאַסן פֿאַרזאַמלונג. אין 1930 איז זיין 80־יאָריקער געבורטסטאָג געפֿייערט געוואָרן אויף אַן אינטימען באַנקעט, צו וועלכן עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן אַרום 120 פֿאָרשטייער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און פֿון די פֿרייע געווערקשאַפֿטן, ווי אויך פֿאַרטרעטער פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פֿון רוסישן „בונד" און דריי פּערזענלעכע בערנשטיינס פֿריינד: דוד קאַיגען, פֿראַנץ קורסקי און פּאול אָלבערג. די הויפּט־רעדע אויף דעם באַנקעט האָט געהאַלטן דער דעמאָלסטיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער קאַנצלער הערמאַן מיולער.

אין זיינע לעצטע יאָר האָט בערנשטיין ניט אויפגעהערט צו וואָרענען דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי צו שטיין אויף דער וואַך קעגן די טויט־פיינט פון דער רעפּובליק, וועלכע באַזיצן ריזיקע פינאַנציעלע רעסורסן און אַ מעכטיקע פּרעסע און „אָט די מענטשן — האָט ער געשריבן אין יאָר 1928 — הינטער וועמען עס שטייען בפרט די גרויסע גוט־באַזיצער און די גרויסע קאַפּיטאַליסטן פון דער שווערער אינדוסטריע, אַרבעטן מיט פריידהאַנט אין האַנט מיט די קאָמוניסטן".

אין יאַנואַר 1932, מיט אַ קאַרגן יאָר פאַר זיין טויט, ווען די היטלעריסטן זיינען שוין געוואָרן אַ מאַכט, האָט בערנשטיין געשריבן צו קאַוטסקין: „דו ביסט גערעכט, אַז מיר קאָנען איינע די אַנדערע ווינטשן נאָר כוחות צו קאָנען איבערלעבן אָט די אומגליקלעכע ציטן אָן שאָדן. וואָס וועט זיין דער סוף? וועט דאָס פאַר וואָס מיר האָבן געאַרבעט אונדזער גאַנצן לעבן אָפּגעהיט ווערן? מיר, ווי אַלטע קעמפער, קאָנען אַזוינע גדאַנקען ניט נעמען לייכט אין אַנגעזיכט פון דער ערנסטער סיטואַציע. אַזוי ווי די גרויסע עקאָנאָמישע דעפּרעסיע האָט געבראַכט אַן אַלוועלטלעכן עקאָנאָמישן קריזיס, קאָנען אונדזערע פיינד, ווי דו זאָגסט אין דיין בריוו, שליסן אַ פאַראייניקטן פראָנט אין דעם פּאַסיקן מאָמענט. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, מוזן מיר וואַרטן. דערווייל האָב איך פולן גלויבן אין דער ענערגיע פון אונדזער פּאַרטיי. זי וועט ממשיך זיין איר אַרבעט".

בערנשטיין האָט געפילט דעם אָנקומענדיקן שטורעם. אָבער אים האָט „אָפּגעגליקט": ער איז געשטאָרבן דעם 18טן דעצעמבער 1932, מיט זעקס וואָכן פאַר דעם ווי היטלער איז אַריין אין מאַכט.

דעם 3טן דעצעמבער, 1932, זיינען ביי בערנשטיינען אין הויז נאָך געווען אַ פּאָר געסט. ער האָט נאָך דערציילט אַנעקדאָטן, געזונגען אַלטע פרייהלעכע לידער און זיך געפילט גוט. אויף מאָרגן אָבער איז ער קראַנק געוואָרן אויף לונגען־אַנטצינדונג און דעם 18טן דעצעמבער, 2 אַזייגער ביי טאָג, איז ער געשטאָרבן. זיין לויה איז געווען אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער דעפּוטאַטן פון רייכסטאַג, דעפּוטאַציעס פון אוניווערזיטעטן און פון רעגירונגען, מיט דעם מעיאָר פון דער שטאָט בערלין און די מיטגלידער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, און מיט צענדליקע טויזנטער אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועלכע זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דעם אָרון.

קאַרל קאַוטסקי האָט אין טאָג פון דער לויה געשריבן אין בערלינער „פאָרווערטס": „בערנשטיין איז געווען מיין עלטסטער, מיין בעסטער פריינד אין דער פּאַרטיי פאַר מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט... אין צייט פון דעם אַנטי־סאָציאַליסטישן געזעץ האָבן מיר איינער דעם אַנדערן געפונען. אין

צייט פון אַ צווייטן שווערן קריזיס, אין דער וועלט־מלחמה, האָבן מיר זיך ווידער געפונען איינער דעם אַנדערן. ער האָט געשפּאָלטן די פּאַרטיי, אָבער ער האָט פאַראייניקט „עדין" (אַזוי פלעגן רופן בערנשטיינען זיינע אינטימע פריינד. — ד. ש.) און מיך אין אַ נייער האַרציקער געמיינשאַפט. ער איז ווידער געוואָרן דער יעניקער פון מיינע חברים, וועלכער איז געשטאַנען נאָנט צו מיר. אין אַלע סטאַדיעס פון דער וועלט־מלחמה, פון דער רעוואָלו־ציע, פון דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון דייטשלאַנד און פון דער וועלט איז מער ניט אויפגעקומען קיין איין פראַגע, וואָס זאָל אונדז צעטיילן. מיר האָבן אין אַלע פראַגן געהאַט דעם זעלבן שטאַנדפּונקט. דערצו האָט אויף ס'ניי אויפגעבליט אונדזער פערזענלעכע פריינדשאַפט, וועלכע איז ביי מיר אַרויס־געוואַקסן פון דעם געפיל פון וואַרעמסטער סימפּאַטיע פאַר דעם מאַן, וועל־כער האָט געוווּסט ווי אַזוי צו פאַראייניקן אין זיך ליבנסווערדיקייט, זעלבסטלאָזיקייט, גייסט און הומאָר, צוזאַמען מיט דער דרייסטקייט און מיט דער קראַפט פון אַ קעמפער, וועלכער שטעלט אַלץ איין אין קאָן פאַר זיינע איבערצייגונגען און מיט דער שאַרפזיניקייט און אומדערמידלעכקייט פון אַ דענקער און אַ פאָרשער, וועלכער איז באַזעלט מיט אַן אייביקן דורשט נאָך אמת".

אָט דאָס איז געווען עדואַרד בערנשטיין...

בערנשטיין צוזאַמען מיט זשאָרעסן, קאָן מען זאָגן, זיינען די אמתע פאָטערס פון דעם מאָדערנעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.



קאַרל קאַוטסקי

(1938 — 1854)

קאַרל קאַוטסקי

(1938 — 1854)

1

קאַרל קאַוטסקי איז געבוירן געוואָרן דעם 16טן אָקטאָבער, 1854, אין דער שטאָט פּראָג. זיין טאַטע איז געווען אַ טשעך און די מאַמע אַ דייטשקע. זיין מאַמעס טאַטע איז געבוירן געוואָרן אין ווין, אָבער זיין מאַמעס זיידע האָט געשטאַמט פֿון אונגאַרן (ריכטיקער פֿון קראָאַטיע, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ טייל פֿון אונגאַרן) און איז געווען פֿאַרהייראַט מיט אַן איטאַליענערין. זיין מאַמעס מאַמע איז געווען אַן עסטרייכערין. קאַוטסקיס זיידע פֿון דעם טאַטנס צד איז געווען אַ טשעך, ווען עמנס מאַמע עס איז געווען פֿון פּוילישער אָפּשטאַמונג.

קאַוטסקיס עלטערן זיינען געווען אינטעליגענטע ליבעראַלע מענטשן. דער טאַטע איז געווען אַ מאָלער, די מאַמע — אַ שוישפּילערין און ראָמאַנען־שרייבערין. קאַרל, וועלכער איז געווען זייער ערשט קינד, איז אויסגעוואַקסן אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון האַס קעגן דעם רעאַקציאָנערן רעזשים, וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אין עסטרייך־אונגאַרן. לויט זיין אָפּשטאַמונג האָט ער געזאָלט זיין גענייגט צו אינטערנאַציאָנאַליזם, אָבער צוליב אויסערלעכע אומשטענדן איז זיין ערשטע פּאָליטישע אידעע געווען די נאַציאָנאַלע אידעע. ער איז אין אָנהייב געווען אַ הייסער טשעכישער נאַציאָנאַליסט.

אין 1863 האָבן זיינע עלטערן פֿאַרלאָזט פּראָג און זיך באַזעצט אין ווין. די ווינער באַפֿעלקערונג האָט דעמאָלט ניט געקענט פֿאַרטראָגן די טשעכן. אין דער דייטשער שול האָט מען דעם יונגן קאַרל פֿאַרפֿאָלגט ווי אַ טשעך און ער האָט דעריבער ניט געקענט ניט האַלטן זיך פֿון ווייטן פֿון די דייטשן און זיי ניט פֿאַראַכטן. אָבער זיין מוטערשפּראַך איז געווען דייטש. די ניין יאָר וואָס קאַוטסקי האָט אָפּגעלעבט אין ווין האָט ער פֿאַרבראַכט כמעט אויסשליסלעך אין אַ דייטשער סביבה און ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך צו פֿילן ווי אַ דייטש. ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ וואַרעמען געפֿיל פֿאַר די אונגאַרן און פֿאַר די איטאַליענער. ער האָט שטאַרק פֿאַרערט דעם

אונגאַרישן פּריייהייטס־קעמפּפער קאָשוט און נאָך מער דעם איטאַליענישן פּריי־הייטס־קעמפּער גאַריבאַלדי.

ער האָט געהאָפּט, אַז זיי וועלן אומברענגען די עסטרייך־אונגאַרישע רעאַקציאָנערע מלוכה און עס וועט דעמאָלט געשאַפן ווערן אויך אַ פּרייע טשעכישע רעפּובליק.

אין 1870, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער פּריסיש־פראַנצויזישער קריג, זיינען קאַוטסקים סימפּאַטיעס — ווי די סימפּאַטיעס פון אַלע אַנדערע טשעכן — געווען אויף דער זייט פון פראַנקרייך. ער איז געווען באַגייסטערט פאַר דער פראַנצויזישער רעפּובליק און דערנאָך פאַר דער פּאַריזער קאָמונע. דער העראָאישער קאַמף און די אונטערדריקונג פון דער קאָמונע האָבן אויפן 17־יאָריקן קאַוטסקין געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. דעמאָלט האָט ער זיך עס פאַראינטערעסירט מיטן סאָציאַליזם. ער האָט געלייענט אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקאָנט קריגן וועגן סאָציאַליזם, איבערהויפּט וועגן דעם פראַנ־צויזישן סאָציאַליזם, ווי אויך וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. צוגלייך מיט דעם האָבן אויף אים אַ שטאַרקע ווירקונג געהאַט די צוויי יידיש־דייטשע שריפטשטעלער היינריך היינע און לודוויג בערנע. און די ענגלישע דענקער און געלערנטע דזשאָן סטיוּאַרט מיל, באָקל און טשאַרלז דאַרווין.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט קאַוטסקי געשריבן, אַז אין סאָציאַליזם איז ער צוערשט פאַראינטערעסירט געוואָרן לייענענדיק די ראָמאַנען פון דער פראַנצויזישער שריפטשטעלערין זשאָרזש זאַנד, וועלכע האָבן אויף אים געמאַכט דעם טיפסטן איינדרוק. אַ פּאָזיטיוון ווִיסן אָבער וועגן סאָציאַליזם האָט ער באַקומען לייענענדיק שפּעטער די היסטאָרישע ווערק פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליסט לואי בלאַן.

צוליב קראַנקהייט איז ער פאַרבליבן אין גימנאַזיע לענגער ווי אַנדערע. אין ווינער אוניווערזיטעט איז ער אַריינגעטראָטן ערשט אין 1874, ווען ער איז אַלט געווען 20 יאָר. ער האָט צוערשט שטודירט אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט. אין אַ יאָר אַרום איז ער אַריינגעטראָטן ווי אַ מיטגליד אין דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און האָט אין גיכן אָנגע־הויבן שרייבן אין דער „גלייכהייט”, דעם דעמאָלטדיקן אָרגאַן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

נאָך אין גימנאַזיע האָבן דעם יונגן קאַוטסקין מער פון אַלץ אינטערע־סירט היסטאָרישע אַרבעטן, און ווען ער איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ היסטאָריקער. ער האָט זיך אויך שטאַרק אינטערעסירט מיט נאַטור־וויסנשאַפט. דער דאַרוויניזם האָט דעמאָלט גע־נומען געפאַנגען די גאַנצע געבילדעטע וועלט. דער יונגער קאַוטסקי איז געוואָרן אַן ענטוזיאַסטישער דאַרוויניסט און ער האָט ניט אַנדערש געוואָלט

ווי אָנווענדן דעם דאַרוויניזם אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אָבער ווי אַ סאָציאַליסט האָט ער זיך גענומען פלייסיק שטודירן אויך עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן. ער האָט געקראָגן דעם ערשטן באַנד פון קאַרל מאַרקסעס „קאַפּיטאַל". אָבער אַזוי ווי דער אונטערטיטל פון „קאַפּיטאַל" איז „אַ קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע", האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז צוערשט שטודירן די פּאָליטישע עקאָנאָמיע גופא. ער האָט איבערגעלייענט די ווערק פון די אַלע קלאַסישע עקאָנאָמיסטן. קיין מאַרקסיסט איז ער דעמאָלסט נאָך ניט געווען. פאַרקערט, זיין ערשט וויסנשאַפטלעך ווערק „די ווירקונג פון דער פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג אויפן פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט", וואָס איז געווען אַ קריטיק פון דער טעאָריע פון דעם ענגלישן עקאָנאָמיסט מאַלטוס, איז געווען טיילווייז געווענדט אויך קעגן מאַרקסן.

„איך בין צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי — האָט קאַוטסקי געשריבן מיט אַ סך צענטליק יאָר שפּעטער — ניט ווי אַ באַוווּסטזיניקער רעוואָלוציאָנער. און איך האָב שטאַרק מורא געהאַט אַרונטערצופאַלן אונטער דעם איינפלוס פון אַ וועלכן עס איז „אויטאָריטעט" אָדער „שול". מיט אומצוטרוי בין איך צוגעטראָטן צו שטודירן די ווערק פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס און וואָס וויניקער איך האָב זיי פאַרשטאַנען, אַלץ העכער בין איך געשטיגן אין מיינע אייגענע אויגן צוליב זייער „איינזייטיקייט" און אַלץ שטאַרקער האָב איך געפילט אַ באַדערפעניש זיי צו קריטיקירן".

אין 1875 האָט קאַוטסקי אָנגעהויבן שרייבן אַרטיקלען אין דער לייפּציגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער צייטונג, פון וועלכער ווילהעלם ליבקנעכט איז געווען דער רעדאַקטאָר. ער איז אַזוי שריפטלעך באַקאַנט געוואָרן מיט ליבקנעכטן און אין אַ יאָר אַרום האָט ער באַזוכט לייפּציג און האָט דאָרט זיך געטראָפן מיט ליבקנעכטן און מיט דעם צווייטן דעמאָלסטדיקן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פירער פון דייטשלאַנד, אויגוסט בעבעל.

קיין לעבן פון שרייבן אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע האָט מען דעמאָלסט ניט געקאָנט מאַכן. די סאָציאַליסטישע צייטונגען זיינען דעמאָלסט געווען זייער אָרעם און זיי האָבן פאַר אַרטיקלען ניט געצאָלט, האָט קאַוטסקי זיך אַ לענגערע צייט געשלאָגן מיט דער דעה: וואָס פאַר אַ קאַריערע ער זאָל פאַר זיך אויסקלייבן. צוערשט האָט ער געטראַכט וועגן שטודירן יוריספּרודענץ, כדי דערנאָך צו ווערן אַן אַדוואָקאַט. ער האָט אָבער באַלד זיך איבערצייגט, אַז ער טויג ניט צו דעם. האָט ער אין דריטן סעמעסטער זיך צוריק אומגעקערט צו פילאָזאָפיע. ער האָט אָבער גלייכצייטיק אויך שטודירט קונסט.

זיין טאַטע, ווי שוין אויבן געזאָגט, איז געווען אַ מאָלער. דעם טאַטנס טאַטע אויך. איז ער אויסגעוואָקסן אין אַ מאָלערישער אַטמאָספערע און אין

די יאָרן וואָס ער האָט געלערנט אין גימנאַזיע, האָט ער אויך אַ סך געצייכנט און געמאָלן. עס איז אים דעריבער איינגעפאַלן צו מאַכן אַ פּרוּוו צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער מאָלער. אָבער נאָך איניקע מאָנאַטן פון פאַרנעמען זיך מיט מאָלעריי, האָט ער אָנגעהויבן צו לײַדן אויף די אויגן און ער האָט מיט גרויס באַדויערן געמוזט אויפגעבן די מאָלעריי. זיינע לערער האָבן אים גראָד פאַרזיכערט, אַז ער האָט טאַלאַנט, אָבער מען קאָן ניט ווערן קיין באַדייטנדער קינסטלער, ווען מען גיט זיך ניט אָפּ אין גאַנצן צו דער קונסט. מען קאָן ניט זיין אַן אמתער קינסטלער און גלייכצייטיק אַקטיוו זיך פאַרנעמען מיט וויסנשאַפט און פּאָליטיק. דאָס איז נאָר מעגלעך געווען פאַר אַזוינע זשעניען ווי מיקעל אַנדזשעלאָ אָדער לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי.

האָט קאַוטסקי באַשלאָסן צו נעמען זיך צו אַן אַנדער קונסט. מער נאָך ווי מיט מאָלעריי איז זיין פאַמיליע געווען פאַרבונדן מיטן טעאַטער. זיין טאַטע און דעם טאַטנס טאַטע זיינען געווען טעאַטער-מאָלער און זיין מאַמע — אַ שוישפּילערין, וועלכע האָט געשריבן ניט נאָר ראָמאַנען, נאָר אויך דראַמעס, נאָך דעם ווי זי איז צוליב קראַנקהייט געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן די בינע. שוין ווען ער איז געווען אַ גימנאַזיסט האָט דער יונגער קאַוטסקי אויך פּרובירט שרייבן ראָמאַנען און פּיעסן. איין סאָציאַלן ראָמאַן, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן אין 1875, האָט ער אַפילו געפּרוּווט צו פאַרעפנטלעכן. די האַמבורגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג, צו וועלכער ער האָט צוגעשיקט דעם מאַנוסקריפּט, האָט אים אין גיכן דעם מאַנוסקריפּט צוריקגעשיקט, ווייל דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז גראָד דעמאָלסט אַרעסטירט געוואָרן און איז איינגעשפּאַרט געוואָרן אין טורמע. קאַוטסקי אַליין, אָבער, האָט באַלד באַשלאָסן דעם ראָמאַן ניט צו פאַרעפנטלעכן, ווייל ער איז אים אַליין ניט געפעלן געווען. ער האָט דאַן אָנגעשריבן אַ דראַמע, וועלכע איז אין 1878 טאַקע אויפגעפירט געוואָרן אין ווין. זי איז אָבער דורכגעפאַלן. זיינע פריינד האָבן אים געראַטן ווייטער צו שרייבן. אָבער די אויפפירונג פון זיין ערשטער פּיעסע האָט אים איבערצייגט, אַז ער פאַרמאָגט ניט דעם נייטיקן דראַמאַטישן טאַלאַנט. קאַוטסקי האָט דאַן אויפגעגעבן אַלע פּלענער צו ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער קינסטלער און ער האָט באַשלאָסן וואָס שנעלער צו פאַרענדיקן דעם אוניווערזיטעט און באַקומען זיין דאָקטאָר־טיטול. ער האָט באַדאַרפט פאַר דעם צוגרייטן אַ דיסערטאַציע. זיין אויבנדערמאָנטער בוך האָט פאַר דעם ניט געטויגט, האָט ער גענומען אַרבעטן אויף אַ היסטאָרישן ווערק. ער האָט אויסגעקליבן אַלס טעמע „טאָמאַס דזשעפערסאָנס באַציאונגען צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", און האָט זיך גענומען פלייסיק שטודירן די אַמעריקאַנער געשיכטע. מיט דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז ער שוין פון פריער געווען גוט באַקאַנט. ער האָט געאַרבעט אויף דעם טאָג

און נאַכט און האָט שוין גענומען פֿילן דעם באָדן אונטער זיינע פֿיס, אָבער עס איז אים ניט באַשערט געווען צו פֿאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט.

דער יונגער פֿראַנקפֿורטער געלערנטער, דר. קאַרל העכבערג (אַ ייד), וועלכער איז דערצו נאָך געווען אַ גאַנץ פֿאַרמעגלעכער מענטש, האָט מיט אַ קורצער צייט איידער דער אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ איז איינגעפֿירט געוואָרן אין דייטשלאַנד, זיך אָנגעשלאָסן אָן דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער האָט געשטיצט די פּאַרטיי מיט געלט און האָט געגרינדעט עטלעכע צייטשריפֿטן, וועלכע האָבן געזאָלט דינען דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. צוליב זיין שלעכטן געזונט־צושטאַנד איז ער געצוואונגען געווען צו באַזעצן זיך אין דער פֿראַנצויזישער שווייצאַריע, אין לוגאַנאָ. ווי זיין פּריוואַטער סעקרעטאַר האָט אים באַגלייט דער יונגער באַנק אָנגעשטעלטער עדוואַרד בערנשטיין, וועלכער איז שוין דעמאָלסט געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. ווען עס איז אין דייטשלאַנד איינגעפֿירט געוואָרן דער אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ און די גאַנצע סאָציאַליסטישע פּרעסע איז אונטערדריקט געוואָרן, האָט העכבערג צוזאַמען מיט בערנשטיינען, אין פֿרילינג פֿון 1879, זיך אַריבערגעקליבן קיין ציריך, כדי צו שאַפֿן דאָרט אַ פּרעסע פֿאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. און אין איייניקע חדשים אַרום האָט ער אַרויסגעגעבן דעם ערשטן באַנד פֿון זיינע „יאָרביכער פֿאַר סאָציאַל־וויסנשאַפֿט און סאָציאַל־פּאָליטיק", און ער האָט אויך געהאָלפֿן דער פּאַרטיי אין ציריך אַרויסצוגעבן אַן איינעם אָרגאַן, דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין האַרבסט 1879. פֿאַר די דאָזיקע אויסגאַבן האָט העכבערג זיך געניייטיקט אין ליטעראַרישע כוחות, וואָס עס איז דעמאָלסט געווען ניט אַזוי לייכט צו געפֿינען. ליבקנעכט האָט אים אָנגעוויזן אויף קאַוטסקין און אין פֿאַרלויף פֿון יאָר 1879 האָט קאַוטסקי אים פֿון ווין צוגעשיקט אַרטיקלען. אין גיכן האָט דר. העכבערג איינגעלאַדן קאַוטסקין, אַז ער זאָל קומען קיין ציריך און ווערן דאָרט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון זיינע וויסנשאַפֿטלעכע צייטשריפֿטן.

2

אין יאַנואַר, 1880 איז קאַוטסקי אַוועקגעפֿאָרן קיין ציריך, און דאָרט האָט זיך פֿאַר אים אָנגעהויבן אַ ניי לעבן: פֿאַר דעם איז קאַוטסקי אַ לענגערע צייט געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון דער דייטשער רעוואָלוציאָנער סאָציאַליסטישער צייטונג „פֿרייהייט", וואָס יאָהאַן מאָסט, דער שפּעטערדיקער באַרימטער אַנאַרכיסט, האָט אַרויסגעגעבן. קאַוטסקי איז דעמאָלט אַליין געווען זייער רעוואָלוציאָנער געשטימט. אָבער ווען יאָהאַן מאָסט איז געוואָרן אַן אַנאַר־

כיסט און האָט אָנגעהויבן פּריידיקן „פּראָפּאַגאַנדע דורך טאַט״, ד״ה, טעראָר קעגן די הערשער פֿון דער וועלט, האָט קאַוטסקי אויפֿגעהערט צו שרייבן אין דער „פֿרייהייט״.

אין ציריך איז קאַוטסקי אינטים באַפֿריינדט געוואָרן מיט בערנשטיינען, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן זיין ביטערסטער קעגנער, און מיט יאָרן שפּעטער צוריק זיין אינטימסטער פֿריינד.

דורך העכבערגן איז קאַוטסקי אויך באַקאַנט געוואָרן מיט קאַרל מאַרקסן און פֿרידריך ענגעלסן, ווי אויך מיט אַ סך רוסישע רעוואָלוציאָנערן. מיט אייניקע פֿון זיי, ווי מיט פּאַול אַקסעלראָדן, איז ער אַפֿילו נאָענט באַפֿריינדעט געוואָרן אויף דעם גאַנצן לעבן. ער האָט זיך דאָרט אויך געטראָפֿן מיט דער באַרימטער וועראַ זאַסוליטש.

ווען עס איז אין 1880 דערשינען זיין אויבן־דערמאָנטער בוך, האָט ער צוגעשיקט אַ קאָפּיע צו ענגעלסן, אַז ער זאָל שרייבן זיין מיינונג וועגן אים. ענגעלס האָט עטלעכע שטעלן פֿון דעם בוך קריטיקירט. ער האָט אָבער פֿאַרענדיקט זיין בריוו צו קאַוטסקין מיט די ווערטער: „איר זייט איינער פֿון די ווייניקע פֿון דעם יינגערן דור, וואָס האָט זיך באַמיט ווירקלעך עטוואָס צו לערנען״. און ער האָט אים דערמוטיקט צו קומען קיין לאָנדאָן, ווו מאַרקס און ענגעלס האָבן דעמאָלסט געלעבט, צו שטודירן אין בריטישן מוזעאום די היסטאָרישע און עקאָנאָמישע ליטעראַטור.

דר. העכבערג איז ניט געווען קיין מאַרקסיסט. ער איז געווען אַ מעסיקער סאָציאַליסט. אויך קאַוטסקי איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין מאַרקסיסט. ער איז אָבער געווען אַ רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט. דר. העכבערג האָט זייער הויך געשעצט מאַרקסן און ענגעלסן און ער האָט געוואָלט זיי ביידן צוציען ווי מיטאַרבעטער פֿאַר זיינע „יאַרביכער״. מאַרקס און ענגעלס האָבן דעמאָלט געלעבט אין ענגלאַנד. האָט העכבערג פֿריער געשיקט קיין לאָנדאָן בערנשטיינען, וועלכער איז געווען זיין סעקרעטאַר, אָנצוקניפּן פֿאַרבינדונגען מיט זיי. דערנאָך איז ער אַליין געפֿאָרן קיין לאָנדאָן דורכצור־שמועסן זיך מיט זיי. און אין פֿרילינג פֿון 1881 האָט ער אַוועקגעשיקט קאַוטסקין קיין לאָנדאָן אונטערצוהאַלטן גוטע באַציאונגען מיט די צוויי אַלטע סאָציאַליסטישע דענקער.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער ווי קאַוטסקי האָט באַקומען ענגעלסעס בריוו, איז אָנגעקומען די נייעס פֿון פּעטערבורג, אַז די רעוואָלוציאָנערן האָבן ענדלעך דערהרגעט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. די דאָזיקע נייעס האָט אַרויסגערופֿן אַ גוואַלדיקע באַגייסטערונג צווישן די רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן פֿון אַלע לענדער. אַלע זיינען דעמאָלט געווען זיכער (דאָס איז געווען אין מאַרץ, 1881), אַז די לאַנג דערוואַרטעטע רוסישע רעוואָלוציע האָט זיך ענדלעך אָנגעהויבן. אין ציריך איז נאָך דעם זעלבן טאָג אָפּגעהאַלטן

געוואָרן אַ גרויסע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונג צו פייערן דעם אָנהייב פון דער רוסישער רעוואָלוציע. קאַוטסקי האָט, פאַרשטייט זיך, אויך זיך באַ־טייליקט אין דער פאַרזאַמלונג. אויף מאָרגן נאָך דער פאַרזאַמלונג איז ער אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

אויפן וועג קיין לאָנדאָן האָט קאַוטסקי זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, און דאָרט איז ער צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן מיט געאָרגי פּלעכאַנאָוו, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן, אַזוי ווי ער, איינער פון די באַדייטנדסטע טעאָרעטיקער פון מאַרקסיזם. ווי אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַ־ליסטן, האָט אויך פּלעכאַנאָוו דעמאָלט דערוואַרט, אַז די דערמאָרדונג פון צאַר וועט ברענגען מער פרייהייט אין רוסלאַנד. אַזוי האָבן אויך געדענקט קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין לאָנדאָן איז קאַוטסקי אַוועק צו ענגעלסן. ענגעלס האָט אים אויפגענומען זייער פריינדלעך. ער האָט אים אויספירלעך אויסגעפרעגט וועגן דעם צושטאַנד פון דער באַוועגונג אין עסטרייך און אין דער שווייץ און האָט אים איינגעלאַדן צו פאַרברענגען ביי אים אין הויז יעדן זונטיק אָוונט.

די דאָזיקע זונטיק־אָוונטן ביי ענגעלסן איז הויז זיינען געווען אַ שטענדיקע אינסטיטוציע. דאָרט פלעגט מען טרעפן קאַרל מאַרקסעס יינגסטע טאָכטער עלעאָנאָרע אָדער „טוסי", ווי מען פלעגט איר רופן פאַרצויגן; איר שוועסטער לאַאוראַ צוזאַמען מיט איר מאַן פּאָל לאַפאַרג. ענגעלס איז שוין דעמאָלט געווען אַן אַלטער. זיין צווייטע פרוי איז געשטאָרבן אין יאָר 1878 און די גאַנ־צע באַלעבאַטישקייט אין זיין הויז האָט דעמאָלט געפירט זיין פרויס אַ פּלימע־ניצע, וועלכע האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי ענגעלסן אין הויז. זייער אָפט פלעגן צו די זונטיק־אָוונטן ביי ענגעלסן אין הויז אויך קומען צוויי פריינד זיינע פון מאַנטשעסטער: דער פּראָפעסאָר פון כעמיע פון מאַנטשעסטער אוניווערזיטעט קאַרל שאָרלעמער און דער טעקסטיל־פאַבריקאַנט סעם מור. ביידע האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער טעאָריע פון סאָציאַליזם, ווי אויך מיט דער פּראַקטישער אַרבעטער־באַוועגונג און זיינען געווען איבער־צייגטע מאַרקסיסטן. דאָס זיינען געווען די שטענדיקע באַזוכער פון ענגעלסעס זונטיק־אָוונטן. אין יאָר 1881 זיינען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר.

די געסט, וועלכע פלעגן יעדן זונטיק אָוונט פאַרברענגען ביי ענגעלסן אין הויז, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין קליינעם אינטערנאַציאָנאַל. לעבן דעם רוס לעוו האַרטמאַן איז געזעסן דער פראַנצויז פּאָל לאַפאַרג. לעבן דעם ענגלענדער מור — דער זון פון דעם באַוווּסטן דייטשן סאָציאַליסט זאָרגע, וועלכער איז געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַמעריקע. פון מאַרקסעס דריי טעכטער איז די עלטסטע, דזשעני, געבוירן געוואָרן אין

פּאַריז, די צווייטע, לאַוראַ, אין בריסעל און די דריטע, עלענאָראַ, — אין לאָנדאָן. אויפגעהאָדעוועט געוואָרן זיינען אַלע דריי אין ענגלאַנד, אָבער דערצויגן געוואָרן זיינען זיי פון דייטשע עלטערן און פון פרוי העלענאַ דעמוט, וועלכע איז געווען די „דייטשע נשמה" פון דער מאַרקס־פאַמיליע.

ענגעלס און פּראָפעסאָר שאָרלעמער זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דער דייטשער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע. אָבער ביידע זיינען זיי געווען שטאַרק אַנגליזירט. ענגעלס האָט נאָך אַ חוץ דעם זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט איירישע ענינים. ניט בלויז ווי אַ פּריוואַט־קעמפער, נאָר אויך צוליב זיינע פּערזענלעכע באַציאונגען. ענגעלסעס ערשטע פרוי, פּונקט ווי די צווייטע, זיינען געווען איירישע. קאַוטסקי, ווידער, איז געווען אַן עסטרייכער פון טשעכישער אָפּשטאַמונג, וואָס האָט אין זיך געהאַט אויך דייטשיש, פּויליש און איטאַליעניש בלוט.

די געשפּרעכן ביי ענגעלסעס טיש פלעגן געוויינלעך געפירט ווערן אין דריי שפּראַכן: דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש. יעדער האָט גערעדט אויף דער שפּראַך, אין וועלכער עס איז אים לייכטער געווען אויסצודריקן זיינע געדאַנקען. כמעט יעדער איינער פון ענגעלסעס געסט האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט טעאָרעטישע פראַגן, ווי אויך מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער ביי ענגעלסן אין הויז האָט מען זיך פאַרנומען ניט נאָר שטענדיק מיט דיסקוסיעס וועגן די פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט. ענגעלס איז געווען אַ העכסט לעבנס־לוסטיקער מענטש. ער האָט ליב געהאַט צו לאַכן און צו דערציילן פאַרשיידענע הומאָריסטישע עפּיזאָדן פון זיין פאַרגאַנגנהייט. ער פלעגט אויך זינגען, ווען ער איז געווען אין אַ פריילעכער שטימונג און פלעגט אויפפאָדערן אַנדערע צו זינגען. מער פון אַלעמען פלעגט זינגען דער ענגלענדער מור, וואָס האָט געקענט אַ סך ענגלישע לידלעך. ווען קאַוטסקי איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטגליד פון דער גרופּע געסט, וואָס פלעגט יעדן זונטיק אָוונט פאַרברענגען ביי ענגעלסן, האָט מען אים אויך געצוווּנגען צו זינגען פאַרשיידענע לידער, וואָס ער האָט גערן געטאָן.

קאַוטסקי — דערציילט עדואַרד בערנשטיין אין זיין אויטאָביאָגראַפיע — איז דעמאָלט געווען זייער אַ לעבעדיקער, פריילעכער יונגערמאַן, וואָס האָט געקאָנט זינגען, טאַנצן און אַמוזירן זיינע פריינד מיט זיינע וווּנדערבאַרע אימיטאַציעס פון קונצן־מאַכערס, ווי אויך ווי אַ פאַנטאַסטישער טענצער.

באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין לאָנדאָן, האָט קאַוטסקי אויך באַזוכט קאַרל מאַרקסן. די אַטמאָספערע ביי מאַרקסן אין הויז, אין 1881, איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע ווי ביי ענגעלסן אין הויז. דאָס האָט זיך גענומען טיילווייז פון דעם, וואָס כאָטש מאַרקס און ענגעלס זיינען ווי טעאָרעטיקער און פּאָליטיקער

געווען ווי צוויי מענטשן מיט איין האַרץ און איין נשמה, און זיי זיינען פֿון זייער פֿריסטער יוגנט אָן ביז צום טויט פֿאַרבליבן גייסטיק איינִיק און איינ־שטימיק וועגן די פֿאַרשיידנסטע פּראָבלעמען, האָבן זיי אָבער ווי מענטשן זיך גוואַלדיק אונטערשיידט איינער פֿון צווייטן אין אַלע הינזיכטן.

קודם כל אין אויסערלעכן אויסזען: ענגעלס איז געווען הויך און שלאַנק. מאַרקס, וועלכער איז אויך ניט געווען קיין קליינגעוויקסיקער, איז דאָך געווען פֿיל קלענער און אַ ביסל איינגעבויגן. זייערע געוווינהייטן זיינען גע־ווען פֿאַרשיידענע. ענגעלס איז געווען אַ ספּאָרטסמען, האָט ביזן טויט יעדן טאָג געמאַכט גימנאַסטישע איבונגען און פֿלעגט אַ סך שפּאַצירן אויף דער פֿרייער לופֿט. ער פֿלעגט זיך שטענדיק באַקלאָגן פֿאַר פֿריינד אויף מאַרקסן, וואָס אים קומט אָן שווער צו אַנטשליסן זיך צו פֿאַרלאָזן זיין שרייב־צימער און נעמען אַ שפּאַציר. כאָטש מאַרקס איז געווען אין גאַנצן מיט צוויי יאָר עלטער פֿון ענגעלסן, האָט ער דאָך אויסגעקוקט אַ סך עלטער.

ענגעלס איז בכלל געווען אַ וועלטלעכער מענטש. אין מאַנטשעסטער האָט ער אַ סך יאָרן געהאַנדלט אויף דער בירזשע. ער האָט דאָרט אויך געהאַט אַ רייטפֿערד און פֿלעגט אויך אָפֿט אַרויספֿאָרן אויף יאַגד.

מאַרקס, ווידער, איז געווען אַ קאַבינעט־מענטש. ענגעלס האָט פֿאַר־מאָגט אַ רייכערע פֿאַנטאַזיע פֿון מאַרקסן און זיינע אינטערעסן זיינער געווען מער וועלטלעכע ווי מאַרקסעס. די שטילקייט, וואָס האָט אין יאָר 1881 געהערשט אין מאַרקסעס הויז, האָט זיך איבערהויפּט דערקלערט מיט דעם, וואָס מאַרקסעס פֿרוי האָט זינט יאָרן געליטן פֿון אַ קענסער (דעם 2טן דעצעמבער, 1881, איז זי טאַקע געשטאָרבן). מאַרקס האָט געוווּסט, אַז איר קראַנקהייט איז אַן אומהיילבאַרע און ער האָט דערפֿון שטאַרק געליטן.

ווען קאַוטסקי האָט דאָס ערשטע מאָל באַזוכט מאַרקסן, האָט פרוי מאַרקס אים אויפֿגענומען אין אויפֿנאַם־צימער און האָט זיך גאַנץ לעבהאַפֿטיק מיט אים אונטערהאַלטן. קאַוטסקי האָט זיך פֿריער געהאַט אַ סך אָנגעהערט פֿון באַקאַנטע אין דער שווייץ וועגן מאַרקסעס גאַליגקייט. דערצו האָט אים נאָך ווילהעלם ליבקנעכט געהאַט דערציילט, אַז ער, קאַוטסקי, האָט אַ שלעכטן נאָמען ביי מאַרקסן צוליב דעם, וואָס ער האָט פֿריער מיטגעאַרבעט אין יאָהאַן מאָסטס „פֿרייהייט". קאַוטסקי האָט דעריבער איבערגעטראָטן די שוועל פֿון מאַרקסעס צימער מיט אַ שטאַרקער האַרץ־קלאַפּעניש. „איך האָב מורא געהאַט — האָט קאַוטסקי מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער געשריבן — אַז איך זאָל זיך אין גאַנצן ניט פֿאַרלירן, פּונקט ווי דער יונגער היינריך הייגע האָט זיך פֿאַרלאָרן ביי זיין באַגעגעניש מיט געטען און ער האָט ניט געפֿונען קיין בעסערע זאַך וועגן וואָס צו ריידן מיט אים ווי וועגן די זיסע פֿלוימען, וואָס וואַקסן אויפֿן וועג פֿון יענאַ קיין ווייִמאַר".

דער אונטערשייד אין עלטער צווישן מארקסן און קאוטסקין איז אין 1881 געווען בערך דער זעלבער, ווי צווישן געטען און היינען אין 1824. מארקס איז אַלט געווען 63 יאָר, קאוטסקי — 26. קאוטסקים שרעק איז אָבער געווען אַן אומזיסטע. מארקס האָט אים אויפגענומען מיט אַ פריינדלעכן שמייכל, וואָס האָט גלייך קאוטסקין געמאַכט פילן זיך היימיש.

מארקס האָט די ערשטע זאַך זיך נאָכגעפרעגט ביי קאוטסקין אויף זיין מאַמען. קאוטסקים מאַמע איז דעמאָלט געווען מער אָנגעזען אין דער עסטרייכישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווי אויך אין די אויגן פון דער מארקס־פאַמיליע, ווי ער אַליין. קאוטסקים מאַמע געווען אַ שוישפּילערין און אַ שריפטשטעלערין. אונטערן זונס איינפלוס איז זי געוואָרן אַ סאָציאַליסטקע. אין יאָר 1876 האָט זי אָנגעהייבן דרוקן ראָמאַנען אין דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַמיליען־בלאַט „די נייע וועלט". די מערסטע ראָמאַנען אירע, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ סאָציאַליסטישער טענדענץ, האָבן געהאַט אַ גרויס דערפאָלג. איר ראָמאַן „סטעפאַן פאָן גרילענהאָף" איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג פון פּובליקום, ווי אויך פון אַ סך דעמאָלטיקע קריטיקער.

קאַרל מארקסעס פרוי און מארקס אַליין האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פון אירע ראָמאַנען. דעריבער האָט מארקס די ערשטע זאַך זיך נאָכגעפרעגט ביי קאוטסקין וועגן זיין מאַמען. דערנאָך האָבן זיי געשמועסט וועגן פאַרשיידענע אַנדערע ענינים. ווען קאוטסקי האָט אים געפרעגט צי עס איז ניט געקומען די צייט אַרויסצוגעבן זיינע געזאַמלטע ווערק, האָט מארקס געענטפערט, אַז זיינע „געזאַמלטע ווערק דאַרפן ערשט געשריבן ווערן".

„מיר ביידע — שרייבט קאוטסקי — האָבן זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז זיין ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע קאַריערע איז דעמאָלסט פאַקטיש שוין געווען צום סוף".

פאַרן אוועקגיין האָט מארקס אים איינגעלאַדן, אַז ער זאָל אים באַלד ווידער באַזוכן. קאוטסקי איז נאָך אַ פּאָר מאָל געווען ביי מארקסן. מארקס האָט זייער שאַרף קריטיקירט אַ סך פון די דעמאָלסטיקע פירער פון די דייטשע סאָציאַליסטן. דאַקעגן האָט ער שטאַרק געלויבט אויגוסט בעבעלן. אויך פון עדוארד בערנשטיינען האָט ער שטאַרק געהאַלטן. בערנשטיינען האָט ער באַזונדערס געלויבט פאַר דעם, וואָס ער האָט געפירט גוט די רעדאַקציע פון „סאָציאַל־דעמאָקראַט" אין ציריך. „בערנשטיין — האָט מארקס געזאָגט איז דער ריכטיקער מאַן אויפן ריכטיקן פּלאַץ".

אויף מארקסן האָט דער יונגער קאוטסקי דעמאָלסט ניט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק. אין אַ בריוו צו זיין טאָכטער דזשעני, האָט מארקס זיך וועגן אים אָפּגערופן זייער קריטיש. אָבער קאוטסקין אַליין האָט ער עס ניט געלאָזט פילן.

קאַוטסקי דערציילט, אַז מאַרקס, פּונקט ווי ענגעלס, פֿלעגט ווערן אַן אַנגעצונדענער, ווען אים איז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיט פֿאַלשקייט אָדער זעלבסטצופֿרידענער אומוויסנהייט. דאָך האָט ער, ווי קיין אַנדערער, געקאָנט האַרציק לאַכן איבער פֿאַרשיידענע מענטשלעכע שוואַכקייטן און קאָמישע פּאַסירונגען. מאַרקסעס טעכטער פֿלעגן שטענדיק דערציילן וועגן דער טבע, וואָס זייערע עלטערן האָבן געהאַט צו לאַכן אָן אַ שיעור.

צו ענגעלסן אין הויז פֿלעגט מאַרקס אין יענער צייט זעלטן קומען. דאָך האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס דאָרט פֿלעגט פֿאָרקומען. ער האָט אַפֿילו געוווּסט ווער אין וועמען איז דאָרט פֿאַרליבט.

3

אין יולי, 1881, האָט קאַוטסקי זיך אָפּגעזעגנט אין לאָנדאָן מיט ענגעלסן און מאַרקסן און איז צוריק אַוועקגעפֿאָרן קיין ציריך. אונטער בערנשטיינס רעדאַקציע איז דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" געוואָרן אַ סך לינקער, ווי ער איז געווען אונטער דעם פֿריערדיקן רעדאַקטאָר. אויך קאַוטסקי איז דעמאָלט געווען ראַדיקאַל געשטימט. אָבער דר. העכבערג, דער רייכער דייטשער ייד וואָס האָט געשטיצט פֿינאַנציעל דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט", איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ רעכטער. ער איז געוואָרן ניט נאָר אַ שטאַרקער דייטשישער פּאַטריאָט, נאָר אויך דער ערשטער דייטשער סאָציאַליסט וואָס איז געוואָרן אַן אָנהענגער פֿון דער דייטשער קאָלאָניאַלער פּאָליטיק.

די פּאָליטיק, וועלכע בערנשטיין און קאַוטסקי האָבן געפֿירט אין „סאָציאַל־דעמאָקראַט", איז געווען דער היפּך פֿון זיינער. האָט ער דעריבער אָפּגעשטעלט זיין סובסידיע צו דעם „סאָציאַל־דעמאָקאַט". פֿון דעם האָט דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" גאָר געוווּנען: ער האָט זיך געשטעלט אויף זיינע אייגענע פֿיס. ער איז שוין געוואָרן זייער נייטיק פֿאַר דער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד און האָט שוין געקאָנט עקזיסטירן אָן העכבערגס שטיצע.

קאַוטסקי אָבער האָט שוין ווייטער ניט געקאָנט אַרבעטן אין העכבערגס אויסגאַבן. האָט ער אין מאַי, 1883, פֿאַרלאָזט ציריך און צוריק זיך באַזעצט אין ווין.

אין יאָר 1883 האָט קאַוטסקי חתונה געהאַט מיט דער יידישער פֿרוילין לואיזאַ שטראַסער און האָט זיך אַריבערגעצויגן פֿון ווין קיין שטוטגאַרט, וווּ ער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פֿון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מאָנאַט־שריפֿט „די נייע צייט". ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַרקסיסט און דער זשורנאַל האָט געזאָלט פּראָפּאַגאַנדירן די זעלבע אידעען פֿון מאַרקסיזם,

וואָס דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" האָט זיך דאָך געדרוקט אין דער פֿרייער שווייץ, בעת די „נייע צייט" האָט זיך געדרוקט אין דייטשלאַנד, ווּ עס איז דעמאָלט געווען אין קראַפֿט דער אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ. „די נייע צייט" האָט געזאָלט זיין דער טעאָרעטישער זשורנאַל פֿון דער פּאַרטיי, בעת דער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" איז געווען איבער הויפּט אַ קאַמפּף־אָרגאַן. בערנשטיין איז אויך געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פֿון דער „נייע צייט".

אין שטוטגאַרט אָבער האָט קאַוטסקי לאַנג ניט געקאָנט פֿאַרבלייבן. די „נייע צייט" האָט דעמאָלט נאָך ניט געקאָנט שטיין אויף אירע אייגענע פֿיס. ווען דער זשורנאַל איז געגרינדעט געוואָרן, איז באַשטימט געוואָרן אַז דער רעדאַקטאָר זאָל באַקומען אַ געהאַלט פֿון 250 מאַרק אַ מאָנאַט, אָבער באַלד פֿון אָנהייב איז דער אַרויסגעבער געווען געצוווּנגען אַרונטערצושניידן קאַוטסקיס געהאַלט אויף 150 מאַרק. פֿאַר די 150 מאַרק האָט קאַוטסקי געזאָלט ניט נאָר טאָן די גאַנצע רעדאַקציאָנעלע אַרבעט, נאָר אויך דרוקן דאָרט אַלע אַרטיקלען, וואָס ער וועט שרייבן. קיין סך מיטאַרבעטער האָט דער זשורנאַל די ערשטע פּאָר יאָר ניט געהאַט, האָט קאַוטסקי אַליין געמוזט אויספֿילן אַ העלפֿט פֿון יעדן נומער. אַ חוץ דעם האָט ער נאָך פֿון דעם מאָ־גערן געהאַלט באַדאַרפֿט קויפֿן פֿאַרשיידענע ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן און אַלץ וואָס איז נייטיק געווען פֿאַר דער רעדאַקציע. אַזוי, אַז פֿאַר אים און זיין פֿרוי פֿלעגט זיך פּאַקטיש אָפּשטעלן ניט מער ווי 30 מאַרק אַ וואָך. מיט אַזאַ קליינער סומע איז געווען דורכויס אוממעגלעך פֿאַר צוויי מענטשן דורכצולעבן זיך. האָט ער געמוזט דעריבער זוכן אַנדערע זייטיקע פֿאַרדינסטן. ער האָט פֿון צייט צו צייט קאָרעספּאָנדירט אין דער ליבעראַלער „ציריכער פּאָסט". אָבער וואָס מ'שטיינס געזאָגט האָט ער געקאָנט מיטטיילן אַן אויסלענדישער צייטונג פֿון שטוטגאַרט? האָט ער דעריבער באַשלאָסן צוריקצופֿאָרן קיין ציריך, מיט דער האָפֿענונג צו ווערן דאָרט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון דער „ציריכער פּאָסט", און אויף אַזאַ אופֿן, מער אָדער ווייניקער, פֿאַרזיכערן זיין מאַטעריעלע עקזיסטענץ.

אין אָקטאָבער, 1883, איז קאַוטסקי צוריקגעקומען קיין ציריך. אַרום דער זעלבער צייט האָט זיין פֿאָטער, דער מאָלער, אויפֿגעמאָלן אַ פּאַנאָראַמע (אַ סעריע גרויסע בילדער, וואָס שטעלן פֿאָר אַ רייע סצענעס, וואָס לויפֿן פֿאַרביי די אויגן פֿון דעם באַאָבאַכטער). די דאָזיקע פּאַנאָראַמע איז געווען אויף אַן אויסשטעלונג אין ווין און האָט דאָרט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג. אים איז דעריבער איינגעפֿאַלן צו פּרובירן אויסשטעלן די פּאַנאָראַמע אויך אין לאָנדאָן און ער האָט זיך געווענדעט צום זון, צו קאַרל קאַוטסקין הייסט עס, אַז ער זאָל פֿאָרן קיין לאָנדאָן אויסגעפֿינען צי מען קאָן אין אַ פּאַסענדער געגנט, פֿאַר אַ ביליקן פּרייז קריגן אַ פּלאַץ ווּ אויסצושטעלן די

פּאַנאָראַמע און בכלל וואָס פאַר אַן אויסזיכטן עס זיינען פאַראַן דאָרט פאַר אַזאַ אויסשטעלונג.

קאַוטסקי האָט מיט פרייד זיך אָנגעכאַפּט אָן דער געלעגנהייט צו פאָרן נאָך אַ מאָל קיין לאָנדאָן און טרעפן זיך מיט ענגעלסן (קאַרל מאַרקס איז שוין דעמאָלט געווען טויט).

עס האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז אין דעם טאָג ווען קאַוטסקי איז ווידער געקומען קיין לאָנדאָן און האָט באַזוכט ענגעלסן, איז געווען ענגעלסעס געבורטסטאָג. ענגעלס איז אָבער יענעם טאָג געווען קראַנק און איז געלעגן אין בעט. עס זיינען אים געקומען גראַטולירן צו זיין געבורטסטאָג „טוסי" (מאַרקס יינגערע טאָכטער עלעאַנאָראַ) און איר מאַן ד"ר עדוואַרד עוועלינג. קאַוטסקי האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל זיך געטראָפן מיט עוועלינגן און עוועלינג האָט אויף אים געמאַכט אַן אָפּשטויסנדן איינדרוק. שפּעטער, ווען ער איז מיט אים נעענטער באַקאַנט געוואָרן און ער האָט אויסגעפונען, אַז עוועלינג איז ניט נאָר אַ וויציקער מיטשמועסער ,נאָר אויך אַן איבערגעגעבענער סאָציאַליסט, אַ פלאַמיקער רעדנער און אַן אומ־דערמידלעכער פּאַרטיי־טוער, איז דער ערשטער איינדרוק וואָס ער האָט באַ־קומען פון אים אָפּגעשוואַכט געוואָרן. שפּעטער אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער ערשטער קאַוטסקיס איינדרוק איז געווען אַ ריכטיקער. טוסי איז צוליב אים באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין יאָר 1881, ווען קאַוטסקי האָט דאָס ערשטע מאָל באַזוכט לאָנדאָן, איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין ענגלאַנד געווען נאָך אין אירע ווינד־לעך. די אָרגאַניזאַציע, וועלכע הענרי מייערס היינדמאַן, דער ערשטער ענג־לישער מאַרקסיסט, האָט דעמאָלט געגרינדעט, האָט זיך גערופן „דעמאָקראַ־טיק פעדעריישן" און איר פּראָגראַם איז ניט געווען קיין סאָציאַליסטישע. יעדער אויפריכטיקער בירגערלעכער ליבעראַל האָט זיך געקאָנט אונטער־שרייבן אונטער דער דאָזיקער פּראָגראַם.

אַ חוץ היינדמאַנען זיינען אין ענגלאַנד אין 1881 געווען בלויז נאָך צוויי סאָציאַליסטן־מאַרקסיסטן: בעלפאָרט באַקס און עלעאָנאָראַ מאַרקס. אין 1883 אָבער זיינען שוין אין ענגלאַנד געווען אַ סך אַנדערע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען שוין דעמאָלט געווען באַרימט, אָדער זיינען שפּעטער געוואָרן באַרימט, ווי צום ביישפּיל דער ריכטער וויליאַם מאָריס אָדער דער באַרימטער דראַמאַטורג בערנאַרד שאָו, סידני און ביטריס וועב, דזשאָן בוירנס און אַנדערע. זיי האָבן שוין דאַן אַרויסגעגעבן אַן אייגענע מאָנאַטשריפט און אין יאַנואַר 1884 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען היידנמאַנס וואָכנבלאַט „דזשאַסטיס", ווי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַן.

די צאָל מאַרקסיסטן אָבער ניט נאָר אין ענגלאַנד, נאָר אין דער גאַנצער וועלט, איז דעמאָלט געווען זייער קליין און פון די יחידים, וואָס האָבן זיך

יאָ געהאַלטן פאַר מאַרקסיסטן, האָבן מאַרקס און ענגעלס אויך קיין נחת ניט געהאַט. מאַרקס אַליין האָט זיך ניט איין מאָל באַקלאָגט, אַז זיין טעאָריע ווערט שלעכט פאַרשטאַנען פון זיינע תלמידים.

פאָל לאַפאַרג, מאַרקס איידעם, למשל, איז געווען איינער פון די ערשטע אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן, וועלכער איז באַקערט געוואָרן צום מאַרקסיזם. אָבער פון לאַפאַרגס שריפטן — דערציילט קאַוטסקי — איז מאַרקס אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן, אַז ער האָט אויסגערופן: „אויב דאָס איז מאַרקסיזם — דאַן בין איך ניט קיין מאַרקסיסט!"

אין אַ בריוו צו ענגעלסן האָט מאַרקס מיט אַ קורצער צייט פאַר זיין טויט געשריבן: „לאַפאַרג איז אין דער אמתן דער לעצטער תלמיד פון באַקונינען (דעם פאָטער פון אַנאַרכיזם — ד. ש.), וועלכער גלייבט אין אים ערנסט".

פון זיין צווייטן איידעם, לאָנגע (דער פאָטער פון דעם שפּעטער באַקאַנטן פראַנצויזישן סאָציאַליסט זשאַן לאָנגע) האָט מאַרקס אויך קיין נחת ניט געהאַט. מיט באַדויערן האָט ער אין דעם זעלבן בריוו צו ענגעלסן געשריבן: „לאָנגע איז דער לעצטער פראַנצויזישער פּרודאָניסט (אָנהענגער פון דעם פראַנצויזישן אַנאַרכיסט פּרודאָן — ד. ש.) און לאַפאַרג — דער לעצטער באַקוניסט! דער טייוול זאָל זיי נעמען!..."

דורך דער צייט, וואָס קאַוטסקי האָט דעם צווייטן מאָל פאַרבראַכט אין לאָנדאָן, האָט ער זיך אַזוי באַפריינדט מיט ענגעלסן, אַז זיי זיינען אַריבער אויף „דו". פון יאָר 1883 אָן האָט ענגעלס באַטראַכט עדואַרד בערנשטיינען און קאַוטסקין פאַר די ריכטיקסטע פאַרטרעטער פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע.

פון לאָנדאָן איז קאַוטסקי צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ציריך. מאַטעריעל האָט זיך די קאַוטסקיס דעמאָלט געלעבט זייער שלעכט. האָבן זיי באַשלאָסן סוף 1884 ווידער אַריבערצוקלייבן זיך קיין לאָנדאָן.

אויפן וועג פון ציריך קיין לאָנדאָן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער צייט אין ווין און אין בערלין. אין בערלין האָט קאַוטסקי זיך געטראָפן מיט בעבעלן, ליבקנעכטן און מיט די אַנדערע דעמאָלסטדיקע פירער פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. קאַוטסקי דערציילט, אַז דעמאָלסט האָט מען אויף אים און אויף בערנשטיינען אין אַ סך קרייזן פון דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע געקוקט קרום דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען... מאַרקסיסטן. אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פראַקציע פון דייטשן רייכסטאַג, וועלכע איז דורך דער צייט פון דעם אַנטי-סאָציאַליסטן געזעץ געווען די אָנפירערין פון דער פּאַרטיי, האָבן בערנשטיין און קאַוטסקי געהאַט מער קעגנער ווי פריינד. איינער פון קאַוטסקיס דעמאָלסדיקע הויפּט-קעגנער איז געווען דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט ווירעק (דער פאָטער פון דעם שפּעטער-באַקאַנטן דייטשן פּראָפּאַגאַנדיסט אין אַמעריקע און פאַרטיי-

דיקער פֿון די נאַציס דזשאָרדזש סילוועסטער וויערעק, וויערעקס זון, ווידער, דער פּאָעט און היסטאָריקער, פּראָפּ. פּיטער וויערעק, איז איצט איינער פֿון די אָנגעזעענסטע ליבעראַלע פּובליציסטן אין אַמעריקע).

אָבער גאָר וויכטיק איז פֿאַר קאַוטסקין געווען זיין באַגעגעניש מיטן סאָציאַל־דעמאָקראַט היינריך בראַון. קאַוטסקי איז מיט אים געווען באַ־פֿריינדט נאָך פֿון ווין. בראַון האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פֿון אַ יידישן פֿאַבריקאַנט אין ווין, מיטן נאָמען היינריך שפּיגלער. בראַונס יונגע פֿרוי, פּונקט ווי אירע ברידער, האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ווען בראַון האָט געפֿרעגט ביי קאַוטסקין פֿאַר וואָס ער האָט באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין לאָנדאָן, האָט קאַוטסקי אים געענטפֿערט, אַז ערשטנס, וויל ער האָבן די מעגלעכקייט צו זיין לעבן ענגעלסן, פֿון וועמען ער האָפֿט אַ סך צו לערנען. צווייטנס, וועט ער דאָרט זיך קאָנען באַנוצן פֿאַר זיינע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן מיט דער רייכער ביבליאָטעק פֿון בריטישן מוזעאום און דריטנס, האָפֿט ער אין לאָנדאָן מיט דער צייט צו קאָנען געפֿינען זשורנאַליסטישע אַרבעט, פֿון וועלכער ער זאָל קאָנען מאַכן אַ לעבן. בראַון האָט זיך באַמיט אים צו באַווייזן, אַז דיביידע מאָטיוון זיינען סותר איינער דעם צווייטן: וואָס מער צייט ער וועט אָפּ־געבן פֿאַר זשורנאַליסטישער אַרבעט, אַלץ ווייניקער צייט וועט דאָך אים פֿאַרבלייבן אויף צו שטודירן. קאַוטסקי האָט צוגעגעבן, אַז ער איז טאַקע גערעכט. אָבער ער האָפֿט דאָך, אַז אין לאָנדאָן וועט ער קאָנען רואיקער לעבן און אָנגיין מיט זיינע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן.

אָט דער געשפּרעך מיט בראַונען האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף קאַוטסקיס ווייטערדיקן לעבן. אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַרום, ווען קאַוטסקי איז צום דריטן מאָל געקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער באַקומען אַ בריוו פֿון ווין, פֿון בראַונס רייכן שווער, היינריך שפּיגלער, אַז ער וואָלט שטאַרק באַדויערט, ווען ער, קאַוטסקי, זאָל זיין גאַנצע קראַפֿט פֿאַרברויכן אויף צייַ־טונגס־אַרבעט, כדי צו קאָנען אַ לעבן מאַכן. ער, שפּיגלער, וואָלט זיך שטאַרק געפֿרייט ווען ער וואָלט געקאָנט ביישטייערן דערצו, אַז קאַוטסקי זאָל די צייט, וואָס ער וועט פֿאַרברענגען אין לאָנדאָן, קענען אויסנוצן פֿאַר זיינע וויסנ־שאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען און זאָל זיך ניט דאַרפֿן זאָרגן פֿאַר פּרנסה. ער האָט אים פֿאָרגעלייגט צו שיקן יעדן חודש פֿינף פֿונט סטערלינג.

„דער אָנבאָט איז געווען אַזאַ האַרציקער און איז געמאַכט געוואָרן אַזוי איינפֿאַך — האָט קאַוטסקי מיט אַ סך יאָרן שפּעטער געשריבן — אַז איך האָב גאָרניט טראַכטנדיק אים אָנגענומען”. און פֿאַר די פֿינף יאָר צייט, וואָס קאַוטסקי האָט דאַן פֿאַרבראַכט אין לאָנדאָן (פֿון 1885 ביז 1890) פֿלעגט ער יעדן מאָנאַט באַקומען פֿון שפּיגלערן אַ בריוו מיט פֿינף פֿונט סטערלינג. שפּיגלער האָט אים אויפֿגעהערט צו שיקן דאָס געלט דאַן, ווען קאַוטסקי האָט

אים געלאָזט וויסן, אַז דער אַרויסגעבער פֿון דער „נייער צייט" איז שוין אין אַ לאַגע צו צאָלן אים אַ גרעסערן געהאַלט און ער נייטיקט זיך דעריבער מער ניט אין קיין זייטיקער שטיצע.

אין יאָר 1935, דריי יאָר פֿאַר זיין טויט, האָט קאַוטסקי געשריבן: „צוויי רייכע יידישע סאָציאַליסטן זיינען געווען די יעניקע, וואָס האָבן ביים אָנהייב פֿון מיין קאַריערע מיר געהאָלפֿן דורכשטופּן זיך פֿאָרויס. דער ערשטער איז געווען קאַרל העכבערג, וועלכער האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו ווירקן אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, און אַ דאַנק דעם האָב איך זיך שפּעטער צוזאַמענגעטראָפֿן מיט מאַרקסן און ענגעלסן. דער צווייטער איז געווען היינריך שפּיגלער, וועלכער האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט אין משך פֿון פֿינף יאָר צייט צו קאָנען רואיק שטודירן אין לאָנדאָן. העכבערג און שפּיגלער זיינען שוין ביידע לאַנג טויט. שפּיגלער איז געווען זייער אַ צוריקגעהאַלטענער און באַשיידענער מענטש און ער האָט געוואָלט, אַז קיינער זאָל קיין מאָל ניט וויסן פֿון דעם, אַז ער האָט געשטיצט קאַוטסקין. איצט אָבער דאַרף איך זיך מיט דעם ווונטש זיינעם מער ניט רעכענען. איך פֿיל אַ באַדערפֿעניש, איידער איך שטאַרב, עפֿנטלעך פֿאַר דער גאַנצער וועלט אויסצודריקן מיין דאַנק אָט דעם פֿריינד, וועלכער האָט מיר אַזוי פֿיל געהאָלפֿן".

ענגעלס האָט, נאַטירלעך, קאַוטסקין און זיין פֿרוי אויפֿגענומען זייער האַרציק. יעדן זונטיק נאָך מיטאָג און אָוונט פֿלעגן זיי ביידע פֿאַרברענגען ביי ענגעלסן. ענגעלסעס פֿלימעניצע האָט אין 1881 חתונה געהאַט און די באַלעבאַטישקייט ביי ענגעלסן אין הויז האָט נאָך קאַרל מאַרקסעס טויט געפֿירט העלענע דעמוט, וועלכע איז אין פֿאַרלויף פֿון צענדליקער יאָרן געווען דער „גוטער גייסט" פֿון מאַרקסעס קינדער און אין 1883, ווען מאַרקס איז געשטאָרבן האָט זי זיך אַריבערגעצויגן צו ענגעלסן. זי איז געווען אַ קלוגע, געבילדעטע און באַשיידענע פֿרוי, האָט זי געשאַפֿן אין ענגעלסעס הויז אַן אָנגענעמע אַטמאָספֿערע.

אין לאָנדאָן איז קאַוטסקי דעמאָלט באַקאַנט געוואָרן מיט וויליאַם מאָריסן און אויך מיט בערנאַרד שאָון. שאָו איז דאַן נאָך געווען ניט דער גרויסער דראַמאַטורג, נאָר אַ מוזיק־קריטיקער אין פֿאַרשידענע צייטונ־גען. באַרימט איז ער דעמאָלט געווען דער עיקר ווי אַ זייער טעטיקער און טאַלאַנטפֿולער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט.

אין מאַי 1888 האָבן קאַוטסקיס עלטערן אים מיט זיין פֿרוי פֿאַרבעטן צו פֿאַרברענגען דעם זומער ביי זיי אין אַ קליין שטעטל ביים ים אין עסט־רייך. דעם 14טן יוני האָט קאַוטסקי צוזאַמען מיט זיין פֿרוי פֿאַרלאָזט עסטרייך. קאַוטסקי האָט געוואָלט אָראָפּכאַפּן זיך אויף אַ פּאָר טעג קיין שטוטגאַרט, וווּ עס האָט זיך געדרוקט די „נייע צייט", פֿון וועלכער ער איז געווען דער

רעדאַקטאָר. קאַוטסקיס פרוי האָט געזאָלט פאָרן גלייך קיין ווין צו באַזוכן איר מוטער. זיי זיינען געפאָרן צוזאַמען ביז דער שטאָט מאַינץ. אין מאַינץ האָבן זיך זייערע וועגן צעשיידט: קאַוטסקי איז אַוועקגעפאָרן קיין שטוטגאַרט און זיין פרוי — קיין ווין. פון שטוטגאַרט איז קאַוטסקי באַלד אַוועקגעפאָרן צו זיינע עלטערן, קיין זאַלצבורג. קאַוטסקיס פרוי אָבער איז אַהין ניט געקומען. אין גיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צעשיידונג אין מאַינץ איז געווען אַ צעשיידונג אויפן גאַנצן לעבן.

קאַוטסקי אַליין האָט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער דערציילט, אַז זיין צוזאַמענלעבן מיט זיין ערשטער פרוי האָט אין פאַרלויף שוין פון די ערשטע יאָרן אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט ווייטער לעבן גליקלעך צוזאַמען און אַזוי ווי קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט, איז געבליבן אַז זיי זאָלן זיך שיידן.

דער זומער פון 1888 האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס קאַוטסקי האָט פאָרגעשלאָגן זיין פרוי אַ גט. זי האָט איינגעשטימט צו דעם און זיי האָבן אָנגענומען די נייטיקע מיטלען עם דורכצופירן אַזוי שנעל ווי מעגלעך. צוליב דעם האָט קאַוטסקי שוין געמוזט פאַרבלייבן דערווייל אין ווין. זיין פרוי איז אָנגעקומען אויף קורסן צו לערנען זיך פאַר אַן אַקושערין. אַלץ איז צוגעגאַנגען אין דער בעסטער אָרדענונג. הגם זיי האָבן געלעבט באַזונדער, זיינען זיי אָבער דאָך געווען באַפריינדט און פלעגן זיך אָפט טרעפן ביי וויקטאָר אַדלערן (דער פירער פון די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן) אין הויז. די פריינד זייערע האָבן שוין אָנגעהויבן גלייבן, אַז זיי וועלן זיך צוריק צוזאַמענקומען. אָבער אין אָקטאָבער 1889 האָבן זיי זיך אָפיציעל געשיידט און קאַוטסקי האָט איצט געקאָנט צוריקקערן זיך קיין לאָנדאָן.

פאַר דעם יאָר צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווין, האָט ער זיך באַפריינדט מיט פריילין לואיזע ראָנספערגער, די יונגע יידישע פריינדין פון זיין מוטער. ער האָט זיך אין איר פאַרליבט און באַלד נאָך דעם ווי ער האָט זיך געשיידט מיט זיין ערשטער יידישער פרוי, האָט ער חתונה געהאַט מיט לואיזען.

ווען קאַוטסקי איז צוריקגעקומען קיין לאָנדאָן האָט ער געפונען, אַז אין ענגעלסעס באַציאונג צו אים איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג און טאַקע צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך געשיידט מיט זיין פרוי.

4

אין יאָר 1890 האָט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג אין די וואַלן פאַר אַ נייעם רייכסטאַג. אין רעזולטאַט פון דעם

דאָזיקן זיג, איז דער אייזערנער קאַנצלער ביסמאַרק געפֿאַלן. באַלד נאָך דעם איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דער אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ אין דייטשלאַנד, וואָס ביסמאַרק האָט געהאַט איינגעפֿירט. אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פֿון דייטשלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע. קאַוטסקיס „נייע צייט", וואָס איז ביז דאַן געווען אַ מאָנאַטשריפֿט, איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכנשריפֿט. רעדאַקטירן אין לאָנדאָן אַ וואָכנשריפֿט, וואָס דרוקט זיך אין שטוטגאַרט, איז געווען אוממעגלעך. איז קאַוטסקי דעריבער געווען געצוווּנגען צו פֿאַרלאָזן לאָנדאָן און באַזעצן זיך אין שטוטגאַרט.

אין נאָוועמבער, 1890, ווען העלענאַ דעמוט, וועלכע האָט געפֿירט די באַלעבאַטישקייט אין ענגעלסעס הויז, איז געשטאָרבן, האָט ענגעלס געשריבן צו קאַוטסקיס ערשטער פֿרוי אין ווין און האָט איר איינגעלאַדן צו קומען קיין לאָנדאָן, אפֿשר וועט זי מסכים זיין צו בלייבן ביי אים. זי האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און איז טאַקע פֿאַרבליבן ביי ענגעלסן אין הויז. ענגעלס האָט געפֿילט, אַז די יונגע פֿרוי האָט געבראַכט אַ גרויסן קרבן דערמיט וואָס זי איז פֿאַרבליבן ביי אים, דעם 70־יאָריקן מאַן, און ער איז דעריבער איר געווען שטאַרק דאַנקבאַר פֿאַר דעם ביזן טויט.

נאָך אין יאָר 1888 האָט קאַוטסקי פֿאַרעפֿנטלעכט זיין ערשטע גרויסע אַרבעט „טאָמאַס מאָר און זיין אוטאָפּיע". אין אַ יאָר אַרום איז דערשינען זיין בוך „די קלאַסן־קעגנזאַצן אין דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע".

אין יאָר 1890, ווען דער אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ אין דייטשלאַנד איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן, איז דער דייטשער „סאָציאַל־דעמאָקראַט", די צייטונג וועלכע האָט זיך געדרוקט אין לאָנדאָן און וועלכע בערנשטיין האָט רעדאַק־טירט, אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַנשטאָט דעם לאָנדאָנער „סאָציאַל־דעמאָקראַט" האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין בערלין אַ טעגלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונג „פֿאָרווערטס". בערנשטיין איז פֿאַרבליבן אין לאָנדאָן און ער האָט פֿון דאָרט קאָרעספּאָנדירט אין „פֿאָרווערטס" און גלייכצייטיק אויך געשריבן פֿאַר קאַוטסקיס „נייע צייט".

די רעאָרגאַניזירטע לעגאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין דייטש־לאַנד האָט זיך געניטיקט אין אַ נייער פּראָגראַם. דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי האָט צו דעם ערפֿורטער צוזאַמענפֿאָר פֿון דער פּאַרטיי, אין 1891, פֿאָרגעשלאָגן אַ פּראָיעקט פֿון אַ פּראָגראַם. קאַוטסקי האָט צוגעגרייט אַן אַנדער פּראָיעקט. דעם טעאָרעטישן טייל פֿון דער פּראָגראַם האָט ער אַליין אָנגעשריבן. דעם פּראַקטישן טייל האָט אָנגעשריבן בערנשטיין. ענ־געלסן און בעבעלן איז בעסער געפֿעלן געוואָרן קאַוטסקיס און בערנשטיינס פּראָיעקט און דער דאָזיקער פּראָיעקט איז טאַקע מיט איניקע ענדערונגען אָנגענומען געוואָרן פֿון צוזאַמענפֿאָר. קאַוטסקי איז דאַן באַשטימט געוואָרן

אָנצושרייבן אַ קאָמענטאַר אויף דער פּראָגראַם און אין 1892 איז דערשינען זיין בוך „די ערפורטער פּראָגראַם“, וואָס איז דערנאָך איבערזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן און איז שפּעטער שטודירט געוואָרן פון מיליאָנען סאָציאַ־ליסטן אין דער גאַנצער וועלט.

אין זעלבן יאָר, 1892, האָט קאַוטסקי נאָך אַ מאָל באַזוכט לאָנדאָן און האָט דאָרט אַ פּאָר מאָל ווידער פאַרבראַכט ביי ענגעלסן. זיין ערשטע פרוי איז, נאַטירלעך, דאָרט אויך געווען ביי אַלע צוזאַמענקונפטן און זיי האָבן גאַנץ געמיטלעך געשמועסט וועגן פאַרשיידענע ענינים. קאַוטסקי האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי איז צופרידן, וואָס זיי האָבן זיך געשיידט. ענגעלס האָט אויך געשיינט צו זיין צופרידן, וואָס אַלץ האָט זיך געענדיקט גוט. עס איז אָבער ניט באַשערט געווען, אַז קאַוטסקי און זיין ערשע פרוי זאָלן פאַרבלייבן גוטע פריינד. דורך דער צייט וואָס זי האָט געלעבט ביי ענגעלסן, האָט זי אָנגעהויבן צו שרייבן אַרטיקלען אין די ווינער סאָציאַליסטישע צייטונגען. די אַרטיקלען פלעגט זי אונטערשרייבן לואיזע קאַוטסקי. אַזוי ווי קאַוטסקיס צווייטע פרוי האָט אויך געהייסן לואיזע און קאַוטסקיס מאַמע איז אויך געווען אַ שריפטשטעלערין און אַ מיטאַרבעטערין פון פאַרשידענע ווינער צייטשריפטן, האָבן די לייענער ניט געוווּסט „ווער איז ווער“. קאַוטסקיס אַ פֿריינד האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם פּלאָנטער וואָס קומט פֿון דעם אַרויס און ער האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז זיין ערשטע פֿרוי וואָלט באַדאַרפֿט אונטערשרייבן אירע אַרטיקלען „לואיזע קאַוטסקי־שטראַסער (שטראַסער איז געווען איר מיידעלשער נאָמען). איז קאַוטסקין איינגעפֿאַלן אָנצופֿרעגן ביי ענגעלסן וואָס ער דענקט וועגן דעם. די פֿרוי האָט זיך באַלד דערוווּסט פֿון דעם און זי האָט זיך דערפֿילט טיף באַליידיקט. זי האָט אין דעם דערזען אַן אינטריגע פֿון איר געוועזענער שוויגער, פֿון קאַוטסקיס מאַמע, וועמען עס שטייט ניט אָן, וואָס זי טראָגט דעם זעלבן נאָמען. אין דער אמתן האָט קאַוטסקיס מאַמע די מינדסטע אַנונג ניט געהאַט וועגן דעם. עס האָבן ניט געהאָלפֿן די אַלע דערקלערונגען קאַוטסקיס. די פֿרוי איז אים פֿאַרבליבן אַ שונא דעם גאַנצן לעבן.

אין יאָר 1893 זיינען קאַוטסקי און זיין ערשטע פֿרוי ביידע געווען דעלע־גאַטן צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין ציריך. זיי האָבן אָבער די גאַנצע צייט ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט איינער צום צווייטן.

ענגעלס, וועלכער איז דאָרט אויך געווען, האָט פֿריינדלעך זיך באַגריסט מיט קאַוטסקין און האָט פֿאַרבראַכט מיט אים. קאַוטסקיס ערשטע פֿרוי איז אָבער דערביי ניט געווען. ביי קאַוטסקין איז פֿאַרבליבן דער איינדרוק, אַז ענגעלס איז צוליב דער געשיכטע מיט דער פֿרוים נאָמען געבליבן אויף אים אָנגעשטויסן.

דעם זעלבן יאָר האָט קאַוטסקי פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע בראָשורן און אין אַ יאָר אַרום — דעם ערשטן באַנד פֿון זיין גרויס ווערק „די פֿאָרלויפֿער פֿון דער מאָדערנעם סאָציאַליזם".

אין 1896 האָט עדוואַרד בערנשטיין פֿאַרעפֿנטלעכט אין קאַרל קאַוטסקיס וואָכנשריפֿט „די נייע צייט" אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן טיטל „פּראָבלעמען פֿון סאָציאַליזם", אין וועלכע ער האָט קריטיקירט די דעמאָלסדיקע אָנשויאונגען פֿון די דייטשישע מאַרקסיסטן. מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט קאַוטסקי געשריבן, אַז ווען בערנשטיין האָט אָנגעהויבן זיין סעריע אַרטיקלען, איז דאָס אים, קאַוטסקין, געווען „זייער סימפּאַטיש", ווייל ער האָט אין דעם געזען אַ המשך פֿון דעם, וואָס ענגעלס און ער אַליין, קאַוטסקי, האָבן מיט אַ סך יאָרן פֿריער אָנגעהויבן. אָבער וואָס ווייטער בערנשטיין האָט אין זיינע אַרטיקלען, אין 1897 און 1898 קריטיקירט דעם מאַרקסיזם, אַלץ אומרויִקער איז קאַוטסקי געוואָרן.

אין „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" האָט קאַרל מאַרקס געשריבן:

„אונדזער עפּאָכע, די עפּאָכע פֿון דער בורזשואַזיע, צייכנט זיך אויס איבער הויפּט מיט דעם, וואָס זי פֿאַראיינפֿאַכט די קלאַסן־קעגנזאַצן. די גאַנצע געזעלשאַפֿט צעשפּאַלט זיך אַלץ מער און מער אויף צוויי גרויסע פֿיינדלעכע לאַגערן, אויף צוויי קעגנערישע קלאַסן: בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט".

מיט יאָרן שפּעטער האָט, מאַרקס, אמת, שוין גערעדט וועגן דריי קלאַסן פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט: לוין־אַרבעטער, קאַפּיטאַליסטן און לאַנד־איינגנטימער. אָבער די אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון סאָציאַליזם האָט ער באַגרינדעט ניט בלויז מיט דעם, וואָס דער קאַפּיטאַל קאָנצענטרירט זיך אין די הענט פֿון איינצלנע גרויסע קאַפּיטאַליסטן — דאָס לייקענען ניט היינט צו טאָג אַפֿילו קאַפּיטאַליסטישע געלערנטע — נאָר מיט דעם, וואָס פֿון איין זייט מוז דער קאַפּיטאַליזם פֿון זיך אַליין צוזאַמענברעכן דערפֿאַר, וואָס „די קריזיסן, וועלכע ליגן אין סאַמע תוך פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע ווערן כסדר ברייטער און שאַרפֿער". „די קריזיסן — לייענען מיר אין דער „ערפֿורטער פּראָגראַם", מאַכן, אַז די אַלגעמיינע אומזיכערקייט זאָל ווערן דער נאָרמאַלער צושטאַנד פֿון דער געזעלשאַפֿט און זיינען אַ באַווייז, אַז די פּראָדוקטיווע כוחות זיינען אַריבערגעוואַקסן די היינטיקע געזעלשאַפֿט און אַז דאָס פּריוואַט־איינגנטום אויף די פּראָדוקציע־מיטלען איז ניט אין הסכם מיט זייער אַנטוויקלונג און פֿאַרנינפֿטיקער אויסנוצונג".

דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער אָביעקטיווער פּראָצעס, וואָס פֿירט צו דעם אומפֿאַרמיידלעכן צוזאַמענברוך פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. דער קאַפּיטאַליזם פֿירט אָבער, לויט קאַרל מאַרקסן, אויך צו דעם, אַז די לאַגע פֿון די גרויסע מאַסן פֿון פֿאָלק זאָל וואָס ווייטער ווערן אַלץ ערגער און ערגער. די קאָנצענטראַציע פֿון אַלע רייכטימער אין די הענט פֿון די גרויסע קאַפּיטאַ־

ליסטן און לאַנד־אייגנטימער פֿירט צו דעם, אַז די אַלע קליינע קאַפּיטאַליסטן, קרעמער, הענדלער און פּויערים זאָלן פֿאַרשווינדן. פֿאַר אָט די אַלע שיכטן פֿון פֿאָלק מיינט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם, ווי די „ער־פֿורטער פּראָגראַם" זאָגט, „אַלץ אַ גרעסערע אומזיכערקייט פֿון זייער עקזיס־טענץ, אַלץ אַ גרעסערער עלנט, אונטערדריקונג און פֿאַרשקלאַפֿונג".

מיט איין וואָרט, דער קאַפּיטאַליזם ברענגט דעם פּראָלעטאַריאַט בלויז אומגליק און פֿאַרשקלאַפֿונג. דער קאַפּיטאַליזם ווערט אומדערטרעגלעך פֿאַר דער גרויסער פּראָלעטאַרישער מאַיאָריטעט פֿון דער באַפֿעלקערונג, און די דאָזיקע מאַיאָריטעט האָט קיין אַנדער וועג ניט צו ראַטעווען זיך פֿון אונטער־גאַנג ווי באַקעמפֿן דעם קאַפּיטאַליזם.

אָט דאָס זיינען געווען די צוויי יסודות פֿון קאַרל מאַרקס לערע וועגן דער אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון סאָציאַליזם. איז געקומען בערנשטיין און האָט באַוויזן, אַז סיי די טעאָריע וועגן דעם אומפֿאַרמיידלעכן צוזאַמענ־ברוך פֿון קאַפּיטאַליזם און סיי די טעאָריע וועגן דעם, אַז אונטער דעם קאַפּי־טאַליזם מוז דער עלנט און די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון די מאַסן ווערן וואָס ווייטער אַלץ גרעסער און שאַרפֿער, זיינען ניט ריכטיק.

בערנשטיין האָט אויפֿגעוויזן, אַז די קלאַסן־צעטיילונג אין דער היינטיקער געזעלשאַפֿט איז גאָרניט אַזאַ איינפֿאַכע, ווי מאַרקס האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. וואָס נוגע די פּויערים, האָבן אַפֿילו די שטרענג אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן שפּעטער אויך געמוזט צוגעבן, אַז זיי ווערן ניט איינגעשלונגען פֿון די רייכע לאַנד־אייגנטימער, נאָר פֿאַרקערט, אַז די אַבסאָלוטע צאָל פּויערים האָט זיך אין אַלע לענדער פֿאַר די לעצטע יאָרן שטאַרק פֿאַרגרעסערט, און עס איז ניטאָ קיין סיבה אַז זייער צאָל זאָל אין דער נאָענטער צוקונפֿט ווערן קלענער.

אָבער אויך אין דער שטאָטישער אינדוסטריע און אין האַנדל ווערן די מיטלשיכטן ניט פֿאַרשווונדן.

קאַרל מאַרקס האָט, צום ביישפּיל, אין גאַנצן אויסגעלאָזן די פֿראַגע וועגן די טעכנישע און האַנדלס־אָנגעשטעלטע, וואָס שטעלן מיט זיך איצט פֿאַר אַ ריזיקע אַרמיי און וואָס זיינען ניט קיין קאַפּיטאַליסטן און ניט קיין פּראָלע־טאַריער אין דעם מאַרקסיסטישן זין.

געאָרג פּלעכאַנאָוו, דער פֿאָטער פֿון רוסישן מאַרקסיזם, וועלכער איז גע־ווען קאַוטסקיס אַ פֿריינד און אַ מיטאַרבעטער פֿון זיין „נייע צייט", האָט כסדר געמאָנט ביי קאַוטסקין פֿאַרוואָס ער ענטפֿערט ניט אויף בערנשטיינס אַרטיקלען. קאַוטסקי האָט געלאָזט פּלעכאַנאָוון ענטפֿערן בערנשטיינען. ער אַליין, אָבער, האָט אין אַ בריוו צו פּלעכאַנאָוון, דאַטירט דעם 22סטן יוני 1898,געשריבן, אַז ערשטנס, האָט ער קיין צייט ניט, ווייל ער האַלט אין פֿאַרענדיקן זיין בוך וועגן דער אַגראַר־פֿראַגע; צווייטנס, איז בערנשטיין געווען זיין נאָענטסטער חבר און מיטקעמפֿער אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע 18 יאָר,

און עס איז אים דעריבער ניט לייכט צו דערקלערן קריג זיין אַלטן מיטקעמ־פֿער. „זאָל זיין, אַז דאָס איז אַ סענטימענטאַלע אורזאַך — האָט קאַוטסקי געשריבן — אָבער אָט דער געפֿיל איז אין מיר דאָך זייער לעבעדיק. און נאָך מער ווילט זיך מיר ניט אָנפֿאַלן אויף בערנשטיינען דערפֿאַר, וואָס איך ווייס ווי שטאַרק ער אַליין ליידט פֿון דער ענדערונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זיינע אָנשויאונגען, וואָס פֿאַר אַ גרויסן אינערלעכן קאַמף דאָס רופֿט אַרויס אין זיין נשמה".

אָבער ווען בערנשטיין האָט איבערגעאַרבעט זיינע אַרטיקלען און זיי אַרויסגעגעבן אין 1899 אין אַ באַזונדער בוך, אונטערן טיטל: „די פֿאָרויס־זעצונגען פֿון סאָציאַליזם — האָט קאַוטסקי אים דערקלערט קריג.

אין זיין בוך און אין איניקע אַרטיקלען, וואָס ער האָט דערנאָך פֿאַר־עפֿנטלעכט, האָט בערנשטיין זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער קלאַסן־קאַמף פֿאַרשאַרפֿט זיך ניט וואָס ווייטער אַלץ מער, און דער מיטלקלאַס פֿאַרשווינדט ניט, ווי קאַרל מאַרקס האָט פֿאָרויסגעזאָגט; אַז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם מיט זיינע כסדרדיקע קריזיסן מוז ניט אומפֿאַרמיידלעך ברענגען צו אַ קאַטאַסטראָפֿע, צו אַ צוזאַמענברוך פֿון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע דאַרף, לויט מאַרקסעס טעאָריע, מיט איין קלאַפּ פֿאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם און ברענגען סאָציאַליזם.

בערנשטיין האָט אויך אָנגעוויזן, אַז דער אַרבעטער קלאַס איז אין קיין לאַנד נאָך ניט פֿעאיק איבערצונעמען די גאַנצע מאַכט; אַז סאָציאַליזם וועט מעגלעך זיין איינצופֿירן נאָר דאָרט, וווּ עס הערשט פֿולשטענדיקע דעמאָקראַ־טיע, און אַז אין די ראַמען פֿון דער עקזיסטירנדער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדע־נונג איז מעגלעך, דורך געזעצגעבונג און דורך דעם קאַמף פֿון די פּראָפֿע־סיאָנעלע־פֿאַראיינען און דורך קאָאָפּעראַטיוון, צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון די אַרבעטער־מאַסן און שטופֿנווייז איבערבויען די געזעלשאַפֿט אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

פֿון דעם אַלעמען האָט בערנשטיין געצויגן דעם שלוס, אַז די אויפֿגאַבע פֿון סאָציאַליסטן דאַרף זיין ניט צוצוגרייטן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, נאָר צו קעמפֿן פֿאַר לעבנס־וויכטיקע סאָציאַלע רעפֿאָרמעס און אין דער ערשטער רייד פֿאַר דעמאָקראַטישע פֿרייהייטן און רעכט.

קאַוטסקי איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן בערנשטיינען. אויסער די פּאָלעמישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט אין יענע יאָרן געשריבן קעגן בערנ־שטיינען, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך אונטערן טיטל: „בערנשטיין און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָגראַם". און אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין שטוטגאַרט, וווּ עס איז דיסקוטירט געוואָרן בערנשטיינס „אַפּיקורסות", האָט קאַוטסקי געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע, אין וועלכער ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „אויב בערנשטיין גלייבט, אַז

מיר מוזן האָבן פֿריער דעמאָקראַטיע, כדי מיר זאָלן דערנאָך קאָנען פֿירן דעם אַרבעטער־קלאַס שטופֿנווייז צום זיג, זאָג איך, אַז די זאַך איז גראָד פֿאַרקערט מיט אונדז: דער זיג פֿון פּראָלעטאַריאַט איז די פֿאָרבאַדינגונג פֿאַר דעם זיג פֿון דעמאָקראַטיע".

די גרויסע מאַיאָריטעט פֿון די דעלעגאַטן האָט שטורמיש אַפּלאָדירט קאַוטסקיס ווערטער. נאָך אַ גרעסערן אַפּלאָדז האָט קאַוטסקי באַקומען, ווען ער האָט אויסגערופֿן: „גלייבט דעם עמיצער, אַז אָט דער זיג איז מעגלעך אָן אַ קאַטאַסטראָפֿע איך ווינטש עס, אָבער איך גלייב ניט אין דעם".

אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט קאַוטסקי געשריבן:

„פֿון די ערשטע שריט פֿון מיין פּאַרטיי־טעטיקייט האָב איך אין אונדזער פּאַרטיי געקעמפֿט קעגן דעם, וואָס מען באַצייכנט איצט מיטן נאָמען „בערנשטייניזם" און אַלץ וואָס איך האָב אויסגעפֿונען און איבערגעלעבט דורך דעם פֿערטל יאָרהונדערט פֿון מיין פּאַרטיי־טעטיקייט, האָט בלויז מיך פֿאַרפֿעסטיקט אויף מיין שטאַנדפּונקט. אמת, דער וועג צו אונדזערע אידעאַלן האָט זיך אַרויסגעוויזן לענגער און דאָרנדיקער, ווי ער האָט זיך מיר פֿאָרגע־שטעלט אין דעם פֿרייליכן ליכט פֿון דער ערשטער יוגנט. אָבער ווען איך מעסט אונדזערע דערגרייכונגען ניט מיט דער מאָס פֿון מיינע ווונטשן, פֿון מיין קורצן אינדיווידועלן לעבן, נאָר ווען איך קוק מיט די אויגן פֿון אַ היס־טאָריקער און ניט פֿון אַ קעמפֿנדיקן אינדיווידום זע איך, אַז מיר האָבן באַ־דייטנד זיך דערנענטערט צו אונדזער ציל".

מיט יאָרן שפּעטער האָט קאַוטסקי צוגעגעבן, אַז אין אַ סך פּרטים איז בערנשטיין דאַן געווען גערעכט און ניט ער. אָבער אין אָנהייב פֿון 20סטן יאָרהונדערט האָט קאַוטסקי אויפֿגעהערט צו דרוקן בערנשטיינס אַרטיקלען אין דער „נייע צייט" און ער האָט איבערגעריסן מיט אים אַלע באַציאונגען.

די „נייע צייט" איז געוואָרן דער אָרגאַן פֿון די אַזוי גערופֿענע אָרטאָ־דאָקסאַלע מאַרקסיסטן, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די אָנגעזעענסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שריפֿטשטעלער פֿון דער גאַנצער וועלט. קיין אַנדער סאָציאַליסטישע צייטשריפֿט אין וועלכער שפּראַך האָט ניט געהאַט אַזאַ גרויסן איינפֿלוס אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, ווי קאַוטסקיס „נייע צייט". די מערסטע יונגע סאָציאַליסטן זיינען באַקערט געוואָרן צום מאַרקסיזם דורך לייענען ניט קאַרל מאַרקסעס ווערק, נאָר קאַוטסקיס פּאָפּולאַריזאַציעס פֿון מאַרקסיזם, ווי זיין „עקאָנאָמישע לערע פֿון קאַרל מאַרקס", די „ערפֿור־טער פּראָגראַם" און אַנדערע זיינע בראָשורן און ביכער.

אין יאָר 1908 איז אַרויס קאַוטסקיס גרויס ווערק „די אַנטשטייאונג פֿון קריסטנטום", וואָס איז באַלד איבערזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן.

אין 1910 איז אַרויס אַ צווייט גרויס ווערק זיינס „פֿאַרמערונג און אַנטוויקלונג אין דער נאַטור און אין דער געזעלשאַפֿט". אין 1914 — „ראַסע און יודענטום".

קאַוטסקיס ווערק קאָנען איינגעטיילט ווערן אין צוויי גרופּעס: איין גרופּע נעמט אַריין די אַרטיקלען, אין וועלכע ער באַהאַנדלט די מאַרקסיסטישע טעאָריע גופֿא; די צווייטע גרופּע באַשטייט פֿון אַזעלכע אַרבעטן, וואָס דערקלערן פֿאַרשיידענע היסטאָריש־עקאָנאָמישע און אַלגעמיין־פּאָליטישע און קולטור־היסטאָרישע דערשיינונגען אין ליכט פֿון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע.

בערנשטיין האָט אין יאָר 1924 געשריבן, אַז דער ווערטפֿולסטער טייל פֿון קאַוטסקיס אַרבעט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן פֿאַר דער דערקלערונג און באַלייכטונג פֿון דער געשיכטע.

ווי אַ סאָציאַל־עקאָנאָמיסט — האָט בערנשטיין געשריבן — איז קאַוטסקי אין תוך פֿאַרבליבן אַ תלמיד פֿון קאַרל מאַרקס און פֿרידריך ענגעלס און ווי אַזעלכער וועט ער פֿאַרבלייבן. גאָר אַנדערש טרעט ער אַרויס ווי אַ היסטאָריקער. דאָ ליגט זיין באַזונדערע קראַפֿט. ער האָט אַרבעטן וואָס מאַכן אים פֿאַר אַ זעלבסטשטענדיקן וויסנשאַפֿטלעכן פֿאָרשער. ער האָט געוואָרפֿן אַ נייַ ליכט אויף וויכטיקע היסטאָרישע פֿאַקטן".

די זעלבע מיינונג האָבן וועגן קאַוטסקיס היסטאָרישע ווערק אויך אַ סך אַנגעזעענע געלערנטע, וועלכע זיינען ניט קיין סאָציאַליסטן.

5

„די מלחמה פֿון 1914, וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט די גאַנצע וועלט, האָט אַרונטערגעריסן קרוינען און צעשטערט מלוכות — האָט קאַוטסקי געשריבן אין 1924 — איז פֿאַר מיר געווען אַ גרויסע איבערקערעניש אין לעבן". איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכן זיינען אַלע דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן געווען איינשטימיק, אַז מען מוז טאָן אַלץ מעגלעכעס ניט צו דערלאָזן, אַז די מלחמה זאָל אויסברעכן. אין גאַנץ דייטשלאַנד זיינען ערב דער מלחמה פֿאָרגעקומען גרויסע סאָציאַליסטישע דעמאָנסטראַציעס קעגן מלחמה. אָבער, ווען די מלחמה האָט זיך דאָך אָנגעהויבן, האָט די גרויסע מערהייט פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן פֿון רייכסטאַג באַשלאָסן צו שטימען פֿאַר די קריגס־קרעדיטן, וואָס די רעגירונג האָט פֿאַרלאַנגט. אַ קליינע מינאָריטעט איז געווען קעגן דעם. קאַוטסקי האָט פֿאַרנומען אַ מיטעלע פּאָזיציע. ער איז געווען פֿאַר דעם, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן זאָלן זיך

צוריקהאַלטן פֿון שטימען און זאָלן דערביי דערקלערן, אַז זיי וואָלטן געקאָנט באַוויליקן קרעדיטן נאָר צו אַזאַ רעגירונג, וואָס וואָלט פֿייערלעך דערקלערט, אַז זי וועט פֿירן מלחמה נאָר פֿאַר פֿאַרטיידיקונג און וועט זי ברענגען צו אַ שנעלן שלום אָן אַנעקסיעס, קאָנטריבוציעס און אָן וועלכע עס איז גוואַלט־טאַטן. אָבער קיינער האָט דאָן קאַוטסקיס פֿאָרשלאָג ניט אונטערשטיצט. אין יאָר 1923 — האָט קאַוטסקי געשריבן — די גרויסע מערהייט האָט געשטימט פֿאַר די קריגס־קרעדיטן; די קליינע מינדערהייט האָט זיי אָפּגעוואָרפֿן. איך האָב פֿאַרנומען אַ מיטלסטע פּאָזיציע, ווי בעבעל און ליבקנעכט האָבן פֿאַרנומען אין 1870, ווען זיי האָבן ניט געוואָלט אַרויסטרעטן ניט פֿאַר דעם פּרייסישן קעניג און ניט פֿאַר דעם פֿראַנצויזישן אימפּעראַטאָר, און זיי האָבן דעריבער אין גאַנצן ניט געשטימט.

מען איז אפֿשר געווען גערעכט, ווען מען האָט אָנגעוויזן, אַז אַזאַ גרויסע פּאַרטיי, ווי עס איז אין 1914 געווען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט בשום אופֿן ניט געקאָנט זיך צוריקהאַלטן פֿון שטימען. האָב איך דאָך אָבער געפֿאָדערט, אַז מען זאָל ניט די גוטהייסונג און ניט די צוריקווייזונג ניט אָננעמען אָן תנאים. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואָלט געקאָנט באַוויליקן די קרעדיטן נאָר צו אַזאַ רעגירונג, וואָס וואָלט פֿייערלעך און אָפֿן דערקלערט, אַז זי וועט פֿירן די מלחמה נאָר פֿאַר פֿאַרטיידיקונג און וועט זיי ברענגען צו אַ שנעלן שלום אָן אַנעקסיעס, קאָנטריבוציעס און וועלכע עס איז גוואַלדטאַטן.

אין אַ צייט, ווען די לײדנשאַפֿטן זיינען אויפֿגערייצט, אין אַ צייט פֿון מלחמה און רעוואָלוציעס דאַרף מען זיך שטעלן אויף איין באַשטימטער זייט. בין איך דעריבער מיט מיין מיטלסטער פּאָזיציע געבליבן כמעט פֿולשטענדיק איינזאַם. און אַזוי בין איך געבליבן סיי אין דער צייט פֿון מלחמה און נאָך אַ שטיק צייט נאָך דער מלחמה.

פֿון דעם אָנהייב פֿון מיין פּאַרטיי־טעטיקייט און ביז דער מלחמה בין איך אַלע מאָל געווען מיט דער גרויסער מערהייט פֿון דער פּאַרטיי, בעת די קריטיקער פֿון רעכטס און פֿון לינקס זיינען כסדר געווען אין אַן אומבאַדייטנדער מינדערהייט.

איצט, פֿאַרקערט, בין איך געקומען אין אַ ווידערשפּרוך מיט דער גרויסער מערהייט פֿון דער פּאַרטיי און האָב אויך ניט צופֿרידנגעשטעלט די מינדערהייט.

איצט, פֿאַרקערט, בין איך געקומען אין אַ סתירה מיט דער גרויסער לינקער פֿליגל מיט ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט בראש, וואָס זיינען אין דער צייט פֿון דער מלחמה אָנגערופֿן געוואָרן „ספּאַרטאַקיסטן.“ איצט איז זייער אַטאַקע אויף מיר געוואָרן נאָך אַ טאָפּלט שטאַרקערע. דאָס האָט געמוזט האָבן אַ געוויסן איינפֿלוס אויף די מעסיקערע עלעמענטן פֿון

דער אָפּאָזיציע: זיי האָבן נאָך אַלץ געפֿילט צו מיר אַכטונג, אָבער שוין ניט אָן צווייפֿלען און וואַקלונגען".

שוין אין אָנהייב 1915 האָבן בערנשטיין און הוגאָ האַזע, דער פֿאָרזי־צער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿראַקציע אין רייכסטאַג, איינגעזען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז באַגאַנגען אַ גרויסן פֿעלער דערמיט, וואָס זי האָט געשטימט פֿאַרן קריג. דעמאָלט האָט קאַוטסקי זיך צוריק שטאַרק דערנענטערט צו בערנשטיינען.

„אין דער מלחמה — האָט אין יאָר 1924 געשריבן קאַוטסקי — האָבן מיר ווידער געפֿונען איינער דעם צווייטן. יעדער פֿון אונדז האָט אָפּגעהיט זיינע טעאָרעטישע באַזונדערקייטן. אָבער אין פּראַקטישע פֿראַגן האָבן מיר כמעט אַלע מאָל איינגעשטימט און אַזוי איז דאָס געבליבן ביז היינטיקן טאָג".

אין יוני 1915 האָבן קאַוטסקי, בערנשטיין און האַזע אַרויסגעלאָזט דעם באַרימטן מאַניפֿעסט „דער געבאָט פֿון דער שטונדע", אין וועלכן זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דעם אמתן כאַראַקטער פֿון דער מלחמה. אין אויגוסט 1915 האָבן שוין עטלעכע און דרייסיק סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן זיך צוריקגעהאַלטן פֿון שטימען פֿאַרן קריגס־בודזשעט און אין ניין טעג אַרום, ווען עס איז נאָך אַ מאָל פֿאָרגעקומען אין רייכסטאַג אַזאַ אָפּשטימונג, האָבן צוואַנציק דעפּוטאַטן געשטימט קעגן און בערנשטיין איז געווען איינער פֿון זיי. (קאַוטסקי איז ניט געווען קיין דעפּוטאַט). אין 7 מאָנאַטן אַרום האָבן בערנשטיין און אַנדערע 16 דעפּוטאַטן געגרינדעט אַ באַזונדערע אַנטי־מלחמה פֿראַקציע אין רייכסטאַג. מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן די מיטגלידער פֿון דער דאָזיקער פֿראַקציע געשאַפֿן „די אומאָפּהענגיקע סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּאַרטיי פֿון דייטשלאַנד".

קאַוטסקי און בערנשטיין זיינען ביידע געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל גרינדן אַ באַזונדערע פּאַרטיי. זיי האָבן געהאָפֿט, אַז עס וועט זיך זיי סוף כל סוף איינגעבן צוריק אַרויפֿצופֿירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אויפֿן ריכטיקן וועג. אָבער ווען די נייע פּאַרטיי איז געגרינדעט געוואָרן, זיינען זיי אַריינגעטראָטן אין איר אַלס מיטגלידער.

אין די מלחמה־יאָרן האָט קאַוטסקי פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע נייע ווערק, ווי: „די נאַציאָנאַלע און די אימפּעריאַליסטישע מלוכה און אַ בונד פֿון לענדער"; „די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון מיטל־אייראָפּע", „די באַפֿרייאונג פֿון די פֿעלקער" און אַנדערע.

אין אָקטאָבער 1917 האָט דער קאָמיטעט פֿון דער אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי צוגענומען ביי קאַוטסקין די „נייע צייט", וועלכע ער האָט אויפֿגעבויט. דאָס איז פֿאַר אים געווען אַ גרויסער קלאַפּ.

„אַט די געצוווּנגענע צעשיידונג מיט דער היים פֿון מיין שאַפֿן, וועלכע איך האָב אויפֿגעבויט, דורך וועלכע איך האָב זיך פֿאַרבונדן מיט די גרויסע פֿאַרטרעטער פֿון מאָדערנעם סאָציאַליזם און וועלכער איך האָב געגעבן מער כאַראַקטער — אַט די צעשיידונג איז פֿאַר מיר געווען נאָך אַ שווערער קלאַפּ צוליב דעם, וואָס דאָס איז צונויפֿגעפֿאַלן מיט מיין גרויסער איזאָלאַציע.

און אַט די איינזאַמקייט מיינע איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען עס איז אויפֿגעקומען דער באָלשעוויזם. ווי ווייט איך האָב געקאָנט, האָב איך איגנאָרירט די אָנפֿאַלן פֿון די „ספּאַרטאַקיסטן" אויף מיר, ווייל אונטער די צענזור־באַדינגונגען איז פֿאַר מיר געווען אומבאַקוועם אַרויסצוטרעטן קעגן די אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן.

גאָר אַן אַנדער סיטואַציע איז אָבער געוואָרן, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פֿאַרכאַפּט אין רוסלאַנד די רעגירונגס־מאַכט, און כדי ניט צו טיילן זי מיט די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן זיי צעטריבן די סאָציאַליסטישע גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג און האָבן איינגעפֿירט אַ סיסטעם פֿון טעראָר קעגן אַלע ניט־קאָמוניסטן. און דאָס אַלץ האָבן זיי געטאָן מיט דער האָפֿענונג, אַז עס וועט זיי געלינגען מיט איין קלאַפּ און איבערנאַכט מאַכן פֿון רוסלאַנד אַ פֿולשטענדיקע קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט.

ווי נאָר עס איז מיר געלונגען צו זען קלאָר, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין רוסלאַנד נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, האָב איך געהאַלטן פֿאַר מיין חוב באַלד אַרויסצוטרעטן קעגן דעם, און אויך קעגן דער מיינונג, אַז אַזאַ אָפּגעשטאַנען לאַנד, ווי רוסלאַנד, קאָן אַריבעריאָגן דעם אינדוסטריעלן מערב אויפֿן וועג צו סאָציאַליזם, און קעגן דער משוגענער פֿאָרשטעלונג, אַז מען קאָן איינפֿירן סאָציאַליזם מיט איין מעכטיקן קלאַפּ, און נאָך דערצו דורך אַ פּריווילעגירטער מינדערהייט, וואָס שטייט אין אַ ווידערשפּרוך צו דער אומגעהויערער מערהייט פֿון פֿאָלק, אַזוי אַז מען דאַרף אַט די אומגעהויערע מאַסן האַלטן אין צוים מיט געווער און דורך טעראָר.

שוין אין זומער 1918 האָב איך פֿאַרעפֿנטלעכט מיין ערשטע אַרבעט קעגן באָלשעוויזם, „די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט", דערנאָך, אין 1919, „טעראָריזם און קאָמוניזם", און אין 1921 — „פֿון דעמאָקראַטיע צו מלוכה־קנעכטשאַפֿט".

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז מיין אַנטשיידענער אַרויסטריט קעגן באָלשעוויזם האָט אויפֿן העכסטן גראַד אויפֿגעבראַכט קעגן מיר די „ספּאַרטאַקיסטן", וואָס האָבן פֿון זינט דער רעוואָלוציע זיך אַ נאָמען געגעבן קאָמוניסטן. אָבער קעגן מיר זיינען אויך געווען אַ סך „אומאָפּהענגיקע", און צווישן זיי אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז איך בין גערעכט, נאָר ביי דער דעמאָלטיקער סיטואַציע, האָבן זיי געזאָגט, מיינט אָנפֿאַלן אויפֿן באָלשעוויזם די

זעלביקע זאַך ווי באַקעמפֿן די רוסישע רעוואָלוציע. זיי האָבן דעריבער געהאַלטן, אַז מיינע אַרויסטרעטונגען זיינען ווייניקסטנס ניט צייטיק.

שוין מיין ערשטע אַרבעט קעגן באָלשעוויזם האָט קעגן מיר אַרויסגערופֿן צווייפֿל ביי אייניקע פֿון מיינע בעסטע פֿריינד.

ווען עס איז אין נאָוועמבער 1919 אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ גלייכער צאָל פֿאַרטרעטער פֿון ביידע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, איז קאַוטסקי באַשטימט געוואָרן ווי אַ געהילף פֿון מלוכה־סעקרעטאַר פֿאַר אויסלענדישע ענינים. קאַוטסקי האָט גרינטלעך דורכגע־שטודירט די אַלע געהיימע דאָקומענטן וועגן דער אַנטשטייאונג פֿון דער מלחמה און שפּעטער, ווען ער איז שוין אַוועק פֿון מיניסטעריום, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך מיטן נאָמען „ווי אַזוי עס איז אַנטשטאַנען די מלחמה". קאַוטסקי האָט אין דעם בוך קלאָר אַרויסגעבראַכט, אַז די מלחמה איז אַרויס־גערופֿן געוואָרן ניט פֿון די קאַפּיטאַליסטן פֿון אַלע לענדער, ווי די באָלשע־וויקעס און לינקע סאָציאַליסטן האָבן באַהויפּט, נאָר אַז די קרעפֿטן וואָס האָבן געפֿירט צו דער מלחמה האָבן געהערט צו דער פֿאַר־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע; זיי זיינען געווען די פֿאַרשטייער ניט פֿון קאַפּיטאַליזם, נאָר פֿון פֿעאָדאַליזם. אין עסטרייך־אונגאַרן זיינען עס געווען די אונגאַרישע מאַגנאַטן. זיי האָבן עס אויסגעאיבט אַן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן דרוק אויף סערביע, וווּ די נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז זיי געשטאַנען ווי אַ דאָרן אין אויג. אין אַלע לענדער זיינען עס געווען די מיליטאַריסטן, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט אויף מלחמה. און דייטשלאַנד האָט אַריינגעשטויסן אין דער מלחמה דער דייטשער מיליטאַריזם. קאַוטסקי איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אויף דעם אָנגעוויזן.

ווען די „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי" האָט אין 1919 באַשלאָסן צוצושטיין צום דריטן (קאָמוניסטישן) אינטערנאַציאָנאַל, איז קאַוטסקי אַרויסגעטראָטן פֿון דער פּאַרטיי (בערנשטיין איז נאָך פֿריער אַרויס־געטראָטן). צו דער אַלטער פּאַרטיי, אָבער, האָט קאַוטסקי אויך ניט געקאָנט צושטיין. ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן דייטשלאַנד און זיך באַזעצן אין ווין. אָבער אין 1920 האָט די „אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי" זיך געשפּאָלטן. איין טייל האָט זיך פֿאַראייניקט מיט די קאָמוניסטן, דער צווייטער טייל איז פֿאַרבליבן אַנטי־קאָמוניסטיש. קאַוטסקי האָט דאַן אָנגעווענדעט אַלע זיינע כוחות צו ברענגען צו אַ פֿאַראייניקונג פֿון די צוויי סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. ער האָט גענומען שאַפֿן אַ פֿונדאַמענט פֿאַר אַ נייער פּראָגראַם, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די נייע לאַגע און די נייע אָנשויאונגען און אַזוי איז דערשינען זיין בוך „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און איר

פּראָגראַם". אין אַ קורצער צייט אַרום איז די פאַראייניקונג פון די ביידע פּאַרטייען טאַקע פאָרגעקומען.

אין דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און איר פּראָגראַם" און אין „די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע". די צוויי גרויסע אַרבעטן וועלכע קאַוטסקי האָט פאַרעפנטלעכט אין זיינע לעצטע צען יאָר, גיט ער אָפן צו, אַז אַ סך פון מאַרקסעס טעאָרעטישע באַהויפּטונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט ריכטיק. איך וועל דאָ ברענגען נאָר אַ פּאָר אויסצוגן ווי אַ ביישפּיל. „דאָס פּויערטום — שרייבט קאַוטסקי אין דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע" (זייט 48 רוסישע אויסגאַבע) קען בשום אופן ניט צוגערעכנט ווערן צו די קלאַסן, וואָס גייען באַרג אַראָפּ, ווי די „ערפורטער פּראָגראַם" האָט עס אויפגעוויזן... גלייכצייטיק מיטן פּויערטום און מיט די שטאָטישע קליינבירגער מוזן מיר אָנווייזן אויף נאָך אַ וויכטיקן סאָציאַלן שיכט, וועלכער האָט אין דער צייט ווען די „ערפורטער פּראָגראַם" איז פאַרפאַסט געוואָרן, נאָך ניט געשפּילט קיין שום ראָלע און האָט פיגורירט איבערהויפּט ווי אַ צוגאָב. דאָס איז דער שיכט פון די „קאָפּ-אַרבעטער" אָדער „אינטעליגענטן", צווישן וועלכע די אָנגעשטעלטע און באַאַמטע צייכענען זיך אויס מיט זייער צאָל און באַדייטונג. פאַר דער צייט (זינט די „ערפורטער פּראָגראַם" איז פאַרפאַסט-געוואָרן) איז דער שיכט קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן אין צאָל און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מיטל-גרופּע, וואָס אונטערשיידט זיך שטאַרק פון דער בורזשואַזיע און דערנענטערט זיך סיי לויט איר קלאַסן-לאַגע, סיי לויט אירע אָנזיכטן צום פּראָלעטאַריאַט".

ווייטער, אויף זייט 57, שרייבט קאַוטסקי:

„אין מיינע שלוס-קאָמענטאַרן צו דער „ערפורטער פּראָגראַם" האָב איך אַרויסגעזאָגט די האָפענונג, אַז די קליינע פּויערים, וועלכע ווערן שנעל רויאינירט, וועלן צושטיין צום פּראָלעטאַריאַט, אַזוי שנעל ווי זיי וועלן זיך איבערצייגן אין דער האָפענונגסלאָזיקייט פון זייער לאַגע. אין דעם פּונקט האָבן מיר געהאַט אַ טעות. די פּויערים ווערן ניט פאַראָרעמט, נאָר פאַרקערט, אין אַ סך פאַלן גייען זיי גאָר באַרג אַרויף".

ווייטער, אויף זייט 72, שרייבט קאַוטסקי, אַז מאַרקסעס פאָרויסזאָגונג, אַז וואָס ווייטער מוז די לאַגע פון די אַרבעטער ווערן אַלץ ערגער און ערגער, הנט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט ריכטיק ווייל „אַ דאַנק דעם אָרגאַניזירטן קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס, ווערט זיין לאַגע איצט וואָס ווייטער אַלץ בעסער.

אויף זייט 82 שרייבט קאַוטסקי, אַז דער פּונקט וועגן די קריזיסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס געפינט זיך אין דער „ערפורטער פּראָגראַם". און וואָס איז געבויט אויף מאַרקסעס טעאָריע וועגן קריזיסן, „איז

פֿאַרשטייט זיך, אַלט געוואָרן און קומט ניט נאָך די לאַגע, ווי זי איז היינט צו טאָג".

אויף זייט 126‑127 פֿון זיין בוך „די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע" שרייבט קאַוטסקי:

„מיר האָבן אַלע סיבות צו דענקען, אַז די קומענדע פּראָלעטאַרישע רע־וואָלוציע, ד. ה., די דעראָבערונג פֿון דער פּאָליטישער מאַכט מצד דעם פּראָלעטאַריאַט, וועט פֿאָרקומען אויפֿן גרונד פֿון דעמאָקראַטיע, מיט אַנדערע ווערטער, אויף אַ פֿרידלעכן וועג".

„קעגן דעם פֿרידלעכן כאַראַקטער פֿון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע — שרייבט קאַוטסקי — שטעלט מען אונדז אַרויס דעם אַרגומענט, אַז קיין הערשנדער קלאַס זאָגט זיך מיט גוטן ניט אָפּ פֿון דער מאַכט. דאָס איז, פֿאַר־שטייט זיך, אמת. עס וואָלט געווען זייער נאַאיוו צו זאָגן, אַז מען קען מיט גוטע רייד פּועלן ביים הערשנדן קלאַס, אַז ער זאָל פֿרייוויליק אָפּטרעטן זיין פּאָזי־ציע, אָדער אַז דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס וועט ווען־עס־איז מיטן פּראָגרעס פֿון דער ציוויליזאַציע אויף אַזוי פֿיל דורכגעדרונגען ווערן מיטן סאָציאַלן גייסט, אַז ער וועט אָן אַ קאַמף אָפּטרעטן דעם פּראָלעטאַריאַט זיין הערשאַפֿט.

„עס איז קיין צווייפֿל ניט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט וועט ניט איינגעמען די פּאָליטישע מאַכט, אויב ער וועט שוין פֿאַר דעם ניט פֿאַרשטעלן מיט זיך אַ מעכטיקע איבערוועגנדע קראַפֿט. אָבער די באַדייטונג פֿון דער דעמאָקראַטיע פֿון פּראָלעטאַריאַט אין יעדן באַשטימטן מאָמענט, און דאָס מאַכט פֿאַר אומנייטיק צו ווענדן זיך צו די מיטלען פֿון באַוואָפֿנטן קאַמף כדי צו דער־גרייכן אָט דעם ציל".

ווייטער באַווייזט קאַוטסקי, אַז צי דער שטימצעטל איז אַ מאַכט, צי ניט, ווענדעט זיך אָן דעם, ווער עס זיינען די מענטשן, וואָס באַנוצן זיך מיט אים. אויב דאָס זיינען לומפּען־פּראָלעטאַריער, וואָס זיינען גרייט צו וואַרפֿן זיך אין די אָרעמס היינט פֿון די סאָציאַליסטן און מאָרגן פֿון די קאָמוניסטן, אָדער פֿאַשיסטן — וועלן זיי, דורך זייערע שטימצעטלען ניט דעראָבערן די פּאָלי־טישע מאַכט. אויב אָבער דאָס זיינען באַוווּסטזיניקע אַרבעטער, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ מערהייט פֿון דער געזעלשאַפֿט, און די געזעלשאַפֿט קען זיך אָן זייער אַרבעט ניט באַגיין, דאַן איז זייער שטימען פֿאַר דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי אַ באַוויז, אַז זיי האָבן אָנערקענט זייער מאַכט.

„זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, זאָגט קאַוטסקי, אַז דער שטימצעטל שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מאַכט נאָר אונטער די באַדינגונגען פֿון דעמאָקראַטיע. עס וואָלט געווען אָן אומזין צו פֿירן מיט דעמאָקראַטישע מיטלען אַ קאַמף פֿאַר דער דעמאָקראַטיע גופֿא. אונטער אַ דעספּאָטישן רעזשים קען מען דורך פֿרידלעכע מיטלען קיין דעמאָקראַטיע ניט אויסקעמפֿן".

קאוטסקי פאַרענדיקט דעם קאַפּיטל וועגן רעוואָלוציע מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„די רעוואָלוציאָנערסטע פון די רעוואָלוציאָנערן וועלן פּראָטעסטירן קעגן מיין אויפפאַסונג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. פאַר זיי איז אַ רעוואָלוציע אָן בלוט־פאַרגיסונג און אָן טעראָר ניט קיין אמתן רעוואָלוציע, נאָר אַ נעבעכדיקער, צעקראָכענער רעפאָרמיזם. מיט זייערע אָנזיכטן וועגן רעוואָלוציע ווייזן זיי בלויז ווי קאָנסערוואַטיוו זייער מח איז, טראָץ זייערע רעוואָלוציאָנערע פראַזן" („די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע" זייט 127).

קאוטסקי זאָגט, אַלזאָ, גאַנץ קלאָר און דייטלעך, אַז דער אַרבעטער קען און וועט קומען צו דער מאַכט ניט דורך אַ רעוואָלוציע, נאָר דורך מעטאָדן פון דעמאָקראַטיע אויף אַ פרידלעכן אופן.

אין אַן אַנדער פּלאַץ זאָגט קאוטסקי, אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט קיין מאָל ניט צוזאַמענברעכן פון זיך אַליין. דער סאָציאַליזם, זאָגט ער, וועט קומען ניט דערפאַר וואָס דער קאַפּיטאַליזם וועט אונטערגיין.

„איך האָב מקבר געווען געוויסע אילוזיעס — האָט קאוטסקי געשריבן אין 1924 — כ'האָב אָנערקענט און פאַרריכט געוויסע טעותן. מיינע אַנשויאונגען האָבן ביז דער גאָר לעצטער צייט דורכגעמאַכט אַ גאַנץ באַשטימטע עוואָלוציע. אָבער איך וועל שוין שטאַרבן אַן אומהיילבאַרער מאַרקסיסט".

נאָך דעם האָט קאוטסקי נאָך געלעבט 14 יאָר און ער האָט אָנגעשריבן — אַ חוץ אַ סך אַרטיקלען און בראָשורן — דריי קאַפּיטאַלע ווערק: „דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם", „קריג און דעמאָקראַטיע" און „סאָציאַליסטן און קריג". אין יענע ווערק האָט ער, נוצנדיק זיין אויסדרוק, „מקבר געווען" נאָך ווייטערע אילוזיעס זיינע און איז זייער ווייט אַוועק פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם, וועלכן ער האָט געפּריידיקט אין זיינע פריערדיקע ווערק.

די לעצטע ווערק האָט ער אָנגעשריבן אין ווין, וווּהין ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין יאָר 1924.

דורך די אַלע יאָרן האָט אים אין זיין אַרבעט אַ סך אַרויסגעהאָלפן זיין פרוי לואיזע. זי איז געווען זיין סעקרעטאַרין, זיין אַרויסגעבערין און האָט געפירט אַלע אונטערהאַנדלונגען מיט זיינע פאַרלעגער. זי איז אויך געווען טעטיק אין דער פּאַרטיי. זי האָט אַליין אויך איבערזעצט ביכער און האָט אויך געשריבן אַרטיקלען און ביכער.

אין זיינע לעצטע אַרטיקלען און בראָשורן האָט קאוטסקי געוואָרנט די סאָציאַליסטן און די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט, אַז דער וועג פון דיקטאַטור און בירגערקריג, צו וועלכן עס רופן די קאָמוניסטן, פירט אומפאַרמיידלעך אין גיהנום־אַריין, און אַז נאָר דורך פרייהייט און שלום, דורך דעם קאַמף קעגן מלחמה און פאַר דער אויפהאַלטונג און ווייטערער

אויסברייטונג פֿון דער דעמאָקראַטיע קאָן די מענטשהייט קומען צו אַ שענע־רער, מענטשלעכערער און יושרדיקערער אָרדענונג.

אָבער אַ טייל פֿון אונדזערע סאָציאַליסטן, האָט קאַוטסקי געשריבן אין יאָר 1934, שטעלן זיך ניט צופֿרידן מיט די מעגלעכקייטן, וואָס די דעמאָקראַ־טיע גיט יעדער גרויסער מאַסן־פּאַרטיי, צו אָרגאַניזירן און דערציען אירע אָנהענגער און פֿירן זיי צו פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מאַכט. זיי פֿאַר־לאַנגען אַ קאָנסטיטוציע, אַ רעגירונגס־פֿאָרם, וואָס זאָל אונדז ניט נאָר געבן די מעגלעכקייט די פּאָליטישע מאַכט צו דעראָבערן, נאָר וואָס זיל די מאַכט, וועלכע מיר וועלן האַלטן אין אונדזערע הענט, פֿאַרזיכערן אויף שטענדיק אונטער אַלע אומשטענדן. אַזאַ מין גאַראַנטיע דערוואַרטן יענע סאָציאַליסטן פֿון דער דיקטאַטור פֿון דער אייגענער פּאַרטיי. און דאָס מיינט נייטיקערווייז די דיקטאַטור פֿון די פֿירער פֿון דער פּאַרטיי איבער אַלץ און אַלעמען און איבער דער פּאַרטיי גופֿא.

די דיקטאַטור קאָן אויך ניט מיט אַלע אירע מעטאָדן פֿאַרזיכערן, אַז איר פּאַרטיי, די הערשנדע פּאַרטיי פֿון דער דיקטאַטור, וועט אונטער אַלע אומשטענדן איינהאַלטן די פּאָליטישע מאַכט אין אירע הענט. ווייניקסטנס ניט אין אונדזער צייט פֿון שפּעטן קאַפּיטאַליזם, וואָס ברענגט מיט זיך אומגעריכטע און מאָדנע קריזיסן און צוזאַמענברוכן. דאָס איז די נאַרישע איינגלייבענישן פֿון די היטלער־לייט, אַז ווען מען ווערט איין מאָל דיקטאַ־טאָר, בלייבט מען שוין דיקטאַטאָר אויף שטענדיק.

קיין דיקטאַטור קאָן זיך זייער לאַנג ניט האַלטן. יעדע דיקטאַטור פֿירט אויך צו איר אייגענעם אונטערגאַנג, אָדער צו אַ גרויסער אומצופֿרידנ־קייט פֿון דער באַפֿעלקערונג מיט זיינע נייע הארן און הערשער. עס איז קיין מאָל ניט פֿאָרגעקומען, אַז אַ דיקטאַטור זאָל פֿרייוויליק אויפֿגעבן איר מאַכט, אָדער זי זאָל ברענגען אַזעלכע לעבנס־באַדינגונגען, אַז די אַרבעטנדע מאַסן זאָלן איר שטיצן.

דעריבער איז דיקטאַטור פּונקט אַזאַ קנאַפּע גאַראַנטיע, ווי דעמאָקראַטיע, פֿאַר אַ פּאַרטיי, וואָס וויל אָנהאַלטן איר מאַכט שטענדיק. און זי איז אויך ניט אַזאַ גאַראַנטיע פֿאַר אונדזער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

די דיקטאַטור איז פּונקט אַזאַ קנאַפּע פֿאַרזיכערונג, ווי דעמאָקראַטיע, אַפֿילו ווען אין דער מלוכה וועלן אָפּגעשאַפֿט ווערן אַלע קעגנזאַצן און קאַמפֿן. די דיקטאַטור גיט נאָר אַנדערע מיטלען אויסצוקעמפֿן די אַלע קעגנזאַצן, ווי דעמאָקראַטיע.

אין אַ דיקטאַטור איז ניט מעגלעך, אַז די פּאָליטישע מאַכט זאָל איבערגיין פֿון איין פּאַרטיי צו אַן אַנדערער, סיידן דורך אַ בלוטיקן צוזאַמענברוך,

אינערלעכן אָדער אויסערלעכן. דאָס, וואָס מען האַלט די מאַסן מיט געוואַלט אין געהאָרכזאַמקייט, קאָן הייבן ביי זיי די אומצופרידנקייט, דעם רעוואָלוציאָנערן פאַנאַטיזם, אָבער גלייכצייטיק שוואַכט דאָס אָפּ זייער פעאיקייט פאַר פרייער אָרגאַניזאַציע און צו באַנעמען קלאָר די וועלט. ווען די דיקטאַטור האַלט אָן גענוג לאַנג צו מאַכן דאָס פאַר אַן אַלגעמיינער דערשיינונג, וועט דאָס באַזייטיקן פון דיקטאַטור פירן צו אַן אַנדער דיקטאַטור, אָדער צו אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער אומאָרדנונג. ביידע זאַכן זיינען אַ שטערונג איינצושטעלן אַ העכערע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג.

אַזוי לאַנג ווי די דעמאָקראַטיע גופא איז געזיכערט קאָן זיך טרעפן, אַז אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט ביז איצט געהערשט, זאָל פאַרלירן אַ טייל פון אירע ווייִלער און איר פּאָליטישע מאַכט. אָבער אויך ווען זי בלייבט אין אַ מינדערהייט, אין אָפּאָזיציע, האָט זי אַלע אירע רעכט צו אָרגאַניזירן זיך און אָנצופירן איר פּראָפּאַגאַנדע, און זי קאָן דערוואַרטן, אַז זי וועט דורך איר טעטיקייט, דורך פּראָפּאַגאַנדע ווידער קומען צו דער מאַכט.

אין אַ דעמאָקראַטישער אָרדנונג, ווען אַן אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אַ פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע נידערלאַגע, איז דאָס פאַר איר נאָר אַ גרונד צו פאַרשטאַרקן איר טעטיקייט און דורכפירן אַ שטרענגערע זעלבסט־קריטיק, באַטראַכטן אירע אייגענע ביז־איצטיקע פעלערן. אין אַ דעמאָקראַטישער אָרדענונג איז דער ציל פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף מער אויסצוברייטערן די פרייע אָרגאַניזאַציע פון די מאַסן, רייכער מאַכן זייערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע דערפאַרונג. דאָס מיינט פאַרשטאַרקן זייער פעאיקייט אַליין איינצואָרדנען און צו פאַרוואַלטן די מלוכה און דאָס עקאָנאָמישע לעבן.

די אַרבעטנדיקע קלאַסן קאָנען זיך ניט באַגיין אָן דער דעמאָקראַטיע אַפילו דאָרטן, ווו זיי האָבן ניט קיין פּאָליטישע מאַכט. די דיקטאַטור ווידער שעדיקט די אַרבעטער־קלאַסן גייסטיק און מאַטעריעל אַפילו דאָרטן, ווו זי געפינט זיך אין די הענט פון אַרבעטער־פריינד.

די דיקטאַטור קאָן בלייבן עקזיסטירן נאָר אַזוי לאַנג ווי זי האַלט די מאַסן אין אונטערטעניקייט און דערשטיקט ביי זיי דעם גייסט פון קריטיק און פון איניציאַטיוו. ווען דאָס האַלט אָן אַ לענגערע צייט, מוז דאָס פירן צום אונטערגאַנג פון דעם פאָלק און פון דער מלוכה. אַזאַ ווירקונג איז אומפאַרמיידלעך, אַפילו ווען די דיקטאַטור שטעלט זיך סאָציאַליסטישע צילן, ווייל די סאָציאַליסטישע צילן קאָנען דערגרייכט ווערן נאָר ווען די אַרבעטנדיקע קלאַסן אַרבעטן מיט באַגייסטערונג, פאַרשטענדעניש און גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט פאַר דער נייער אָרדנונג אין דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט און אין מלוכה־לעבן.

נאָר אין דער דעמאָקראַטיע, ביי אַ פֿרייען קאַמף פֿון אַלע גייסטיקע שטרעמונגען אין דער באַפֿעלקערונג, קאָן דער אַרבעטער־קלאַס אַנטוויקלען די קראַפֿט און די פֿעאיקייט זיך אַליין צו באַפֿרייען און אַליין פֿאַרוואַלטן די פּראָדוקציע, דאָס עקאָנאָמישע לעבן. און נאָר אין דער דעמאָקראַטיע קאָן די פֿעאיקייט און קראַפֿט פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס אַזוי ווירקן, אַז עס זאָל קאָנען געשאַפֿן ווערן אַן עקאָנאָמישע אָרדענונג, וואָס זאָל שטיין העכער פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער, — אַזאַ אָרדנונג וועלכע מאַרקס און ענגעלס האָבן אין זייער „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" אָנגערופֿן „אַ געזעלשאַפֿט, אַ פֿאַראייני־קונג פֿון מענטשן, ווו די פֿרייע אַנטוויקלונג פֿון יעדן איינצלנעם איז דער באַדינג פֿאַר דער פֿרייער אַנטוויקלונג פֿון אַלעמען".

די נאַציאָנאַליזאַציע פֿון די נאַטירלעכע רייכטימער און פֿון די מיטלען פֿון פּראָדוקציע — האָט קאַוטסקי דערקלערט — איז ניט קיין ציל, נאָר בלויז אַ מיטל. דער ציל פֿון סאָציאַליזם איז די באַפֿרייאונג פֿון דער מענטש־לעכער פּערזענלעכקייט. סאָציאַליזם איז מעגלעך נאָר דאָרט, ווו די מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג וויל דאָס האָבן און איז פֿעאיק צו שאַפֿן אַ סאָציאַ־ליסטישע געזעלשאַפֿט. שלום און פֿרייהייט זיינען די נויטווענדיקסטע פֿאַר־באַדינגונגען פֿאַר דער אויפֿהייבונג פֿון דער געזעלשאַפֿט צו אַ העכערער, מער פּראָדוקטיווער און מער צופֿרידנשטעלנדער פֿאָרם.

דער סאָוועטישער קאָמוניזם איז פּונקט דער היפּך פֿון סאָציאַליזם.

„וואָס אַזוינס איז דער ציל, צו וועלכן מיר סאָציאַליסטן, שטרעבן? — האָט קאַוטסקי געשריבן אין יאָר 1928 אין דעם צייטונג־זשורנאַל „טרי־בונאַ", וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין טשעכאָסלאָוואַקיע, — די פֿאַר־ניכטונג פֿון קאַפּיטאַליזם? ניין. מיר ווילן מער, זאָגט ער, עס זיינען פֿאַראַן אַ סך וועגן ווי אַזוי צו פֿאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם. די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פֿון דער פּראָדוקציע שטעלט מיט זיך פֿאָר נאָר איינע פֿון די מעגלעכע לעזונגען פֿון אָט דער פֿראַגע. מען קען זיך דאָך אָבער פֿאָרשטעלן די צעשטערונג פֿון קאַפּיטאַליזם און די איינפֿירונג פֿון דער קליין־פּראָדוקציע אויפֿן אָרט פֿון דעם קאַפּיטאַליזם. עס קען אויך פּאַסירן, אַז אַ געוויסע דעס־פּאָטישע רעגירונג זאָל צונעמען ביי די קאַפּיטאַליסטן זייער אייגנטום און זי אַליין זאָל פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון די פֿריערדיקע קאַפּיטאַליסטן. אין אַזאַ פֿאַל וואָלטן די אַרבעטער, אַנשטאָט וואָס זיי האָבן פֿריער געשקלאַפֿט פֿאַר די קאַפּיטאַליסטן, איצט געוואָרן נאָך גרעסערע שקלאַפֿן פֿון דער דעספּאָטי־שער רעגירונג".

7

קאַוטסקי האָט זיין גאַנץ לעבן זיך אויך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער יידן־פראַגע. ער איז געווען אַ קעגנער פון ציוניזם און האָט געוואָלט באַווייזן, אַז יידן שטעלן מיט זיך ניט פאָר קיין באַזונדערע ראַסע, ווי די דייטשע און עסטרייכישע אַנטיסעמיטן האָבן געהאַלטן. לויט קאַוטסקיס מיינונג זיינען קיין ריינע ראַסן בכלל ניטאָ אויף דער וועלט. אין מערב־אייראָפּע — האָט ער געשריבן — אַסימילירן זיך די יידן שנעל מיט די פעל־קער צווישן וועלכע זיי לעבן. אויך אין רוסלאַנד וועלן זיי זיך אַסי־מילירן נאָך דעם ווי זיי וועלן דאָרט באַקומען אַלע רעכט. אין דער זעלבער צייט, אָבער, איז קאַוטסקי זיין גאַנץ לעבן געווען אַ הייסער פריינד פון „בונד" און פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַ יאָר פאַר זיין טויט האָט ער צום 40טן יובילײ פון „בונד" צוגעשיקט אַ האַרציקע באַגרי־סונג צום „בונד" אין פוילן און האָט פאַרויסגעזאָגט אים אַ גוטע צוקונפט.

קורץ נאָך דער פאַשיסטישער איבערקערעניש אין עסטרייך האָט קאַוטסקי עמיגרירט קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. אין די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן האָט ער אָפט געשריבן אין ניו־יאָרקער יידישן „פאָרווערטס". אַ גאַנצע רייע פון זיינע אַרטיקלען, וועלכע זיינען דערשינען אין „פאָרווערטס", זיינען אין עסטרייך ניט געדרוקט געוואָרן, ווייל די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זיינען דעמאָלט געווען זייער לינק און זיי האָבן זיך ניט געוואָלט צוהערן צו קאַוטסקיס שאַרפער קריטיק פון דעם באָלשעוויזם און פון לינקן סאָציאַליזם.

אין מערץ 1938, מיט אַ קורצער צייט איידער היטלער האָט פאַרנומען עסטרייך, זיינען די קאַוטסקיס אַרויסגעפלויגן קיין אַמסטערדאַם, ווו די האָלענדישע סאָציאַליסטן האָבן זיי אויפגענומען מיט גרויס פאַראַד. דאָרט איז קאַוטסקי אין גיכן געשטאָרבן. זיין פרוי איז אין 1944 געשטאָרבן אין אַ נאַצי קאָנצענטראַציע־לאַגער.

איך וועל פאַרענדיקן מיט די פאָלגנדע ווערטער, וועלכע עדוואַרד בערנ־שטיין האָט געשריבן צו קאַוטסקיס 70־יאָריקן יובילײ:

„קאַוטסקי, דער קעמפער פונעם היסטאָרישן אמת, איז אויך געווען דער קעמפער פאַר גערעכטיקייט צו אַלע פעלקער. וואָס קאַוטסקי האָט געגעבן דעם סאָציאַליזם ווי אַ היסטאָריקער, האָט מער ווי אַ באַדייטנדיקן אויפקלע־רונגס־ווערט. עס איז אויך גלייכצייטיק און אומעטום אַן אויפרוף. אַן אויפ־רוף צו פאַרטיידיקן דעם אמת, צו פאַרטיידיקן אונטערדריקטע פעלקער. עס איז אַן אויפרוף צו פאַרווירקלעכן דאָס וואָס דער אמת ווייזט אונדז אָן ווי יושר און גערעכטיקייט".

און אין פאַרלויף פון די עטלעכע און זעכציק יאָר פון זיין שריפטשטעלע־רישער טעטיקייט האָט ער אָנגעשריבן, קאָן מען זאָגן, אַ גאַנצע ביבליאָטעק

— צענדליקער ביכער און בראָשורן — ניט נאָר איבער דער געשיכטע און דער טעאָריע פֿון סאָציאַליזם און מאַרקסיזם, נאָר אויך וועגן פֿאַרשיידענע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און פּראָבלעמען פֿון דער וויטער פֿאַרגאַנגנהייט, ווי אויך פֿון אונדזער צייט.

אַ סך פֿון קאַוטסקיס ווערק זיינען איבערזעצט געוואָרן אין אַלע ציוויליזירטע שפּראַכן. ער איז געווען דער רבי פֿון עטלעכע דורות סאָציאַליסטן.

קאַוטסקי איז געווען ניט סתם אַ סאָציאַליסטישער דענקער. ער איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ נביא פֿון סאָציאַליסטישן גלויבן. פֿאַר אים איז סאָציאַליזם שטענדיק געווען מער ווי אַ פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לערע. עס איז געווען אַ מאָראַלישע וועלט־אַנשויאונג.

קאַוטסקי האָט געגלייבט, אַז סאָציאַליזם מוז זיין געבויט אויף די פּרינציפּן פֿון אמת, יושר און פֿרייהייט. אָן דעם איז סאָציאַליזם ניט מעגלעך. דעריבער האָט ער אַזוי שטאַרק באַקעמפֿט דעם באָלשעוויזם כמעט פֿון דעם ערשטן טאָג אָן, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט.

קאַוטסקי, קאָן מען זאָגן, איז געווען איינער פֿון די פּאָר געציילטע ניט־רוסישע ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע דענקער און שריפֿטשטעלער, וואָס איז אַפֿילו אין טעאָריע קיין מאָל ניט איינגעגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן מיטן באָלשעוויזם. ער איז פֿאַרבליבן אַן אויסגעהאַלטענער סאָציאַל־דעמאָקראַט.

אים מער ווי עמיצן אַנדערש האָט די פֿרייע וועלט צו פֿאַרדאַנקען וואָס די סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע אינטעליגענץ און די דענקנדע אינטעליגענץ און די דענקנדע אינטעליגענטערע ראַדיקאַל־געשטימטע אַרבעטער פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך באַפֿרייט פֿון די באָלשעוויסטישע אילוזיעס און די פֿרייע פּראָפֿעסיאָנעלע־פֿאַראיינען און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען זיינען געוואָרן די שטאַרקסטע זיילן פֿון דער דעמאָקראַטיע אין אַלע לענדער.

ער איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון 84 יאָר.



וויקטאָר טשערנאָוו

(1952 — 1873)

וויקטאָר טשערנאָוו

(1952 — 1873)

1

וויקטאָר טשערנאָוו איז געווען דער לעצטער פֿון די גרויסע רוסישע רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַליסטן און דער לעצטער פֿון די באַדייטנדיקע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער אין דער ערשטער העלפֿט פֿון איצטיקן יאָרהונדערט. אין משך פֿון כמעט א האַלבן יאָרהונדערט האָט טשערנאָוו זיך געפֿונען אין די פֿאָדערשטע רייען צווישן די קעמפֿער פֿאַר א פֿרייער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער רוסלאַנד. ער איז געשטאַנען ביים וויגעלע פֿון דער רוסישער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן (עס־ער), וואָס האָט פֿון אירע רייען אַרויסגעגעבן אַזויפֿיל נאָבעלע קעמפֿער און מאַרטירער פֿאַר די אידעאַלן פֿון פֿרייהייט, מענטשלעכקייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט. ער איז געווען דער הויפּט־טעאָרעטיקער פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי, דער פֿאַרפֿאַסער און באַגרינדער פֿון איר פּראָגראַם, און — אין די ערשטע 15 יאָר פֿון איר עקסיסטענץ — איר אָנערקענטער פֿירער. אין דער זעלביקער צייט איז ער אויך געווען איינער פֿון די אָנגעזעענסטע ערנסטע פּובליציסטן און זשורנאַליסטן אין רוסלאַנד. ער איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון אַלע צענטראַלע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס די עס־ערישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן, פֿריער אין אויסלאַנד און דערנאָך אין רוסלאַנד, ביז דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. טשערנאָוו איז ניט געווען קיין קאַבינעט־מענטש, ער איז אויך געווען א קעמפֿער, ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע צוזאַמענפֿאָרן און קאָנפֿערענצן פֿון זיין פּאַרטיי און פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דיביידע רוסישע רעוואָלוציעס: אין דער רעוואָלוציע פֿון 1905־1907 און אין דער רעוואָלוציע פֿון 1917־1919. ער איז כסדר אַרויסגעטראָטן ווי א לעקטאָר און רעדנער אויף פֿאַרשיידענע פֿאַרזאַמלונגען, ניט נאָר פֿון סטודענטן און אינטעלעקטואַלן, נאָר אויך פֿון פּויערים, אַרבעטער, סאָלדאַטן און מאַטראָסן.

וויקטאָר מיכאַילאָוויטש טשערנאָוו איז געבוירן געוואָרן דעם 7טן נאָוועמבער, 1873, אין טיף רוסלאַנד, אין סאַמאַרער גובערניע. ער איז געווען אַ זון פֿון אַ רעגירונגס־באַאַמטן. ער האָט זיך געלערנט פֿריער אין גימנאַזיע אין סאַראַטאָוו, דערנאָך אין דאָרפּאַט (יוריעוו), דערנאָך האָט ער שטודירט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט. ער האָט פֿון קינדווייז אָן אַ סך געלייענט און זיך זייער פֿרי גייסטיק אַנטוויקלט. ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער גימנאַזיסט, איז ער געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט אונטערן איינפֿלוס פֿון דער הומאַניטאַרער רוסישער ליטעראַטור און פֿון עטלעכע רעוואָלוציאָנערן פֿון עלטערן דור, וואָס זיינען געווען פֿאַרשיקט אין סאַראַ־טאָוו. ווי אַ סטודענט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט האָט ער ניט נאָר פֿליי־סיק שטודירט פֿאַרשידענע וויסנשאַפֿטן, נאָר ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סטודענטן. אין 1894 האָט מען אים אַרעסטירט און איינגעשפּאַרט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג אין פּעטערבורג, וווּ ער איז אָפּגעזעסן אַן ערך אַ דריי פֿערטל יאָר און דערנאָך האָט מען אים אַרויסגעשיקט אונטער פּאָליציי־אויפֿזיכט אין דער פּראָווינץ.

אין זיינע מעמואַרן דערציילט טשערנאָוו מיט וואָס אַ יראת הכבוד ער איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג. „איך בין גלייך אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן", — שרייבט ער — „איך אין פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פֿעסטונג! אין דער זעלביקער פֿעסטונג, ווו עס זיינען פֿאַר מיר געזעסן עטלעכע דורות קעמפֿער, וואָס זייערע נעמען האָבן מיר אַרויס־גערעדט מיט גרוים ערפֿורכט. אַ געפֿיל פֿון שטאָלץ האָט דורכגענומען מיין נשמה. אין דער זעלביקער רגע אָבער האָט אַן אַנדער געפֿיל, אַ געפֿיל פֿון אומרו אַרויסגעשטופּט דאָס פֿריערדיקע געפֿיל. עס איז דאָך מעגלעך, אַז אָט איבער דעם דיל, באַהאַלטנדיק אונטער דעם טורמע־סופֿיט זיינע אומעטיקע געדאַנקען, האָט אַמאָל אַרומגעשפּרייזט ניקאָלאַי טשערנישעווסקי (דער גרויסער רוסישער סאָציאַלער דענקער, פּובליציסט און ליטעראַטור־קרי־טיקער, וואָס איז אין די זעכציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט עטלעכע יאָר אָפּגעזעסן אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פֿעסטונג און דערנאָך האָט מען אים פֿאַרשיקט אויף קאַטאָרגע אין סיביר — ד. ש.). מעגלעך, אַז אָט דורך דעם פֿענצטערל האָט אַרויסגעקוקט מיט זיין מוטיקן און שטאָלצן בליק זשעליאַבאָוו (אַנדרעי זשעליאַבאָוו, דער פֿירער פֿון דער פּאַרטיי „נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ", וואָס איז אין 1881 אויפֿגעהאַנגען געוואָרן — ד. ש.). אָבער וואָס האָב איך געטאָן צו פֿאַרדינען אָט דעם אויסערגעוויינלעכן כבוד צו שטעלן מיינע פֿיס אין זייערע סליאַדן? אין די לאַנגע טורמע־פֿאַרנאַכטן, איידער מע פֿלעגט אַריינטראָגן דעם לאָמפּ אין מיין קאַמער, האָט מיין פֿאַנ־

טאָזיע אומדערמידלעך געאַרבעט. איך פלעג זיך אַזוי לעבעדיק פאָרשטעלן מיינע פאָרגייער, פלעג אַרויסרופן זייערע געשטאַלטן, פונקט ווי זייערע שאָטנס פלעגן קומען צו מיר און אַריינשושקען מיר אין אויער ווי אַ צוואה עפּעס אַזוינע אומקלאָרע באַגייסטערנדיקע רייד".

אָט דער „צוואה" פון די נאָבעלע רוסישע פרייהייטס־קעמפער צווישן די פריערדיקע דורות איז טשערנאָוו געבליבן טריי זיין גאַנצן לעבן.

אין די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט זיינען אין רוסלאַנד נאָך ניט געווען קיין פּאָליטישע פּאַרטייען און אויך ניט קיין באַדייטנדיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אָדער וועלכע־עס־איז פּויערים־פאַראיינען. עס האָבן נאָר אין געוויסע שטעט עקסיסטירט געהיימע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע קרייזלעך פון אַרבעטער און פון דער שטודירנדיקער יוגנט. די רוסישע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ איז דעמאָלט געווען צעטיילט אין צוויי לאַגערן. צו איין לאַגער האָבן געהערט די „נאַראָד־ניקעס" (פאָלקסטימלעכע סאָציאַליסטן), צום צווייטן לאַגער די מאַרקסיסטן. די „נאַראָדניקעס" האָבן געלעבט מיט די אידעאַלן און טראַדיציעס פון דער פּאַרטיי נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ, וואָס האָט אין די יאָרן 1879־1882 מיט איר הערוישן קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט און פאַר אַ פרייער רוסלאַנד אויפגעשטורעמט די גאַנצע וועלט. אין די ניינציקער יאָרן איז די פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" געווען שוין פולשטענדיק פאַרניכטעט. די מערסטע אירע פירער זיינען אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט. די וואָס זיינען געבליבן לעבן זיינען געווען איינגעשפּאַרט אין די קאַטאָרזשנע טורמעס.

די „נאַראָדניקעס" פון די זעכציקער, זיבעציקער און אַכציקער יאָרן זיינען געווען איבערצייגט, אַז רוסלאַנד קען אויסמיידן די קאַפּיטאַליסטישע פאַזע פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָס די מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָבן דורכגעמאַכט און אַז זי קען גלייך אַריבערשפּרינגען פון איר עקאָנאָ־מישער אָפּגעשטאַנענקייט אין סאָציאַליסטישן גן־עדן אַריין. דאָס רוב „נאַראָדניקעס" האָבן געגלייבט, אַז דער רוסישער פּויער האָט אַ געבאָרענע נייגונג צו סאָציאַליזם. זיי האָבן ניט געהאַלטן פון דער אָנגענומענער מיי־נונג פון די מאַרקסיסטן, אַז סאָציאַליזם קען איינגעפירט ווערן נאָר דורך דעם קאַמף פון דעם אַרבעטער קלאַס, דער עיקר פון די פאַבריק־אַרבעטער. זיי האָבן געמיינט, אַז אַזוי ווי דער רוסישער פּויער האָט אַ געבאָרענע נייגונג צו סאָציאַליזם קען דעריבער דער פּויער אין רוסלאַנד שפּילן די ראָלע, וואָס עס שפּילט אין אַנדערע לענדער דער אַרבעטער־קלאַס.

די מאַרקסיסטן, ווידער, האָבן געהאַלטן, אַז דער איינציקער רעוואָלוציאָ־נערער קלאַס אין רוסלאַנד איז דער פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן אָפּגעלייקנט די באַהויפּטונג פון די נאַראָדניקעס, אַז די פּויערים זיינען גענייגט צו

סאָציאַליזם, און אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט ניט קיין צוקונפט אין רוסלאַנד. די מאַרקסיסטן האָבן אַנגעוויזן, אַז רוסלאַנד ווערט שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד און אַז דער קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם אין רוסלאַנד קען נאָר דעמאָלט געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, ווען ער וועט גע־פירט ווערן פון אַן אָרגאַניזירטן און קלאַסנבאַוווסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט. אין די ניינציקער יאָרן האָבן שוין אין אַ סך שטעט פון דער רוסישער אימ־פּעריע עקסיסטירט מאַרקסיסטישע אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזלעך פון אינטעליגענטן און אַרבעטער. צוגלייך מיט די מאַרקסיסטישע קרייזלעך האָבן אין אַ סך שטעט פון רוסלאַנד עקסיסטירט אויך געהיימע קרייזלעך פון אַלע נאַראָדאָוואָלצעס אָדער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, ווי זיי האָבן זיך גערופן. אין 1898 האָבן די מאַרקסיסטן געגרינדעט די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי, אין וועלכער עס איז אויך אַריין דער „בונד", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויף אַ קאָנפערענץ אין ווילנע מיט אַ יאָר פריער.

וויקטאָר טשערנאָוו איז פון אָנהייב אָן געווען געניגט צו די נאַראָדני־קעס. אין יאָר 1899 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרט האָט ער צוזאַמען מיט עטלעכע אַלטע מיטגלידער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" פּראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק, אַז עס איז נייטיק צו שאַפן אין רוסלאַנד אַ נייע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זיין געבויט אויף די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער נאַראָדניטשעסטוואָ, און וואָס זאָל זיך אָריענטירן ניט נאָר אויף די פאַבריק־אַרבעטער, ווי עס האָבן געפּרייזיקט די מאַרקסיסטן, נאָר אויך אויפן פּויערטום און אויף דער אינטעליגענץ. נאָך פאַר זיין אָפּ־פאָרן קיין אויסלאַנד האָט טשערנאָוו פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין דעם לעגאַלן פּעטערבורגער זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ", רעדאַקטירט פון דעם באַרימטן קריטיקער, פּובליציסט און סאָציאָלאָג ניקאָלאַי מיכאַי־לאָווסקי, וואָס איז געווען דער גייסטיקער פירער פון די רעוואָלוציאָנערע נאַראָדניקעס. אין די דאָזיקע אַרטיקלען האָט טשערנאָוו טעאָרעטיש באַגרינ־דעט פון אַן עקאָנאָמישן און סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט די נייע פּראָגראַם. און ווען עס האָט זיך אין 1901 אין רוסלאַנד געגרינדעט די פּאַרטיי סאָציאַ־ליסטן רעוואָלוציאָנערן, האָט גרעגאָרי געראשוני, איינער פון די גרינדער און הויפּטפירער פון דער נייער פּאַרטיי, באַשטימט וויקטאָר טשערנאָוון און מיכאַאיל גאָצן צו רעדאַקטירן איר אָרגאַן, די „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראַסיאַ", וואָס האָט זיך געדרוקט פריער אין רוסלאַנד און איז דערנאָך אַריבערגע־פירט געוואָרן קיין אויסלאַנד.

2

די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט זיך באַטראַכט פֿאַר דער יורשטע פֿון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". איר סאָציאַליזם איז געווען געבויט אויף די לערעס פֿון די רוסישע סאָציאַליסטישע דענקער אַלעקסאַנדער הערצען, ניקאָלאַי טשערנישעווסקי, פּיאָטר לאַווראָוו און ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי, דער עיקר פֿון די לעצטע צוויי. זיי האָבן געפּריידיקט, אַז עס איז די פֿליכט פֿון יעדן אָנשטענדיקן, געוויסנהאַפֿטן מענטשן צו דינען דעם פֿאָלק און אַרבעטן פֿאַר זיין וווילזיין. „יעדער מענטש, וואָס לעבט אויף דער וועלט — האָט לאַווראָוו געשריבן — איז פֿאַרפֿליכטעט צו באַצאָלן דעם חוב, וואָס ער קומט די פֿריערדיקע דורות פֿאַר זייערע אומגעהערטע ליידן און מאַטערנישן, וואָס האָבן געגעבן די מעגלעכקייט דעם איצטיקן דור צו באַנוצן זיך מיט געוויסע באַקוועמלעכקייטן און לעבן מער אָדער ווייניקער אין קאָמפֿאָרט".

סאָציאַליזם, די באַפֿרייאונג פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן פֿון עקאָנאָמישער שקלאַפֿעריי איז פֿאַר די פֿאָטערס פֿון דער רעוואָלוציאָנערער נאַראָדניטשעסטוואָ געווען ניט קיין ציל פֿאַר זיך אַליין, נאָר אַ מיטל צו דערהייבן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט און מאַכן מעגלעך דעם גייסטיקן און מאָראַלישן פּראָגרעס פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

„יעדע ענדערונג אין דער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג", האָט געשריבן מיכאַילאָווסקי, „קען קוואַליפֿיצירט ווערן ווי אַ פּראָגרעסיווע נאָר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל זי דערנענטערט אונדז צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די פֿאָרמען פֿון צוזאַמענלעבן, וועלכע אַנטשפּרעכן אַממערסטן דער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, דער באַפֿרידיקונג פֿון אירע באַדערפֿענישן, דער דערגרייכונג פֿון אַ גרעסערער סומע פֿון גליק פֿאַר אַ גרעסערע צאָל פֿון אינדיווידיאומס".

אין אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז רוסלאַנד שוין ניט געווען קיין אויסשליסלעך פּויערן־לאַנד, ווי זי איז געווען אין הערצענס און טשערנישעווסקיס צייטן. און טשערנאָוו איז געווען דער יענער וואָס האָט מאָדערניזירט אָדער אייראָפּעאיזירט די נאַראָדניטשעסטוואָ. „פֿאַר מיר, האָט ער נאָך אין אָנהייב פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט דערקלערט, — זיינען מיכאַילאָווסקי און לאַווראָוו פֿון איין זייט, און מאַרקס פֿון דער צווייטער אין אַ גלייכער מאָס די גרויסע לערער פֿון סאָציאַליסטישן געדאַנק". טשערנאָוו איז דעמאָלט געווען אַ רעוויזיאָניסטישער מאַרקסיסט אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אַן אַנטי־מאַרקסיסט אין פֿילאָסאָפֿיע און סאָציאָלאָגיע. ער האָט געהאַלטן, אַז דער שוואַכסטער פּונקט אין מאַרקסיזם איז די לערע וועגן קלאַסנ־

קאַמף. ער האָט געלייקנט, אַז די געשיכטע פֿון דער מענטשהייט איז אַ געשיכטע פֿון קלאַסנקאַמף, ווי קאַרל מאַרקס האָט באַהויפּטעט, אָדער אַז מען קען אַלץ דערקלערן מיטן קלאַסנקאַמף און אַז קלאַסן „זיינען אַ פֿאַרענדיקטע אומטיילבאַרע און אַבסאָלוטע קאַטעגאָריע".

אין דריי וויכטיקע פּונקטן זיינען טשערנאָוו און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין קעגנזאַץ צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס האָבן געפּרידיקט די טעאָריע פֿון עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם און וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דער איינצלנער מענטש, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, שפּילט פּאַקטיש ניט קיין ראָלע אין דער געשיכטע, האָבן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אָנערקענענדיק די וויכטיקע ראָלע פֿון עקאָנאָמישע פֿאַקטאָרן אין דער געשיכטע, זיך דאָך אָפּגעזאָגט צו זען אין די עקאָנאָמישע פֿאַקטאָרן די איינציקע סיבה פֿון אַלע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפֿט. די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן, ווי זייערע לערער לאַווראָוו און מיכאַילאָווסקי, באַהויפּטעט, אַז די „קריטיש־דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן" שפּילן אַ זייער וויכטיקע ראָלע אין דעם היסטאָרישן פּראָגרעס.

פּונקט ווי די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט אויך די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן געגלייבט אין טעראָר ווי אַ מיטל צו באַשטראָפֿן יענע הויכע באַאַמטע, וואָס זיינען געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די גרויזאַמע רעפּרעסיעס פֿון דער צאַרישער רעגירונג, ווי אויך ווי אַ מיטל צו צעטרייסלען די צאַרישע זעלבסט־הערשאַפֿט און צו צווינגען דעם צאַר איינצופֿירן אַ פֿרייע קאָנסטיטוציאָנעלע אָרדענונג אין לאַנד. דער טעראָר פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט ניט געהאַט קיין שום געמיינשאַפֿטלעכס מיטן „רויטן טעראָר", וואָס עס פּראַקטיצירן באָלשעוויקעס. די עס־ערן האָבן געהאַלטן פֿאַר מעגלעך צו דערהרגענען אַזעלכע פֿיינד פֿון פֿאָלק ווי אַ פֿאָן־פּלעווע, אָדער ווי דער גרויספֿירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש, דערפֿאַר וואָס זיי זיינען געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער אונטערדריקונג פֿון דער פֿרייהייט אין לאַנד און די סאַמע עלעמענטאַרסטע בירגערלעכע רעכט, פֿאַר דעם הונגער און אָרעמקייט פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן, פֿאַר די פּאָגראָמען אויף יידן, פֿאַר דערשיסן אַרבעטער און פּויערים און פֿאַר דער גרויזאַמער באַהאַנדלונג פֿון די אַלע, וואָס האָבן געמאַכט אַפֿילו נאָר דעם מינדסטן פֿאַרזוך צו באַפֿרייען זיך פֿון דעם יאָך אָדער אַפֿילו נאָר צו העלפֿן דעם פֿאָלק צו באַגרייפֿן זיין לאַגע. פּונקט ווי די „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט אויך די עס־ערישע פּאַרטיי אַנטשיידן פֿאַרדאַמט די טאַקטיק פֿון פּאָליטישע מאָרדן אין דעמאָקראַטישע לענדער, וווּ עס עקסיסטירט פֿרייהייט פֿון וואָרט און פֿון פּרעסע און וווּ די רעגירונג איז פֿאַראַנטוואָרטלעך צום פֿאָלק. די עס־עריש

פּאַרטיי האָט כסדר דערקלערט, אַז זי וועט תיכּף אָפּשטעלן דעם טעראָריס־טישן קאַמף, ווי נאָר עס וועלן אין רוסלאַנד איינגעפירט ווערן די עלעמענ־טאַרע פּאָליטישע גאַראַנטיעס, וואָס עקסיסטירן אין אַלע ציוויליזירטע לענ־דער. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 איז די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלו־ציאָנערן אַנטשיידן אַרויסגעטראָטן קעגן טויטשטראָף און קעגן מאָרדן די באַזיגטע פאָרשטייער פון דעם אַלטן רעזשים.

אין קעגנזאַץ צו די מאַרקסיסטן, וואָס האָבן באַהויפּטעט, אַז די „עקאָנאָ־מיש־פאָרגעשריטענע לענדער, ווי ענגלאַנד, דייטשלאַנד און אַנדערע ווייזן די אָפּגעשטאַנענע לענדער דאָס בילד פון זייער אייגענער צוקונפט", דאָס הייסט, אַז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון אַלע לענדער גייט אויף דעם זעלבן וועג, האָבן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן געטענהט, אַז, הגם די האָפענונג פון די אַלטע נאַראָדניקעס, אַז רוסלאַנד וועט קענען אויסמיידן די תקופה פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, זיינען ניט מקוים געוואָרן, האַלטן זיי אָבער דאָך, אַז וואָס שפּעטער אַ וועלכע־עס־איז לאַנד טרעט אַרויף אויפן וועג פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, אַלץ ווייניקער שאַנסן האָט זי צו אַנטוויקלען די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע אין אַזאַ מאָס, ווי דאָס איז מעגלעך געווען אין די פאָרגעשריטענע לענדער, און די פּאַראַזיטישע פאָרמען פון קאַפּיטאַליס־טישער עקספּלואַטאַציע רואינירן דאָס לאַנד און גרייטן דאָרט ניט צו יענע פאַרבאַדינגונגען, וואָס דער קאַפּיטאַליזם דאַרף לויט דער מאַרקסיסטישער לערע צוגרייטן.

און ענדלעך האָבן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, להיפּוך צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, געהאַלטן, אַז אין די עקאָנאָמיש צוריקגעשטאַנענע לענדער איז דער איבערגאַנג צו סאָציאַליזם מעגלעך, אַפילו ווען זיי זאָלן פריער ניט דורכגיין אַלע שטופן פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, און אַז דער טרעגער פון סאָציאַליזם דאַרף זיין ניט בלויז דער אינדוסטריעלער אַרבעטער־קלאַס, נאָר דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק, וואָס נעמט אין זיך אַריין אי דעם פּראָלעטאַריאַט, אי דאָס אַרבעטנדיקע פּויערטום און די אַרבעטנדיקע אינטעליגענציע, בעת די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געוואָלט זיך שטיצן בלויז אויפן אַרבעטער־קלאַס און די פּויערים האָבן זיי צוגערעכנט צום בורזשואַזן קלאַס.

ווען עס האָט אין הערבסט 1905 אויסגעבראָכן די ערשטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, האָט טשערנאָוו זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און ער איז גלייך געוואָרן דער הויפּטפירער פון דער פּאַרטיי, כאָטש דעמאָלט האָט זיך שוין געהאַט אַרויסגערוקט אין דער עס־ערישער פּאַרטיי אַ גאַנצע ריי יונגע טאַלאַנטפולע רעדנער און שרייבער. נאָך פריער זיינען צו דער דאָזיקער פּאַרטיי צוגעשטאַנען די מערסטע פון די אַמאָליקע טוער פון דער „נאַראָדנאַיאַ

וואָליא", וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון קאַטאָרגע און סיביר. טשערנאָוו האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פֿון די יאָרן 1905־1907. די עס־עריש פּאַרטיי איז געווען די „רוסישסטע" פֿון אַלע רוסישע פּאַרטייען. זי האָט געהאַט מיליאָנען אָנהענגער צווישן די פּויערים, אַרבעטער און דער אינטעליגענץ. נאָך אין דער ערשטער דומע, אין יאָר 1906, האָבן די פּויערים־דעפּוטאַטן אָנגענומען די אַגראַר־פּראָגראַם פֿון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן פֿון טשערנאָוון. און די פּויערים־פֿראַקציע אין דומע („טרודאָוויקעס") האָט אויך אין אַלע פּאָליטישע פֿראַגן קאָאָרדינירט אירע טעטיקייטן מיט דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. די וואַלן צו דער ערשטער דומע האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען באָיקאָטירט, אָבער אין די וואַלן צו דער צווייטער דומע האָט די עס־עריש פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט אירע קאַנדידאַטן אין אַ סך געגנטן און עטלעכע צענדליק פֿון זיי זיינען דערווײלט געוואָרן. אונטער דעם אַגראַר געזעץ־פּראָיעקט פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך אונטערגעשריבן 106 דעפּוטאַטן.

טשערנאָוו האָט די גאַנצע צייט געלעבט אומלעגאַל אין רוסלאַנד. איין מאָל איז די פּאָליציי געקומען אין מיטן טאָג מאַכן אַ רעוויזיע אין דער רעדאַקציע פֿון דער לעגאַלער עס־ערישער צייטונג, וואָס איז דעמאָלט אַרויס־געגאַנגען אין פּעטערבורג. טשערנאָוו איז געווען איר הויפּט־רעדאַקטאָר און אים איז געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון דער פּאָליציייִשער פּאַסטקע דורך אַרויסשפּרינגען דורכן פֿענצטער פֿונעם צווייטן שטאָק.

3

די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן אָנגעפֿירט אַ ריזיקע טעטיקייט צווישן די אַרבעטער, פּויערים, סאָלדאַטן, אָפֿיצערן און דער אינטעליגענץ פֿון גאַנצן לאַנד. די רעוואָלוציע פֿון 1905־1907 איז אונטערדריקט געוואָרן, אָבער די לאָזונג „ערד און פֿרייהייט", וואָס די פּאַרטיי עס־ער האָט אָנגע־שריבן אויף איר פֿאָן, איז אויף שטענדיק איינגעבאַקן געוואָרן אין די הער־צער פֿון מיליאָנען פּויערים אין גאַנץ רוסלאַנד. אין יאָר 1908 האָט טשער־נאָוו פֿאַרלאָזן רוסלאַנד, כדי צו באַטייליקן זיך אין דער קאָנפֿערענץ פֿון דער פּאַרטיי עס־ער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן. ער האָט בדעה געהאַט גלייך נאָך דער קאָנפֿערענץ צוריקקערן זיך קיין רוסלאַנד. אָבער ער איז פֿאַרבליבן אין אויסלאַנד ביז 1917. אין די יאָרן פֿון דער רעאַקציע, ווען עס איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דער פֿירער פֿון דער טעראָריסטישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין דער פּאַרטיי עס־ער אַ מיטגליד פֿון צענטראַל־

קאָמיטעט יעוועגני (יונה) אַזעף איז די גאַנצע צייט געווען אַן אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר, איז אין די רייען פֿון דער פּאַרטיי אַריינגעטראָטן אַ שרעקלעכע דעמאָראַליזאַציע. אַ סך האָבן פֿאַרויסגעזאָגט אַז די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן וועט שוין קיין מאָל נישט קומען צו זיך פֿון דעם דאָזיקן שרעקלעכן מאָראַלישן קלאַפּ. אָבער אַזוי שנעל ווי עס האָט אין אַ פּאָר יאָר אַרום אין רוסלאַנד ווידער אַ בלאָז געטאָן אַ פֿריי ווינטל, האָבן די עס־ערישע אָרגאַניזאַציעס דאָרט צוריק אויפֿגעלעבט.

אין יאָר 1912 האָבן די עס־ערן ווידער גענומען אַרויסגעבן טעגלעכע לעגאַלע צייטונגען אין רוסלאַנד. זיי האָבן אויך אַרויסגעגעבן אין פּעטערבורג אַ דיקן מאָנאַטלעכן זשורנאַל „זאַוויעטי", וואָס איז געווען איינער פֿון די בעסטע ראַדיקאַלע זשורנאַלן, וואָס איז ווען אַרויס אין רוסלאַנד. טשערנאָוו איז געווען איינער פֿון די רעדאַקטאָרן און הויפּט־מיטאַרבעטער פֿון דעם זשורנאַל. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך רעדאַקטירט דעם דריי־מאָנאַטלעכן טעאָרעטישן זשורנאַל פֿון דער פּאַרטיי, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין פּאַריז. טשערנאָוו האָט זייער אַ סך געשריבן. זיינע פּאָפּולערע בראָשורן זיינען זיך צעגאַנגען אין אַ סך הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. און זיינע טעאָרעטישע אַרטיקלען אין די לעגאַלע זשורנאַלן זיינען געלייענט געוואָרן פֿון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער רוסישער אינטעליגענץ. טשערנאָוו האָט אויסגעאיבט אַ באַזונדערס גרויסן איינפֿלוס אויף דער פּויערישער אינטעליגענץ און אויף די אינטעליגענטן, וואָס זיינען געווען פֿאַרבונדן מיטן דאָרף, ווי די פֿאָלקס־לערער, אַגראָנאָמען, אָנגעשטעלטע פֿון די זעמסטוואָס אאַז"וו.

ווען דער צאַריזם איז אין מאַרץ 1917 געפֿאַלן, האָט טשערנאָוו צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע רעוואָלוציאָנערן־עמיגראַנטן, זיך צוריקגעקערט קיין פּעטראָגראַד, ווו ער האָט גלייך פֿאַרנומען אַ זייער אָנגעזעענעם פּלאַץ. מע האָט אים דערווײלט פֿאַרן וויצע־פֿאָרזיצער פֿריער פֿון דעם פּעטראָגראַדער און דערנאָך פֿון אַלרוסישן סאָוועט פֿון אַרבעטער און סאָלדאַטן דעפּוטאַטן און אויך פֿאַרן ערן־פֿאָרזיצער פֿון דעם אַלרוסישן פּויערים־צוזאַמענפֿאָר. אין דער זעלבער צייט איז ער אויך געווען איינער פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון דער פּעטערבורגער טעגלעכער עס־ערישער פּאַרטיי־צייטונג. שפּעטער, ווען די רעגירונג איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן אויף קאָאַליציע־יסודות, איז טשערנאָוו אַריין אין נייעם מיניסטאָרן־קאַבינעט ווי אַ מיניסטער פֿון לאַנדווירטשאַפֿט. די פּאַרטיי עס־ער איז דעמאָלט געווען די גרעסטע און איינפֿלוסרייכסטע פּאַרטיי אין רוסלאַנד. אין די סאָוועטן און אין די פֿאַרשיידענע אַנדערע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן, ווי אויך אין אַ סך פֿון די דעמאָקראַטיש־דערווײלטע שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען האָבן די עס־ערן געהאַט אַ מערהייט. פֿאַר די שטאָט־מעיאָרס

פֿון די ביידע הויפּטשטעט, פֿון פּעטראָגראַד און מאָסקווע, זיינען דורך אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע וואַלן דערוויילט געוואָרן סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. די פּאַרטיי איז געוואַקסן ווי אויף הייוון; אָבער אינערלעך איז זי פֿון סאַמע אָנהייב אָן פֿון דער רעוואָלוציע און נאָך פֿון פֿאַר דער רעוואָלוציע, זינט דעם אָנהייב פֿון דער מלחמה 1914, געווען געשפּאָלטן אין פֿאַרשיידענע פֿראַקציעס, וואָס האָבן איינע די אַנדערע שטאַרק באַקעמפֿט. די שפּאַלטונג, וואָס האָט אין יאָר 1917 געהערשט אין די רייען פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, ווי אויך אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רייען, האָט זייער אַ סך ביי־געטראָגן צום זיג פֿון די באָלשעוויקעס אין 1917 און 1918.

אין יאַנואַר 1918, ביי דער עפֿענונג פֿון דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, דעם ערשטן דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט אין רוסלאַנד, וואָס איז דערוויילט געוואָרן פֿון גאַנצן רוסישן פֿאָלק דורך אַלגעמיינע, גלייכע, דירעקטע און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, שוין נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט פֿאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן געהאַט אַ ריזיקע מערהייט, און מע האָט דערוויילט טשערנאָוון פֿאַרן פֿאָרזיצער. פֿאַר אים האָבן געשטימט אַלע קעגנער פֿון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור. די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג איז גלייך ביי איר ערשטער זיצונג, אויף לענינס באַפֿעל, צעטריבן געוואָרן פֿון באַוואָפֿנטע באָלשעוויסטישע מאַטראָסן און לעטישע סאָלדאַטן. טשערנאָוון אַליין האָבן די מאַטראָסן געסטראַשעט צו דערשיסן. אין יענער נאַכט האָט טשערנאָוו, לויט אַלע די וואָס האָבן ביי־געוווינט די זיצונג פֿון דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, אַרויסגעוויזן אַ זעלטענעם מוט און קוראַזש.

נאָך דער צעטרייבונג פֿון דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג האָט טשערנאָוו נאָך געלעבט עטלעכע יאָר אומלעגאַל אין רוסלאַנד, אויסבאַהאַלטנדיק זיך די גאַנצע צייט פֿון דער טשעקאַ, דעמאָלט איז עס נאָך ניט געווען אַזוי שווער. דאָס לעצטע מאָל האָט טשערנאָוו געלאָזט פֿון זיך הערן אין רוסלאַנד אין 1920. דאָס איז געווען, ווען די ערשטע ענגלישע אַרבעטער־דעלעגאַציע האָט באַזוכט רוסלאַנד. דער מאָסקווער דרוקער־פֿאַראיין, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן נאָך דעמאָלט ניט באַוויזן צו „קאָמוניזירן", האָט לכבוד דער ענגלישער דעלעגאַציע אָרגאַניזירט אַן אָפֿענעם מיטינג אין איינעם פֿון די גרעסטע מאָסקווער זאַלן. נאָך דעם ווי די אָפֿיציעלע רעדנער האָבן אָפּגערעדט, האָט זיך פֿון פּובליקום אויפֿגעהויבן אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד און האָט פֿאַרלאַנגט פֿון פֿאָרזיצער, ער זאָל אים דערלויבן צו באַגריסן די געסט. דער פֿאָרזיצער, מ. קאַמערמאַכער, האָט אים געגעבן דאָס וואָרט. דער „אַלטער" איז אַרויף אויף דער טריבונע און האָט אין אַ גלענצנדיקער רעדע אויפֿגעמאָלן אַ בילד פֿון דער אמתער לאַגע אין רוסלאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ שרעקלעכע. די רעדע האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק.

די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען געווען אין זאַל האָבן אָנגעהויבן שרייען צום רעדנער: — „ווער זייט איר? וואָס איז אייער נאָמען". דער „אַלטער" האָט רואיק געענטפערט: וויקטאָר טשערנאָוו! און אונטער די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן פון די פאַרזאַמלטע איז ער אַרונטער פון דער פּלאַטפאָרמע, און איז תיכף פאַרשוווּנדן. אַלע אַנדערע פירער פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיינען שוין דעמאָלט געווען אַרעסטירט. נאָר איין טשערנאָוו האָט די טשעקאַ נאָך ניט געקענט כאַפּן. ענדלעך אָבער איז טשערנאָוו געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. ער האָט אַ לענגערע צייט געלעבט אין פּראַג, דערנאָך אין פּאַריז און אין 1941 איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

4

טשערנאָוו איז געווען אַ מענטש פון אַלזייטיקן וויסן, ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין סאָציאָלאָגיע, פילאָסאָפיע, אין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן. ער איז אויך געווען אַ גרויסער קענער פון דער רוסישער און אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט פּאָעזיע. ער האָט איבערזעצט אויף רוסיש לידער פון דעם באַרימטן בעלגישן פּאָעט עמיל ווערהאַרן און ער האָט אַפילו אַליין אויך געשריבן לידער, מערסטנס פּאָליטיש־סאַטירישע. ווען מען זאָל צונויפנעמען אַלץ וואָס טשערנאָוו האָט אָנגעשריבן אין די פופציק יאָר פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, וואָלט מען געקענט צוזאַמענשטעלן אַ 30־40 דיקע בענדער.

טשערנאָוו איז געווען אַ טיפּישער וועליקאָרוס (גרויס־רוס). ער האָט שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף דער וואָלגע און וואָס זיין טאַטע האָט אין דער יוגנט אַליין געאַקערט די ערד. טשערנאָוו איז געווען אַ גרויס־רוס ניט נאָר לויט זיין אָפּשטאַם, נאָר אויך לויט זיין כאַראַקטער און גאַנצן מהות. זיין „רוסישקייט" האָט אים אָבער ניט געשטערט צו זיין אַן עכטער אינטערנאַציאָנאַליסט. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געקעמפט נישט נאָר פאַר גלייכבארעכטיקונג פון אַלע פעלקער, דאָס האָבן געטאָן אויך אַנדערע סאָציאַליסטן. טשערנאָוו האָט געקעמפט אויך פאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פון אַלע פעלקער פון רוסלאַנד. ער איז געווען פאַר אַן אומאָפּהענגיקער פוילן נאָך דעמאָלט, ווען דאָס איז פון די מערסטע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ „רעאַקציאָנערע אוטאָפּיע". ער האָט זיך שטענדיק אינטערעסירט מיט דעם לעבן, מיט דער קולטור און מיט די פּראָבלעמען פון די אַנדערע פעלקער. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געפּריידיקט, אַז רוסלאַנד זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פרייער פעדעראַטיווער רעפּובליק, וווּ אַלע פעלקער זאָלן האָבן די זעלביקע רעכט וואָס די גרויס־רוסן.

מער ווי וועלכער־עס־איז אַנדערער רוסישער סאָציאַליסט אָדער ליבעראַל, האָט טשערנאָוו זיך שטענדיק אינטערעסירט אויך מיטן לעבן פֿון די ייִדן, ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אין דער גאַנצער וועלט. אויך אין זיין פּראָגראַם־רעדע אויף דער ערשטער און לעצטער זיצונג פֿון דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, האָט טשערנאָוו ניט פֿאַרגעסן דאָס ייִדישע פֿאָלק. נאָך דעם ווי ער האָט פֿאַרזיכערט די אוקראַאינער, די קאָזאַקן און די מוסולמאַנישע פֿעלקער פֿון רוסלאַנד, אַז די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג וועט אָנערקענען זייערע סואווע־רענע רעכט, האָט ער געזאָגט: „און ענדלעך דערלויבט מיר צו זאָגן דאָס זעלביקע וועגן דעם שטיף־קינד פֿאָלק, דעם צום מערסטן גערודפֿטן פֿאָלק, דעם פֿאָלק, וואָס האָט ביז איצט געדינט ווי אַ שעיר לעזאזל פֿאַר די עקספּלואַ־טאַטאָרס פֿון דער גאַנצער וועלט. אויף אים, ווי אויף אַ פֿאָלק, האָבן זיי געפּרובירט אָפּווענדן די גאַנצע אומצופֿרידנקייט און דעם גאַנצן צאָרן פֿון די האָרעפּאַשנע מאַסן, וואָס קען ניט אויף אַ גזעצלעכן וועג געריכטעט ווערן אויף קיין אַנדערן פֿאָלק ווי אַזעלכעס, ווייל ביי אָט די פֿעלקער, אָן אויסנאַם, שטעלן די האָרעפּאַשנע מאַסן מיט זיך פֿאָר די ריזיקע מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג. אויך דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס פֿאַרמאָגט ניט קיין אייגענע טעריטאָריע, וועט אין די גרענעצן פֿון דער רוסלענדישער רעפּובליק האָבן די גלייכע רעכט מיט די אַנדערע פֿעלקער צו שאַפֿן זיינע אָרגאַנען פֿון זעלבסטפֿאַרוואַלטונג און אַרויסזאָגן אין זיי זיין ווילן".

דער שריפֿטשטעלער ש. אַנ־סקי. וואָס איז געווען אַן עס־ער פֿון ערשטן טאָג אָן זינט עס איז אויפֿגעקומען די פּאַרטיי און וועמען מע האָט דערוויילט ווי אַ דעפּוטאַט אין דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג אויף דעם עס־ערישער צעטל, האָט בדעה געהאַט, צוזאַמען מיט די איבעריקע נאַציאָנאַל־געשטימטע ייִדישע דעפּוטאַטן, פֿאָרצולייענען אַ דעקלאַראַציע אין נאָמען פֿון ייִדישן פֿאָלק. אָבער נאָך טשערנאָווס רעדע, איז אַנ־סקי צוגעגאַנגען צו טשערנאָוון און האָט אים געזאָגט: „ניין, עס איז איצט מער ניט נייטיק אָפּצוגעבן אַ באַזונדערע ריין־פּרינציפּיעלע דערקלערונג אין נאָמען פֿון ייִדנטום ווי אַזעלכן. אַלץ וואָס מיר דאַרפֿן, אַלץ אויף וואָס מיר האָבן רעכט איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ אָפֿנהאַרציקייט און קאַטעגאָרישקייט, וואָס מען דאַרף גאָר בעסער ניט. מיין פּראָיעקט פֿון דער דעקלאַראַציע לייג איך אַוועק אין מיין אַרכיוו".

טשערנאָוו איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פֿון אַ ייִדישן שטאַט, נאָך מיט אַ צייט פֿאַר דעם, איידער עס איז געגרינדעט געוואָרן די ייִדישע מלוכה. ער איז אין די דרייסיקער יאָרן געפֿאָרן קיין ארץ ישראל צו באַקענען זיך דאָרט אויפֿן אָרט מיטן ייִדישן ישוב און באַזונדערס מיט די אויפֿטוונגען און דערגרייכונגען פֿון דער הסתדרות, וואָס איז אים געווען זייער נאָענט

צום הארץ. ער האָט אין די קיבוצים געזען די פאַרווירקלעכונג פון זיינע אַלטע אידייען וועגן פרייע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן און קאָאָפּעראַטיוון און ער האָט דערנאָך אָנגעשריבן אַ ריי באַגייסטערטע אַרטיקלען וועגן דעם יידישן ישוב. טשערנאָוו האָט בעסער ווי וועלכער־עס־איז אַנדער ניט־ייד פאַרשטאַנען די יידן־פראַגע. ווען ער האָט גערעדט אָדער געשריבן וועגן אַ יידישער פּראָבלעם, האָט מען געקענט מיינען, אַז דאָס רעדט אָדער שרייבט אַ נאַציאָנאַל־געשטימטער אייראָפּעאיש־געבילדעטער ייד.

די זעלביקע פריינדשאַפט און דעם זעלבן טיפן אינטערעס האָט טשערנאָוו אַרויסגעוויזן אויך צו די אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער. סאָציאַליזם האָט פאַר אים געמיינט ניט נאָר די נאַציאָנאַליזירונג פון די מיטלען פון פּראָדוקציע, נאָר פריער ווי אַלץ אמתע פאָלקס־הערשאַפט און פולשטענדיקע דעמאָקראַטיע. נאָך אין אָנהייב פון 20סטן יאָרהונדערט איז ער אַרויסגעטראָטן פאַר אַ רעפערענדום און פאָלקס־איניציאַטיוו, פאַר פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט און בריטער לאָקאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. טשערנאָוו איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון קאָאָפּעראַטיוון, שטאָטישע און דאָרפישע. טשערנאָוו איז געווען איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטן אין אייראָפּע, וואָס האָט נאָך אין אָנהייב פון 20סטער יאָרהונדערט גערופן די אַרבעטער צו קעמפן פאַר איינפירן אַ מינימאַלן לוין און האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט פון דער מלוכה אויסצוהאַלטן די אַרבעטסלאָזע אויף דעם חשבון פון דער רעגירונג און פון די באַלעבאַטים. נאָך דעמאָלט האָט ער געוואָרנט קעגן דער געפאַר פון דעם אַזוי־גערופענעם „מלוכה־סאָציאַליזם". אין דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין 1905 און וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, אין 1906, ווערט געזאָגט, אַז די פּאַרטיי וועט זיך באַציען „פּאָזיטיוו צו דער נאַציאָנאַליזאַציע אָדער דער פאַרגעזעלשאַפטלעכונג פון געוויסע צווייגן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל די דעמאָקראַטיזאַציע פון דער פּאָליטישער אָרדענונג און די פאַרהעלטעניש פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, ווי אויך דער כאַראַקטער גופא פון די מאַססמיטלען וועלן געבן גענוגנדיקע גאַראַנטיעס פאַר דעם, אַז די אָפּהענגיקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס מצד דער הערשנדיקער ביוראָקראַטיע זאָל דורך דעם ניט פאַרגרעסערט ווערן. „דערמיט אַליין, וואָרנט די פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן דעם אַרבעטער־קלאַס, קעגן יענעם „מלוכה סאָציאַליזם" וואָס איז אַ סיסטעם פון האַלבע מיטלען איינצושלעפערן דעם אַרבעטער־קלאַס און טיילווייז אַ מלוכה־קאַפּיטאַליזם, ווו די פאַרשיידענע צווייגן פון פּראָדוקציע און האַנדל זיינען קאָנצענטרירט אין די

הענט פֿון דער הערשנדיקער ביוראָקראַטיע צוליב אירע פּיסקאַלע און פּאָלי־טישע צילן".

דאָס איז געשריבן געוואָרן מיט צוועלף יאָר פֿאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. טשערנאָוו האָט ניט געקענט אָננעמען דעם באָלשעוויזם. און ער איז טאַקע געווען איינער פֿון די ערשטע רוסישע סאָציאַליסטן, וואָס האָט באַצייכנט די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש ווי אַ קאָנטער־רעוואָלוציע. ער האָט אויך איין מינוט ניט אויפֿגעגעבן דעם קאַמף קעגן דער באָלשעוויס־טישער טיראַניע.

אַ סך פֿון טשערנאָווס אידייען זיינען איצט אָנגענומען געוואָרן פֿון די מערסטע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט. די פּרינציפּן־דעקלאַ־ראַציע פֿון דעם נייעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט געקענט גע־שריבן ווערן פֿון וויקטאָר טשערנאָוון.

טשערנאָוו איז געווען זייער אַן אײדעלער, ליבלעכער און טאַלאַנטירטער מענטש. אַן אידעאַליסט פֿון דעם ריינסטן סאָרט, און אַ לעבנסלוסטיקער אָפּטימיסט. ער האָט ביזן טויט ניט פֿאַרלאָרן דעם גלויבן אין דעם ענדגילטיקן טריאומף פֿון די אידעאַלן פֿון פֿרייהייט, גלייכקייט, ברידערלעכקייט און מענטשלעכקייט, פֿאַר וועלכע ער האָט זיין גאַנץ באַוווּסטזיניק לעבן אומדער־מידלעך געקעמפֿט. אים איז ניט באַשערט געווען צו זען זיין היים־געליבטע פֿאָטערלאַנד, אַזאַ ווי ער האָט זי געוואָלט זען — אַ פֿרייע דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק — און שטאַרבן אין דער היים. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1952 אין גלות, אין ניו־יאָרק, ווי אַ היימלאָזער וואַנדערער, אָבער ער האָט זיין נאָמען אויף אייביק איינגעקריצט אין דער געשיכטע פֿון רוס־לאַנד און זיינע אידייען וועלן פֿריער אָדער שפּעטער טריאומפֿירן אין רוסלאַנד.

ראָבערט אָוען

OWEN ROBERT. Enssays on the formation of the human character. Manchester, 1837.
OWEN ROBERT. The Life of Owen written by himself with selections from his writings and correspondence. Introduction by Max Beer. A. Knopf. New York, 1920.
OWEN ROBERT. A New View of Society and other writings. London, 1927.
JONES LLOYD. The Life, Times and Labors of Robert Owen. London, 1919.
GERTSEN A. Byloe i Dumy. (Russian.) Berlin, 1920.

שאַרל פוריע

SELECTIONS OF THE WORKS OF FOURIER, translated by Julia Franklin with introduction of Charles Gide. London, 1901.
FOURIER CHARLES. The Passions of the Human Soul, with an essay on him by Hugh Doherty. London, 1851.
BRICLANE ALBERT. The Social Destiny of Man. 1840.
PAZNITNOV K. Furie i russkie furieristy. (Russian), Moscow, 1918.

זשאָזעף פרודאָן

PROUDHON PIERRE JOSEPH. General Idea of the Revolution in the 19th Century. London, 1923.
WOODCOCK GEORGE. Pierre Joseph Proudhon — A Biography. London, 1956.

ווילהעלם ווייטלינג

WEITLING WILHELM. Garantien der Harmonie und Freiheit. Mit einer biographischen Einleitung & Anmerkungen von Fr. Mehring. (German) Berlin, 1908.

WITTKE CARL. The Utopian Communist. A Biography of Wilhelm Weitling, Louisiana State University Press, 1950.

מאָזעס העס

HESS MOSES. Ausgewaehlte Schriften. Ausgewaehlt und eingeleitet von Horst Lademacher Koeln, 1962. (German.)

BERLIN ISAIAH. The Life and opinions of Moses Hess. Cambridge, England, 1959.

משה העס — רוים און ירושלים. איבערזעצט און אָפּהאַנדלונג וועגן זיין לעבן, זיין ווירקונג און זיין פילאָזאָפיע, פון דר. נחמן סירקין.

קאַרל מאַרקס

MEHRING F. Karl Marx — A Biography. (Russian, translated from German.) Moscow, 1920.

RUEHLE OTTO. Karl Marx, His Life and Work. New Home Library. New York, 1943.

NICOLAEVSKY AND MAENCHEN-HELFEN. Karl Marx, Man and Fighter. Lippincott Co. London, 1936.

KARL MARX. Auswahl und Eileitungen von Franz Borkenau. Fischer Buecherei. Frankfurt-Hamburg, 1936. (German.)

SEREBRYAKOVA GALINA. Karl Marx — A Biography. Moscow, 1962. (Russian.)

VOSPOMINANIYA O MARKSE I ENGELSE. A collection of articles. Moscow, 1937. (Russian.)

פרידריך ענגעלס

ENGELS FRIEDRICH. The Development of Socialism from Utopia to Science. Translated from German by Daniel De Leon, New York, 1901.

KAUTSKY KARL. Aus der Fruehzeit des Marxismus. Prague, 1935. (German.)

ENGELS & MARX. Ausgewaehlte Briefe von Karl Marx un Friedrich Engels. Berlin, 1953.

MAYER GUSTAV. Friedrich Engels — A Biography. London, 1936, Chapman & Hall.

פערדינאַנד לאַסאַל

BERNSTEIN EDUARD. Ferdinand Lassalle. Eine Wuerdigung des Lehrers und Kaempfers. Berlin, 1919.

BRANDES GEORG. Ferdinand Lassalle. New York, 1911, MacMillan Co.

FOOTMAN DAVID. The Primrose Path. A Life of Ferdinand Lassalle. London. The Chesset Press, 1946.

RACOVITZA HELENA. Meine Beziehungen zu Ferdinand Lassalle. Breslau, 1880. (German.)

SCHIROKAUER ARNOLD. Lassalle: The Power of Illusion and the Illusion of Power. New York, 1932, Century Co

PEREPISKA MEZHDU LASSALEM I MARKSOM. Berlin, 1923, (Russian.)

PISMA LASSALYA K MARKSU I ENGELSU. (Russian, translated from German.) St. Petersburg, 1905.

מיכאַיל באַקונין

BAKUNIN M. Sobranie sochineniy. Petrograd-Moscow, 1919.

STEKLOV YU. Michail Bakunin. Ego Zhizn i Deyatelnost. 4 vol. Moscow-Leningrad, 1927.

GUILLAUM. Internatsional. (Russian, translated from French.) Petersburg-Moscow, 1922.

GUILLAUM. Karl Marks i Internatsional. (Russian, translated from French.) Petersburg-Moscow, 1920.

PISMA BAKUNINA K GERTSEN UI OGAREVU. With remarks of Michail Dragomanov. Geneva, 1896.

KORNILOV A. Molodye Gody Mikhaila Bakhaila Bakunina, Moscow, 1915.

דוד שוב

אַלעקסאַנדער הערצען

GERTSEN A. Polnoe sobranie sochineniy. 30 vol. Moscow, 1954-1965.
"KOLOKOL" GERTSEN I OGAREVA. Geneva, 1887.
GERTSEN. Literaturnoe Nasledstvo, 39-40. Moscow, 1930.
GERTSEN I OGAREV. Literaturnoe Nosledstvo, 41-61, 1954; 62, 1955; 63, 1956.
PLEKHANOV G. A. I. Gertsen, Sbornik statey, Moscow, 1924.
TUTCHKOVA-OVAREVA. Vospominaniya, Moscow, 1959.
CARR EDWARD HALLETT. The Romantic Exiles — a 19th Century Portrait Gallery. London, 1933.

ניקאָלאַי טשערנישעווסקי

CHERNYSHEVSKIY, N. G. Izbrannye Sochineniya. Moscow-Leningrad, 1950.
CHERNYSHEVSKIY, N. G. Avtobiografia. Dnevniki 1848-1853 godov. Moscow-Leningrad, 1928.
PANTELEEV, L. Iz Vospominaniy Proshlogo. Moscow, 1934.
NICOLAYEV P. Lichnye Vospominaniya o Chernyshevskom na Katorge. Moscow, 1906.
CHERNYSHEVSKIY V SIBIRE. Perepiska s Rodnymi. St. Petersburg, 1912-1913.
BOGDANOVICH T. Lyubov Lyudey Shestidesyatykh Godov. Leningrad, 1920.
PIPINA A. Lyubov v Zhizni Chernyshevskogo. Petrograd, 1919.
PLEKHANOV G. Chernyshevskiy N. G., Sochineniya, vol. 5, Moscow, 1925.
KOROLENKO V. Vospominaniya o Pisatelyakh. Moscow, 1934.
GUSEV N. Letopis Zhizni i Tvorchestva. L. N. Tolstogo. Leningrad, 1936.
SHAGANOV V. N. Chernyshevskiy na Katorge i v Ssylke. Vospominaniya. St. Petersburg, 1907.

פּיאָטר לאַווראָוו

MIRTOV P. (LAVROV) Istoricheskie Pisma. Geneva, 1891.
LAVROV P. Sotsialnaya Revolyutsiya i Starye Voprosy. Petrograd, 1921.
LAVROV P. Russkoy Revolyutsionnoy Molodezhi. London, 1874.
LAVROV P. Narodniki-Propagandisty Materialy, 1895.
VITIAZEV P. "Vpered", Sbornik Statey, posvyashchennykh pamyati Lavrova. Petrograd. 1920.
VITIAZEV P. Materialy dlya biografii P. L. Lavrova. Petrograd, 1921.
KNIZHNIK-VETROV G. Piotr Levrovich Lavrov. Moscow, 1930.
P. L. LAVROV. Stati, Vospominaniya, Materialy. Petrograd, 1922.
PAMYATI P. L. LAVROVA. Sbornik. Geneva. 1900.
LAVROV P. Avtobiografiya. "Vestnik Evropy". Petersburg, 1910, book 10.
LAVROV P. Stati v zhurnale "Vpered" 1873-1876. Zurich, London.
LOPATIN G. P. L. Lavrov. "Minuvshie Gody". Moscow, 1916.

צווייטער טייל

פּיאָטר קראָפּאָטקין

KROPOTKIN P. Rechi Buntovshchika. St. Petersburg, 1906.
KROPOTKIN P. A. Zapiski Revolyutsionera. London, 1902.
KROPOTKIN P. A. Idealy i Deyatelnost y Russkoy Literature. St. Petersburg, 1907.
SBORNIK STATEY POSVYASHCHENNYKH PAMYATI P.A. KROPOTKINA, pod redaktsiey A. Borovogo i N. Lebedeva. Petersburg-Moscow, 1922.
P. A. KROPOTKIN. Sbornik statey, pod redaktsiey G. Maksimova. Chicago, 1922.

KROPOTKIN P. Sovremennaya Nauka I Anarkhiya. Moscow, 1921.

יעקאטערינא ברעשקאווסקאיא

BRESHKOVKAYA EK. Vospominaniya i Dumy. "Sotsialist-Revolyutsioner" No. 4. Paris, 1912.
VESTI O BABUSHKE. "Za Narod" No. 43. Paris, 1911.
BRESHKOVSKY CATERINE. The Little Grandmother of the Russian Revolution. Reminiscences and letters edited by Alice Stone Blacwell. Boston, 1919.
VOSMIDESYATILETIE E. K. BRESHKOVSKOY. Special issue of the Russian daily "Dni", No. 370, Jan. 26, 1924, Berlin.
BRESHKOVSKAYA EK. "1917 God", Novy Zhurnal" No. 38, New York.
BRESHKOVSKAYA EK. Rannie Gody, "Novy Zhurnal", No. 60, New York.
BRESHKOVSKAYA Ek. Kak ya Khochila v Narod "Novy Zhurnal" No. 60, N. Y.

אהרן זונדעלעוויטש

YAKHELMAN VL. Dalekoe Proshlce, "Vyloe" No. 13. Petrograd, 1920.
ZUNDELEVITCH AARON. Pisma k L. Deytchu. "Gruppa Osvobozhdeniya Truda" Sbornik No. 3. Moscow-Leningrad, 1925.
DEUTCH L. Aaron Zundelevitch. "Gruppa Osvobozhdeniya Truda" No. 2. Moscow, 1924.
PISMA ALEXANDRA MICHAILOVA v Sbornike. A. P. Pribylyuova i Vera Figner. "A.D. Michailov", Leningrad-Moscow, 1925.

ווערא פיגנער

FIGNER VERA. Sobranie Sochineniy. 5 vol. Leningrad-Moscow, 1934.

FIGNER VERA. Memuaren (Yidish) in 3 vol. New York, 1925.

ALDANOV M. Vera Figner, "Novyy Zhurnal" No. 3, New York.

הערמאַן לאָפּאַטין

LOPATIN GERMAN ALEKSANDROVICH. Avtobiografia, Pokazaniya, Stati i Stikhotvoreniya. Petrograd, 1922.

LAVROV P. GERMAN. G. Lopatin. Petrograd, 1919.

KUDRIN (N. RUSANOV.) German Lopatin. Galereya Shlisselburgskikh Uznikov. St. Petersburg, 1907.

BAKH A. Vospominaniya Narodovoltsa. "Byloe" Nos. 1-3. St. Petersburg, 1907.

NEVEDOMSKY M. Lopatin o Svoikh Vstrechakh s Marksom. "Novyy Den", May 4, 1918.

MELGUNOV S. Vstrechi S. G.A. Lopatinym. "Golos Minuvshego" 1920-1921. Moscow.

BERNSTEIN EDUARD. Karl Marks i Russkie Revolyutsionery. "Minuvshie Gody" No. 10. Moscow, 1908.

סערגעי קראַוווטשינסקי-סטעפּניאַק

STEPNIAK S. Podpolnaya Rossiya. St. Petersburg, 1906.

ZASULITCH VERA. Sergei Mikhailovitch Kravchinskiy. Sbornik o Russkoy Literature. Moscow, 1960.

SHISHKO LEONID. Sergei Kravchinskiy i Kruzhok Chaykovtsev. St. Petersburg, 1906.

STEPNYAK S. Chego Nam Nuzhno i Nachalo Kontsa. London, 1892.

TARATUTA EVGENIYA. Fridrikh Engels i Sergei Kravchinskiy-Stepnyak. "Nauka i Zhizn", Moscow, 1965.

געאָרג פּלעכאַנאָוו

PLEKHANOV GEORG. Sochineniya, vol. 1. Geneva, 1905.

PLEKHANOV GEORG. Sochineniya. Edited by D. Riazanov, 24 vol. Moscow 1924-27.

PLEKHANOV GEORG. O Voyne. Petrograd, 1916.
PLEKHANOV GEORG. God Na Rodine. 2 vol., Paris, 1924.
PLEKHANOV GEORG. Literaturnoe Nasledie Plekhanova, 8 vol., Moscow, 1934-40.
PEREPISKA G. V. PLEKHANOVA S P.B. AXELRODOM. 2 vol., Moscow, 1925.
DEUTCH L. Molodost Plekhanova. "Byloe". 1918, No. 13.
DEUTCH LEV. "Gruppa Osvobozhdeniya Truda", 6 vol., Moscow, 1924-28.
PLEKHANOVA R.M. Poslednie Dni Plekhanova. "Zarya". Berlin, 1924.
POTRESOV A. N. G. V. Plekhanov. "Byloe", No. 12, Petrograd, 1918.
SHUB D. G. V. Plekhanov v 1917 Godu. "Russkaya Mysl" No. 3, June 5, 1958, Paris.
VALENTINOV N. Tragediya G. V. Plekhanova. "Novyy Zhurnal" No. 20, 1948.
VALENTINOV N. Vstrechi s Leninym, New York, 1953.
TIKHOMIROV L. Plekhanov i Ego Druzya. Leningrad, 1925.
TIKHOMIROV L. Vospominanie Lva Tikhomirova, Moscow, 1927.

זשאַן זשאָרעס

JEAN JAURES. Studies in Socialism. New York-London, 1906.
JEAN JAURES. Sotsialnye Etyudy. St. Petersburg, 1906.
JEAN JAURES. "Dve Rechi". Odessa, 1905.
REASE MARGARET. Jean Jaures, Socialist and Humanitarian. London, 1916.
JACKSON J. HAMPDEN. Jean Jaures. His Life and Work. London, 1943.

עדואַרד בערנשטיין

BERNSTEIN EDUARD. My Years in Exile. Brace Harcourt & Howe. New York.

BERNSTEIN EDUARD. Evolutionary Socialism. London, 1909.
BERNSTEIN EDUARD. Istoricheskiy Materilism St. Petersburg, 1901.
BERNSTEIN EDUARD. Obshchestvennoe Dvizhenie v Anglii. St. Petersburg, 1899.
BERNSTEIN EDUARD. Spornye Voprosy Sotsializma. Berlin, 1921.
BERNSTEIN EDUARD. Die Deutsche Revolution. Berlin, 1921.
BERNSTEIN EDUARD. Sozialismus Einst und jetzt. Berlin, 1923.

קאַרל קאַוטסקי

KAUTSKY KARL. Vospominaniya. Odessa, 1905.
KAUTSKY KARL. The Economic Doctrines of Karl Marx. London, 1925.
KAUTSKY KARL. The Social Revolution. Chicago, 1902.
KAUTSKY KARL. Terrorismus und Kommunismus. Berlin, 1919.
KAUTSKY KARL. Von Demokratie zu Staats Sklaverei. Berlin, 1921.
KAUTSKY KARL. Krieg und Demokratie. Berlin, 1932.
KAUTSKY KARL. Aus der Fruehzeit des Marxismus. Prague, 1935.
KAUTSKY, KARL. Sozialisten und Krieg. Prague, 1937.

וויקטאָר טשערנאָוו

CHERNOV VICTOR. Zapiski Sotsialista-Revolyutsionera. Berlin, 1924.
CHERNOV VICTOR "Pered Burey". Vospominaniya s Biografiey V. M. Chernova — Borisa Nikolaevskogo. New York, 1953.
CHERNOV VICTOR. The Great Russian Revolution. Yale University Press. New Haven, 1936.